This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

4 1977

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אַפּרעל

4

1977

אינהאַלט

אונדזערע מיטצײַטלער. מוישע נעמיראָווסקי. מײַן לעבן (אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכענונג) 3
אַרן ווערגעליס. פּונעם ציקל „צוויבערגאַנג“ (לידער) . 16
מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. דער מאַמעס בוך (ראָמאַן) . 22
מ. רובינסאָנאַס. אַ העלדישער קעמפער קעגן פאַשיזם און רעאַקציע (צום 70־טן געבורטסטאָג פון איציק וויטענבערג) 73
הירש גליק. דער נאַראָטש ברויזט, די באַלאַדע וועגן צוייעם און וועגן רויטן רײַטער און אַנד. לידער 76
גריגאָרי ראָשאַל. מאַריאַמס געזאַנג (פּיעסע) 79
הירש בלאָשטיין. דער מענטש איז זון־וועלטס שענסטער וווּנדער (לידער) 125
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע. יע. יעלאַנסקי. אַ האַלבן יאָרהונדערט אין דער קונסט 128
בער האַלפּערן. צוויי דערציילונגען 129
אין מאָסקווע, אויף סאָקאָלניקי. יעלענע רעשעטניקאָווא. די ייִדישע ליטעראַטור אין דער ביבליאָטעק אויף נ. אַ. נעקראַסאָווס נאָמען. באָריס מאָגילנער. די ערשטע באַגעגעניש 140
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. נאַכמען מײַזיל. פּעלקער־פרײַנטשאַפט אין סאָוועטנפאַרבאַנד 145
אויף היסטאָרישע טעמעס. יעווגעני ראַשקאָווסקי. דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מאַצעוו פון די ייִדן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע נאָך דער רעפאָרמע פון 1861 150

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

אוראַן גוראַלניק. די אייניקײַט פון פעלקער און קולטורן 155
קורצע רעצענזיעס 159
געלייענט אין דער צײַטונג „איזוועסטיאַ“. ק. אָרלאָווסקי, ס. פּאָלין. די גרויסע קראַפט פון דער סאָוועטישער קולטור. 168
מיר ענטפערן אויף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. לעאָנעל דאַדיאַני. פּראָוואָקאַציעס פון די ציוניסטן קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג 176
קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 181
כראָניק 175, 183
פאַרשיידנס 184
פריילעכע שורעס 186
מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 188
שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פּריי.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר
י. שוסטער

אונדזערע מיטצײַטלער

מוישע נעמיראָווסקי

מײַן לעבן

אווטאָביאָגראַפֿישע פֿאַרצייכענונג

מײַנע עלטערן האָבן פֿיל יאָרן געלעבט אין דעם שטעטל קליין־טשערנאָוויץ, וויניצער געגנט, מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסקער ראַיאָן באַם דניעסטער. אין מײַן זיקאָרן איז נאָך פֿאַרבליבן דער זיידע יעכיעל, א הויכער שיינער ייִד מיט א קיילעכיק פּאָנעם און מיט א ווײַסער גרויסאַרטיקער באָרד. גערעדט האָט ער אַף א ליטווישן ייִדיש מיט דער „סין". געווען א באַלמעלאָכע, א באָנדער בען באָנדער, פֿון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזט ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן די זעג און די באַרדע. א לײַטישער, אָנרלעכער און א שווײַגנדיקער ייִד איז ער געווען. כאָטש דער שווערער האָרעוואַניע, האָט ער גאָרנישט ניט געוווּסט, אין קאָהאָל־געשעפֿטן זיך ניט געמישט.

געווווינט האָט דער זיידע יעכיעל מיט זײַן צווייט ווײַב, מײַן באָבע היידי, און מיט די קלענערע קינדער אין אונטערשטן גאָרן. די עלטערע האָבן פֿאַרנומען דעם אייבערשטן צימער. אין דער רעכטער זײַט איז געווען די באָנדאַרניע, ווו ער מיט די זין פֿלעגן אַרבעטן פֿון קאַיאָר ביז טיף אין דער נאַכט. אין דער לינקער זײַט — א קעלער, ווו אַלע זומער פֿלעגט מען אָנשיטן גרויסע פֿעסער מיט אוגערקעס, פּאָמידאָרן און עפּל־קיסליצעס. מיט דעם האָט זיך פֿאַרנומען די באָבע היידי מיט די טעכטער. אַז אין שטעטל האָט זיך ווינטער פֿאַרוואָלט עמעצן עפּעס זויערס, פֿלעגט מען שיקן צום זיידן יעכיעל. אַלע יאָרן איז באַ דער שטוב געווען א ווײַס ציגעלע. דער זיידע, די באָבע און די קינדער זײַנען זיך מעכײַע געווען מיט מאַמעליגע, וועלכע מע פֿלעג פֿאַרטרינקען מיט ציגענער מילך.

געשטאַנען איז די שטוב באַם טײַך אַף דער לאַנגער גאַס. דאָ, אַף דער לאַנגער גאַס, האָבן געוווינט אויסשליסלעך שנײַדער, שוסטער, שערער, בלעכער, קירזשנער, היטלמאַכער, פּעלצנמאַכער, זייגערמאַכער, באָנדערס, באַלעגאָלעס, שטריקלדרייער, רימער, בעקער, קאַצאָווים. דאָ האָט אויך געלעבט דער שאַמעס פֿון דער גרויסער שול, דער ראָוו און דער שויכעט.

נאָך דער לאַנגער גאַס האָט זיך אָנגעהויבן די מיט פֿונעם שטעטל, ווו ס'זײַנען געשטאַנען יאַטקעס, קלייטן און קלייטעלעך. דאָרט זײַנען אויך געווען ביידע אַפּטייקן. דאָס שטעטל האָט פֿאַרמאָגט איין רופֿע, בעניע האָט מען אים גערופֿן. שפּעטער, נאָך דעם ווי ס'האָט זיך שוין אײַנגעשטעלט די ראַטנמאַכט, איז פֿון ערגעץ אַראָפּגעקומען דער פֿעלדשער שאַפּיראָ. אינמיטן שטאָט האָט ביז דער רעוואָליוציע געוווינט די מישפּאָכע מאַיאַנסקיס — אין שיינע צווייִשטאָקיקע הײַזער. באַ זיי אין די הענט איז געווען די גוראַלניע און די מיל. דאָ האָבן אויך געוווינט אופּראַווליאַיושטשעס, סאָכרים, ליוועראַנטן און אַנדערע פֿונעם „גדויל־האַדויר".

אין דער קעגנײַבערדיקער זײַט, אויב קוקן פֿון דער מיט פֿונעם שטעטל, איז געווען די קאָוואַלישע גאַס. א גרויסע קוזניע און א שטעלמאַשין האָט געהערט דעם קאָוואַל און שטעלמאַכער יאָסל ריטשטיין, אָדער יאָסל שנייערס: א הויכער, געזונטער ייִד; א סאַך יאָרן געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי אין ווילנע — קאָוונע; אָנטיילגענומען אין דער רוסיש־יאַפּאָנישער און שפּעטער אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. באַ אָט דעם גוואַר האָט אויסגלײַכן מיט די הענט א פּידקאָווע אָדער אופֿהייבן א שווערגעלאָדענעם וואָגן קיין שום ווערט ניט געהאַט.

אנטקעגן יאָסלס קוזניע איז געשטאַנען נאָך א קוזניע — פון די ברידער יאַנקל און מוישע קאָ־וועלס, אויך יידן גוואַרן. געווען זײַנען נאָך די שמידן כאַנע טערק, נאכמען טקאַטש מיט זײַנע באַנים. די קאָוועלס האָבן געשעמט אין שטעטל מיט זײַער קויעך.

ארום דעם שטעטל, באַם טײַך מוראַפע, איז געלעגן די דאָלינע. דאָ האָבן געוווינט קאָל־האַמינים־שעהו, די אָרעמעלײַט. נאָך דער אָק־טיאַבער־רעוואָליוציע האָבן זיי זיך אופגעהויבן און זיך באַזעצט אינמיטן שטעטל. איינער א שנײַדער, כאַסקל מיאַסקאָווסקי, איז געוואָרן דירעקטאָר פון דער נײַער טריקאָטאַזש־פאַב־ריק, וועלכע מע האָט געעפנט אין מאַיאַנסקיס צווייסטאָקיקן הויף. פּרויקעלע שקאָלניקן האָט מען אויסגעוויילט אלס פאָרזיצער פונעם סאָ־וועט. לייזער גרופּין, מוישעלע דעם שנײַדערס זון, איז געוואָרן פּאַרוואַלטער פון דער מיל, יאָסל דעם קאָוועלס זון מוישע — הויפּט־בוכ־האַלטער אין דער לײַ־ און שפּאָר־קאַסע. דער שוסטער איציק ביטלער איז געוואָרן פאָרזיצער פון דעם שוסטערישן און דער שנײַדער לייב געלמאַן — פון דעם שנײַדערישן אַרטעל. א סאַך דעקלאַסירטע יידן זײַנען ארויסגעפאָרן קיין כערסאָן און קרים. צווישן זיי איז געווען אויך מײַן שוועסטערקינד שײַקע, נאכמען דעם באָנ־דערס זון, וועלכער האָט א סאַך יאָרן געאַרבעט אלס פאָרזיצער פונעם שטעטלשן סאָוועט און שפּעטער אלס פאָרזיצער פון א קאָלווירט אין א יידישער קאָלאָניע הינטער כערסאָן.

אינמיטן שטעטל זײַנען געשטאַנען עטלעכע שולן און קלײַזלעך — די גרויסע באַלמעלאָכישע שול, דער בעסמעדרעש, די סאַדעגורער קלויז. צו דער גרויסער שול איז געווען צוגעמויערט נאָך א קליין שולכל, אורעמעלע קאַצעווס שולכל. ער האָט דאָס צוגעמויערט, ווײַל אזא איז געווען זײַן שוועס צום ריבוינעשעלוילעם פאַר א שווערער זינד: ער האָט געהאַרגעט זײַ־נעם א קאָנקורענט, נאַפּטאָלע דעם קאַצעוו, נאָך וועלכן ס'איז געבליבן אן אלמאָנע מיט קליינע קינדער. דער אלטער מאַיאַנסקי האָט געהאַט בא זיך אין הויף זײַן שולכל, ווו ער מיט די זין און אייניקעס סאָכרים און אופּראַווליאיושטשעס פלעגן דאַוונען, אָפּגעזונדערט פונעם שטעטל. ניט ווײַט פון דער מיל האָט אין א דרײַשטאָ־קיקן פּאַלאַץ מיט א גרויסן פּאַרק און גאָרטן געלעבט דער פּאָרעץ מאַניקאָווסקי, מאַיאַנסקיס א פרײַנטל.

ארום דעם שטעטל האָבן געוווינט פּויערים — אוקראַאינער און פּאָליאַקן. אָף דער לאַנגער גאַס איז געשטאַנען דער קלויסטער, און באַם ארויס־גאַנג פונעם מיט שטעטל — דער קאָסטיאָל. דער פּאָרעץ האָט אין זײַן מאַיאָנטעק, ניט ווײַט פון נעם פּאַלאַץ, זיך געהאַט זײַן קלויסטערל.

מוישע נעמיראָווסקי

אזא געדענק איך מײַן שטעטעלע קליין־טשערנאָוויץ פון זינט איך בין צו מײַן סייכל געקומען אין עלטער פון פינף־זעקס יאָר.

בא מײַן זיידן יעכיעל באָנדער איז געווען א גרויסע מישפּאָכע. מיט דער ערשטער באָבע, כײַע־איטע, האָט ער געהאַט זעקס קינדער, מיט דער צווייטער באָבע, היידי, — נאָך צוויי קינ־דער. אלע זײַנען זיי געווען באַלמעלאָכעס: נאכמען, דאַניק און פערעץ — באָנדערס, און נאָר מײַן טאַטן לייב האָט מען אָפּגעגעבן צום קירזש־נער רוווען דראַליוק פאַר א לערן־ייִנגל. זײַן מוטער, מײַן ערשטע באָבע, כײַע, איז פרי גע־שטאָרבן. די מישפּאָכע איז געווען גרויס, פון יעדן ווינקעלע האָט ארויסגעקוקט דאָס קאַפּ־צאָנישקײַט, און די שטיפמוטער, די באָבע היידי, איז געווען גערן, וואָס ס'איז געוואָרן ווינציקער מיט א „פיקער". דער גוירל פון אזא לערן־ייִנגל איז גוט באוווסט. קיין האָניק האָט ער ניט געלעקט. ער איז געווען א שוואַך קינד, דערצו האָט ער פון געבוירן געהינקט אָף א פוס. נאָר אָט אזוי, הינקענדיק, האָט ער געמוזט טראָגן וואסער פון דער קרענעצע הינטער דער שטאָט און ארויסטראָגן די פאַמויניצעס אָף אראָפּ־באַרג צום טײַך. ס'איז אים געווען זייער שווער, איבערהויפּט ווינטער אין די גרויסע שנייען מיט פרעסט און גליטשן.

אין 1912 האָט ער כאַסענע געהאַט פאַר שיפ־רע שמועל דעם גלעזערס, און אין 1913 בין איך שוין אָף דער וועלט געקומען.

מײַן צווייטן זיידן, שמועל גאָלדמאַנען, און מײַן באָבען, כאַנע־ראָכל די סאַרווערן, געדענק איך שוין ניט. נאָר מע האָט דערציילט, אז דאָס

זײַנען געווען זייער כּאשעווע מענטשן אין קליין־טשערנאָוויץ. זייער ערלעכקײַט און זייער אָרעמקײַט האָבן ניט געהאַט קיין גרענעצן.

שמועל גאָלדמאַנס מישפּאָכע: פיר מיידלעך און צוויי זין. די פּאַרדינסטן זײַנען געווען קליין. קעדיי אויפהאַלטן אזא געזינדל, פלעגט די באָבע, שפּעטער אויך מיט די עלטערע טעכטער, גיין אָף כאסענעס אַלס סאַרווערן, וואַשן גרעט און ראַמען בא די נעגידים. אין שטעטל האָט מען געוווּסט, אַז אַזוי באַקן און קאָכן, ווי כאַנע־ראָכל מיט די טעכטער, קען קיינער ניט. אירע געפילטע פיש, אירע גאָלדענע יויכן, איר שטרודל, לעקעך, קעמיש־ברויט און אַנדערע געבעקסן האָט מען געקאָנט פאַרן קייסער שטעלן. דער באָבעס א שוועסטער, די מומע נעסיע, איז אויך אַלע יאָרן געווען א קעכערן בא מאַיאַנסקין אין הויז. נאָך ביז הײַנט האָבן א גרויסן שעם אין שטעטל אַלע כאַנע־ראָכלס טעכטער און אירע אייניקלעך, בעסויכעס אויך מײַנע שוועסטער, מיט זייער קאָכן און באַקן.

צו ביסלעך האָבן אַלע מיידלעך כאַסענע געהאַט און מע איז זיך צעפאָרן אין די נאָענטע דערפער און שטעטלעך. כײַע־סאָרע איז אַרויס קיין מאַיעווקע, צען קילאָמעטער פון קליין־טשערנאָוויץ, גענומען אַן אַרבעטער אָפן מאַיעווער־קער צוקער־זאַוואָד, דווירע — קיין באַריווקע, גענומען א ייִדישן פּויער מענדל, שיינדל — קיין יאַרוגע, פאַר בערל דעם גלעזער און באַלע־גאָלע.

אַלע מײַנע פעטערס זײַנען געווען באַלעגאָלעס. סענדער, א גלעזער, האָט כאַסענע געהאַט קיין מאָלעוו באַם דניעסטער, איציק, א קירזשנער, — קיין מוראַפּע, דאַניק, א באָנדער, — קיין זיגיווקע, פּערעץ — קיין לוטשענעץ, די מומעס לייע און רוזיע — קיין שאַרגאָראָד. די איבעריקע קינדער זײַנען געבליבן וווינען אין קליין־טשערנאָוויץ. אַלע האָבן שוין געהאַט זייערע מישפּאָכעס מיט קינדער און אייניקלעך, ביז ס'איז געקומען דער דײַטש. היטלערס מערדער, יִמאַך שמוי וועזיכרוי, האָבן אין מאַיעווקע לעבעדיקערהײַט פאַרגראָבן די מומע כײַע־סאָרעס קינדער. אין באַריווקע האָבן זיי דאָס זעלבע געטאָן מיט מײַן מומע דווירע און פעטער מענדל און זייערע קינדער. שמועל איז געבליבן לעבן — ער איז געווען אַן אָפיצער אָף דער מילכאָמע, איצט איז ער שוין א פּענסיאָנער און וווינט אין דניעפּראָפּעטראָווסק מיט א זון אַן אינזשעניער, מאַריק, אָנגערופן נאָכן פעטער מענדל. אָט די מישפּאָכע איז אין באַריווקע געווען די סאַמע כּאַשעווסטע, אַלע האָבן געאַרבעט אין קאָלווירט און זײַנען געווען זייער גוטע, געטרײַע ערדציכטלער. שמועל איז א סאַך יאָרן ביז דער מילכאָמע געווען פּאַרזיצער פונעם קאָלווירט, און די פּויערים האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. ער איז געווען זייער א גוטער באַלעבאָס. די בעסטע גערעטעניש פון צוקער־בורעקעס האָט זײַן קאָלווירט געהאַט, און די ערשטע פלעגט ער צושטעלן די בורעקעס אָפן צוקער־זאַוואָד.

דעם פעטער דאַניק האָט מען געהאַרגעט אין שטוב אָף דער שוועל פון דער באָנדאַרניע. דאָס ווײַב איז גיך נאָך דעם געשטאָרבן. ס'זײַנען געבליבן א זון אַלטער, אויך א באָנדער, ער וווינט איצט טאַקע אין זיגיווקע און אַרבעט אין קאָלווירט, און א טאָכטער כײַקע. דער פעטער נאַכמען איז געשטאָרבן פאַר דער מילכאָמע, און זײַן ווײַב שעווע, די טאָכטער כײַקע מיטן מאַן זײַנען אומגעקומען אין קאָלאָניע, ניט ווײַט פון כערסאָן. שיקע איז געקומען פון דער מילכאָמע אַן אינוואַליד און לעבט מיט זײַן פרוי ריווע אין כערסאָן, ביידע זײַנען זיי שוין פּענסיאָנערן. זייער טאָכטער, די לערערן, און דער איידעם, א מאַשיניסט אָף דער אײַזנבאַן, וווינען אויך אין כערסאָן.

אין כערסאָן לעבן דעם פעטער נאַכמענס טעכטער ריווע און ליזע. ריוועס מאַן, יאַנקל וויווינצאַוו, א קאָמיוגיסט פון די צוואַנציקער יאָרן, איז אומגעקומען אָף דער מילכאָמע. זי האָט אופגעצויגן צוויי טעכטער, ביידע לערערנס. ליזע האָט פאַר דער מילכאָמע געענדיקט דעם קאַלינינדאָרפער פעדטעכניקום און אַרבעט אין א קינדער־גאָרטן. אירע קינדער זײַנען אינזשעניערן און טעכניקער.

אין מאָלעוו וווינען מײַן פעטער סענדערס און מײַן מומע שיינדלס מישפּאָכעס. זייערע קינדער זײַנען אינזשעניערן, וווינען אין קעשענעוו און אין טשערנאָוויץ, די אייניקלעך לערנען זיך אין אינסטיטוטן אָף דאָקטוירים און אינזשעניערן. מע וווינט אין מאָסקווע, פּערם, קיִעוו. פאַראַן בא אונדז אין דער מישפּאָכע דער מומע שיינדלס אַן אורייניקל, מוישעלע, וואָס שנײַדט זיך אָף א קאָמפּאָזיטאָר. ער האָט פאַרענדיקט די וויניצער מוזיקאַלע שול, לערנט זיך איצט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער קאָנסערוואַטאָריע און האָט שוין א סאַך זײַנע אייגענע ווערק.

דער פעטער פּערעץ האָט בייס דער מילכאָמע געאַרבעט אין וואַפּניאַרקע אַלס באָנדער. ער איז געווען א גוטער באַלמעלאָכע, האָבן די דײַטשן אים געהאַלטן ביז זייער אָפּטרעטן. די סאָוועטישע אַרמיי האָט אים געראַטעוועט פון טויט. דער אָנגריף אָף וואַפּניאַרקע איז געווען אזא גיכער, אַז די פאַשיסטן האָבן ניט באַוויזן אים צו דערהרגענען. אַלע נאָכמילכאָמע־יאָרן האָט ער געאַרבעט אין יאַרוגע אין קאָלווירט, וועלכער פּראָדוצירט ווײַנטרויבן און קוועטשט ווײַן. דעם פעטער פּערעצעס פּעסער האָבן געהאַט א שעם אין גאַנץ וויניצער געגנט. איצט איז ער א פּענסיאָנער. זײַן איין־און־איינציקע טאָכטער

מוישע נעמיראָווסקי (צווייטע רײַ, דער ערשטער פון לינקס) מיט זײַן מישפּאָכע

האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט און איז א לערערן. איר מאַן, אויך א קינד פון א יארוגער קאָלווירטניק, האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר פארענדיקט דעם קיִעווער וועג־אינסטיטוט און ארבעט אלס הויפּט־אינזשעניער אין קעשענעוו אף א זאוואָד.

וועט איר מיך פרעגן, צוליב וואָס רעכן איך אײַך אויס מײַן גאנצן יִיכעס מיט דער גאנצער מישפּאָכע? זײַט איר טאקע גערעכט. נאָר איך פיל דאָ אויס די באקאָשע פון מײַן באליבטן שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָן. נאָך אין 1947, בייס איך האָב זיך געהיילט אין קיִעווער שפּיטאָל פאר אינוואלידן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע (אין שפּיטאָל בין איך אָפּגעלעגן אין גיפּס פון דעם 1945 ביז דעם 1948), האָט ער אין א בריוו צו מיר מיך געבעטן מער אויספירלעך אים באשרײַבן מײַן לעבן און אויך דאָס לעבן, פון וועמען און פונוואנען איך קום ארויס. איך האָב דעמלט ניט באוויזן אויסצופילן זײַן באקאָשע, — פיל איך זי אויס איצט.

אלע מײַנע אייגענע, אָנהייבנדיק פון די זיידעס און באָבעס, פון מײַן טאטן און פון מײַן מאמען, פון די פעטערס און מומעס, זײַנען געווען פײַנע מענטשן, גוטע באלמעלאָכעס, נאָר געהאט האָבן זיי איין כיסאָרן: ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אין אונדזער גרויסער מישפּאָכע (ווי אין גאנצן שטעטל) געהערשט פולע אמעראצעס. רעב יויעלס און רעב פײַוולס כאדאָרים האָבן, כוץ איווריע אין סידער, די באלמעלאָכישע קינדער מער גאָרניט געלערנט. ניט אלע באלמעלאָכעס האָבן געהאט מיט וואָס צו באצאָלן דעם רעבן. די מיידלעך האָט מען ביכלאל ניט געלערנט. געציילטע מענטשן האָבן אין יענע יאָרן בא אונדז אין שטעטל געלייענט א יִדיש ביכל אָדער א צײַטונג. פון אנדערע שפּראכן איז שוין אָפּגערעדט.

מײַן טאטע האָט מיך פון קינדווײַז אָן געלערנט די מעלאָכע קירזשנערײַ. ווען איך בין אלט געווען אכט־נײַן יאָר, האָט ער מיר אָנגעטאָן אפן מיטלסטן פינגער פון דער רעכטער האנט א פינגערוט, פארבונדן מיט א שטארקן פאָדעם דעם אײַנגעבויגענעם פינגער, געגעבן מיר א נאָדל — און אין א גוטער שאָ, מיט מאזל און מיט בראָכע. לערן זיך אויס דאָס גאנצע לעבן זיצן און נייען היטלען! נאָר ס׳איז שוין געווען נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אין די 20־ער יאָרן, האָט די רעוואָליוציע ארײַנגעטראָגן קאָרעקטיוון אין דעם לעבן פון אונדזער שטעטל. עס האָט זיך באוויזן א יִדישע פּיריאָריקע שול, א קינדערהיים פאר יִדישע יעסוימים. אין קוסטארן־קלוב האָט זיך געעפנט א ליקבעז, אן אָוונטשול. עלטערן האָבן זיך אָנגעהויבן לערנען און גענומען צו פארשטיין, אז קינדער דארף מען אויך לערנען.

אין קוסטארן־קלוב האָבן זיך געלערנט לייענען און שרײַבן די ערשטע קאָמיוגיסטן — כאסקל מיאסקאָווסקי, פּערעץ ניימאן, יאנקל וויווינצאָוו, שיקע נעמיראָווסקי, שמועל ריידערמאן, כאנע ריידערמאן, אבעלע גרופּין, כאִים ווײַנער, מוישע רויטשטיין, פרויקעלע שקאָלניק און א סאך אנדערע. מיר, קליינוווארג, פלעגן שטיין הינטער די פענצטער פונעם ראיאָנישן קולטור־הויז, וועלכן מע האָט איבערגעבויט פון מאיאנסקיס גרויסער שטוב בא דער בריק. ס׳איז דאָרט געווען א זאל מיט א סצענע, פארשיידענע צימערן, ווו די יוגנט פלעגט זיך צונויפקלײַבן, דורכפירן רעפּעטיציעס פונעם דראמקרײַז. בישכיינעס מיטן קולטור־הויז איז געווען א ביבליאָטעק. אין דער געבײַדע, וועלכע האָט אמאָל געהערט צו מאיאנסקיס זון, האָט מען אויסגעשטאט די יִדישע פּיריאָריקע שול. מיר פלעגן זיך צוהערן צו די לימודים אין דער קאָמיוגישער פּאָליטשול, מיט אָפענע מײַלער נאָכגעשפּירט נאָך די דיסקוסיעס אין קאָמיוגיש קעמערל.

שאבעס נאָכן דאווענען פלעגן די קוסטארן זיך צונויפזאמלען אין קלוב, און דער פאָרזיצער פונעם יִדישן סעקטאָר באם ראיקאָם פון דער פארטיי פראָימאָוויטש, צוזאמען מיטן לערער שעכטער, פלעגט דורכפירן שמועסן אף פּאָליטישע טעמעס. מײַן טאטע האָט מיך אָפּט מיטגענומען אף אזעלכע באגעגענישן. דער אויס־

פיר, וואָס ער האָט געמאַכט, אויסהערנדיק די לעקציעס, איז געווען אַזאַ:

— אוי, ווען מיר דערלעבן שוין, אַז ס'זאָל ווערן אויס געלט, אויס קאַפּיטאַליזם אויף דער גאַנצער וועלט, און אַלע מענטשן זאָלן זיך לעבן בעקאָוועד און בעשאָלעם!

מײַן טאַטע איז געווען אַ קלוגער ייִד, אַ פייִקער און אַ גרויסער האָרעפּאַשניק. קיין איין פּרײַע מינוט פלעגט ער זיך ניט פאַרגינען. פון שאַבעס אָפּדערנאַכט אָן ביז פרײַטיקצונאַכטס פלעגט ער האָרעווען בײַטאָג און בײַנאַכט.

אַלע שאַבעס פלעגט דער טאַטע פאַרבעטן געסט צום טיש, און דער אוילעם האָט געוווּסט: נאָך דער מאַשקע און נאָך די פאַרבײַסעכצן וועט די מאַמע דערלאַנגען אַ קוגל פון מעל מיט שמאַלץ און אַ זיסן קוגל מיט אַ גענדזן לעבערל. איר האָט געמעגט שוין דאַפקע עסן בײַ מײַן מאַמען אַזאַ קוגל מיט אַ לעבערל — טאַם־גאַניידן! מײַן מאַמע איז געשטאָרבן אין 1955. צוויי מאָל אין יאָר קום איך אויף יאָרצײַט קיין קליין־טשערנאָוויץ. דרײַצן טעג אין סיוון איז מײַן מאַמעס יאָרצײַט און פערצן טעג אין טישרע איז מײַן טאַטנס יאָרצײַט. איך האָב גענוג קויכעס בײַ זיי צוגענומען, ביז זיי האָבן געמאַכט פון מיר אַ מענטשן, הײַנט וויפל האָט זיי געקאָסט געזונט, ווען איך בין געווען אויף דער מילכאָמע! גענוג טרערן האָבן זיי פאַרגאָסן, איך זאָל לעבן בלײַבן. עמעס, צוויי מאָל בין איך געווען בײַ זיי אין אורלויב בײַסן קריג. דער קאָמאַנדיר פון אונדזער גוואַרדייִשער אַרמיי, גענעראַל גאַליצקי, האָט דערלויבט די פאַרוווּנדעטע אָפיצערן נאָכן אויסהיילן זיך אין די שפּיטאָלן „נעמען אורלויב". אין 1944, נאָך דעם, ווי איך בין געווען פאַרוווּנדעט הינטער רזשעוו, האָב איך זיך אויסגעהיילט אין שפּיטאָל, געקומען צו־זיך און „גענומען אורלויב". ס'איז געווען אין מאַרט כוידעש, אוקראַיִנע האָט מען שוין באַפרײַט, און איך האָב מילכאָמע געהאַלטן אין ווײַסרוסלאַנד. ניט וויסנדיק, צי עמעצער איז געבליבן לעבן אין מײַן שטעטל, האָב איך באַשטימט אַ פּרוּוו טאָן דאָס מאַזל.

ביז קיִעוו בין איך געפאָרן מיטן באַן, און פון קיִעוו זײַנען קיין צוגן נאָך ניט געגאַנגען. די דײַטשישע עראָפּלאַנען האָבן געוואָרפן באָמבעס אויף פאַסטאָוו, בערדיטשעוו, וויניצע, זשמערינקע. פונדעסטוועגן, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַרײַן אויף איבערגעכאַפּטע מאַשינעס — אַרמייִשע, פאַרשטייט זיך. איך בין געווען אַן עלטערער לייטענאַנט, און די שאָפערן האָבן געוויינלעך גענומען מיך מיט זיך. אַזוי בין איך געקומען קיין בערדיטשעוו. קיין איין ייִדן האָב איך דאָרט ניט באַגעגנט. מיט אַ צופעליקער מאַשין האָב איך זיך דערקליבן קיין יאַרמאָלינעץ, דאָרטן איבערגענעכטיקט. אין איינער אַ ייִדישער שטוב האָב איך געטראָפן אַ מאַן מיט אַ ווײַב און אַ מיידעלע פון אַ יאָר דרײַצן. פון זיי טאַקע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַלע ייִדן פונעם שטעטל זײַנען אומגעקומען, געבליבן זײַנען בלויז אַן אַכט־צען מענטשן, בעסויכעם דאָס געזינד, ווו איך האָב גענעכטיקט. דער ייִד איז געווען אַ מילנער, און די פויערים האָבן אים מיטן ווײַב און מיטן מיידעלע אויסבאַהאַלטן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי מיר דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען. ס'זײַנען שוין דורכגעגאַן אַ פּאָר וואָכן, ווי מע האָט זיי באַפרײַט, נאָר זיי קאָנען נאָך ניט קומען צו־זיך. מע דערהערט אַ שאָרך באַנאַכט אין דרויסן, הייבט אָן ציטערן יעדער אייווער. דאָס מיידעלע איז שיין, מאָלע־כיין, און אירע שוואַרצע איבערגעשראָקענע אויגן האַלטן אין איין בעטן: „נעמט נעקאָמע! נעמט נעקאָמע!"

אינדערפרי בין איך פון יאַרמאָלינעץ געפאָרן קיין דונעוועץ, און פון דאָרטן איז עטלעכע קילאָמעטער קיין מינקאָוועץ. אין מינקאָוועץ האָב איך אַמאָל אָפּגעאַרבעט צוויי יאָר אַלס לערער פון שפּראַך און ליטעראַטור אין דער ייִדישער און אין דער אוקראַיִנישער שולן. איך האָב ליב באַקומען מײַנע שילער און זייערע עלטערן — די באַלמעלאָכעס פון די אַרטיקע אַרטעלן. מיר פלעגן צוזאַמען פּראַווען יאָמטוי־ווים — דעם 1 מײַ, דעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו. זייער גוטע מענטשן זײַנען דאָס געווען, פרײַלעכע באַלמעלאָכעס, ערלעכע האָרעפּאַשניקעס. ווי גרויס איז געווען מײַן צאַר, ווען איך האָב אין שטעטל קיינעם ניט געטראָפן. איין שילערן האָב איך יאָ געפונען, די איינציקע פון אַלע מײַנע הונדערטער שילער — עטעלע טערק. עפּעס אַ דײַטשישער אָפיצער האָט איר געהייסן לויפן פון דער גרוב. פאַרוואָס? ווער קאָן עס וויסן? אין דער גרוב זײַנען פאַרבליבן די מוטער, די ברידערלעך און שוועסטערלעך, די אַלטע באָבע, און זי איז געלאָפן... ס'האָבן זיך געראַטעוועט נאָך אַ פינף־זעקס מענטשן, צווישן זיי — דער פאַרזיצער פונעם שנײַדערשן אַרטעל פישל בענדער, מײַנער אַן אַמאָליקער גוטערברודער. זיי זײַנען אַנטלאָפן פון דער גרוב און זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און אין די נאָענטסטע דערפער. אייניקע זײַנען אַוועק קיין מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק, אין טראַנסניסטריע, צו וועלכער עס האָט געהערט אויך מײַן קליין־טשערנאָוויץ, צווישן זיי — עטעלעס פאָטער, דער סטאָליער מוישע טערק.

מיר האָבן זיך אופגעהויבן אויפן באַרג, ניט ווײַט פון מינקאָוועץ, אין ברייטן סטעפּ, און די לעבנגעבליבענע האָבן מיר באַוויזן דרײַ גרויסע

גריבער, אין וועלכע ס'איז געלעגן א צעשאָסן שטעטל.

א צעבראָכענער, מיט טרערן אין די אויגן, בין איך געפאָרן ווײַטער דורך פאַרברענטע און פאַרניכטעטע שטעט און שטעטלעך — ביז צו מײַן קליין־טשערנאָוויץ.

מײַנע עלטערן, די שוועסטער, א סאַך פרײַנט האָב איך געטראָפן הויל און בלויז, נאָר דאָך לעבעדיק. די רומענישע אָקופּאַנטן און די ייִדישע יודנראַטלער האָבן אויסגעטאָן דאָס שטעטל נאַקעט, מע האָט ארויסגעפירט פון די שטיבער אַלץ, וואָס מעגלעך, פון א קישן ביז א שפּילקעלע. בלויז אדאַנק די ארומיקע פּויערים, וועלכע האָבן אופגעהאַלטן די ייִדן מיט א ביסל שפּײַז, האָט מען קוים זיך דערהאַלטן באַם לעבן (ארויסגיין פונעם שטעטל, דאָס הייסט פון דער געטאָ, האָט קיינער ניט געהאַט קיין רעכט).

שטעלט זיך פאָר די פרייד, וואָס האָט אלעמען ארומגעכאַפּט, ווען עס איז געקומען די סאָוועטישע ארמיי! אָבער פונקט דעמלט, ווען דאָס שטעטל האָט באַגעגנט זײַנע רעטער, זײַנען אָנגעפלויגן דײַטשישע עראָפּלאַנען, אָנגעהויבן ווארפן באָמבעס, און ס'זײַנען ווידער געווען קאָרבאָנעס — געהאַרגעטע און פאַרוווּנדעטע. מײַן כאַווער כאַיִם באַרכוי איז בא דער שטוב דערהאַרגעט געוואָרן, מײַן שוועסטער ראָזע איז פאַרוווּנדעט געוואָרן. ווידער א געיאָמער און געשרייען, אָבער דאָס מאָל שוין די לעצטע. די סאָוועטישע ארמיי איז געגאַנגען מיט ניצאָכן אָף מײַרעוו...

ווען איך בין אָנגעקומען אהיים, האָב איך געקויפט מעל און צוקער און אָפּגעגעבן דעם טאַטן דאָס געלט, וואָס איך האָב פאַרמאָגט. אליין האָב איך זיך אומגעקערט צוריק אין מײַן טייל.

צו יענער צײַט האָבן שוין אָנגעהויבן אָנקומען פּאָכאָראָנקעס וועגן מײַנע לאַנדסלײַט, וועלכע זײַנען געפאַלן אפן פראָנט. ס'איז אומגעקומען מײַן שוועסטערס מאַן הערשל פלאַץ, און זי איז געבליבן מיט דרײַ קליינע קינדער. געפאַלן זײַנען א סאַך מײַנע כאַווײרים פון די קינדער־יאָרן: מוני בוכהאַלטער, שמועל בלעכערס זון, מוישע דראַליוק, וועלוול קירזשנערס זון, מוישע טערק, כאַנע דעם קאָוואַלס זון, בויעך רויכבוך, ייִצכאָק דעם שנײַדערס זון, כאַיִם דראַליוק, די אלטע קאָמסאָמאָלצעס פון די צוואַנציקער יאָרן כאַסקל מיאַסקאָווסקי, פּערעץ ניימאַן, יאַנקל וויווינצאָוו און א סאַך אַנדערע. איך פאָר אפן פראָנט אין מײַן טייל מיט א צעבראָכן האַרץ און מיט איין געדאַנק — ניט שאַנעווען דאָס אייגענע לעבן.

מײַן טייל האָט זיך געפונען הינטער מינסק. ס'גייען זייער שווערע שלאַכטן. איך באַקום א בריוו פון מײַן ווײַבס א כאַווערטע, אויך אַן

אין 1945

אָפיצערס א ווײַב, פּראָסקורע וואַלענטינא איוואַנאָוונא. זי שרײַבט מיר, אַז מײַן גיטל מיטן קינד מײַעטשקע זײַנען אומגעקומען אין מאָזדאָק. מיט גיטעלען האָבן מיר צוזאַמען אין 1937 פאַרענדיקט דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פונעם אָדעסער פּעדינסטיטוט. מיר האָבן כאַסענע געהאַט און געפאָרן צוזאַמען ארבעטן קיין מינקאָוועץ. אין 1940, בייס איך בין אָנגעקומען אין דער ראָסטאָווער קעגנטאַנקען־שול, איז זי אריבערגעפאָרן צו מיר קיין ראָסטאָוו און האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין א שול אָף ארבעט. אין סאָף יול 1941 האָט זי ארויסבאַגלייט מיך אפן פראָנט. זי איז דעמלט שוין געווען אין פינפטן כוידעש. גיי זײַ א נאָווי, אַז איך אפן פראָנט וועל בלײַבן לעבן, זאָל זײַן אַן אינוואַליד, אָן אויג, מִיט א קרומען פוס, און זי אין הינטערלאַנד וועט אומקומען!

און געווען איז דאָס אזוי, שרײַבט מיר די כאַווערטע פּראָסקורע. פון ראָסטאָוו האָט מײַן גיטעלע זיך עוואַקויִרט און איז די גאַנצע צײַט מיטגעפאָרן מיט דער מיליטער־שול. אין מאָזדאָק, ווײַט פונעם פראָנט, האָט זי זיך שוין אײַנגעאָרדנט, מיינענדיק, אַז אהער וועלן די דײַטשן ניט דערגרייכן. צו איר זײַנען אריבערגעפאָרן נאָך צוויי שוועסטער, עוואַקויִרטע פון שעפּעטאָווקע און ניקאָלײַעוו. אין א צײַט ארום האָט אָבער דער פראָנט זיך דערנעענטערט צו מאָזדאָק, און זיי האָבן ניט באַוויזן זיך ווײַטער צו עוואַקויִרן. די היטלעראָווצעס האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט אינגאַנצן אָף צוויי וואָכן, נאָר זיי האָבן באַוויזן דורכפירן די עקזעקוציע און פאַרניכטן אלע ייִדן, און צווישן זיי אויך מײַן גיטעלען מיטן קינד און מיט אירע שוועסטער.

דעם קלאַפּ איז שווער געווען איבערצוטראָגן. נאָר ס'איז מילכאָמע, מע דאַרף זיך שטאַרקן,

און איך בין דאָך אַ קאָמאַנדיר פון אַ קעגנטאַנקען־באַטאַרייע...

מיר זײַנען געגאַנגען אויף מײַרעוו, באַפרײַט ווײַסרוסלאַנד, פאָרסירט דעם ניעמאַן, אַרויסגעטריבן דעם דײַטש פון ליטע. אונדזער 95־טער אינפאַנטעריע־פּאָלק, די 31־טע גוואַרדייִשע דיוויזיע פון דער 11־טער גוואַרדייִשער אַרמיי זײַנען די ערשטע איבערגעגאַנגען די גרענעץ פון מיזרעך־פּרײַסן, אָנגעגריפן אויף קעניגסבערג, פּילאַו, דאַנציג, זיך פאַרייניקט מיט ראָקאָסאָווסקיס גוואַרדייִשע אַרמייען.

— מעלאָכע איז מעלוכע, — פלעגט מײַן טאַטע מיר טײַנען. — אַ באַלמעלאָכע איז קיינמאָל ניט קיין נאָגיד, אָבער פון קיין הונגער שטאַרבט קיין באַלמעלאָכע אויך ניט, סײַדן אַזאַ הולטײַ אָדער פּויליאַק, וואָס וויל ביכלאַל ניט אַרבעטן. בײַ דער סאָוועטנמאַכט דאַרף יעדעס קינד זיך טאַקע אויסלערנען אַ מעלאָכע.

אַזוי האָט ער מיט מיר געטײַנעט, אַזוי האָבן אַלע באַלמעלאָכעס אײַנגעטײַנעט מיט זייערע קינדער. און דאָס זײַנען געווען ניט קיין פּוסטע רייד. גערעדט און געטאָן.

דער שוסטער מאָרדכע סאַפּאָזשניק האָט זײַנע זין געלערנט שוסטערײַ, און דאָס האָט זיי ניט געשטערט שפּעטער צו ווערן מעדיקער. אַווראָם און סראָליק זײַנען איצט כירורגן אין ווינניצע, אַראָן און זײַן שוועסטער שעוועלע זײַנען טעראַפּעווטן, ווױנען טאַקע אין קליין־טשערנאָוויץ און אַרבעטן אין דעם שטעטלדיקן שפּיטאָל. פּרידל גלעזער האָט געלערנט זײַנע זין גלעזערײַ און סטאָליערײַ, נאָר זיי זײַנען שפּעטער געוואָרן אינזשעניערן, וועגן יאַנקל דעם פּישערס זין איז געווען אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַ דערציילונג — זיי ווױנען אין קעשענעוו און זײַנען אינזשעניערן. יאָסל צוקערניק האָט געוואָלט מאַכן זײַן אייניקל בענאָק — פּישלען — אויך פאַר אַ צוקערניק, נאָר די ראַטנמאַכט האָט דאַפקע געמאַכט פון אים אַ באַרימטן דאָקטער.

כאָנע טערק, דער קאָוועל, האָט געלערנט זײַן זון מוישע שמידערײַ, און שמועל בוכהאַלטער (אַזאַ פאַמיליע) דער בלעכער, זײַן זון מוניען — בלעכערײַ, נאָר ביידע זײַנען זיי געוואָרן בוכהאַלטערס, גאַנץ פײַנע בוכהאַלטערס. אָט די ביידע מײַנע כאַווײרים זײַנען אומגעקומען אויפן פראָנט הינטער יאַס. מוישע ווינאָקור האָט געוואָלט, אַז זײַן זון יודל זאָל אויך זײַן, ווי ער אַליין, אַ בעקער. יאַנקל דראַליוק, דער קירזשנער, האָט געמיינט, אַז זײַן זון וועלוועלע וועט יאַרשענען דעם טאַטנס פאַך. נאָר ביידע יאַטן האָבן פאַרענדיקט דעם קיִעווער שפּײַז־אינסטיטוט און זײַנען געוואָרן ספּעציִאַליסטן פון דער צוקער־אינדוסטריע: יודל אַרבעט איצט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק און וועלוול אין טאַלין. בעקיצער, פונעם גאַנצן שטעטל זײַנען בײַ הײַנטיקן טאָג געבליבן עפּשער פינף־זעקס באַלמעלאָכעס, קינדער פון מײַן דאָר, און דאָס קאָן באַטרעפן איין פּראָצענט. 99 פּראָצענט זײַנען אַדאַנק דער ראַטנמאַכט געוואָרן אינזשעניערן, דאָקטוירים, קוואַליפיצירטע אַרבעטער, לערער, מיליטערלײַט, אַגראָנאָמען, זיי אַרבעטן אין פיל געביטן פון אונדזער פאָלקסווירטשאַפט, ווױנען אין פאַרשיידענע שטעט פון אונדזער היימלאַנד און האָבן דורכגעמאַכט דעם זעלבן אָדער קימאַט דעם זעלבן לעבנסוועג, ווי איך.

אָט איז ער — מײַן לעבנסוועג.

אין שטעטל האָב איך זיך געלערנט אין דער ייִדישער פּיריאָריקער, דערנאָך אין דער אוקראַיִנישער זיבניאָריקער שול אין באָריוקע, 8־9 קילאָמעטער פון קליין־טשערנאָוויץ (ביזן 1929 איז בײַ אונדז קיין זיבניאָריקע שול נאָך ניט געווען, איצט זײַנען פאַראַן צוויי מיטלשולן).

נאָך דעם, ווי איך האָב פאַרענדיקט די שול, האָבן מײַנע עלטערן באַשטימט, איך זאָל פאָרן קיין אָדעס און אָנקומען אַרבעטן אין דער אָדעסער היטל־פאַבריק אויף לאַזאָווסקיס נאָמען. אין יענער צײַט האָבן שוין דאָרט געאַרבעט מײַנע לאַנדסלײַט בעניע באָראָווסקי, ליפּע דראַליוק און מוישע דראַליוק, אויך קירזשנער־ייִנגלעך. ביכלאַל זײַנען אין אָדעס געווען אַ סאַך אונדזערע לאַנדסלײַט. אין דער שנײַדער־פאַבריק אויף וואָראָווסקיס נאָמען האָבן געאַרבעט אַבעלע גרופּין און זײַן פרוי כײַציע.

דער טאַטע האָט מיר געגעבן אויפן וועג פינף רובל, די מאַמע האָט צוגעלייגט נאָך אַ דרײַערל. אַקוראַט זײַנען דעמלט די שילער פון אונדזער שול געפאָרן קיין אָדעס אויף אַן עקסקורסיע, און איר אָנפירער, דער לערער פון געשיכטע אַנטאָנאָוויטש, האָט אויך מיך אײַנגעשלאָסן אין דער גרופּע. אַזויאַרום, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהײַט נאָך פאָרן אָנקומען אויף אַרבעט זיך צו באַקאַנען מיט דער שיינער שטאָט, מיט אירע טעאַטערן, מוזייען, מיטן שוואַרצן יאַם, מיט די סעדער און פּאַרקן, סטאַדיִאָנען און באַסיינגען.

ניט אַלץ, געוויינלעך, איז געווען אַזוי פּאַשעט. קעדיי אָנקומען אין דער היטל־פאַבריק, האָט מען געדאַרפט פריִער זיך שטעלן אויפן דיסקאָנט אין דער אַרבעטער־בירזשע. ס'איז אין יענע יאָרן נאָך געווען אַ בירזשע. מע האָט מיך דאָרט פאַרשריבן אין רעזערוו, אָבער צום אַלעם ערשטן האָט מען מיך געשיקט אַרבעטן אויף אַ פיר־פינף וואָכן אין אַ סאָווירט פון אָדעסער געגנט: ס'איז געווען די צײַט פון שניט, און מע האָט באַדאַרפט וואָס גיכער אַראָפּנעמען די גערעטעניש. מיך האָט די אַרבעט אין פעלד ניט געשראָקן, מאַכמעס אַלע דרײַ יאָר אין באָריוקע, אין דער זיבניאָריקער שול, פלעגן מיר, שילער, אַ גאַנצן זומער, אין די גרעסטע היצן,

העלפן דעם סאָווירט אַראָפּנעמען די געראַטע־
ניש פון ברויט, קאַרטאָפל, קאָקורוזע, בוראַקעס.
און אַט בין איך שוין אין דער היטל־פאַבריק.
די אַרבעט איז בכלל מיר געווען צום האַרצן.
איך האָב געקענט אַלע פּראָצעסן, און אויספילן
איין פּראָצעס איז אַוואַדע געווען גרינגער, ווי
באַם טאָטן אָופנייען אַ היטל פון אָנהייב ביזן
סאָף. דער פאַרדינסט איז געווען ניט קיין שלעכ־
טער. צו ווינטער־צו האָב איך שוין פאַר מײַן
אייגן געלט געקויפט אַ קאָסטיום, אַ מאַנטל,
גוטע שיך, און איך בין געוואָרן אַ גאַנצער
„קאַוואַלער”.

ס'איז געווען בײַ אונדז אין דער פאַבריק אַ
גרויסע קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן
זיך געלערנט אין פּאָליטשולן, אַרויסגעלאָזט
וואַנט־צײַטונגען, באַזוכט קינאָ און טעאַטער.
אינטערעסאַנט איז געווען צו פאַרברענגען די
אָוונטן אין יידישן קולטור־הויז. איך פלעג ניט
דורכלאָזן קיין איין באַגעגעניש מיט שרײַבער,
אַרטיסטן, בין איך געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער
פון דער ביבליאָטעק באַם קולטור־הויז.

אונדזער קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע האָט גע־
האַלטן שעפטום איבער דער 31־טער אָדעסער
יידישער מיטלשול. מיך און נאָך עטלעכע יונגע
אַרבעטער האָט מען אויסגעטיילט אַלס פּיאָנער־
וואָזשאַטעס אין אַט דער שול. מיר פלעגן אָר־
גאַניזירן ליטעראַרישע אָוונטן, דיסקוסיעס,
קינסטלערישע זעלבסטטעטיקײַט. שפּעטער, אין
1937, בײַ דער פּעדאַגאָגישער פּראַקטיק, איז
מײַן ערשטער לימעד פון ליטעראַטור געווען
טאַקע אין דער דאָזיקער שול.

צו אונדז אין פאַבריק פלעגן אָפט קומען
פאָרשטייער פון טעכניקומען און אינסטיטוטן
און אײַנלאַדן די יוגנט זיך לערנען אויף צוגרייט־
טונגס־קורסן אָדער אין אַרבפאַק, און אין אַ
פּאָר יאָר אַרום האָט דער קאָמיוג פאָרגעלייגט
אויך מיר זיך גיין לערנען אויף די צוגרייטונגס־
קורסן באַם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. איך האָב
אַ יאָר צײַט באַזוכט די אָוונט־קורסן און דער־
נאָך אָנגעקומען זיך לערנען אויפן ליטעראַרישן
פאַקולטעט פונעם יידישן סעקטאָר.

דער פאַרמילכאָמע־פּעריאָד בײַ אונדז אין
לאַנד איז געווען אַ צײַט פון אופשטײַג, פון
פרוכטבאַרער מי. און אָט זײַנען געקומען די
פאַשיסטן, געגומען דערטרינקען אין בלוט אַלץ,
וואָס מיר האָבן דערגרייכט פאַר די יאָרן פון
סאָוועטנמאַכט. האָבן מיר געקאָנט אַזוינס דער־
לאָזן? מיר האָבן געשוווירן ניט שאַנעווען דאָס
לעבן, ווען עס גייט אַ רייד וועגן דער פרײַהײַט
און אומאָפּהענגיקײַט פון אונדזער היימלאַנד.
אַזוי האָט מען אונדז דערצויגן אין שול, אין
פּיאָנערן־אָטריאַד, אין קאָמיוג, אין אינסטיטוט.
אַזוי האָט אונדז דערצויגן אונדזער געזעלשאַפט.

אַנדערש האָט ניט געקאָנט זײַן. אַנדערש וואָלט
אונדזער לעבן קיין לעבן ניט געווען און
ס'וואָלט קיין שום זין ניט געהאַט.

אין פעריאָד פון אויגוסט 1942 ביז פעוורואַל
1943, זײַענדיק אין אָבאָראָנע לעבן סומניטשע,
הינטער זשיזדרע, האָב איך מיט מײַן קעגנטאַנ־
קען־באַטאַרייע פאַרניכטעט עלף דזאָטן און
זעקס קוילנוואַרפער־פּונקטן. איך מיט מײַנע
כעוורע פלעגן באַנאַכט, אין דער פינצטער,
אונטערפירן אונדזער האַרמאַט ביז צו פיר־פינף
הונדערט מעטער פונעם סוינעס דזאָט, און ווי
נאָר ס'האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אַף טאָג און מע
האָט שוין געקאָנט זען די אַמבראַזורע, האָבן
מיר אין געציילטע סעקונדעס אויסגעשאָסן די
סנאַריאַדן און צוריק זיך אָפּגעצויגן אין טראַנ־
שיי. מיר האָבן אַזוי שנעל פאַרניכטעט דעם
סוינעס קוילנוואַרפער און די פאַשיסטישע סאָל־
דאַטן, וועלכע האָבן אים באַדינט, אַז דער קעג־
נער האָט ניט באַוויזן אונדז צו באַמערקן. אין
עטלעכע מינוט אַרום האָבן די דײַטשן, געוויינ־
לעך, געענטפערט מיט פײַער, נאָר אונדז האָט
דאָס שוין ניט געקימערט. מיר זײַנען געזעסן
אין אַ גוט באַשיצטער זעמליאַנקע.

אין דער פראָנט־צײַטונג „פאַר אונדזער היימ־
לאַנד” האָב איך וועגן דעם אָפּגעדרוקט אַן אַר־
טיקל און דערציילט פּראַקטיש, באַגלייט מיט
סכעמעס, וויאַזוי צוגרייטן און דורכפירן אַזעל־
כע אָפּעראַציעס אין פאַרשיידענע אומשטענדן.
מײַן אַרטיקל האָט אויסגענומען בײַ די אַרטי־
לעריסטן.

דעם 23 פעוורואַל 1943 זײַנען מיר איבערגע־
גאַנגען אין אָנגריף. דאָס איז געווען אין ראַיאָן
פון דעם דאָרף שיראָקאָוואָ. מײַן באַטאַרייע האָט
פאַרניכטעט פיר דזאָטן, צוויי קוילנוואַרפער־
פּונקטן. אין אָנגריף האָב איך מיט מײַן באַ־
טאַרייע פאַרנומען דאָס דאָרף באָדע, פאַר־
ניכטעט דעם גאַרניזאָן און אַ קעגנטאַנקען־
האַרמאַט.

אין שלאַכט פאַר די דערפער קרעסטיאַנסקאיאַ
גאָראַ און ווערכניעיע אַשקאָוואָ האָבן מיר אָפּ־
געשלאָגן פיר אַטאַקעס. אויפן פעלד זײַנען גע־
בליבן ליגן בײַ הונדערט דײַטשישע סאָלדאַטן
און פיר אָפיצערן.

בײַס איך זיץ און שרײַב אָט די שורעס, איז
צו מיר אַף די קני אַרויף מײַן דרײַיאָריק אייניקל
אַליאָשע, מיך אַרומגענומען מיט זײַנע ווײַסע
פּוכינקע הענטעלעך. ער קושט מײַן פאַרמאַכט
אויסגערונען לינק אויג און פרעגט:

— זיידעניו, פאַרוואָס איז דאָס אויג פאַר־
מאַכט?

איך מוז אים דערציילן, אַז דאָס האָבן מיר די
פאַשיסטן אויסגעשלאָגן אַן אויג אַף דער מיל־
כאָמע. ער רײַסט זיך אַרויס פון מײַנע אָרעמס.

כאַפּט דעם קינדערשן אויטאָמאַט און שרײַט אויס:

— איך וועל אַלע פאַשיסטן פאַר דיר און פאַר דײַן אויג צעשיסן!

און איך טראַכט דערבײַ, אַז עס איז קעדיי געווען צו בלײַבן אַן אינוואַליד, אַבי די קינדער און אייניקלעך זאָלן שוין מער ניט וויסן פון קיין פאַשיסטן און פון קיין מילכאָמעס. ווער ס'האָט ניט איבערגעלעבט די שרעקלעכע מילכאָמע און האָט ניט געזען אַלץ מיט זײַנע אייגענע אויגן, קען ניט פאַרשטיין, ווי טײַער עס איז יעדעס יאָר, יעדער טאָג און יעדע שאָ אָן שיסערײַ, אָן מוירע פאַרן מאָרגנדיקן טאָג — דאָס, וואָס מיר לעבן שוין דעם פערטן צענדליק יאָר אונטער אַ בלויען ריינעם הימל.

דאָס האַרץ פלעגט צעריסן ווערן אָף שטיקער, ווען עס זײַנען געפאַלן אָפן שלאַכטפעלד כאַווײרים. יעדע אַטאַקע פלעגט קאָסטן פיל לעבנס.

הינטער וויטעבסק, אין 1944, זײַנען מיר, אַ גרופּע אָפיצערן, געגאַנגען אָף אַ רעקאָגנאָסצירּאָווקע פון דעם אָרט, ווו עס שטייט אונדז פאָר אָנצוגרײַפן. איך בין געווען דער קאָמאַנדיר פון אַ שווערער אַרטילעריע־באַטאַרייע. קעדיי אָנקומען אין די טראַנשייען אָף דער פאָדערליניע, האָבן מיר געדאַרפט דורכגיין אַ טאָל, וועלכע די סאָלדאַטן פלעגן אָנרופן „טאָל פון טויט”. דײַטשישע סנײַפּערס האָבן דאָ באַטאָג קיינעם ניט דורכגעלאָזט. אָבער גיין דאַרף מען, די אויפגאַבע מוז מען אויספילן. אַזוי איינציקווײַז — ווו געלאָפן, ווו געפויזעט — האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו דער פאָדערשטער ליניע. מיר האָבן אַלץ, ווי ס'געהער צו זײַן, אָפּגעטאָן און אָנגעהויבן זיך אומקערן צו די אַרטילערישע פּאָזיציעס. און אַזוי ווי מיר פויזען אָף צוריק, האָט אַ דײַטשישער סנײַפּער געטראָפן אין קאָפּ אַרײַן דעם שעף פון דער אויסשפּירונג פונעם 64־טן אַרטילעריע־פּאָלק און אים דערהאַרגעט אָפן אָרט. מיר האָבן זיך טיף אײַנגעגראָבן אין שניי און מער פון אַ שאָ זיך ניט גערירט פון אָרט. דער אומגעקומענער איז געווען אַ יונגער קאַפּיטאַן, אַ ייִדישער באָכער פון אַ יאָר 22—23. צום באַדויערן, געדענק איך ניט זײַן נאָמען און פאַמיליע. איך ווייס נאָר, אַז ער איז פון ווײַסרוסלאַנד, פון וויטעבסק, — דער שטאָט, אָף וועלכער מיר האָבן אָף מאָרגן געדאַרפט אָנגרײַפן. דער 64־טער אַרטילערישער פּאָלק—דאָס איז דער זעלבער, וואָס עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש האָט באַשריבן אין זײַן ראָמאַן „פרילינג אָפן אָדער”. דער פּאָלק האָט זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן הינטער מאָסקווע, אָפן וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי, און דער דאָזיקער קאַפּיטאַן, דער שעף פון דער פּאָלק־אויסשפּירונג, האָט אין די שלאַכטן באַוויזן פיל מוט. בייס מיר האָבן אים געבראַכט צו קווורע, האָט דער קאָמאַנדיר פון דער 31־טער גוואַרדייִשער דיוויזיע געוויינט, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס פּאָנעם מיט די הענט. מיר האָבן געשווירן נעמען נעקאָמע.

איך האָב געקענט נאָך אַ סאַך אַזעלכע ייִדישע סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן — אַרטילעריסטן, טאַנקיסטן, פליִער. קיינער פון אונדז האָט ניט געטראַכט וועגן זיך. יעדערער איז געווען גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַרן היימלאַנד.

אונדזער דיוויזיע, און בעסויכעס אויך מײַן באַטאַרייע, האָט אײַנגענומען וויטעבסק און אָרשע. די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט מינסק, גאַנץ ווײַסרוסלאַנד און איז געגאַנגען ווײַטער אָף מײַרעוו, צו דער גרענעץ מיט מיזרעך־פּרײַסן.

מער פון אַ כוידעש זײַנען מיר געשטאַנען אין קאַלוואַריִע. מיר האָבן זיך ווידער אויסגעפּאָרמירט, באַקומען פרישע קויכעס און טעכניק, געגרייט זיך אָנצוגרײַפן אָף די מיזרעך־פּרײַסישע שוץ־ליניעס.

אינגיכן האָבן מיר דעם באַפעל באַקומען. אַ שאָ צײַט האָט געדויערט די אַרטילערישע צוגרייטונג. אונדזערע קאַטיושעס, וואַניושעס און אַלע אַנדערע אַרטילערישע טיילן האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין סנאַריאַדן. אונדזער פײַער האָט געטראָפן פּינקטלעך אַהין, וווהין מע האָט געדאַרפט טרעפן. מיר האָבן דורכגעריסן פיר שוץ־ליניעס און דערפאָלגרײַך געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער אָף מײַרעוו.

די דײַטשישע כאַיאָלעס האָבן געוואָרפן אין קאָנטראַטאַקעס טויזנטער און צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן און אָפיצערן, הונדערטער טאַנקען און עראָפּלאַנען, נאָר אײַנהאַלטן און אָפּשטעלן אונדזערע קויכעס האָבן זיי ניט געקאָנט. עמעס, מיר האָבן געהאַט שווערע פאַרלוסטן. ס'איז אומגעקומען דער שעף פונעם פראָנט, אונדזער באַליבטער אַרמיי־גענעראַל, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד טשערניאַכאָווסקי. אָף דער ערשטער דײַטשישער שוץ־ליניע איז געפאַלן דער קאָמאַנדיר פון דער אַרטילעריע פון אונדזער פּאָלק מאַיאָר אַגייעוו. הינטער גומבינען איז אומגעקומען דער קאָמאַנדיר פון אונדזער 95־טן פּאָלק פּאָלקאָווניק טשורוסאָוו. אין אָט דער שלאַכט בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן אין לינקן פוס און אין פּאָנעם.

אין צוויי כאָדאָשים אַרום, ווען מע האָט מיך צײַטווײַליק אויסגעשריבן אין זאַפּאַס, זײַנען אונדזערע טיילן שוין צוגעגאַנגען צו קעניגסבערג. דאָ האָט מען אָף עטלעכע טעג זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי זיך אָנעמען מיט קויכעס. מע האָט מיר צוגעייגנט דעם טיטל קאַפּיטאַן און געגעבן מיר אָרלויב. איך האָב נאָכאַמאָל באַזוכט מײַנע עלטערן און מײַן שטעטעלע קליין־טשערנאָוויץ.

אין מארט 1944 האָב איך זיך אומגעקערט אין דער 31־טער דיוויזיע. דער שעף פון דער ארטילעריע האָט מיך ווידער געשיקט אלס קאָמאנדיר פון א שווערער גאוביצע־באטארייע אין דריטן דיוויזיאָן פונעם 54־טן גווארדייִשן ארטילערישן פּאָלק.

אין אפּרעל, נאָך שווערע און בלוטיקע שלאכטן, האָבן מיר פארנומען קעניגסבערג און גלײַך נאָך דעם — די שטאָט און דעם פּאָרט פּילאו, פאָרסירט דעם קאנאל און אוועק אָף דאנציג, ווו מיר האָבן זיך געדארפט פארייניקן מיט די טײלן פונעם גענעראל ראָקאָסאָווסקי. די דײַטשן האָבן זיך געקלאמערט פאר יעדן קלאפּטער ערד, נאָר די מילכאָמע האָבן זיי פארשפּילט. קיין שום קויעך אין דער וועלט האָט אונדז שוין ניט געקענט אָפּשטעלן אפן וועג צום ענדגילטיקן זיג.

דעם 9 מײַ 1945 האָבן מיר ארויסגעלאָזט די לעצטע קוילן — שוין אינדערלופטן. דאָס איז געווען אונדזער סאליוט דעם ניצאָכן.

דער שעף פון דער ארטילעריע פון אונדזער 31־טער גווארדייִשער דיוויזיע פּאָלקאָווניק פּאָליאנצעוו איז נאָכן זיג געוואָרן שעף פון דער ארטילעריע פונעם 36־טן גווארדייִשן קאָרפּוס. דער שטאב האָט זיך געפונען אינעם ראיאָן פון אינסטינבורג אין מיזרעך־פּרײַסן (איצט טשערניאכאָווסק). דער פּאָלקאָווניק פּאָליאנצעוו האָט מיך גוט געקענט. אין יון 1945 האָט ער מיך ארויסגערופן צו זיך אין שטאב און פאָרגעלייגט, איך זאָל נעמען אָף זיך די קאָמאנדשאפט איבער זײַן שטאב־באטארייע. איך האָב דעם פּאָרשלאָג אָנגענומען, און אלס קאָמאנדיר פון אָט דער באטארייע האָב איך אָפּגעדינט ביז דעקאבער 1945. די לעצטע פּאָר כאדאָשים האָב איך זיך געפילט ניט אינגאנצן גוט. ס'האָט זיך געלאָזט פילן די גאנצע דורכגעלעבטע מילכאָמע. די קאָמאנדשאפט האָט מיך אָפּגעלאָזט אָף א קורצער צײַט אהיים, קיין קליין־טשערנאָוויץ. מיט מיר איז מיטגעפאָרן מײַן סטארשינא סאשע. איך האָב געהאט א מיין כאסענע צו האָבן מיט מײַן שוועסטער כײַקעלעס מאנס א שוועסטער. די מײַסע דערפון איז געווען אזא. בייס איך בין געווען דאָס צווייטע מאָל אין אורלויב אין קליין־טשערנאָוויץ, האָב איך באשטימט באזוכן שארגאָראָד, זיך זען מיט מײַן שוואָגער הערשל פלאצס עלטערן און מיט זײַן שוועסטער סאָניע פלאץ. דער שוואָגער איז געהארגעט געוואָרן אפן פראָנט נאָך אין 1941, און די מישפּאָכע האָט איבערגעלעבט די פינצטערע אָקופּאציע. טראכט איך: לאָמיך אראָפּפאָרן זיך זען מיט זיי, זאָגן א פּאָר ווארעמע ווערטער, זיי זאָלן זיך ניט פילן אזוי עלנט. בעשאסמײַסע איז סאָניע אויסגעוואקסן און געוואָרן א שיין קאלע־מיידל. קיין ייִנגלעך זײַנען נאָך אין די שטעטלעך ניט געווען, אלע האָבן זיך געפונען אָף די פראָנטן. און כאָטש איך בין עלטער געווען פון סאָניען אָף עטלעכע יאָר און בין שוין געווען א באַווײַבטער (זי האָט מײַן גיטעלען גוט געקענט נאָך פאר דער מילכאָמע), האָט זי אײַנגעשטימט באלד זיך מיט מיר צעשרײַבן און כאסענע האָבן.

אין מיליטערישן שפּיטאָל. דער אווטאָר פון דער פארצייכענונג לייענט פאָר אין דער פאלאטע א פרישע צײַטונג.

דאָס האַרץ איז באַ מיר דעמלט נאָך געווען שטאַרק פאַרשטיינערט פון גיטעלעס טויט, איך האָב ניט געהאַלטן באַ כאַסענע האָבן, כאָטש סאָניע איז מיר געווען געפעלן. האָב איך גע־זאָגט אירע עלטערן, אַז אין עטלעכע טעג אַרום פאָר איך אָפּ צוריק אַפן פראָנט, ווו עס שטייען פאָר זייער שווערע שלאַכטן הינטער קעניגס־בערג, און ס'זײַנען פאַראַן ווינציק שאַנסן זיך אומקערן צוריק אַ לעבעדיקער. נאָר אויב ס'וועט מיר אָפּגליקן צו בלײַבן לעבן, וועל איך קומען און כאַסענע האָבן פאַר סאָניען.

און איך האָב געהאַלטן וואָרט. דאַרף זיך אָבער טרעפן אין וועג אַזאַ צאָרע. קיין קליין־טשערנאָוויץ בין איך געקומען אינגאַנצן אַ קראַנקער, און די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז מע דאַרף אומבאַדינגט מאַכן אַן אָפּעראַציע. פון מאַלעוו האָט זיך געיאַוועט אַ פּראָפעסאָר און אָפּגעפירט מיך צו זיך אין שפּיטאָל. ער מאַכט מיר די אָפּעראַציע, נאָר עס ווערט באַ מיר אַן אַלגעמיינער סעפּסיס. קיין פּעניצילין איז נאָך דעמלט ניט געווען, אָדער ער איז שוין יאָ ערגעץ געווען, נאָר ניט אין מאַלעוו. בעקי־צער, איך בין שוין קימאַט אַף יענער־וועלט. מײַנע עלטערן, די שוועסטער און פרײַנט רײַסן קוואָרים: סטײַטש, דורכגעגאַנגען אַזאַ מילכאָ־מע, זיך אומגעקערט אַ לעבעדיקער — און איצט קומט דער טויט. איך ליג עטלעכע כאָדאָשים אָן באַוווסטזײַן. מײַן סטאַרשינאַ פּאָרט אוועק קיין אינסטינבורג און קומט צוריק מיט אַ פּו־טיאַווקע פאַר מיר קיין סאַקי, אַף קוראָרט. דער פּאָלקאָווניק פּאַליאַנצעוו האָט מיר צוגעשיקט די פּוטיאַווקע, איך זאָל וואָס גיכער זיך אויס־היילן און קומען אין טייל, מע וואַרט אַף מיר. נאָר ווער פאָרן און וואָס פאָרן, אַז איך קאָן פון בעט ניט אַראָפּגיין. אַלע אייוורים, ווו איך בין געווען פאַרווונדעט, זײַנען אָנגעגערירט. דאָס לינקע אויג איז אינגאַנצן אויסגערונען, אין לינקן פוס האָב איך גרויסע ווייטעקן.

סאָניע קומט קיין מאַלעוו צו מיר אין שפּי־טאָל, גיט אַ קוק אַף דעם שיינעם כאָסן, וואָס ליגט אַ האַלב־טויטער צו בעט, און ווערט דער־שיטערט. פונדעסטוועגן רעדט זי מיר אויס דאָס האַרץ:

— זאָרג זיך ניט, וועסט, אימירצעשעם, גע־זונט ווערן, און אַלץ וועט זײַן גוט...

מע האָט מיך איבערגעפירט אין אַ מיליטער־רישן שפּיטאָל, טאַקע דאָרט, אין מאַלעוו, דעם פוס אַרײַנגעלייגט אין גיפּס, און אין אַ כוידעש אַרום איז מיר געוואָרן עטוואָס גרינגער. דאַן האָט מען מיך איבערגעפירט קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום האָט מען מיך פון דער אַרמיי דעמאָביליזירט און אוועקגעלייגט אין אַ קיִעווער שפּיטאָל פאַר אינוואַלידן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָ־מע. די קאָמיסיע פון דאָקטוירים האָט מיר גע־געבן די ערשטע אינוואַלידן־גרופּע און מיר באַשטימט אַ פּענסיע פון 1020 רובל אין אַלטן געלט. אַזוי בין איך אָפּגעלעגן אין די שפּיטאָלן דרײַ יאָר — פון אָנהייב 1946 ביז סאָף 1948.

אין מאַרט 1948 איז סאָניע געווען באַ מיר אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים האָבן איר געזאָגט, אַז באַ מיר איז טובערקוליאָז פון די ביינער. זי איז געווען יונג, דאָס לעבן האָט זיך גע־דאַרפט באַ איר ערשט אָנהייבן, און ווי נאָר זי איז געקומען אַהיים קיין שאַרגאָראָד, האָט זי מיר אָנגעשריבן אַ בריוו: „איך האָב געמיינט געפינען מיט דיר גליק, נאָר ס'איז, ווײַזט אויס, ניט באַשערט...“

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? באַ זיך האָב איך געטראַכט, אַז זי איז אַוודע גערעכט. פּאָרט אַ מיידל, פאַרוואָס קומט איר צו נעמען אַף זיך אַזאַ אָבוזע? איך בין איר אין האַרצן מויכל געווען. ביז הײַנט באַגעגענען מיר זיך און זײַנען פאַרבליבן פרײַנט. זי האָט שוין איצט צוויי שיינע מיידלעך. צוריק מיט אַ יאָר האָט די עלטערע טאָכטער אירע שוין אויך כאַסענע געהאַט און וווינט אין קיִעוו.

מיר האָט מען אין שפּיטאָל אין אויגוסט 1948 געגעבן אַ פּוטיאַווקע קיין סאַקי, אַפן קוראָרט. אין אַ כוידעש אַרום האָב איך אוועקגעוואָרפן די קוליעס, און מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט גיי איך אַרום אַף דער לעבעדיקער וועלט ביז הײַנטיקן טאָג, האַלעוואַי אַף ווײַטער ניט ערגער.

נאָכן אָקטיאַבער־יאָמטעוו, אין זעלבן 1948, בין איך איבערגעפאָרן קיין קיִעוו מיטן געדאַנק זיך אײַנאָרדענען אַף אַרבעט און בלײַבן דאָרט וווינען, קעדיי זײַן אונטערן אויפזיכט פון די דאָקטוירים (עס האָבן מיך געהיילט דער אָר־טאָפּעד פּראָפעסאָר באַניטש און דער דאָצענט, שוין איצט אויך אַ פּראָפעסאָר, קוצנאָק). אָפּ־געשטעלט האָב איך זיך אין קיִעוו באַ מײַן לאַנדסמאַן און כאַווער בעניע באָראָווסקי, מיט וועלכן מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין אַדעס אַף דער היטל־פאַבריק. נאָך אין 1944 האָט מען אים אַלס אינוואַליד דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי, און ער האָט זיך באַזעצט אין קיִעוו. זײַן ווײַב איז געשטאָרבן בײַס דער מילכאָמע, און ס'זײַנען געבליבן צוויי קינדער — אַווראָם און סאָניע. פון דער עוואַקואַציע האָט זיך אומ־געקערט בוזי מיאַסקאָווסקע, דאָס ווײַב פונעם דירעקטאָר פון דער טשערנאָוויצער טריקאָ־טאַזש־פאַבריק כאַצקל מיאַסקאָווסקי, וועלכער איז געהאַרגעט געוואָרן אַפן פראָנט אין די ערשטע כאָדאָשים פון דער מילכאָמע. בוזי איז פאַרבליבן מיט אַ מיידעלע, אויך סאָניע, דאָס ייִנגעלע איז באַ איר געשטאָרבן אין דער עוואַ־קואַציע. בעניע מיט בוזין האָבן כאַסענע געהאַט און געוווינט אין קיִעוו.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיך אַ כאַווער באַקענט מיט אַ מיידל — ציליע דודניק. איר פֿאָטער, מאָרדכע, אַ קאָמוניסט, איז פֿאַרבליבן אין קיִעוו אין דער קעגנלופֿטשוץ און איז אַרײַנגעפֿאַלן צו די דײַטשן אין די הענט, זיי האָבן אים אינעם לאַגער צעשאָסן. דאָס ווײַב כאַנע מיט צוויי קינדער האָט ער באַוויזן עוואַקוירן. מיר זײַנען זיך מיט ציליען געפֿעלן געוואָרן, און דעם 5 דעקאַבער האָבן מיר זיך צעשריבן און כאַסענע געהאַט. אין צוויי יאָר אַרום, אויב מיר וועלן דערלעבן, וועלן מיר פּראַווען די זילבערנע כאַסענע.

מיר האָבן דערצויגן צוויי זין — מאַריקן און ליאָניען. מאַריק האָט פֿאַרענדיקט דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און אַרבעט אַלס אינזשעניער אַף אַ זאַוואָד אין קאַטאָוויסק. די פֿרוי זײַנע האָט געענדיקט אַן אוניווערסיטעט, דעם כימישן פֿאַקולטעט, און איז אַ פּאַרוואַלטערן פֿון אַ לאַבאָראַטאָריע אַף אַ כימישן זאַוואָד, אויך אין קאַטאָוויסק. פּאַראַיאָרן האָט מען מאַריקן גענומען אַף אַ יאָר דינען אין אַרמיי. ער איז שוין אַ סערזשאַנט. די קאָמאַנדשאַפֿט איז מיט אים געווען צופֿרידן. דערווײַל האָבן מיר דאָס אייניקל אַליאָשען גענומען צו זיך קיין קיִעוו און קלײַבן פֿון אים נאַכעס, זייער אַ ווויל יאַטעלע.

דער קלענערער, ליאָניע, האָט פּאַראַיאָרן פֿאַרענדיקט דעם ניעזשינער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ער אַרבעט אינעם דאָרף באַראַטאָווקע, ניקאָלײַעווער געגנט, אַלס לערער פֿון געשיכטע.

איך, כאָטש אַן אינוואַליד אַפּן גאַנצן לעבן, אַרבעט אַלע יאָר. די ערשטע צײַט — אין אַן אַרטעל פֿון אינוואַלידן אַף פֿאַרשיידענע אַרבעטן: אַ היטלמאַכער אין אַטעליע, דערנאָך פּאַרוואַלטער פֿונעם סקלאַד, שעף פֿון דעם צעך, וואָס נייט ווינטערדיקע אושאַנקעס, און פֿונעם 1960, נאָכן ליקווידירן די אַרטעלן, אַרבעט איך די גאַנצע צײַט אין דער היטל־פֿאַבריק אַלס קאָנטראָל־מײַסטער. עטלעכע יאָר בין איך געווען פֿאַרטאָרג אינעם ניי־צעך, ווו ס'אַרבעטן באַ 200 מענטשן. געווען אויך אַ מיטגליד פֿון ביוראָ פֿון דער פֿאַבריקישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און פֿאַרטרעטער פֿונעם סעקרעטאַר פֿון דער ביוראָ. עטלעכע יאָר האָב איך אָנגעפֿירט מיט דער פּאָליט־שול, ווו מיר האָבן דערלערנט די געשיכטע פֿון אונדזער פּאַרטיי, לענינס ביאָגראַפֿיע און די מאַטעריאַלן פֿון די פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָרן. איצט האָט מען מיך אויסגעוויילט אַלס פֿאַרזיצער פֿונעם פּראָפֿפֿאַריינישן צעך־קאָמיטעט. אַף דער אַרבעט בין איך געשעצט און געאַכטעט. איך בין אַלע יאָר אַ שלאָגלער פֿון קאָמוניסטישער מי.

צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פֿון וו. אי. לענינען האָב איך באַקומען די לענין־מעדאַל. פֿאַראַיאָרן האָט מען מיך באַלוינט מיט אַ מעדאַל „זיגער אין דער סאָציאַליסטישער פֿאַרמעסטונג”.

איך וווין אין אַ דרײַ־צימערדיקער דירע באַם סאַמע ברעג פֿונעם דניעפּער. אַלץ, וואָס מע דאַרף, איז באַ מיר דאָ: אַ טעלעוויזאָר, אַן אײַזקעלטער, אַ וואַש־מאַשין און אַנדערע נייטיקע שטוב־זאַכן. אַלע זומער רו איך אָפּ מיט מײַן פֿרוי אין די דאָרעמדיקע קוראָרטן. פּוטיאָווקעס באַקום איך אומזיסטיקע אין געגנטלעכן מיליטער־קאָמיסאַריאַט און אין דער פֿאַבריק.

דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” שרײַב איך אויס און לייען פֿונעם ערשטן נומער אָן. איך באַקום די צײַטונגען „פּראַוודאַ”, „וועטשערני קיִעוו”, די זשורנאַלן „ראַבאָטניצאַ”, „זדאָראָוויע”, „קאָמוניסט”, „יונאַסט” און אַנדערע. יעדע פֿרײַע מינוט לייען איך. פֿאַר די נאָכמילכאָמע־יאָרן בין איך אויסגעווען אין אַ סאַך שטעט פֿון אונדזער היימלאַנד. ניט לאַנג צוריק, בעשאַס כ'האָב אָפּגערוט אין סאַנאַטאָריע פֿונעם מאָסקווער מיליטער־קרײַז הינטער טולע, האָב איך באַזוכט יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און אַרופֿגעלייגט לעבעדיקע קווייטן אַף לעוו טאָלסטאָיס קייווער. אין קאַניעוו האָב איך באַזוכט דעם קייווער פֿון טאַראַס שעווטשענקאָ. איך בין געווען אין באַקו און אין נאַלטשיק, אין מינסק און אין ריגע, אין לוואָוו, טשערנאָוויץ, בעלץ, קאַזאַן, אוליאַנאָווסק, קימאַט אין אַלע געגנטלעכע צענטערן און גרויסע שטעט פֿון מײַן אוקראַיִנע. אומעטום האָב איך אַ סאַך כאַווײרים און באַקאַנטע, ייִדן און ניט־ייִדן. אַלע לעבן זיי מיט אַ שיין צופֿרידן לעבן.

מײַנע זיידעס און באָבעס, מײַנע עלטערן, פֿעטערס און מומעס, וועגן וועלכע איך האָב שוין דאָ דערציילט, זײַנען ווײַטער פֿון קליינטשערנאָוויץ און פֿון די אַרומיקע שטעטלעך אין ערגעץ קיינמאָל ניט אַרויסגעפֿאָרן. זיי האָבן אין זייער לעבן גאָרנישט ניט געזען, קיינמאָל, פֿאַרשטייט זיך, קיין קוראָרט ניט פֿאַרזוכט. זייער לעבן איז באַשטאַנען פֿון אָפּהאָרעווען דעם טאָג און אָפּשלאָפֿן די נאַכט — אויב מע האָט נאָר געלאָזט רויִק איבערשלאָפֿן.

איך בין דער גרעסטער נאָגיד אין דער וועלט. אַבי געזונט, מיט מײַן פֿרוי און קינדער, מיט אַלע פֿרײַנט און כאַווײרים, מיט אַלע מענטשן אַף דער וועלט — דאַרף איך מער גאָרנישט. איך האָב אַ ווײַב, ציליע מאַרקאָוונע, זי זאָל מיר זײַן ביז הונדערט און צוואַנציק. זי היט מיך אָפּ, ווי איר אויג אין קאָפּ, איז מיר געטרײַ און געטרײַ די קינדער. די קינדער זײַנען אויך שוין אַף אַ באַשטאַנד. מאַטעריעל זײַנען מיר באַזאָרגט און טראַכטן ניט, וואָס עס וועט זײַן מיט אונדז מאָרגן. איך ליג נאָר באַנאַכט אַמאָל און טראַכט צו זיך אַליין: וואָס וואָלט

געוועזן פון מיר, ווען ניט די סאָוועטנמאַכט? וואָס וואָלט געוועזן פון אונדזערע אַלע ברידער אַמכאָ שער־און־אײַזן, ווען ניט לענין, ווען ניט אונדזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי, ווען ניט אונדזער סאָוועטנמאַכט? וואָס וואָלט געוועזן פון אונדז אַלע, ווען, כאָלילע, היטלער מיט זײַנע מערדער זאָל געווען זיגן?

איך שטיי מיר אויף אינדערפרי און גיי אַוועק אין פאַבריק. אָן איר קאָן איך ניט לעבן. ס׳איז דאָרט ליכטיק, ריין און היימיש. דער רויש פון די מאַשינעס איז פאַר מיר די בעסטע סימפאָניע. די מענטשן אַרום מיר זײַנען מײַנע בעסטע פרײַנט. זיי קומען צו מיר אָף סימכעס, און איך מיט מײַן פרוי זײַנען ליבע געסט אָף זייערע סימכעס.

איך געדענק ניט גענוי דאָס יאָר — אין פינף־און־דרײַסיקסטן אָדער אין זעקס־און־דרײַסיקסטן בין איך געקומען אַהיים צו איינעם אַ שרײַבער מיט אַן אָנגעשריבענער נאָוועלע, וועלכער האָט געהייסן „כאַנוקאַס־האַבאַיִס". אין שטוב בײַ אים איז גראָד קיינער ניט געווען. ער האָט געהאַלטן אָף די הענט אַ קליין קינד פון אַ יאָר אָנדערהאַלבן און געטאָן אַלץ, עס זאָל ניט וויינען.

אויסגעהערט מײַן נאָוועלע, דאַכט זיך מיר, גאַנץ אויפמערקזאַם, האָט דער שרײַבער געפּסקנט, אַז זי טויג ניט — צו רוי און האָט קיין ווערט ניט. „שרײַבט בעסער אָן, — האָט ער געזאָגט, — אָט וועגן אַזאַ קינד, וויִאַזוי ס׳איז שיין, וויִאַזוי ס׳איז טײַער"...

מיך אָבער האָט דעמלט געמוטשעט עפּעס גרעסערס. אין מײַן נאָוועלע האָט זיך גערעדט וועגן דעם, וויִאַזוי די אָרעמע באַלמעלאָכעס, מײַנע לאַנדסלײַט פון דער לאַנגער גאַס און פון די דאָלינעס, האָבן זיך איבערגעפירט אין סאַמע מיט פון דער שטאָט, אין פּראָנט, ווי מע פלעגט דאָס אָנרופן בײַ אונדז. געוועזענע אָרעמע באַלמעלאָכישע קינדער מיט קלוגיטשקע פריילעכע אייגעלעך האָבן אָנגעהויבן באַזוכן די נײַ־אויסגעבויטע ייִדישע מיטלשול, און באַלמעלאָכעס, קוסטאַרן האָבן געפּראַוועט כאַנוקאַס־האַבאַיִס אָף גאָר אַ נײַעם אויפן. פון אַלץ האָט מען געהאַט גרויס פאַרגעניגן: עפּעס אַ קלייניקײַט, מע קריכט סאָפּקאָלסאָף אַרויס פון די באַסע פינצטערע קעלערס, אַ נײַ לעבן בויט זיך!

מײַן ווערק איז, אַפּאָנעם, געווען אין קינסטלעריש זין גאַנץ אָנפּאַנגעריש, נאָר מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אַז, לייענענדיק עס, זאָלן מענטשן זיך פרייען צוזאַמען מיט מיר — מיט מײַן באַנײַט שטעטעלע, מיט מײַנע באַנײַטע העלדן. איך האָב קיין פאַריבל ניט געהאַט אָפּן שרײַבער, וואָס ער האָט אָפּגעוואָרפן דאָס ווערק. נאָר מער קיין נאָוועלן האָב איך שוין קיינמאָל ניט געשריבן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קיין שרײַבער וועט פון מיר ניט זײַן.

אויב אָבער מײַן איצטיקע אויטאָביִאָגראַפישע פאַרצייכענונג וועט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון עמעצן, וואָס וועט זי אָפּוואַרפן: „אייסעך, ס׳איז ניט קיין קונסט"... — דאַן וועל איך דערווידערן, ווײַל דאָ גייט אַ רייד וועגן אַ שטיק לעבן, וועגן אַ דאָר, וועלכער האָט איבערגעלעבט אַזאַ גרויזאַמע מילכאָמע און האָט דערוויזן דער וועלט, אָף וואָס די אַמכאָ־קינדער זײַנען געווען פייִק. דאָס איז גאָר אַ נײַער מין אַמכאָ — ניט פון שאָלעם־אַלייכעמס צײַטן, נאָר פון לענינס צײַטן, מיט גאָר אַן אַנדער וועלט־באַנעם און מיט אַנדערע האַסאָגעס. מיר זײַנען עמעסע פּאַטריִאָטן פון אונדזער היימלאַנד. מיר זײַנען אינטערנאַציִאָנאַליסטן אין פולן זין פון וואָרט. און מיט פולער רעכט מעלדן מיר די ייִדן פון אַנדערע לענדער: קוקט זיך אַרום, קאָלזמאַן ס׳איז ניט שפּעט — קעמפּט קעגן נעאָפאַשיזם, קעמפּט קעגן די נײַ־אַרויסגעשפּרונגענע ברוינע העמדלעך, ווּ זיי זאָלן זיך ניט באַווײַזן און אין וועלכער פאָרם זיי זאָלן ניט אַנטפּלעקן זיך. לאָזט ניט העצן קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. פאַרמאַכט דאָס מויל בײַ די ציִעניסטישע פּראָוואָקאַטאָרן. פאַרגעסט ניט דעם לימעד פון דער געשיכטע, פאַרגעסט ניט דאָס 41־טע יאָר. העלפט מאַכן אַ סאָף צו מילכאָמעס, פינצטערניש און דאַלעס.

יאָ, איך בין אַ גליקלעכער מענטש. איך האָב האַנאָע, ווען מענטשן — אַזעלכע, ווי איך, — קלײַבן זיך אַרײַן אין נײַע דירעס, ווען קינדער זינגען און טאַנצן, ווען האָרעפּאַשניקעס גייען צו דער אַרבעט און קערן זיך אום געזונטערהייט צוריק אַהיים.

דער גאַנצער זין פונעם לעבן איז — אַרבעט, וועלכע ברענגט נוצן דער געזעלשאַפט, אַ מענטש דאַרף שטענדיק טאָן נאָר גוטס, אַזוי ווי ס׳פאָדערן פון אונדז די געבאָטן פונעם נײַעם קאָמוניסטישן קאָדעקס.

ווער אינעם לעבן דינט זײַן צײַט, — לעבט אין אַלע צײַטן!

אַרן ווערגעליס

פונעם ציקל „צויבערגאַנג"

באַלאַדע וועגן אַ באַסקאָל און וועגן ייִדישער דיכטונג

דאָרטן — העכער, דאָרטן — אויבן
איז אַ טומל און אַ היץ,
ווי מע וואָלט דעם רעגנבויגן
דאָרט געקאָוועט פֿון אַ בליץ.

הייב איך אויף זיך איבער גאַסן,
פֿלי אַהין, וווּ ס׳קאָכט און רוישט,
און איך בעט, אַז מײַן פּעגאַסל
זאָל מען אונטערקאָווען אויך.

קומט אַ באַסקאָל, פֿול מיט כידעש:
„בעסער וואָלסט אַ שירעם באַשטעלט
און באַשיר־האַשירעמט ייִדיש,
אים פֿאַרשטעלט פֿון צײַט און וועלט..."

„שיר־השירים, — זאָג איך בליציק, —
ניט קיין שירעם איז, קיין וואַנט,
ניט קיין פּאַנצער, קיין מעכיצע,
נאָר אַ בריק צו אונדזער הײַנט.

ווער פֿון שיר־השירים שירעמס
מאַכט צום פּאַסיקן סעזאָן,
דער מיט פּסאַלמען די בעסאַלמענס
פֿלאַסטערן באַם צופֿאַל קאָן".

ווערט דער באַסקאָל שטאַרק דערצאָרנט:
„דאָ צעטיילט מען לאָרבער־קרענץ,
דאָ אויך נעמט מען צו, איך וואָרן,
די פּאַטעטישע ליצענץ!"

זאָג איך: „נאַרישקײַטן. פּלוידערסט.
וואָס פֿאַרשטייסטו אין געפֿיל?
ווער עס האָט דעם רואַך האַקוידעש,
דער באַשטעלט דאָ וואָס ער וויל".

און אַ שטיק פֿון רעגנבויגן
ברעך איך אָפּ אָן האַס און קאַס,
פֿאַר דער גאָרוועלט אין די אויגן
כ׳קאָווע אונטער מײַן פּעגאַס.

באַלאַדע וועגן דער לעוואָנע

די לעוואָנע איז אַ וועלט אַליין פֿאַר זיך,
ניט צעטיילט, עמעס, אויף קאָנטינענטן קרומע.
ס׳איז איר באַרגלאַנד ווי אַנטלײַען באַם פּאַמיר,
און איר מידבער — בײַ די הייסע קאַראַקומען.

כאָטש ניטאָ דאָרטן קיין וואָלגע און קיין דניעפּר,
די בערעזע איז דאָרט אויכעט ניט באַוווּסט הײַנט, —
דאָך האָט אַמסטראָנג שוין די היימישקייט פֿאַרשעפּט,
וואָס געבראַכט אויף דער לעוואָנע עס האָט רוסלאַנד.

עפּשער האָט זיך עפּעס אַמסטראָנגן געדאַכט,
צי אין וועלט־אַל האָט דער יאַט ניט אַלץ פֿאַרשטאַנען,
נאָר געאײַלט ער האָט אַ קוק טאָן: וואָסער מאַכט
איז אויף דער לעוואָנע שוין פֿאַראַנען.

לויטן ווימפעל, סערפ־און־האמערדיק באצירט,
וועלכער ליגט דאָרט אָנגעגרייט, ווי פאַר געוועטן
אויף אַ מאָסקווער ארבעטער־באַצירק, —
גלייַך דערקענט ער האָט די מאַכט פון די סאָוועטן.

און, אַרייַן אין זייַן ראַקעט עטוואָס צעשטרייט,
האָט ער אָפּגעשיקט אַ ראַדיאָ, ווי שטענדיק.
„די לעוואַנע, — האָט ער אָנגעזאָגט, — איז רויט,
און מייַן פלוג צו איר האָט אָקאַרשט זיך פאַרענדיקט...״

באַלאַדע וועגן דעם מענטש, וועגן זייַנע אייוורים און כושים

ווען דערזען איך האָב, אַז די מאַשינעס אויפן פעלד
טוען אַלץ מיט קאָפּ, אַזוי ווי מיר געפעלט:
שנייַדן ברויט, און סקירדעווען און דרעשן עס, —
האָב איך מייַנע הענט באַהאַלטן אין די קעשענעס
און געזאָגט זיי: „איבעריק די מי,
גייט און נעמט אייך גרייטע מעל אין מיל...״

האָבן זיך צעשריגן מייַנע הענט
און געגנומען מאַכן מיט די הענט,
אָנגעהויבן פויסטלען זיך און פאָדערן:
אויב דו גלייבסט ניט — טרען אונדז אויף די אָדערן!
ס׳איז אייך איצטער בלויז אין אונדז געווענדט,
די מאַשין איז אָפּהענטיק אָן הענט!

ווען דערהערט איך האָב: אַ קעסטל, פול מיט קלאַנג,
רעדט סיי הויך, סייַ שטיל, אַזוי ווי איך פאַרלאַנג:
ווייל איך — גיך, און ווייל איך, איז פּאַוואָלינקע, —
האָב איך צו מייַן צונג געזאָגט: „מאָזאַליע ניט.
צוליב וואָס קאַליטשען מיט דער צונג,
אַז דאָס קעסטל פּאָלגט מיך אויפן וווּנק...״

האָט די צונג אַ קלאַפּ געטאָן אין שלונג
און באַוויזן, אַז זי האָט אַ צונג,
ווי מע זאָגט — אַ צינגעלע אויף רעדעלעך:
אויב דו גלייבסט ניט, שפּיַי אויף דעם, וואָס כ׳רעד מיט דיר,
אָבער ווייס: צי גלייַך איך רייד, צי קרום, —
ס׳איז אַלצייַנס אָן מיר דאָס קעסטל שטום!

דאַן באַשלאָסן כ׳האָב: פאַמעלעך און געהיט
זען, צי כ׳קאָן זיך ניט באַגיין אָן דעם געמיט
(האָט קיין צונג דאָך ניט, קיין הענט און וועט ניט ליאַרעמען):
„היי, נעשאָמע ליכטיקע און וואַרעמע,
צערטלעכער און ניכטערער געפיל, —
דיך מיט עפּעס נייַס פאַרבייַטן כ׳וויל...״

איז אין מיר געוואָרן פלוצעם שטיל,
קיין פאַרלאַנג, קיין כאָלעם, קיין געפיל,
אַלע כושים רוען, קיין אייַנהאָרע ניט...
און איך האָב אַליין געגנומען צאַרענען:
ניין, עס טאָר דער אומזין ניט געשען!
אינעם מענטש דער מענטש בלייַבט ווי געווען!

צוויבערגאַנג

עס טאָגט שוין אין מײַן לעבן ווידער.
די זון אין צוויבערגאַנג איז יונג,
און ס׳איז מײַן וועלט — פון הייך ביז נידער —
פּאַרפּולט מיט ראַש, און רויש און קלונג.

עס טאָגט שוין ווידער אין מײַן לעבן.
די נאַכט — פאַרבײַ. פאַרבײַ — דער טויט.
און ס׳איז — פון ווײַט און ביז דערנעבן —
מײַן ערד סײַ גרין, סײַ שוואַרץ, סײַ רויט.

עס טאָגט שוין אין מײַן לעבן ווידער,
און איך אין צוויבערגאַנג בין יונג.

דער מענטש, וואָס מיר איז ער דערווידער,
פאַרשטייט מײַן פּײַנטשאַפט אָפּן וווּנק.

עס טאָגט שוין ווידער אין מײַן לעבן,
כ׳נעם אויף סײַ שלעכטס און סײַ געגאַרטס.
דער מענטש, וואָס כ׳האָב אים האַרץ געגעבן,
פאַרשטייט מײַן פרײַנטשאַפט מיטן האַרץ.

עס טאָגט שוין אין מײַן לעבן ווידער.
די זון אין צוויבערגאַנג איז יונג.
און ס׳איז מײַן וועלט — פון הייך ביז נידער —
פּאַרפּולט מיט ראַש, און רויש, און קלונג.

לאָמיר ריידן פון די קדושים

ביימער סקריפּען, וועלדער רוישן,
כאַטש עס בלאָזט שוין ניט דער ווינט.
לאָמיר ריידן פון די קדושים,
ווי זיי האָבן דאָס פאַרדינט.

ייִדן האָבן ניט געקניִעט,
שטיין געבליבן, פול מיט צאַר,
אין דעם יאָמער־טאָל פון קיִעוו,
אין דעם שוואַרצן באַבי יאַר.

מוטער־נאַקעט באַם צעשיסן,
מיט דעם לעבן ניט צעקריגט,
פרוּיען — זיך פאַרשטעלט די בריסטן,
מאַנצבלען — אָפּגעפירט דעם בליק.

צי אַזוי, צי אַנדערש טײַטשן,
ס׳איז די ערד פאַר זיי אַ קלייד.
אומגעקומען באַ די דײַטשן,
זיך מיט רוסלאַנד ניט צעשיידט.

לאָמיר ריידן פון די קדושים,
ווי זיי האָבן דאָס פאַרדינט.
ביימער סקריפּען, וועלדער רוישן,
כאַטש עס בלאָזט שוין ניט דער ווינט.

פון אינווייניק קוקן אַף דעם וואַלד

אַף דרויסנדיקער זײַט פון וואַלד איך שטיי.
ער איז פאַרוועבט מיט פינצטערניש — אַן איימע,
צונויפגערוקט אַזוי געדיכט די ביימער,
אַז ס׳וואָלט קיין פײַל ניט דורכגיין צווישן זיי.

אין וואַלד אַרײַן! איין בוים, און צוויי, און דרײַ
איך גיי פאַרבײַ — ביז וואַלדישע איין־סאָפּן,
און כ׳זע: ער איז אין אַלע זײַטן אָפֿן! —
די אָזערע אַרײַן אין אים איז פרײַ.

די לאָנקע — מיט די טשערעדעס צוזאַמען,
דאָס שטיבל פונעם וואַלד־שוימער. האַקלאַל,
מע דאַרף פון אינווייניק קוקן אַף דעם וואַלד,
און היימישער ער ווערט דאַן און געראַמער.

די טפּילע

ריבוינעשעלוילעם, מאַך פון אַלע מײַנע סאָנים איין סוינע,
נעם צונויף די פאַלשע צאַדיקים מיט די אָפּענע זוינעס
און מאַך פון זיי איין סוינע — ווי אַ לעוויאָסן די גרייס.
זאָל שוין בעסער זײַן אַ היפּשער איינער,
איידער אַזויפיל געמיינע, —
די איצטיקע סאָנים, וועלכע איך ווייס.

ריבוינעשעלוילעם, מאַך, ס'זאָל ווערן פון אַלע נאָרעס איין נאָרע.
קייכעס האָב איך גענוג, קיין אײַנהאָרע,
אַף צו ברענגען ערד און שטיינער און פאַרליגן די נאָרע שנעל.
זאָל שוין בעסער דאָרט זײַן אַ כײַע־ראָע איינע,
איידער אַזויפיל שטשורעס געמיינע, —
די איצטיקע סאָנים באַ מײַן שוועל.

ריבוינעשעלוילעם, איך הער, ווי דו זאָגסט מיר ווערטער געקליבענע:
„זינדיק ניט, קינד מײַנס... גרינגער איז בײַשטיין די דריבנע...״
ביסטו אַוואַדע גערעכט... נאָר איך שאָקל נאָך אַלץ מיטן קאָפּ:
בעסער אַ נעם טאָן אַן אָקס אַ בייזן איינעם,
איידער אַ טיטשקע הינט געמיינע, —
די איצטיקע סאָנים, וועלכע איך האָב.

סערענאַדע

ווען פאַרנאַכט אין סאַד עס איז שוין פינצטער,
ווען די בענקשאַפט קומט אַראָפּ צו דיר, —
לאָז אַרײַן דעם עפּלבוים אין פענצטער,
טו אַ רוף די פייגל דורך דער טיר.

ווען דער וועג צו דיר איז שוין דער נעענטסטער,
ווען איך קאָן ניט זײַן שוין מער אָן דיר, —
לאָז מיך צוגיין צו דײַן אָפן פענצטער,
טו אַ רוף, און כ'עפן אויף דײַן טיר.

מעטאַפאָרע

דעם גאַנצן רעוועך טראָג איך אָפּ צו אײַך —
די פיש איך וואַרף אַרײַן צוריק אין טײַך,
דאָס פי כ'קער אום פון בוינע אין דער שטאַל,
אַ קרוין איך מאַך צוריק פון בלעטערפאַל.

די נעץ וועט ברענגען פיש פון טיפן טײַך,
דאָס פי וועט גיין אין בוינע פון דער שטאַל,
און רױשן וועט אין האַרבסט דער בלעטערפאַל.

— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

דעם גאַנצן העזעק רעכן איך פאַר זיך —
פון דעם איך ווער אַ ראָטשילד אומגעריכט,
ווײַל די נאַטור איז ניט קיין פאַלשע קאָרט,
און אומקערן צוריק זיך אַף זײַן אָרט
וועט אַלץ, וואָס כ'האָב פאַרטריבן צוליב אײַך:

איר פרעגט מיך, צוליב וואָס אַזאַ מין קונץ?
נאָר, טײַערע, דער סייכל פון מײַן קונסט
איז — וואַרפן אַ מעטאַפאָרע צו אײַך,
און וויסן: איר ווערט רײַך און איך בלײַב רײַך.

ווי׳אַזוי איך וועל שרײַבן מײַן אויטאָביאָגראַפיע

צוערשט כ׳וועל אויסשפרייטן
דאָס, וואָס מע קאָן ניט אויסמײַדן אין אויטאָביאָגראַפיעס — דעם באָדן,
דעם רוסישן — ער איז פאַר מײַנע וואָרצלען פונקט ווי א באַשאָפענער,
אָף אים איך וועל אוועקשטעלן
די שטעטלעך יידישע, וואָס זײַנען הײַנט מיט שווײַגנדע נעשאָמעס אָנגעלאָדן, —
און דאָס וועט זײַן דער אָנהייב פון מײַן אויטאָביאָגראַפיע.
פאַרצייכענען די צײַט: נײַן הונדערט אכצן, מײַ (די צײַט פון וועסנע),
די ערשטע וואָך נאָך ערשטן פרײַען ערשטן מײַ אין רוסלאַנד נאָכאָקטיאַבערשן, —
און דאָס וועט זײַן דער אָנהייב פון מײַן אויטאָביאָגראַפיע (פאַרגעסן
דערבײַ איך וועל ניט: אָף דעם נײַעם קאַלענדאַר דעם אלטן איבעראַנדערשן).
דערנאָך איך וועל מײַן לעבן אויסשײַנען מיט אלעמענס צוזאַמען,
דעם „איך״ אַרײַנשרײַבן אַזוי, אַז בלײַבן זאָל ער א באַשיידענער, איינטראַפיקער
(כאָלילע ניט דעם ברייטן וועג מיט פּלויט מיט אייגענעם פאַרצאַמען), —
און דאָס וועט זײַן מײַן גאַנצע אויטאָביאָגראַפיע.

צום קאָסמאָנאַווט

אין ערנסטקײַט רוט אָף דײַן פּאָנעם,
מיט סײַכל דעם כּעזשבן דו מאַכסט:
שוין נאָענט צו אונדז די לעוואָנע,
און ווײַטלעך דערווײַל עס איז מאַרס.

ביסט גרייט אָף אַן עמעס זיך שווערן,
אַז אָט — ס׳איז שוין נאָענט צו זײַ:

מיר האַלטן נאָך איצט בײַ וועגערע,
נאָר ס׳קומט צו יופּיטער די רײַ.

דערווײַל ניט מיט אלץ ביסטו פּאַרטיק,
ס׳דאַרף צוקומען כאָכמע און קוי׳ך.
דו זוכסט בלויז אין אונדזער גאַלאַקטיק,
כאָטש טראַכסט וועגן אַנדערע אויך.

פינף־יאָרן

דעם וועג אין סטעפּ איך טייל אין וויאָרסטן אײַן,
דאָס רײַפע פעלד כ׳צעטייל אָף ווייץ און קאָרן,
דעם אינדערפרי באַם טײַך — אָף עמער שײַן,
מײַן לעבן, ווי דעם לאַנדס, — אָף די פינף־יאָרן.

איך לעב שוין צען פינף־יאָרן מיטן לאַנד
(נאָך איינער, וואָס איז זיכער דער גערעכטיקסטער,
האָט אונדז געהאַלטן מיטן טויט באַנאַנד
פון פערציקסטן און ביזן פינף־און־פערציקסטן).

דעם וועג אין סטעפּ איך טייל אין וויאָרסטן אײַן,
דאָס רײַפע פעלד כ׳צעטייל אָף ווייץ און קאָרן,
דעם אינדערפרי באַם טײַך — אָף עמער שײַן,
מײַן לעבן, ווי דעם לאַנדס, — אָף די פינף־יאָרן.

(צוויי מאָל איך זאָג דאָס אין דער קורצער ליד
בעקיוון — אין דער גאַל אַרײַן אָט יענע,
וואָס זײַנען פון מײַן גלויבן מאַט און מיד,
כאָטש זייער גלויבן האָט די ווערט א צענער).

איך לעב שוין צען פינף־יאָרן מיט מײַן לאַנד.
איז נא דיר, רוסלאַנד, נאָכאַמאָל מײַן האַנט!

אַן ענטפער אַף אַ פראַגע

„...ארויסגעפאָרענע פון סאָוועטנרוסלאַנד ייִדישע שרײַבער האָבן
דערציילט אין ייִסראָעל, אַז זיי זײַנען קאָרבאָנעס פון פאַרפאָלגונגען.
וואָס טראַכט איר וועגן דעם?“

(פון אַ בריוו צו מיר)

ארויס פון שפּארונעס
און שפּעלטעלעך
דעם שאָטנס באַהעלפערלעך,
ארויס אַף דער גאַס, אַפן ווינט
(מע האַלט זיי דאָרט אוף, „ווי באַ לײַטן“...).
איך זע זיי אַצינד,
דאַנקען גאָט — פונדערווײַטן:

אַ ניכנע, אַ סטאַטעק —
אַ אוילעמהאַבע־מענטש,
פרום, ווי אַ צאַדיק,
דאָס שטילע כאַלאָשעס־קאָל קוויטשיק אַזוי
ווי אַ קריי.

זײַנע פאַרטונקלטע אויגן,
ווי ניט געווישטע שויבן, —
קומט ער
און רעדט לאָשנהאָרע אַף אונדזער פּאַרטיי!
און העכער פון אַלעמען,
פרעך און פאַרדאָרבן
גוואַלדעוועט יענער, דער קלוימערשט
געליטענער:

צוקלאַפּן זאָל מען
די אָנדענק־ברעט גיכער
צום הויז פון זײַן קאָרבן,
און ס׳ברענט ניט באַם גאַנעוו דאָס היטעלע...

דאָרט אין די ווײַטן,
אַף בלאָטעס אַף פרעמדע, —
די וויסטע הײַנעס
פון טומע פאַרצײַטנס,
זיי מיינען:
אָט וועט מען פאַרשאַרן
די פאָנען אין מיסטן
(די פאָנען — די רויטע, די פאָנען — צום
שווערן,
פון וועלכע דעניקין
פּינפעקיקע שטערן
האָט איבערגעטראָגן מיט מעסערס און שפּיזן
אַף לײַבער פון קאָמיסאַרן...).

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

איר שמייכלט?
ווי גוט, וואָס מע דאַרף זיך דעם גאָרגל ניט
רײַסן
מיט הילכיקע ווערטער,
נאָר שמייכלען
און לאַכן און קײַכן
פון זיי,
וואָס די פיס אונדז פאַרפּעגטען זיך פלײַסן, —
מיט יונגן געלעכטער
אַ פּײַג זיי באַווײַזן...

אין דריטן יאָרטויזנט

אַלע מאָל, ווען איך טראַכט וועגן מאָרגן,
קומט צוהילף מיר מײַן מענטשיש געדולד,
און איך זאָג, אַז מיט פריידן און זאָרגן
וועלן הערצער אויך מאָרגן זײַן פול.

און איך וויס ניט — אַ סאַך אָדער ווינציק
טו איך בעטן באַם לעבן אינטים:
שרײַב מיך צו אַלס אַ בירגער אַהינצו,
צו דעם דריטן יאָרטויזנט, צו אים.

כ׳בין זיך מודיע, אַז דאַן בין איך אויסן
זיך דערזען, ווי מע זאָגט, אַף דער וואָר,
באַ דעם ראַנד פונעם דריטן יאָרטויזנט,
ווי באַם ראַנד פון אַ פּאָשעטן יאָר.

יאָ, אין יענעם, אין דריטן יאָרטויזנט,
וועט אַרײַנקומען, וויס איך, בלויז דער,
ווער עס האָט אַלע ברויזן און בלויזן
פונעם צווייטן יאָרטויזנט דערהערט.

מאָטל טאלאיעווסקי

דער מאַמעס בוך

ראָמאַן

8. לייע און האָדל

אפֿן צווייטן טאָג, נאָך דעם, ווי דער דיאַטשאָק גאַוורילע איז געקומען קיין ליסאָווע, האָט ער באַזוכט לייעטשקען — גיטל דער כאַזנטעס טאָכטער:

— מיר איז, זעט אויס, אַזוי באַשערט, איך זאָל דאָס גאַנצע לעבן זײַן פֿאַרבונדן מיט אײַער מישפּאָכע.

אוועקגייענדיק, האָט ער איר איבערגעלאָזט אַ זילבערנעם רובל.

— זאָלסט עס פֿאַרניצן נאָר צוליב דעם קליינינקן!

פֿון די באַגעגענישן מיטן גאָלעך און מיט אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דער מאַכט האָט גאַוורילע פֿריִער פֿון עמעצן אַנדערש זיך דערוווּסט וועגן דער מילכאָמע־געפֿאַר, וואָס האָט געלויערט איבער רוסלאַנד. ריידנדיק מיט בערלען, האָט גאַוורילע צווישן אַנדערן געזאָגט:

— אין אַ געוויסן זין איז דײַן בענטשיקן בעסער.

— מיט וואָס, אַשטייגער?

— ער וועט זיך אָפּזיצן זײַנס און וועט אַ לעבעדיקער קומען אַהיים. און דו וועסט זיך מוזן שטעלן אונטער דער ביקס. פֿאַרשטייט זיך, ניט יעדערער ווערט דערהאַרגעט, וועגן דעם בעטן מיר דאָך בא גאָט.

איידער עס איז געקומען די פֿינצטערע ידיִע וועגן דער מאָביליזאַציע, איז אין ליסאָווע פֿאָרגעקומען אַזאַ געשעעניש. ווען די לאַזעבניקעס האָבן זיך שוין געלייגט שלאָפֿן, האָט ציפּוירע דערהערט אַ שטילן קלאַפּ אין טיר.

— ווער איז דאָרט? — איז זי אופֿגעשפּרונגען פֿון איר האַרטן געלעגער.

— עפֿנט אוף, האָט קיין מוירע ניט. דאָס בין איך, מעכוטענעסטע, איך, בענציע.

לייע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דעם ברודער אַפֿן האַלדז. די שוואַרצע געקרײַזלטע באָרד, די טונקעלע ברילן האָבן געענדערט זײַן פּאָנעם. בערל איז אויך אַראָפּ פֿונעם געלעגער — זיך באַקענען מיט לייעס ברודער.

— ווי קומסטו אַהער אַזוי אומגעריכט?

אָנהייב זע נומ. 3, 1977.

— פיל זאכן קומען פֿאַר אומגעריכט, לייעלע, — האָט ער ארומגעגנומען די שוועסטער.
ניט אלץ, פֿארשטייט זיך, האָט בענציע געקאָנט און געוואָלט דערציילן. הייסן הייסט ער איצט ניט בענטשיק, נאָר מיכאיל און זײַן פֿאמיליע איז באָריסאָוו, און אז מע וועט בא איר פֿרעגן, ווי קומט ער אהער, דארף זי זאָגן, אז ער איז א וואלדהענדלער — לייזער לאזעבניקס אן אלטער באקאנטער. דאָ, אין ליסאָווע, וועט ער זיך לאנג ניט פֿארהאלטן.
— וואָס זשע, אין קאָזשומיאַקי האָט ער ניט די רעכט צו זײַן א לענגערע צײַט?
די פּאַלעסיער הארבסטיקע נעכט זײַנען גאנץ לאנג. די לעוואָנע קוקט ארײַן אין יעדן ווינ־קעלע, דורך יעדן פֿענצטערל. לעבן דער שטוב פֿון די לאזעבניקעס האָט זי זיך מער א ביסל פֿארהאלטן, געוואָרפֿן א בלאסן פּאס שײַן אף לייעס פֿארזאָרגטן פּאָנעם. ציפּוירע האָט ניט דערוויידערט קעגן דעם, אז בענטשיק זאָל דאָ איבערזײַן וויפֿל ער וועט באדארפֿן. בערל, אָבער, איז ניט צופֿרידן געווען מיטן אומגעריכטן גאסט. לייע איז, פֿארקערט, גליקלעך געווען דערמיט, וואָס זי האָט די מעגלעכקײַט צו הערן בענטשיקס קלוגע רייד. ווען זי קען, וואָלט זי אהער אראָפּגעבראכט אויך איר געוועזענע באלעבאָסטע. זאָל זי א קוק טאָן, ווי ער זעט אויס מיט דער לאנגער געקרײַזלטער באָרד. און פּונקט ווי די לעוואָנע וואָלט לויט איר אלטן שטייגער צעטראָגן די נײַס וועגן בענטשיקס קומען קיין ליסאָווע, איז אף מאָרגן גאנצפֿרי צו די לאזעבניקעס געקומען האָדעלע. האָדל האָט גלײַך פֿארשטאנען, אז דער גאסט איז ניט זייער ענלעך אף קיין וואלדהענדלער, ווי מע האָט אים פֿאָרגעשטעלט. נאָר וואָס וועט זי פּלוצעם ארויסוואַיזן איר כשאד?
— עס וועט דאָ אײַך זײַן גאנץ סקוטשנע בא אונדז, — האָט זי געזאָגט מיט א זיפץ. — ס'איז דאָך דאָ ניטאָ מיט וועמען אויסצורײדן א וואָרט.
לייע האָט גראָדע געוואָלט איר אנטפּלעקן דעם סאָד, אז מיכל איז ניט מיכל, אז ער איז איר ברודער, בענטשיק, וועלכער האָט זיך ארויסגעריסן פֿון די ראָצכישע הענט. האָדל האָט אָנגעהויבן אָפּטער ארײַנצוקומען צו די לאזעבניקעס.
— ווו: וועסטו עס פֿארפֿאלן? — האָט זיך דער טאַטע דערפֿרעגט בא איר.
פּונעם קנאַפּע צענדליק טעכטער, וואָס עליע קויפֿמאן האָט פֿארמאָגט, איז האָדל געווען אן אויסנאַם. אויב מאַניע די קאָסאָקע און איטע־דריטע פּלעגן זיך פֿארטראכטן איבער זייער גוירל, האָט האָדל אמיינסטן געטראכט ניט וועגן זיך — וועגן דער וועלט. די אָנצאָליקע שאַד־כאָנים, וואָס פּלעגן קומען קיין ליסאָווע און דערציילן וועגן די אויסגעשפּילטע כאַסאַנים, האָבן זי וויניק אינטערעסירט.
אין איינעם א שאבעס, ווען דער פּאַלעסיער הארבסט האָט זיך פּלוצעם דערבארעמט און געשענקט דעם דאָרף א שטילן זוניקן וועטער, האָט האָדל פֿאָרגעלייגט דעם גאסט:
— קומט א ביסל שפּאצירן אין אונדזער וואלד.
— אינצווייען, צי עפּשער מיט ליזען און לייען?
— ניין, אינצווייען.
— איר האָט קיין מוירע ניט — אינצווייען?
— איר וועט מיך, כאָלילע, אופֿעסן?
— דאָס, מיין איך, וועט ניט געשען. נאָר וואָס ווילן מענטשן זאָגן?
ביידע זײַנען אוועק אין וואלד. דער טאָג איז געווען א ליכטיקער, א גאָלדענער. דער וואלד האָט זיי פֿארשיקערט מיט דער רויִקער סוידעסדיקײַט. דער בונטער טעפּיך פֿון הארב־סטיקע בלעטער, וואָס האָבן געשורשעט אונטער די פֿיס, האָט געשמעקט נאָך ליבער ווי אום פֿרילינג. ווען־ניט־ווען האָט א פֿארשפּעטיקט בלעטעלע זיך אראָפּגעגליטשט פֿון בוים. זיי האָבן געשמועסט, און אין בענטשיקס ריידן האָט האָדל ניט געפֿילט קיין הענדלער, וואָס זאָרגט אמיינסטן וועגן רעוועך, וועגן פּאַרנאָסע, וועגן געשעפֿט. דאָס, וואָס האָדל האָט מער פֿון אלץ פֿײַנט געהאַט. אונטערוועגנס האָט בענציע ארויסגעזאָגט א געדאנק, אז דער וואלד איז דער גרעסטער אוצער און אז עס איז א פֿארברעכן אזוי אכזאָריעסדיק אים אויסהאַקן. האָדל האָט אופֿגעהויבן אף אים אירע פֿארכידעשטע אויגן:
— איר, א וואלדהענדלער, זאָלט אזוינס זאָגן?
— וואָס כידעשט עס אײַך אזוי?
— אויב מע וועט אים ניט האַקן, מיט וואָס זשע וועט איר האנדלען?
„דאָס דאָרפֿישע מיידל, דאָס באשיידענע און, דאכט זיך, נאָך זייער יונגע באשעפֿענישל, איז גאָר ניט אזוי פּראָסט...” — האָט בענציע א טראכט געטאָן.
— איר זײַנט אוואדע גערעכט. ווי עס זאָגט דאָס באוווסטע גלײַכווערטל: וואָס טוט מען ניט צוליב פּאַרנאָסע?
— הייסט עס, צוליב פּאַרנאָסע האַקט איר אויס אזא שיינקײַט?

— איך האַק ניט...

— איר האַנדלט מיטן אויסגעהאַקטן... פון די לע־בעדיקע ביימער מאַכט איר טויט געהילץ — סלופּעס, ברעטער, שפּענער, און עס מוטשעט אײַך ניט דער געוויסן?

געוויסן... שוין וויפל יאָר, אַז בענטשיק האָט צו טאָן מיט דעם דאָזיקן איידעלן באַגריף. אין דער ווײַ־טער פאַרשיקונג האָט ער מיט זײַנע פרײַנט אַזויפיל מאָל געשמועסט וועגן געוויסן. וועגן וואָס פאַר אַ געוויסן האָט מען געקאָנט ריידן מיט די, וועלכע האָבן אים פאַרמישפּעט?

אומגעריכט האָט זיך בענטשיקן פאַרגלוסט זי אַרומנעמען, צודריקן צו דער ברוסט, הייס אַ קוש טאָן זי, די כאַכאָמע, אויסדריקן איר זײַן אַנציקונג און דאַנקבאַרקײַט.

— זײַנט איר מיך, הייסט עס, כוישעד, אַז איך בין אַ מענטש אָן אַ געוויסן?

האָדל האָט זיך ניט דערוועגט גלײַך אים ענטפערן.

— אַ מענטש אָן ספּייקעס איז ביכלאַל קיין מענטש ניט! — האָט זיך באַ איר אומגעריכט אַרויסגעכאַפּט.

— ווו האָט איר עס אויסגעלייענט אַזאַ טיפזיניקן געדאַנק?

— ס׳איז דען אַ מוז אומבאַדינגט ערגעץ־ווו אויסלייענען? און אַליין האָב איך קיין רעכט ניט צו דערטראַכטן זיך?

זי איז אים געוואָרן זייער נאָענט. דאָס זײַנען דאָך די ווערטער, וואָס בענטשיק האָט געהערט פון איינעם אַ באַיאָרטן אַרבעטער, וואָס איז פּונקט, ווי בענטשיק, פאַרשיקט געוואָרן אַף קאַטאָרגע און איז אַ שטיק צײַט אָפּגעזעסן מיט אים אין איין קאַמערע. „אַ מענטש טאָר ניט לעבן אַף אַלעם גרייטן, — האָט ער געטײַנעט, — אַף עמעצנס כעזשבן. אַ מענטש דאַרף אַליין מיטן אייגענעם מויעך דערגיין צו דעם איינציקן עמעס...”

בענציע האָט באַטראַכט דאָס מיידל פון קאָפּ ביז די פיס און, ניט ווילנדיק, פאַרגלײַכט מיט מענדל מאַגנאַטס ווײַב, סאָרען, מיט וועלכער ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקײַט אָט אַזוי פרײַ אַרומגיין און ריידן. און כאָטש זיי זײַנען גאָר פאַרשיידענע, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען ענלעך מיט זייער האַרציקײַט און אופריכטיקײַט.

— ספּייקעס, ספּייקעס קאָנען צעפרעסן דאָס האַרץ! זיכערקײַט, פעסטקײַט, גלויבן — אָט וואָס איז דער איקער!

— וועמען גלויבן? מײַן טאַטן, צי די שאַדכאָנים... צי אײַך, לעמאָשל, אַז איר זײַנט אַ וואַלדהענדלער.

— פאַרוואָס ניט?

אויב דאָס דאָרפישע מיידל האָט אים גלײַך כוישעד געווען, איז ער, זעט אויס, גאָר אַ קנאַפּער קאָנספּיראַטאָר.

— איר זײַנט אַזאַ וואַלדהענדלער, ווי איך בין אַ רעבעצן!

— נו, איז אָט וואָס, „רעבעצן”, — האָט ער איר אַרופגעלייגט די האַנט אַף דער וואַרע־מער שמאָלער פּלייצע, — הערט מיך אויס מיט קאָפּ. — און בענטשיק האָט איר דערציילט וועגן זײַן לעבן. עפּעס ענלעכס האָט האָדל געהאַט געלייענט אין איינעם אַ בוך, וואָס דער מויכער־ספאָרימניק האָט איר געגעבן. האָדל האָט אָבער ניט געקענט פאַרשטיין, אַז אַ פּאָשעטער האַר־באַרניק זאָל זײַן פייִק אַף אַזאַ אַקשאָנעסדיקן געראַנגל.

— עס גייט דאָך ניט אין דעם, אַז מיר, מיר פּערזענלעך זאָל בעסער ווערן. וועגן דעם אייגענעם שטיקל גליק זאָרגט, צום בײַשפּיל, מײַן אייגענער ברודער שנייער, צוליב אַ שטיקל פעטער קישקע, צוליב דעם ביין, וואָס דער נאָגיד וועט אים וואַרפן פון זײַן סודע. אַזוינע זײַנען גרייט זיך שטעלן אַף די קני, און איך און אַזוינע, ווי איך, טראַכטן אַנדערש.

האָדל האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי בענטשיק (איצט ווייסט זי שוין, אַז ער איז ניט מי־כאַיִל באָריסאָוו) איז אין אַ פינצטערער נאַכט געלאָפן פון דער פאַרשיקונג און ווי די זשאַנ־דאַרמען האָבן אים שיר ניט געפּאַקט.

— און איר האָט גאָרניט מוירע געהאַט? — האָט זי ריזיקירט צו פרעגן.

— איך בין דען איינער אזא?
— נו, און אויב ניט איינער?
— איינעם איז מען דרייסטער. צוליב וואָס לייקענען — די שרעק האָט אונדז באַגלייט פּוסטריט, נאָר זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט און וואַרטן אויף אַ נעס האָב איך קיין רעכט ניט געהאַט.
— מיט צונויפגעלייגטע הענט, — האָט האָדל איבערגעכאַזערט זײַנע ווערטער, — וואָס זשע וועט איר טאָן דאָ, אין ליסאָווע? צי עפּשער וועט איר זיך ווידער שטעלן צו די גזאַל־צענע ביטן אין קאַזשומיאַקי?
— אומקערן זיך קיין קאַזשומיאַקי וואָלט געוווען אָן אומזין. מע וועט מיך דאָרט פּאַקן און גלײַך מיטן עטאַפּ צוריק אָפּשיקן צו די ווײַסע בערן. איר האָט אַמאָל געזען ווײַסע בערן?
— איך ניט. און איר?
— איך אויך ניט. נאָר עס רעדט זיך אזוי — ווײַסע בערן.
אַך, ווי גוט איז אים איצט געווען אָט דאָ, אין וואַלד! די ביימער אַרום זײַנען געשטאַנען רויִקע און שווײַגנדיקע און ער האָט גערעדט! גערעדט, ווי ער וואָלט ערשט באַקומען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן די מעגלעכקײַט זיך אויסריידן דאָס האַרץ.
האָדל האָט געקוקט אויף אים און האָט געוואָלט געפונען אויף זײַן פּאָנעם עפּעס אַ שטריך, וואָס זאָל איר דערמאָנען לייען, זײַן שוועסטער.
שוין העכער אַ יאָר, אַז זי קוקט זיך צו צו לייעס גערדיכטע געקרײַזלטע האָר, צו איר פּאָ־נעם, וואָס איז באַשאָטן מיט קליינינקע זון־שפּרענקעלעך. פאַרוואָס האָט לייע זיך קיין איין מאָל ניט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן איר ברודער? מיט אזא ברודער דאַרף מען זיך ניט שעמען!
זיי האָבן נאָך לאַנג שפּאַצירט איבערן וואַלד. צו פאַרנאַכט־צו האָבן זיי זיך צעשיידט.
באַם געזעגענען זיך האָט בענטשיק געזאָגט:
— כ'מיין, אַז איר פאַרשטייט, האָדעלע, אַז וועגן דעם, וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט, וועלן וויסן נאָר מיר אינצווייען.
— מיר אינצווייען און דער וואַלד — אונדזער שטומער איידעס. איין זאַך וואָלט איך נאָר וועלן, — האָט אים האָדל דערלאַנגט איר וואַרעמע האַנט, — איר זאָלט אַ שמועס טאָן מיט מײַן טאַטן.
— צוליב וואָס?
— עפּשער וועט איר אים געבן צו פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אַרום. עפּשער וועט ער זיך כאַטש אויף אַ האָר ענדערן. אַך, ווען איר ווייסט, ווי מיר איז שווער צו לעבן מיט אים אונטער איין דאַך, עסן זײַן ברויט, און... אים פּײַנט האָבן!
— דעם אייגענעם טאַטן?
— עמעס, קיין עלטערן קלײַבט מען זיך ניט אויס! — האָט האָדל טיף אַ זיפץ געטאָן, — אַ, ווען איר ווייסט, ווי מיר איז אַ ביזאָיען פאַר זיך אַליין, וואָס איך לעב אויף יענעמס כעזשבן און טו גאָרניט. וואָס קאָן איך טאָן, וואָס דאַרף איך טאָן?
— דעריקער איז באַזוניקן דאָס אייגענע אָרט אונטער דער זון, האָדעלע. פאַרוואָס זאָלט איר, צום בײַשפּיל, ניט נעמען אויף זיך אזא בעקאָוועדיקע זאַך, ווי אויסלערנען לייענען די דאָרפישע קינדער, די אָרעמע, די קאַפּצאָנישע פּאָלישטשוקעס אײַערע, זיי וואַקסן דאָך, ווי בלינדע.
— הייסט עס, עפּענען אַ כיידער און ווערן אַ מעלאַמעד, — האָט זיך האָדל צעלאַכט.
— טוט אַ פּרוּוו, וועט איר זען, אַז דאָס איז גאָר ניט אזוי לעכערלעך, פּרוּווט!
ווען בענטשיק האָט זיך אומגעקערט פונעם שפּאַציר, האָבן די לאַזעבניקעס שוין גע־האַלטן אין מיטן וואַרמעס.
— ווו ביסטו עס אזוי לאַנג פאַרפאַלן געוואָרן?
— זיך באַקענט מיט אײַער וואַלד.
— נו, איז ער אײַך געפעלן געוואָרן, אונדזער וואַלד? — האָט ליזע געפרעגט.
— מײַן לייזער, אַלעוואַשאַלעם, איז אין אים פאַרליבט געוועזן! — האָט ציפּוירע טיף אַ זיפץ געטאָן.
— אַ שטילער וואַלד, אַ רײַכער וואַלד, — האָט בערל אויך אַרײַנגעשטעלט אַ וואָרט.
שפּעט באַנאַכט, ליגנדיק מיט לייען אויף דער ווייכער איבערבעט, האָט בערל שטיל גע־קרעכצט, געזיפצט, אַ פאַרדײַגעטער.
— וואָס איז מיט דיר? וואָס קרעכצסטו?
— איך קרעכץ ניט, איך טראַכט.

— וועגן וואָס טראַכסטו?
— וועגן דײַן ברודער.
— ער געפֿעלט דיר ניט?
— סאַראַ נאַפּקעמינע! נאָר כײַבי וואָלט ער זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער דאָרף...
— וואָס שטערט ער דיר?
— כײַבי וואָלט ער כאָטש ניט געטראָגן אָט די באָרד.
— וואָס שטערט זי דיר?
— כײַבי וואָלט ער זי אָפּגעגאָלט. זי איז דאָך בא אים, ווי אַ צוגעקלעפּטע און דאָס וואָרפֿט אָף אים אַ כשאַד.

גאַנצפֿרי האָט לייע, אופֿגיסנדיק דעם ברודער די אָנגעוואַרעמטע רעגנוואַסער, ווי צופֿע־ליק אַ זאָג געטאָן:

— וואָס דאַרפֿסטו אַזאַ שווערע באָרד, בענציע?
— זי פּאַסט מיר ניט?
— זי מאַכט דיך אַזוי אַלט און ענלעך צו אונדזער קאָזשומיאַקער גאַלעך.

בענטשיק האָט אויסגעגלײַכט דעם רוקן און זיך צעלאַכט:

— האָדל האָט מיר פּונקט דאָס זעלבע געײַצעט! די נעשאָמע, זאָגט זי, איז בא אײַך אַ יונגע און דאָס פּאָנעם, ווי איר וואָלט שוין הונדערט יאָר אָפּגעלעבט...
— האָדעלע איז אַ כאַכאָמע!

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז בענציע פּונקט אַזוי אומגעריכט אַנטרונען געוואָרן, ווי אומ־דערוואַרט ער איז געקומען אַהער, קיין ליסאָווע. ער האָט דערפֿילט, אַז בערל, זײַן שוואָגער, איז ניט איבעריקס צופֿרידן מיט זײַן אַראָפּקומען צו זײַן שוועסטער לייע. דערצו האָט אים איינער אַ שאַליִעך איבערגעגעבן אַ בריוועלע, אַז מע וואַרט אָף אים אין דער גרויסער שטאָט. בענציע האָט נאָך באַוויזן צו פֿאַרברענגען אַ פּאָר שאָ בא האָדעלען.

— איר האָט מיר אופֿגעעפֿנט מײַנע אויגן! — האָט זי שטיל געזאָגט. — און דאָס וועל איך אײַך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.

שאַבעס פֿאַרטאָג האָט בענציע פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף. לייע האָט געוואָלט פּונזײַנעטוועגן נעמען בא דער שוויגער עטלעכע רובל, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און איז אַוועק אַ גליק־לעכער, וואָס מע וואַרט דאָרט אָף אים, הייסט עס, מע האָט ניט פֿאַרגעסן אין אים!

9. בערל באַקומט אַ מעדאַל

דער שאַליִעך, וואָס האָט געבראַכט בענטשיקן דאָס בריוועלע, איז געווען אַן אונטערגע־שיקטער. ווי נאָר בענציע איז געקומען לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס, האָט מען אים געפּאַקט און אָפּגעפֿירט אין טפּיסע. די ערשטע צײַט האָט מען אַפֿילע ניט געוווּסט, ווו ער געפֿינט זיך. ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום איז באַוווּסט געוואָרן, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. פֿון טפּיסע האָט בענטשיק געשריבן, אַז ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט זיך באַקענט מיט האָדעלען. האָדעלע פֿלעגט איצט אָפּט אַרײַנגיין צו לייען, כאָטש בערל איז דערפֿון ניט צופֿרידן געווען.

— זינט דו האָסט זיך אָנגעהויבן מיט איר כאַווערן, ביסטו צו מיר קעלטער געוואָרן, — האָט ער געטײַנעט צום ווײַב.

דאָס איז געווען ניט מער, ווי אַן אָנריידעניש. לייע האָט ליב געהאַט דעם מאַן, באַזונ־דערס אַצינד, ווען זי האָט אָנגעהויבן פֿילן די קלאַפּ אונטערן האַרצן פֿון איר צווייטן זון, וועלכער האָט זיך קוים אײַנגעמאָסטעט אין איר קײַלעכדיקן בויך. בערל איז ערנסטער גע־וואָרן, פֿלעגט ניט אַזוי אָפּט פֿאַרפֿאַלן ווערן באַם מאָנאָפּאָלשטשיק. נאָר פֿאַרוואָס זשע איז ער אַזוי אופֿגעבראַכט אָף האָדעלען? עפּשער דערפֿאַר, וואָס זי האָט איצט בא די לאַזעבניקעס אין שטוב אָפּט צונויפֿגעקליבן עטלעכע פּאָלישטשוקלעך און געלערנט מיט זיי דעם אַלעפֿ־בייס, באַוויזן, ווי מע דאַרף האַלטן אַ פּען אין האַנט. לייע, וואָס איז אָפּן לעבן ניט געגאַנגען אין שול, האָט מער פֿון בערלען פֿאַרשטאַנען, ווי האָדל טוט רעכט, וואָס זי פֿילט אויס בענ־טשיקס געבאָט.

בערל האָט זיך ניט דערוואַרט ביז לייעס קימפּעט. עס איז געקומען דער באַפֿעל וועגן מאָביליזאַציע, און בערל האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו. מיטן ערשטן עשעלאָן האָט מען אים אַוועקגעפֿירט אָף דער סאַמע גרענעץ פֿון דער אומענדלעכער ראַסייע.

קימאַט אין דער זעלבער צײַט איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער צווייטער ברודער לייזער — שנײַדער, האָט זיך דערשלאָגן אַ שיפּסקאַרטע און איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע.

„וואָס זאָל איך דיר שרײַבן, טאַכטער מײַנע, — האָט האָדל געלייענט גיטל דער כאַזנטעס בריוו. — קיין גרויסן קאָוועד פון אים האָב איך ניט געהאַט, נאָר זאָל אים דאָרט אָפּגליקן אינעם גרויסן פרעמדן לאַנד. איצט בין איך געבליבן מיט מײַנע מיידלעך, ווי אַן אַלטע קאַטשקע אָפּן וואַסער...״

ביז לייעס בריוו איז דערגאַנגען צו בערלען אַף דער גרענעץ, האָט זי געבוירן איר צווייטן זון, וועלכן מע האָט אָנגערופן נאַפּטאָלע, לעקאָוועד לייעס טאַטן — דעם קאָזשומיאַקער כאַזן. אין דער נאַכט, ווען נאַפּטאָלע האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט, האָט דער טאַטע זײַנער בערל באַוויזן וווּנדער... ער האָט געפּאַקט אַ יאַפּאַנישן לאַזוטשיק, אַן אויסשפּירער, אים געבונדן די הענט, פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט אַ שמאַטע און אַף זײַנע פּלייצעס געבראַכט אים אין די פאַרמאַסקירטע אָקאָפּעס פונעם רוסישן כאַיל. דער לאַזוטשיק איז געווען אַ שווער־געפּאַקטער פאַרשויך, נאָר באַוועגלעך און פלינק, ווי אַ קאָברע. אײַנהאַלטן אים אין די הענט איז מאַמעש אומעגלעך געווען. נאָר בערל האָט אים פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט.

אין בערלס ראָטע זײַנען געווען סאָלדאַטן, וואָס האָבן געטײַנעט, אַז די מילכאָמע וועלן די רוסן פאַרשפּילן, ווײַל די קאָמאַנדשאַפט איז אַ צעפּוילטע. ס'איז גאָר אַ סוואָרע, אַז ס'איז גאַנץ גוט, וואָס מע פאַרשפּילט די קריג. וואָס איז די גוטסקײַט? זאָל מען זען, צו וואָס פאַר אַ טאַכלעס דעם קייסערס גענעראַלן האָבן דערפירט דאָס רוסישע פאָלק, און מאַכן דערפון אויספירן... שפּעטער, ווען פּאָרט־אַרטור איז געפאַלן, האָבן אַלטע בערדיקע סאָלדאַטן געוויינט, ווי קליינע קינדער.

נאָר ביז דער אומגליקלעכער פּאַסירונג מיט פּאָרט־אַרטור איז נאָך געווען ווײַט, און בערל האָט מיט לײַב־און־לעבן זיך געסטאַרעט זײַן געטרײַ זײַן שוווע. ווען דער עלטערער אונטעראָפיצער האָט דערזען בערקאָ לאַזעבניקן מיטן געפאַנגענעם אַף די פּלייצעס, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, אַרומגענומען און אויסגעשריגן:

— מאָלאָדיעץ, בערקאָ!

— ראַד סטאַראַטסיאַ! — האָט בערל מיט ווירדע געענטפערט.

דער גענעראַל, וואָס איז גראָדע געווען אַף יענעם מילכאָמע־באַצירק, האָט באַפוילן אויסשטעלן די ראָטע, אין וועלכער בערל האָט געדינט, ער האָט געהאַלטן אַ פײַערדיקע רעדע לעקאָוועד דער וואַזנסטווע און באַזונדערס געלויבט דעם ריאַדאָוואָי בערקאָ לאַזעבניק. דער גענעראַל האָט אַראָפּגענומען פון זײַן ברוסט אַ בלישטשענדיקע מעדאַל און זי אופגעהאַנגען בערלען אַף דער ברוסט. וועגן דעם אַלעמען האָט בערל דאַפקע ניט אָנגעשריבן אין זײַן בריוול צו לייען, נאָר שפּעטער, ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער ניט אופגעהערט צו דערציילן, ווי דער גענעראַל האָט אים געקושט.

אומגעריכט האָט אין ליסאָווע זיך באַוויזן לייעס כאַווערטע נאַסטיע. זי האָט געבליט, ווי אַ זומערדיקע רויז.

— מײַן מאַן, — האָט נאַסטיע זיך באַרימט, — טראָגט מיך מאַמעש אַף די הענט.

— האָסטו אים, הייסט עס, ליב, דײַן מאַן?

— אַלץ הייסט ליב!

און נאַסטיע האָט דערציילט איר כאַווערטע אַזוינס, וואָס מע דערציילט אַפילע ניט דער אייגענער מאַמע. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פון גרויס פּאַרדראָס און האַרצקלעמעניש, וואָס עס האָט איר פאַרשאַפט דעם אוריאַדניקס זינדל, איז זי גרייט געווען זיך וואַרפן פון דער בריק. נאָר אָט האָט זי כאַסענע געהאַט מיט אַן אַלמען, וואָס האָט געהאַט דרײַ קינדער. ער האָט זי אַרײַנגעבראַכט אינעם קעלער פון איינעם אַ פּירשטאַקיקן מויער, אין וועלכן ער האָט געאַרבעט אַלס הויף־צוראַמער. און זי האָט דאָ ערשט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט ליבע, כאָטש געלעבט האָט זיך איר ניט גרינג.

לייע האָט בײַ איר געפרעגט, צי האָט שוין נאַסטיע פאַרגעסן דעם אוריאַדניקס זינדל.

— איך דאַרף אים אַף קאַפּאָרעס, דעם אויסוווּרף. נאָר אַז ס'איז באַשערט, איז פרעג ניט! אין איינער אַ פינצטערער נאַכט האָט צו אונדז אין קעלער עמעצער אָנגעקלאַפּט:

— ווער איז דאָרט? — האָב איך געפרעגט.

— עפנט אויף, נאַסטיע... האָט קיין מוירע ניט. דאָס בין איך, אײַער זעמליאַק...

איך האָב אים גלײַך דערקענט.

— בענטשיק?

— נו, יאָ, בענציע, — האָט ער געזאָגט. — און דערציילט דעם רײַנעם עמעס. מע האָט זיי, אַ גאַנצע גרופּע, געפּאַקט אַף אַ געהיימער סכאָדקע. געפירט אַלעמען אין פּאָליציי־באַ־

צירק. נאָר אים איז געלונגען אַנטלויפן. ווי אַזוי ער האָט זיך דערוווּסט מײַן אַדרעס, איז פאַר מיר ביז איצט א סאָד. נאָר ווען ניט מײַן קעלער און ווען ניט מײַן מאַן, וואָלט אים זיכער שלעכט געווען, דײַן בענציען. א וואָך צײַט האָט ער זיך בא אונדז אויסבאַהאַלטן. גאַנץ מעג־לעך, אַז אַלץ וואָלט זיך פאַרענדיקט צום גוטן, דאַרף אָבער דער שלאַק אָנטראָגן מײַן אַמאָ־ליקן געליבטן, וואָס איז געוואָרן א פּאָליציייסקי. ער איז געקומען צו מיר, געוואָלט, מיר זאָלן זיך דערמאָנען די אַמאָליקע גליקלעכע צײַטן אין קאַזשומיאַקי. ער האָט מיך געפּרוּווט אַרומ־נעמען, האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשטויסן פון זיך. און כאָטש איך בין ניט פון די שוואַכינקע, איז ער דאָך געווען שטאַרקער פון מיר. ער האָט מיך א וואַלגער געטאָן אויפן טאָפּ־טשאַן. רופן צוהילף מײַן מאַן האָב איך זיך געשעמט... צוהילף איז מיר געקומען דײַן ברודער בענציע, וואָס איז געווען אינעם קליינעם צימערל בא אונדז אין קעלער.

דער פּאָליציייסקי האָט אים פּלוצעם א פרעג געטאָן: „אײַערע דאָקומענטן?..״ וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידן — ער האָט אים אָפּגעפירט אין אוטשאַסטאָק און ביזן הײַנטיקן טאָג ווייס איך ניט, ווו ער איז אַהינגעקומען.

— נו, און דײַן מאַן ווייסט וועגן דעם אַלעמען?

— מע האָט אים געשלעפּט אין פּאָליציע, געוואָלט זיך דערוויסן, ווי קומט בענטשיק צו אונדז אין שטוב. „מײַן ווײַבלס א זעמליאַק, אַן אַרבעטער פונעם לעדער־זאַוואָד.— האָט ער געענטפערט.— אירס א פּרײַנט״... „ער איז דאָך א זשידאָק!״— האָבן זיי געטײַנעט. „נו איז וואָס? בא אונדזערן א קייסער איז דאָס ווײַבל געווען א דײַטשקע.״

ביז פאַרטאָג האָט לייע ניט צוגעמאַכט קיין אויג. גאַנצפרי האָט זי געבעטן בא האָדלען, זי זאָל איר אָנשרײַבן א בריוו צו דער מאַמען קיין קאַזשומיאַקי, קעדיי זיך דערוויסן עפּעס וועגן בענטשיקן.

אין א פּאָר כאָדאָשים אַרום האָט לייע באַקומען א בריוו פון בענציען.

„מײַן טײַערע שוועסטער,— האָט ער געשריבן פון דער פאַרשיקונג.— כ׳האָב קוים דער־לעבט די כײַע שאָ, ווען איך קאָן דיר אָנשרײַבן א בריוו. ס׳הייסט, שרײַבן איז, אייגנטלעך, ניטאָ וועגן וואָס. ווען ס׳וואָלטן דאָ ניט געווען מיט מיר אַזויפיל קלוגע און פײַנע מענטשן, וואָלט עפּשער גאָר ניט קעדײַ געווען צו לעבן אויף דער וועלט. עס קומען אָן אַלץ נײַע און נײַע פאַרשיקטע, מיט וועלכע עס קאָן ניט זײַן לאַנגוויילעך. דערצו זאָלסטו, שוועסטערקע, וויסן, אַז אויב אין האַרצן לעבט כאָטש איין פונק האָפענונג, אַז מע וועט זיך ווידער באַגע־גענען, איז גרינגער איבערצוטראָגן די צעשיידונג מיט דיר, מײַן שוועסטער, און מיט יענער, וואָס איז ווערט, מע זאָל זי ליב האָבן...

ליבע! ביז אונדזער באַגעגעניש האָב איך גאָר ניט געוווּסט, אַז עס קאָן זײַן אַזאַ שטאַרק געפיל. איך וואָלט א סאַך אָפּגעגעבן, איך זאָל זיך דערוויסן, וואָס זי פילט צו מיר. איך וואָלט גליקלעך געווען, ווען איך באַקום פון איר כאָטש א קורץ בריוועלע...״

האָדל האָט קוים פאַרענדיקט לייענען דעם בריוו. דאָרטן, אין דער ווײַטער פאַרשיקונג, האָט דער טײַערער מענטש ניט געקאָנט וויסן, אַז דער ראַדאָמישליער שאַדכן האָט זיך פאַ־ראַכטאָגן שאַבעס באַוויזן בא עליע קויפמאַנען אין שטוב מיט א נײַעם כאָסן. האָדל האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דעם כאָסן האָט מען געבראַכט, ער זאָל אָנקוקן זי, האָדלען. האָדל האָט גע־מישט מיטן זילבערנעם לעפעלע די טיי, כאָטש זי האָט פאַרגעסן אַנצושיטן אין דער גלאָז צוקער, און פאַר די אויגן איז איר געשטאַנען בענטשיק. ווען מע האָט שוין געהאַלטן באַם געזעגענען זיך, האָט דער כאָסן א זאָג געטאָן צו איר.

— איר געפעלט מיר, באַרישניע!

— מע רופט מיך האָדל, און עס איז מיר אַלצייינס צי געפעל איך אײַך יאָ, צי ניט. ווײַל ניט דאָס איז דער איקער...

— וואָס זשע איז דער איקער?

— איר זאָלט מיר געפעלן.

— קאָניעשנאָ! — האָט ער אויסגעשטשירעט זײַנע פוילע ציין.

— וואָס קאָניעשנאָ?!

— סאַמאָ סאָבוי! מע האָט מיר געזאָגט, אַז איר זײַט די סאַמע אָנגעלייענטסטע פון אַלע קויפמאַנס טעכטער. איז כידעשט מיך טאַקע...

— איז זאָל אײַך ניט כידעשן.

דערמיט האָט זיך די באַקאַנטשאַפט פאַרענדיקט.

יעדער דורכגעלעבטער טאָג איז פאַר לייען געווען ווי א יאָר. פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געהאָרעוועט, געראַמט, געוואַשן. די באַבקע אוליאַנע האָט, צוקוקנדיק ווי לייע אָרודעוועט מיטן „רובעל״, געזאָגט:

— ווען איך ווייס ניט, אז דו ביסט אַ כאַזנס אַ טאָכטער, וואָלט איך געקאָנט שווערן, אַז דו ביסט אונדזערע אַ פּאָלישטשוטשקע.

— איך בין טאַקע געבוירן געוואָרן אין פּאָלעסיע!

אין דאָרף אַרײַן האָבן זיך שוין אומגעקערט עטלעכע סאָלדאַטן פֿון דער יאַפּאַנישער מילכאָמע. צווישן זיי אויך בערל לאַזעבניק מיטן זילבערנעם מעדאַל אויף דער לאַץ. מיט עפּעס אַ שטאָלץ איז איבערגעפּולט געוואָרן דאָס האַרץ בײַ לייען און אויך בײַ איר שוויגער. בלויז ליזע איז ניט אַנציקט געווען פֿון איר ברודערס באַלוינונג.

— נו, און איב דו האָסט שוין אַ מעדאַל, — האָט זי געטײַנעט, — ביסטו קליגער גע־וואָרן?!

— ס'שײַנט קליגער, — האָט בערל פֿלײַסיק אויסגעווישט די מעדאַל, — דערפֿאַר אָבער האָב איך די רעכט, ווען איך וויל, זיך באַזעצן אין קיִעוו און וווינען באַגלײַך מיט די, וועלכע מע רופֿט „קופּעץ פּערוואָי גילדיִ".

— האָבן מיר שוין, הייסט עס, אַן אייגענעם קופּעץ פּערוואָי גילדיִ אין דער מישפּאָכע...

די געפֿאַר פֿון אַריבערפֿאָרן קיין קיִעוו איז ניט געווען קיין ראַיעלע, ווײַל אַריבערפֿאָרן וואָלט מען געקאָנט, ווען ציפּוירע זאָל האָבן כאָטש עטלעכע מײַעס מעזומאָנים. רעכט צו לעבן אין קיִעוו איז נאָך ווייניק. מע דאַרף נאָך דערצו האָבן פֿון וואָס צו לעבן.

זיצנדיק בײַ דעם זודיקן סאַמאָוואַר, האָט גאַווורילע אַנטאָנאָוויטש זיך געקוויקט מיט ציפּוירעס אײַנגעמאַכטס און דערבײַ באַמערקט:

— דאָ ביסטו, בערקאָ, אַן אָנגעזעענער מענטש, מיט אַ מעדאַל. מע גיט דיר אָפּ קאָוועד. איז פֿאָלג מיך: סידי טאַי נע ריפּאַיסיאַ!

ציפּוירע איז טיף אין האַרצן מאַסקים געווען מיט איר פֿרײַנט, נאָר וואָס וועט זײַן דער טאַכלעס — מיט אַ מעדאַל, צי אָן אַ מעדאַל, וועט ער גאַנצע נעכט אָפּזיצן בײַ דעם קאָרטן־טישל מיט ניקיטע דעם מאָנאָפּאָלשטשיק, מע וועט ווידער וואַרטן, ביז אין שטוב וועט זיך באַווײַזן אַ פֿרישע קאָפּעקע... דאָס קלייטל, וואָס ציפּוירע האָט מיט גרויסע מאַטערנישן גע־עפֿנט אײַנעם וואַלד־ווינקל, האָט ניט באַרעכטיקט אירע האָפֿענונגען. צו אַלע אומגליקן האָט נאָך דער אוריאַדניק איבערגעכאַפּט בענטשיקס אַ בריוו צו לייען, אין וועלכער ער האָט גע־שריבן, אַז „גאָר אינגיכן וועט די העלע זון פֿון פֿרײַהײַט באַלויכטן דעם שוואַרצן הימל פֿון אונדזער מעדינע".

דער אוריאַדניק האָט זיך באַוויזן אין ליסאָווע און האָט זיך געגומען דערפֿרעגן, וואָס האָט ער, דער ברודער אירער, געמיינט מיט אָט די ווערטער, וואָס פֿאַר אַ פֿרײַהײַט און וואָס פֿאַר אַ שוואַרצער הימל. ס'איז נאָך גוט, וואָס בעשאַס דעם געשפּרעך איז בײַגעווען בערל מיט דער גלאַנציקער מעדאַל אויף דער ברוסט — פֿאַרט אַ ייִכעס אין דער מישפּאָכע! פֿאַרלאָזנ־דיק ציפּוירעס שטוב, האָט דער אוריאַדניק געוואָרנט די אַלמאָנע:

— פֿאַר אַזעלכע בריוו, דאַרפֿסטו וויסן, וועט מען דיך ניט גלעטן איבערן קאָפּ. בעט אים, דעם כאַכעם דײַנעם, ער זאָל מער אַזוינע בריוו ניט שרײַבן.

לייע איז גליקלעך געווען, וואָס אין דעם בריוו האָט בענציע ניט אָנגערופֿן האָדלס נאָ־מען, און אַזוי־אַרום איז אויף איר ניט געפֿאַלן קיין שום כשאַד.

אין די אַרומיקע דערפֿער האָבן זיך אָנגעהויבן אַזעלכע געשעענישן, וואָס האָבן ניט געלאָזט רוען דעם אוריאַדניק. די אָפּטע סרײַפֿעס, וואָס האָבן אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די רעדלפֿירער, האָבן איידעס געזאָגט, אַז בענטשיקס נעוויִעס זײַנען גאָר ניט אַזוי באָדנלאָז...

דער מויכערספֿאַרימניק, וואָס האָט די לעצטע צײַט זעלטן זיך באַוויזן אין ליסאָווע, האָט מוירע געהאַט, מע זאָל אים ניט באַשולדיקן, אַז ער טראָגט אַרײַן אין די דערפֿער און שטעט־לעך אַזוינע ביכלעך, וואָס קאָנען ברענגען שאָדן דער מעדינע. זײַנע ספֿאָרים זײַנען קאָשער, נאָר עליע קויפֿמאַן האָט אים בעמכילע געבעטן, ער זאָל זיך ניט דערוועגן איבערטרעטן זײַן שוועל.

פֿאַראַכטאָגן פֿרײַטיק איז כאַצקל געקומען צו די לאַזעבניקעס און האָט געבעטן, מע זאָל אים אַרויסרופֿן האָדלען. ליזע האָט אים געפֿאָלגט אַ גאַנג און אין עטלעכע מינוט אַרום גע־בראַכט מיט זיך האָדלען, וועלכע האָט געהאַלטן אונטערן פֿאַרטעך עטלעכע ביכלעך, בעפּיי־רעש קאָשערע — טורגעניעוו, טשעכאָוו און קאָראָלענקאָ. לייע האָט מיט גרויס נײַגער זיך צוגעהערט, ווי האָדל טײַנעט זיך אויס מיטן מויכערספֿאַרימניק.

— די גרויסע כמאַרע, כ'מיין די מילכאָמע, האָט זיך, דאַנקען גאָט, דורכגעטראָגן. נאָר ווער קאָן וויסן, וואָס עס וואַרט אויף אונדז?.. איר האָט דאָך זיכער געהערט וועגן דעם גרויסן בראָך, וואָס איז געשען אויף דער כאָדינקע, ווּהין מע האָט אַרויסגעפּירט טויזנטער אומשול־

דיקע מענטשן און פיל פון זיי זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן, ווי די שאָף, לעהאוודל. האלוווי וואָלט עס זיך ניט אויסגעלאָזט צו א גרעסערער גזירע...

דער מויכערספּאַרימניק האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט ניט האָבן צו טאָן מיט פּאָליטיק, זיך ניט אַרײַנמישן אין די קלאַל־איניאָנים און דאָך האָט זײַן יעדער באזוך זײַנער ברייטער געמאכט דאָס שמאָלע וועלטעלע פונעם דאָרף ליסאָווע.

נאָכן מויכערספּאַרימניקס באזוך האָט בערל אופגעהערט ריידן מיט דער שוועסטער. וויפל לייע האָט זיך ניט באמיט מאכן שאָלעם צווישן זיי, האָט עס איר ניט געהאָלפן. מע איז געזעסן באם טיש און געשוויגן, ווי פאַרביסענע סאָנים. ליזע האָט אלץ געטאָן אָף צו פאַרגרינגערן דער מוטער דאָס לעבן. זי האָט זיך געפּאָרעט בא איר מאשין, געהאָלפן אָנשאַטקעווען א דייזשקע קרויט אָף ווינטער, געאַרבעט אפן גאָרטן. בערל האָט ניט ליב געהאט די שטוב־אַרבעט. אלץ, וואָס עס פלעגט געטאָן ווערן אין שטוב, איז געטאָן געוואָרן אָן זײַן הילף. און די קינדער זײַנען זיך קיין אײַנהאָרע געוואקסן. באגלײַך מיט זיי איז געוואקסן אויך כיניעס „ווישקרעבאַק", פאַר וועלכן לייע פלעג אָפּגעבן איר מילך. לייע האָט גאָר ניט געוווּסט וועגן דעם, אז עליע קויפמאַן איז ניט צופרידן געוועזן, וואָס זײַן ווײַב מוז אָנקומען צו איר נאָך מילך. פאַר לייען איז יוזיקל געוועזן, ווי אָן אייגן קינד. קינדער, — האָט זי געטײַנעט, — זײַנען ניט שולדיק, וואָס זייערע עלטערן זײַנען, ס׳טרעפן, אזעלכע, וואָס זײַנען ניט ווערט, מע זאָל זיי אָנרופן טאטע און מאמע.

10. האָדל פאַרלאָזט די היים

בערל מיט זײַן זילבערנער מעדאל, וועלכע ער האָט געטראָגן אום שאבעס און אינדערוואָכן, האָט זיך דאפקע מיט לייען ניט געקריגט, ווי עס טרעפט בא אנדערע. ער פלעגט אָפט אונטערפײַפן א ניגנדל, א מארש, וואָס האָט זיך אים אײַנגעשניטן אין זיקאָרן, און לייע האָט געשעפּט נאכעס. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט די סאָפקעס, ערגעץ דאָרט ווײַט אין מאנטשזשוריע, ווו איר בערעלע האָט זיך אזוי אויסגעפּײַנט. אירע ברידער, — האָט זי געטראַכט, — זײַנען אויך ניט פון די זײַדענע יונגערמאַנטשיקלעך, נאָר ווי קומען זיי צו בערעלען! וועגן זײַן דרייסטקײַט האָט זי געקאָנט דערציילן עפּשער נאָך מער, ווי ער אליין. פונוואַנען האָט זי דאָס אלץ געוווּסט? ליגנדיק מיט אים אין בעט, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל איר נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דערציילן וועגן זײַן סאָלדאטישער דינסט, און בערל האָט גערן דערציילט. איצט איז שוין שווער געוועזן געגנוי פעסטצושטעלן, וואָס איז דאָרט געוועזן מער פאנטאזיע צי וואָר. לייע האָט געגלייבט זײַן יעדן וואָרט און איז זיכער געוועזן, אז ווען איר בערל טוט נאָר א ווונק, וואָלטן די שענסטע פרויען זיך געוואָרפן אין זײַנע אָרעמס. און ער האָט דאפקע ליב זי, לייען. ער קושט זי און האַלדזט זי. שווײַגנדיק, ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט? מיילע! וואָס באדאַרף זי די שיינע, זיסע ווערטער? זי פילט דען ניט אליין, ווי ער האָט זי ליב, איר בערל.

און ווײַל ער האָט זי ליב, ווי דאָס לעבן, און ווײַל די צוויי זין, וואָס זי האָט אים געבוירן, פלעגן אים פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגן, האָט זי גאָר איגניכן דערפילט, אז זי איז שוין דאָס דריטע מאָל מעביירעס. און וואָס איז דאָ דער כידעש. אז מע האָט זיך אזוי ליב, איז דאָך ניט שײַעך...

ליזעטשקע האָט דאָס גלײַך באמערקט. זיצנדיק בא דער מאשין, האָט זי זיך אָנגערופן:

— אין וויפל כאַדאָשים ארום ווערסטו אונדז באגליקן מיט א נײַעם טאכשיד?

— ווען עס וועט קומען די צײַט.

— ביסט מיסטאמע מעקאַנע אונדזער מומע כיניע?

— איך האָב ניט וואָס צו מעקאַנע זײַן! יעדערער האָט זיך זײַן מאזל.

ליזע איז שטאַרק ניט צופרידן געוועזן.

— וואָס בין איך שולדיק? — האָט זיך לייע געפרווּט פאַרענטפערן, — אלץ איז פון גאָט...

— קאַרג אָרעמעלײַט בלאָנקען אום איבער דער וועלט!

ציפּוירע האָט שוין אפילע צוגעגרייט פאַרן דריטן קינד א שיינעם נאָמען, דעם נאָמען פון איר טאטן, זיכרוינע לעווראָכע, — מע האָט אים גערופן ניט נאָר רעב מאָרדכע, נאָר מאָרדכע־צווי... צווי, — האָט זי מיט שטאָלץ דערקלערט, — הייסט הערש. ער איז טאקע געווען אָן עמעסער הערש. דער דאלעס האָט אים געיאָגט און געטריבן ערגעץ־ווו צו פאַרדינען א גראָשן. אינעם בעסמעדרעש פלעגט ער זיך אַרײַנכאַפּן איין מאָל אין א יוויול און

דאָך האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ לאַמדן. און נאָך אַ מײַלע האָט ער געהאַט — ער פֿלעגט באַ קײנעם ניט לײַען קײן גמילעסכעסעד. כ׳האָב פֿײַנט שולדיק זײַן, — פֿלעגט מאָרדכע־צווי טײַנען, — כ׳האָב פֿײַנט, ווען עמעצער האָט אָף מיר ראַכמאָנעס. דערפֿאַר אָבער האָט ער ליב געהאַט קומען צוהילף אַ צווייטן. און ניט צוליב אַ דאַנק — צוליב אַ מיצווע.

פּונקט כאַנעקע, צום צווייטן ליכטל, האָט די באָבקע אוליאַנע גענומען לײעס דריטן זון, וועלכן מע האָט אַ נאָמען געגעבן הערשל.

לײע האָט ניט אַרויסגעוויזן קײן באַזונדערע היספּײַלעס — זי איז געלעגן אָף דער ווייכער איבערבעט און געוואַרט אָף דער מאַמען, וואָס האָט געזאָלט קומען און העלפֿן איר, דער קימפּעטאָרן. און געקומען איז די מאַמע ערשט צום ברית. זי האָט געבראַכט דעם אייניקל אַ ווייכע קישן און אַ פּאָר וואַרעמע זעקעלעך, וואָס זי האָט אַליין אויסגעפּלאָכטן פֿון ווײַסן וואָל.

— ער מוז האָבן אַ פּאָר געזונטע פּיס פֿאַר אַזעלכע זאָקן! — האָט לײע געשמייכלט.

— נישקאָשע, — האָט די באָבקע אוליאַנע זי באַרוּיקט. — באַ אונדז זאָגט מען „נאַ זריסט״. וועדליק דײַן הערשקע איז אַ שרײַער, וועט ער זיכער האָבן געזונטע לאַפּאַצאַנעס.

און הערשעלע, דער נײַער פּאָלישטשוק, איז זיך געלעגן לעבן דער מאַמעס וואַרעמער זײַט. ס׳איז אים געווען פֿיל בעסער, ווי דער מאַמע זײַנער, וועלכע האָט זיך ניט געקענט באַרוּיקן, לעמײַ איר מאַן, איר בערל, איז אַזוי גלײַכגילטיק צו זײַן דריטן זון. מע האָט אָנגעצונדן דאָס אַכטע ליכטל און אין שטוב איז אָף אַ גראָשן ליכטיקער געוואָרן. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ גרויסער פֿראָסט, און דער שניי, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך געשאָטן, איז געלעגן אַנטקעגן דער לעוואָנע אַ פֿינקלדיקער, ווי עמעצער וואָלט אומיסטן פֿאַרפּוצט דעם דרויסן לעקאָוועד דעם דריטן זון און טאַקע לעקאָוועד דער גליקלעכער קימפּעטאָרן לײע.

דאָס דאָרף איז אײַנגעוויקלט געווען אין דער שנײיִקער שטילקײַט. ערגעץ אינעם וואַלדווינקל האָט אַ הײזעריקער הונט ניט אויפֿגעהערט צו בילן — מע זאָל ניט פֿאַרגעסן, אַז ליסאָווע איז אויך אַ דאָרף, און אַז ס׳איז דאָ, באַ וועמען אָפּצוהיטן דאָס גוטס און די אָרדענונג.

באַ די לאַזעבניקעס איז קײן הונט ניט געווען. אָפּטמאָל פֿלעגט פֿון אונטערן אויוון זיך אָנרופֿן אַ גריל. די באָבקע אוליאַנע האָט זיך געשווירן, אַז אַ גריל אין שטוב איז אַן אייידעס, אַז אַלץ מוז דאָ גוט זײַן. אַ גריל איז ווי אַן אומזיסטער קלעזמער אָף אַ סימכע. מע קאָן איצט ניט געני פֿעסטשטעלן, צי האָבן די גרילן באַגעגנט דעם נײַעם פּאָלישטשוק, הערשעלע, מיט אַ פֿריילעך געזאַנג, נאָר ווען די באָבקע אוליאַנע האָט גענומען באָדן דעם רויטן שרײַער, האָט זי אָף איר אויפֿן געווונטשן מיט אַ גראַם: „ער זאָל וואַקסן און ניט האָבן צו זיך קײן גלײַכן, ער זאָל שווימען, ווי אַ פֿיש אין די פּאָלעסיער טײַכן, און גאָרניט זאָל אים ניט טאָן וויי, און זינגען זאָל ער, ווי אַ סאָלאָוויי״. די באָבקע האָט אַפֿילע געהאַט אירע אן אייגענע טפֿילע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ סאַך גוטע ווינטשעוואַניעס. די גוטע מאַלאָכים האָט זי געבעטן, זיי זאָלן הערשעלען אָפּהיטן פֿון אַ גוט־אויג, פֿון אַ פֿאַרקילעכץ, און די בייזע רוכעס האָט זי געוואָרנט, אַז דאָ, אין ליסאָווע, באַזונדערס אין לײע לאַזעבניקס שטיבעלע, וועט זיך זיי ניט אײַנגעבן טאָן עפּעס שלעכטס, — זאָלן זיי זיך גײן אין זייער וועג און אויסמײַדן די קימפּעטאָרן לײע!

ליזע האָט זיך געסטאַרעט פֿאַרדינען דאָס רעכט צו אויסבאָדן דאָס קינד, עס אײַנוויגן, זינגענדיק דערבײַ אַ לידעלע, וואָס זי האָט אַליין צוגעטראַכט:

שלאָף אײַן, הערשעלע, שלאָף אײַן, טײַערער,
מאַך די אייגעלעך צו...
זאָל זיך דיר כאָלעמען אַ כאָלעם אַ ליכטיקער,
אַ ליכטיקער אַזאַ, ווי דו...

הערשעלע איז טאַקע געווען אַ ליכטיקער. די באָבקע אוליאַנע האָט געייצעט אים צוגעווינען צו פּאָשעטער שפּײַז.

— אַן עמעסער פּאָלישטשוק מוז זיך צוגעוווינען צו אַ קאַרטאָפֿליע, צו אַ זויערער אוגערקע, צו אַ שוואַרץ סעכערל.

זומערצײַט פֿלעגן די עלטערע צוויי קינדער זיך שפּילן מיטן קלענערן אין זאַמד, זיך אויסוואָזיען אַזוי, אַז אַלע אָוונט האָט מען געמוזט אויפֿזידן אַ באַניאַק וואַסער און זיי צוואָגן און באָדן. עליע קויפֿמאַנס מיידן פֿלעגן זיך אַרײַנכאַפּן צו לײען, קלײַבן נאַכעס פֿון די דרײַ כעוורע. באַזונדערס איז לײען מעקאַנע געווען מאַניע, די קאָסאָקע, וואָס וואָלט שוין אויך אַ באַלן געווען ווערן אַ מאַמע. נאָר אָפּטער פֿון אַלע פֿלעגט צו די לאַזעבניקעס קומען האָדל, קעדיי דערוויסן זיך עפּעס וועגן בענטשיקן.

אין איינעם אן ערעוו־שאַבעס האָט מען לייען געבראַכט א בריוו פון איר געוועזענער באַלעבאָסטע סאָרע.

„טײַערע און ליבע לייעלע! — האָט סאָרע געשריבן. — איך שרײַב צו דיר, ווי צו אן אייגענער שוועסטער, ווײַל קיין אנדער פרײַנט, אזא, ווי דו, האָב איך ניט. איך שרײַב צו דיר דעם בריוו, לייעלע, און אף דער קאנאַפּע שלאָפט געשמאַק אונדזער בלימעלע — זי איז שוין א גרויסע... ווען ניט זי, וואָלט איך זיך שוין לאַנג גענומען דאָס לעבן. געדענקסט, פּײַסעך פלעגן מיר קנאַקן ניסלעך און עס פלעגט טרעפן, אז גראָדע דער גרעסטער נוס איז געווען ווערעמדיק און ביטער. מענדלס געשעפטן גייען גאַנץ גוט, נאָר ווען דו ווייסט, ווי שלעכט ער איז! אפן לעדער־זאַוואָד קומען פּאָר שטרײַקן און בלוטיקע קריגערײַען. עס האָבן זיך אין די זאַלניעס ווידער באַוויזן אזוינע כעוורע, ווי דײַן בענטשיק. מע דערמאָנט אים דאָרט זייער אָפט, דײַן בענטשיק. און מענדל קאָן זײַן נאָמען ניט הערן — ער איז זיכער, אז מיר האָבן מיט בענטשיקן געשפּילט א ליבע... עפּשער ווייסטו עפּעס וועגן אים, עפּשער נײַ־טיקט ער זיך, איז גיב מיר צו וויסן, ווײַל איך אים, מיט וואָס איך קאָן, אונטערהאַלטן...״

האָדעלע האָט געלייענט דעם בריוו און ס'איז איר געווען א ביזאָיען, לעמײַ זי האָט זיך ניט דערטראַכט אַרויסשיקן בענטשיקן א פּאָר קערבלעך. ביז שפּעטער נאַכט איז מען געזעסן אײַנצווייען. ווען בערל איז געקומען און דערזען, ווי ביידע זיצן אין דער פינצטער און שווײַגן זיך, האָט ער א זאָג געטאָן:

— וועמען באַווייַנט איר עס?

— צו דיר, בערעלע, האָט עס ניט... איך האָב באַקומען א בריוו פון מײַן געוועזענער באַלעבאָסטע, און ווילכן זי פרעגט זיך נאָך אף בענטשיקן.

— וואָס קאָנסטו איר ענטפערן? — האָט בערל א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אויב זי בענקט נאָך אים אזוי, כאַפּט מען זיך צו אים אראָפּ. צי עפּשער סטײַעט איר ניט קיין געלט אפן וועג.

געזאָגט האָט ער דאָס אין א שפּאַס און האָט זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט, אז דערמיט האָט ער דערלאַנגט א שטאָך אין האָדלס האַרץ. לייענענדיק סאָרעס בריוו, האָט האָדל נאָך מער גענומען טראַכטן וועגן בענטשיקן, וואָס האָט זיך אזוי אומגעריכט אַרײַנגעריסן אין איר לעבן, אין אירע טרוימען.

האָדל האָט אף איר לעבן ניט געזען סאָרען, נאָר לויטן בריוו איז צו זען, אז זי איז ניט אף קיין קאַטאָוועס פאַרליבט אין אים. האָדל פּרוווט אָפּדערגייך מאַכן א כעזשבן און עס באַקומט זיך, אז די קאָזשומיאַקער נעגידעסטע איז שוין אין די יאָרן...

די לעוואָנע האָט געהאַלטן אין איין אַרײַנקוקן צו די קויפמאַנס אין שטוב. ס'קאָן זײַן, אז די זעלבע שטראַלן האָבן אַרײַנגעקוקט אויך דאָרט אינעם פאַרשנייטן שטיבל אין דעם ווײַטן סיבירער דערפל ספּירידאָנאָווקע, ווו עס וווינט בענטשיק. ווער ווייסט? מע זאָגט, אז איינע און די זעלבע כאַלוימעס כאַלעמען זיך די פאַרליבטע, ווען זיי זײַנען צעשיידט...

אף מאָרגן איז האָדל געקומען צו לייען, פריִער ווי געוויינלעך.

— זע נאָר, גאַנצפרי מיט דער ראָשטשינע. וואָס איז געשען?!

— כ'האָב זיך פאַרבענקט נאָך דיר, לייזעטשקע, — האָט האָדל געענטפערט.

— און איך האָב זיך שוין דערשראָקן...

— פאַר וואָס און פאַר וועמען?

— פאַר דיר... האָסט דען ניט געהערט, וואָס אין קאָזשומיאַקי טוט זיך?

— וואָס פאַר א שײַכעס האָב איך צו קאָזשומיאַקי?

— פרעג באַם סאָטסקי.

נעסטאָר דער סאָטסקי האָט זיך גראָדע נעכטן אין אָוונט אומגעקערט פון קאָזשומיאַקי, ווו ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער כאַזנטע. זי האָט אים מעכאַבעד געווען מיט א גלאָז טיי און דערציילט, וואָס אין שטעטל קומט פאָר. זי איז גליקלעך, האָט זי אים געזאָגט, וואָס דער שטרײַק אף רעב מענדלס לעדער־זאַוואָד האָט צו איר קיין שײַכעס ניט. ווען איר בענטשיק וואָלט איצט געווען אין דער היים, וואָלט מען דאָך זיכער געזאָגט, אז דאָס האָט ער אופגעוואָרט די כעוורע, וועלכע זײַנען געקומען אפן זאַוואָד און קיינעם ניט צוגעלאָזט צו דער אַרבעט. רעב מענדל האָט שיר ניט באַקומען קיין האַרצשלאַג. ער האָט געהייסן אַרויסרופן פּאָליציי. עס האָט געפעלט א האָר, אז די טשינבאַרניע זאָל אוועק מיטן פײַער, ווי א סנאָפּ טרוקענע שטרוי. ווען סאָרע איז געקומען צו לויפן אפן זאַוואָד, האָט מען זי אָפּגעשטופּט אין א זײַט:

— צו אײַך האָט עס ניט! און ער, דער בלוטצאַפּער, וועט נאָך זײַנס באַקומען!

נעסטאָר דער סאַטסקי, וואָס איז בעטעווע געווען א ווייכהארציקער און האָט ניט גע־האַלטן פון נעקאָמע, האָט דאָס מאָל געזאָגט:

— עס איז זיי שוין, זעט אויס, דערגאַן ביזן האַלדז, די הארבארניקעס...

...העכער צוויי וואָכן ליגט מענדל פרידמאַן צו בעט. העכער צוויי וואָכן דויערט דער שטרײַק. עס זײַנען דאפקע געקומען עטלעכע שטרײַקברעכער, וועלכע האָבן געוואָלט זיך שטעלן צו דער ארבעט, נאָר מע האָט זיי געוואָרנט, זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן גיין קעגן די הונדערט צוואנציק ארבעטער־שטרײַקער.

האָדעלע האָט זיך געפּרוווט פאַרשטעלן, וויאַזוי עס זעט אויס סאָרע די גווירנטע, זי וואָלט א באַלן געווען, האָדעלע, זיך באַגעגענען מיט סאָרען און אָפּנהערציק זאָגן איר:

— טראַכט ניט וועגן בענטשיקן. ער איז מײַנער און מער קיינעמס.

צו אַלץ, וואָס עס פלעגט פּאַרקומען אין די ארומיקע דערפער, האָט האָדל, פאַרשטייט זיך, קיין שײַכעס ניט געהאַט, נאָר זינט זי האָט זיך באַקאַנט מיט בענטשיקן, פלעגט זי אַלץ איבערלעבן, פונקט ווי זי וואָלט זײַן צוזאַמען מיט די „הייסע קעפּ”, וואָס צינדן אונטער די פּריצישע מאַיאָנטקעס.

די צײַט איז אַן אומראַכמאָנעסדיקע. לייע האָט אָפּט געלאָזט א טרער, אַז קיינער זאָל ניט זען. אַוואַדע וואָלט זי געוואָלט, אַז בערל זאָל זי ניט איבערלאָזן איינע אַליין אין די לאַנגע הארבסטיקע אָפּדערנאַכטן, נאָר בערל האָט זיך געטאָן זײַנס — קימאַט יעדן אָוונט האָט ער געמאַכט א קערטל באַם מאַנאַפּאָלשטשיק.

די שטוב בא די לאַזעבניקעס איז ניט גרעסער געוואָרן, דער פּאָרדינבסט אויך ניט, צו דעם, וואָס אין שטוב איז מען שוין איצט זאַלבעזיבן, האָט מען זיך גיך צוגעווינט. ליזע האָט מיט פאַרגעניגן זיך צוגעקוקט, ווי די פלינקע לייע טוט אָפּ די שטוב־ארבעט און באַ־ווײַזט נאָך קומען איר צוהילף באַם פאַרענדיקן א קליידל אָדער א קאַפּטע — צונייען די קנעפּ־לעך, אויסשלייפן די לעכלעך, אויספרעסן דאָס שטיקל ארבעט. געבענטשטע הענט בא איר!

נאָר בערל האָט באמערקט, אַז עפּעס קומט פאָר מיט זײַן לייען. וואָס באהאַלט זי דאָס אויס פון אים, וואָס איז געשען?

— האָדעלע, — האָט זי אים אין דער שטיל געזאָגט, די שוויגער און ליזעטשקע זאָלן ניט הערן. — זי פרעגט בא מיר אַן אייצע און וואָס קאָן איך איר זאָגן?! ער איז טאַקע מײַן ברו־דער, נאָר...

בערל האָט געוווּסט, אַז בענטשיק געפעלט איר, האָדעלען, ער האָט אָבער ניט געקאָנט זיך פאַרשטעלן, אַז זי איז גרייט זיך אָפּזאָגן פון איר זאַטער און ווארעמער שטוב צוליב דעם קאַטאַרזשאַן.

— וואָס זשע וויל זי פון דיר?

לייע האָט ניט געוווּסט, צי זי מעג אנטפּלעקן פאר בערלען האָדלס סאָד. ס'איז דאָך אזא ריזיקע — זיך אופהייבן און אוועקלאָזן זיך קיין סיביר צו בענטשיקן. אויב בערל וועט זיך עפּעס דערוויסן, קאָן ער זיך נאָך ארויסכאַפּן מיט א וואָרט פאַרן פעטער עליע.

— דו ווייסט דאָך, אַז האָדל האָט פײַנט דעם טאַטן אירן און די גאַנצע שטוב זיירע.

— ווי קאָן מען פײַנט האָבן אַזא מאַלכעס?! און אַן אַנדער ברײַרע האָט זי, אַף וועמענס וואָגן מע זיצט, יענעמס לידעלע זינגט מען.

— זי דאַרף ניט דעם וואָגן און וויל ניט דאָס לידל. זי כאַלעשט נאָך בענטשיקן. ס'איז, ווײַזט אויס, אַן עמעסע ליבע.

— ליבע?! וואָס איז אַזוינס ליבע? ליבע איז ניט מער, ווי אַן אויסגעטראַכטע זאַך. אָט לעבט דאָך דער פעטער עליע מיט דער מומע כיניע קנאַפּע דרײַסיק יאָר און ער קאָן זי ניט אָנקוקן.

ליבע! מענטשן האָבן עס אויסגעטראַכט און דעקן צו מיט דעם דאָזיקן וואָרט פיל פאַלש־קײַטן. מע קושט זיך, מע האַלדזט זיך, מע כאַלעשט איינער נאָכן אַנדערן, ווי, לעמאָשל, ניי־קיטע דער מאָנאָפּאָלשטשיק מיט זײַן ווײַבל, און מע קאָן זיך ניט אָנקוקן, ווי עמעסע סאָנים.

— הייסט עס, אַז איך לעב אין טאָעס? איך בין דער נאַר און דו ביסט דער גרויסער כאָ־כעם. וואָס זשע לעבסטו מיט מיר?

— א נײַע נײַס! וואָס איך לעב... עפּעס זײַנען מיר דאָך מאַן־און־ווײַב.

אין דער געשיכטע האָדל—בענטשיק האָט זיך בערל ניט געוואָלט ארײַנמישן. וואָס גייט עס אים אָן — צי וועט האָדל יאָ פאָרן צו איר געליבטן, צי ניט. אָבער לייע האָט זי ארומגע־נומען, ווי אַן אייגענע שוועסטער, און איר געזאָגט:

— פּאָר, האָדעלע, פּאָר און זײַ מאַצליַעך!

וועגן איר אָפּפאָרן האָט האָדל געזאָגט בלויז דער שוועסטער איטע, וועלכע איז איר ליר בער געווען פון דער עלטערער מאַניטשקע — דעם טאַטנס ליבלינג.

ערשט באַם שאַבעסדיקן וואַרמעס, ווען אַרום טיש האָבן זיך באַזעצט אַלע קינדער, האָט עליע אַ פרעג געטאָן:

— נו, און זי דאַרף מען באַזונדערס בעטן צום טיש?!

— טוט אַ זוך האָדעלען, — האָט כּיניע באַפוילן. — זי איז אַוודע באַ די לאַזעבניקעס.

— געוויס! — האָט זיך מאַניע אָנגערופן. — זי טאָגט און נעכטיקט דאָרט.

איטע־דריטע האָט געשוויגן. זי האָט דאָך געוווּסט דעם ריינעם עמעס.

— ווײַל מע לאָזט איר נאָך די שמאַד, — האָט עליע בייז אַ בורטשע געטאָן און זיך באַזעצט, ווי געוויינלעך, אויבנאָן.

— נו, איז וואָס זשע הייבט זיך קיינער ניט אויף? — האָט כּיניע אַ זאָג געטאָן.

— וואָס איז דאָס הייבן זיך, — האָט איטע באַשטימט מאַכן אַ סאָף צו די רייד, — זי איז שוין איצט גאָר־גאָר ווײַט פונדאַנען...

— וואָס פּלוידערסטו?

— זי איז אַוועקגעפאָרן צו איר כאָסן.

— וואָס פאַר אַ כאָסן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר?!

דער שאַבעסדיקער וואַרמעס איז מיטאָמאָל פאַרשטערט געוואָרן. עליע האָט מיט קאַס און רעציכע געקוקט אַף כּיניען, ווײַל ווער נאָך, כּוץ איר, איז שולדיק אין אַלץ? כּיניע, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט, אַז אָט באַלד וועט עליע, איר מאַן, אופהייבן אַף איר אַ בענקל און איר דורכלעכערן דעם קאָפּ, האָט זיך אָפּגערוקט פון דער וואַנט. דאָס קליינוואַרג האָט ניט געוווּסט — זיצן באַם טיש צי עפּשער גאָר צעלויפן זיך, ווײַל עס איז שוין ניט איין מאָל געווען אַזוי — טאַטע־מאַמע קריגן זיך און די קינדער באַקומען אומזיסטע שמיץ.

— פונוואַנען ווייסטו, אַז זי איז גראַדע צו אים אַוועקגעפאָרן? פונוואַנען ווייסטו?

— מיגאַסטאַמע ווייסט זי, אויב זי זאָגט.

— איז אויב דו האָסט געוווּסט, וואָס זשע האָסטו געשוויגן?

— וואָס גייט עס מיר אָן? — האָט איטע אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל. — זאָלן אַפּילע אַלע צעלויפן זיך. געזונטערהייט! ווען איך האָב צו וועמען, וואָלט איך אויך אַנטלאָפן.

— צום טיש! — האָט עליע ווידער אַ געשריי געטאָן. — איין פאַרשיווע שאַף קאָן ניט קאַליע מאַכן קיין גאַנצע טשערעדע!

מע איז געזעסן אין געהאַקטע ווונדן, ניט דערוועגט זיך אויסריידן אַ וואָרט, נאָר עליע דעם קיַסן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז צו טומלדיק, האָט ער פּלוצעם אויסגעשריגן:

— און שטיל זאָל מיר זײַן! און קיין פּיפּס זאָל איך ניט הערן! און איר טרייפער נאָמען זאָל אין מײַן שטוב ניט דערמאָנט ווערן!

ווען מע האָט שוין פאַרענדיקט מיטן וואַרמעס, און מאַניטשקע האָט צונויפגענומען דאָס געפּעס, האָט עליע, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין, קרעכצנדיק, אַרויסגעבראַכט:

— ס'איז אַוודע איר שטיקל אַרבעט...

— וועמעס? — האָט כּיניע אויסגעגלאָצט אַף אים אירע פאַרוויינטע אויגן.

— דער רויטערס! דאָס האָט זי, אַוודע, אײַנגערעדט האָדלען, זי זאָל זיך לאָזן אין אויסריַסעניש צו איר ברודער, דעם גאַנעוו.

— הער אויף, טאַטע, הער אויף! — האָט זיך איטע געבעטן, — וואָס פאַר אַ גאַנעוו איז ער?! ווי עפּנט זיך באַ דיר דאָס מויל, טאַטע?!

עליע איז אַוועק צו זיך אין טונקעלן שלאָפצימער. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער די מינוט זיך געלאָזט צו די לאַזעבניקעס. ער וואָלט לייען אויסגעפּליקט אירע רויטע צעפּ. אָ, ער וואָלט זיך דערוווּסט, באַ דער רויטער מאַכשייפע, באַ דער דינסט — איצט איז דאָס שוין ניט קיין סאָד, מע ווייסט שוין, אין וואָס פאַר אַן אויסריַסעניש האָט לייע אָפּגע־שיקט זײַן טאָכטער.

נאָר ניט אַזאַ איז ער, דער נאָגיד, דער קלייטניק, דער קיַסן. ער וועט דער רויטער ניט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן, זיך ניט שמירן דאָס פּאָנעם פאַר איר.

ס'הייסט, ווען עליע קומט צו לייען אין שטוב, וואָלט זי אים מיט די ווערטער פון דער באַוווּסטער ליד געזאָגט: „צו קיין ליבע טאָר מען זיך ניט מישן!..“

גלײַך נאָכן פאַרשאָלטענעם וואַרמעס איז צו די לאַזעבניקעס געקומען איטע. זי האָט צונויפגעלייגט אירע פּוכקע הענטלעך און אַ זאָג געטאָן מיט אַ קרעכץ:

— איר האָט שוין געהערט וועגן אונדזער גרויסן אומגליק?

11. זיך אויסגעמיטן

אין איינעם א שיינעם פֿאַרטאָג איז האָדל אַנטרינען געוואָרן. לייע האָט איר מיטגעגעבן נאַסטיעס אַדרעס, אַז דאָס מיידל זאָל האָבן וווּהין צו פֿאַרפֿאָרן, איידער זי וועט זיך לאָזן אַף צאַפֿן, אינעם פֿאַרשנייטן דאָרף ספּירידאָנאָוואָקע.

נאַסטיע האָט באַגעגנט דאָס ליסאָוואָער מיידל מיט אָפֿענע אָרעמס, און האָדל האָט פֿאַר איר גלײַך אַרויסגעלייגט דעם גאַנצן עמעס — ווער און וואָס זי איז, וווּהין עס טראָגט זי דער גורל. שפּעט באַנאַכט, ווען מע איז צוזאַמען געלעגן אַף נאַסטיעס געלעגער, האָט זיך נאַסטיע דערמאָנט אין לייעס געוועזענער באַלעבאָסטע — סאָרע, מענדל פֿרידמאַנס ווײַב.

דערהערט דעם נאָמען סאָרע, איז האָדל פֿאַרציטערט געוואָרן.

סאָרע, וועלכע האָט אין דעם בריוו צו לייען, אײַגנטלעך, אַנטפּלעקט איר געפֿיל צו בענטשיקן, איז דאָך איר ניט קיין סוינע. זי איז פּאַשעט אַן אומגליקלעכע פֿרוי, אַן איינזאַמע אין איר גאָלדענער שטײַג, און דאָס איינציקע ליכטיקע שטערנדל האָט זיך אָנגעצונדן ערשט אַצינד, ווען זי האָט זיך פּלוצעם דערוווּסט, אַז עס זײַנען, כּלומרשט, איר מענדלען, וועלכער האָט פֿאַרשוואַרצט איר לעבן, פֿאַראַן אַזוינע, ווי בענטשיק.

— דו האָסט זי כאָטש איין מאָל געזען, די פֿרידמאַניכע, די נעגידעסטע? — האָט נאַסטיע געפֿרעגט.

— קיינמאָל ניט.

— זייער א פֿײַנע! מיר האָבן געלעבט בישכיינעס...

— ווי אַלט איז זי? — האָט האָדל זיך געוואָלט דערקונדיקן.

— סאָרא נאַפּקעמינע — וויפֿל?! איר מערדער, מענדל פֿרידמאַן, איז אין פֿאַרגלײַך מיט איר אַן אַלטער דיד. דערפֿאַר טאַקע איז לייטשקעס בּרודער איר אַזוי צום האַרצן... נאָר זי איז שוין אויך ניט קיין קינד — אַן אומגליקלעכע מאַמע. ניין, ניין, זיי זײַנען קיין פּאָר ניט! האָדל האָט ניט געוווּסט, ווי צו באַדאַנקען די פּאַשעטע פֿרוי פֿאַר אָט די טרייסט־ווערטער אירע.

— נו, און דיר האָט ער פֿון דאָרטן געשריבן? דיך גערופֿן צו זיך?

— וואָס רעדסטו, טײַערינקע נאַסטיע?! געשריבן האָט ער צו זײַן שוועסטער, צו לייען. נאָר וואָס האָט עס פֿאַר א באַדײַטונג?! און וואָס טויגן מיר בריוו, אַז איך האָב אים געזען, גערעדט מיט אים און זיך פֿאַרליבט, נאָך עפּשער מער, ווי דײַן כאַווערטע לייע אין איר בערעלען.

— פֿאַרליבט! לייע מיינט נאָך אַלץ, אַז זי איז פֿאַרליבט אין איר קראַסאָוועץ. עס דאַכט זיך איר מער, ווי דאָס איז. זי איז פּאַשעט גליקלעך, וואָס זי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון אונדזער איפּעשדיקן קאַזשומיאַקי. פֿרוּוו מיט איר ריידן אַצינד, וועסטו הערן, וואָס זי וועט זאָגן.

— וואָס איז דאָס ריידן? — האָט האָדל באַמערקט, — מע זעט דען ניט? איצט, ווען זי האָט אים שוין געבווירן דרײַ זין — איינער שענער פֿונעם אַנדערן, איז צו איר גליק קיין גלײַכנס ניט פֿאַראַן. לייע איז פּאַשעט פֿאַרבלענדט. פּרוּוו איר זאָגן א שלעכט וואָרט וועגן איר בע־רעלען, וועט זי דיר אויסדראַפּען די אויגן!

— און ער?

— ער? ער שפּילט אין קאָרטן, שפּיגלט זיך אין זײַן מעדאַל, רייכערט א שמעקנדיקן פּאַפּיראָס, פֿאַרדרייט די וואָנצעס און לעבט א גוטן טאָג. צוויי מײַנע שוועסטער זײַנען פֿאַר־ליבט אין אים.

— און דו?

— מיר איז ער קיינמאָל ניט געפֿעלן געווען. מיר זײַנען צום האַרצן אַזעלכע...

— ווי לייעס בּרודער בענטשיק, — האָט זיך נאַסטיע אַרויסגעכאַפּט.

א פֿאַרמאַטערטע פֿון א גאַנצן טאָג אַרבעט, איז נאַסטיע אינגיכן אײַנגעשלאָפֿן. האָדל אָבער איז נאָך לאַנג געלעגן מיט אָפֿענע אויגן. איר האָט וויי געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר איר טאַטן און באַזונדערס פֿאַר דער מאַמע — סאָפֿקאָלסאָף, זײַנען זיי דאָך אירע עלטערן. נאָר דער געדאַנק, אַז אינעם אומבאַקאַנטן דאָרף ספּירידאָנאָווקע מאַטערט זיך אין פֿאַרשיקונג איר בענטשיק, וועלכער ווייסט אַפֿילע ניט וועגן איר אופֿטו, דער געדאַנק, אַז זי וועט אים אינגיכן זען, האָט איבערגעוווגן.

„עפּשער געדאַרפֿט געוווּן אים קלאַפּן א טעלעגראַם, — האָט האָדל א טראַכט געטאָן און גלײַך זיך אַליין דערווידערט, — ניין! זאָל דאָס זײַן אומגעריכט, ווי א כאַלעם." זי האָט זיך געפֿרוווּט און ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, ווי דאָס וועט פּאַרקומען, ווי ער וועט זי באַגעגענען.

גאנצפרי האָט זיך דער ערשטער אופגעכאַפּט נאַסטיעס מאַן, אַנטאָן. מיט אַ כאַליעווע פון אַן אַלטן שטיוול האָט ער צעבלאָזן דעם בײַכיקן סאַמאָוואַר, פאַרפאַרעט דעם טשײַניק מיט שמעקנדיקער וויסאָצקי־טיי, וואָס נאַסטיע פלעג האַלטן אין אַ גרויסער אײַזערנער פושקע. אויפן אייוועלע האָט שוין געזאָטן אַ קליין טשוהונען טעפּל מיט קאַרטאָפּל. אויפן טיש האָט אַנטאָן אוועקגעשטעלט אַ שיסל מיט געזײַערטע אוגערקעס און אַ פלעשל בראַנפן — נאַסטיע פלעגט אים אַליין אָנטאָן דעם פאַרגעניגן און אַרײַנבערענגען אין שטוב דעם ביטערן טראָפּן, ער זאָל פאַרשפּאָרן זוכן זיך אַ קאָמפּאַניע.

ווען מע איז שוין געזעסן באַם הויכן טיש, וואָס איז געווען צוליב דעם אומגעריכטן גאַסט פאַרשפּרייט מיט אַן אויסגענייט סערוועטל, האָט אַנטאָן, מײַסטע־באַלעבאָס, זיך דערלויבט פאַר־פירן אַ געשפּרעך מיט האָדלען, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג באַקענט געווען.

— האָסט כאָטש געגומען מיט זיך אַ וואַרעמע שאַל? און פוישטן?

— דאַפקע ניט! — האָט האָדל אַ ליבן שמייכל געטאָן, — קיין צײַט ניט געהאַט וועגן דעם אַ טראַכט צו טאָן! איך בין אַוועק פון דער היים אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן. קיינער האָט דאָך ניט געטאָרט וויסן וועגן מײַן נעסיע. כ׳מיין, אַז מע קאָן דאָס אַלץ אײַנקויפן.

— פאַר געלט, פאַרשטייט זיך, קאָן מען אַלץ קויפן.

— נו, געלט קער זי, מיסטאָמע, האָבן! — האָט נאַסטיע געפּרוווט באַרויִקן אַנטאָנען.

— וואָס איז שײַעך?.. — האָט האָדל אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר גוטע אויגן אויף נאַסטיעס מאַן, — אַ ביסל ווייניקער ווי בײַ מײַן טאַטן. נאָר, כ׳מיין, אַז עס וועט מיר סטײַען אויף צו דער־קלײַבן זיך אהין, און דאָרט וועט מען זיך שוין אַן אײַצע געבן.

דער בלײַענער הימל איז געהאַנגען איבער די פּאַרטאַגיקע גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, ווי אַ בייזע דראָונג — אָט־אָט וועט ווערן אָפּדערעמעסן קאַלט, ווי עס פּאַסט פאַר נאָיאַבער. אַנטאָן איז גערעכט, — האָט האָדל געטראַכט, שפּאַנענדיק איבער דער גאַס. — אָן וואַרעמע זאַכן וועט מען ניט קאָנען זיך באַגיין.

דער צוג, מיט וועלכן זי האָט אין אַ שאָ אַרום געדאַרפט אוועקפאָרן, איז שוין געשטאַנען אויף דער סטאַנציע. אויפן פעראָן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען מענטשן, אַלע האָבן, מינאַר־סטאַם, געוווסט, וווהין זיי פאָרן, נאָר זי, האָדל, איז ענלעך געווען אויף אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, וואָס ווייסט ניט, וווהין זיך צו ווענדן.

אַ פאַרסאַפּעטע איז געקומען צו לויפן נאַסטיע. זי האָט צווישן אוילעם פלינק אָפּגעזוכט איר באַנאַכטיקן גאַסט.

— נאָ! — האָט זי איר אַ שטעק געטאָן אַ פּאָר פוישטן, פאַרוויקלט אין אַ פּילקעלע, — אַליין האָב איך ניט פאַרשטאַנען, — סאַראַ בעהיימע איך בין! דאָס האָט ער, מײַן אַנטאָן, מיר באַפוילן: לויף, דעריאָג זי! זי וועט דאָך אין וועג אומקומען. נעם, נעם, טײַערע!

האָדל האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַראַקשענען זיך האָט קיין זין ניט. און זי האָט גענומען דאָס פעסט אײַנגעבונדענע פּעקעלע.

— אַ דאַנק אײַך, נאַסטינקע!

— דאַנקען דאַרפסטו אים, מײַן אַנטאָנען.

— ער האָט, קענטיק, אַ גוט האַרץ, דײַן אַנטאָן...

— וואָס איז שײַעך, אַ רוסיש האַרץ... ערגעץ, אין אויסרײַסעניש, אין סיביר, איז דאָך אויך זײַנער אַ סוואַיאַק, אַ קאַרעווו, הייסט עס. שוין העכער דרײַ יאָר, אַז ער מאַטערט זיך דאָרט.

דער אוילעם איז געדיכטער געוואָרן. אויפן פעראָן האָבן זיך באַוויזן צווי הויכע פּאָליצי־אַנטן אין ווינטערדיקע היטלען מיט רויטע דענעקעס, פּונקט ווי בײַ דעם פּאָליציאַנט, וואָס האָט אַמאָל געפּרוווט שפּילן אַ ליבע מיט נאַסטיען.

האָדל האָט אַ דערשראָקענע אויסגעגלאָצט די אויגן, נאָר נאַסטיע האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט:

— קוק ניט אין זייער זײַט. דו דאַרפסט זיי אויף קאַפּאַרעס!

— וואָס שנאָרען זיי דאָ? און וועמען זוכן זיי?

— צו דיר קער זיך עס ניט אָן, זאָלן זיי זיך גיין.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז האָדל שוין געשטאַנען באַם הויכן טרעפּל פונעם שלאָף־וואַגאָן. זי האָט באַוויזן איר בילעט און איז פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקײַט פונעם סאַלאָן. דאָס מיידל האָט זיך אײַנגעמאָסטעט לעבן פענצטער און געגומען קוקן אויפן פעראָן, ווו עס איז געשטאַנען אין איר לאַנגן גרויען מאַנטל לייעס אַמאָליקע כאַווערטע, וועלכע איז איצט שוין געוואָרן אויך האָדלען אייגענער פון איר שוועסטער.

מאניע די קאָסאָקע האָט זיך געסטאַרעט ווי וויַט מעגלעך באַרויִקן דעם טאַטן, וואָס איז געווען אופגעבראַכט אַף לייען: זי, לייע, איז ער זיכער געווען, איז שולדיק אין זייַן גרויסן אומגליק. דאָס האָט זי איַינגערעדט האָדלען, זי זאָל אוועק צו איר ברודער, וועלכער איז אוואַדע ניט אומזיסט פאַרשיקט אין די וויַטע מעקוימעס.

כיניע האָט אים געפּרוווט איַינריידן, אַז אַלץ וועט זיַין גוט, אַז זייער האָדל איז שוין ניט קיין קליין קינד. געוויס וואָלט מען באַדאַרפט עפּעס טאָן, נאָר וואָס? סיַידן מעלדן אין וואָ־לאָסט, אַז די טאָכטער איז פאַרפאַלן געוואָרן און זאָל מען זי זוכן און מיטן עטאַפּ ברענגען צוריק אהיים?

— ווילסט מיט די אייגענע הענט אָנטאָן אַף איר אַרעסטאַנטסקע קייטן? וואָס פאַר א טאַטע טוט עס? ביסט מעשוגע, צי כאַסערדייע?!

— איז עפשער...

— וואָס עפשער און ווער עפשער?!

— טו, עפשער, א שמועס מיט דער רויטער...

זינט לייע לעבט אין ליסאָווע, האָט עליע קופּמאַן ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון ציפּירעס שטוב. דאָס לעצטע מאָל איז ער געווען בא די לאַזעבניקעס, ווען לייזער דער קאַ־סיר איז געשטאָרבן. קיינער האָט ניט געוווּסט די סיבע פון זייער רויגעז. ציפּירע איז געווען א שטאָלצע ייִדענע און האָט ניט געוואָלט אָנקומען צו דעם אופּגעקומענעם גוויר. עליע קופּ־מאַן האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דייע און האָט דאָך באַשלאָסן א שמועס טאָן מיט דער רויטער אויג אַף אויג וועגן זיַין צאָרע.

עליע האָט גענומען זיַין אַלטן שירעם, אַריַין אין די נייַע טיפע קאַלאָשן און זיך געלאָזט צום צווייטן עק דאָרף, צו די לאַזעבניקעס.

דער אומגעריכטער באַזוך האָט בעפּיירעש פאַרכידעשט ציפּירען, נאָר זי האָט זיך גע־סטאַרעט ניט אַרויסוויַיזן דאָס. ליזעטשקע, אָבער, האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן, זיך אפילע אַרויסגעכאַפּט מיט א שטעכוואָרט:

— זע נאָר, — דער פעטער עליע! ווי קומט עס, און וואָס זאָל דאָס באַדיַיטן?!

— שפּרינג ניט אין פּאָנעם, ציגן! — האָט עליע אופגעהויבן אַף איר זיַין שיטער בערדל.

— זיצט, פעטער עליע, — האָט לייע אים דערלאַנגט א בענקל און עס פּליַיסיק אויסגע־ווישט מיט א ריינעם האַנטעך. — גיט אַהער דעם זאָנטיק. אָט־אַ־דאָ, נעבן דער הרובע, וועט ער גיכער טרוקן ווערן.

לייע האָט מיט די פינגער פאַרשאַרט די געקריַיזלטע האָר. און וויַל זי האָט גוט פאַר־שטאַנען, צוליב וואָס דער רייַכער פעטער איז פּלוצעם געקומען, האָט זי זיך געסטאַרעט זיַין באַזונדערס העפלעך.

— האָסט שוין אוואַדע געהערט, וואָס פאַר א שפּיצל מיַין האָדעלע האָט מיר אָפּגעטאָן?

— געהערט, געהערט, וואָס זשע, ס'איז אזא סאַד?!

— ווער האָט עס דיר דערציילט?

ס'שיַיעך ווער? נעסטאָר, דער סאָטסקי.

— דער סאָטסקי?

— ער ווייסט בא אונדז פון אַלע שווערע הערצער, דער סאָטסקי...

— האָט ער, הייסט עס, געוווּסט?

— זיי זיַינען שוין א שאָק מיט יאָרן באַפריַינדעט, — האָט זיך ליזעטשקע אַריַינגע־מישט, — ער האָט ליב געהאַט זיך דערפרעגן בא איר, וואָס אין די ביכער שטייט געשריבן, אליין איז ער דאָך א קיַילעכדיקער אמהאָרעץ.

— האָט ער, הייסט עס, געוווּסט און האָט געשוויגן. נו, און איר, איר אַלע, מיַינע טיַירע קרוויווים, איר האָט אויך געוווּסט?

— זי האָט דערפון ניט געמאַכט קיין סאָד, — האָט זיך ציפּירע אָנגערופן. — זי איז בא דיר ניט פון די פאַרשטעלטע פּרינצעסעס.

— איז עפשער ווייסט איר, וווהין איז זי אַנטלאָפן?

דאָ מאַמע פון דריַי קינדער, א פרוי, וועלכע וואַרט אַפן פערטן קינד, האָט לייע אים בעפּיירעש מיטגעפילט. ער איז דאָך פאָרט א טאַטע, און די סאַמע אויסגעשפּילטע טאָכטער איז אוועק פון אים אָן א זיַי־געזונט. וואָס פאַר א פּאָנעם וועט ער האָבן צווישן מענטשן, ער, דער ליסאָווער נאַגיד.

— האָט איר, הייסט עס, וועגן דעם אַלעמען געוווּסט, — האָט דער גאַסט מיט א ווייטעק־דיקן קרעכץ איבערגעכאַזערט. — און צו וועמען איז זי אוועק ווייסט איר אויך?

— וואָס זשעו! איר אליין שטויסט זיך ניט אָן?!

— אוואדע צו דײַן פּײַנעם ברודער? דאָס האָט ער דאָך איר פאַרדרייט דעם קאָפּ.

ציפּוירע האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט וועגן האָדלס ראָמאַן מיט בענטשיקן, זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז אָט דאָס שטילע מיידל זאָל זײַן פעיִק אַף אזא זאַך. זי האָט געקוקט אַף איר וויַיטן קאַרעוו און האָט דערבײַ געטראַכט: דער הונט איז ווערט דעם שטעקן!

עס האָט זיך ברייט אָן עפן געטאָן די טיר און עס איז אַרײַנגעקומען בערל. דערזעון דעם פעטער עליע, האָט ער זיך פאַרכידעשט. וואָס דאַרף באַדײַטן אָט דער פּלוצעמדיקער באַזוך?

— זי האָט כאָטש זיך געזעגנט מיט אײַך? — האָט דער פעטער עליע געפרעגט, באַטראַכטנדיק דעם אַרײַנגעקומענעם מיט א בייזן בליק.

— נאָר מיט מיר, — האָט לייע געענטפערט מיט ווירדע.

— אזוי די מײַסע! מיט דיר יאָ, און מיטן נאַרישן טאַטן — ניט. און ווו האָט זי גענומען זײַן אַדרעס?

— בא מיר, פאַרשטייט זיך! איך קאָן אים אויך אײַך פאַרטרויען, — ס׳איז ניט קיין סאָד... נאָר צו וואָס טויג עס אײַך, איר וועט איר נאָכפאָרן?

— נו, און וואָס וועסטו דערוף זאָגן, מײַן טײַערער פּלעמעניק?

— איך? — האָט בערל געשמייכלט, — יאַקע איכאַלאָ — טאַקע סדיבאַלאָ! — איר האָט דאָך זי אויסגעכאָוועט, זי איז דאָך אײַער בלוט און פלייש.

בלוט און פלייש... אָך, ווען א מענטש באַשטייט נאָר פון בלוט און פלייש! נו, און ווו איז די נעשאָמע? דער ווייטעק פון דער נעשאָמע איז טויזנט מאָל שאַרפער...

עליע קויפמאַן האָט פּלוצעם פאַרשטאַנען, אז אַלע ווייטעקן זײַנען גאָרניט ווערט אין פאַרגלײַך מיט זײַן ווייטעק, מיט זײַן כאַרפע — דאָס שענסטע קינד האָט אים אָפּגעטאָן אזא זאַך!

עליע האָט זיך דאָ לאַנג ניט פאַרהאַלטן. ער האָט אפילע ניט גענומען דעם אַדרעס, האָדלעס. דעם וועג פון ציפּוירע לאַזעבניקס שטוב צו דעם פּײַנעם מויער אַפן באַרג, ווו עס האָט זיך דעם אָוונט געקאָכט, ווי אין א קעסל, איז עליע קויפמאַן דורכגעפלויגן, ווי א פויגל אַנטקעגן ווינט. דער נאַגיד, רעב עליע, פאַר וועלכן דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט מוירע געהאַט אויסריידן א הויך וואָרט, איז הײַנט געוועזן אזוי אופגעבראַכט, אז קײנער האָט זיך ניט דערוועגט זיך ווײַזן פאַר זײַנע אויגן.

ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אינעם שלאָפצימער, און די טעכטער האָבן זיך געסטאַרעט אַרומגיין אַף די שפּיצפינגער — פּונקט ווי אין שטוב וואָלט געלעגן א מעס, אזוי איז דאָ שטיל געווען, ביז עס האָט זיך ניט אַרײַנגעשטעלט נעסטאָר דער סאָטסקי. ער האָט, ווי געוויינלעך, אויסגעווישט מיט זײַן שטיקל סאַמעט די אָנגעוועקסלטע שטיוול. דער געמיש פון שניי און רעגן האָט אים ניט געשטערט צו האַלטן זײַנע שטיוול — עפּשער די שענסטע אין ליסאָווע — אין דער בעסטער אָרדענונג. עפּעס איז ער דאָך דער איינציקער פאַרשטייער פון דער מאַכט, א מעלוכישער מענטש, א נאַטשאַלניק! ער איז אַרײַנגעגאַנגען, אַראָפּגענומען זײַן קײַלעכדיק היטעלע און א זאָג געטאָן:

— וואָס איז עס בא אײַך אזוי שטיל?

— דער באַלעבאָס האָט זיך צוגעשפּאַרט א ביסל — כאַפּט א דרעמל.

— א שאָד, א שאָד...

— עפּשער דאַרפט איר עפּעס, פּאַני סאָטסקי? זאָגט, איך בעט אײַך, איך וועל אײַך פאַרקויפן, — האָט אים דערלאַנגט א שטול די עלטסטע, מאַניעטשקע. איר האָט דער פאָטער פאַרטרויט די קראָם. איר און ניט דעם ווײַב.

— ניין, מאַניעטשקע, איך דאַרף גאָרניט. געוואָלט זיך א ביסל דורכשמועסן. כ׳האָב געפרוווט ריידן מיט ניקיטא דעם מאַנאַפּאָלשטשיק, איז ער אזוי פאַרטיפט אין די קאָרטן... ווי ווערט עס אים ניט נימעס, אָט דאָס שפּילן! מע זיצט ביז פאַרטאָג, אי ער, אי זײַן ווײַבל, אי דעם קאַסירס זינדל — כ׳מיין בערקאָ. דאַכט זיך, ניט קיין שפּעטנער באָכער — שוין א טאַטע פון דרײַ קינדער.

— דרײַ? — האָט זיך מאַניע מיט א שטאָך אָנגערופן, — מע וואָלט שוין אַף א פערטן! דערוף דאַרף מען קיין איבעריקן סייכל ניט...

— עפּשער וועט איר בא אונדז אויסטרינקען א גלעזל טיי, — האָט כיניע צוניפגעלייגט אירע גראָבע הענט אַפן גרויסן בויך.

— א דאנק. נאַרוואָס זיך אָנגעזשליאָקעט באַ ציפּען. איר שנור באַקט אַזוינע געשמאַקע פּלעצעלעך, זיי צעגייען זיך מאַמעש אין מויל! א ווילע מאַלאַדיעטשקע, אַט די רויטע לייע, אָן עמעסע גאָטס נעשאָמע, א שטילע, א בעניִמעסע...

פונעם שלאָפּצימער האָט זיך באַוויזן עליע. אפן קאָפּ איז באַ אים געווען א פּיַיכטער האַנטעך, דאָס פּאָנעם בלייך, אויסגעצערט, די אויגן אָנגעגאָסן. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם סאָטסקי די האַנט און שטיל געפרעגט:

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט, פּאַני סאָטסקי?

— געוואָלט זיך א ביסל דורכשמועסן מיט א קלוגן מענטשן, נאָר ווערדליק איך זע, ביסטו, עליע, ניט מיט אַלעמען. עס טרעפט, עס טְרעפּט, באַזונדערס אין אַזוינע רעגנדיקע טעג. בעסער וואָלט שוין געוומען א פּראָסט!

עליע האָט א טיפן זיפץ געטאָן, — א פּראָסט. דאָרט, ווו זײַן האָדל איז אוועקגעפאָרן, איז שוין זיכער אַן עמעסער, א קאַטאָרזשאַנסקע פּראָסט, און זי האָט זיך דאָך געלאָזט אין א לײַכט פּאַלטעכל, אין א פּאָר זומערדיקע שיכעלעך. כײַבי וואָלט זי דאָס אָפּגעטאָן אין טאַמעז. כאָטש אַז מע וויל צוריק, איז שוין פאַר אים אַלציינס טאַמעז, שוואָט, צי אָדער.

עליע האָט זיך צוגעזעצט צום גרויסן קײַלעכדיקן טיש, געבעטן אים דערלאַנגען א גלאָז טיי. עפּשער ווייסט ער עפּעס וועגן איר, וועגן זײַן האָדל? עפּשער האָט מען זי שוין געפּאַקט נאָך איידער זי האָט זיך אַרײַנגעזעצט אינעם צוג? — האָט עליע א טראַכט געטאָן.

און פּונקט ווי דער סאָטסקי וואָלט דערפילט, וועגן וואָס עס טראַכט דער פאַרדײַגעטער באַלעבאָס, האָט ער פּלוצעם א פרעג געטאָן:

— נו, און ווו איז אײַער כאַכאָמע־האָדעלע, עפּעס זע איך זי ניט.

— האָסט זיך פאַרבענקט נאָך איר? — האָט כיניע אים דערלאַנגט א זילבערן בעכערל מיט איר, כיניעס, געשמאַקן ווישניק. — טרינק אויס פאַר איר געזונט!

— וואָס זשע מײַנסטו — טאַקע פאַרבענקט, כיניאַ! זי האָט דאָך באַ דיר א מיניסטערשן קאָפּ. אַז וויל וועט זײַן צו דעם, ווער עס וועט אַרײַנפאַלן אין אירע הענט.

קעדיי איבערפירן דעם געשפּרעך פון דער ניט־געוווּנטשענער טעמע, האָט עליע אַראָפּ־געוואָרפן דעם נאַסן האַנטעך פונעם קאָפּ און א זאָג געטאָן צו כיניען, ווי דעם סאָטסקיס אַן אַלטער גוטערברודער:

— וואָס ביסטו אים מעכאַבעד מיט דײַן פאַראיאָריקן קיסליאַק?! אַז עס קומט צו דיר אַרײַן אין שטוב אַזאַ מענטש, מעגסטו אים אָפּקאָרקעווען א מאַמזערל מיט א ווײַס קעפּעלע, הא, וואָס זאָגסטו, פּאַני סאָטסקי, עפּשער בין איך ניט גערעכט?

— סאַמאָ סאָבוי! — האָט נעסטאָר פאַרקעמט זײַנע עטלעכע שיטערע האָר אפן געלבלעכן פּליך, — טיי איז ניט קיין מאַנצבלשער געטראַנק.

מאַניע די קאָסאָקע האָט גלײַך אוועקגעשטעלט אפן טיש א קעלישעקל און א ווײַס קעפּעלע, נאָר דער סאָטסקי האָט עס אָפּגערוקט אין א זײַט.

— עפּעס טרינקט זיך מיר ניט די לעצטע צײַט, פּאַני עליע.

— וואָס זשע?

— א נאַש בראַט, ס'הייסט, א גאָסודאַרסטווענע מענטש, א סאָטסקי, מוז באַ הײַנטיקע צײַטן זײַן ניכטער... די באָסיאַקעס האָבן ווידער אָנגעהויבן טאָן אין טויט אַרײַן — זיי האָבן ווידער אופגעהויבן די קעפּ. א שטיק צײַט איז שוין יאַקאָס געווען שטילער, און אַצינד — ווידעראַמאָל. דאָ ברענט אַן עקאָנאָמיע, דאָרט הארגעט מען צו די אַלדי שוואַרצע יאָר א פּאָרעץ.

— אַזוי גאָר?!

— א פּאָרעץ, וואָס איז גאָט די נעשאָמע שולדיק, א לײַטישער מענטש, א מאַגנאַט, וואָס האָט א היפּש ביסל יאָרן אַליין געדינט אין דער זשאַנדאַרמעריע, האָט געהאַט עפּשער א טוץ מעדאַלן און אָרדענס — נעמט מען און מע שיסט אים אינמיטן וועג...

— ווער? ווער דערוועגט עס זיך?! — האָט זיך עליע אופגעמונטערט.

— ווער! קאַרג זײַנען זיי איצטער פאַראַנען? מע זייט זיי ניט, און זיי וואַקסן אויס. מע כאַפּט זיי, מע שיקט זיי אַרויס קיין סיביר... איז וואָס זשע מײַנסטו, פּאַני עליאַ? זיי אַנטלויפן, זיי קערן זיך אום צוריק. זיי דאָביוועען געווער, און מע טוט אונדז צום טויט!

— „אונדז"... — האָט מאַניע אַרײַנגעשטעלט איר וואָרט, — ס'הייסט אײַך אויך? וואָס האָבן זיי צו אײַך? איר זײַנט דאָך שטילער פון א טויב, און גוט, ווי א מאַלעך אין הימל.

— מאַלאָכים זײַנען איצט ניט אין דער מאָדע... — האָט נעסטאָר דער סאָטסקי ווידער פאַרקעמט די שיטערע האָר. ער האָט זיך געבעטן דערלאַנגען א קוואָרט קאַלטע וואַסער און, אָפּווישנדיק די געלבלעכע וואָנצעס, זיך אופגעהויבן פון זײַן בענקל, — געשמאַקע וואַסער באַ

אײַך, כיניע, ניט יעדן איז באשערט צו טרינקען אזא וואסער פון אזא קרענעצע. נו, א גוטע און א רויִקע נאכט דיר, פּאַני עליאַ!

דער סאָטסקי איז ארויסגעגאנגען, און עליע האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט. „איז נאָך, הייסט עס, דערוויַיל גאָט צו דאנקען... לאָמיר האָפן, לאָמיר זיך פארלאָזן אַף דעם, וואָס לעבט אייביק...״ — האָט עליע א טראכט געטאָן און געגומען שעפּטשען זײַן פארנאכטיקע טפילע צו גאָט.

אלע מאָל, ווען עס פלעגט פארגיין א רייד וועגן פארנאָסע און וועגן טירכע, פלעג לייע זיך דערמאָנען אין איר מאמע, אין איר טאטן דעם כאזן און אין אירע צוויי ברידער.

כאצקל דער מויכערספאָרימניק האָט דעמלט, ווי אפצולאָכעס, אופגעמישט איין סעדרע נאָך אן אנדערער, און פונקט ווי ער וואָלט געלייענט פון א בוך, אָן אן אופהער, דערציילט געשיכטעס, ווי מענטשן לעבן, ווי מע באָדט זיך אין אשרעס, ווי מע שעפּט הויפנס מיט גאָלד. אוואדע זשע שווימט עס ניט אליין אין די הענט, מע דארף זיך גוט אונטערגארטלען. געלט גייט צו געלט, און קאָוועד צו קאָוועד... און ווו קאָן ער קומען, דער רעב קאָוועד, צו א קאפּצן און צו א ליידיקגייער?

— בין איך, הייסט עס, א ליידיקגייער?! — פלעגט בערל אופשפּרינגען, און לייע האָט אַף אים אין די מינוטן ראכמאָנעס געהאט. זי האָט ניט ליב, ווען עמעצער פּרוּווט אים באליידיקן.

— אויב איך שטיי אײַך ניט אָן, רעב כאצקל, וואָס זשע קומט איר צו מיר?!

— צו דיר?! — הייבט אוף כאצקל זײַן שפּיצעכיק שיטער בערדל, — ניט צו דיר, צו דײַן מאמען, צו דער צניִע, צו דער גאָלדענער נעשאָמע קום איך, ניט צו דיר, און צינד זיך ניט אָן, און פלאקער ניט אוף, בערעלע, איך מיין דאָך דײַן טויווע. אין די הייליקע ספאָרים שטייט געשריבן: טו גוטס יענעם, וועט עס דיר אמאָל אנטקעגנקומען... אָט נעם אַף טשיקאַוועס אָט דעם סייפער און טו א לייען, טו א לייען, בערעלע, עפּשער וועסטו זיך עפּעס וואָס גוטס אָפּלערנען.

— איר האָט זיך שוין א סאך אָנגעלערנט? — האָט אים בערל כוצפּעדיק געענטפערט.

— פון דײַנע פּארנאָסעס, בערל, וועט קיין גוטס ניט ארויסקומען. דער גרויסער שריפטשטעלער פּושקין האָט נאָך וועגן דעם געשריבן...

בערל האָט גראָדע ניט געוווּסט, וואָס דער גרויסער פּושקין האָט וועגן בערלס „פּארנאָסע״ געשריבן, און פונוואנען האָט ער געקאָנט וויסן, דער גרויסער כאָכעם, וואָס בערל לעבט איבער בעשאס דעם שפּילן? און וואָס נאָך פאר א פארגעניגן קאָן בערל האָבן דאָ, אין ליסאָווע, אכוץ דעם פּרעפערענס?

אוואדע וואָלט דער באָכערעץ — אנדערש האָט אים כאצקל ניט אָנגערופן! — אוואדע וואָלט ער געוואָרן גאָר אן אנדער מענטש, ווען ציפּורע איז מאסקים און כאצקל וואָלט זיך באזעצט אָט דאָ, בא איר אין שטוב, אין ליסאָווע. באזעצט... ווו? אין אָט דעם פּיצעלע שטיבעלע, ווו עס זײַנען, קיין אײַנהאָרע ניט, כוץ איר, דער טאָכטער ליזעטשקע און דעם זון מיט דער שנור שוין פאראנען פיר שרײַערס, פיר שיבעניקעס, זיי זאָלן איר געזונט און גליקלעך זײַן! פיר פּיקערס, וואָס ווען עס קומט צו נאכט, ווייסט מען ניט, ווו זיי צו אײַנמאָסטען. ווינטער שלאָפן צוויי אפן אויוון, און זומער?.. כאצקל וואָלט צוגענומען ציפּורען צו זיך אין שטעטל, נאָר ציפּע וועט דאָך ניט איבערלאָזן איר ווינקל, אירע אייניקלעך און טאקע די טאָכטער ליזע, וועלכע מע דארף נאָך ברענגען צו א טאכלעס, כאסענע מאכן. און ווי אפצולאָכעס קלאפּן ניט צו איר אין טיר קיין שאדכאָנים.

ליזעטשקע. זי האָט פונקט דאָס זעלבע מאזל, ווי לייעס צוויי שוועסטערלעך, וואָס זײַנען דאָרט פארבליבן אין קאָזשומיאקי. ס׳איז, זעט אויס, אזא צײַט, די כאסאנים כאפּן זיך ניט. אייניקע בלײַבן אלטע באָכערים, אנדערע אנטלויפן קיין אמעריקע. פונקט ווי שנייער, לייעס ברודער.

אנומלטן האָט ער זיך דערבארעמט, דער אנטלאָפענער, און האָט אָנגעשריבן זײַן שטיפמוטער א לאנגע בריוו, בא זיי הייסט עס לעטער, פון וועלכן גיטל איז, ווי מע זאָגט עס, ארויס בלאָוו. זי האָט געטראָגן דעם בריוו צו דער נעגידעסטע סאָרע, מיט וועלכער זי איז לעצטנס געוואָרן באפרײַנדעט, פארשטייט זיך, מענדל דער מאגנאט זאָל דערפון ניט וויסן.

גיטל האָט געבראכט דעם בריוו און געבעטן סאָרען, זי זאָל איר קלאָר מאכן, וואָס ער שרײַבט איר, דער שטיפזון. סאָרען וואָלט געוויס ליבער געווען צו לייענען א בריוו פון בענטשיקן, נאָר בענטשיק האָט אפילע אין די בריוו צו לייען ניט דערמאָנט איר, סאָרעס, נאָמען.

„טײַערע מאמע! — האָט שנײער, דער אמעריקאנער, געשריבן מיט זײַנע לאנגע און קרומע קאָטשערעס. — איך שרײַב דיר אָט דעם לעטער, און פאר מײַנע אויגן שווימען אוף די קאָזשומיאקער געסלעך, דער אלטער מארק, דער קלויסטער אפן בארג און די פינצטערע שטאלן מיט די טיפע איפעשדיקע בידעס, וואָס זײער רײעך דערטראָגט זיך אזש ביז אהער, זאָל איך אזוי געזונט זײַן!

איך האָב, פארשטײט זיך, ניט קײן כאראָטע, וואָס כ׳האָב א שפּײַ געטאָן אף רעב מענדל פרידמאנס געשעפט. יאָ, קײן כאראָטע האָב איך ניט, ווײַל דאָ, בא אונדז אין אמעריקע, בין איך א פרײַער פויגל, ווי טויזנטער און הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געמאכט א פליטע קײן אמעריקע. עמעס, אָפטמאָל כאָלעמען זיך מיר מיט די מינדסטע קלײניקײַטן אונדזער קאָזשומיאקער וועלטל, מיט די מענטשן, וואָס האָבן ניט זײער געהאלטן פון מיר, געמײנט, אז איך בין מענדלס א געטרײַער דינער, אז איך בין זײַנער א מעשאָרעס, אז כ׳בין אים געטרײַ מער, ווי זײ און ווי זיך... אײן גאָט ווײסט, ווי מיר איז שווער געווען. בענטשיק, אונדזער כאָכעם בענטשיק, האָט מיך פײַנט געהאט, לעמײַ איך האָב אים ניט אונטערגעהאלטן אין אלע זײַנע געגנג, אין זײַן שפּרינגען אין פּאָנעם דעם באלעבאָס. ער האָט ניט געוואָלט פארשטײן, אז דער, וואָס האָט די מײע, האָט אויך די דײע. אזוי איז פון זינט די וועלט איז א וועלט. עפשער מײנסטו, אז דאָ, בא אונדז אין אמעריקע, איז ניט אזוי? האָסטו א טאָעס! געלט איז אומעטום געלט! און א שלעפּער איז אומעטום א שלעפּער! מיר האָט, א דאנק דעם אײבערשטן, אָפּגעגליקט. און אז גאָט וועט וועלן, וועל איך אין א צײַט ארום אויך ווערן א רײַכער באָס און וועל מיר לעבן א גוטן טאָג. דערווײַל בין איך א מענטש בא יענעם, נאָר מירן זיך יאקאָס ארויסדראפּען און עפּענען אן אײגן געשעפט. איצט, ווען בענטשיק קאָן דיר מיט גאָרנישט ניט העלפן און לײעלען האָט אויך ניט אָפּגעגליקט, זי זאָל קאָנען אונ־טערשטיצן די אלטע מאמע, האָב איך מיר א טראכט געטאָן: עפשער אײַך ארויסשיקן א שיפסקארטע און אײַך צונעמען צו זיך, כ׳מײן קײן אמעריקע, דיך און די צווײ שוועסטער־לעך, זײ וועלן זיך אויך אײַנאָרדענען אין א שאָפּ, און אז גאָט וועט וועלן, וועט זיך געפונען פאר יעדערער א פּאָר — בא אונדז, אין אמעריקע, איז דאָך ניט ווי אין קאָזשומיאקי, ווו מע קאָן אָפּזיצן ביזן גראָוון צאָפּ און זיך ניט דערוואַרטן אף קײן זיווּעג. און עפשער, אז גאָט וועט העלפן, וועלן מיר אין א צײַט ארום ארויסשלעפּן אויך לײעלען מיט די קינדערלעך און איר אויסגעשפּילטן מאן, וואָס כוצן מעדאל האָט ער קײן גראָשן ניט בא דער נעשאָמע.

איך שיק דיר, מאמע, מײַן פּיקטשער, קעדײ דו זאָלסט זען, וואָס פאר א פּאָנעם איך האָב דאָ, בא אונדז אין אמעריקע. קײן פּאָר האָב איך זיך דאָ נאָך ניט געפונען, כאָטש עס זײַנען דאָ פאראנען א היפּשע צאָל קאלעס — אײנע שענער פון דער אנדערער, מיט נאדן און אָן נאדן — נאָר איך כאַפּ זיך ניט! כ׳וועל נאָך באוויזן אָנטאָן זיך א כאָמוט אפן האלדז...”

סאָרע האָט ניט באוויזן פארענדיקן לײענען דעם בריוו, ווי דורכן פענצטער האָט זי דערזען איר מענדלען. ער איז געגאנגען פונעם לעדער־זאוואָד זיך דערקוויקן מיט א הײסער גלאָז קאווע, וואָס איז שטענדיק געווען צוגעגרײט, טאָמער וועט זיך אים פארגלוסטן. סאָרע האָט באהאלטן דעם בריוו אין בוזעם.

דערזעענדיק דעם כאזנס אלמאָנע, האָט מענדל גלײַך זיך דערמאָנט אין אירע צווײ זין. בענטשיק, דער עלטערער, איז אים טיף ארײַנגעקראָכן אין דער נעשאָמע. מענדל איז גליקלעך געווען, וואָס דער הולטײַ איז איצט אָפּגעשײדט פון קאָזשומיאקי, פון זײַן, מענדלס, זאוואָד. דערפאר אָבער שנײער, דער קלענערער, האָט אים איצט גראָדע געפעלט. איצט, ווען אפן זאוואָד האָט זיך ווידער פאָיאווועט א גאנצע כאָפּטע אזעספּענעמער, גאָרגלשנײַדער, וועלכע האלטן אין אײן אונטערבורען די הארבארניקעס. שנײער איז דאָך פאָרט געווען אן אײגענער מענטש, ס׳הײסט, א מענטש, אף וועלכן מע האָט זיך געקאָנט פארלאָזן.

— וואָס שרײַבט אײַך עפּעס אײער בענאָק פון דאָרטן? — האָט מענדל אויסגעווישט די הענט מיט זײַן באליבטן קווײטלדיקן האנטעך. אינעם עסצימער האָט מיטאמאָל א שמעק געטאָן מיט דעם רײעך פון פײַנער זײף.

— ס׳שײַעך, וואָס? קײן נאָגיד איז ער דאָרט דערווײַלע ניט געוואָרן. מע לעבט, שרײַבט ער, מיט ביטאָכן.

— ביטאָכן. — האָט מענדל מיט א קרעכץ איבערגעכאזערט. — מיט ביטאָכן לעבן אלע, נאָר פון ביטאָכן ווערט מען ניט זאט.

— אמאָל איז דער ביטאָכן טײַערער פון א שטיק פּיסנע ברויט. — האָט אים גיטל געענט־פערט.

— עפשער רופט ער אײַך צו זיך? איצט איז אוועק א מאָדע לויפן קײן אמעריקע, אינעם נײַעם גאנײדן...

— וואָס איז דאָס לויפֿן?! — האָט גיטל אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, — אַ קראַנקן, זאָגט מען, איז ביטער, ווי מע לייגט אים ניט. און אַן אָרעמאַן איז טויזנט מאָל ערגער פֿון אַ קראַנקן.

— געגרעכטס! אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי איר זײַנט געגרעכטס! רעדט זשע אָבער מיט אונדזערע כאַכאָמים. וועדליק זיי פֿאַרשטייען, איז אַן אָרעמאַן כאַשעווער פֿון אַלע פֿײַנע באַלעבאָטים. געזאָגט האָט עס מענדל אַזוי, ווי ער וואָלט זיך באַקלאָגט פֿאַר איר, דער בידנער אַל־מאָנע, דאָס איז זי אַוואַדע געקומען צו זײַן סאָרען נאָך אַ גמילעסכעסעד. — האָט מענדל אַ טראַכט געטאָן, ער וואָלט איר דאַפֿקע געגעבן עטלעכע רובל, ווען ער וואָלט זיכער זײַן, אַז דאָס געלט זײַנס וועט די כאַזנטע ניט אַריבערשיקן איר בענטשיקן, אין וועלכן זײַן ווײַב, זײַן סאָרע, איז אויף דער עלטער פֿאַרליאַפּעט. זי מיינט אַוואַדע, אַז ער, איר מאַן, איז בלינד, אַז ער זעט ניט, ווי זי כאַלעשט צו דערהערן אַ גרוס פֿונעם קאַטאָרזשאַן.

אין דער זעלבער צײַט, ווען קיין קאָזשומיאַקי איז אָנגעקומען דער בריוו פֿון אַמעריקע, איז אויך אָנגעקומען אַ יעדיִע, אַז בענטשיק פֿאָרט אַהיים. עס קאָן טרעפֿן, אַז די צוגן האָבן זיך אויסגעמיטן — האָדל האָט געײַלט צו אים אין דער פֿאַרשנייטער ספּירידאָנאָווקע, און ער, בענטשיק, איז אַ באַפֿרײַטער געפֿאָרן אַהיים, קיין פּאָלעסיע.

בענטשיק האָט געקוקט אין וואַגאָן־פֿענצטער. יעדער בוים, יעדער פֿאַרשנייטער קוסט, וואָס איז געלאָפֿן אַנטקעגן, האָט ווי געגריסט זיך מיט אים, געזאָגט אַ גוטמאָרגן. מע זאָגט, אַז דער וועג אַהיים איז קירצער ווי פֿון דער היים, אָבער אים, בענטשיקן, האָט זיך דער צוריקוועג געדאַכט מעשונע לאַנג. ער האָט אָן אויפֿהער געטראַכט, ווי־אַזוי ער וועט פֿונסנײַ אָנהייבן דאָס לעבן, אַזוי, אַז עס זאָלן פֿאַרווירקלעכט ווערן די טרוימען, וועלכע ער האָט אויסגעטרוימט אין ספּירידאָנאָווקע פֿאַר די פֿינף יאָר. מיט די דינע פֿינגער האָט ער צע־קעמט די באָרד, וואָס האָט שוין פֿאַרמאָגט ניט ווייניק גראָווע האָר, און, ווי אַ געניטער לייענער, געבלעטערט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל פֿון זײַן גרענעצלאָזן זיקאָרן־פּינקעס. אַ מאָדנע זאַך — נאָך אַזוי פֿיל אויספּרוּוון, וואָלטן זיכער געדאַרפֿט אָפּשווימען אין מויעך די געציילטע ליכטיקע טעג, נאָר ווי אַפּצולאָכעס זײַנען געשטאַנען פֿאַר די אויגן די שווערע שוואַרצע כאַדאָשים פֿון זײַן אַרבעט בײַ מענדלען. שוין זשע שטייט אים פֿאַר ווידער זיך באַגעגענען מיט דעם מאַגנאַט, זיך ווידער שטעלן צום גליטשיקן טיש, אויף וועלכן עס ווערן אויסגעקאַטשעט די שוואַרצע און געלע פֿעלעכלעך, וואָס פֿאַרגרעסערן דעם רעווועך פֿונעם אויפֿגעקומענעם נאָגיד.

בענטשיק האָט זיך דערמאָנט אינעם לעצטן געשפּרעך מיט מענדלען בײַ יענעם אינעם ליכטיקן אויפֿנאַם־צימער, ס'איז אויפֿגעשווומען סאָרע פֿאַר די אויגן, עס האָט זיך אַפֿילע דער־פֿילט דער רייעך פֿון אירע האָר.

וועגן סאָרען וואָלט בענטשיק געקאָנט טראַכטן און טראַכטן, נאָר ווי אַפּצולאָכעס זײַנען אומדערוואַרט אויפֿגעקומען האָדלס אויגן, איר צאַרט פּאָנעם, איר אומעטיקער בליק, וואָס האָט אַזוי געפּאַסט צו די קוטשערלעך אויף איר הויכן שטערן. עס וואָלט געקאָנט הייסן, אַז זי לאָזט זיי אַראָפּ, די קוטשערלעך, קעדיי פֿאַרשטעלן דעם הויכן שטערן, וואָס איז אַזוי ענלעך צו איר טאַטנס...

אין קאָזשומיאַקי האָט בענטשיק זיך גלײַך דערוווּסט, אַז האָדעלע האָט זיך העגדום־פּענדום (גיטל דער כאַזנטעס באַליבטער אויסדרוק) אַוועקגעלאָזט צו אים.

— וועמען איז זי דיר? — האָט גיטל די כאַזנטע געפֿרעגט בײַ איר געליבטן שטיפֿזון, — אַ קאַלע, אַ ווײַב?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן, מאַמע, אַ גוטערפֿרײַנט.

— גלאַט צו אַ גוטנפֿרײַנט לאָזט מען זיך אין אַזאַ ווײַטן וועג?

— זעסט דאָך!

— נו, און וואָס פֿאַר אַ מעכוטן ביסטו מיט סאָרען?

— כ'פֿאַרשטיי ניט.

— ס'איז ניט געווען קיין טאָג, זי זאָל זיך ניט פֿרעגן וועגן דיר. אַנומלטן האָט זי מיר אַפֿילע געוואָלט געבן אַ פֿינף־און־צוואַנציקער, איך זאָל אים דיר אַריבערשיקן. כ'האָב ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. פֿון קיין נעדאָוועס, האָב איך געזאָגט, האַלט איך ניט, און מײַן זון בענטשיק — אַוואַדע און אַוואַדע ניט!

— האָסט גוט געטאָן, — האָט בענטשיק געזאָגט, — כאָטש דאָס געלט וואָלט מיר דאָרט געוויס צוניצגעקומען.

אויפֿן צווייטן טאָג איז צו גיטלען אין שטוב, וואָס איז פֿון יאָר צו יאָר אַלץ טיפֿער און טיפֿער אַרײַנגעוואַקסן אין דער ערד, געקומען סאָרע. אין שטוב איז אויסער בענטשיקן קיי־

נער ניט געווען. סאָרע איז אַרײַנגעקומען, זיך אַפילו ניט אַרומגעקוקט און זיך אַ לאָז געטאָן צו בענטשיקן. זי האָט פאַרוואָרפן די הענט אַף זײַנע אַקסל און מיטן פּנים זיך אײַנגעטוליעט אין זײַן ברוסט. פון גרויס אופרעגונג האָט זי ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. טרערן האָבן גענומען רינען איבער אירע אויסגעבלייכטע באַקן.

בענטשיק האָט זי געפּרוווט באַרויִקן. ער האָט אָבער געפילט, אַז ער קאָן ניט געפינען די פּאַסיקע ווערטער, וואָס זײַנען נייטיק אין אַזאַ פאַל.

— נו, באַרויִקט זיך, — האָט ער אָן אופהער איבערגעכאַזערט, — באַרויִקט זיך, טײַערע סאָרע. וואָס איז דאָס וויינען?

— וויפל צײַט האָבן מיר זיך ניט געזען? — האָט זי קוים אַרויסגעבראַכט, — וויפל יאָר?

— אַ היפּש ביסל יאָרן, סאָרע. אַז מע בענקט, ווערן זיי דרײַ מאָל לענגער. זעצט זיך צו, סאָרע. ניט דאָס איז דאָך דער איקער.

— וואָס זשע? — האָט זי אַ קוק געטאָן אַף אים.

— דער איקער איז, וואָס מע זעט זיך, וואָס צו יעדער צאָרע נעמט אַ סאָף.

— ניין, ניין, בענטשיק, ניט צו יעדער צאָרע! פאַראַנען אַזוינע אומגליקן, וואָס האָבן קיין סאָף ניט, בענטשיק, און אויב איר ווייסט ניט, איז פרעגט בא מיר. בא מײַן האַרץ פרעגט, בענטשיק.

בענטשיק האָט ניט געפּרוווט זיך דערגרונטעווען, וועגן וואָס פאַר אַ צאָרעס סאָרע גיט אָנצוהערן. דערפרעגן זיך וואָלט געהייסן פאַרפירן אָן אָפענעם געשפּרעך וועגן איר מאַן. גיטל האָט שוין געהאַט באַוויזן אים עטוואָס צו דערציילן וועגן סאָרען און מענדלען — אַז מע לעבט אין אַ שטעטל בישכיינעס איז שווער אויסצובאַהאַלטן, וואָס באַם שאָכן קאָכט זיך.

עס איז נאָך ניט געזאָגט געוואָרן דאָס, צוליב וואָס זי, סאָרע, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו גיטל דער כאַזנטע, ווי דער רוצח האָט אים געבראַכט, מענדלען! ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, האָט עס אים אַ הייב געטאָן פון אָרט און ער איז פּלוצעם אוועק אַהיים. דורכן נידעריקן פענצטערל האָט סאָרע דערזען אים, איר באַשערטן. אײַלנדיק צו דער טיר, האָט זי מיט אַ דערשראָקן קאָל אַ זאָג געטאָן:

— מיר וועלן זיך נאָך זען. מיר וועלן נאָך פאַרזעצן אונדזער געשפּרעך.

וואָס זי האָט נאָך אים צו זאָגן, האָט סאָרע אַליין ניט געוווסט. וועגן דעם, אַז זי זאָל אוועקוואַרפן מענדלען, האָט דאָך ניט געקאָנט זײַן קיין רייד. און וואָס וואָלט געווען ווײַטער? זיך פאַרבונדן מיט אַ מענטשן, וואָס איז ייִנגער פון איר און האָט ניט קיין גראָשן בא דער נעשאָמע? און וואָס וועט זײַן מיט בלימעלען? איר טאָכטער איז שוין קיין אײַנהאָרע אַ מיידל, וועלכע מע מעג שוין כאַסענע מאַכן — ווער, אויב ניט זי, די אייגענע מאַמע, וועט טראַכטן וועגן דעם?

— האָסטו זיך שוין, אַ דאַנק דעם אייבערשטן, דערוואָרט אַף דײַן סמאַרקאַטש, דעם קאַטאָרזשאַן? — האָט מענדל זי באַגעגנט אַף דער שוועל. — אַ ווייסער ביזאָיען! ווי שעמסטו זיך ניט אין דײַן ווײַטן האַלדז!

סאָרע האָט געוווסט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט אַזאַ געשפּרעך פאָרקומען, נאָר אַז דאָס וועט געשען אַפן צווייטן טאָג נאָך בענטשיקס קומען, האָט זי ניט געמיינט. פאַר־ענטפערן זיך פאַר אים? פּרווון דערווײַזן אים, אַז ער האָט אַ טאָעס, אַז זי איז גאָט די נעשאָמע שולדיק — דאָס וואָלט געווען אָן אומזין. און מענדל האָט זיך אַלץ מער צעפּאַליעט:

— נישקאָשע! מיין ניט, אַז דײַן מאַן איז אַף דער עלטער בלינד געוואָרן. מיט מיר שפּילט מען ניט קיין קאַטאָוועסלעך. מענדל האָט נאָך גענוג קויעך אַף צו פאַרטרײַבן אים צוריק צו די ווײַסע בערן!

סאָרע האָט ניט דערווידערט. זי האָט אַף זיך אַרופגעוואָרפן דאָס לײַכטע פוטערל, פאַר־קוטעט זיך אינעם וואַרעמען קאָפער און זיך געקליבן אַרויס פון שטוב — זאָל ער איבער־ברענען, איבערקאָכן, איבערזידן.

— וווהין? — האָט ער בייז אַ הילך געטאָן, — וווהין?! זיץ אין געהאַקטע ווונדן אין שטוב און דערוועג זיך ניט באַגעגענען מיט אים! מאַך ניט קיין לײַטיש געלעכטער פון מיר. נאָר דאָס פעלט מיר, אַז פאַרברענט זאָלסטו ווערן!

אַפן צווייטן טאָג איז בענטשיק אוועקגעפאָרן צו זײַן שוועסטער לייע קיין ליסאָוועט. ער האָט זיך אָפּגעראַזירט און איז מיטאַמאָל ייִנגער געוואָרן אַף אַ פּאָר צענדליק יאָר.

מיט זײַן קומען איז בא ציפּוירען אין שטוב מיטאַמאָל ווי ליכטיקער געוואָרן. בערל און ליזועטשקע האָבן אים ברייטהאַרציק באַגעגנט, ניט געוווסט, וווהין אַוועקצוזעצן. אַ ווערטעלע, אַזאַ גאַסט! אַ מענטש האָט זיך אומגעקערט נאָך פינף יאָר קאַטאָרגע. לאָמיר האָפן, אַז מער וועט זיך אַזעלכס ניט איבערכאַזערן.

צום אלעם ערשטן האָט לייע געגעבן צו וויסן דעם ברודער, אז האדל איז מיט א וואָך צוריק אוועקגעפאָרן צו אים, קיין סיביר.

— וואָס הייסט — צו מיר?

— צו דיר הייסט צו דיר!

— ווער האָט עס איר געייצעט פאָרן עק וועלט?

— נישקאָשע, נישקאָשע! — האָט לייע אים בארויקט. א מאמע פון אזוי פיל קינדער, האָט זי געהאלטן זיך פאר דער עלטערער שוועסטער, — דערוף שטייט די וועלט: מע פאָרט און מע קערט זיך אום. זי וועט, כאָלילע, ניט פארפאלן ווערן.

דעריקער האָט זיך לייע געוואָלט דערוויסן, צי האָט זיך איר ברודער באפרײַט אף שטענדיק און צו וואָס פאר אן ארבעט רעכנט ער זיך נעמען. זאָל ער כאָטש עטלעכע כאָדאשים אָפּלעבן ווי א מענטש, זיך אויסשלאָפן אף א ציכטיקן לײַלעך, עסן און טרינקען צו דער צײַט. אוודע וואָלט אים לייע איבערגעלאָזט בא זיך אין שטוב אף א לענגערער צײַט, זי וואָלט אים שוין יאַקאָס באזאָרגט מיט א געשמאקן ווארמעס און מיט א ווייכער קישן.

בערל לאָזעבניק האָט זיך געסטאַרעט אויספרעגן בא בענטשיקן וועגן דעם, וואָס אים איז אויסגעקומען אויסצושטיין אין סיביר. דעם עמעס גערעדט, האלט ניט בערל פון די, וואָס לייגן אײַן וועלטן, שפרינגען אין פאָנעם, לאָזן זיך מיט פארמאכטע אויגן אין וואסער און אין פײַער און מיינען, אז זיי וועט זיך אײַנגעבן ענדערן דעם סיידער פונעם לעבן. מע האָט שוין געזען, וואָס דערפון לאָזט זיך אויס, — האָט ער געטײַנעט. מע הארגעט אײן גובערנאַטאָר, — שטעלט מען אף זײַן אָרט אן אנדערן, מע צינדט אונטער א פריצישן מאיאָנטעק, — פארלעשט מען דאָס פײַער און דער פאָרעץ איז ווידער א פאָרעץ. אָנשטאָט די ביימער, וואָס די צערייצטע פויערים האַקן אויס אין די פריצישע סעדער, ווערן פארפלאנצט נײַע ביימער. טו א רעד מיטן מויכערספאָרימניק, וועט ער דיר געגנוי דערציילן, אז ניט אומזיסט איז שוין קנאַפּע דרײַ הונדערט יאָר אַזוי: אלעקסאנדער פארבײַט ניקאָלײַען און ניקאָלײַ — אלעקסאנדערן. דאָס רעדל דרייט זיך, בלוט גיסט זיך, נעגידים בלײַבן נעגידים און די קאַפּצאָנים, אז ווי איז צו זיי, — קאַפּצאָנים!

דער ליבער גאסט בענטשיק האָט אים געפּרוווט דערווידערן, זיך פארופן אף אן א שיר כאַכאָמים און געלערנטע, וועלכע זאָגן פּאָרויס, אז אלץ איז ביז א צײַט, אז ניט אייביק וועט זײַן אַזוי. א סימען — דער אופברויז אין דער שווארצער קאמיענקע — איר האָט גע־הערט, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען?

גראָדע וועגן דעם אומגליק אין דער שווארצער קאמיענקע האָבן געוווּסט אלע ליסאָוועֶ. נעסטאָר דער סאָטסקי האָט עס אליין איבערגעגעבן אלע זײַנע ליסאָווער פויערים, זיי זאָלן ניט פרווון איבערכאַזערן דאָס, וואָס עס האָבן זיך דערלויבט די שווארצקאמיענקער.

...און אין דער שווארצער קאמיענקע האָבן זיך די פויערים צונויפגענומען און אוועק־געשיקט גלײַך צום צאר־באַטיושקע אן אָנקלאָגע אף דער אָרטיקער מאכט, לעמײַ מע צווינגט זיי, די פויערים, פארווירקלעכן די סטאָליפּין־רעפאָרמע. קיין ענטפער האָבן זיי, פארשטייט זיך, ניט באקומען. אָנשטאָט א קלאָרן ענטפער איז אין דאָרף געקומען א גאנצע מאכנע סטראַזשניקעס, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן די זעמלעמערן צו צעשטיקעווען און איבערטיילן די ערד־באצירקן, ווי דאָס האָט געלוינט די באַלעגופים און פריצים.

האָבן די אופגעבראַכטע פויערים צעטריבן די זעמלעמערן, אָנגעפאלן אף דער דאָרף־אופראווע, פארניכטעט אלע פאַפּירן און אלע פלענער, לויט וועלכע מע האָט געזאָלט בעדיל־האַדאַל מאכן די פויערים, וועלכע האָבן זיך אזוי אויך געשטיקט אף זייערע פּאַסיקלעך ערד. קעדיי מאכן אן אָרדענונג און אָנלערנען די אָנפירער פונעם אופשטאנד קעגן דער מאכט, האָט מען אראָפּגעבראכט אין דער שווארצער קאמיענקע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געמאכט טיל־טעל פון די בונטאָוושטשיקעס.

— זעסטו דאָך! — האָט בערל אונטערגעכאַפּט. — און דו מיינסט, אוודע, אז נאָר אין דער שווארצער קאמיענקע האָט מען אזוי מיִעס אָפּגעשניטן? האָסט א גרויסן טאָעס. אומעטום כאַפּט מען זיי, די קלוגיטשקע, און מע פארשיקט זיי אין אויסרײַסעניש.

— פארשפּאָרסט מיר דערציילן, מײַן טײַערער שוואָגער! וועגן דעם ווייס איך א ביסל מער פון דיר. נאָר דו טײַטשט עס אויס, זאָלסטו מיר מויכל זײַן, ווי א פּאַכדן, וואָס האָט מוירע אופהייבן דעם קאָפּ, און איך, און אַזוינע ווי איך, מיינען, אז וואָס בייזער און וואָס פארביטערטער עס וועלן זײַן די הענקער און דעם קייסערס מעשאָרסים, אלץ גיכער וועט צו זיי זיי קומען א סאָף.

— ס'הייסט, דו און אַזעלכע, ווי דו, וועלן מיט די הוילע הענט זיך אָנוואַרפן אָפן קייסער און זײַנע מעשאָרסים... זע זשע, מע זאָל דיך ווידער ניט אַרײַנזעצן אין דער קוטוזקע, — האָט אים בערל געוואָרנט.

לייע האָט אַ באַגײַסטערטע געקוקט אָף איר ברודער, און איר האָט שוין אָנגעהויבן ווײַ טאָן דאָס האַרץ, פּונקט ווי דאָס, וואָס עס לייגט אויס איר בערל, וועט גלײַך מקוייעם ווערן.

דערוווּסט זיך וועגן בענטשיקס קומען קיין ליסאָווע, האָט עליע זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דייע, צי דאַרף ער זיך באַגעגענען מיט בענטשיקן, וואָס האָט אַראָפּגעפירט פּונעם וועג זײַן האָדעלען. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי, האָדל און בענטשיק, האָבן זיך צופעליק אויסגעמיטן. גייען צו די לאַזאַבניקעס האָט אים ניט געלאָזט דער האָנער, ער האָט אָבער פּאַרט געדאַרפט זיך דורכשמועסן מיטן אומדערוואַרטן גאַסט. עליע האָט באַפוילן זײַן איטען, זי זאָל זיך אַרײַנכאַפּן צו די לאַזאַבניקעס און אײַנלאַדן דעם בענטשיקן אָף אַ גלעזל טיי. איטע האָט גערן געפאָלגט דעם טאַטן און איז אַוועק אין הינטערגעסל, צו דער מומע ציפּע. נאָך אָף דער שוועל האָט זי אויסגעשאָסן:

— אַ גוטנאָוונט אײַך!

— אַ גוט יאָר אָף דיר. וואָס איז געשען?

— וואָס פרעגט איר, וואָס? דער טאַטע! מײַן טאַטע... איר קענט אים דאָך... האָט מיר געהייסן אײַך זאָגן, אַז ער לאַדט אײַך אײַן צו אונדז אָף אַ גלאָז טיי.

— באַלד? די מינוט? — האָט זיך לייע אָנגערופן, — און אויב אַ ביסל שפּעטער?

— וואָס פרעגט איר מיך? פּונוואַנעט זאָל איך וויסן. איר קענט ניט מײַן טאַטן? אים, אַז עס קומט אָן!

אָן אַנדערש מאָל וואָלט בענטשיק זיך געוויס ניט געלאָזט אײַנרײַדן, אָף קאַפּאַרעס דאַרף ער דעם קלייטניק, נאָר איצט, ווען עס איז פאָרגעקומען אַזאַ מיספאַרשטייעניש מיט האָדלען... ער האָט אָף זיך אַרופגעצויגן דעם מאַנטל, גענומען דעם שירעם און זיך געלאָזט באַרג־אַרוף, צו עליע קויפמאַנס מויער.

באַ די קויפמאַנס אָפן טיש איז שוין געשטאַנען דער בײַכיקער סאַמאָוואַר מיטן פאַרצעלײַנעם געקווייטלטן טשײַניק, וועלכן מאַניעטשקע האָט אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זי האָט אים אַליין פאַרפאַרעט מיט שמעקנדיקער וויסאָצקי־טיי. די גאַנצע מישפּאָכע איז סטאַטעשנע געזעסן, ווער אָף דער קאַנאַפּע, ווער אָף די הויכע שטולן, און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך מיטן גאַסט.

— וואָס זאָגט איר עפּעס אָפן רעגן? — האָט כיניע אַ זאָג געטאָן, — אַ מאַבל ניט קיין רעגן!

— פאָלעסיע! דאָרט, אין די ווײַטע מעקוימים, שטייען איצט ברענענדיקע פּרעסט.

— וואָס ווּעמען עס געפעלט, — האָט עליע געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן אָפן גאַסט.

— צום אומגליק קאָנען מיר ניט שטענדיק איבערקלײַבן.

— די וועלט זאָגט אָבער, אַז דער גוירל פון יעדן מענטשן איז אין זײַנע אייגענע הענט.

— איר מיינט טאָקע, רעב עליע, אַז אַזוי איז עס? עס וואָלט זיכער געקאָנט זײַן אַזוי, ווען אונדזער וועלטל זאָל אויסזען אַ ביסל אַנדערש.

— וואָס זשע געפעלט דיר ניט?

— מיר געפעלט ניט, וואָס אייניקע דאַרפן שטיין באַ די דייזשעס מיט פּעל, קעדיי דער באַלעבאָס זאָל ווערן פון טאָג צו טאָג רײַכער און רײַכער.

— ווער צווינגט זיי?

— דער הונגער. איר האָט מינאַסטאָמע געלייענט אַזאַ ביכעלע, וואָס הייסט „צאַר גאָלאָד"... אויב ניט, איז טוט אַ לייען, רעב עליע! דער הונגער טרײַבט דעם מענטשן, דעם קאָפּצן פאַרשוואַרצט ווערן צוליב אַ שטיקל ברויט.

מאַניע די קאָסאָקע, וועלכע האָט געהאַט די רעכט זיצן באַם טיש לעבן טאַטן, האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס דער אומגעריכטער גאַסט האָט אַרויסגעבראַכט. זי האָט אַ קלער געטאָן, אַז האָדעלע איז גאָרניט קיין נאַר, צוליב אַזאַ מענטש איז קעדײַ זיך לאָזן אייווער־לעיאָם.

דער באַלעבאָס האָט שוין געהאַלטן באַ דער צווייטער גלאָז טיי, ווען ער האָט, קלויםמערשט גלײַכגילטיק, אַ פרעג געטאָן דעם גאַסט, צי האָט ער ערגעץ ניט באַגעגנט האָדלען, ער געדענקט דאָך זי, מיסטאָם.

— ווּ האָב איך זי געקאָנט באַגעגענען?

— דאָרט, פונוואַנען איר האָט זי אַרויסגעטרעבעוועט צו זיך.

— אַרויסגעטרעבעוועט?! וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו טרעבעווען?

— אָט דאָס פרעג איך טאַקע! וואָס איז איר דאָ שלעכט געווען? צי עפשער האָט זי דאָ עמעצער אָנגעריִרט מיט אַ וואָרט, צי ניט פאַרגרייט פון אירעטוועגן קיין פּיַנעם באָדן.

— אַ שטוב, ניט צו פאַרזינדיקן, אַ מאַלאָכעס! — האָט זיך כּיניע אַרײַנגעמישט, — אַ שטוב פון הערן און קלערן. אַפילע פּייגלמילך וואָלט מען איר אויך דערלאַנגט, ווען זי באַפוילט.

— וואָס טויג איר אײַער פּייגלמילך? — האָט זיך בענטשיק אופגעהויבן פון זײַן אָרט.

— וואָס נאָך האָב איך געקאָנט טאָן פון אירעטוועגן? איר אויסבויען אַ נײַעם פּאַלאַץ? אַראָפּברענגען איר אַ פּרינץ, צי פאַרוואַנדלען זי אין אַ פּרינצעסע? אַדעראַבע, זאָגט, אויב איר באַרעכטיקט איר אופטו. זאָגט, ווײַל שולדיק זײַט איר, איר און מער קיינער ניט!

— האָב איך, הייסט עס, זי אַראָפּגעפירט פונעם גלײַכן וועג?

— איר, צוזאַמען מיט אײַער שוועסטער לייע. ווער האָט איר, צום בײַשפּיל, אונטערגעזאָגט דעם געדאַנק צו מאַכן אַ כיידער פאַר די פּאָלישטשוקעס און קנעלן מיט זיי, ווי זי וואָלט געווען אַ מעלאַמעד.

דער אופגעבראַכטער עליע קויפמאַן האָט געדאַרשנט, ווי אַ געבוירענער פּראָקוראָר. און עפשער איז ער טאַקע גערעכט? בענטשיק איז עפשער טאַקע געווען אָט יענער פּונק, וואָס האָט גענומען טליִען אינעם ליסאָוווער מיידל. דאָס האָט ער דאָך איר געגעבן ניעקראַסאָווס בוך, אין וועלכן עס איז באַשריבן, ווי צוויי פרויען פאָרן צו זייערע מענער קיין סיביר אַפן גאַנצן לעבן. דעמלט, ווען זיי, ער און האָדעלע, זײַנען פאַרגאַנגען טיף אין וואַלד, האָט ער אָף אויסנווייניק איר איבערגעלייענט עטלעכע שורעס פון אַ ליד, וואָס דאָס מיידל האָט פאַרגעדענקט אַפן גאַנצן לעבן.

Царь испугался — издал манифест:
Мертвым — свобода, живых — под арест!

וועגן דעם אַלץ האָט בענטשיק זיך דערמאָנט, זיצנדיק באַם טיש, מיט אַן אויסגעקילטער גלאָז טיי. ער האָט געטראַכט, און עליע האָט זיך גערעדט זײַנס.

— אַז אָך און ווײ איז צום טאַטן, — האָט עליע אַ זיפץ געטאָן, — ווען אַן אייגענע טאָכטער דאַנקט אים אַזוי אָפּ. איך שלאָף דאָך ניט דורך די נעכט! אַ טאַטע, זאָלט איר וויסן, בלײַבט אַ טאַטע. דאָס איז אײַך דערווײַל שווער צו פאַרשטיין, יונגערמאַן. נו, און איר וועט דאָ נאָך לאַנג פאַרברענגען באַ דער שוועסטער?

— ניין, ניט לאַנג.

— ס'איז באַ זיי, קיין אײַנהאָרע, גאַנץ ענג און טומלדיק, — האָט כּיניע געזאָגט.

— דער טומל און די ענגשאַפט שטערן מיר ניט, נאָר זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט איז פאַר מיר ניט קיין פּלאַן.

— וועט איר, הייסט עס, זיך ווידער שטעלן צו די פעלעכלעך?

— אַן אַנדער ברייירע האָט מען?

— עפשער זיך אַריבערפּעקלען צו אײַער ברודער קיין אַמעריקע?

— עס איז נאָך פאַראַן וואָס צו טאָן דאָ, אין פּאָלעסיע...

ווען בענטשיק איז שוין געשטאַנען באַ דער טיר, האָט רעב עליע אַ זאָג געטאָן:

— אויב איר וועט האָבן כיישעק, כאַפּט זיך אַרײַן צו אונדז, פאַרשאַפט מיר דעם פאַרגעניגן צו שמועסן מיט אַ קלוגן מענטשן. מיר זײַנען דאָ, אין ליסאָווע, ווי אָף אַן אינדזל. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז נעסטאָר דער סאָטסקי איז דאָ דער סאַמע געבילדעטער מענטש!

דער רעגן האָט זיך אײַנגעהאַוועט. אַ פריילעכע פּאָלעסיער לעוואָנע האָט זיך צעגאָסן איבער די טונקל-גרויע שטרויענע דעכער פון די נידעריקע פויערישע שטיבלעך, וואָס האָבן געשמעקט מיט וואַלד און צוגעוויאַלעטע שוואָמען. אַ שטיל האַרבסטיק ווינטל האָט אַראָפּגעטרייסלט די שווערע טראָפּנס רעגן, וואָס האָבן זיך געדיכט באַזעצט אָף די הוילע צווײַגן. באַ די לאַזעבניקעס האָט מען שוין געוואָרט אָף בענטשיקן מיט דער וועטשערע. לייע איז גליקלעך געווען, וואָס איר בערל איז הײַנט מיט איר, באַ זייער קײַלעכדיקן טיש, און רעדט מיט איר ברודער וועגן עפּעס אַ סטאָליפּין, אין וועלכן מע האָט געשאָסן, און וועגן דעם, אַז עס גרייט זיך אַ נײַע מילכאָמע.

— ווער קאָן דאָס וויסן, וואָס עס גרייט זיך און וואָס עס גרייט זיך ניט? — האָט בערל געפּרוווט דערווידערן. — וועגן אַזוינע זאַכן ווייסן אַפילו ניט אַלע מיניסטאָרן.

— מע ווייסט, מע ווייסט! — האָט בענטשיק געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, — עס זײַנען פּאַראַן קלוגע מענטשן, וואָס ווייסן מער פון די מיניסטאָרן. מע ווייסט, אָט וועט איר אַ סימען האָבן!

בעשאַס דער וועטשערע האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צו די לאַזעבניקעס אין שטוב דער דיאַטשאָק גאַווריליע. ער האָט זיך צעקושט מיט בענטשיקן, וועלכן ער האָט געקענט נאָך פון קאָזשומיאַקי. גאַווריליע איז איבערצײַגט געווען, אַז ווען ניט ער, וואָלט נאַפּטאָליע דער כאַזן ניט כאַסענע געהאַט מיט גיטל דעם סטעלמאַכס טאָכטער און עס וואָלט זיך אויף דער וועלט ניט באַוויזן די פֿײַנע לייעטשקע. און ווען עס ווערט ניט אויסגעכאַוועט אַזאַ לייעטשקע, וואָלט בערקאָ לאַזעבניק ניט געהאַט אַזאַ פֿײַנע באַלעבאָסטע, צו וועלכער עס איז אַ פּאָר־געניגן אַרײַנצוקומען.

דאָס מאָל איז גאַווריליע אַנטאָנאָוויטש געקומען מיט אַ גרויסן קאַרפּ אין די הענט. איינער זײַנער אַ פּריכאָזשאַנער האָט אים פאַרקויפט דעם קאַרפּ.

— נעם, נעם, ציפּוירע, נעם און קאָך אויף דעם קאַרפּ פאַר דײַן ליבן גאַסט, און לאָמיר גליקלעך זײַן, ווי עס זאָגט זיך אין בלעטל, וואָס איך האָב אָקאָרשט אַראָפּגעריסן פון דער קלויסטער־טיר. אָט נעמט, און זעט, — האָט גאַווריליע דערלאַנגט פונעם בוזעם־טאַש דאָס בלעטל, וואָס איז נאָך עטוואָס נאַס געווען פונעם רעגן, — ווער האָט עס געקאָנט צוקלעפּן, — הארגע מיך, איך זאָל זיך אָנשטויסן. זיכער עפּעס ניט קיין אָרטיקער.

דאָס איז געווען אַן אויפרוף צו די פּויערים, זיי זאָלן פֿאַרזעצן דעם קאַמף קעגן דעם ווילקיר, וואָס עס האָט אײַנגעשטעלט דער פאַרשאָלטענער סטאָליפּין, און קעגן דער שוואַרצער ראָמאַנאָווס דינאַסטיע...

— נאָך גוט, וואָס איך האָב דאָס באַמערקט און ניט דער סאָטסקי. ווײַל ווען ער וואָלט דער־זען עס, וואָלט ער גלײַך אַרויסגערופן דעם אוריאַדניק און מע וואָלט אָנגעהויבן זוכן און דערפרעגן זיך, ווער עס דאַרבעט דאָס איז.

לייענענדיק דאָס פלוגבלעטל, וואָס דער דיאַטשאָק האָט אַראָפּגעריסן פון דער קלויסטער־טיר, האָט זיך בענטשיק דערמאָנט אין יאַנושן. וואָס טוט ער אַצינד? דאָרטן איז שוין איצט נאָך האַלבנאַכט. יאַנוש קער זיצן בײַ דעם אָנגעהייצטן אייוועלע און לייענען. פּאַרן געזע־גענען זיך מיט בענטשיקן האָט יאַנוש ערגעץ געפּאַקט לעוו טאָלסטאָיס אַ ביכל, אין וועלכן עס איז צווישן אַנדערע ווערק געווען אָפּגעדרוקט די דערציילונג „זאַ צאָ?" (פאַר וואָס?). יאַנוש האָט דאָס ווערק געלייענט און ניט אויפגעהערט צו פרעגן: „פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט עס אַזוי לײַדן און פאַרמאַטערט ווערן די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אומ־גליקלעכע אָבער גערעכטע מענטשן?"

„ער זיצט, מיסטאָם, ווידעראַמאָל מיט טאָלסטאָיס בוך אין דער פּוילישער איבערזעצונג, און עפּשער... און עפּשער זיצן זיי ביידע — יאַנוש און האָדל קויפמאַן. זי האָט זיך שוין געוויס דערקליבן קיין ספּירידאָנאָווקע און זיך באַקענט מיט יאַנושן, מיט זײַן טײַערן כאַ־ווער, וועלכער וועט נאָך מוזן וואַרטן אויף דער שאָפון באַפרײַונג", — האָט בענטשיק געטראַכט.

— נו, איז וואָס וועט איר זאָגן אויף דעם דאָזיקן שטיקל פּאַפּיר? — האָט זיך דער דיאַטשאָק געווענדט צו בענטשיקן.

— וואָס קאָן איך זאָגן? איר ווייסט אוודאי מער פון מיר, וואָס צווישן אײַערע פּריכאָ־זשאַנער טוט זיך.

— אוי, טוט זיך, טײַערינקער, אוי, טוט זיך, פרעגט ניט! — גאַווריליע אַנטאָנאָוויטש האָט מיט אַ קרעכץ אָנגעגאָסן אין זײַן בעכערל דעם לעצטן ביטערן טראָפּן און זיך אויסגעקערע־וועט צו לייען: — דײַן טאַטע נאַפּטאָליע פלעגט מיט מיר האַלטן אין איין טײַנען: מע דאַרף זיך פאַרלאָזן אויפן אייבערשטן.

די לעוואָנע האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם ניט פאַרהאַנגענעם פענצטער, ווי זי וואָלט זאָגן: וויפל איר זאָלט ניט ריידן און וויפל איר זאָלט ניט טײַנען, וועט אויף דער פּאַלעסיער ערד אַלץ זײַן אַזוי, ווי עס איז געווען ביז בענטשיקס פאַרשיקונג.

מע האָט פאַרלאָשן דעם הענגלאָמפּ. לייע האָט אויסגעבעט בענטשיקן אַ ווייך געלעגער אויף דער וואַרעמער לעזשאַנקע. דער געוועזענער קאַטאָרזשאַן האָט נאָך לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן ווערן. ווען דער שלאָף האָט אים פאַרט צוגעמאַכט די אויגן, האָט זיך אים ערשט אָנגעהויבן כאָלעמען די ווײַטע פאַרשנייטע ספּירידאָנאָווקע מיט זײַן פרײַנט יאַנוש בערגער און זײַן אומדערוואַרטן גאַסט — האָדעלע.

12. ערעוו

לייעס טאטע האָט ניט אומזיסט זיך פאַרלאָזט אַף גאָט, וועלכער האָט געמאַכט אַזוי, אַז בערל לאַזובניק זאָל ווערן דער ליסאָוועער מאַנאַפּאַלשטשיק, און זי, לייען, קרויִנען מיטן נאָמען „מאַנאַפּאַלשטשיצע". דעם נאָמען האָט איר צוגעקלעפּט מאַניעטשקע די קאָסאַקע, וועלכע פלעגט אים, בערלען, זען עטלעכע מאָל אין טאָג בא דעם קלייטל.

— וואָס מאַכט דאָרט עפּעס דײַן מאַנאַפּאַלשטשיצע? — פלעגט זי אים אַ פרעג טאָן מיט אַ שטאָך.

— וואָס גייט עס דיך אָן?

— סטאַם אַזוי.

— סטאַם אַזוי גרײַגערן אַזוינע קאַטשקעס, ווי דו.

— און ווען וועט איר פּראַווען אַ נײַעם ברית?

— כ'מיין, אַז גיכער, ווי דו וועסט כאַסענע האָבן!

ערעוו יאָמקיפּער האָט לייע געבוירן דעם פינפטן זון.

דער קימפּעט איז דאָס מאָל געווען זייער אַ שווערער.

— אַ געלער, אַ שרײַער, האַספּאָדי! — האָט אוליאַנע אים געפּליעסקעט און ניט ווייניקער פון דער קימפּעטאָרן גליקלעך געווען, וואָס נאָך פיל מאַטערנישן איז אַף דער וועלט געקומען אַ נײַער מענטש.

גיטל די כאַזנטע איז געקומען צו דער טאָכטער און האָט געבראַכט אַ גוטע בסורע: בענטשיק האָט זיך ווידער געשטעלט צו דער אַרבעט. ס'איז אים איצט ניט צו דערקענען! ער ווערט ניט פאַרפאַלן, ווי אַמאָל, ביז דער פאַרשיקונג, ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט זײַנע כעוורע האַרבאַרניקעס. ער זיצט זיך בא דעם הרובקעלע און לייענט אַ בוך. אַמאָל כאַפּט זיך צו אים אַרײַן סאַרעס טעכטערל בלימעלע, זי איז קלוג, ווי דער טאָג, און ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך אַף איר מאַמע, וואָס איז אַצינד נאָך שענער געוואָרן. אַ מאָדנע זאַך: זי עלטערט זיך גאָר ניט! טאַקע וועגן איר זאָגט די באַבקע אוליאַנע: אַ קוויט ניט קיין ווײַבל! סאַרע באַגעגנט זיך אָפּט מיט בענטשיקן, כאָטש דאָס איז ניט זייער צום האַרצן מענדלען. ער איז זיי כוישעד אין דער רועך ווייסט וואָס. נאָר זי, גיטל, קאָן שווערן, אַז בענטשיק פירט זיך אויף זייער לײַטיש, און טאַקע — וואָס קאָן צווישן זיי זײַן? וואָס פאַר אַ פּאָר זײַנען זיי?

נאָר וואָס קאָן אַ זײַטיק אויג דערזען? בענטשיק האָט מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער געטראַכט וועגן סאַרען. וויפל מאָל ער פלעג זיך באַגעגענען מיטן באַלעבאָס, אַזוי פיל מאָל פלעגט אופשווימען פאַר זײַנע אויגן סאַרע. אײַנגיכן האָט גיטל זיך געוומען אַנשטויסן, אַז ניט צופעליק זוכט סאַרע די מינדסטע געלעגנהײַט זיך אַרײַנכאַפּן צו זיי אין שטוב אַרײַן.

— זאָל דאָס הייסן, אַז זי וויל דיר פאַרדרייען דעם קאָפּ?

— ווער?

— די נעגידעסטע.

— פאַרדריסט עס דיך, צי עפּשער האָסטו ראַכמאָנעס אַף מענדלען?

— איך טראַכט וועגן דיר, זינו, אַזאַ באָכער, ווי דו, דאַרף נעמען זײַן גלײַכן.

— אַשטייגער, וועמען?

— כ'ווייס, אַזאַ, בא וועמען אַ הירזשענער קוליש און אַ פּאַשעט שטיקל הערינג איז דאָס בעסטע מײַכל. ניין, זינו, ניין! סאַרע איז פאַר דיר ניט קיין פּאָר!

בענטשיק האָט פליײַסיק געאַרבעט. זײַנע אַלטע כאַווײרים האָבן זיך געכידעשט, פאַרוואָס איז ער איצט אַזוי צוריקגעהאַלטן, וווהין איז אַהינגעקומען זײַן פלאַם. שוין זשע איז ער אויסגעלאָשן געוואָרן אין קאַלטן סיביר? זיי האָבן, נאַטירלעך, ניט געקאָנט וויסן, אַז בענטשיק האָט געדאַרפט ביז אַ צײַט זיך האַלטן אין אַ זײַט.

אַף פּייסעך האָט בענטשיק זיך אַראָפּגעכאַפּט אַף אַ פּאָר טעג צו זײַן שוועסטער לייע. אים האָט געקאַרטעט צו דערוויסן זיך עפּעס וועגן האָדעלען. אינעם בריוו, וואָס בענטשיק האָט באַקומען פון יאַנושן, זײַנען געווען בלויז עטלעכע ווערטער וועגן האָדלס קומען קיין ספּירידאָנאָווקע.

ווען ער האָט זיך שוין געקליבן אומקערן אהיים, האָט לייע באַקומען אַ בריוו, דאָס איז געווען אַ בריוו פון האָדלען.

„מײַן טײַערע און האַרציקע לייעלע! — האָט בענטשיק געלייענט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט בוילעט האָדלס קאָל, — איך האָב לאַנג געטראַכט, צו וועמען זאָל איך

אָנשרײַבן אַט דעם בריוו, און האָב באַשטימט — צו דיר! ווײַל ווער איז מיר נעענטער פון דיר, און ווער וועט מיך נאָך אַזוי פאַרשטיין, ווי דו? עס איז שוין אַוועק אַ היפּשע צײַט, זינט איך האָב פאַרלאָזט די היים, אַלע די, וועלכע האָבן מיט מיר געלעבט אונטער איין דאַך. איך שרײַב צו דיר און שטעל זיך פאָר, ווי פרעמדע אויגן קוקן אַרײַן אין מײַן נעשאָמע, ווײַל אַ בריוו, זאָגט מען, איז די נעשאָמע פון אַ מענטשן. זאָל זײַן אַזוי. מיט דײַן בענטשיקן האָבן מיר זיך אויסגעמיטן — זעט אויס, אַזוי איז מיר באַשערט געווען. איך בין געקומען, זיך דערפרעגט, ווו ער וווינט, דײַן ברודער, נאָר ווען איך בין אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט מיך באַגעגנט אַ מאַנצבל מיט צוויי ליכטיקע אויגן. „צו וועמען דאַרפט איר?" — האָט ער מיך געפרעגט. — „צו בענטשיקן," — האָב איך אים געענטפערט. — „ער איז מיט אַ וואָך צוריק באַפרײַט געוואָרן און קער שוין אַוואָדע טרינקען אַ הייסע גלאָז מילך בא זײַן מאַמע." וואָס זאָל איך דיך לאַנג דערציילן? פון די ערשטע ווערטער זײַנע איז ער מיר געפעלן געוואָרן אַף ניט צו באַשרײַבן. אַזוי קאָן טרעפן נאָר אין די ראָמאַנען, וואָס איך האָב זיי אַ סאַך איבערגעלייענט אין ליסאָווע. פונעם ערשטן אָוונט אָן בין איך ווי פאַרשיקערט געוואָרן, און ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער איז אייגזאַם און אַז איך רײַס זיך ניט אַרײַן אין קיין פרעמדן גורל און וועל ניט פאַרשאַפן דערמיט קיין שום יעסורים אַ צווייטן מענטשן, האָב איך בא זיך באַשטימט, אַז אַט דאָ בלײַב איך, וויפל עס זאָל מיר ניט אויסקומען זיך מאַטערן מיט אים אין דער וויסטער פאַרשנייטער ספּירידאָנאָווקע. — „איר זײַנט דאָך געפאָרן צו בענטשיקן?" — האָט ער מיך געפרעגט, דער בלוי־אויגיקער יאַנוש בערגער... „איך בין געפאָרן צו מײַן גורל," — האָב איך אים געענטפערט. וואָס טוט מען אָבער, אַז דער גורל איז גראָדע ניט דאָרט און ניט דאָס, וואָס מיר שטעלן זיך פאָר... „און וואָס וועט איר אים זאָגן, ווען איר וועט זיך באַגעגענען? ער האָט דאָך ניט איין מאָל דערמאָנט אײַער נאָמען..." — „ער איז אַ כאַכעם, — האָב איך יאַנושן געזאָגט, — ער וועט מיך פאַרשטיין." מיט איין וואָרט, לייעלע, מיר זײַנען איצט מאַן און ווײַב. איך האָב זיך געפונען אַן אַרבעט ניט גאָר קיין גרינגע, און דאָך איז מיר דאָ טויזנט מאָל בעסער און ליבער, ווי בא מײַן טאַטן. איך בעט דיך, לייעלע, בא אַ געלעגנהײַט דערצייל דײַן ברודער וועגן אַלץ, וואָס איך האָב דיר דאָ באַשריבן, און זאָל ער מיר מויכל זײַן. זאָג אים, אַז ליבע באַרעכטיקט אַפילע אַזאַ פאַראַט, וואָס איך בין באַגאַנגען בענעגייע בענטשיקן, ווײַל אויב גוט אַ טראַכטן, איז עס דאָך סטאַם קיין פאַראַט ניט! מיר האָבן דאָך איינס דעם צווייטן גאָרנישט ניט צוגעזאָגט, און ער האָט דאָך ניט געוואַרט אַף מיר".

בענטשיק האָט צונויפגעלייגט די בייגעלעך פונעם גאַנץ היפּשן בריוו און איז אַרויס אַף דער ליכטיקער פרילינגדיקער גאַס.

קיין כיידער און קיין שול איז אינעם דאָרף ליסאָווע קיינמאָל ניט געווען. פאַר די אונטערגעוואַקסענע עליע קויפּמאַנס און בערל לאַזעבניקעס קינדער האָט מען געדאַרפט ערגעץ קריגן אַ לערער, ווײַל שלעפּן זיך אינעם שכייניעסדיקן שטעטל האָט מען געמוזט אַ זיבן — אַכט ווערסט. איז דעם קרעמער עליע קויפּמאַן אײַנגעפאַלן אײַנלאַדן קיין ליסאָווע אַ לערער. אינגיכן האָט אין דאָרף זיך באַוויזן אַ באָכערל אין ברילן מיט אַ געשניצט שטעקעלע אין דער האַנט. גערופן האָט מען דעם יונגערמאַן אוורעמל. ער האָט גוט געקענט רוסיש. וואָס איז שײַעך מאַטעמאַטיק איז ער געווען גאָר־גאָר אַ גרויסער קענער. ער האָט גלײַך נויסעכיין געווען מיט זײַן באַשיידנקײַט, מיט זײַן צוגעלאָזטקײַט. עליע קויפּמאַנס טעכטער האָבן זיך אין אים באַלד אײַנגעליבט, און לייעס קינדער האָבן אים באַגעגנט ווי אַן עלטערן כאַווער. מע האָט זיך צונויפגערעדט וועגן דעם סכאַרלימעד און וועגן קעסט.

דעם עמעס גערעדט, האָט עליע קויפּמאַן אין זינען געהאַט, אַז עפּשער וועט אוורעמל, דער יונגער לערער, געפעלן ווערן איינער פון זײַנע טעכטער — ס'איז דאָ, קיין אײַנהאָרע, פון וועמען אויסצוקלײַבן! נאָר דעם יונגן לערער איז, ווי אַפּצולאָכעס, געפעלן געוואָרן ציפּורע דער אַלמאָנעס טאָכטער — ליזעטשקע מיט איר לויטער פּאָנעם און טונקעלע קאַרשן־אויגן, אירע לאַנגע צעפּ און דעריקער איר קאָל. ליזעס געזאַנג פלעגט אים פאַרשיקערן. זי איז אים ליב געווען אין איר שניי־ווײַסן קאָפּטעלע און אינעם מאַלבעש, וואָס כאַפּט אַרום איר געזונטן שלאַנקן קערפּער. בעטעווע איז ער געווען אַ שעמעוודיקער און האָט נאָך קיינמאָל ניט באַגעגנט אַזאַ שיינהײַט, ווי ליזע. ער האָט זיך געסטאַרעט די גאַנצע פרײַע צײַט פאַרברענגען מיט ליזען אינעם ענגן אַלקערל בא די לאַזעבניקעס.

כיניע און די עלטערע, מאַניע די קאָסאָקע, זײַנען אים מעכאַבעד געווען מיט די געשמאַקסטע מײַכאָלים, נאָר אים איז דאַפקע מער געפעלן געווען לייע לאַזעבניקס קוליש און אירע הרעטשענע לאַטקעס. לייען איז ליב געווען, ווען אוורעמל פלעגט לויבן אירע קעסט.

— אפילו בא דער מאַמע מײַנער איז מיר ניט אַזוי געשמאַק דאָס עסן, ווי בא אײַך.

ווי פּריער, פלעגן זיך אין ליסאַווע באַווײַזן שאַדכאָנים, נאָר איצט האָבן זיי שוין אויסגעמיטן ציפּוירע דער אַלמאָנעס שטוב — די „קאַלעמויד" ליזע איז שוין באַוואָרנט געווען מיט אַ כאָסן און דאָס האָט בעפּײַרעשׂ געפרייט לייען, וועלכע האָט פון פולן האַרצן געווונטשט איר אַ גליקלעך לעבן.

— ס'איז אַ מאַזל־זאַך, — האָט זי געזאָגט, — אַזאַ כאָסן באַגעגנט זיך איין מאָל אין טויזנט יאָר. אַ שטילע טויבּ און דערצו אַ לערער!

בערל, וואָס איז געווען ניט קיין גרויסער לאַמדן, האָט געקוקט אַף אָווערעמלען, ווי אַף אַ ווונדער. און ווען אין דאָרף פלעגט זיך באַווײַזן כאַצקל מיט זײַן קוישל ביכער און דער יונגער לערער אין די ברילן האָט זיך גענומען אַמפּערן מיט כאַצקלען איבער עפּעס אַ סייפער, האָט זיך בערל באַמיט האַלטן אין אַ זײַט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז די אַמפּערנייש? איינעם געפעלט איינס און אַן אַנדערן עפּעס אַנדערש.

איינעם אַ פּרײַטיקצונאַכטס, ווען עס האָט אַ גאַס געטאָן אַן עמעסער מאַבּל, איז דער לערער געבליבן אַף שאַבּעס אין ליסאַווע, בא די לאַזעבניקעס האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע שכיינעס־פויערטעס. אָווערעמל האָט זיי געלייענט שעווטשענקאָס „נײַמיטשקאַ" און „קאַטערינאַ". די שכיינעס האָבן ניט געוווּסט, ווי צו באַדאַנקען דעם יונגן לערער. ליזעטשקע איז געזעסן באַם פענצטער און געקליבן נאַכעס.

ניט לאַנג האָט אָבער געדויערט דאָס גליק. דעם 13 יול האָט זיך אָנגעהויבן די מאָבּיליזאַציע, און בערל האָט זיך ווידעראַמאָל געמוזט צעשיידן מיט זײַן הויזגעזינד. ער האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו און צוזאַמען מיט זײַנע דאָרפסלײַט אַוועק דינען דעם קייסער און דעם הייליקן פאָטערלאַנד.

ס'איז געווען אַ הייסער טאָג. עטלעכע צענדליק נאָוואָבראַנצעס האָבן זיך צונויפגענומען אַפן פּלאַץ לעבן דעם נידעריק־געזעצטן אַלטן קלויסטער. עס זײַנען שוין געווען אײַנגעשפּאַנט די וועגענער, און די דרײַ עטוואָס שיקערע קלעזמער האָבן אָן אויפהער געשפּילט דעם מאַרש „ראַסטאַוואַניע". עטלעכע יונגע בלאָנדע פאָלישטשוטשקעס האָבן הייזעריק געזונגען די באַוווּסטע ליד:

Последний нонешний денечек
Гуляю с вами я, друзья,
А завтра рано, чуть светочек
Заплачет вся моя семья. . .

די פויערטעס אין די ווײַסע פּאַטשיילעכלעך זײַנען געשטאַנען אַפן וועג מיט פעקלעך עסנוואַרג און מיט פיצלעך קינדער אַף די הענט. צום פּריזיוו האָבן זיך געשטעלט אויך די, וואָס האָבן געהאַט אַ להאַטע אָדער אַן אָטסראָטשקע. די באַבקע אָליאַנע, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז אַלע די, וואָס פאָרן אַפּ, זײַנען אירע קרוווים, האָט דאַפקע ניט געוויינט. זי איז שוין געווינט געווען צו די שוואַרצע יעדיִעס, וואָס פלעגן קומען אין דאָרף. די באַבקע אָליאַנע איז פון טאָמיד אָן געווען אַ טרייסטערן און אָפטמאָל איז טאַקע אויסגעקומען אַזוי, ווי זי האָט פאָרויסגעזאָגט:

— באַבאָנקי, טײַערינקע מײַנע, פאָלגט מיך, באַבאָנקי! אַלץ וועט זײַן, ווי עס מוז זײַן, און ווי איך לייג אײַך אויס. זיי וועלן זיך אומקערן צוריק — אָט וועט איר האָבן אַ סימען: מיט די ציילעמס און מיט די זילבערנע מעדאַלן. אונדזער צאַר־באַטיושקאַ איז ניט קיין קאַרגער — ער וועט זיי אַלעמען באַלוינען, אָט וועט איר זען!

בערל האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון לייעס הענט. זי האָט שוין, דאַכט זיך, אויסגעוויינט אַלע אירע טרערן און אַרויסגעזאָגט אַלע ווערטער און ווינטשעוואַניעס, און דאָך האָט זי אים ניט אָפּגעלאָזט. ער איז אַרופגעשפּרונגען אַפן מיט שטרוי פאַרשפּרייטן וואָגן און אויסגעשריגן:

— ניע פּאָמינײַטע ליכאָם, ליודי דאָבריִ! טוט אַכטונג אַף מײַן מישפּאָכע — זי זאָל ניט פאַלן...

די קלעזמע־ האָבן געשפּילט זייער מאַרש. דער פויקער האָט אַזוי געבוכקעט איינעם פויק און אין די טאַצן, אַז די באַבקע אָליאַנע איז צו אים צוגעלאָפן, אַרויסגעריסן דאָס פּײַקל און אַ געשריי געטאָן:

— אַ כאָלירע אַף דיר, גאַזלען! וואָס נעמסטו אַרויס די נעשאָמע מיט דײַן בוכקען? גענוג זאָל שוין זײַן, גענוג, האָב ראַכמאָנעס!

ווי שווער עס איז לייען ניט געווען ביז דער שאָ פון צעשיידונג, האָט זי דאָך געהאַט א

שטיקל אָנשפּאַר. די גראַשנס, וואָס בערל האָט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב, האָבן כאָטש אַ ביסל געהאָלפן ציפּוירען באַזאָרגן די גרויסע מישפּאָכע מיט אַ פאָר זעקלעך קאַרטאָפל אַף ווינטער, מיט אַ ביסל קאָרנענער מעל אַף צו אָנהאָדעווען די קינדער.

צוויי מאָל אַ טאָג פלעג לייע פאַרקנעטן די גרויסע באַקדייזשע און אויסבאַקן דרײַ פוד קאָרנברויט פאַר די הארבאַרניקעס, וועלכע האָבן דאָ ניט ווײַט פונעם דאָרף ליסאָווע געבויט אַ נײַע באַן־ליניע. אין שטוב האָט געשמעקט מיט פרישן קאָרנברויט. דער אויוון איז געווען הייס — אַ מעכײַע, באַזונדערס ווינטער־צײַט האָבן זיך די כעוורע געאַמפּערט, ווער וועט די נאַכט שלאָפן אַפן אויוון. דאָס שטענדיק פרישע ברויט האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון זעט אין שטוב. כוצן ברויט פלעג לייע אַלע אינדערפרי אָפּשפּאָרן עטלעכע פּידפּאַלקעס פאַר די קינדער.

ווען ניט די טרויעריקע בריוו, וואָס בערל האָט געשיקט פון דער מילכאָמע, וואָלט מען נאָך יאַקאָס געקאָנט איבערקומען די שווערע צײַט, נאָר ווי אַפּצולאַכעס האָט זיך בערל פאַרגינט גאַנץ ברייט באַשרײַבן מיט די איינצלהײַטן אַלץ, וואָס אים איז אויסגעקומען איבערצולעבן און אויסצושטיין אַף די פּאָזיציעס...

אוי, די מילכאָמע איז גאָר ניט צו פאַרגלײַכן מיט דער רוסיש־יאַפּאַנישער! דאָס ווייקן אין די אָקאָפּעס און דאָס דראַפּען זיך אַף די קאַרפּאַטער בערג, דער שטענדיקער טויט־געפאַר, וואָס הענגט איבערן קאָפּ, האָט בערל אַזוי באַשריבן, אַז עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דו ביסט אַליין אַפן פראָנט. באַזונדערס האָט ער פאַרוואָרפן מיט בריוו, ווען מע האָט אים קאָנטוזיעט און אָפּגעפירט אין פעלד־לאַזאַרעט.

אין איינעם אַ בריוו האָט בערל מודיע געווען, אַז ער האָט אַפן פראָנט זיך באַגעגנט מיט בענטשיקן. לאָזט זיך אויס, אַז לייעס ברודער האָט מען אויך גענומען, אַז ער איז אויך אַ פעכאָטינעץ, אַ סאַפּיאָר, אַז ער איז שיר ניט פאַרשאָטן געוואָרן מיט באַרג־שטיינער, טאַקע פון דעם זעלבן באַרג, וואָס ער און זײַן ווזוואָד האָבן אופגעריסן. עס האָט אים אָפּגעגליקט, בענטשיקן, ער איז נאָר אַף אַ פאָר טעג טויב געוואָרן. לאַנג פאַרברענגען מיט בענטשיקן האָט בערל ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט. מע האָט זיך צעקושט, איינס דעם צווייטן געדריקט די הענט. און בענטשיק האָט אַרויסגעזאָגט אַ ווונטש, אַז די מילכאָמע זאָל וואָס גיכער פאַרשפּילט ווערן, און דער קייסער זאָל באַקומען אַ מאַפּאָלע! שאַ, שרײַ ניט אַזוי, כאַכעם איינער! — האָט אים בערל געזאָגט, — ווי פאַלט עס דיר אײַן אַזעלכס? מיר שלאָגן זיך דאָך אַלע „זאַ צאַריאַ אי אָטיעטשעסטוואָ". נאָר בענטשיק, לאָזט זיך אויס, האָט זײַן אייגענעם קוק אַף דער זאַך. דער קייסער, זאָגט ער, איז אַ הונט.

מיט איין וואָרט, זאָל גאָט העלפן, מע זאָל זיך טרעפן געזונטערהייט און אין אַ גוטער שאָ וועט ער אונדז דערקלערן, וואָס ער האָט געמיינט מיט זײַן ווונטש...

און געמיינט, און געזאָגט אַזוי האָט בענטשיק, ווײַל אַזוי איז אָפּגעדרוקט אין די פלוגבלעטלעך, וואָס ער אַליין טאַקע האָט זיי פאַרשפּרייט צווישן אונדזערע פעכאָטינצעס און סאַפּיאָרן. ס'אַ סוואָרע, אַז ווען מע פאַקט אים, ווען ער צעטיילט אָט די פלוגבלעטלעך, וואָלט מען אים זיכער אַפן אָרט געשאָסן. אַזאַ איז דער געזעץ בעשאַס אַ מילכאָמע. נאָר ניט אומזיסט איז בענטשיק פאַרשיקט געווען, ער האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט ווי מע באַדאַרף אונטערשטעלן אַ פיסל.

אינעם פאָלק, אין וועלכן בענטשיק האָט געדינט, איז ער געווען ניט איינזאַם. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וועמען עס לוינט די מילכאָמע, און פיל זײַנען גרייט געווען אַ קערעווע טאָן דאָס געווער קעגן דעם קייסער און זײַנע מיניסטאָרן, וועלכע שיקן אין פײַער אומשולדיקע מענטשן.

בערל, וואָס איז בעשאַס דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע געווען אַ דרייסטער סאָלדאַט און האָט זיך ניט פאַרטראַכט, ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום געפאַר, האָט אַצינד, נאָכן געשפּרעך מיט בענטשיקן, זיך אָנגעהויבן פאַרטראַכטן: ווער ווייסט, עפשער איז עס טאַקע אַזוי, ווי עס שרײַבט זיך אינעם נײַעם פלוגבלעטל, וואָס עמעצער האָט געבראַכט אין שוצגראָב. „פאַרענדיקט די מילכאָמע, ברידערט זיך מיט די אוסטריאַקעס אַפן פראָנט. ניט זיי זײַנען אײַערע סאָנים. אײַערע סאָנים זײַנען די, וואָס שיקן אײַך אין פײַער און הייסן אײַך איינס דעם אַנדערן אומברענגען".

אין איינער אַ שלאַכט איז בערל לאַזבניק פאַרוווּנדעט געוואָרן, און צוויי געזונטע אוסטריאַקעס האָבן אים פונעם פעלד גענומען שלעפּן אַף זייערע פּאָזיציעס. זיך ווידערשטעלן האָט ער ניט געקאָנט, אַן אָפּגעשוואַכטער, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין זײַן לעבן, איז ער געלעגן אַף אַ ביסל פוילער שטרוי און באַנײַס אַ קאָן באַטראַכט די ווערטער, וואָס בענטשיק האָט אים בעשאַס דער באַגעגעניש געזאָגט. ער וואָלט עפשער וועגן דעם אָנגעשריבן אַהיים,

קיין ליסאָווע, נאָר איצט איז ער שוין געווען אַ קריגסגעפאַנגענער, אָפּגעשניטן פון דער היים און פון זײַן הויזגעזינד. ווער ווייסט, וויפל עס וועט נאָך דויערן זײַן געפאַנגענשאַפט און צי וועט אים נאָך באַשערט זײַן זיך אומקערן צו זײַן ווײַב און קינדער...

און די מילכאָמע האָט זיך פאַרצויגן.

צענדליקער סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזט די פּאָזיציעס, אייניקע האָבן געמאַכט אַ פּליטע בעשאַס מע האָט זיי איבערגעפירט פון איין פראָנט אַפן צווייטן. עס איז געוואַקסן די אומצופרידנקייט און עס האָט געשטיגן דער צאָרן אַף די, וואָס האָבן אונטערגעצונדן דעם וועלט־קריג.

בערל האָט זיך געסטאַרעט אַלץ פאַרגעדענקען, קעדיי קאָנען דערציילן, וואָס אים איז באַשערט געווען אויסצושטיין.

13. און ווען די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט

נאָך איידער עס האָט זיך פאַרענדיקט די מילכאָמע, האָבן זיך קיין ליסאָווע אָנגעהויבן אומקערן אייניקע פון די, וועלכע זײַנען צוזאַמען מיט בערלען פאַרטריבן געוואָרן אין יענעם הייסן זומער־טאָג. געקומען זײַנען זיי — ווער אָן אַ האַנט, ווער אָן אַ פוס. איינעם אַ סאָלדאַט האָט מען געבראַכט מיט אויסגעברענטע אויגן. גראַדע ער האָט מיט דרײַ יאָר צוריק, בעשאַס דעם געזעגענען זיך, געהאַלטן אין איין טײַנען:

— אַ טשי פּאָבאַטשימאָס אישטשע?! — ס'הייסט, צי וועט אונדז נאָך באַשערט זײַן זיך ווידעראַמאָל זען.

מאָטרע, זײַן ווײַבל — אַן אויסגעמאַטערטע פּאָלישטשוטשקע, האָט אַף זיך געריסן די האָר. אירע צוויי קינדער, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו אונטערוואַקסן און האָבן דאַפקע דערקענט דעם בלינדן טאַטן, זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז ער בלינד געוואָרן, און מאָטרע האָט געהאַלטן אין איין טײַנען: וואָס זשע וועסטו איצט טאָן, קאַליקע מײַנער?! ווי וועלן מיר לעבן אָן דײַנע צוויי ליכטיקע אויגן, ברויטגעבער מײַנער!

די סאָלדאַטקעס, וועלכע האָבן פאַרלוירן די האָפענונג צו דערלעבן זען זייערע מענער, זײַנען מאָטרען מעקאַנע געווען — זאָל זײַן אַ בלינדער, זאָל זײַן אַ שטומער, אַבי אַ מאַן! מע פלעגט זיך צונויפנעמען בא לייען איר אָנגעהייצטער שטוב, וואָס האָט שטענדיק געשמעקט מיט פריש קאָרנברויט, און בא דער שײַן פון אַ קאַנעצל אויסרעדן איינע דער אַנדערער דאָס האַרץ.

מאָטרע פלעגט קומען מיט איר בלינדן מאַן. לייע האָט שטענדיק אים באַזעצט אויבנאָן, מעכאַבעד געווען אים מיט אַ זיסער גלאָז טיי. דער בלינדער האָט פײַנט געהאַט צו דערציילן, וואָס דאָרט אַפן פראָנט איז געווען. מיט בערלען איז אים ניט אויסגעקומען זיך באַגעגענען — לעמײַ זאָל ער זאָגן אַ ליגן? — ניט געזען און ניט געהערט וועגן אים. אַף דער מילכאָמע זײַנען פאַראַן אַזוי פיל וועגן! דער בלינדער איז געווען אַן אײַזערנער שווײַגער, נאָר איין זאַך האָט ער דאָך געזאָגט:

— אויב קיין בריוו פון דײַן בערקאָ קומען ניט אָן, איז אַ סימען, אַז ער איז דערהאַרגעט געוואָרן, אָדער ער איז אַרײַנגעפאַלן אין פלען.

— ווי עפּנט זיך עס בא דיר דאָס מויל צו זאָגן אָט דאָס וואָרט — דערהאַרגעט?! — האָט אים געמוסערט מאָטרע, — אונדזער לייעטשקע איז אַ מאַמע פון פינף קינדער, און דו רעדסט אַזוי... האָסט מיסטאָמע צוזאַמען מיט די אויגן פאַרלוירן אויך דײַן גוט האַרץ.

— דאָס גוט האַרץ האָב איך פאַרלוירן נאָך פריִער, ווען איך האָב מיט מײַנע אויגן דערזען, אין וואָס פאַר אַן אומגליק מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן...

מאָטרעס מאַן האָט מער ווי צען יאָר געאַרבעט אַף דער עקאָנאָמיע. ער איז געווען אַ גערטנער, אַן אָנטרײַבער, האָט ליב געהאַט האָבן צו טאָן מיט פערד, און ווען מע האָט אים אַפן פראָנט אוועקגעשטעלט פאַר אַ יעזדאָוואָי, איז ער געווען גליקלעך, וואָס אים איז ניט אויסגעקומען צו ליגן אין די שוצגראָבנס און וואַרפן זיך אין די אַטאַקעס. ער האָט געוווסט בלויז איין זאַך: אונטערפירן סנאַריאַדן פאַר די אַרטילעריסטן. דאָס איז אויך געווען ניט פון די גרינגע זאַכן, נאָר דאָך...

ניט איין מאָל איז אים אויסגעקומען אַרויסשלעפּן פון פײַער שווער פאַרוווּנדעטע. זיי האָבן ניט געוווסט, ווי אים צו באַדאַנקען פאַר זײַן הילף. ס'וואָלט גאָר געקאָנט הייסן, אַז ער איז געווען אַ שטיקל סאַניטאַר. אָבער שיסן, האַרגענען איז אים ניט אויסגעקומען. בלויז איין מאָל האָט ער פון זײַן ביקס אויסגעשאָסן אין דעם בולאַנע פערד, וואָס איז שטאַרק פאַר־

ווונדעט געוואָרן פון א סנאַריאַד־שפּליטער. דאָס פערד איז געפאַלן און איבערגעקערט דעם וואָגן מיט די שווערע קאַסטנס סנאַריאַדן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט גע־קאָנט טאָן פאַר זײַן בולאַנעם. דער יעזדאָוואָי האָט אויסגעשאָסן אין דער שטומער באַשעפע־ניש און אַליין זיך צעוויינט, ווי א קליין קינד. דער קאָמאַנדיר פון ווזוואָד האָט אים ניט גע־זידלט, פאַרקערט — פאַר זײַן לאַנגדויערנדיקער דינסט דאָס ערשטע מאָל געלויבט.

אַנדריי — אַזוי האָט מען גערופן מאָטרעס מאַן — האָט ניט איין מאָל אין כאָלעם געזען דעם בולאַנעם.

אויך אַצינד, ווען מע האָט אַנדרייען אהיים געבראַכט מיט די אויסגעברענטע אויגן, פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז דאָס פערד האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם בייזן פײַער און שטייט לעבן דעם טויער און רופט אים צו זיך...

אַנדריי האָט דערציילט די טרויעריקע געשיכטע די פאַרזאַמלטע סאָלדאַטקעס, און לייען האָט זיך אָך א רעגעלע געדאַכט, אַז מיט איר בערל האָט זיך אויך אַזוינס געקאָנט טרעפן, מיט זײַנע ליכטיקע אויגן, וואָס קיין צווייטע צו זיי איז גאָר אָך דער וועלט ניטאָ!

בערלס אויגן! לייע קוקט אָפן בלינדן פאָלישטשוק אַנדריי און עס כאַפּט זי אָן אַזא ראַכ־מאָנעס, אַז ווען זי קאָן, וואָלט זי אים אָפּגעגעבן אירס אָן אויג, ער זאָל כאָטש זען די ליכ־טיקע וועלט, די קינדער, זײַן געטרײַע און איבערגעגעבן ווײַב.

מאָטרע און אַנדריי האָבן געהאַט צוויי ייִנגלעך, פּונקט אין אַזא עלטער ווי לייזערקע און נאַפּטאָלע. דער עלטערער וואַסילקאָ פלעגט זיך ארײַנכאַפּן צו לייען, ווען האָדל האָט אָנ־געהויבן קנעלן מיט די פּאָלישטשוקלעך. ער איז געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער געראָטן אין איר, אין מאָטרען, פּונקט אַזא לעבעדיקער, אַזא ביסטרע, ער האָט גלײַך אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט האָדלס, נאָר ווען די לערערקע איז אוועקגעפאָרן פון ליסאָווע, האָט ער באַ קיינעם ניט געפרעגט און איז אוועק אין דער עקאָנאָמיע, זיך געשטעלט פאַר אַן אָנטרײַבער אין פעלד. ער פלעגט קומען א פאַרשוואַרצטער נאָך א לאַנגן טאָג האָרעוואַניע און דאָך איז ער געווען גליקלעך, וואָס ער קאָן פאַרדינען א דרײַערל א וואָך און מיטהעלפן דער מאַמע.

דער לערער אוורעמל פלעגט אים אַרויסשטעלן, ווי א מוסטער, דעם זאַהיקעוואַטן יוזיקל קויפמאַן און לייזערקען, וועלכע האָבן זיך דאַפקע ניט איבעריקס געצויגן צום לערנען.

אין איינעם א טאָג איז אויך לייזערקע אוועק אין דער עקאָנאָמיע און זיך פאַרדינגען פאַר אַן אָנטרײַבער. לייע האָט זיך גוט אָנגעוויינט, נאָר זי האָט אַפילע ניט געפּרוּווט דער־ווידערן איר בכאָר — זאָל ער גיין, זאָל ער פאַרזוכן דעם טאַם פון אַרבעט. נישקאָשע, עס וועט אים צוניצקומען!

פאַרטאָג פלעגט לייע פאַרוויקלען אין א טיכעלע עטלעכע געבראָטענע קאַרטאָפליעס, א ציבעלע און א גאַנץ היפּש ריפּטל ברויט. ס'וואָלט ניט שלעכט געווען אים מיטגעבן א פלעשל מילך, נאָר קיין קו איז באַ די לאַזעבניקעס ניט געווען, האָט לייזערקע געווײנלעך מיטגענו־מען א הויך קריגל וואַסער, אָן איבערגעבונדנס מיט א ווײַסן האַנטעך. לייע פלעגט מיט א באַזונדערן פאַרגעניגן א קוש טאָן דעם זון פאַרן אַרויסגיין אָך דער אַרבעט. כאָטש לייזער־קען איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען, באַזונדער ווען וואַסילקאָ איז געווען דערבײַ — זיי פלעגן אינצווייען גיין אין דער עקאָנאָמיע.

— וואָסי, איך בין א קליין קינד, מיט וועלכן מע טשמאָקעט זיך. ס'איז א ווּיסטער ביזאַיען!

שפּעטער האָט די מומע ליזע פון א שטיק רעדנע אים אויפגענייט א היפּשע טאָרבע, אין וועלכער ער פלעגט ארײַנרוקן דאָס ברויט מיט די קאַרטאָפליעס צוזאַמען מיטן קריגל וואַסער.

וואַסילקאָ האָט געוויינלעך מיטגענומען מיט זיך ברויט און א פּיצל סאַלע, וואָס מאָטרע האָט געהאַלטן אינעם קעלער ספּעציעל פאַר איר ברויטגעבער. זי איז געווינט געוואָרן צום געדאַנק, אַז פון איצט אָן וועט איר אויסקומען זיך פאַרלאָזן אָך אים, אָך וואַסילקען, און ניט אָפן בלינדן אַנדרייען. מיט לייען פלעגט זי זיך האַלטן אָן אײַצע, ווי צו אויסקומען מיטן מאַן, ווײַל פון זינט ער איז צוריק געקומען פון דער מילכאָמע, איז אים ניט צו דערקענען. אַנדריי לאָזט זי ניט אָפּ פון זיך. זאָל דאָס הייסן, אַז ער איז זי אין עפּעס כוישעד? מאָטרע האָט שוין געהאַט אָפּגעמאַכט מיט דער יונגער גאַלעכטע, אַז זי, מאָטרע, וועט באַ איר ווערן א דינסט. די גאַלעכטע האָט געבוירן נאָך א קינד, און ס'איז איר שווער אַליין צו שטעלן עס אָך די פיס. אַנדריי האָט ניט געוואָלט, אַז זײַן ווײַב זאָל גיין פאַר א דינסט, ביפראַט נאָך צום גאַ־לעך, וואָס האָט אין ליסאָווע געשעמט פאַר א נויעף, פאַר אַזא, וואָס לאָזט ניט דורך קיין איין מאָלאָדיטשקע. ווען עמעצער פלעגט אים פּרוּוון אָנדײַטן אָך דער זינד, האָט יענער גוטמוטיק געשאָקלט מיטן גרויסן פאַרוואַקסענעם קאָפּ און געענטפערט:

— גאָט וועט אונדז מויכל זײַן אַלע אונדזערע זינד...

קיין גרויסע כאַסענע האָט מען ליזען מיטן לערער ניט געפּראַוועט. ווערגן וואָס פאַר א סימכע האָט געקאָנט גיין א רייד, אַז מע ווייסט גאָר ניט, צי בערל לעבט נאָך אױף דער וועלט. די שכיינים־פאַלישטשוקעס האָבן, זעט אויס, ניט פאַרגעסן בערלס אויסגעשריי: — „ליודי דאָבּרי, טוט אַכטונג אױף מײַן מישפּאָכע! לאָזט זי ניט פאַלן!..״

איין מאָל, אין א וואַרעמען סאָף־פרילינגדיקן אָפּדערנאַכט, ווען לייע האָט שוין אײַנגעלייגט דאָס קליינוואַרג שלאָפן, האָט זיך פּלוצעם אָן עפן געטאָן די שווערע טיר, וואָס איז א קיילעכדיק יאָר געווען אַרומגעשלאָגן מיט אַלטע שמאַטעס, און עס זײַנען אַרײַנגעקומען צוויי עלטערע סאָלדאַטקעס־פאַלישטשוטשקעס. איינע פון זיי האָט געהאַלטן אױף די הענט א גאַל קעלבעלע מיט ווײַסע פלעקן און מיט א פּײַכט בלוילעך פּיסקל.

— א גוטנאָוונט דיר, סאָלדאַטקע! — האָט אויסגערופן די ערשטע.

— א געזונט אין דײַנע ביינער, לייעטשקע! — האָט זי אונטערגעהאַלטן די צווייטע, א פאַרקוטעטע אין א וואַרעם שאַלעכל, אַזוי ווי מע פאַרקוטעט זיך אין פאַלעסיע.

— א דאַנק, א דאַנק! אויך איר זאָלט מיר געזונט זײַן! — האָט זיך לייע אופגעכאַפּט פון עם טאַפּטשאַן, — קומט אַרײַן, קומט אַרײַן! וואָס פאַר א ווינט האָט עס אײַך פאַרטראָגן אַזוי שפּעט?

— מיר האָבן דיר געבראַכט א קעלבעלע!

— א קראַסאַוויצע! קוק זיך גוט צו, וועסטו אַליין זאָגן — א ברילאַנט! האָסט דען אַמאָל געזען אַזאַ? — און מע האָט, ווי א פּיצל קינד, איר איבערגעגעבן דאָס קעלבעלע, וואָס האָט געציטערט אין די הענט.

— און דאָ האָסטו א ביסל מילך פאַר דעם, עס זאָל, כאַלילע, ניט פאַרכליאַנעט ווערן, — האָט געזאָגט די צווייטע. — מאָרגן וועסטו באַקומען א טעפּעלע פרישע מילך. היט עס אָפּ, ווי דײַנס א קינד, און האָדעווע עס אויס, וועסטו דיר האָבן אן אייגענע בעהיימע.

לייע האָט ניט געוווסט, ווי צו באַדאַנקען, וואָס צו זאָגן אירע כאַוועריטעס, די סאָלדאַטקעס. זינט זי לעבט דאָ אין ליסאָווע, איז זי שוין געווינט געוואָרן, אַז איינע דער אַנדערער טוען טויוועס, ווײַל דער מילכאָמע־אומגליק האָט זיי אַלעמען פאַרייניקט און זיי געמאַכט נאָענט, ווי א שוועסטער, נאָר אױף אַזעלכס האָט זיך לייע ניט גערעכנט. עס ווײַנען דאָך דאָ אינעם דאָרף אירע קרוווים — דער פעטער עליע מיט דער מומע כיניע. כײַבי וואָלטן זיי כאָטש ווען־ניט־איז זיך אַרײַנגעכאַפּט צו איר און פרעגן, וואָס מאַכן די קינדער. א נעכטיקער טאָג! דער פעטער עליע האָט גאָר געקריווינט די עלטערע צוויי — לייזערקען און נאַפטאַלען — מיטן נאָמען שקאָצים. עס שטייט אים ניט אָן, וואָס זיי כאַווערן זיך מיט די יונגע פאַלישטשוקעס, וועלכע אַרבעטן אין דער עקאָנאָמיע. וואָס ווילן זיי זיך אָפּלערנען פון די פאַרובקעס? — האָט ער געהאַלטן אין איין טײַנען מיט מאַניען דער קאַסאַקער, וואָס פלעג דאַפקע יאָ אַמאָל פרעגן בא די יינגלעך, ווי אַרבעט זיך זיי בא די אַקערס און בא די באַראַנעס אין פעלד.

מע האָט אויסגעטיילט פאַרן קעלבעלע א וואַרעם אָרט לעבן דער לעזשאַנקע, אויסגעבעט פאַר דעם שמעקנדיק געלעגער פון שטרוי און פון היי, געגעבן דעם נאָמען „מאַניע״. מאַניע איז געוואָרן דאָס זעקסטע קינד אין שטוב און ניט געווען איז פאַר די קינדער קיין גרעסערע האַנאָע, ווי גלעטן דאָס קעלבעלע, ווי האָדעווען עס מיטן ביסל מילך. ווען די מאַמע וואָלט געלאָזט, וואָלטן די כעוורע גענומען דאָס קעלבל צו זיך אין געלעגער. און לייע, די גליקלעכע מאַמע, האָט געקוקט אױפן קעלבל מיט אַזוי פיל ליבע און האַפענונג, אַז ציפּוירע האָט איר געמוזט מאַכן א באַמערקונג:

— דאָס קעלבל איז בא דיר געוואָרן כאַשעווער פון אַלע דײַנע קינדער און קרוווים.

— לעמײַ זאָלט איר דאָס זאָגן, שוויגער? איר זײַנט בא מיר, כאַלילע, קאַרג כאַשעווו, צי, לאָמיר זאָגן, דער שוואַגער אוורעמל, צי ליזעטשקע, וואָס איז מיר איצט געוואָרן אייגענער פון א שוועסטער, נאָר דאָס קעלבעלע איז אן איבעריקער באַווײַז, וואָס פאַר א גוטע מענטשן עס רינגלען אונדז אַרום.

דאָס קעלבעלע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די גראָבע כיניע, וואָס האָט זיך שיר ניט געבאָדן אין מילך פון איר פּאַראַדיסטער קו, איז דאָך מעקאַנע געווען לייען. און ווען זי פלעגט אַרויסטרײַבן איר בעהיימע אין דער טשערעדע, האָט זי מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן געזוכט לייעס קעלבל, וואָס וועט, אימירצעהאַשעם, גאָר אינגיכן ווערן א טעלעצע, נאָך עפּשער שענער פון איר, כיניעס, שוואַרצער „מורקע״.

מעלקן די בעהיימע בא די קויפמאַנס האָט מען פאַרטרויט איטע־דריטען. זי איז געווען די סאַמע געזונטסטע צווישן עליעס טעכטער. א וווקסיקע מיט צוויי רויטע באַקן און פאַר־

ברוינטע גרויסע הענט, האָט זי ליב געהאַט זיך אופכאַפּן פריִער פון אַלע, אָנווארעמען א טע־פּעלע וואַסער און זיך לאָזן צו דער פעטער בעהיימע מיטן ציכטיקן אויסגעוואַשענעם צינקע־נעם עמער אין איין האַנט און מיט א קליין בענקעלע אַף דריי פיסלעך אין דער צווייטער. איטע פלעגט זאָגן א גוטמאָרגן דער בעהיימע און, מעלקנדיק, ריידן מיט איר, ווי מיט א גלייכן. די בעהיימע האָט צופרידן מאַלעגיירעט און געלאָזט קנעטן דעם איַיטער, ווי זי וואָלט צופרידן געווען, וואָס מע באַפרייַט זי פונעם עמער מילך.

גאַנצפרי און אינאָוונט, באַם אַרויסטרייַבן און באַם באַגעגענען פון דער פּאַשע די בע־היימע, פלעגט איטע באַגעגענען דעם אַלטן גאַלעכס זינדל גרישקען — א שלאַנקן, שוואַרצכיי־נעוודיקן יונג מיט צוויי קורצע פאַרדרייטע וואָנצעלעך. ער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אָן א זייַט פון דער דאָרפישער יוגנט. די דאָרפישע פּאַרובקעס האָבן ניט געהאַט די זכיה זיך כאַווערן מיט אים, דעם שטאָטישן און „איידעלן” באָכער. צוליב עפּעס א פעלער איז גרישע באַפרייַט געווען פון דער מיליטער־דינסט.

צווישן די כאַסאַנים, וואָס מע האָט געשאַדכנט איטען און אירע שוועסטער, איז ניט געווען קיין איינער אַזא געזונטער, אַזא ברייטפּלייציקער, ווי גרישע. וואָס איז דאָ לאַנג צו ריידן, ער געפעלט איר און שוין! און גאָר אינגיכן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז איטע האָט זיך געשמאַדט און כאַסענע געהאַט מיט גרישקע דעם גאַלעכס זינדל.

איטעס אופּטור איז געווען נאָך עפּשער א גרעסערער קלאַפּ איבער עליע קויפּמאַנען, ווי האָדלס אַנטלויפן קיין סיביר. דאָס גאַנצע דאָרף איז געגאַנגען כאַדאָראַם. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט ריכטן, אַז בא אַזא פרומען ייִדן זאָל פּאַרקומען אַזא צאַרע — גרישקע זאָל ווערן עליע קויפּמאַנס איידעם!

— וואָס וועט זאָגן די וועלט! — האָט עליע א פּאַרביטערטער געהאַלטן אין איין טייַנען מיט דער עלטערער טאָכטער, וועלכע איז נאָך האָדלס אַנטלויפן געוואָרן נאָך טייַערער און ליבער דעם געשטראָפטן טאַטן. — אַזא אויסוווּרף זאָל געפעלן ווערן מיין טאָכטער, א בראָך צו מיר!

כיניע די גראַבע האָט געטייַנעט:

— גאָט וויל אַזוי, איז זאָל זייַן אַזוי!

— וואָס רעדסטו, פּינצטערע בעהיימע, וואָס דו ביסט! — האָט אַף איר געשריגן דער אופ־געבראַכטער קלייטניק. — ביסט מעשוגע! ווי וועל איך איצט קאָנען קוקן אין די אויגן די מענטשן, מיט וועלכע איך באַגעגן זיך. אַזא בושע! אַזא כאַרפּע!

— מיסטאָמע וויל גאָט אַזוי. דאָס האָט ער אַזוי געמאַכט. נאָר ער!

— וואָס האָט ער געמאַכט, מעשוגענע?

— אַז בא דער קאַפּצנטע ציפּע זאָלן ביידע קינדער געפונען זייער פּאָר און בא דעם נאָגיד עליע זאָלן אַלע מיידן פאַרזיצן ביזן גראָוון צאָפּ. זאָל כאָטש גאָט העלפן, אַז אונדזער בענאָק זאָל אויסוואַקסן א מענטש.

און דעם בענאָק, דעם זאַהיקע, האָט מען אָפּגעגעבן זיך לערנען אין דער פּאַסטעווער קאַמערץ־שול, ווו ער פלעגט זיך באַגעגענען מיט פונקט אַזעלכע מעיוכאָסים, ווי ער איז אַליין, מיט בעגידישע קינדער. קיין גלייַכן צו זיך האָט ער דאָך ניט געפונען. ער האָט אַלע־מען פייַנט געהאַט און פונקט מיט אַזא געפיל האָבן זיך צו אים באַצויגן די כעוורע פון זייַן עלטער. אַנומלטן האָט זיך דאָרט אין שטעטל פאַרפירט א קריגערייַ מיט א געשלעג, און יו־זיקל האָט פון קאַס און פאַרדראָס נאָך מער גענומען זיך פאַרהיקען. די אופגערייצטע קונדיי־סים האָבן אַף אים צעריסן דעם אָנצוג. א צענעריקטן און אָן אָפּגעריסענעם האָט מען אים געבראַכט אין דאָרף.

— ווו האָסטו עס זיך אַזוי אויסגעפייַנט? — האָט אים ליזע געפרעגט.

— ניט דייַן דיי־ײַ־גע, — האָט ער איר בייז געענטפערט.

— ס׳איז דאָך א ראַכמאָנעס א קוק טאָן אַף דיר...

— איז קו־ר־וק אַף דייַנע פלע־לע־מעניקעס, אַף די שקאָצים, קו־ר־וק!

און די פלעמעניקעס זייַנען פאַרשוואַרצט געוואָרן אַף דער עקאָנאָמיע. דעם פּאַרעץ, בא וועלכן זיי האָבן געאַרבעט, איז געווען אָנגעזאָלעט אַפן האַרצן. די אַרבעטער האָבן געפּאָ־דערט, מע זאָל זיי העכערן דעם לוין. אַפילע לייזערקע וואָס איז געווען נאָך א קינד, האָט זיך דערוועגט צושטיין צו די אַרבעטער, צו די דערוואַקסענע פּויערים, וועלכע האָבן גע־דראָעט דעם פּאַרעץ מיט א שטרייַק.

לייע האָט זיך אַלץ געוואָלט דערקונדיקן בא לייזערקען, וואָס קומט דאָרט פאָר בא זיי אַף דער עקאָנאָמיע. און לייזערקע האָט איר דערציילט, אַז דאָס קומט פאָר ניט נאָר בא זיי.

אין אנדערע עקאָנאָמיעס טוט זיך נאָך מער — מע טוט צום טויט די אופּראַוולִיאַיושטשעס, די מעשאָרסים. מע צינדט, מע מאַכט שטויב פון די פּריצישע מאַיאָנטקעס.

— וואָס זשע, ווילט איר אויך טאָן דאָס זעלבע?

— אז מע וועט דאַרפן — וועט מען טאָן! — האָט לייזערקע געענטפערט ווי א דערוואַקסענער.

— און דו, זינו, אויך? דו וועסט אויך אופהייבן א האַנט אפן פּאָרעצס גוטס?!

— אי איך, אי וואַסילקאָ און אַלע, אַלע, וועמען מע באַקריוודעט?

— וועט מען דאָך אײַך אַלעמען פאַרשיקן, אָדער אַרײַנזעצן אין טורמע, זינו!

— נישקאָשע, מאַמע, אַלעמען וועט מען ניט פאַרשיקן. און דער פּאָרעץ וועט אײַנעמען א מיסעמעשונע. דו טו א שמועס מיט וואַסילקען און מיט זײַן טאַטן, דעם פּעטער אַנדריי, וועט ער דיר דערציילן, וואָס אָף דער וועלט טוט זיך.

— וואָס ווייסט ער, דער בלינדער?

— דער בלינדער זעט ווײַטער פון דיר און אַפילע פונעם פּעטער אַווראָמל. ער זעט, זאָגט ער, דעם מאָרגנדיקן טאָג, ער גלייבט, זאָגט ער, אַז אינגיכן וועט נעמען א סאָף צו די פּריצים.

— ווײַ איז מיר! וואָס כאַזערסטו איבער אַזוינע רייד? מײַן בענטשיק האָט אויך אַזוי גערעדט און מיט וואָס האָט עס זיך פאַרענדיקט?

— דער פּעטער בענטשיק איז א מענטש! אָ, ווען אַלע וואָלטן געווען אַזוינע, ווי דער פּעטער בענטשיק!

פון האָדלען איז אָנגעקומען א בריוו, אין וועלכן זי האָט אויך געשריבן, אַז גאָר, גאָר אינגיכן וועט ווערן ליכטיקער אָף דער וועלט. איר יאַנוש גלייבט, אַז ניט שפּעטער ווי אין א יאָר אַרום וועט מען זיך זען אָף גאָר אַן אַנדער אופן. דאָס קינד, וואָס האָדעלע האָט אים געבוירן, וועט שוין זײַן א פרײַער מענטש אָף דער באַפרײַטער ערד!

יאַנושעס נעוויִעס זײַנען מעקוּיִעם געוואָרן.

סאָף ווינטער האָט מען אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער, און קיין ליסאָווע איז אָנגעקומען די גוטע בסורע, אַז גאָר אינגיכן וועט זיך פאַרענדיקן די בלוטיקע מילכאָמע, און אַז עס הייבט זיך אָן א נײַ לעבן.

קיינער האָט געַנוי ניט געוווּסט די רעכטע סימאָנים פונעם נײַעם לעבן. פאַר לייזערקען איז דאָס געווען דער טאָג, ווען פון דער עקאָנאָמיע זײַנען אַנטלאָפן די באַלעבאַטים און ווען מע האָט אָנגעהויבן טיילן די פּריצישע ערד דעם אָרעמען פויערטום. לייען האָט מען אויסגעטיילט צוויי דעסיאַטין גוטע פּריצישע ערד. עמעס, איצט האָט מען שוין געדאַרפט ערגעץ קריגן עטלעכע פּוד זריִע־מאַטעריאַל. עס וואָלט אויך ניט געשאַדט האָבן א פערדל און א גוטן באַלעבאָס, וועלכער זאָל קאָנען אָט דעם ערד־קיילעך באַאַרבעטן.

און נאָך א יעשוע איז געקומען אָף די לאַזעבניקעס. זיי האָבן שוין פאַרשפּאָרט אַלע האַלב יאָר אויסצאָלן די אַרענדע דעם פּאָרעץ פאַר דער שטוב — איצט איז זי שוין געווען זייער אייגענע. א ווערטעלע צו זאָגן — אַן אייגענע שטוב, אַן אייגענער קיילעך ערד, און טאַקע אַן אייגענע בעהיימע.

און נאָך האָט עס זיך אָנגעהויבן, דאָס נײַע לעבן, דערמיט, וואָס עס זײַנען צוריקגעקומען די סאָלדאַטן.

צווישן די צוריקגעקומענע איז געווען אויך בערל לאַזעבניק.

געקומען איז ער א גליקלעכער. נאָך שענער, ווי ער איז געווען מיט פיר יאָר צוריק. ער איז, זאָגט מען, געבוירן געוואָרן אין א זײַדן העמדל — ער האָט זיך דאָרט, אין געפענקעניש, אײַנגעאָרדנט בא איינעם א פּאָרעץ, וואָס האָט געהאַלטן עטלעכע קריגסגעפאַנגענע. זיי האָבן שווער געהאָרעוועט אין דער פּריצישער באַלעבאַטישקײַט, דערפאַר אָבער באַקומען געַנוג שפּײַז. דער אוסטריִאַק האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָס בעסער ער וועט זיך האַלטן מיט די אַרבעטער, אַלץ געטרײַער וועלן זיי אים דינען.

א ריין אויסגעראַזירטער, מיטן גלײַכן שרונט אפן קאָפּ, מיט די פאַרדרייטע וואָנצעס, איז בערל איצט ענלעך געווען אָף ביסמאַרקן. די וואָנצעס פלעגט ער אָנשמירן מיט עפּעס א שמעקנדיקן שמירעכץ, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אין א גרויסער בלעכענער פּושקע, ער האָט זיי אויסגעלייגט די וואָנצעס, און פאַרבונדן אָף א צען—פופצן מינוט מיט א ספּעציעלן אוזבאַנד. עס האָט פון אים אַזוי פײַן געשמעקט, אַז לייע האָט געהאַט פאַרגעניגן זיך צוטוליען צו אים. די שטיוול אָנגעוועקסלט, דעם זשיליעט פעסט פאַרצויגן, מיט א דופּטיקן פּאַפּיראָס אין די ליפּן האָט ער אויסגעזען, ווי א פּרינץ פון שאָמערס ביכלעך. כוץ אַלעמען האָט ער זיך אויסגעלערנט „שפּרעכן דויטש”, און אַז ער פלעגט דערציילן וועגן זײַן לעבן דאָרט אין רײַכענבערג, ווײַט אָפּגעשיידט פונעם פּראָנט, פון דער שיסערײַ און פון דער גע־

פאר דערהארגעט צו ווערן, פלעגט ער אַרײַנשטעלן אַ דײַטשיש וואָרט. דעם עמעס גערעדט, איז דאָס געווען אַזוי ווײַט פון דײַטש, אַז אַן עמעסער דײַטש וואָלט אים זיכער ניט פארשטאַנען. נאָר בײַ לייען פלעגט ער אויסנעמען מיט זײַן דײַטשישן לאָשן. אָבער ליזעטשקע, די שוועסטער זײַנע, האָט אים אַלע מאָל איבערגעשלאָגן:

— רעד ווי אַ מענטש, בערעלע, וואָס דאַרפסטו זיך איבערקרימען?

— וואָס פארשטייסטו, נארישע ציג?!

לייען פלעגט עס פארדריסן. בערל איז אַזוי שיין, אַז מע קאָן אים אין פּאָנעם ניט קוקן, און זי, ליזע, וואָס איז איר גאַנץ לעבן ווײַטער פונעם דערפל ליסאָווע אין ערגעץ ניט געווען, דאַרף ניט שפּרינגען אין פּאָנעם.

און בערל, איר בערל האָט דערציילט! ווײ־ווײ, וויפל ער האָט עס איבערגעלעבט און וואָס ער האָט עס זיך אָנגעזען! ס'איז גאָר ניט פאראַנען אַזוי פיל טינט אַף עס צו באַשרײַבן. אים איז באַזונדערס געפעלן געווען דער אויפן פון פירן די ווירטשאַפט אַפן דײַטשישן שטיט. סאַראַ ריינקײַט, סאַראַ ציכטיקײַט! ס'איז פּאָשעט אַ פארגעניגן צו אַרבעטן בײַ אַזעלכע מאַשינעס, מיט אַזעלכע פערד, וואָס זײַנען דרײַ מאָל גרעסער פון אונדזערע פּאָלעסיער שקאַפּעס.

די פויערטעס, וואָס פלעגן קומען הערן ווי בערקאָ לאַזעבניק דערציילט וועגן דעם דײַטשישן גאַניידן, פלעגן צושאָקלען מיט די קעפּ און טראַכטן דערבײַ:

„גוט איז דיר, בערקאָ, וואָס דיר איז אויסגעפאַלן אַזאַ גליק“...

— נו, און די סאָלדאַטקעס, ס'הייסט, די ווײַבער, די דײַטשקעס, וועלכע זײַנען פּונקט, ווי מיר, געבליבן איינע אַליין? ווי לעבן זיי דאָרט אָן די מענער זייערע, אָן די סאָלדאַטן?

איך וועגן זיי וואָלט בערל געקאָנט דערציילן אָן אַ שיר, נאָר ער האָט עס ניט געטאָן.

— די דײַטשישע סאָלדאַטקעס, פרעגט איר? פרויען זײַנען אומעטום פרויען...

— וואָס הייסט עס?

— דאָס הייסט, אַז די מילכאָמע האָט זיי פארשאַפט פּונקט אַזוינע צאָרעס און דײַגעס, ווי אײַך. מע האָט געלעבט מיט האָפענונג, מע האָט געבענקט און מע האָט געוואַרט.

אַלץ, וואָס בערל האָט דערציילט, איז געווען טשיקאַווע, און לייע האָט עס מיט פארגעניגן אויסגעהערט ניט איין מאָל.

איינמאָל האָט בערל אומגעריכט באַוויזן לייען אַ פאָטאָגראַפיע, אַף וועלכער עס זײַנען געווען אַראָפּגענומען פיר בראַווע קריגסגעפאַנגענע, פּונקט אַזוינע ווי ער, בערל, מיט אָנגעוועקסלטע כראָמעווע שטיוול, מיט פײַן צוגעקעמטע און אָנגעשמירטע האָר און פארדרייטע וואָנצעס. די פיר מענער זײַנען געזעסן אַף בענקלעך און אונטער זייערע פּלייצעס זײַנען געשטאַנען מיט זויגקינדער אַף די הענט פיר שמייכלענדיקע בלאָנדע געזונטע ברייטאַקסלדיקע דײַטשקעס. דער פאָטאָגראַף האָט זיי אַראָפּגענומען פּונקט אין דעם אויגנבליק, ווען זיי האָבן אַלע, ווי לויט אַ באַפעל, געלאַכט. עפּשער האָט ער זיי דערציילט עפּעס אַ פריילעכע געשיכטע. דאָס זײַנען געווען די פיר פרויען, בײַ וועלכע בערל לאַזעבניק און זײַנע כאַווײרים זײַנען אײַנגעשטאַנען אַף קוואַרטיר.

גאַנץ מעגלעך, אַז די קריגסגעפאַנגענע האָבן קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו די פיר קליינע קינדער, נאָר לייע האָט, ווי אַפּצולאָכעס, ניט גוט אַ טראַכט געטאָן וועגן די פיר מאַמעס און וועגן די פיר קוואַרטיראַנטן... זיך דערפרעגן בײַ בערלען, ווער זײַנען זיי, אָט די פיר מאַמעס, און וועלכע פון זיי האָט ער, בערל, מער פארגעדענקט — דאָס האָט זי זיך ניט דערוועגט, נאָר אין הארצן האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט אַ פארדאַכט. לייע האָט גוט געקענט איר מאַן, זײַן פארליבטקײַט. נאָך מער: זי האָט געוווּסט, אַז ער קאָן געפעלן ווערן, אַ סימען — די גאַלעכטע! ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פון דער געפענקעניש, איז זי געקומען צו ליזען מיט אַן אויסרייד, אַז זי וויל איבערנייען אירס אַ קלייד.

ציפוירען איז דאָס אַלץ געווען ניט צום הארצן. זי האָט אַפילע געפּרווּוט ריידן מיטן זון:

— בערעלע, ביסט אַ טאַטע פון פינף קינדער...

— איז וואָס, מאַמע?

— פארוואָס זשע ביסטו אַזוי לײַכטזיניק, וואָס פירסטו זיך אויף, ווי אַ ווייס איך ווער?! וואָס פארשאַפסטו איר יעסורים? וואָס האָט דיר געטויגט אַרויסנעמען און באַווײַזן די מ:עסע קאַרטעטשקע מיט די פיר נעקייוועס, מיט די פיר מאַמזיירים אַף די הענט.

אַוואַדע איז ציפוירע געגרעכט געווען, נאָר וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט די פאָטאָגראַפיע צו דער גאַלעכטע? בערל האָט ליב זײַן לייעלע און וועט זי אַפן לעבן ניט פארבײַטן, אַפילע ווען דאָס וואָלט געווען די קייסערינע אַליין! ער האָט זי ליב, זי און אירע קינדער! האַלעווײַ וואָלט ער בעיאַד געווען זי באַזאָרגן מיט אַ גרינג לעבן, זי זאָל ניט דאַרפן אַזוי האָרעווען.

און לייע האָט טאַקע גע־
האַרעוועט. פונעם קעלבל, וואָס
די שכיינים האָבן איר גע־
שענקט, איז אויסגעוואַקסן א
טעלעצע, און אַז ס'איז געקו־
מען די צײַט, איז זי אין א גוו־
טער שאָ געוואָרן א מעלקנדי־
קע קו, וואָס פלעגט געבן א
האַלבן עמער מילך א טאָג.

לייעס קו האָט מען גע־
קאָנט דערקענען פאַר א מײַל,
ווײַל זי האָט געהאַט בלויז איין
האָרן. א גרויסער רויטער קאָפּ
מיט ווײַסע פלעקן, מיט גוטע
עטוואָס צוגעלאָשענע אויגן,
נאָר מיט איין האָרן. צו יענער
צײַט איז אין דאָרף ניט געווען
קיין פּאַסטעך האָט מען אַליין
געמוזט פירן די טשערעדע אויף
פּאַשע. זיבן־אַכט שכיינים, בא
וועלכע עס זײַנען געווען בע־
היימעס, האָבן זיך צונויפגע־
רעדט, וויאַזוי צו אכטונג געבן
אָפּן פּי.

הערשעלע, דער דריטער
זון פון לייעס, וואָס איז קוים אלט
געוואָרן צען יאָר און האָט נאָך ניט געקאָנט אַרבעטן אין פעלד באַם אַקער, ווי זײַנע עלטערע
צוויי ברידער לייזערקע און נאַפטאַלע, פלעגט אַרויסטרײַבן דאָס פי אינעם שכיינעסדיקן
וועלדל, אָדער אויף דער לעוואַדע און ביז פאַרנאַכט אכטונג געבן אויף אַכט־נײַן בעהיימעס.

פרילינג און זומער האָט די בעהיימע זיך געפּאַשעט, ווינטער האָט מען אָבער געדאַרפט
אָנגרייטן פאַר אירעטוועגן שפּײַז. בערל, וואָס האָט קוימאַט צוויי יאָר געהאָדעוועט דאָס פי
באַם דײַטשישן פּאַרעץ, האָט געוווּסט, אַז אָן שפּײַז וועט די אָנהאַרנדיקע בעהיימע קיין מילך
ניט געבן, נאָר זאָרגן וועגן דעם, אַז די בעהיימע זאָל זײַן זאַט, האָט ער איבערגעלייגט אויף
לייעס פּלייצעס.

ווען מע פלעגט אָנהייבן גראָבן די בוריקעס, האָט לייע זיך אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט
און צוזאַמען מיט אירע שכיינעס, די סאָלדאַטקעס, פון פרי ביז שפּעט געהאָרעוועט, געטאַסקעט
די שווערע געפּלאָכטענע קוישן צו די הורבעס זיסע וואָרצלען, קעדיי פאַרדינען עטלעכע וואָגנס
היטשקע. אָ, דאָס איז א געשמאַקע שפּײַז פאַר דער בעהיימע! כוץ דער היטשקע פלעג מען נאָך
באַקומען א ביסל צוקער פונעם זאַוואָד, און דאָס איז דאָך געווען דאָס טײַערסטע פאַר דער גרויס־
סער פאַמיליע, בא וועלכער א זיסע גלאָז טיי איז געווען דער בעסטער מײַכל אינדערפרי, באַ
טאָג און פאַרנאַכט.

אין ליסאָווע האָט, פונקט ווי אין א סאַך אַנדערע דערפער אויף פּאָלעסיע, געקאָכט, ווי אין
א קעסל. באַזונדערס האָבן געבושעוועט די באַלעגולים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן ציטערן פאַר
זייער האָב און גוטס. די קאָמיסאַרן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג האָבן געגומען דערשטיקן
יעדן, ווער עס האָט געפּרוווט אײַנשטעלן די נײַע מאַכט, די אַרבעטער־פּויערישע סאָוועטן. די
באַלעגופישע זינדלעך האָבן געשאַפן פּאַגראָם־באַנדעס, וואָס האָבן געהאַט אן אַטאַמאַן.

אינגיכן האָט מען זיך דערוווּסט, אַז גרישקע, דעם גאַלעכס זינדל, איז געוואָרן אן אָנטייל־
נעמער פון דער באַנדע, וואָס וואַרפט אָן שרעק אויף די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער.

אין א שיינעם טאָג האָט גרישקע געבראַכט דעם ווײַב א הײַפּשע פּושקע מיט צירונג, וואָס
ער האָט צוגענומען בא איינעם א רײַכן סויכער.

— וואָס איז דאָס פאַר א צירונג, גרישקע?

— פונדערנעטוועגן, אַרישקע! איך וויל, אַז מײַן ווײַבל זאָל גיין אין גאָלד!

— ווו האָסטו עס גענומען?! ווו און בא וועמען?

— וואָס איז דער כילעק? — האָט ער זיך פרעך צעלאַכט און זי צוגעדריקט צו זײַן ברייטער



ברוסט, וועלכע איז איר ביז הײַנטיקן טאָג אזוי ליב געווען. איטע האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך. גראדע אין דער מינוט האָט זיך אין שטוב אַרײַנגעוואלגערט א גאנצע כאַפּטע געזונטע כלאָפּ־צעס. איינער, זעט אויס, דער עלטערער צווישן זיי, האָט א זאָג געטאָן:

— נו, טא יאק זשע טוואָיא זשידאָוואָטשקא?

— מײַן אַרישקע?

— פאר דיר איז זי אַרישקע, און פאר מיר, ווי פריִער — איטאָטשקא — זשידאָוואָטשקא, כאָטש זי טראָגט א צײלעמל. — דער אטאמאן האָט זי געפּרוווט א קיצל טאָן, נאָר איטע האָט זיך אויסגעדרייט פון אונטער זײַנע הענט און איז שמײַדיק ארויס פון שטוב.

די וואָלקנס אינעם הימל האָבן געפירט זייערן א שיידים־טאנץ. די צעשוומענע לעוואָנע האָט זיך געהאלטן אין איין אונטערטוקן אין די גרויסע כמארעס, ווי זי וואָלט אויך אנטלאָפן פון עמעצן, וואָס יאָגט זיך נאָך איר נאָך. איטע איז געלאָפן צו די לאזעבניקעס, ווײַל זי האָט גוט פארגעדענקט דעם טאטנס אויסגעשריי:

— דײַן פוס זאָל ניט איבערטרעטן מײַן שוועל!

— וואָס רעדסטו, אכזער?! — האָט אים כיניע דערווידערט.

— איך האָב זי אויסגעמעקט פון מײַן הארץ! איך וועל בעסער ווערן בלינד, אבי מער ניט אָנקוקן זי אין מײַן שטוב, א גיכער טויט אף איר!

גרישקע איז געשטאנען פאר איטעס אויגן מיטן צירונג, וואָס ער האָט איר געבראכט. לייע און ציפוירע האָבן אויסגעהערט די טרויעריקע נײַס, געפּרוווט זי ווי ווײַט מעגלעך בארויִקן — דער הימל איז ניט בא דר׳ערד.

דער פּאָפּאָוויטש מיט זײַן באנדע איז אוועק אין דער נאכט ארײַן און האָט אפילע ניט פארשפּארט די שטוב מיטן אָנגערויבטן גוטס — עס איז דאָך פאראנען א באלעבאָסטע! זי וועט זיך דאָך געוויס אומקערן אהיים — אן אנדער ברייִרע האָט זי.

און די באלעבאָסטע — איטע־אַרישקע — האָט זיך ניט געײַלט אומצוקערן — עס האָט זי גע־שראָקן די פאָרשטייענדיקע באגעגעניש מיט אים. ערשט גאנצפרי איז זי געקומען אהיים. אופ־געזאָטן א באניאק וואסער, זיך ריין אויסגעוואשן, פּונקט ווי זי וואָלט וועלן אראָפּשווענקען פון זיך דעם גאנצן קויט, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט אף איר ציכטיק לײַב. איטע האָט געוווּסט, ווו בא איר מאן איז פארבאהאלטן געווען דער רעוואָלווער.

— וואָס דארפסטו אים?! — האָט זי אנומלטן געהאט געפרעגט בא גרישען.

— נארעלע! — האָט ער איר געענטפערט, — איצט איז אזא צײַט...

איטע האָט געפונען אפן בוידעם דעם רעוואָלווער — איר קאַלטן אויסלייזער. צוערשט האָט זי געוואָלט אָנשרײַבן א בריוו, דעם מאן אירן, זיך געזעגענען, פאַרענטפערן זיך, נאָר זי האָט זיך באטראכט: צוליב וואָס? זי איז ניט מעכוייעוו דערקלערן אים דעם געזעצטן אורטייל איבער זיך.

שפּעט באנאכט, ווען לייע האָט באשטימט זיך דערוויסן, וואָס מאכט זי, די אומגליקלעכע קרוווע אירע, און איז ארײַנגעגאנגען אין דעם פּאָפּאָוויטשס שטוב, האָט זי שוין געטראָפן איר טען א טויטע. דער רעוואָלווער איז געלעגן לעבן אירע פיס, ווי א שטומער איידעס פונעם אורטייל, וועלכן איטע האָט זיך אליין ארויסגעטראָגן און אליין אויסגעפילט.

14. האָדל קערט זיך אום אהיים

גאווריליע אנטאָנאָוויטש האָט געמוזט אף עטלעכע טעג זיך אראָפּכאַפּן קיין קאַזשומיאַקי צו זײַנעם א פרײַנטל. ער האָט ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן זיך זען מיט גיטל די כאזנטע. ווען ער איז אריבערגעטראָטן די שוועל, האָט ער זיך גלײַך דערמאָנט אינעם כאזנס צוויי זין, וואָס איינער פון זיי איז אין אמעריקע שוין זיכער געוואָרן דער צווייטער ראָטשילד, און דער צווייטער, בענטשיק, איז נאָך אלע זײַנע ניסיוינעס געוואָרן א געוויינלעכער סאָלדאַט. גיטל האָט זיך ניט באקלאָגט, ווי אמאָל. די טעכטער זײַנען שוין געקומען צו א טאכלעס — איינע איז שיר ניט קיין פּראָוויזאָר אין דער קאַזשומיאַקער אפּטייק — זי וואשט די פּראָבירקעס און די פלעשלעך, און די צווייטע איז גאָר געוואָרן אן ערשטקלאסיקע שנײַדערן.

— וואָס מאכט דאָרט מײַן לייעטשקע?

— ווי שטענדיק. פאַרדײַגעט, דרייט זיך, ווי א נײַע ראָד אין אן אלטן וואָגן.

ווען דער דיאטשאָק איז געזעסן בא גיטלען און געטרונקען איר געשמאַקע ציקאָריע, האָט די קלענערע טאָכטער געבראכט דעם בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון אמעריקע. דערוויסנדיק זיך, אז אין רוסלאנד איז „אן איבערקערעניש”, האָט שנייער באשטימט דערמאָנען וועגן זיך. אינעם בריוו האָט ער געשריבן, אז ער האָט זיך שטארק פאַרבענקט נאָך דער היים. ווען א נײַע זון איז אופגעגאנגען און עס איז צו גלייבן, אז עס וועט זיך אָנהייבן א נײַ לעבן, וואָלט ער מיט גרויס פאַרגעניגן זיך אומגעקערט צו זײַנע ליבע פרײַנט און קרוווים. א ביסל געלט האָט ער אָנגעזאמלט, איז עפשער וואָלט געווען א פּלאָן, ער זאָל זיך דערשלאָגן א דערלויבעניש און קומען צוריק קיין רוסלאנד.

„איך מיין, אז כ׳וועל געפונען, ווו צוליגן א האנט, — האָט שנייער געשריבן אין זײַן בריוו, — אונדזער אמעריקע איז טאקע רײַך, נאָר פוסטעפּאסעווען פאַרגינט זיך דאָ קיינער ניט! דער שאַפ, אין וועלכן איך האָב אזוי פיל יאָרן אָפּגעארבעט, האָט מיך גוט אויסגעלערנט. מײַן ערשטער אמעריקאנער באלעבאָס איז ניט ערגער און ניט בעסער פון אונדזער רעב מענדל דעם מאגנאַט. אָבער מיט איין אונטערשייד: ער סטראשעט אונדז ניט מיט דער פּאָליציע און שרײַט ניט אף זײַנע ארבעטער. איך האָב זיך פיל אָפּגעלערנט פון אים, און ווען גאָט העלפט מיר און איך עפן דאָרט, בא אײַך, אן אייגן געשעפט, וואָלט איך עס געפירט אף אונדזער אמעריקאנער אויפן. און אלץ וואָלט געווען אָל־רײַט!”

איינצײַטיק מיט דעם בריוו פון שנייערן איז געקומען די גוטע בסורע, אז עס קערט זיך אום פון דער מילכאָמע דער עלטערער — בענטשיק. די בסורע האָט געבראכט איינער א קאַזשומיאַקער לערער, וואָס איז מיט בענטשיקן געלעגן אין איין שפּיטאָל אין די קארפּאַטן.

— ווי זעט ער אויס, מײַן זון? — האָט גיטל געפרעגט באם לערער.

— גאנץ נישקאָשעדיק! ער ווערטלט זיך, דערציילט אָן א שיר פריילעכע געשיכטעס. ווען מע נעמט בא אים ניט אראָפּ די רעכטע האנט...

— וואָס פאַר א רעכטע האנט?! — האָט זיך גיטל געכאַפּט באם קאָפּ.

— ער האָט דען אײַך ניט געשריבן? א שפּליטער פון א סנאַריאַד האָט אים פאַרוווּנדעט, עס האָט זיך אָנגעהויבן א גאנגרענע און מע האָט זי געמוזט וואָס גיכער אָפּשנײַדן, די האנט, און דאָס האָט אים געראַטעוועט.

זונטיק, ווען דער הייזעריקער קאַזשומיאַקער גלאָק האָט געגעבן צו וויסן, אז עס איז נאָך דאָ א גאָט אינעם הימל, איז אין גיטלס אײַנגעהויקערטער שטוב ארײַנגעקומען א סאָלדאַט מיט א פוסטן ארבל און מיט א סאָלדאַטיש רוקזעקל. די אונטערגעשווירענע וואָנצעלעך און דער רויטער צייכן אף דער לינקער באק, דאָס ניט אויסגעלאָשענע פײַערל אין זײַנע אויגן,

דער גוטמוטיקער שמייכל האָט איידעס געזאָגט, אַז דער סאָלדאַט פון דער דריטער ראָטע האָט ניט פאַרלוירן דעם גלויבן אין לעבן און אין גליקלעך, וואָס נאָך אַזוי פיל מאַטערנישן, האָט ער זיך אומגעקערט צו דער מאַמע, צו זײַנע שוועסטער און — ווער ווייסט — טאָקע צו דער, וואָס האָט עפּשער געוואַרט אויף אים מער פון אַלע זײַנע קרובֿים.

גיטל איז צוגעפאַלן צו זײַן לינקער האַנט, צו זײַן איינציקער האַנט.

אַמאָל האָט זי ליב געהאַט קוקן אויף זײַנע ברייטע דלאָניעס, ווען ער פלעגט זיך זעצן צום טיש און מיט האַנאָע עסן דער מאַמעס געשמאַקן וואַרמעס... איצט איז בענטשיק מיט איין האַנט. צו וואָס פאַר אַן אַרבעט וועט ער זיך קענען נעמען?..

און אָט איז ער בא זיך אין קאַזשומיאַקי, בענטשיק. א היימישער רייעך פון דער טשינבאַרניע, פון די טונקעלע און פֿײַכטע שטיבער, וואָס איז אים באַקאַנט פון קינדווײַז אָן, האָט אים גלײַך אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז. בענטשיק האָט געטרוימט וועגן אָט דער צײַט, ווען ער וועט זיך ווידער שטעלן אויף זײַן אָרט צווישן די אַרבעטער, מיט וועלכע ער האָט אָפּגעהאָרעוועט פיל יאָרן. א טייל פון זיי זײַנען געשטאָרבן, א טייל — אומגעקומען אויף דער מילכאָמע. דאָך זײַנען געבליבן אייניקע טשינבאַרניקעס, וועלכע האָבן ניט פאַרגעסן, ווי מע האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר און ווי ער האָט זיך געהאַט אומגעקערט אהיים און גלײַך אוועק אויפן פראָנט דינען דעם פאָטערלאַנד.

דער איצטיקער קומען אהיים איז אָבער געווען גאָר אַן אַנדער קומען!

אויפן דריטן טאָג איז בענטשיק אוועק אויפן לעדער־זאַוואָד. גלײַך באַם אַרײַנגאַנג האָט ער זיך צונויפגעשטויסן מיט רעב מענדלען.

— זע נאָר, בענטשיק! — האָט דער באַלעבאָס אויסגעשריגן.

— וואָס זשע כידעשט עס אײַך, רעב מענדל?

— מע האָט געשמועסט, אַז דו ביסט שוין אין א בעסערער וועלט.

— און איר האָט גלײַך באַשטעלט א קאַדעש, א מאָלע נאָך מיר?

— קיין מאָלע האָב איך ניט באַשטעלט, נאָר קיין סוינע בין איך דיר ניט, ווי דו פלעגסט מיך אַמאָל אַרויסשטעלן. ביסטו, הייסט עס, לעבן געבליבן.

— ווי איר זעט, נאָר מיט א פוסטן אַרבל.

— זינדיק ניט!

— נו, יאָ, עס וואָלט געקאָנט זײַן ערגער.

— וואָס זשע רעכנסטו איצט טאָן? — האָט מענדל אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— מע וועט זיך שוין אַן אייצע געבן, — האָט בענטשיק געענטפערט אים אין דער גאָל אַרײַן.

— ווערסט זיך דאָך ניט אוועקזעצן אויף דער מאַמעס קעסט.

בענטשיק האָט ניט פאַרגעסן, ווי צוריק מיט יאָרן האָט רעב מענדל געפּרוּווט אים אונטערקויפן מיט זיסע רייד. וואָס מיינט ער איצט?

— צי עפּשער קלײַבסטו זיך ערגעץ אַרויספאָרן? איצט זײַנען אַזעלכע מענטשן, ווי דו, אַפילע מיט איין האַנט, גאַנץ כאָשעוו בא דער מעלוכע...

— זיי האָבן דאָס קאָשער פאַרדינט! — האָט בענטשיק געענטפערט מיט ווירדע.

— כ׳מיין! עפּעס ביסטו דאָך געוועזן אויף קאַטאָרגע, און דאָס רעדל האָט זיך גראָדע איצט א קערעווע געטאָן צו אַזעלכע לײַט, ווי דו, מיטן פּאָנעם...

בענטשיק האָט גוט געוווּסט, אַז מענדל איז נאָך דערוויל דער באַלעבאָס פונעם לעדערזאַוואָד. צום באַדויערן האָט ער נאָך די מייע און די דייע.

— מע וועט זיך יאַקאָס געבן אַן אייצע, — האָט ער איבערגעכאַזערט זײַן באַליבט ווערטל.

— עפּשער וואָלסטו זיך אומגעקערט אין מײַן געשעפט.

— מיט איין האַנט? מיט איין לינקער האַנט?!

— ביסט ניט מעכוּיעוו זיך שטעלן צו די זאָלניעס. מע וועט געפינען פונדעסטוועגן אַן אַנדער שטעלע. א קאָפּ האָסטו, ניט צו פאַרזינדיקן.

— לאָזט מיך עטלעכע טעג זיך אַרומקוקן.

„אַרומקוקן" האָט געדאַרפט באַטײַטן: זיך האַלטן אַן אייצע מיט דער מאַמע, מיט די כעוורע, וואָס ווייסן זיכער בעסער פון אים, וואָס דאָ טוט זיך.

— איך וועל זיך אַרומקוקן און וועל זאָגן ווי און ווען.

— איך האָב צײַט!

דעם זעלבן טאָג האָט זיך בענטשיק באַגעגנט מיט סאָרען. זי איז אַליין געקומען צו גיטל דער כאַזנטע. גיטל האָט איר אָנגעזאָגט די וויסטע בסורע וועגן דעם, אַז מע האָט בא

בענטשיקן אַראָפּגענומען די רעכטע האַנט, און אַז בענטשיק איז שוין ניט יענער בענטשיק, וואָס אַמאָל. די כאַזנטע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז צווישן איר זון און סאָרען קומט פאַר אַ פאַרשטעלטע ליבע, נאָר זי איז געווען איבערצײַגט, אַז בענטשיק וועט זיך ניט דעררוועגן אָפּשלאָגן בײַ מענדלען דאָס ווײַב... און ס'איז נאָך ניט באַוווסט, צי די פײַנע סאָרע וועט איצט זיך וועלן צונויפגיין מיט אַ קאַליקע?

ווען סאָרע איז געקומען, האָט גיטל געמאָלדן, אַז זי מוז לעמאַנהאַשעם צולויפן צו דער טאָכטער אָף דער אַרבעט. זי האָט געכאַפּט דאָס שאַלעכל אָף די אַקסל און אַרויס פון שטוב.

בענטשיק איז געזעסן בײַם טיש. ער האָט מיט דער לינקער האַנט זיך אונטערגעשפּאַרט דאָס פּאָנעם, ווי אַמאָל, ווען מע פלעגט אים דערציילן עפּעס אינטערעסאַנטס. דער טיש איז פאַרשפּרייט געווען מיטן שאַבעסדיקן טישטעך לעקאָוועד דעם גאַסט. אומגעריכט האָט ער דערזען, ווי סאָרעס אויגן זײַנען פײַכט געוואָרן.

— נו, איז וואָס זשע טראַכסטו, ווי וועט דאָס ווײַטער זײַן? — האָט זי אים אָנגענומען פאַרן אַרבל, — ביזוואַנען וועלן מיר נאָך וואַרטן.

— ביז דו וועסט בײַ זיך ניט פֿויעלן פאַרלאָזן די גאָלדענע שטײַג.

— איך האָב שוין לאַנג געפויעלט בײַ זיך. די מענײַע איז נאָר אין דיר!

— און פון וואָס וועלן מיר לעבן?

— מע וועט זיך אָן אײַצע געבן. — האָט זי געענטפערט מיט זײַן באַליבטן אויסדרוק.

— דײַן מענדל האָט מיר מיט אַ שאַ צוריק פאַרגעלייגט אַ שטעלע אָפּן זאַוואָד.

— ער וויל דיך קויפן, דער טרייפניאַק, דער מענוול, ער וויל, דו זאָלסט זײַן אָף זײַן זײַט. די צײַט איז דאָך אַזאַ. עס לוינט אים! ער האָט אַלץ גוט אויסגערעכנט!

— ס'אַ סוואָרע, אַז ער האָט אין מיר אַ גרויסן טאָעס, דײַן מענדל, אַזעלכע, ווי איך, קויפט מען ניט.

— טאַקע דערמיט ביסטו מיר אַזוי צום האַרצן, בענטשיק! — האָט אים סאָרע אַרומגענומען.

אָן דער רעכטער האַנט איז ער ווי שמאָלער געוואָרן, דינער, ניט אַזאַ ווי ער איז געווען דעמלט, בײַם צעשיידן זיך. אָבער איצט איז ער איר נאָך ליבער און אייגענער. איצט איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז איין מאָל פאַר אַלע מאָל קומט אַ סאָף צו אירע מאַטערנישן, צו איר קנעכטיש לעבן אין מענדל פרידמאַנס פּאַלאַץ. נישקאָשע, זיי וועלן ניט פאַרפאַלן ווערן, אויב מע וועט דאַרפן, וועט זי זיך אויך אײַנשפּאַנען אין עפּעס אַן אַרבעט — מיט וואָס איז זי בעסער צי ערגער פון גיטלס צוויי טעכטער?

אָף מאָרגן האָט זיך בענטשיק אַרופגעכאַפּט אָף אַ צופעליקער פור, וואָס איז געפאָרן קיין ליסאָווע. פונעם געשפּרעך מיטן פורמאַן האָט בענטשיק זיך דערוווסט ניט קיין פריילעכע נײַעס: די באַנדעס האָבן דאָ געהוליעט, זיך נויקעם געווען אין די פויערים, וואָס האָבן גענומען פּריצישע ערד.

ווען בענטשיק איז געקומען קיין ליסאָווע, האָט ער גלײַך דערפילט, ווי שווער עס קומט דאָ אויס די היגע קאָמנעזאַמאָוצעס, די אָרעמע פּאָלישטשוקעס, וועלכע האָבן געפּרוווט אָנהייבן אַ נײַ לעבן. בערל, וואָס איז צוריקגעקומען פון דער געפענקעניש, האָט אָנטיילגענומען אין דער ליסאָווער זעלבסטשוץ, וואָס איז באַשטאַנען פון די געוועזענע קריגסלײַט. בעטעווע אַ דרייסטער און אַ פײַער פון צוויי מילכאָמעס אַן אויסגעפּרוווטער, האָט ער געטײַנעט צו זײַנע כאַווירים-פּאָלישטשוקעס:

— זאָלן די באַנדיטן מוירע האָבן פאַר אונדז און ניט מיר פאַר זיי! וואָס זײַנען מיר — פון שטרוי?

און די גאַזלאָנים פון יעווגען קאַוואַנקעס באַנדע האָבן טאַקע מוירע געהאַט זיך צונויפשטויסן מיט דער ליסאָווער סאַמאָאָבאָראָנע, וואָס איז אויך געווען באַוואָפנט און ניט נאָר מיט געווער, נאָר מיט הייסער סינע צום סוינע.

לייע האָט געציטערט, אַז בערל זאָל, כאָלילע, ניט אומקומען אין אַ צונויפשטויס מיט יעווגען קאַוואַנקעס כלאָפּצעס, וועלכע האָבן געזשליאָקעט סאַמאָהאָן און געוואָרנט די אָרטיקע פויערים, זיי זאָלן זיך ניט צוהערן צו דעם, וואָס עס זאָגן די באָלשעוויקעס אָף זייערע פאַרזאַמלונגען. דאָס ווערטל „דאָ באָגאַ וויסאָקאָ, דאָ צאַריאַ דאַלעקאָ" האָבן זיי איבערגעדרייט אָף זייער אויפן: „צו מאָסקווע איז ווײַט און דאָ זײַנען מיר די באַלעבאַטים! פאַלעסיע קאָן זיך פאַרגינען האָבן אַן אייגענעם אַטאַמאַן!.."

באַלד, ווי בענטשיק איז געקומען צו לייען, האָט ער זיך באַגעגנט מיט מאָטרעס בלינדן מאַן אַנדריי, וועלכער איז, ניט קוקנדיק אָף זײַן בלינדקײַט, דאָך געווען דער אָנפירער

4*

פונעם ליסאָווער קאַמנעצאַם. די פּויערים האָבן אים פּאַרטרויט, און געגלייבט, אַז אַף אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן. בערל לאַזעבניק איז געווען אַנדרייס רעכטע האַנט. מיט אים פלעגט ער זיך האַלטן אָן אייצע. און ווי בענטשיק איז געקומען, איז אַנדריי גלײַך אַוועק צו אים — ניט אומזיסט איז ער דאָך אַמאָל געווען אין דער פאַרשיקונג. אַבי ווען וואָלט דער קייסער ניט פאַרשיקט קיין סיביר.

— איז עפּשער וואָלסטו זיך דאָ, באַ אונדז, אין ליסאָווע באַזעצט? — האָט אַף אים אַנדריי געקוקט מיט זײַנע אויסגעברענטע אויגן. — מיר וועלן דיר אויסטיילן אַ כיילעק ערד, און מיר וועלן האָבן מער מיט אַ קלוגן מענטשן אין אונדזער קאַמנעצאַם.

— נאָר דאָס פעלט אים! — האָט לייע דערווידערט איר טײַערן שאַכן, דעם בלינדן. — און וואָס וועט ער טאָן מיט זײַן כיילעק ערד?

— וואָס הייסט, וואָס? — האָט אַנדריי אַ שמייכל געטאָן, — פאַרזייען און אַראָפּנעמען אַ גוטע גערעטעניש, אויסהאָדעווען אַ קו פאַר זיך און זײַנע קינדער...

— אַף צו האָבן קינדער, דאַרף מען פריִער האָבן אַ ווײַב.

— וועלן מיר אים דאָ פאַרקנאַסן! מיר וועלן צונויפנעמען די קאַמנעצאַמקעס און זאָל ער זיך אויסקלײַבן די שענסטע.

— אַ דאַנק דיר, אַנדריי, — האָט בענטשיק אים אַרומגענומען. — איך האָב זיך שוין אויסגעקליבן. אינגיכן וועל איך דיך אײַנלאַדן אַף מײַן כאַסענע.

— עפּעס אַ נישקאָשעדיקע פּרוי, פון אונדזער גראַד?

— אַליין פאַרשטייסטו ניט, אַנדריי? — האָט לייע געענטפערט, — האָסט דען פאַרגעסן אונדזער ווערטל: „יאַקע איכאַלאַ — טאַקע זדיבאַלאַ!..״

— ווערליק מאַטרע האָט מיר דערציילט, איז אין אים פאַרליבט געווען עליע דעם קלייטניקס טעכטערל, האָדעלע, און זי איז דאָך ניט פון די גאָר אָרעמע. און אַ נאַדן האָט זי, זיכער, ניט קיין שלעכטן.

— מאַטרע האָט דיר ניט אַלץ דערציילט, — האָט זיך לייע ווידער אָנגערופן. — האָדעלע האָט שוין כאַסענע געהאַט, זי האָט שוין אַפילע אַ יִנגעלע. האָדעלע!

און טאַקע ווי דאָס וואָלט געווען אַ צונויפגערעדטע זאַך איז אין אַ פּאָר טעג אַרום קיין ליסאָווע געקומען האָדל מיט איר קינד און מיט איר מאַן יאַנוש בערגער.

יאַנוש, וועלכער איז באַגלײַך מיט אַ סאַך אַנדערע באַפרײַט געוואָרן, האָט גראָדע געוואָלט מיט זײַן ווײַב און קינד פאָרן גלײַך קיין וואַרשע, נאָר האָדל האָט באַ אים געפּויעלט צוערשט זיך אָפּשטעלן אין דער היים, אין ליסאָווע, באַקאַנען איר מישפּאָכע מיטן מאַן און זיך אויספּײַנען און באַרימען מיט איר יִנגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין סיביר.

און אָפּגעשטעלט האָט זי זיך באַ לייען, ווײַל פון דעם בריוו, וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט באַקומען פון איר שוועסטער איטע, האָט זי געוווּסט, אַז עליע, איר טאַטע, האָט זי פאַרשאָלטן און פאַרבאָטן איר איבערטרעטן די שוועל פון זײַן שטוב, אַז ער האָט זי אויסגעמעקט פון זײַן האַרצן. „מיילע, האָט זי געזאָגט, ער האָט אויסגעמעקט, און איך האָב דאָך פאָרט אַ מאַמע און שוועסטער, וועלכע מע מעקט ניט אויס ביז מע לעבט אַף דער וועלט...״

מע האָט געשיקט צו דער מומע כיניע און איר געגעבן צו וויסן, אַז האָדל איז געקומען. און זיך דערפרעגט, צי מעג זי אַצינד, נאָך אַזויפיל יאָרן, „איבערטרעטן די שוועל״... אַלע סאָנים אַפּצולאָכעס איז עליע קויפמאַן דער ערשטער געקומען צו לויפן צו די לאַזעבניקעס — אַ טאַטע בלײַבט אַ טאַטע! — און דאָס יִנגעלע איז דאָך פאָרט דאָס ערשטע אייניקל, און טאַקע דאָס איינציקע אייניקל זײַנס.

עליען האָט, פאַרשטייט זיך, זייער פאַרדראָסן, וואָס דאָס אייניקל איז ניט געמאַלעט און וואָס אַ נאָמען האָט מען דעם געגעבן — אַדאַם. וואָס עפּעס אַדאַם?! קאַרג יִדישע נעמען זײַנען פאַראַן, און טאַקע נאָך אָן אייגענעם, נאָך אַ קאָרעוו... און אַדאַם? אַזוי האָט געוואָלט איר מאַן, איר יאַנוש, האָט האָדל געשריבן איר שוועסטער מאַניע, און זי האָט, פאַרשטייט זיך, געלייענט דעם בריוו דעם טאַטן און דער מאַמען.

גלײַך נאָך עליען איז געקומען צו לויפן כיניע. זי האָט געבראַכט מיט זיך אַ וואָלענע שאַל — עפּשער וועט מען דאַרפן אײַנקוטען דאָס אייניקל — פאָרט אַ באָבע!

די באַגעגעניש איז געווען אַזאַ רירנדיקע, אַז אַלע האָבן געוויינט פאַר נאַכעס, וואָס מע האָט דאָך דערלעבט די שאָ, ווען מע האָט זיך איבערגעבעטן און אַלץ מויכל געווען איינער דעם אַנדערן.

די באָבע מיטן זיידן האָבן צוגענומען די ניט גאָר שווערע פּעקלעך, וואָס דאָס פּאָר־פאָלק האָט מיט זיך געבראַכט פון דער ווײַטער פאַרשנייטער ספּירידאָנאָווקע, און מע איז אַוועק צום רײַכן מויער, ווו דאָס אייניקל מיטן נאָמען אַדאַם וועט זיך געוויס פילן בעסער

און פרייער, כאַטש אַדאַם האָט זיך גלייך באַפריינדעט מיטן רויטן איציקל — דעם פינפטן פּידסווינעק, ווי ס'האָט אים אָנגערופן מאַניע די קאָסאָקע.

כיניע האָט אויסגעכאַפּט אַדאַמטשיקן, פּאַרקוטעט אים אין דער וואַרעמער שאַל, כאָטש אין דרויסן איז געווען גענוג הייס און דער הימל — צעצוויטעט מיט אַזוינע ווייס־בלויע וואָלקנס, און די ביימער האָבן זיך צעבליט און געשמעקט, ווי נאָר אין פּאַלעסיע שמעקט! דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך מיטאַמאָל דערוווּסט, אַז האַדל האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

דער איינציקער, וועמען עס איז געבליבן באַ לייען אין שטוב, איז געווען יאַנוש בערגער, וועלכער האָט זיך נאָך לאַנגע יאָרן צעשיידונג באַגעגנט מיט זיין כאַווער לויט דער פאַר־שיקונג אין סיביר, בענטשיקן.

יאַנוש האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט דעמלט, אינעם קליינעם סיביר־דערפל, בעשאַס דעם ערשטן געשפּרעך מיט האַדלען, געזאָגט: „ווי וועט איר אים קוקן אין די אויגן, ווען איר וועט זיך באַגעגענען? ניט אייביק וועלן מיר דאָך זיין דאָ, אין פאַרשיקונג...“

און אָט איז זי געקומען, די שאָ, און מע האָט זיך באַגעגנט, און בענטשיק האָט זיך צעקושט מיט יאַנושן. האַדל האָט הייס, מענעריש געדריקט בענטשיקס לינקע האַנט און אין איר בליק איז געווען אַזוי פיל גוטסקייט, פריינטשאַפט. דאָס האָט דאָך ער, בענטשיק, געבראַכט זי אַהין, אין סיביר. צוליב אים האָט זי דאָך מוטיק אַ ריס געטאָן זיך פון ליסאָווע אין דער גרויסער וועלט, אין וועלכער עס איז איר באַשערט געווען זיך באַגעגענען מיט יאַנושן. יאָ, בענטשיקן האָט זי צו דאַנקען.

— גייט, גייט, — האָט יאַנוש געזאָגט צו זיינע נייע קרוֹווים, — איך וועל אייך דעריאָגן. לאָזט זיך מיך דורכשמועסן מיט מיין כאַוועָר.

יאַנוש האָט באַטראַכט זיין כאַווער און דאַפקע ניט דערפרעגט זיך, פאַרוואָס איז דער רעכטער אַרבל באַ אים פּוסט, און בענטשיק האָט פאַרשפּאַרט צו פרעגן באַ יאַנושן, פאַרוואָס ער איז אַזוי בלייך און אויסגעצערט, פאַרוואָס די געדיכטע געקריי־זלטע האָר זיינען ווייס געוואָרן. מע האָט זיך דערמאָנט ספּירידאָנאָוּוקע, אין וועלכער, כוץ יאַנושן און בענטשיקן, זיינען געווען אַ סאַך פאַרשיקטע. זעט אויס, וויפל בענטשיק וועט לעבן, וועט ער געדענקען, ווי ביז דער שפּעטער נאַכט זיינען פאַרגעקומען הייסע קריגערייען צווישן קלוגע און גע־פּרוּווטע רעוואָליוציאָנערן. יעדערער פון זיי האָט געהאַט זיין אייגענעם קוק אָפן לעבן און אָף די געשעענישן, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין דער גרויסער וועלט.

לעבאַטכילע איז בענטשיקן ניט גרינג געווען זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די שטרייטן — ער איז ניט געווען אַזוי געלערנט, ווי די אָנגעלייענטע און דערפאַרענע פּאַרטיי־טוער. פּונקט ווי יאַנוש בערגער איז ער זיכער געווען, אַז דער עמעס איז אָף לענינס זייט.

איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן פון צעשיידונג, זיינען זיי געשטאַנען איינער לעבן צווייטן, ווי גלייכע. דאָס פראָנט־לעבן האָט אים געמאַכט געוואַגטער און זעלבשטענדיקער.

— פאַרשטייסט, מיין טייערער יאַנוש, אַ מאָדנע זאַך איז מיט מיר פאָרגעקומען, קעדיי פּאַטער ווערן פונעם קייסער, האָט מען געמוזט גיין אים דינען...

— האָסטו אים טאַקע געטריי געדינט, דעם קייסער? — האָט אָף אים אופגעהויבן זיינע פאַרכידעשטע אויגן יאַנוש בערגער.

— אַ מאַקע! ער האָט פון מיר געהאַט מער שאָדן, ווי דינסט!

— אַזוי גאָר? ווי זשע איז דאָס מעגלעך, ווען מע האַלט דעם קייסערס געווער אין די הענט?

— ס'איז גאָר ניט אַזוי פּראָסט, יאַנוש, איך מיין, אַז דו ווייסט, אַז די פּאַרטיי האָט דורכגעפירט אַ גוואַלדיקע אַרבעט צווישן די סאָלדאַטן, עס איז געווען ניט גאָר גרינג! אַ סאַך אונדזערע האָבן שלעכט אָפּגעשניטן, מע האָט פיל פאַרמישפּעט און פאַרשיקט נאָך ווייטער, ווי מיר מיט דיר זיינען געווען.

יאַנוש האָט אופמערקזאַם געהערט בענטשיקס דערציילונגען וועגן זיין דינסט, און אים האָט פּלוצעם אָנגענומען אַ הייסער פאַרדראָס, וואָס זיין פריינט איז געבליבן אָן אַ האַנט.

אומזיסט האָט האַדל און אויך לייע געמיינט, אַז צוליב האַדלען וועלן בענטשיק און יאַנוש זיך באַגעגענען ווי סאָנים, נאָר וועגן דעם איז באַ זיי אַפילע קיין רייד ניט געווען. בענטשיק האָט בלויז, ווי אַן עמעסער פריינט, צווישן אַנדערן, אַ פרעג געטאָן:

— נו, און ווי פילט זי זיך, דיין האַדל? ווי האָט זי איבערגעטראָגן די סיבירער קעלטן?

— שטעל זיך פאָר, אַ סאַך גרינגער פון מיר. זיך פאַרהאַרטעוועט און געוואָרן אַזאַ, ווי זי וואָלט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט אין ספּירידאָנאָוּוקע.

— וואָס האָט זי דאָרט געטאָן?

— וואָס הייסט, וואָס? — האָט יאַנוש מיט שטאָלץ געענטפערט, — וואָס אַלע ספּירידאַ־נאָוווקעס האָבן געטאָן, געאַרבעט אין וואַלד, געהאָדעוועט אַ טוץ הינער, געלערנט די דאָרפישע קינדער. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי איז אַ פּײַנע לערערקע. דאָס לעצטע יאָר האָט זי אויך די עלטערע סיביריאַקעס געלערנט און זיי האָבן ניט געוווּסט, ווי איר צו באַדאַנקען. מע האָט אונדז אַפילו ניט געוואָלט אָפּלאָזן אין אײַער וואַרעמער פּאָלעסיע.

— מעגסט שוין זאָגן אונדזער פּאָלעסיע. ביסט דאָך שוין אויך אַ היגער!

— ניין, בענטשיק, ניט קיין היגער. יעדער מענטש האָט זײַן היים. מײַן היים איז וואַרשע.

— נו, וואַרשע איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין שלעכטע שטאָט.

— כאָטש איין טאָג לעבן און שטאַרבן, נאָר אין וואַרשע! ווו איך בין ניט געווען און ווו עס וועט מיר נאָך עפּשער אויסקומען צו זײַן. מײַנסט, צופעליק האָבן מיר אונדזער זון אַ נאָמען געגעבן אַדאַם?

— טאַקע? פאַרוואָס עפּעס אַדאַם?

— אַדאַם מיצקעוויטש! האָסט אַמאָל געהערט אַזאַ נאָמען?

בענטשיקן איז בעפּיירעש געוווען אַ ביזאָיען, וואָס ער האָט פאַרגעסן דעם ליכטיקן נאָמען. יאַנוש האָט דאָך אים אַזויפיל מאָל געלייענט דאָרט, אין ספּירידאָנאָווקע, מיצקעוויטשעס לידער און פּאָעמעס. אָף אויסוויינייק געלייענט, אָף דער קלינגוודיקער פּוילישער שפּראַך.

— אַדאַם! אַלע מאָל, ווען איך פּלעג נעמען דעם זון אָף די הענט, ווען איך פּלעג אָנרופן זײַן נאָמען, איז פאַר מײַנע אויגן אויפגעשוווּמען וואַרשע, די גאַסן און פּלעצער. אַפילו אין שלאָף האָב איך אָפט געזען דאָס באַפרײַטע פּוילן. זײַנען דען אומזיסט געווען מײַנע ליכטיקע טרוימען? ניין, בענטשיק, מיר וועלן דאָ זײַן אַ פּאָר טעג און זיך לאָזן ווײַטער — קיין וואַרשע!

— נו, און זי, כ'מיין, האַדל? זי, מיינסטו, האָט ניט ליב איר היים, איר פּאָלעסיע? זי האָט דאָך ניט ווייניקער פון דיר ליב איר ערד, די ערד, ווו זי איז געבוירן געוואָרן, ווו עס לעבן אירע עלטערן, איר ברודער און די שוועסטער.

— וועגן דעם וועסטו פרעגן בא איר, בענטשיק. איין זאַך קאָן איך דיר זאָגן: אַז מע האָט ליב דעם מאַן, האָט מען שוין בעמיילע ליב זײַן היים. זי וועט פאָרן מיט מיר, זײַ זיכער!

15. זײַ געזונט, ליסאָווע!

כיניע האָט אָפּגעלייגט אין אַ זײַט איר נעגידישן האָנער און איז געקומען צו לייען. ניט זייער אָפט פלעגט זי זיך דערלויבן אַזאַ וויזיט צו דער רויטער.

— ווי קומט עס, ווי קומט עס, מומע, איר זאָלט בא זיך פויעלן אינמיטן פרײַטיק קומען צו אונדז? — האָט לייע זי באַגעגנט, אויסווישנדיק די הענט, וואָס זײַנען געווען אויסגע־וואַזגעט מיט טייג — לעקאָוועד דעם טײַערן גאַסט בענטשיקן און עפּשער טאַקע צוליב דער באַגעגעניש מיט יאַנושן, האָט לייע פונעם לעצטן ביסל געוואָלט אָפּבאַקן אַ פּאָר ווײַסע כאַלעס אָף שאַבעס.

— וואָס זשע, מיר זײַנען, כאָלילע, אַזוי אָפּגעפרעמדט, וואָס איך קאָן זיך ניט פאַרגינען אַרײַנכאַפּן צו דיר? שוין צײַט פאַרגעסן, וואָס אַמאָל איז געווען.

— און וואָס איז, אייגנטלעך, געווען?! מיר האָבן אײַך געקווילעט די קאַפּאָטע?

— ווער זאָגט דען. נאָ דיר אַ פּעטרישקע פאַר אַלע פּוסטע רייד.

דאָס מאָל האָט זיך כיניע גאַנץ לאַנג פאַרהאַלטן בא לייען, אויפגעמישט איר אָן אַ שיר אוולעס, וואָס איר עליע האָט דערלאָזט בענעגייע איר, לייען, נאָר וואָס איז זי, כיניע, שולדיק?! — איך האָב גראַדע גאָרניט צו די לאַזעבניקעס.

— און וואָס בין איך אים ניט אָנגעשטאַנען?

— אים געפעלט ניט, וואָס דו ביסט אַזוי קוצעניו־מוצעניו מיט די פּאָלישטשוקעס. וואָס פאַר אַ קרויווע ביסטו מיט זיי?!

— „קוצעניו־מוצעניו"? זיי האָבן אַרויסגעוויזן צו מיר און צו מײַנע קינדער מער פרײַנטשאַפט, ווי איר, די אייגענע מומע.

— און וואָס הערט זיך דאָרט בא אונדז, אין ליסאָוועז? — פלעגט אים לייע פרעגן. זי האָט דאָך מער פון אלע געבענקט נאָכן דאָרף, נאָך אירע סאָלדאַטקעס, נאָך איר גאָרטן און פעלד.

— וואָס זאָל זיך דאָרט הערן? מע לעבט. און וואָס פאַר א שטוב איך קום ניט אַריַין, דערמאָנט מען דיך צו גוטן. באַזונדערס — מאַטרע, די אומגליקלעכע אַלמאַנע.

— וואָס עפּעס — אַלמאַנע, ווי איז מירר?!

— ווייל מע האָט איר בלינדן מאַן פאַרכאַפּט מאַנטיק דערשאָסן. איינמיטן טאָג זיך אַרײַנגעריסן אינעם קאַמנעזאַם און דערהאַרגעט. זיכער פון יעווגען קאַוואַנקעס באַנדע. מאַטרע דאַנקט גאָט, וואָס מיר האָבן זיך באַצײַטנס אַריבערגעפּעקלט אין שטאָט.

— נו, און דער פעטער פעטער עליע מיט זײַן כאַליאַסטרע?

— ער האָט זיך אָפּגעקויפט פאַרן גאָלד, וואָס בא אים איז געווען. נאָר ווער קאָן וויסן, וואָס ווײַטער וועט זײַן? עס ציטערט אָף אים די פעל.

— טאָ זאָל ער אויך אַרויספאָרן! — האָט לייע געטײַנעט מיטן זון.

— און דאָס גוטס? אָף וועמען וועט ער פאַרלאָזן? די קראָם און דעם מויער מיט די שטאַלן און קעלערס. דו קענסט אים ניט? די מומע כיניע איז קראַנק, ליגט צו בעט.

— און דו נעבעכטיקסט באַם פעטער עליע?

— אַזאַ נאַר בין איך? — האָט נאַפטאַלע געענטפערט, — איך נעבעכטיק בא דער באָבקע אָליאַנע, ס'איז דאָך די צווייטע שטוב פון דעם פעטער שײַע. און וויפל קומט מיר אויס צו נעבעכטיקן? מיר זײַנען דאָסראָוו אין די אָרומיקע דערפער — ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט.

וויפל נאַפטאַלע האָט ניט פאַרדינט, איז דאָך ווייניק געווען אָף צו אופהאַלטן די מיש־פּאָכע. דאָס זעקסטע קינד, ראָכעלע — לייעס ערשט מיידעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן ערעוו דעם אַרויספאָרן פונעם דאָרף, איז, קיין אײַנהאָרע, אונטערגעוואַקסן, זײַנען שוין לעבן לייען געווען פיר קינדער. דעם עלטערן, הערשעלען, איז שוין אַוועק דאָס צוועלפטע יאָר. אים האָט מען שוין אויך געקאָנט אײַנשפּאַנען אינעם שווערן וואָגן פון דער פּאַ־מיליע.

פון בערלס זוכעניש איז דערווײַל נאָך גאָר ניט אַרויסגעקומען, אַז קיין מעלאָכע אין דער האַנט האָט ער ניט געהאַט. פּרווון עפּענען א קלייטל? ווער וועט אים געבן סכיורע — שנעדע און רײַכערע פון אים קרעמער האָבן געפּוכנעט נאָך א גראָשן פּאַרנאָסע.

און א יאַקרעס איז געווען א מעסוקענער.

בערלס באַקאַנטער, וועלכער האָט אים אזוי פרײַנטלעך באַגעגנט אָפן וואָקזאַל און אים באַזאָרגט מיט א דאַך איבערן קאָפּ, איז צו די לאַזעבניקעס געקומען זיך דערוויסן, וואָס בערל מאַכט מיט זײַן קליינוואַרג.

— וואָס פרעגסטו, ברודער, — האָט בערל א דערשלאָגענער געענטפערט, — מע זוכט, מע האָפט. עפּשער וועט גאָט העלפן. ביטאָכן. נאָר מיט ביטאָכן האַלט מען זיך אָף דער זינדיקער ערד.

— איז עפּשער וואָלט געווען א פּלאַן, אַז דײַן זניקל, — האָט ער אָנגעוויזן אָף הער־שעלען, — אַז אָט דער גיך זאָל נעמען א מייע פּאַפּיראָסן און פאַרקויפן זיי און פאַרדינען א פּאָר מיליאָן אָף צו אונטערהאַלטן דעם טאַטן. מײַנער, צום בײַשפּיל, ברענגט מיר אַלע טאָג אַרײַן א נישקאָשעדיקן רעוועך.

— און ווו נעמט ער זיי, די פּאַפּיראָסן?

— איך וועל דיר ווײַזן ווו. עס איז דאָ פאַראַן איינער אַזאַ, וואָס אַרבעט זיי אויס — ניט פון קיין גאָר איידעלן טאַבעק, נאָר נישקאָשע, מע פאַרצוקערט זיי.

דער געלער הערשעלע איז אין א גוטער שאָ געוואָרן א פאַרדינער! פון פאַרטאָג ביז שפּעטער נאַכט האָט ער געהאַלטן אין איין אַרומלויפן איבער די גאַסן און אויסרופן: — פּאַפּיראָס! קאָמו פּאַפּיראָס!!

נאָך א שווערן טאָג מיסכער פלעגט ער פאַלן א פאַרמאַטערטער, דערפאַר האָט ער אָבער אַרײַנגעבראַכט אין שטוב א לעבל ברויט און אַמאָל א פעטן הערינג. זײַן פּאָנעם האָט געשײַנט פון גליק, וואָס ער איז שוין א ברויטגעבער, און דאָס קליינוואַרג קוקט אָף אים, ווי אָף א גרויסן.

— אַוואָדע וואָלט מיר ליבער געווען, ווען דו זאָלסט לערנען און ניט אַרומלויפן אין גאַס. דער פעטער אָורעמל האָט דאָך געזאָגט, אַז בא דיר איז א געבענטשטער קאָפּ.

— אַז מע איז הונגעריק, טויג דער קליגסטער קאָפּ אָף קאַפּאָרעס, מאַמע! אָט וועט דער טאַטע קריגן א שטעלע, וועלן מיר א טראַכט טאָן וועגן לערנען.

מע האָט יאַקאָס איבערגעלעבט דעם זומער. יעדן טאָג האָט מען דערמאָנט דאָס פֿאַלע־סיער דערפֿל, ווו מע האָט כאַטש ניט אַזוי רײַך, ווי דער פֿעטער עליע, נאָר דאָך געלעבט מיט לײַטן גלײַך. אַמאָל פֿלעגט אַהער, אין קיִעוו, אַרײַנשטעלן זיך לייעס אַ כאַווערטע פֿון ליסאָווע, אָדער אַ געוועזענער סאָלדאַט, וואָס האָט צוזאַמען מיט בערל לאַזעבניק געטרוימט וועגן אַ גוט פֿרידלעך לעבן. די געסט פֿלעגט מען אופֿנעמען ווי נאָר עס איז מעגלעך גע־וועז, זיך גוט אויסווייינען און אנשלאָפֿן ווערן מיט האָפֿענונג, אַז עפּשער וועט מען זיך נאָך אומקערן צוריק אינעם אייגענעם דאָרף, אהיים, אהיים! צו זיך אהיים!

אין איינעם אַ קאַלטן פֿרילינג־טאָג האָט לייע זופֿעליק באַגעגנט מיט נאַסטיען, איר געוועזענער כאַווערטע פֿון קאָזשומיאַקי. באַגעגנט האָט מען זיך אין מאַרק, ווו לייע האָט געפּרוווט אויסבײַטן אירס אַ קאָפּטעלע אַף עטלעכע פֿונט הירזש.

— זע נאָר — לייע! — האָט נאַסטיע זיך געוואָרפֿן איר אַפֿן האַלדז. — ביסטו שוין, הייסט עס, אַ היגע? שוין לאַנג?

— דאָס דריטע יאָר.

— דאָס דריטע יאָר! און באַווײַזט זיך גאָר ניט?

— אוי, נאַסטיע, נאַסטינקע, אין דער גרויסער שטאָט האָב איך גאָר פֿאַרגעסן, ווי איך לעב אַף דער וועלט. די אָרעמקייט האָט מיך געכאַפּט באַם גאָרגל און שטיקט מיך, און וואָרגט מיך, ווי אַ בייזע שלאַנג, ניט פֿאַר דיר געדאַכט!

— דו האָסט דאָך אַ מאַן, לייע. וואָס מאַכט ער, וואָס טוט ער?

— ער זוכט זיך אַ שטעלע. און דײַנער? וואָס מאַכט דײַנער?

— מײַנער איז שוין אַף יענער־וועלט. ווען עס זײַנען נאָך געווען די דעניקינצעס האָט געטראָפֿן דער אומגליק. אַ שיקערער אָפֿיצער האָט אים געמאַסערט, אַז ער איז קלוימערשט אַן אויסשפּירער באַ די באָלשעוויקעס, און מע האָט אים געשאָסן.

— ביסטו, הייסט עס, איינע אַליין?

— אַליין, לייעטשקע, אַליין אין מײַן קעלער. אַפֿן האַרצן איז מיר אַזוי אָנגעזאָלעט, אַז איך טו מיר אָפּ מײַן אַרבעט — איך האָב דאָך פֿאַרביטן מײַן מאַן און בין איצט דער דוואָר־ניק... איז טו איך מיר אָפּ אַלץ, וואָס אַ הויף־צוראַמער דאַרף טאָן, און וואַלגער זיך אַרײַן אין מײַן קאַלטן בעט און וויין און וויין, ווי כ'האָב קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געוויינט. ווייסטו דאָך פֿרעגן, וואָס בין איך אַזוי דערשלאָגן?

— טאַקע! ווייסט דאָך אים צוריק לעבעדיק ניט מאַכן, דײַן טײַערן מאַן...

— ווען דו ווייסט, ווער עס האָט אים דערשאָסן, וואָלסטו, לייעטשקע, עפּשער פֿאַר־שטאַנען, ווי גרויס עס איז מײַן ווייטעק.

נאַסטיע האָט לייען באַגלייט ביז צו איר שטוב און, באַוואַשנדיק זיך מיט טרערן, איר דערציילט, אַז דערשאָסן האָט נאַסטיעס מאַן אָט יענער גאַזלען, וואָס איז צוריק מיט יאָרן געווען איר געליבטער און דערנאָך געוואָרן אַ פּאָליצייסקי. ער האָט געפּרוווט פֿאַרזעצן זײַן „ראָמאַן” מיט איר, ווען נאַסטיע האָט זיך באַזעצט אין קיִעוו און איז גליקלעך געווען מיט איר מאַן, דעם דוואָרניק. ער האָט געפֿאָדערט פֿון איר, אַז זי, נאַסטיע, זאָל פֿון צײַט צו צײַט זיך באַגעגענען מיט אים.

נאַסטיע האָט וועגן דעם דערציילט דעם מאַן און ער האָט אים, דעם אויסוואָרף, פֿאַשעט אַרויסגעטריבן פֿונעם קעלער און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים לעכערן דעם קאָפּ. דער מע־בוול האָט אַף אים פֿאַרטײַעט אַ סינע, און ווען די דעניקינצעס האָבן פֿאַרכאַפּט די שטאָט, איז דער פּאָליצייסקי באַ זיי געוואָרן אַ געטרײַער מעשאָרעס.

— און ווו איז ער איצט, דער מערדער?

— ער איז צוזאַמען מיט זײַנע באַלעבאַטים אַנטלאָפֿן קיין קרים. מע וואָלט דאָך אים זיכער געמישפּעט און פֿאַרורטיילט צום טויט. נאָך דעם, ווי ער האָט געהאַרגעט מײַן מאַן, איז ער געקומען צו מיר, ווי איינער רעדט, פֿאַרפֿירט מיט מיר אַן אָפֿענעם געשפּרעך: „נו, איצט ביסטו דאָך שוין פֿרײַ, איז עפּשער וואָלסטו שוין מאַסקים זײַן...” האָב איך אים געזאָגט, אַז דאָס, וואָס מײַן מאַן האָט ניט באַוויזן צו טאָן, וועל איך טאָן.

לייע האָט איר געפּרוווט אויסריידן דאָס האַרץ, טרייסטן זי. געבעטן קומען צו איר.

— עפּעס זײַנען מיר דאָך כאַווערטעס, מענטשן פֿון איין גלײַכן.

— וואָס רעדסטו, לייעניו! ווי קום איך צו דיר? דו ביסט אַ מאַמע פֿון קינדער, האָסט אַ שיינעם מאַן, און איך? אַ פּוסטער, אַ צעטאָפּטשעטער זאַנג.

נאָך דער באַגעגעניש מיט נאַסטיען איז לייע געקומען אהיים אַ צערודערטע — ווער נאָך, ווי לייע, האָט געקאָנט מיטפֿילן דער געוועזענער דינסט, וואָס איז אוודאי ווערט געווען אַ בעסער מאַזל, אַ גליקלעכע עלטער.

...מע האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר און אין שטוב איז אַרײַנגעקומען אַן אײַנגעהויקערטער גראָוער מאַנצבל מיט אַ קלײן קוישל אין די הענט. לײע האָט גלײַך דערקענט דעם אוירעך. דאָס איז געווען דער פּעטער עליע קויפמאַן, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פֿונעם דאָרף.

— וועסט מיך ניט אַרויסטרײַבן, לײע? — האָט ער געזאָגט אַנשטאָט אַ גוטנאָוונט.

— ס׳איז בײַ מיר ניט אַזוי געראַם, ווי בײַ אײַך אין אײַער פּאַלאַץ, נאָר טרײַבן וועל איך אײַך ניט, קומט אַרײַן, פּעטער.

— ווי בײַ מיר, זאָגסטו, אין מײַן פּאַלאַץ? איך האָב שוין ניט קײן פּאַלאַץ און האָב שוין ניט קײן היים. די מומע כיניע איז שוין אויף יענער־וועלט, די טעכטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון מיר. אײן יוזיקל איז בײַ מיר געבליבן, קאָן ער מיך אויך ניט אָנקוקן, פּונקט ווי איך וואָלט שולדיק זײַן, וואָס מײַן נעסט איז כאָרעוו געוואָרן. ער איז איצט דאָ ערגעץ, אין קיִעוו, נאָר קײן אַדרעס האָט ער מיר ניט געגעבן און זיך באַגעגענען מיט מיר וויל ער ניט. אַ טאַכלעס, אַ, וואָס זאָגסטו, סאַראַ טאַכלעס עס איז פֿון מיר געוואָרן.

וואָס האָט אים לײע געקאָנט דערויף ענטפֿערן? זיך קילן דאָס האַרץ, נעקאָמע נעמען? ניין, ניט אַזאַ איז זי, לײע! זי וועט עס אים אַפֿילע ניט דערמאָנען. זי וועט אים ניט זשאַלעווען קײן טעלער קוליש, קײן שטיקל ברויט.

— אָט אָ־דאָ וועל איך אײַך מאַכן אַ געלעגער, לעבן דער קיך־וואַנט. עס וועט דאָ אײַך זײַן וואַרעמער.

לײע האָט פֿאַרשפּאָרט לאַנג טראַכטן, צי דאַרף זי אים אַזוי האַרציק אויפֿנעמען, דעם געוועזענעם סוינע אירן. בעטעווע אַ גוטע צו מענטשן, איז זי אויך אים גרייט געווען אַרויסווײַזן איר גוטהאַרציקײַט, אים אונטערהאַלטן, דעם אַלטן, היימלאָזן מענטשן, עפּשער וועט אים אין אַ צײַט אַרום צונעמען צו זיך זײַן טאָכטער האָדל.

לײע האָט ניט געוואַרט אויף קײן דאַנק און איז געווען זיכער, אַז בערל וועט ניט דערווידערן קעגן דעם, אַז דער פּעטער זאָל איבערקומען בײַ זײ אַ שטיקל צײַט.

די עטלעכע גראָשנס, וואָס עליע דער קלײטניק האָט באַוויזן ראַטעווען פֿון די באַנדיטן, האָט ער אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג איז קאָפּ. ער האָט זײ געהאַלטן אינעם טאַלעס־זעקעלע. עטלעכע גאָלדענע פֿינפֿערלעך האָט עליע קויפמאַן קונציק אײַנגעפּאַקעוועט אין די אַלטע שוואַרצע טפֿילן. ווען־ניט־ווען פֿלעגט ער אַ שטופּ טאָן לײען עפּעס אַ קלײניקײַט צושטײַער, ס׳זאָל ניט הײסן, אַז ער לעבט בײַ איר אויף גרייטן. דער האָגער זײַנער האָט אים ניט דערלויבט אָנציִען אויף זיך דעם אויסזען פֿון אַן אָרעמאַן. נאָך מער, ווי בײַ זיך אין ליסאָווע, האָט ער פֿון פֿאַרטאָג אָן געהאַלטן אין אײן מורמלען זײַן טפֿילע צו גאָט, און די פּיצלעך קינדער פֿלעגן פֿרעגן בײַ לײען:

— וואָס מורמלט ער אַ גאַנצן טאָג, וואָס שעפּטשעט ער? מיט וועמען רעדט ער עס אַ גאַנצן טאָג, דער פּעטער עליע?

אין אָוונט, ווען ער האָט זיך אַ ביסל צוגעווינט צו דער לאַגע פֿון אַן אומגעבעטענעם אוירעך, ווען עס זײַנען בײַ אים ביסלעכווײַז אָפּגעגאַנגען די זשעפּאַרעס און ער האָט זיך דערפֿילט, ווי אַ געראַטעוועטער פֿונעם טויט, פֿלעגט ער זיך אַפֿילע באַזעצן מיט בערלען בײַם טיש און כאַפּן אַ קערטל.

דאָס איז שוין געווען ניט יענע קאָרטנשפּיל, צו וועלכער בערל איז געווינט געווען, פֿון וועלכער ער האָט געהאַט האַנאָע, דאָרט, אין ליסאָווע, בײַ דעם מאַנאָפּאָלשטשיק. דער פּעטער עליע האָט אַפֿילע ניט געהערט פֿון אַזאַ שפּיל ווי „פּרעפֿעראַנס”. מע האָט געשפּילט אַ זעקס־און־זעכציק, אַ טויזנט אײנס און בײַ אַ גוטער שטימונג אויך דעם באַוווּסטן „דוראַטשאָק”. אוי, האָט דער געוועזענער נאָגיד ניט ליב געהאַט פֿאַרשפּילן, ער פֿלעגט אַזש ווערן בלוי פֿון פֿאַרדראָס, וואָס אַ געווײנלעכן זעקס־און־זעכציק צי אַ נאַרישן „דוראַטשאָק” געווינט זײַן פּלעמעניק, וועלכער איז אַפֿילע אין אַזעלכע אומשטענדן, אין אַזאַ הונגער־צײַט פֿאַרבליבן דער זעלבער אויסגעפּוצטער און ריין אויסגעראַזירטער יונגערמאַן מיט די פֿאַרדרייטע וואָנצעס. וואָס קאָן מען טאָן, אַז דער אייבערשטער האָט זיך אָפּגעקערעוועט פֿון עליע קויפמאַנען, אַז עס פֿידלט ניט. אַמאָל איז אים געגאַנגען דורך טיר און דורך טויער. ניט געגליקט האָט אים נאָר מיט די טעכטער, וואָס זײַנען פֿאַרזעסן ביזן גראָוון צאָפּ. און בכלל האָט דאָך אים יעדע קאָפּעקע געבוירן אַ רובל, און יעדער רובל — אַ צענערל. אוי, האָט ער ליב געהאַט, קײנער זאָל ניט זײַן דערבײַ, אונטערפֿירן אַ סאַכאַקל פֿון זײַנע געשעפֿטן, איבערציילן דאָס געלט, וואָס האָט בײַ אים געוואַקסן, ווי דאָס גרינס נאָך אַ געשמאַקן רעגן. ער האָט פֿאַרשפּאָרט שפּילן אין קאָרטן — דער געווינס פֿלעגט אים נאָכלויפֿן אויף יעדן שריט און טריט. און איצט גייט אים אַלע מאָל מיט דער פּוטער אַראָפּ — ראַק ער

פאַרשפּילט, ראַק ער בלײַבט באַם נאַר. דוראַטשאַק! ווער האָט עס צוגעטראַכט אַזאַ קלוגן און טרעפלעכן נאָמען! — דוראַטשאַק!

— נעמט זיך ניט צום הארצן, פּעטער, — האָט בערל אים געטרייסט, — דערוף איז עס דאָך אַ קאָרטנשפּיל, ווו איינער געווינט און אַ צווייטער מוז פאַרשפּילן! פרעגט בא מיר, איך בין גאַנץ געניט אין די זאַכן. איך פלעג אויך ניט איין מאָל פאַרשפּילן און טאַקע געלט, לעבעדיקע קלינגערס, ניט ווי איר — סטאַם אַזוי — דוראַטשאַק!

— אוי, בערל, בערל, — האָט געזיפצט דער געוועזענער נאָגיד, — איך האָב שוין אַלץ פאַרשפּילט, און דעריקער די האָפענונג ווען־ניט־איז אָפּשפּילן צוריק מײַן האָב־און־גוטס. אַמאָל פלעגסטו מיר מעקאַנע זײַן, איצט — בין איך דיר מעקאַנע, דאָס רעדל דרייט זיך, אוי, דרייט עס זיך.

— איר האָט גראָדע אַ טאָעס, — האָט זיך לייע אַרײַנגעמישט אין זייער געשפּרעך, — מיר זײַנען אײַך קיינמאָל ניט מעקאַנע געווען!

— עס רעדט זיך אַזוי.

— ניין, טאַקע אינדערעמעסן! — האָט לייע דערווידערט דעם אוירעך אירן, — קינע איז אַ מיִעסע זאַך, קינע איז, ווּדליק איך פאַרשטיי, אַ קרענק, פון וועלכער מיר זײַנען באַהיט געווען. וואָס האָט אונדז געפעלט? קאַפּיטאַל? צירונג? שטיינערנע פּאַלאַצן? מיר האָבן דאָס קיינמאָל ניט געהאַט און ניט באַדאַרפט, איר ווייסט דאָך שוין מינאַסטאַם, אַז אַ פּאַשעטער קוליש איז אַמאָל געשמאַקער פון אַ פעטן ראָסלפלייש. דער איקער, אַז אַפן האַרצן זאָל זײַן גרינג און די קינדערלעך זאָלן וואַקסן געזונטע. און גראָדע דאָס האָבן מיר געהאַט, ניט צו פאַרזינדיקן!

— קינדער האָב איך אויך געהאַט, נאָר בא דיר איז יעדעס קינד, ווי אַ קוויט, ווי אַ צירונג, און בא מיר — ווי אַ מאַקע, ווי אַ טיפע בלוטיקע וווּנד. וואָס מער איך דערמאָן זיך אין זיי, מער טוט מיר ווייי דאָס האַרץ, מער הייבט מיר אָן באַנק טאָן, וואָס כיניע, מײַן פלוינעסטע, האָט מיט מיר דאָס גאַנצע לעבן געשפּילט אַ שווײַגנדיקן זעקס־און־זעכציק און האָט קיין איין מאָל ניט געווינען בא מיר אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל, און בא אונדז ביידע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ פאַרשפּילטער זעקס־און־זעכציק...

...אויך שײַע דער גלעזער האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף ליסאָווע. דער אַלטער גרויסער קאַסטן מיט גלאָז, וואָס ער האָט געטאַסקעט פון איין דאָרף צו אַ צווייטן, איז אים געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. נאַפטאָלען איז אויך נימעס געוואָרן דאָס וואַנדערן, און ער איז אָף שטענדיק פאַרבליבן בא דער מאַמען. מיט גרויס מאַטערניש האָט ער זיך אײַנגעאָרדנט אינעם גיסער־צעך פון אַ גרויסן זאַוואָד. ער האָט פון קינדווײַז אָן ליב געהאַט זיך פאָרען בא דער ערד, אים איז צום האַרצן געוואָרן זיך באַשעפטיקן בא די אָפּאָקעס, זיי אָנשטאָפּן מיט שוואַרצער וואַרעמער ערד און דערנאָך, ווען די דעטאַל איז פאַרטיק געוואָרן, אויסשיטן זי, די ערד, קעדיי באַנײַס אַ קאָן אָנשטאָפּן אין אַ שווערער אָפּאָקע. אהיים פלעגט נאַפטאָלע קומען אַ מידער, נאָר אַ גליקלעכער.

— עפּשער וואָלסטו זיך געפונען אַן אַנדער אַרבעט, זינו, — האָט לייע אַלע מאָל געטײַנעט צו אים, דערלאַנגענדיק דעם טעלער סופּ, — ביסט דאָך שוין געוואָרן הויט און ביין, זינו!

— דערפאַר אָבער בין איך צווישן אַזוינע כעווירע, מאַמע, צווישן אַזוינע באַלמעלאָכעס, וואָס דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן! דעם נאָענטסטן שאַבעס וועט מען מיך שוין אָנעמען אינעם פּראָפסאָיוז פון די מעטאַליסטן. דו ווייסט כאָטש, וואָס דאָס הייסט, זײַן אַ מיטגליד פונעם מעטאַליסטן־פאַריין?! דער וויכטיקסטער פאַריין, מאַמע!

— אַ גליק האָט דיך געטראָפן, מעטאַליסט מײַנער!

— אַוודע אַ גליק! אַ מאַקע וועט דעם פּעטער עליעס זינדעלע יוזיקל ווערן אַ מיטגליד פון פּראָפּפאַריין!

לייזערקע, וועלכער פלעגט זיך פון צײַט צו צײַט אַרײַנכאַפּן צו דער מאַמען, איז דאָס מאָל געקומען מיט אַ נײַער געלער קאַבורע, אין וועלכער עס איז געלעגן אַן אויסגערייניקטער, אַ בלישטשענדיקער רעוואָלווער, וואָס אים האָט געשענקט דער שעף זײַנער פאַר געטרײַער דינסט. ער האָט אויך געשײַנט פאַר גליק, וואָס דער קלענערער ברודער, נאַפטאַלע, וועלכער איז קוים אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, איז שוין אַן אַרבעטער און ווערט אַ זעלבשטענדיקער מענטש. נאַפטאָלעס געהאַלט איז דערווײַל נאָך געווען אַ קלײנער, עס קאָן הייסן, אַז ער איז נאָך דערווײַל ניט מער, ווי אַ לערן־ייִנגל, און דאָך איז דאָס שוין געווען אַ שטיקל שטיצע. מע האָט שוין ניט געקאָנט שטאַרבן פון הונגער.

...מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אין שטוב איז אַרײַנגעקומען אַן אײַנגעהויקערטער גראָוער מאַנצבל מיט אַ קליין קוישל אין די הענט. לייע האָט גלײַך דערקענט דעם אוירעך. דאָס איז געווען דער פעטער עליע קויפמאַן, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פונעם דאָרף.

— ווערסט מיך ניט אַרויסטרײַבן, לייע? — האָט ער געזאָגט אָנשטאָט אַ גוטןאָוונט.

— ס'איז באַ מיר ניט אַזוי געראַם, ווי באַ אײַך אין אײַער פּאַלאַץ, נאָר טרײַבן וועל איך אײַך ניט, קומט אַרײַן, פעטער.

— ווי באַ מיר, זאָגסטו, אין מײַן פּאַלאַץ? איך האָב שוין ניט קיין פּאַלאַץ און האָב שוין ניט קיין היים. די מומע כיניע איז שוין אויף יענער־וועלט, די טעכטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מיר. איין יוזיקל איז באַ מיר געבליבן, קאָן ער מיך אויך ניט אָנקוקן, פונקט ווי איך וואָלט שולדיק זײַן, וואָס מײַן נעסט איז כאָרעוו געוואָרן. ער איז איצט דאָ ערגעץ, אין קיִעוו, נאָר קיין אַדרעס האָט ער מיר ניט געגעבן און זיך באַגעגענען מיט מיר וויל ער ניט. אַ טאַכלעס, אַ, וואָס זאָגסטו, סאַראַ טאַכלעס עס איז פון מיר געוואָרן.

וואָס האָט אים לייע געקאָנט דערויף ענטפערן? זיך קילן דאָס האַרץ, נעקאָמע נעמען? ניין, ניט אַזאַ איז זי, לייע! זי וועט עס אים אַפילו ניט דערמאָנען. זי וועט אים ניט זשאַלעווען קיין טעלער קוליש, קיין שטיקל ברויט.

— אַט אָ־דאָ וועל איך אײַך מאַכן אַ געלעגער, לעבן דער קיך־וואַנט. עס וועט דאָ אײַך זײַן וואַרעמער.

לייע האָט פאַרשפּאָרט לאַנג טראַכטן, צי דאַרף זי אים אַזוי האַרציק אויפנעמען, דעם געוועזענעם סוינע אירן. בעטעווע אַ גוטע צו מענטשן, איז זי אויך אים גרייט געווען אַרויסווײַזן איר גוטהאַרציקײַט, אים אונטערהאַלטן, דעם אַלטן, היימלאָזן מענטשן, עפּשער וועט אים אין אַ צײַט אַרום צונעמען צו זיך זײַן טאָכטער האָדל.

לייע האָט ניט געוואַרט אויף קיין דאַנק און איז געווען זיכער, אַז בערל וועט ניט דערווידערן קעגן דעם, אַז דער פעטער זאָל איבערקומען באַ זיי אַ שטיקל צײַט.

די טעלעכע גראַשנס, וואָס עליע דער קלייטניק האָט באַוויזן ראַטעווען פון די באַנדיטן, האָט ער אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער האָט זיי געהאַלטן אינעם טאַלעס־זעקעלע. טעלעכע גאָלדענע פינפערלעך האָט עליע קויפמאַן קונציק אײַנגעפּאַקעוועט אין די אַלטע שוואַרצע טפילן. ווען־ניט־ווען פלעגט ער אַ שטופּ טאָן לייען עפּעס אַ קליינינקײַט צושטײַער, ס'זאָל ניט הייסן, אַז ער לעבט באַ איר אויף גרייטן. דער האָנער זײַנער האָט אים ניט דערלויבט אָנציִען אויף זיך דעם אויסזען פון אַן אָרעמאַן. נאָך מער, ווי באַ זיך אין ליסאָווע, האָט ער פון פאַרטאָג אָן געהאַלטן אין איין מורמלען זײַן טפילע צו גאָט, און די פּיצלעך קינדער פלעגן פרעגן באַ לייען:

— וואָס מורמלט ער אַ גאַנצן טאָג, וואָס שעפּטשעט ער? מיט וועמען רעדט ער עס אַ גאַנצן טאָג, דער פעטער עליע?

אין אָוונט, ווען ער האָט זיך אַ ביסל צוגעוווינט צו דער לאַגע פון אָן אומגעבעטענעם אוירעך, ווען עס זײַנען באַ אים ביסלעכווײַז אָפּגעגאַנגען די זאַשפּאַרעס און ער האָט זיך דערפילט, ווי אַ געראַטעוועטער פונעם טויט, פלעגט ער זיך אַפילו באַזעצן מיט בערלען באַם טיש און כאַפּן אַ קאָרטל.

דאָס איז שוין געווען ניט יענע קאָרטנשפּיל, צו וועלכער בערל איז געוווינט געווען, פון וועלכער ער האָט געהאַט האַנאָע, דאָרט, אין ליסאָווע, באַ דעם מאַנאָפּאָלשטשיק. דער פעטער עליע האָט אַפילו ניט געהערט פון אַזאַ שפּיל ווי „פּרעפערעאַנס". מע האָט געשפּילט אַ זעקס־און־זעכציק, אַ טויזנט איינס און באַ אַ גוטער שטימונג אויך דעם באַוווסטן „דוראַטשאָק". אוי, האָט דער געוועזענער נאָגיד ניט געהאַט ליב פאַרשפּילן, ער פלעגט אַזש ווערן בלוי פון פאַרדראָס, וואָס אַ געוויינלעכן זעקס־און־זעכציק צי אַ נאַרישן „דוראַטשאָק" געווינט זײַן פּלעמעניק, וועלכער איז אַפילו אין אַזעלכע אומשטענדן, אין אַזאַ הונגער־צײַט פאַרבליבן דער זעלבער אויסגעפּוצטער און ריין אויסגעראַזירטער יונגערמאַן מיט די פאַרדרייטע וואָנצעס. וואָס קאָן מען טאָן, אַז דער אייבערשטער האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון עליע קויפמאַנען, אַז עס פּידלט ניט. אַמאָל איז אים געגאַנגען דורך טיר און דורך טויער. ניט געגליקט האָט אים נאָר מיט די טעכטער, וואָס זײַנען פאַרזעסן ביזן גראָווען צאָפּ. און ביכלאַל האָט דאָך אים יעדע קאָפּעקע געבוירן אַ רובל, און יעדער רובל — אַ צענערל. אוי, האָט ער ליב געהאַט, קיינער זאָל ניט זײַן דערבײַ, אונטערפירן אַ סאַכאַקל פון זײַנע געשעפטן, איבערציילן דאָס געלט, וואָס האָט באַ אים געוואַקסן, ווי דאָס גרינס נאָך אַ געשמאַקן רעגן. ער האָט פאַרשפּאָרט שפּילן אין קאָרטן — דער געווינס פלעגט אים נאָכלויפן אויף יעדן שריט און טריט. און איצט גייט אים אַלע מאָל מיט דער פּוטער אַראָפּ — ראַק ער

פאַרשפּילט, ראַק ער בלײַבט באַם נאַר. דוראַטשאַק! ווער האָט עס צוגעטראַכט אַזאַ קלוגן און טרעפֿלעכן נאָמען — דוראַטשאַק!

— נעמט זיך ניט צום האַרצן, פּעטער, — האָט בערל אים געטרייסט, — דערויף איז עס דאָך אַ קאָרטנשפּיל, ווו איינער געווינט און אַ צווייטער מוז פֿאַרשפּילן! פֿרעגט באַ מיר, איך בין גאַנץ געניט אין די זאַכן. איך פּלעג אויך ניט איין מאָל פֿאַרשפּילן און טאַקע געלט, לעבעדיקע קלינגערס, ניט ווי איר — סטאַם אַזוי — דוראַטשאַק!

— אוי, בערל, בערל, — האָט געזיפֿצט דער געוועזענער נאַגיד, — איך האָב שוין אַלץ פֿאַרשפּילט, און דעריקער די האָפֿענונג ווען־ניט־איז אָפּשפּילן צוריק מײַן האָב־און־גוטס. אַמאָל פֿלעגסטו מיר מעקאַנע זײַן, איצט — בין איך דיר מעקאַנע, דאָס רעדל דרייט זיך, אוי, דרייט עס זיך.

— איר האָט גראָדע אַ טאָעס, — האָט זיך לייע אַרײַנגעמישט אין זייער געשפּרעך, — מיר זײַנען אײַך קיינמאָל ניט מעקאַנע געווען!

— עס רעדט זיך אַזוי.

— ניין, טאַקע אינדערעמעסן! — האָט לייע דערווידערט דעם אוירעך אירן, — קינע איז אַ מיִעסע זאַך, קינע איז, ווידליק איך פֿאַרשטיי, אַ קרענק, פֿון וועלכער מיר זײַנען באַהיט געווען. וואָס האָט אונדז געפֿעלט? קאַפּיטאַל? צירונג? שטיינערנע פּאַלאַצן? מיר האָבן דאָס קיינמאָל ניט געהאַט און ניט באַדאַרפֿט, איר ווייסט דאָך שוין מינאַסטאַם, אַז אַ פּאַשעטער קוליש איז אַמאָל געשמאַקער פֿון אַ פֿעטן ראָסלפֿלייש. דער איקער, אַז אַפֿן האַרצן זאָל זײַן גרינג און די קינדערלעך זאָלן וואַקסן געזונטע. און גראָדע דאָס האָבן מיר געהאַט, ניט צו פֿאַרזינדיקן!

— קינדער האָב איך אויך געהאַט, נאַר באַ דיר איז יעדעס קינד, ווי אַ קווייט, ווי אַ צירונג, און באַ מיר — ווי אַ מאַקע, ווי אַ טיפֿע בלוטיקע ווונד. וואָס מער איך דערמאָן זיך אין זיי, מער טוט מיר ווי דאָס האַרץ, מער הייבט מיר אָן באַנק טאָן, וואָס כיניע, מײַן פֿלויִנעסטע, האָט מיט מיר דאָס גאַנצע לעבן געשפּילט אַ שווײַגנדיקן זעקס־און־זעכציק און האָט קיין איין מאָל ניט געווינען באַ מיר אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל, און באַ אונדז ביידע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ פֿאַרשפּילטער זעקס־און־זעכציק...

...אויך שײַע דער גלעזער האָט פֿאַרלאָזט דאָס דאָרף ליסאָווע. דער אַלטער גרויסער קאַסטן מיט גלאָז, וואָס ער האָט געטאַסקעט פֿון איין דאָרף צו אַ צווייטן, איז אים געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. נאָפּטאָלען איז אויך נימעס געוואָרן דאָס וואַנדערן, און ער איז אַף שטענדיק פֿאַרבליבן באַ דער מאַמען. מיט גרויס מאַטערניש האָט ער זיך אײַנגעאָרדנט אינעם גיסער־צעך פֿון אַ גרויסן זאַוואָד. ער האָט פֿון קינדווײַז אָן ליב געהאַט זיך פּאָרען באַ דער ערד, אים איז צום האַרצן געוואָרן זיך באַשעפֿטיקן באַ די אָפּאָקעס, זיי אָנשטאָפּן מיט שוואַרצער וואַרעמער ערד און דערנאָך, ווען די דעטאַל איז פֿאַרטיק געוואָרן, אויסשיטן זי, די ערד, קעדיי באַנײַס אַ קאָן אָנשטאָפּן אין אַ שווערער אָפּאָקע. אהיים פֿלעגט נאָפּטאָלע קומען אַ מידער, נאַר אַ גליקלעכער.

— עפּשער וואָלסטו זיך געפֿונען אַן אַנדער אַרבעט, זינו, — האָט לייע אַלע מאָל געטײַנעט צו אים, דערלאַנגענדיק דעם טעלער סופּ, — ביסט דאָך שוין געוואָרן הויט און ביין, זינו!

— דערפֿאַר אָבער בין איך צווישן אַזוינע כעוורע, מאַמע, צווישן אַזוינע באַלמעלאָכעס, וואָס דו קענסט זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלן! דעם נאָענטסטן שאַבעס וועט מען מיך שוין אָנעמען אינעם פּראָפֿסאָיוז פֿון די מעטאַליסטן. דו ווייסט כאָטש, וואָס דאָס הייסט, זײַן אַ מיטגליד פֿונעם מעטאַליסטן־פֿאַריין?! דער וויכטיקסטער פֿאַריין, מאַמע!

— אַ גליק האָט דיך געטראָפֿן, מעטאַליסט מײַנער!

— אוודאי אַ גליק! אַ מאַקע וועט דעם פּעטער עליעס זינדעלע יוזיקל ווערן אַ מיטגליד פֿון פּראָפֿפֿאַריין!

לייזערקע, וועלכער פֿלעגט זיך פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנכאַפּן צו דער מאַמען, איז דאָס מאָל געקומען מיט אַ נײַער גלעלער קאַבורע, אין וועלכער עס איז געלעגן אַן אויסגערייניקטער, אַ בלישטשענדיקער רעוואָלווער, וואָס אים האָט געשענקט דער שעף זײַנער פֿאַר געטרײַער דינסט. ער האָט אויך געשײַנט פֿאַר גליק, וואָס דער קלענערער ברודער, נאָפּטאָלע, וועלכער איז קוים אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, איז שוין אַן אַרבעטער און ווערט אַ זעלבשטענדיקער מענטש. נאָפּטאָלעס געהאַלט איז דערווײַל נאָך געווען אַ קליינער, עס קאָן הייסן, אַז ער איז נאָך דערווײַל ניט מער, ווי אַ לערן־ייִנגל, און דאָך איז דאָס שוין געווען אַ שטיקל שטיצע. מע האָט שוין ניט געקאָנט שטאַרבן פֿון הונגער.

לייע וואָלט, פאַרשטייט זיך, בעסער געוואָלט, אַז בערל, איר מאַן, זאָל זײַן דער הויפּט־פאַרדינער, עס זאָל זיך ניט באַקומען, אַז די קינדער האָדעווען אים. בערלען איז טאַקע געווען אַ ביזאָיען, וואָס ער גייט אַרום מיט ליידיקע הענט.

אַלץ איז אָבער ביז אַ צײַט, און בערל, אַלס אַ געוועזענער סאָלדאַט, האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין דער באַוואָפנטער אָכראַנע, וואָס איז באַרופן געווען אָפּהיטן די קראָמען און די פּאַקהאַוזן.

מע האָט אים געגעבן אַ ביקס, און ער איז אין אַ גוטער שאָ געוואָרן אַ באַוואָפנטער וואַכמאַן. ער פלעגט אַוועקגיין פון שטוב אויף אַ גאַנצער נאַכט און זיך אומקערן אַהיים, ווען עס האָבן זיך שוין געעפנט די קראָמען. לייען פלעגט אַרויספאַלן די נעשאָמע, ביז זי האָט אים דערזען אויף דער שוועל פון שטוב. זי איז גליקלעך געווען, וואָס צוויי מאָל אין וואָך פלעגט אים אויף דער וואַך פאַרבײַטן אַן אַנדער וועכטער. מיט אַ באַזונדער פלײַס האָט זי אויסגעבעט פאַר אים אַ געלעגער. און ווען מע פלעגט פאַרלעשן די שײַן און זיך אײַנמאָסטען אויף נאַכט, איז ניט געווען קיין גליקלעכערע פון איר — זי האָט אים געפילט לעבן זיך אַ וואַרעמען, אַ שמעקנדיקן, אַ געזונטן, ווי צוריק מיט יאָרן, ווען ביידע זײַנען נאָך יונג און פריש געווען. די יאָרן האָבן, דאַכט זיך, אים ניט געעלטערט. ליבע, זאָגט מען, מאַכט דעם מענטשן יונג און דערווײַטערט פון אים די עלטער...

אַנומלטן, ווען נאַסטיע איז צו איר געקומען צוגאַסט, האָט זיך איר לייע מודיע געווען, אַז זי איז שוין, דאַכט זיך, ווידער טראָגעדיק... צו אָסיען־צו דערוואַרט זי נאָך אַ קינד.

— עפּשער וואָלט שוין געווען גענוג, לייעטשקע?! — האָט נאַסטיע אַ זאָג געטאָן, ווי זי וואָלט זי מוסערן.

— ס'איז דען פון מיר געווענדט, נאַרעלע? מיסטאָמע וויל גאָט אַזוי.

— דײַן גאָט איז אַ מעשוגענער! ווו איז דײַן קאָפּ? וואָלט איר כאָטש די לעבעדיקע געשטעלט אויף די פיס!

מיט נאַסטיען וואָלט לייע יאַקאָס אויסגעקומען. סאָפּקאָלסאָף, וואָס איז איר אייסעק, נאָר זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די קינדער זײַנען גאָרניט גליקלעך דערפון, וואָס זיי שטייט פאָר באַקומען אַ נײַעם מיטגליד אין דער מישפּאָכע — אַ נײַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל.

לייע האָט זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן, אַז אַלץ איז, הייסט עס, פון גאָט, נאָר לייזער האָט ניט אויף קאַטאָוועס זיך אָנגעבלאָזן.

סאָף קומט

אינעם כוידעש, ווען עס ווערט אָפּגעמערקט דער העלדנמוט און די מארטירערײַ פון דער ווארשעווער געטאָ, פארעפנטלעכן מיר מאטעריאלן וועגן די געשעענישן פון יענער צײַט.

א העלדישער קעמפער קעגן פאשיזם און רעאקציע

צום 70־טן געבורטסטאָג פון איציק וויטענבערג

ער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין יאנוואר 1907 אין אן ארבעטער־געזינד. פרי האָט ער געמוזט פארלאָזן די האנטווערקער־שול, אין וועלכער ער האָט געלערנט, און גיין ארבעטן, קעדיי פארדינען אפן שטיקל ברויט. געארבעט האָט ער אין לעדער־אונטערנעמונגען. אין דער פרײַער צײַט זיך פארנומען מיט זעלבסטבילדונג. פלײַסיק געלייענט די מארקסיסטישע ליטעראטור און געווען אקטיוו אין דער ארבעטער־באוועגונג. אין 1928 איז ער אָנגענומען געוואָרן אלס מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. זײַן אווטאָריטעט צווישן די לעדער־ארבעטער איז געווען גרויס. אין 1936 ווײַלט מען אים אויס פארן פאָרזיצער פונעם לעדער־פאריין. גלײַכצײַטיק איז ער געווען א מיטגליד פונעם ווילנער שטאָטישן פראָפאריינען־ראט.

אף וויפל אין די דרײַסיקער יאָרן זײַנען די פראָפאריינען אין ליטע געווען בלויז האלב לעגאלע, האָט ער, איציק וויטענבערג, געמוזט באהערשן דעם אלעפבייס פון קאָנספיראטיווער ארבעט. דאָס האָט אים נאָך מער פארהארטעוועט אלס מוטיקן קעמפער און טרײַען פארטיידיקער פון די אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע.

אין 1939, נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, איז וויטענבערג אריבערגעפאָרן אין סאָוועטישן ווײַסרוסלאנד און ארײַנגעטאָן זיך מיט לײַב־און־לעבן אין דער געזעלשאפטלעכער ארבעט. אין 1940, ווען אין ליטע איז ווידער אופגעשטעלט געוואָרן די סאָוועטנמאכט, האָט ער זיך אומגעקערט קיין ווילנע און געארבעט דאָרט אלס פאָרזיצער פונעם לעדער־פאריין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע. איציק וויטענבערג האָט ניט באוויזן באצײַטנס זיך צו עוואקויִרן. די ערשטע צײַט האָט ער זיך אויסבאהאלטן און געזוכט א פארבינדונג מיט דער קאָמוניסטישער אונטערערד. אין סאָף 1941 טרעפט ער זיך אין ווילנער געטאָ מיט די אלטע קאָמוניסטן בערל

שערשנעווסקי און כיענע באַראַוואָסקאַיאַ. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. שפּעטער איז שוין געשאַפֿן געוואָרן א פּאַרטיי־קאָמיטעט, א ראַיקאָם פֿון דער ווילנער אונטערערדישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אַלס סעקרעטאַר פֿונעם ראַיקאָם איז אויסגעוויילט געוואָרן ב. שערשנעווסקי.

אין געטאָ איז פֿאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אַן אַקטיווע פּאַרטיי־אַרבעט. צוערשט האָט דער ראַיקאָם איינגעשטעלט א פֿאַרבינדונג מיט די פֿאָרשטייער פֿון יענע אָרגאַניזאַציעס און גרופּירונגען, וועלכע האָבן אין זייערע טעטיקייט־פּראָגראַמעס געשטעלט דעם הויפּט־טראָפּ אַפֿן אַקטיוון קאַמף קעגן די היטלערישע אָקופּאַנטן. דעם 23 יאַנואַר 1942 איז אין געטאָ פֿאָרגעקומען א געהיימע פֿאַרזאַמלונג פֿון די פֿאָרשטייער פֿון אַלע ווידערשטאַנד־גרופּעס. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפֿן אין ווילנער געטאָ א באַוואָפֿנטע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „פֿאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע". איציק וויטענבערג (זיין פּאַרטיי־נאָמען איז געווען לעאָנאַס) איז געוואָרן איר שטאַב־שעף.

די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגענומען א פּראָגראַם־דאָקומענט, ווו עס איז פֿאָרמולירט געוואָרן די גרונט־ריכטונג פֿון איר טעטיקייט: גרייטן די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע צום אַקטיוון פּאַרטיזאַנישן קאַמף, שאַפֿן אין געטאָ ווידערשטאַנד־גרופּעס, אָרגאַניזירן סיי אין געטאָ, סיי אין שטאָט אַקטן פֿון דיווערסיע און סאַבאָטאַזש, געבן מאַטעריעלע הילף די מיטגלידער פֿון די געזינדן פֿון די רויטאַרמייער און קריגסגעפֿאַנגענע.

עס איז פֿאַנאַנדערגעאַרבעט געוואָרן די סטרוקטור פֿון דער אונטערערד. די עלטסטע פֿון די „פֿינפֿלינגען", די קאָמאַנדירן פֿון די ראָטעס און באַטאַליאָנען, האָבן באַקומען שלאַכט־אויפֿגאַבן. צווישן די קאָמאַנדירן זיינען געווען אַזעלכע לעגענדאַרע העלדן פֿון דער ווילנער געטאָ, ווי סאָניע מאַדייסקער, וועלכע איז שפּעטער אומגעקומען אין קאַמף קעגן די היטלעריסטן, איר נאָמען טראָגט איצט איינע פֿון די ווילנער גאַסן.

לויט דער אָנווייזונג פֿונעם שטאַב־שעף איציק וויטענבערג האָבן די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע גענומען זיך צום זאַמלען געווער פֿאַר דער געטאָ. שטעלנדיק אין סאַקאַנע זייערע לעבנס, האָבן די אונטערערדישע טוער פֿאַר א קורצער צייט איינגעשאַפֿן פֿינף קוילנוואַרפֿערס, 50 גראַנאַטעס, 30 פּיסטאָלעטן, עטלעכע ביקסן און פּאַטראָנעס (א סך דערפֿינדערישקייט און ענערגיע האָט אין אָט דער אַרבעט אַרויסגעוויזן דער קאָמוניסט שמואל קאַפּלינסקי).

די אינסטרוקטאָרן פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָבן געלערנט די שלאַכטלייט די קונסט פֿון קאַמף. זיי האָבן אָרגאַניזירט געהיימע סקלאַדן אַף צו היטן דאָס געווער. דער שלאַכט־שטאַב און דער אונטערערדישער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָבן פֿאַנאַנדערגעוויקלט א ברייטע אַנטיפֿאַשיסטישע אַגיטאַציע צווישן דער באַפֿעלקערונג. זיי האָבן אָנגעהויבן דורכפֿירן באַוואָפֿנטע אָנפֿאַלן אַף די אָקופּאַנטן. אינמיטן פֿון 1942 איז לויטן באַפֿעל פֿונעם שטאַב אויפֿגעריסן געוואָרן די אייזנבאַן אין ראַיאָן פֿון נײַ־ווילנע.

אַן איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, האָט איציק וויטענבערג פֿאַרשטאַנען, אַז דער דערפֿאָלג פֿונעם קאַמף פֿון דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע איז אָפּהענגיק פֿון די פֿאַרבינדונגען מיט דער שטאָטישער קאָמוניסטישער אונטערערד, מיט דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אינגאַנצן גענומען. אין אָנהייב 1942 האָט דער אַלטער קאָמוניסט יאַן פּשעוואַלסקי צוגעגרייט צו זיינע אויבער־בגדים א געלע לאַטע און איז געקומען אין געטאָ. מיט א קורצער צייט פֿריער איז בא זיין אַקטיוון אָנטייל געשאַפֿן געוואָרן אַן אומלעגאַלע פּוילישע אַנטיפֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע „פֿאַרבאַנד פֿאַר אַקטיוון קאַמף". יאַן פּשעוואַלסקי האָט זיך צונויפֿגערעדט מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע וועגן קאָאָרדינירן די שלאַכט־אָפּעראַציעס קעגן די היטלערישע אָקופּאַנטן.

וויטענבערג האָט אויך איינגעשטעלט קאָנטאַקטן מיטן אונטערערדישן ווילנער שטאָטקאָם פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון ליטע. שפּעטער איז ער קאָאָפּטירט געוואָרן אין באַשטאַנד פֿונעם שטאָטקאָם. צוזאַמען מיט אים זיינען געוואָרן מיטגלידער פֿון שטאָטקאָם יאַן פּשעוואַלסקי, מ. קאַראַבליקאָוו, ב. שערשנעווסקי און וו. קאַזלאַוסקאַס.

אָנפֿירנדיק מיט דער פֿאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע, האָט וויטענבערג זיך אַרויסגעוויזן ווי א רייפֿער פּאָליטישער טוער און טאַלאַנטפֿולער אָרגאַניזאַטאָר.

אין יוני—יולי 1943 האָט די ווילנער אונטערערד געליטן שווערע פֿאַרלוסטן. אין איר האָט זיך אַריינגעשמוגלט א פּראָוואָקאַטאָר פֿון געסטאַפּאָ. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. מע האָט אַרעסטירט און אַכזאַריש פֿאַרפּייניקט דעם סעקרעטאַר פֿונעם אונטערערדישן שטאָטקאָם פֿון דער פּאַרטיי י. וויטאַס (ער איז נאָכן טויט באַערט געוואָרן מיטן טיטל העלד פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד), דעם מיטגליד פֿון שטאָטקאָם וו. קאַזלאַוסקאַס, דעם אַקטיוון אונטערערדישן טוער וו. לאַבאַנאַוסקאַס.

דעם 15 יול 1943 האָבן די געטאָ־פּאָליציִיען פאַרנאַרט וויטענבערגן צום פּאַרזיצער פונעם יודענראַט פון געטאָ יא. גענס. מע האָט אים געשמידט אין קייטן און אַוועקגעפירט צו די געטאָ־טויערן, ווו ער האָט געזאָלט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. אָבער די פּראָוואָקאַציע האָט זיך ניט איינגעגעבן. א גרופּע באַוואָפנטע מיטגלידער פון דער פאַריייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע איז באַפאַלן דעם קאָנוואָי און באַפרייט דעם שטאַב־שעף. גלייך נאָך דעם האָט א גרופּע פּאַרטיזאַנער בעראָש מיט וויטענבערגן זיך באַוואָפנט מיט א קוילנוואַרפער און מיט גראַנאַטעס און פאַרבאַריקאַדירט זיך אין א קאָנספּיראַטיווער דירע. אָף מאָרגן האָט די געסטאַפּאָ אַרויסגעשטעלט אן אולטימאַטום: אויב איציק וויטענבערג וועט זיך ניט אָפּגעבן א לעבעדיקער אין אירע הענט, וועט די געטאָ (און דאָרט האָבן געלעבט מער פון 20 טויזנט יידן) אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד.

דער שעף פון דער ווילנער געסטאַפּאָ קיטעל איז געווען באַקאַנט אלס ספּעציאַליסט אָף ליקווידירן געטאָס.

דער שטאַב פון דער פאַריייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרזאַמלט אָף אן אויסעראָרדנטלעכער זיצונג. אייניע האָבן געהאַלטן, אז וויטענבערג דאַרף זיך אונטערגעבן, אַנדערע — אז אָפּן אולטימאַטום איז נייטיק צו ענטפערן מיט פייער (לאָמיר דערמאָנען, אז מיטגלידער פונעם שטאַב זיינען געווען ניט בלויז קאָמוניסטן, נאָר אויך פאַרשטייער פון אַנדערע פּאַרטיי־גרופּירונגען). איציק וויטענבערג אַליין איז געווען פאַר א באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, אָבער אלס דיסציפּלינירטער שלאַכטמאַן, איז ער גרייט געווען אונטערצוּוואַרפן זיך דעם באַשלוס פון דער מערהייט.

...אין א פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל האָט מען איציק וויטענבערגן אָפּגעפירט פון געטאָ אין געסטאַפּאָ. דאָרט האָט מען אים אומענטשלעך געפּייניקט און דערמאָרדעט.

די פאַריייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָט געענטפערט אָפן טראַגישן טויט פון איר קאָמאַנדיר מיט נייע שלאַכט־אָפּעראַציעס. אין רודניצקער וואַלד האָט מען אינגיכן אָפּגעשיקט פון געטאָ 25 קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, באַוואָפנטע מיט קוילנוואַרפערס און אויטאָמאַטן. דאָס איז געווען דער קערן פון דער פּאַרטיזאַנישער מאַכנע „פאַרן ניצאָכן". קאָמאַנדיר פון דער מאַכנע איז געווען דער קאָמוניסט ש. קאַפּלינסקי, קאָמיסאַר — כ. בעראָווסקאַיאַ.

דעם 29 אַפּרעל 1944 איז אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אן אַרטיקל פון איליא ערענבורג „דער טריומף פונעם מענטשן". דאָס גאַנצע סאָוועטישע לאַנד, די גאַנצע וועלט האָט זיך דערוווּסט וועגן די אונטערערדישע טוער פון דער ווילנער געטאָ, וועגן די העלדנטאַטן פון דער פאַריייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע, וועגן דעם טראַגישן טויט פונעם שטאַב־שעף פון אָט דער אָרגאַניזאַציע איציק וויטענבערג. שפּעטער האָט וועגן דעם אַלעם איליא ערענבורג דערציילט אין זיין בוך „מענטשן, יאָרן, לעבן".

דעם נאָמען פונעם קאָמוניסט־אינטערנאַציאָנאַליסט, העלדישן קעמפער קעגן פאַשיזם און רעאַקציע איציק וויטענבערג טראָגט איצט אין ווילנע די לעדער־פאַבריק, ווי אויך פּיאָנערישע דרוזשינעס אין די קינדער־שולן.

דער נאָמען איציק וויטענבערג איז מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן אין דער געשיכטע פונעם סאָוועטישן פאָלק.

מ. רובינסאָנאַס

אין דער צײַט פון טויט־געפאַרן פאַר די ייִדי־שע מאַסן בײַס דער היטלעריסטישער אָקופּאַ־ציע, ווען ס'איז גרויס געווען דער ייִעש, האָבן פלור־צעם א קלונג געטאָן ניט קיין געוויינלעכע ווער־טער:

זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג...

דאָס איז געווען נײַ, אומדערוואַרט און נייטיק, ווי דאָס לעבן, פאַר די יונגע קעמפער פון דער אָקאָרשט געשאַפענער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

די דאָזיקע ליד, וועלכע ס'האָט אָנגעשריבן דער 20־יאָריקער הירש גליק, איז געוואָרן דער הימן פון די פאַרטיזאַנער. אומעטום, אין אַלע לענדער, ווען עס ווערט איצט דערמאָנט דער העלדנמוט און דער טראַגישער אומקום פון די געטאָ־העלדן יענע יאָרן, קלינגט די ליד, וואָס האָט אין יענע יאָרן געשטאַרקט די קויכעס בײַ די קעמפער.

הירש גליק איז געבוירן געוואָרן דעם 24 אַפּרעל 1921. א קינד פון דער האָרעפאַשנער ווילנע, האָט ער זייער פרי דערשפּירט אין זיך די דיכטערישע באַגאַבונג. ער טרעט אַרײַן אין דער ליטעראַרישער אָנפאַנגס־גרופּע „יונגוואַלד”, וועלכע איז, אייגנטלעך, געווען דער העמשעך פון דער פּראָגרעסיווער „יונג־ווילנע”. אין דער דאָזיקער גרופּע איז אָט דער כיי־נעוודיקער באָכער מיט איידעלע געזיכט־שטריכן, גע־ווען דער פײַקסטער און פּילצוזאָגנדיקער יונגער דיכטער.

אין געטאָ שליסט זיך הירש גליק אָן צו דער פאַ־ריייניקטער פאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע, פאַר וועל־כער ער שרײַבט אָן דעם הימן „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג”.

אומגעקומען איז ער אין אויגוסט 1944, אַנטלויפנ־דיק פונעם היטלעריסטישן לאַגער אין עסטלאַנד, וווּ־הין ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון דער ווילנער געטאָ אין סענטיאַבער 1943.

מיר פּובליקירן דאָ אייניקע ווייניק באַקאַנטע ליי־דער פון הירש גליק, וועלכע מיר האָבן אַרויסגענו־מען פון דער סאָוועטישער צײַטונג „ווילנער עמעס” פאַר די יאָרן 1940—1941.

בער האַלפּערן

הירש גליק

דער נאַראַטש ברויזט

דער אומרו האָט צום נאַראָטש מיך פאַרטראָגן.
איך האָב געמיינט, די כוואַליעס וועלן מיך
פאַרוויגן.
אומזיסט האָב איך געשניטן דעם נעפּל
פון פאַרטאָגן —
ווײַל רו איז נישטאָ, ווײַל רו איז א ליגן...

א פעלד, א דערפל, א מאָהילניק.
א פאַראָרעמטער יעזוס באַוואָרנט אַלע וועגן.
מיכאַלישאַק. סוויר. קאַבאַלניק —
ביז צו די נאַראָטשער ברעגן.

כ'האָב באַם נאַראָטש א פלאַקסן מיידל באַגעגנט:
— זאָג, מיידל, צי קען איך דאָ קריגן ווו ברויט?
און מילך צי איז דאָ פאַראַן אין דער געגנט?
זי האָט זיך געריוויטלט, דער נאַראָטש איז בלוי.

אירע אויגן האָבן אין זאַמד זיך פאַרגראָבן:
— ניטאָ בײַ אונדז קיין מילך, ניטאָ קיין ברויט.
אונטער יענעם ציילעם ליגט די מאַמע באַגראָבן,
דער טאַטע אינעם נאַראָטש געפונען זײַן טויט.
נאָר ווער האָט באַם נאַראָטש א ברויטל געזען?
און ווו פאַלן מאַמעס פון הונגער אַוועק?
(א כוואַליע זיך נעענטערט צום ברעג
ווען־ניט־ווען
און גיט איר די באָרוועסע פּיס א לעק).

א טרוקענע פויערטע ווײַנט איבער א שפּינדל:
וואָס זאַמען די זין זיך אַזויפיל באַם פאַנגען?
נאָר ס'קערט זיך באַלד אום דאָס גאַנצע געזינדל
און ס'ווערן די פלויטן מיט נעצן באַהאַנגען.

זיצט מען אַזוי מיט צעשפּיליעטע העמדער,
די פענעמער שטײַף, די ברעמען פאַרצויגן,

מע קוקט דורכן פענצטער, צי ס׳לויערט א
פרעמדער —
און ס׳ברענען שטורקאַצן אין אלעמענס אויגן.

א לעמפּל סמילקעט זיך טיף אין דער נאכט
און באשאָטנט ווײַסרוסישע סודעס —
עס טראָגן דעם צאָרן אף שליאכטישער מאכט
די אייניקלעך פּונקט ווי די זיידעס.

דער יאם פּרעסט דעם ברעג, דער הונגער —
דעם פּויער,
דער פישער דערטרינקט אין נאראָטש זײַן צײַט.
און ס׳קוקן פון כאטקעס די שײַבלעך
פון טרויער —
צי ביסטו, דערלייזער, נאָך ווײַט?

און קינדערשע נעזלעך פּארקוועטשן די שויבן
און טוליען צונויף זיך קעפּל צו קעפּל.

זיי זעען: דער ברעג נעמט פּלוצעם זיך שטויבן,
און ס׳הייבט זיך פון יאם־ראנד א בלײַיִקער
נעפּל.

ס׳צעהוידען זיך זעגלען אין ווײַסן געפלאטער,
און פײַערטעס קוקן מיט אויגן, פול איימע.
עס עפנט דער הימל זיך אוף, ווי א קראַטער,
און פײַערט אויס בליציקע צייכנס געהיימע...

און ווען אלץ איז געלעגן אין נעפּל פּארהילט,
האָט דער כוישעך געשפּאלטן א בליץ, ווי א
פאָן —
באם נאראָטש־ברעג האָב איך דאן נאָך
דערפילט:
ווײַסרוסלאנד דערוואכט, איר גוירל קומט אָן!

„ווילנער עמעס״, 13 יאנוואר 1940.

די באַלאַדע וועגן צײַלעם און וועגן רויטן רײַטער

איז געשטאנען אן איינזאמער צײַלעם באם וועג,
באוואקסן מיט מאָך, באלאָדן מיט טעג.
א נאקעט יעזוסל, שווארץ ווי דער טאָרף,
האָט פינצטער געקוקט צום דערבײַיִקן דאָרף.
אין דאָרף וווינט מיכאלקע, דער ערדלאָזער
פּויער,
דרײַ טעכטער, איין קליאטשע — זײַן גאנצער
פּארמעג.
זײַן הארץ, אין א רויטן פּעקעלע טרויער,
ער קניפּלט עס אָפּ פארן צײַלעם באם וועג.
אָ, יעזוסל, יעזוסל, הארציקער פּאָטער!
ווי ווערט מען פון לעבן אָף אייביק שוין
פּאַטער?
אז געל בין איך שוין, ווי א ליכטל פון וואקס,
סע סקריפּעט מײַן הארץ, ווי א טרוקענע אקס.
און קומען נאָך אָן די זילבערנע נעכט —
וווּ ווערן די אָרעמע מוידן פארפאלן?
וואך איז דער פּריצישער הויף אין די נעכט —
פּארשטיקטער געלעכטער שפּארט פון די
שטאלן.
זיי קומען מיט טווועע און ברויט אָף די הענט,
נאָר ענג ווערט מיר דאן צווישן היימישע ווענט,
כאָטש שפּאן אײַן די קליאטשע צום וועג
און אנטלויף
און צינד מיט דײַן הארץ אָן דעם פּריצישן הויף!

הערט יעזוס — און ס׳גליווערט א טרער אָף
זײַן באק:
— אָרעמער מיכאל, כ׳בין אָרעם, ווי דו,
האָסט א היים און א בעגעד געמאכט פון א זאק,
און איך בין הויל, די נאכט דעקט מיך צו...
א פייגעלע האָט דאָך אויכעט איר נעסט,
און איך בין נאקעט פאר ווינט און פאר פרעסט.
נימעס איז מיר שוין דער צײַלעם, דער שליאך,
מײַן כאָלעם אין הארבסט איז — א שטיקעלע
דאך.
שטייט אוף מיכאלקע מיט בלאָטיקע קני
און שלעפּט זיך מיט לײַמיקע טריט צו זײַן
דאָרף.
לעם פּריצישן הויף גיט דאָס הארץ אים א ברי,
זײַן פּאָנעם — א טרוקענער שווארצער שטיק
טאָרף.
א צונד, און עס ברענט זײַן ברוסט, ווי א
שײַטער,
אן אימפּעט יאָגט אים אלץ ווײַטער און ווײַטער.
פליט ער, געשלעפּט אָף די פליגל פון צאָרן,
און לעשט זיך אויס אין די פעלדער פון
קאָרן.

און טעג גייען גרויע, ווי זעלנערשע רייען,
אין פּריצישן יאָך ליגט פארשמידט די מעדינע,
דערפלעך קאָרטשען צונויף זיך אײַנצווייען —
מיכאלקע גייט אויס, ווי א שוואכע לוטשינע.
און אָפּטער ווערן די מוידן פארפאלן,
אין לעוואָנישע נעכט סקריפּען פּריצישע
שטאלן —
זיי קומען אהיים מיטן גרויען קאַיאָר
מיט ברויט אָף די הענט און מיט היי אין
די האָר...
שווארץ איז דער צײַלעם, גרין איז דער מאָך,
יעזוסל מיד איז פון אייביקן הענגען:
קליין ביסטו, פּויערל, גרויס איז דײַן בראָך,
איך קען די דערלייזונג ניט ברענגען...

נאָר איינמאָל געוועזן איז א זומפּיקע נאכט,
האָט דער מיזרעך געעפנט א מוטערלעכע
טראכט.
דער טאָרף איז געלעגן מיט נאכט אָנגעטרונקען,

נאָר דער שליאַך האָט געשפּריצט שוין מיט
טויזנטער פונקען...
אַנטלאָפן דער פּאָרעץ, נאָך אים די לעוואָנע,
פון ווײַט האָט געהערט זיך דער פּריצעס
געוואַלד —
און דורכגעיאָגט האָט א פּאַנצער־קאַלאָנע,
און די זון איז ארויס פון טונקעלן וואַלד.

ארויס איז מיכאַלקע באַנאַכט מיט א פּאַקעל —
געזען, ווי דער ציילעם גיט זיך א וואַקל
און בלײַבט, ווי א באַרמינען, ליגן אַף דר'ערד...
אַראָפּ איז א דרויטער רײַטער פון פערד.

שטייט מיכאַלקע דער פויער אַזיווי צעמישט,
נאָר דער רײַטער קלאַמערט אים אײַן אין
זײַן אָרעם:
זדראַווסטווויּ, טאָוואַרישטש, זײַ, כאַווער,
באַגריסט!
קוק, מיזרעך, קוק, מײַרעוו! קוק, צאָפן
און דאָרעם!
די ערד, זי איז דײַנע פון ראַנד ביזן ראַנד.
דײַן פאָלק און דײַן קלאַס, דײַן סאָוועטיש לאַנד!
און ס'האָבן אין אָרעמס זיך ביידע געשלאָסן.
די זון האָט זיי ביידן מיט גאָלד אָפּגעגאָסן.

„ווילנער עמעס", אווגוסט 1940.

פאָרן סאָלדאַטן אהיים

די ליכטיקע שײַבלעך צעשנײַדן די נאַכט,
די רויִקע היים פליט אַנטקעגן.
עס ציִען זיך קלינגענדיק באַנען פון שלאַכט
אַף געוועזענע פּוילישע וועגן.
עס קלינגען די אײַזערנע זעלנערשע קעפּ,
א שמייכל באַהאַלטן די ברעמען:
די „הענער", זיי קרייען אַראָפּ פון די קנעפּ
גרויסע געוועזענע נעמען...
די בענקשאַפט בינדט זיי נאָך שטאַרקער
צוזאַמען

און קלינגט אָפּ אין אַלעמענס אויגן:
דער ייִד זעט דאָס ווײַב און זײַן מאַמען,
דער פויער — דאָס פעלד און די סטויגן.
פון היץ נעמען אַלע צעקנעפּלען
די שווערע גרינע שינעלן.
דער שוידער פון טויט לויפט דורך נעפּלען
ביז צו די היימישע שוועלן.

„ווילנער עמעס", 26 אָקטיאַבער 1940.

יאָמטעוו

דער שניי האָט אויסגעקאַלכט הײַנט מײַן געמיט,
שפּאַן איך מיט זינגענדיקע טריט,
ווען ס'כאָלעמט נאָך די שטאָט אין זיסן דרימל.
די לופט איז מעסער־בלוי און שאַרף, ווי
מענטע.
צווישן זילבער־בלוי פלאַטערט דורך א בלויע
לענטע,
די ווילִיע. כאָלעמט נאָך די שטאָט
אונטער דער בלויער קאָלדרע פונעם הימל.
א שוימער מיט א בלויען בליק
איז דער רויטאַרמייער אַפן בריק,
וואָס וואַכט...
עס קומט דער טאָג אַף בלויע קריִעס,
רײַבט דער שוימער אויס די ווייִעס
און טרייסלט פונעם פעלץ אַראָפּ די נאַכט.
די ביימער זײַנען קאַלעס אין שנייִקע
גירליאַנדן,

זיי בייגן זיך אריבער די זילבערנע ראַנדן
צו שפּיגלען זיך אין טײַך.
ווער וועט פון אַלעמען דעם רויטן זון־אויפגאַנג
געפעלן?!
נאָר ס'קײַקלען פון געלעכטער זיך די וועלן,
זיי האַלטן ניט קיין סאָד און פּלאַפּלען עס
פאַנאַנדער גלײַך,
און אינעם ריטם פון יאָמטעוודיקע טריט
שפּינט זיך מיר א ליד,
און אַפן זילבערזוניקן ווילִיע־ראַנד
פאַרשרײַב איך אין שניי:
א, ווילנע, פון צופּיל פרייד טוסטו מיר ווײַ,
ביז ווײַטעק פאַרטיף איך מײַן ליבשאַפט
צום לאַנד!

„ווילנער עמעס", 7 פעוראַל 1941.

גריגאָרי ראָשאַל

דער פאָלקס־ארטיסט פונעם סאָוועטנפארבאנד גריגאָרי ראָשאַל איז געבוירן געוואָרן אין 1899 אינעם שטעטל סעמיאָנאָווקע, טשערניגאָווער געגנט. בילדונג באקומען אין פעטערבורג, וווהין ס׳איז אריבערגעפאָרן זײַן מישפּאָכע. אין אָנהייב פון די 20־ער יאָרן זיך געלערנט אין דער מעלוכישער רעזשי־שול אונטער דער אָנפירונג פון וו. מייערכאָלדן. אין 1925 געשטעלט דעם ערשטן קינסטלערישן קינאָ־פילם. פון דעמלט אָן, אין משך פון העכער 50 יאָר, באַוווּסט ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע קינאָ־רעזשיסאָרן. אלס אווטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד״, פארעפנטלעכט אווטאָביאָגראפישע נאָוועלן.

מאַריאַמס געזאַנג

די פּערזאָנען

מאַריאַם ביגמאַן (מערי ביג), אַ רעוויו־זינגערין
כאַנע ביגמאַן, איר מוטער
ראָזי ביגמאַן, איר שוועסטער
ראכמיִעל ביגמאַן, איר פאָטער
מייער לוריע, איר זיידע
הענעך, אַ זעצער
יאַן פּאַלעצים, אַ מײַסטער פון פליי טעס
יורגיס לאַצאַרוס, אַ לערער פון געאָלאָגיע
באָרעך, אַן ארבעטער
מינע פּאַלעצים, יאַנס טאָכטער
פראַנץ גאַנצקע, אַ געהילף פון פּראָוויזאָר
מאַרטע גאַנצקע, זײַן מוטער
גוסטאַוו גאַנצקע, זײַן פאָטער
פערדינאַנד גאַנצקע, זײַן ברודער
סוזי מילער, גוסטאַוו גאַנצקעס אַ כאַווערטע, מאַכט בלומען פון גומי
באַראָן פאָן גראַבע, אָפיצער פון דער דײַטשישער ארמיי
פּישער, אַן אָנגעזעענער פאַשיסט
פּיאָדאָר איוואַנאָוויטש (פיאָדאָר), רעדאַקטאָר פון אַ צײַטונג, אַ מענטש פון גרויסן רוסלאַנד
אַ זאָקן אין דער אינטערמעדיע
געלער
אַלטע לײַט, סאָלדאַטן

דער ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

ביגמאַנס קוואַרטיר. אַ גרויסער צימער. עטלעכע טירן. איינע — אין דער טיף פון דער בינע — פירט אין די אינווייניקסטע כיידאָרים.

אַף רעכטס פון די צושויער — אַ טיר אין דער אַפּטייק, אַף לינקס — אין פאָדערצימער. צוויי פענצטער גייען ארויס אַף דער גאַס. אין דרויסן איז נאַכט. די פענצטער זײַנען צעעפנט. זומער. צווישן די פענצטער שטייען גרויסע טריומאָ־שפּיגלען. אַלטמאָדישע פּראָווינציִעלע שפּיגלען.

דער גרויסער טיש איז באַדעקט מיט אַ ווײַס־קלאָרן טישטעך, אַף וועלכן ס׳איז נאָך צו זען סימאָנים פונעם פּרעסל. איבערן טיש ברענט אַ גרויסער הענגלאָמפּ. דער אַבאַזשור איז מיט גלאָז־פליטערלעך. עס זײַנען פײַן באַלויכטן די גראַפינען, טעלער, מעסער און גאָפּל פונעם יאָמטעוודיק־געגרייטן טיש.

רעב מייער לוריע און זײַן איייניקל ראָזי שטייען באַם שפּיגל. רעב מייער איז אַ מענטש פון אַ 65 — 70 יאָר, ער זעט אָבער אויס פיל ייִנגער, באַוועגט זיך געשיקט. אָנגעטאָן איז ער עלעגאַנט, לויט דער מאָדע. דאָס אייניקל איז אויך אויסגעפּוצט.

פון דער אַפּטייק דערטראָגט זיך פון צײַט צו צײַט אַ ריידערײַ, דאָס קלאַפּן פון דער אַרײַנגאַנגס־טיר, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַ ציטערדיקן געקלאַנג, צו וועלכן מע ווערט צוגעוווינט, ווי צו דעם טיק־טאַק פון אַ זייגער.

דער וואַנט־זייגער, אַ סטאַנדאַרטער זייגער, ווי אין אַלע אָנשטענדיקע עס־צימערן פון פאַרמעגלעכע ייִדישע מישפּאָכעס, ווײַזט האַלב צוועלף. פונעם גאַנצן צימער, פון דעם שווערן מעבל, פון די געהעפטע פאָרהאַנגען מיט די סאַמעטענע גאַרדינעס, פונעם דיוואַן, פון די טישן און פון דעם אויסגעטראָטענעם טעפּיך ווייעט מיט וווילטאָג און מיטן געשמאַק פון אַ געמיטלעך־פּראָווינציִעלער שטוב.

דער זיידע פּלײַסט זיך פאַרשפּיליען דעם קאָלנער.

מ י י ע ר. די מאנישקע איז פון פאריזש. דער שניפּס פון ניו־יאָרק. ס׳וואָלט גלײַכער געווען, ס׳זאָל זײַן פאַרקערט — דער שניפּס פון פּאַריזש און די מאנישקע פון ניו־יאָרק. נאָר גיי שפּאַר איבער דעם גוירל! נו, זאָג מיר, ביטע, רייזל, ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז אַ קעלנערל דאַרף זײַן שטײַפער פון שטאָל, אַז יעדעס מאָל זאָל מען דאַרפן מיט דעם זיך מוטשען. איך געדענק, ווי אַזוי כ׳האָב אים געקויפט. דאָס איז געווען אין פּאַריזש מיט אַ יאָר זעקס צוריק. און אַלע זעקס יאָר מאַטער איך זיך מיט דעם, און יעדעס מאָל דערמאָן איך זיך דערבײַ אין פּאַריזש. עפּשער מאַכן זיי טאַקע צוליב דעם אַזעלכע קעלנער... עך, פּאַריזש! דײַן מומע פלעגט מיר זאָגן: „נו, מיילע, זע איך ניט אַזוי אָפּט פּאַריזש.״ זאָל זײַן, אַז איך בין שטענדיק פאַרנומען אין מײַן פּאַסקודנער פאַרבערײַ, זאָל זײַן, אַז מײַן מאַן פאַרשטייט אַזויפיל אין פּאַריזש, ווי איך אין די כינעזישע ספאָרים, נאָר ס׳איז פאָרט פּאַריזש! אָ, דאָ איז די לופט אַפילע אַ פּאַריזשער. איך פלעג לאַכן פון איר, נאָר סאָפּקאָלסאָף איז זי דאָך גערעכט. הײַנט ניו־יאָרק! דײַן פעטער פון ניו־יאָרק האָט ליב געהאַט מיך אַרײַנשלעפּן אין דער רעדאַקציע פון זײַן צײַטונג און זיך געמען באַרימען מיט זײַן אַמעריקאַנער באַלעבאַטישקײַט. „דו פאַרשטייסט, אין ניו־יאָרק איז גאָר אַן אַנדער לופט״, — האָט ער געטײַנעט, האַלטנדיק מיך דערבײַ פאַר אַ קנעפּל. און, אויב שוין אויסקלײַבן, ווו צו וווינען, און אויב עס לוינט ביכלאַל לעבן, — דײַן פעטער איז אַ שטיקל פילאָסאָף, — איז לוינט זיך פאַרנעמען מיט אָט דעם צווייפלהאַפטן איניען נאָר אין ניו־יאָרק, און ווען זײַן זון איז געקומען פון בראַזיליע, ער האָט דאָרט געמאַכט עפּעס אַ פילם, האָט ער, דער דאָזיקער אַפּעראַטאָר, מיר געמאָלדן, אויך האַלטנדיק מיך פאַר אַ קנעפּל, אַז פון אַלע לענדער אויף דער וועלט קוקט בלויז בראַזיליע אויף דער זון! אַז נאָר אין בראַזיליע איז עכטע לופט. נו, וואָס מיינסטו? עפּשער זײַנען זיי אַלע אַ ביסל גערעכט.

ר אָ ז י. זיידע, שטיי כאָטש אַ ווײַלע אויפן אָרט, אַזוי וועל איך דיר קיינמאָל ניט אויסבינדן דעם שניפּס. און צווייטנס — מע טאָר דאָך אָפט ניט דערציילן איינס און דאָס זעלבע.

מ י י ע ר. נו, שאַ, לאָמיר זיך ניט אַמפּערן. איך געפעל דיר אין אָט דעם קאָסטיום?

ר אָ ז י (קושט דעם זיידן). פרעגסט נאָך! דו ביסט שטענדיק דער שענסטער, און דער יינגסטער! (טוט שעלמיש אַ ווונק). און דו האָסט ניט ליב צו ריידן וועגן זיך... נו, זײַ ניט אין קאַס. ווען דו רעדסט וועגן זיך, איז מיר קיינמאָל ניט אומעטיק. איצט ביסטו צופרידן?

מ י י ע ר. סאַראַ אַזעספּאָנעמניציע דו ביסט עס געוואָרן! דו רעדסט מיטן זיידן, ווי דו וואָלסט געווען זײַנע אַ ניאַנקע! רייזל, זאָג דעם עמעס, באַ דיר איז קיין זאַך ניט הייליק. מעגלעך, אַז טאַקע דערפאַר געפעלסטו אַזוי איינעם אַ מענטשן...

ר אָ ז י. וועמען, וועמען?

מ י י ע ר (קוקט זיך אַרום, רעדט איר אויפן אויער שעפּטשענדיק, ווי אַ שרעקלעכע געהיימנים). איינעם אַ סאָוועטישן כאַווער, וואָס איז געקומען אַהער פון גרויס רוסלאַנד, וואָס אַרבעט אין איינער אַ גרויסער רעדאַקציע, אין דער זעלבער רעדאַקציע, ווו עס אַרבעט מײַן אייניקל...

ר אָ ז י (לאַכט). דו ביסט ניט קיין זיידע, נאָר אַ פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע, דו זעסט אַלץ, ווי אין אַ שפּיגל.

מ י י ע ר. אַדעראַבע, זאָג, אַז ס׳איז ניט אַזוי.

עס קומט אַרײַן די מאַמע מיט אַ טאַץ געבעקס און אַ טאָרט. זי איז נאָך אין פאַרטעך, נאָר שוין אָנגעטאָן אין אַ יאָמטעוודיקן קלייד. אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ שוואַרצן פּאַריק. זי איז פאַרטאָן אין די היימישע זאָרגן.

כ א נ ע. מיר דאַכט, אַז פון מײַן טאָרט האָט זיך גאָרניט באַקומען. פינף יאָר וואַרטן אויף אַ טאָכטער און באַגעגענען זי מיט טייג, וואָס איז ניט אויפגעגאַנגען! ס׳איז פּאַשעט, ווי אַ שטיין. איך האָב מוירע, אַז זי וועט אים ניט נעמען אין מויל. (מיט אַ זיפץ). נו, מיילע! זי האָט, מינאַסטאַם, געגעסן גענוג געשמאַקע זאַכן. נאָר אַ טאָרט, וואָס די מאַמע האָט געמאַכט, איז דאָך אַ טאָרט, וואָס די מאַמע האָט אויסגעבאַקן... פינף יאָר! ווי אַזוי זעט זי אויס? ראָזי, דו ווייסט זי, געוויס, ניט דערקענען.

ר אָ ז י. דער טאָרט איז אויסגעצייכנט, אומזיסט ערגערסטו זיך. און איבערהויפּט איז, דאַכט מיר, צו פיל טומל?

מ י י ע ר (פּרוּווט דעם טאָרט). גוט! טאַם גאַניידן! אָט וועסטו זען, זי וועט אויך זאָגן דאָס זעלבע. זי איז אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט. איז וואָס, איך בין אויך אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט. זי איז פּאַשעט געגאַנגען אין מײַנע דראָכים. אַ שאָד, וואָס מיר זײַנען מיט איר קיינמאָל ניט געפאָרן צוזאַמען. ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרומפאָרן, איז זי נאָך געזעסן אין וויגל, און ווען איך האָב שוין אויפגעהערט — האָט זי זיך געלאָזט אין איר לאַנגן וועג, נאָר

מיטן געדאַנק בין איך שטענדיק געווען מיט איר, און ווען מע האָט איר אָפּגעדירט אין פּאַ־ריזש, האָב איך געהערט דאָ, און איך האָב געוווסט, אַז דײַן שוועסטער זלאַטע (ווענדט זיך צו כאַנען), און איר דיקער מאַן יוינע, דער פּאַרבער, סאָפּעט אַזש פֿון פֿאַרגעניגן, קוקנדיק אַף מערין. איך האָב זיך דערמאָנט אין זייער פּאַרבערײַ, אין זייערע קינדער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מײַנע פֿראַנצויזישע אייניקלעך טאַנצן איינגעם מיט מערין. טאַנצן אַרום מיר. ווען זי איז געפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, האָב איך באַקומען אָט די־אָ פֿאָטאָגראַפֿיע (נעמט אַרויס פֿון בוזעם־קעשענע אַ פֿאָטאָ) — מײַן זון איז פֿאָטאָגראַפֿירט אין רעדאַקציע מיט זײַן קליינינקער פּלעמעניצע מערי, און מײַן בראַזיליער אייניק, אָט דער מעשוגענער קינאָ־אָפּעראַטאָר, האַלט זי אונטער דער האַנט. כ׳האָב געקוקט אַף דער פֿאָטאָגראַפֿיע און ס׳האָט זיך עפּעס געוואָלט וויינען... שוין אַן אַ שיר יאָרן זיץ איך אין אָט דעם הויז, ווי אַ סטראַשידלע אין גאָרטן, ס׳זאָל כאָטש עפּעס אַ ווינט מיך אוועקטראָגן ערגעץ. פֿאַרוואָס האָב איך פֿון אַלע קינדער אויסגעקליבן דיך? (טוט אַ קוש כאַנען). מיסטאָם דערפֿאַר, ווײַל דו ביסט דער גרעס־טער שלימאַזל פֿון אַלע מײַנע קינדער. אַ ווײַב פֿון אַן אַפּטייקער! אײַ, אײַ, אײַ! נאָר וואָס קאָן מען מאַכן, עפּעס האָבן אין זיך אויך שלימאַזלניקעס.

ראָזע. האָסט שוין ווידער זיך צוגעכאַפּט, זיידע! דו ווייניסט?!..

מייער (ווישט אויס די טרערן). מעגלעך, מעגלעך... ווען דו זאָלסט וויסן, ראָזי, ווי עס ווילט זיך מיר זען אײַך אַלע אינאיינעם! כאָטש מיט איין אויג, כאָטש אַף איין מינוט! (גיסט אָן פֿון גראַפֿין אַ גרויסן קאָס מיט ווײַן).

כאַנע. עפּשער וואָלסטו שפּעטער אַ ביסל אָנגעגאָסן דײַן באָקאַל?

מייער. ניין. נאָך ביז איר קומען ווילט זיך מיר אויסטרינקען.

פֿון דער אַפּטייק קומט אַרויס ראַכמיעל — ראָזיס טאַטע.

כאַנע (שטיל). ווען וועסטו זיך איבערטאָן, ראַכמיעל? ס׳איז שוין צוועלף אַזייגער. זי קאָן יעדער רגע זיך אַרײַנשטעלן.

מייער. ראַכמיעל, ווען מע וואַרט אַף אַ טאָכטער, מעג מען אַף אַ מינוט פֿאַרגעסן אין ריצנהייל.

ראַכמיעל (ווענדט זיך צו כאַנען, ענטפֿערט ניט דעם שווער). וויפֿל קאָן מען וואַרטן? נעכטן האָסטו געוואַרט אַף איר, אײַערנעכטן — געוואַרט, און אונדזער הייס געליבטע טאָכ־טער קאָן אַפֿילו פּינקטלעך ניט געבן צו וויסן, ווען זי וועט קומען.

כאַנע. זײַ ניט אין כּעס, ראַכמיעל, דו קענסט דען ניט מערין? איר איז גרינגער צוויי מאָל אַרומפֿאָרן די וועלט, ווי צושיקן אַ קאַרטל.

ראַכמיעל (מיט כּעס). גענוג! זי וועט קומען, וועט זי זײַן, ניט קומען — וועט זי ניט זײַן. לייען מיר ניט קיין נאָטאַציעס! כּוץ דער טאָכטער האָב איך נאָך אַנדערע געשעפֿטן. דו מעגסט עס פֿאַרשטיין. איך בין אויך אַ לעבעדיקער מענטש מיט צוויי הענט, מיט צוויי פֿיס און מיט איין קאָפּ. די אַפּטייק איז געוואָרן אַ מעלוכישע, די קלײַענטור האָט זיך פֿאַרגרעסערט אין צען מאָל, קיין געהילפֿן, אַף וועלכע מע וואָלט זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן, איז ניטאָ, און דיר דוכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט שטייט אַף איין אָרט.

מייער (שלאָגט איבער מיט פּאַרדראָס). איר האָט קיינמאָל ניט געקענט לעבן, ווי עס דאַרף צו זײַן, ראַכמיעל, און אַרבעטן אויך ניט! אַ מענטש, וואָס האָט קיין צײַט ניט פֿאַר זיך, האָט אויך קיין צײַט ניט פֿאַר אַן אַנדערן, געדענקט עס! שטענדיק קאָן מען געפֿונען אַ טערעץ. פֿאַרוואָס קאָנט איר ניט פֿאַרטרויען פֿראַנצן? פֿראַנץ איז אַ גוטער געהילף. איר האָט, אַ דאַנק גאָט, געפּאַטערט אַף אים גענוג קויכעס.

ראַכמיעל. פֿראַנץ?! דערמאָנט מיר ניט וועגן פֿראַנצן. די לעצטע טעג גייט ער אַרום, ווי אַ גוילעם. ער האַלט נאָר אין איין פֿרעגן, ווען זי וועט קומען. פֿינף מאָל אין טאָג לויפֿט ער אין וואָרשטאַט צו פּאַלעציסן. ס׳איז נאָך גאָט צו דאַנקען, וואָס ער איז דאָ נאָענט.

מייער. זייער גלײַך טוט ער! אַלע — יאָן, מײַנע יורגיס וואַרטן מער אָפּן גאַסט, ווי דער אייגענער פֿאָטער.

ראַכמיעל. זאָל זײַן אַזוי. נאָר אויב באַ אַ מענטשן איז אין קאָפּ נאָר מוזיקאַלע קרײַזן און מערי, איז צוליב וואָס באַדאַרף ער די אַפּטייק? און איר אייצעט מיר, איך זאָל זיך פֿאַר־לאָזן אַף פֿראַנצן.

עס עפֿנט זיך שטיל די טיר פֿון דער אַפּטייק און עס קומט אַרײַן פֿראַנץ. ער שטעלט זיך אָפּ באַשיידן באַ דער טיר. דאָס איז אַ בלאָנדער באָכער פֿון אַ יאָר 20. בלוי־אויגיק, שלאַנק, פֿראָסט, נאָר ריין און מיט געשמאַק אָנגעטאָן.

פ ר אַ נ ץ (שטיל). אַנטשולדיקט, איך בין געקומען בלויז אויף איין מינוט. זאָגט, ביטע, ס'איז נאָך ניט צײַט צו גיין אַפּן וואָקזאַל?

ר אַ כ מ י ע ל. גאַנצקע, גייט אין אַפּטייק און רעדט ניט קיין נארישקייטן! ווען מיר זאָלן יעדער טאָג פאָרן אַפּן וואָקזאַל, וואָלטן מיר אויסגעזען נאָך קאַמישער, ווי איצט. און אַז זי וועט קומען אין אַ כּוידעש אַרום! וועלן מיר, הייסט עס, דרײַסיק טעג זיך קאַטײַען אַהין און צוריק.

עס קלינגט דער טעלעפאָן.

ר אַ ז י (נעמט פלינק דאָס טרײַבל). איך, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש.

מ י י ע ר (פילדיטיק). האַ־אַ! דאָס איז פיאָדאָר איוואַנאָוויטש. נו, וואָס טוט זיך עפּעס נײַס אויף דער וועלט, פרעג אים, רייזל, פרעג.

ר אַ ז י (רעדט אין טעלעפאָן). וואָס? ניין, ניין. פאַרוואָס מיינט איר, אַז זי דאַרף שוין זײַן? מיר האָבן באַקומען פון איר אַ טעלעגראַם מיט אַ וואָך צוריק, אַז זי פאָרט אײַנגיכן אַרויס... ניין, מער גאָרניט. יאָ, זי פאַלט שטענדיק אַראָפּ, ווי פונעם הימל. וואָס?...

מ י י ע ר. שטילער, שטערט ניט!

ר אַ ז י. יאָ, יאָ, איך בין באַם טעלעפאָן.

מ י י ע ר. נעם ניט אַרויס די נעשאָמע, וואָס איז דאָרט, וואָס? רייד מיט אַ פול מויל!

ר אַ ז י. דורך ראַדיאָ האָט מען איבערגעגעבן, אַז זי איז אַרויסגעפלויגן פון מאַסקווע...

עס דערהערט זיך אַ קלונג אין פאָדערהויז. אַלע לאָזן זיך צו דער טיר, אַף דער בינע בלײַבט נאָר ראָזי.

ר אַ ז י (אין טעלעפאָן). אַ דאַנק, פעדיאַ. מאָרגן וועל איך זײַן אין רעדאַקציע. יאָ, נאָך דער אַרבעט, אין אָוונט. ערנוואָרט! אַף ווידערזען!

פון פאָדערהויז קומט צו לויפן פראַנץ.

פ ר אַ נ ץ. מערי! דאָס איז זי, מערי!.. (לאָזט זיך ווידער צו דער טיר).

ר אַ ז י (שרײַט צו אים). וווּהין פליט איר, פראַנץ?!

פ ר אַ נ ץ. זאָגן פאַלעציסן, פרײַלן ראָזי.

אין צימער קומען אַרײַן אַלע מיט שאַכטלעך, טשעמאָדאַנעס, פּאַקעטן, פאָרויס גייט מערי ביג. דאָס איז אַ הויכוווּקסיק שלאַנק מיידל, אַנגעטאָן עלעגאַנט לויט דער לעצטער מאָדע. אירע האָר זײַנען גאָלדפאַרביקע. די זאַכן שטייען שוין אַף די שטולן, אַפּן דיל, אַפּן דיוואַן. מע קושט זיך. ראָזי שטייט אַ ביסל אין אַ זײַט, וואַרט אַף איר ריי. כאַנע באַטראַכט איר טאָכטער.

כ אַ נ ע. האָסט זיך שטאַרק געענדערט, מירעלע! (ווישט אויס אַ טרער). אײַנגאַנצן ווײַסע האָר. ווי קומען צו דיר פלוצעם ווײַסע האָר?

מ ע ר י. עס פּאַסט מיר דען ניט?

כ אַ נ ע. דעם עמעס גערעדט זײַנען מיר יענע מער געפעלן געווען.

מ י י ע ר. הער זיי ניט, מירע, וואָס פאַרשטייען זיי? איך ווייס שוין דרײַ יאָר, אַז דו ביסט געוואָרן אַ גאָלדענע.

ר אַ כ מ י ע ל. דו וואָלסט אַמאָל געקאָנט אָנשרײַבן, מאַריאַם, אַניט האָב איך שוין אָנ־געהויבן טראַכטן, אַז איך האָב נאָר איין טאָכטער. איך האָב שוין אָנגעהויבן צו פאַרגעסן, וויאַזוי דו זעסט אויס. ס'איז נאָך גוט, וואָס ראָזי קלײַבט צונויף דײַנע אויסשניטן פון דער פרעסע.

מ ע ר י (פרײלעך). ראָזי, קלײַבסטו, הייסט עס, צונויף די אויסשניטן? און איך האָב זיי קיינמאָל ניט. איר ווייסט, איך באַצי זיך גאַנץ גלײַכגילטיק צו דעם, וואָס איך האָב געטאָן נעכטן. נאָר ס'איז פונדעסטוועגן גוט, וואָס דו טוסט עס, ראָזי.

מ י י ע ר. טוט נאָר אַ קוק אויף איר! טראָגט זיך אַרום, ווי אַ ווינט. איצט איז ער צוזאַ־מען מיט איר אַרײַנגעפלויגן אַהער. איז זאָל זײַן שאַבעס!

מ ע ר י. דו ביסט, זיידע, געבליבן אַזאַ ווי געווען. ווייסט וואָס איך האָב דיר געבראַכט? (מערי לויפט צום טשעמאָדאַן, עפנט אים און נעמט אַרויס אַ ווײַס פלעשל רוסישן בראָנפן, דערלאַנגט עס דעם זיידן).

מ י י ע ר. אַ דאַנק, מירע. טו נאָר אַ קוק, עמעסער רוסישער בראָנפן! נאָר מיט עפּעס אַ מאָדנעם אויפשריפט „גלאַווליקיאָרוואָדקאַ", „נאַרקאָמפּישטשעפּראָם". בראָנפן מיט אַזאַ לאַנגן נאָמען קאָן ניט זײַן ערגער פון „סמירנאָווקע". אַך, איז דאָס געווען אַ סמירנאָווקע! איך גע־דענק נאָך גוט.

מ ע ר י. און אָט דאָס. (נעמט אַרויס אַ גרויסן און אַ דיקן אַלבאָם, גיט אים אַף דעם זיידן).

מייער (צעטעפּנט אים פּאַרזיכטיק און לייגנט אַף א קאָל). „דעם ליבן כאַווער מייער לוריע פון מיכאַעלסן״. מיר — מיכאַעלס? אַט יענער?

מערי. אַט יענער, דיר.

מייער. פאַרוואָס מיר? אַט דעם ווונדערלעכן אַלבאָם וועגן טעאַטער?

מערי. דערפאַר ווײַל ער האָט דיך ליב באַקומען.

מייער. פאַרוואָס? (ער איז צעטומלט).

מערי. דערפאַר ווײַל איך האָב אים דערציילט וועגן דיר. (דער אַלטער נעמט אַרום דאָס איינִיקל).

מייער. מייער לוריעס איינִיקל — טוט נאָר, איך בעט אײַך, א קוק אַף איר!

מערי. און דאָס איז דיר (זאָגט זי דעם טאַטן און דערלאַנגט אים טעלעכע פּעקלעך רוסישע פּאַפּיראָסן). עכטע סאָוועטישע פּאַפּיראָסן! איך ווייס דאָך, וואָס באַטײַט בא דיר א גוט פּעקל פּאַפּיראָסן, ווען דו ביסט באַנאַכט אַף דיזשורסטווע.

ראַכמיעל. דו געדענקסט?! קיין איין בריוו פאַר א גאַנץ יאָר.

מייער. וואָס טשעפּעט איר זיך צו איר, ראַכמיעל? ווען זי איז נאָך געווען א פּיצל, האָט זי שוין דעמלט שלעכט געשריבן, איז וואָס זשע ווילט איר איצט... איצט האָט זי אינ־גאַנצן פאַרגעסן, וויאַזוי מע שרייבט.

מערי (לאַכט). עמעס, אין דעם גייט עס טאַקע. אין געדאַנק האָב איך אײַך יעדן טאָג געשריבן בריוו, נאָר צוגיין צום טיש, נעמען א פּען, זי אײַנטונקען אין טינט און זי פירן איבערן פּאַפּיר — דאָס איז ניט פאַר מײַנע קויכעס.

מייער. נו, געגנוג. דעם, וואָס איז זיך מודיע, דעם דאַרף מען מוחל זײַן די זינד.

מערי (נעמט אַרויס פון טשעמאָדאַן דרײַ גרויסע „מאַטריאָשקעס״ אין בונטע פּאַטשיי־לעס). אַט דאָס איז דיר, מאַמע, א מאַטאָנע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג. איך וויל, אַז בא דיר זאָל דעם גאַנצן שאַבעס זײַן הייסע טיי.

כאַנע (באַטראַכט די „מאַטריאָשקעס״). וואָס זיי טראַכטן דאָרט אויס!

ראָזי. דו ביסט געווען אַף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג? דאָס דאַרף זײַן זייער אינטערעסאַנט.

מערי. ניט נאָר געווען דאָרט. נאָר אַרויסגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג. אַט דאָס איז דיר. (נעמט אַרויס פון טשעמאָדאַן צעוויקלט א גרויסן פּלאַקאַט. דאָרט איז אָנגעמאָלט די באַנאַכטיקע מאָסקווע, די עמבלעם פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג, פײַערן פון די פּאַוויליאָנען. מיט גרויסע אויסיִעס איז אָנגעשריבן: „מערי ביג״ און א דינער סילועט פון דער טאַנצנדיקער מערי). הונדערטער אַזעלכע פּלאַקאַטן זײַנען צעהאַנגען געווען איבער גאַנץ מאָסקווע. דאָס איז דער אָריגינאַל. א מאַטאָנע פונעם קינסטלער.

ראָזי. דאָס איז טאַקע אַן עמעסע מאַטאָנע, מערי! דו האָסט א גוטן געשמאַק. א דאַנק. מישפּעטנדיק לויט די רעצענזיעס, האָט מען דיך דאָרט גוט אויפגענומען. מיר זײַנען שטענדיק געפעלן געווען דײַנע לידער, נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געקלערט, אַז זיי וועלן האָבן אַזא דערפאָלג אין מאָסקווע.

אומבאַמערקט קומט אַרײַן פראַנץ און בלײַבט שטיין בא דער טיר פון דער אַפּטייק.

מערי. וואָס ווייסטו וועגן מאָסקווע?! אַף דער אויסשטעלונג האָבן מיך געהערט טויזנ־טער מענטשן. איינמאָל האָט א גרופּע רײַטער, ניט אַראָפּקריכנדיק פון די פערד, אויסגעהערט אונדזער קאָנצערט. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זײַנען געווען טאַדזשיקן. דו האָסט געהערט וועגן אַזא פּאָלק, ראָזי? איך האָב געזונגען פאַר זיי מײַנע לידער, און געטאַנצט פאַר זיי, נאָר מיר איז געווען א בושע פאַר די לידער און פאַר די טענץ. דערנאָך האָב איך צונויפ־געזאַמלט אַנדערע לידער, און ס'האָט זיך באַקומען ניט שלעכט. מ'האָט מיך נאָך מער ליב באַקומען, מ'האָט מיך אַפילע געטראָגן אַף די הענט. קימאַט ווי אין ניו־יאָרק. נאָר דאָ איז דאָס מיר א סאַך מער געפעלן געוואָרן. אין ניו־יאָרק איז אַפילע די באַגײַסטערונג געווען א מין „ביזנעס״, און דאָ האָט אַפילע דער ביזנעס גופע מיר זיך געמאָלט, ווי באַגײַסטערונג. וואָס קוקסטו אַזוי אַף מיר, פראַנץ?

פראַנץ. איך האָב אײַך אַזוי לאַנג ניט געזען, מערי, אַז איר האָט זיך מיר אויסגע־מאָלט אײַנגאַנצן אַן אַנדערע. אַנטשולדיקט מיר, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איר...

מערי. וויאַזוי זשע האָב איך דיר זיך פאָרגעשטעלט, פראַנץ?

פראַנץ. אַנטשולדיקט מיר, איר האָט זיך אַזוי ווייניק געענדערט, ניט געקוקט אַף די גאָלדענע האָר, און דאָס איז דאָס סאַמע ווונדערלעכע פון דעם, וואָס איז געשען.

מ ע ר י (צעלאכט זיך, דערנאָך טוט זי מיט ערנסט א קוק אף אים). און דו האָסט זיך געענדערט, פראנץ. דו ביסט געוואָרן א דערוואקסענער באָכער. נו, און ווי לעבן אײַערע, פראנץ? דער הער גוסטאוו, פראו מארטע, פערדינאנד?

פ ר א נ ץ. פערדינאנד איז שוין פון לאנג אין בערלין אפן כימישן פאקולטעט, פרײַלין מערי.

מ ע ר י. נו, און דו, דו ביסט די גאנצע צײַט דאָ?

פ ר א נ ץ. יאָ, דאָ.

מ ע ר י. דו האָסט נאָך אלץ ליב מוזיק, פראנץ? וואָס מאכט אונדזער קרײַז, וואָס מאכט אונדזער אלטער, גוטער פאלעציס? און מינע? זי האָט נאָך אלץ ניט כאסענע געהאט, אָדער...

פ ר א נ ץ. איין מינוט, פרײַלין מערי, אנטשולדיקט, איין מינוט.

ער עפנט די טיר פון דער אפטייק. עס קומט ארײַן א גרײַזער מענטש, וואָס שפּארט זיך אָן אף א שטעקן, דאָס איז פאלעציס. אין דער האנט האלט ער א פלייטע. מיט אים איז זײַן טאָכטער מינע פאלעציס. זי איז זייער ענלעך אפן פאָטער. ביידע זײַנען זיי גרויסע, פונקט ווי מע וואָלט זיי אויסגעטעסעט מיט א האק. זיי זײַנען א ביסל מעגושעמדיק און שטארק פאַרזיכטיק. מינע האלט אין די הענט אן אקאָרדעאָן. דער לעצטער קומט ארײַן יורגיס לאַצארוס. ער האלט אין דער האנט א פידל. ער איז הויך און דאר, אין א לאנגן סערדעט מיט עטוואָס קורצע ארבל.

מ ע ר י. טײַערע מײַנע! (זי נעמט ארום פאלעציסן). מיר ווײַזט זיך אויס, אז איך בין קיינמאָל ניט אוועקגעפאָרן פונדאנען.

פ א ל ע צ י ס. און דו ביסט געוואָרן א גרויסע, מײַן קליינינקע שטיפערקע. ווען דו ביסט אוועקגעפאָרן, האָסטו ניט געזאָגט, אז מירן דיך אזוי לאנג ניט זען, מערי.

מ ע ר י. איך האָב אליין עס ניט געוווסט, פעטער יאָן. און איר זײַט יינגער געוואָרן און זעט אויס גלענצנדיק, דאָס באטײַט, געוויס, אז אײַערע איניאָנים גייען גוט. וועלכע אינסטרומענטן מאכט איר איצט — סאקסאָפאָנען?

פ א ל ע צ י ס. ניין. איך זעץ פאָר מאכן מײַנע אלטע, נארישע פלייטעס, נאָר מע קויפט זיי אלץ מערער און מערער. מע האָט זיי אפילע געפירט קיין מאָסקווע. מעגלעך, אז איך אליין וועל אהין צופאָרן.

מ י נ ע. מערי, מיר האָבן צוגעגרייט פאר דיר א מוזיקאלע באגעגעניש, און ס'איז צײַט אָנצוהייבן. די מוזיק האָט פארפאסט פראנץ און די ווערטער יורגיס.

מ ע ר י. יורגיסעס ווערטער? זייער אינטערעסאנט. וואָס קען עס אָנשרײַבן א לערער פון געאָלאָגיע פאר א יונג מיידל, וואָס מאכט דורך א מארשרוט פון ניו-יאָרק ביז מאָסקווע? מינאסטאם הונדערט קופלעטן פאָליטישע נײַס.

ל א צ א ר ו ס (שמייכלט). ניין, דאָס איז א קאנטאטע וועגן א פריילעך שוועלבעלע, וואָס האָט זיך געזעצט אפן פליגל פון אן עראָפּלאַן און אוועקגעפליגן מיט אים... דאָס שוועלבעלע איז געווען דרייסטער פון די כאווערטעס.

מ ע ר י. דאָס איז געוויס א סאטירע, יורגיס.

ל א צ א ר ו ס. איך ווייס ניט. איך האָב ניט באוויזן פעסטצושטעלן דעם זשאנער פון מײַן ווערק, כאָטש מיר וואַרטן שוין זייער לאנג אף אײַך.

פ ר א נ ץ. מירן אָנהייבן. (נעמט דיריזשירן. דער אקאָרדעאָן און די פלייטע שפּילן).

ל א צ א ר ו ס (זינגט). די נעסט פארלאָזט,
דאָס שוועלבעלע פארשוווּנדן...

א שארפער קלונג אין דער טיר רײַסט איבער דאָס געזאנג. ראָזי גייט עפענען. אף דער בינע איז א פאוזע. עס קומט ראשיק ארײַן גוסטאוו גאנצקע און סוזי מילער. גוסטאוו איז שיקערלעך. ער איז הויך, פעסט געבויט, מיט א גרויסן שווערן קאָפּ. סוזי — א רויטע, ענערגישע, א פלינקע.

ג ו ס ט א ו ו (פארנייגט זיך פאר אלעמען). נו, אָט. סאָפקאָלסאָף. מע האָט זיך אף אײַך ניט געקאָנט דערוואַרטן, פרײַלין מערי! איך באגריס די שכיינים! איך זע, ווי איר זײַט אלע גליקלעך! (צו פראנצן שטרענג). פראנץ, וואָס קוקסטו אף מיר מיט אזעלכע מעשוגענע אויגן? יאָ, דאָס איז סוזי, מײַן פרײַנט סוזי... באקענט זיך, מערי.

ס ו ז י. סוזי מילער. איך האָב געבעטן אים מיך מיטנעמען. איך בין באגײַסטערט פון אײַך, פרײַלין מערי. מערי ביג! מיר אלע פארגעטערן אײַך. איך האָב פלאטן פון אלע אײַערע לידער. איך האָב קיינמאָל ניט געזען אײַך, מערי ביג.

ג ו ס ט א ו ו. זי האָט מיר פארדולט דעם קאָפּ: ביג, ביג! עמעס, איר זײַט ניט ברויגעז?

ר א כ מ י ע ל. מיר קענען אײַך ניט איין יאָר, הער גאַנצקע.

מ ע ר י. וואָס רעדט איר, הער גאַנצקע. איר זײַט דאָך געווען אונדזערער א פרײַנט. איך געדענק, אז נאָך קליינערהייט האָב איך שטאַרק מוירע געהאַט פאַר אײַערע קאַפּקאַנעס, מײַזנ־שטײַגלעך, קלעמען. איך בין זייער צופרידן אײַך צו זען. איך בין זייער צופרידן, וואָס די פרײַלן...

ג ו ס ט א ו ו. פרײַלן סוזי, סוזי... (צו מערין). איר זײַט א מאַלעך, פרײַלן. (ווײַזט מיט א פינגער אף פראַנצן). ער קאָן ניט אָנקוקן סוזין.

ס ו ז י. איר נערווירט צו פיל. מע דאַרף ניט נערווירן, גוסטאַוו. פראַנץ וועט דעמלט ניט קוקן אף אונדז אזוי בייז.

ג ו ס ט א ו ו. איר זײַט מײַן פרײַנט, סוזי! און צו מײַנע פרײַנט קום איך מיט מײַן פרײַנט!

פ ר א נ ץ (האַלט קוים אײַן די אופּרודערונג). ער איז שיקער. איר זעט, ער איז שיקער! שרעקלעך שיקער. ער איז שוין פיל יאָרן שיקער! דאָס איז זי שולדיק, נאָר זי... זי האָט אים אָפּגעריסן פון דער היים, פון מײַן מוטער. פאַרוואָס איז זי געקומען אַהער, אָט די סוזי? באַנאַכט, אין א פרעמד הויז, פאַרוואָס?..

ס ו ז י. גוסטאַוו, פאַטשט אים אויס די באַקן, אײַער הינטל!

מ ע ר י. באַרויִקט זיך!

ר א כ מ י ע ל. איר ווילט פאַרשטערן אָט די נאַכט, גאַנצקע? פראַנץ איז אונדזער גאַסט און מירן ניט לאָזן אים באַליידיקן בא אונדז אין הויז.

ג ו ס ט א ו ו. ווער האָט זיי געבראַכט צו אײַך, הער ביגמאַן, סײַ פערדינאַנדן, סײַ פראַנצן, ניט איך? זאָל זײַן, אז איך פאַרנעם זיך מיט אָפּסאַמען מײַן, נאָר פערדינאַנד וועט זײַן דאָס שײַנדל פון דער דײַטשישער ווויסנשאַפט, און פראַנץ גלאָצט אף מיר די אויגן און רויטלט זיך. אידיאָט!

ראכמיעל גייט אין אפטייק.

מיר האָבן זיך ניט געקליבן צעשטערן אײַך דעם אָוונט. סוזי מאַכט קווייטן, ווונדערלעכע בלימעלעך פון גומי, האָט זי באַשלאָסן...

ס ו ז י. יאָ, יאָ. איך האָב אײַך הײַנט געוואָלט זאָגן, הײַנט, אין טאָג פון אײַער קומען, אז מײַנע שענסטע בלומען צו אײַערע קליידער האָב איך אָנגערופן „פיאַלקע ביג". איך וויל, אז אַלע זאָלן וויסן וועגן מײַנע בלומען, און איר וועט מיר העלפן. איצט זײַט איר אָנגעטאָן אין אָט דעם אומעטיקן רײַזע־קלייד, נאָר איך בין באַקענט מיט אײַערע טואַלעטן, און איך ווייס, וויאַזוי עס וועלן זיי באַשיינען מײַנע פיאַלקעס. איר וועט די ערשטע זיי צושפּיליען, מערי, דערנאָך וועלן זיי אַלע קויפן.

מ י י ע ר. צום טיש, צום טיש, מײַנע הערן!

ס ו ז י. דו זעסט, איך האָב דיר געזאָגט, גוסטאַוו. אַלץ וועט זײַן זייער גוט, איך האָב דיר געזאָגט. דערלויבט מיר אײַך א קוש טאָן, מערי. איך האָב זיך מײַנס דערשלאָגן, אָט זעט איר, איך נעם אַרום די ערשטע אין אונדזער שטאָט מערי ביג.

ג ו ס ט א ו ו (פילאָסאָפירנדיק). ייִדן! מע קאָן זיי קיינמאָל ניט פאַרשטיין! גלײַך ווי דער הער ביגמאַן וואָלט מיך גאָרניט אַרויסגעטריבן פון זײַן שטוב, גלײַך ווי פראַנץ וואָלט זיך גאָרניט באַהאַלטן הינטער זײַן סטויקע! איר געדענקט, ווי איך האָב אַמאָל צעבראָכן אײַער אַפּטייקער וואַגשאָל. איר האָט שוין פאַרגעסן, אז מײַן ווײַב האָט זיך צו אײַך געווענדט מיט אַן אָנקלאָגע אף מיר, מײַנע הערן? און איצט האָבן זיי אין אַלץ פאַרגעסן און דערמאָנען מיר גאָרניט!

ר א ז י. וויאַזוי קאָנט איר עס אַזוי געדולדיק אויסהערן די פּלאַפּלערײַ פון א שיקער. נעכטן האָט ער געשריגן אף דער גאַס, אז ער וועט אַרויסלאָזן אַלע שטשורעס פון דער שטאָט קעגן אונדז אין נאָמען פונעם גרויסן דײַטשלאַנד, אז אונדזער לאַנד שטיקט די דײַטשן. איר האָט דאָס געזאָגט, גאַנצקע? און איצט זײַט איר געקומען א שיקערער און מאַכט סקאַנדאַלן.

ס ו ז י (סענטימענטאַל און זינגעוודיק). זײַט ניט ברויגעז אף אים. ער האָט א גוט האַרץ. איך ווייס, אז ער האָט א גוט האַרץ. עמעס, הער פּאַלעציס?

פ א ל ע צ י ס. די לעצטע צײַט זע איך אַזוי זעלטן דעם הער גאַנצקע, אז איך ווייס שוין ניט, אין וואָס פאַר א צושטאַנד זײַן האַרץ איז, פרײַלן סוזי.

ל א צ א ר ו ס. איך האָב מוירע, אז דאָס זײַנען בא אונדז צו גוטע הערצער, און דער הער גאַנצקע נוצט עס אויס, און איבער דער ראַטושע פלאַטערט שוין פון לאַנג דער סאָוועטישער פלאַג.

מייער. ווידער שפּאַרעניש, פּאָליטיק. היינט אַפילו אויך פּאָליטיק. און היינט איז דאָך אַ יאָמטעוו, איר פאַרשטייט, היינט איז אַ פרייער טאָג. האַקלאַל, צום טיש! באַם טיש איז פּוסט... אין מאָגן איז פּוסט... צום טיש, צום טיש!

אַלע לאָזן זיך צום טיש, מע נעמט זיך אויסזעצן. פּלוצעם אַ שרעקלעכער אופּרייס, וואָס טרייסלט אויף די בינע. אַ ווילדער אויסגעשריי. עס ווערט פאַרלאָשן די שיין, אַף דער בינע איז שטאָק־פינצטער. אין דער פינצטערניש — אופּרייסן. הינטער די פענצטער אַ געהויל, בלענדנדיקע פייערן. אַ גערויש פון אעראָפּלאַנען. נאָך איין אופּרייס. אַ בלענדנדיקע שיין אַף אַ וויל. אין דער פינצטערניש אַ קרעכצעריי. עמעצער צינדט אָן מיט ציטערדיקע הענט אַ ליכט. די ווענט זיינען צעבעריקט. די סטעליע אַראָפּגעפאַלן. דער טיש איבערגעקערט.

כאַנע (מיט אַן אָנגעצונדענער ליכט). וואָס קומט פאָר?! קינדער מיינע... ווו זייט איר, מיינע ליבע! וואָס שווייגט איר? ווו זייט איר, קינדער מיינע?

מערי (פליַיסט זיך אופהייבן פונעם דיל, נאָר עס קלעקט איר ניט קיין קויעך. ציגל און ברוכשטיקער האָבן זי פאַרוואַלגערט). איך קאָן ניט אופשטיין... דער פוס... מאַמע, העלף מיר! וואָס איז פאָרגעקומען, מאַמע?

פון פאַרשיידענע זייטן קלייבן זיך אַלע צונויף אַרום דער ליכט, עס שפּרינגען מעגושעמדיקע שאָטנס.

מייער. וואָס זאָל דאָס באַטייטן? אַ דאַנק דעם אייבערשטן, וואָס מ'איז געבליבן לעבן.

כאַנע. אַלץ איז צערוינירט געוואָרן. איינע כורוועס. מערי, האַלט נאָר די ליכט, מע דאַרף דיך דאָך איבערבונדן.

סוזי (היסטעריש). גוסטאַוו, וואָס איז דאָ געוועזן? וואָס פינטלסטו מיט די אויגן און שווייגסט? דו ביסט פאַרווונדעט, גוסטאַוו?!

גוסטאַוו (טאַפּט דעם קאָפּ). יאָ, בלוט... אינדערעמעסן פאַרווונדעט.

מינע. מערי, לאָז, וועל איך דיר העלפן.

פּאַלעציס (טרייסלט אַף דעם שטויב). די אינסטרומענטן זיינען גאַנץ?

יורגיס. דערווייל זיינען זיי נאָך גאַנץ, פּעטער יאַן. נאָר אָט דאָ האָט אַ פלעקל זיך צעשפּאַלטן.

פראַנץ. מערי, אָט איז וואַסער. וואָס איז מיט אייער פוס, מערי?

כאַנע (קערט זיך אום מיט אַ ליכט אין די הענט). אַ־אַ־אַ! ראַכמיעלי! מיין ראַכמיעלי! אוי־אוי־אוי!.. קינדער מיינע, עס האָט אים אַ זעץ געטאָן אין שלייף דער קאַרניז, וואָס האָט זיך אַראָפּגעריסן. ראַכמיעלי! העלפט מיר אים אַריבערטראָגן. עס האָט אים אינגאַנצן פאַרוואַלגערט אין אָט דער אַפּטייק. ער האָט פאַרלוירן עפּשער אַ פוד בלוט. ער איז שוין איצט טויט.

(זי גייט אַוועק צוריק אין דער אַפּטייק).

אַ שאַרפער קלונג אין פאָדערהויז. פראַנץ איז אַוועק עפענען די טיר. אַלע וואַרטן דערשטוינט און אומרויק. פראַנץ קערט זיך אום.

פראַנץ. קיינער איז ניטאָ. מאָדנע. די גאַנצע שטאָט איז אין פלאַמען. ווער האָט עס געקאָנט זיין?!

אומגעריכט דערהערט זיך אַ צווייטער קלונג. פראַנץ וואַרפט זיך צום פאָדערהויז. ער קערט זיך אום, האַלטנדיק אונטער דער האַנט העניכן, וואָס שטייט קוים אַף די פיס. העניך רעדט קוים. מיט איין האַנט ווישט ער דאָס פּאָנעם, אין דער צווייטער האַלט ער אַ בוקעט מיט בלומען.

העניך (זוכט מיט די אויגן מערין). אָט ווו דו ביסט. איך האָב געהערט, אַז דו קומסט צו פאָרן. (צו פראַנצן). איר האָט מיך ניט באַמערקט. איך בין געלעגן. ווייזט אויס, אַ קלייניקע קאָנטוזיע. (צו מערין). איך האָב געוואָלט דיר איבערגעבן... אָט... פריער האָב איך ניט געקענט, זיך פאַרהאַלטן אין טיפּאָגראַפיע...

מערי. אַ דאַנק, העניך.

העניך. אַ מילכאָמע, יורגיס.

יורגיס. יאָ, אַ מילכאָמע.

עס קלינגט דער טעלעפאָן. צום טעלעפאָן לויפט צו פראַנץ.

פראַנץ. יאָ! די קוואַרטיר פון די ביגמאַנס. פיאָדאָר איוואַנאָוויטש? ניין, ניט אַלץ איז אין אָרדענונג. דער הער ראַכמיעל ביגמאַן. יאָ. דייטשן? איר זאָגט, אַז עס קאָן זיך איבערכאַזערן? יאָ, יאָ, באַלד... יאָ, יאָ... פאַרשטייט זיך, אַז העניך און יורגיס... ער קאָן ניט צוגיין.

העניך (פראַנצן). דערלאַנגט דאָס טרייבל. (פראַנץ דערלאַנגט אים דאָס טרייבל, וואָס ציט זיך אַף אַ לאַנגן שנור). יאָ, פעדיאַ, מאָמענטאַל... קלייניקייטן. ווייזט אויס, אַז ס'האָט מיך

אָפּגעוואָרפן די לופט. איך בין גאַנץ, גאַנץ... ניט שרעקלעך, כ'וועל זיך דערשלעפּן. און עק־סטרע נומער... איך פאַרשטיי.

לאַצאַרוס (נעמט בא הענעכן דאָס טרײַבל). דאָס בין איך, פּיאָדאָר, יורגיס. יאָ... איך וועל קומען... פאַרשטייט זיך, אַז איך קאָן... איך שיס פּערפעקט. די היגע ערטער? יאָ, די ערטער זײַנען מיר גוט באַקאַנט. איך גיי... קלאָר. אהא. ראָזי, מע רופט אײַך צום טעלעפאָן. (קיינער ענטפערט ניט). ראָזי!! (יורגיס שרײַט אַף א קאָל. קיינער ענטפערט ניט).

מייער (דערשראָקן). ראָזי! וואַרט א רעגעלע, באַלד... ראָזי! ראָזי! (זוכט מיט א ליכט אין דער האַנט. ראָזי ליגט באַם פענצטער א טויטע. אין אירע הענט איז די מאַסקוועער אפּישע).

דאָס צווייטע בילד

אין קעלער פון ביגמאַנס הויז. און אַפּטייק־קעלער. זײַטיקע טרעפּ פירן צו דער טיר. קעסטלעך, טיוקעס. און דערנעבן דאָס רעשט פון די שטוב־זאַכן, וואָס מ'האָט אַראָפּגעטראָגן אַהער: פאָטעלן, טשעמאָדאַנעס, א סאַמעטענע קאָלדרע, בילדער, א זייגער.

אין א זײַט, אַף א צעבראָכן בענקל, זיצט פּאַלעצקיס, באַנאַנד — מינע. עטלעכע פּליטעס שטייען לעבן זיי. זיי קלעפּן קלאַפּאַנעס אַף די פּליטעס און פּרוּוון דעם טאָן... מינע אַרבעט ניט, זי קוקט אַנגעשטרענגט אַף מערין.

אַף א קאַסטן ליגט מערי. באַנאַנד מיט איר — מאַרטא גאַנצקע. עס ברענען צוויי קאַר־נעצלעך און א נאַכט־לעמפּל.

מאַרטא. רויִקער, ליבע פרײַלין. אָט אַזוי. באַלד וועט זײַן אינגאַנצן גוט. (פּאַרענדיקט באַנדאַזשירן דעם פוס). נעמט זיך אָן מיט געדולד נאָך א קאַפּעטשקע.

מערי. א דאַנק, פראַו מאַרטא. (הינטער דער בינע א ווײַטער אופרײַס). ווידער! שוין פיר טעג נאָכאַנאַנד... א געוועם! דער קאָפּ איז ווי א שטיין. ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען.

מאַרטא. פאַרלירט ניט די מוט, פרײַלין מערי. אַלץ איז בא גאָט אין די הענט, און ניט מיר קאָנען מישפּעטן זײַנע גענג.

מערי (מיט א קרעכץ). יאָ, יאָ, אוודאי... גיט מיר א פּראָשעק צו קאָפּווייטעק. איך בעט אײַך. אין דעם דאָזיקן אַפּטייק־קעלער מוזן דאָך זײַן פּראָשקעס.

מאַרטא. נאָר איך קאָן זיך ניט פאַנאַנדערקלײַבן אין אָט די אַלע קעסטלעך, פּאַקעטן און...

מערי. העלפט מיר אופשטיין.

מאַרטא. איר טאָרט ניט, בא אײַך איז א הויכע טעמפּעראַטור. איך וועל בעטן יאַנען אָדער מינען.

מערי. ניין, ניין, זיי וועלן אַלציינס זיך ניט פאַנאַנדערקלײַבן. כ'וועל אַליין. העלפט מיר. (מאַרטא העלפט איר. מערי הייבט זיך קוים אוף). אָט אַזוי. א דאַנק... אײַ!

מאַרטא. איר זעט, ווי עס טוט אײַך ווי. איר קאָנט נאָך מאַכן ערגער, מערי.

מערי. ניין, ס'איז ניט שרעקלעך. (גייט צו א קעסטל. לייענט די עטיקעטקע). אָט דאָס. לײַכט מיר צו, ביטע. וואַסער! (מאַרטא גיסט אָן אין א טשאַשקע וואַסער. מערי נעמט אײַן א פּראָשעק). פאַרוואָס זײַנען זיי אַזוי לאַנג ניטאָ? איך וויל, אַז מיר זאָלן הײַנט נאָך אוועקפאָרן. אומבאַדינגט הײַנט. איך ווייס — מער טאָר מען ניט פאַרלירן קיין מינוט.

מאַרטא. וווּהין וועט איר פאָרן, פרײַלין? אײַך וועט קיין קויעך ניט קלעקן צוגיין צו דער טיר. פאַרלאָזט זיך אַף אייבערשטן, ער וועט אײַך העלפן אין א נויט.

מערי. זאָגט עס ניט, פראַו מאַרטא. איך ווייס, אַז איר זײַט אַן אָרנטלעכע קריסטן, נאָר איך קלער, אַז דער אייבערשטער האָט איצט צופיל דײַגעס... פראַו מאַרטא, פּעטער יאַן, איך בעט אײַך, רעדט אײַן מײַן מאַמע, העלפט אונדז זיך צוגרייטן. איר דאַרפט פאַרשטיין, וואָס עס דערוואַרט אונדז...

מאַרטא. און מיר האָט פראַנץ געזאָגט, אַז אַלע טרײַבן איבער. ער זאָגט, אַז דײַטשן זײַנען שטענדיק דײַטשן. און איר ווייסט דאָך, אַז ער איז בא מיר א וווּיל ייִנגל, מערי, איך גלייב אים.

פּאַלעצקיס. יאָ, יאָ, איך גלייב אים אויך, פראַו מערי. נאָר אָט איז אַלץ, וואָס איז גע־בליבן נאָך דער באָמבירונג פון מײַן וואַרשטאַט. (ווײַזט אַף דעם צעבראָכענעם בענקל און אַף די פּליטעס).

מאַרטא. ס'איז א מילכאָמע. וואָס קאָן מען טאָן, הער פּאַלעצקיס?

פּאַלעצקיס. יאָ, יאָ, יאָ. מעגלעך, אַז איר זײַט גערעכט, פראַו מאַרטא. און דאָך קומען פאַר פאַרשיידענע מילכאָמעס. דאָס מאָל וועל איך זאָגן מערין... זי האָט דאָ ניט צוליב וואָס צו בלײַבן.

מערי מאַכט א שפּאַן צום קאַסטן און טוט ווידער א געשריי פון ווייטעק.

מ א ר ט א. איר זעט, ווי קאָן זי עס ערגעץ פאָרן. איר זײַט א שטיין, הער פאַלעציס. איר ווילט גאָרנישט ניט זען און ניט הערן. אפילע איצטער זיצט איר און מײַסטרעוועט אײַערע פלייטעס, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פאָרגעקומען. ווער דאַרף זיי האָבן.

פ א ל ע צ י ס. די באַשטעלער, פראו מארטא. אדרעסבע, הערט אַקאַרשט, סארא רייַנער טאָן עס באַקומט זיך. אלץ וועט פארבײַ און איך וועל זיי אָפּגעבן. ווונדערלעכע פלייטעס!

מ א ר ט א. טפו! איר קאָנט ארויסברענגען פון די קיילים גאָט אליין. ווו, ווו זײַנען זיי, אײַערע באַשטעלער?!

פ א ל ע צ י ס. זיי וועלן זיך יאַוען, ווען ס׳וועט קומען די צײַט.

מ י נ ע. זיי וועלן זיך יאוען, ווען ס׳וועט קומען די צײַט, פראו מארטא.

מ א ר ט א. פארוואָס זשע טרײַבט איר מערין?

פ א ל ע צ י ס. ניט מיר טרײַבן זי. ניין, ניט מיר. נאָר איר האָט ריכטיק געזאָגט, פראו מארטא, יאָ־יאָ, מע טרײַבט זי, און מיר טאָרן ניט פארמאכן די אויגן.

מ ע ר י (פיבערדיק). נאָר איין טשעמאָדאַן, יעדערן צו איין טשעמאָדאַן. אזוי האָט גע־זאָגט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש. אין אָוונט פאָרן מיר ארויס. וויפל איז איצט דער זייגער? ס׳איז נאָך טאָג, צי שוין אָוונט? אלץ האָט זיך איבערגעמישט. (א שטאַרקער אופרײַס הינטער דער בינע. די טיר פונעם קעלער צעעפנט זיך. עס לויפט ארײַן סוזי א נאַסע פון רעגן, פארמאכט הינטער זיך די טיר און לאָזט זיך אראָפּ מיט די טרעפּ).

ס ו ז י. איך קאָן ניט ריידן. האַלט מיך בא די הענט. זיי שפּרינגען אזש פון שוידער. פראו מארטא, האַלט מיר די הענט. די פיס ברעכן זיך אונטער. איך בין געלאָפן איבערן געסל. די שטאָט ברענט, און דער רעגן קאָן ניט לעשן דאָס פײַער. די גאסן זײַנען פארשאָטן מיט שטיינער. מיר איז שרעקלעך!

מ א ר ט א. און ווו איז גוסטאַוו? איר זײַט דאָך געווען מיט אים. ווו האָט איר אים געלאָזט?

ס ו ז י. איך האָב געבאַלעשט פאר אים, פראו מארטא, ער זאָל גיין מיט מיר, נאָר ער זיצט אין בירהאַלע, איר ווייסט, אין אָט יענער, וואָס לעבן טורעם, אין א טיפן קעלער. דאָרט איז ניט געפערלעך, פראו מארטא. נאָר איך בין אנטלאָפן פון דאָרטן. דאָרט איז שרעקלעכער, ווי אף דער גאַס. ווען ס׳איז א מינוט שטיל געוואָרן, בין איך אנטלאָפן. זיי שרײַען וועגן בלוט. זיי ווילן פארניכטן די גאַנצע וועלט! די סלאַוויאַנער, די יידן, די ליטווינער. און דער לעקיש גוסטאַוו, פארצײַעט מיר, פראו מארטא, איז מיט זיי.

מ א ר ט א (רויק און שטרענג). מײַן מאַן איז שטענדיק דאָרטן, ווו עס נעמען זיך צונויף שטשורעס.

ס ו ז י. איך בין געקומען אײַך וואָרענען. גוסטאַוו שרײַט העכער פון אלעמען: א טויט די, וואָס באַהאַלטן איס יידן, וועט עס כאַווערט זיך מיט זיי! ער קלײַבט זיך קומען אהער.

פ א ל ע צ י ס (אײַלנדיק). און די פראו מארטא רעדט איר אײַן, זי זאָל בלײַבן דאָ.

מ ע ר י. אָט זעט איר. קומט גיכער אהער! א דאַנק, סוזי.

ס ו ז י. אזוי, האָט זיך טאַקע גאָרנישט ניט באַקומען מיט אונדזערע „פּיאַלקעס ביג"... נאָר אלציינס...

מ ע ר י (קלײַבט פיבערדיק צונויף די זאַכן, גיט זיי איבער סוזין—קליידער, זאָקן, רעגנמאַנטלען, הענטשקעס). אָט, אָט, נעמט, נעמט, זאָל דאָס זײַן אן אָנדענק. און דאָס, און דאָס, און דאָס. פארגעסט מיך ניט, סוזי... (וויל איר איבערגעבן א שוואַרץ לופטיק קלייד. פאַרהאַלט זיך). ניין, דאָס וועל איך ניט געבן. דאָס זאָל זײַן מיט מיר. אין דעם קלייד בין איך ארויסגעטראָטן אין פאריזש דאָס ערשטע מאָל.

עס עפנט זיך די טיר. עס קומען ארײַן פראַנץ, כאַנע, מייער.

פ ר א נ ץ (צו מארטען). פאַרזיכטיק, דאָ איז שטאָק־פינצטער. הייב אוף א ביסל העכער דעם לאָמפּ, מאמע.

כ א נ ע (צו מייערן). פארטשעפּע זיך ניט. שפּאר זיך אָן אין מיר.

מ י י ע ר. ערגער זיך ניט, כאַנע. אין דער פינצטער זעען אלע שלעכט.

מ ע ר י. גיכער, איך בעט אײַך.

פ ר א נ ץ. ס׳איז שוין אינגאַנצן פינצטער געוואָרן, פרײַלן מערי.

מ ע ר י. און מיר פארצײַען אלץ. אזוי וועלן מיר זיך קיינמאָל ניט ארויסקלײַבן פונדא־נען. איר וואָלט געדאַרפט הערן, וואָס עס דערציילט סוזי! פראו מארטא, זאָגט זיי.

כ א נ ע. ערגער זיך ניט אזוי, מירעלע, וואָס נערוויִרסטו זיך אזוי? דו האָסט היץ, און דו שטייסט און שרײַסט. איך זאָג דען „ניין"? מיר וועלן זיך צוגרייטן און אלץ וועט זײַן אין אָרדענונג.

מ ע ר י. איין טשעמאָדאַן. איר פאַרשטייט, יעדערן איין טשעמאָדאַן. נאָר דאָס סאַמע וויכטיקסטע, און ס׳איז ניטאָ וואָס לאַנג איבערצוקלײַבן.

מ י י ע ר. אוודאי, ס׳איז ניטאָ וואָס איבערצוקלײַבן, ס׳וועט אַלציינס גאָרנישט ניט העלפן. אַט זײַנען אויפן הײליקן אָרט צעשוווּמען געוואָרן די פרישע קוואָרים, די אָרנס שווימען אַרום. פון אויבן און פון אונטן — וואַסער, ווי אין ערשטן טאָג פון בראשית. אַ סאָף! אַלץ וועט פאַרטרינקען ווערן, און דערנאָך, ווען ס׳וועט אויפגיין די זון, וועט איבער דער ערד זיך אויפֿהייבן אַ ווינט און צעבלאָזן דעם דאַמף. אַלץ איז קלאָר און ס׳איז ניטאָ וואָס אויסצוקלײַבן.

פ אַ ל צ י ס. זעצט זיך, זעצט זיך, הער לוריע.

מ אַ ר ט אַ. איך האָב שטענדיק מוירע געהאַט, אַז אײַער האַרץ, הער לוריע, איז ניט אָפּן פאַר דעם, וואָס זעט אַלץ. צו אים האָבן זיך אַוועקגעטראָגן די נעשאָמעס פון די וואַסער־גריבער.

מ י י ע ר. נעשאָמעס... איך וויל זען לעבעדיקע. אַ באָמבע האָט געטראָפן אין שפּיטאָל. און מענטשן, וואָס עטעמען קוים, זײַנען געקראָכן אין קעלער, קעדיי ניט צולאָזן צו זיך דעם מאַלכאַמאָוועס אַף דרײַ מינוט פריִער. און איר, פראַו מאַרטאַ, זאָגט נעשאָמעס! ס׳איז פאַראַן אונדזער גאַס, די שטאָט... די ערד... און אַ רעגן. אַ שרעקלעכער רעגן. טוט נאָר אַ קוק אַף די שירעמס... אַזאַ רעגן איז ניט געווען זינט דעם מאַבל. און כוץ דעם רעגן — אַעראָפּלאַנען און באָמבעס. און אַלץ איבער אַט דעם קלײנינקן, אומגליקלעכן שטעטעלע, ווו עס לעבן זיבן טויזנט אײַנוווינער, דרײַ טויזנט שטיבער און ביגמאַנס אַפּטייק. אונדזער גאַנצע ערד — דאָס איז אַ שוידערלעכער אומגליק, איר פאַרשטייט, פראַו מאַרטאַ.

מ ע ר י (אופגעבראַכט). דאָ איז אַ מעשוגאָים־הויז! מאַבל... שמאַבל... נעשאָמעס... פּלאַ־פּלערײַ! אין דײַנע ריידן, זיידע, קאָן מען גיכער דערטרונקען ווערן, ווי אין די וואַסערן פון מאַבל. געגנוג זאָל זײַן! אונדז איז פאַרבליבן בלויז פופצן מינוט! פופצן מינוט. פראַנץ, דער־לאַנגט מיר אַהער דעם זייגער. מאַמע, אין פופצן מינוט אַרום פאָרן מיר אוועק. איר הערט? גיכער! זיידע, העלף איר. איך בעט אײַך זייער, פראַו מאַרטאַ, פעטער יאַן, מינע, העלפט איר זיי אויך. וואָס זשע שטייט איר אַלע? איך וואָלט אַלץ אַליין געמאַכט, נאָר איר זעט דאָך — איך קאָן זיך ניט רירן פון אָרט. דער פוס... (אַלע, אויסער פראַנצן און מערין, טרעטן אָפּ אין דער טיף פון קעלער). סוזי, ווו זײַט איר עס, סוזי?

ס ו ז י. אָך, איך בין דאָ, פרײַלן מערי. איך האָב צונויפגעלייגט אײַערע מאַטאָנעס. איך וועל שטענדיק אײַך געדענקען.

מ ע ר י. גוט, און איצט העלפט זיי, איך בעט אײַך!

ס ו ז י. אוי, וואָס רעדט איר, פרײַלן! איך דאַרף זײַן לעבן גוסטאַוון, אַנדערש קאָן נאָך אויסברעכן אַ סקאַנדאַל! איר קענט נאָך ניט גוסטאַוון, פרײַלן.

פ ר אַ נ ץ. זאָל זי בעסער גיין צום טאַטן. זי האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן.

ס ו ז י. אויך איצט באַליידיקסטו מיך! קיין אַנדער זאַך האָב איך פון דיר ניט דערוואַרט, אידיאָט! פרײַלן מערי, מע קאָן אײַך בעטן אַהער אַף אַ מינוט? טוט נאָר אַ קוק, וואָס איך האָב געפונען באַ אײַך, ס׳איז אַרויסגעפאַלן פון רידיקיול, וואָס איר האָט מיר געשענקט.

מ ע ר י (דערמאָנט זיך). אָך, יאָ. איך האָב אײַך אים געגעבן. וואָס זשע איז פון דאָרט אַרויסגעפאַלן, סוזי?

ס ו ז י. אײַערע אַ פאָטאָגראַפיע. איר זײַט דאָ אין פּאַריזשער רעוויו. אָ, דאָס איז וווּנדער־באַר. סאַראַ לײַב. אָך, ווי איך האָב געטרוימט עס באַפּוצן מיט מײַנע „פיאַלקעס ביג״! איך באַשווער אײַך, שענקט מיר דאָס בילד.

מ ע ר י. ביטע, טײַערע. נו, גייט, גייט. ס׳איז איצט פּינקטלעך שטיל געוואָרן. איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ער קאָן יעדער מינוט קומען.

ס ו ז י (שמעוודיק). אָך, יאָ. אָט וואָס. שענקט מיר נאָך דאָס קלייד, אין וועלכן איר זײַט דאָ פאָטאָגראַפירט. דאָס פּאַריזשער קלייד... וואָל, און אַלץ איז אָפּן, און דאָך באַשיידן. דאָס איז וווּנדערלעך, פרײַלן מערי... מיט פיאַלקעס...

מ ע ר י (מיט פאַרדראָס). גוט. נעמט עס אָן גייט. איך בעט אײַך, גייט, סוזי.

ס ו ז י. מינע, טײַערע, העלפט מיר. איך לויף צו גוסטאַוון, און איר טראָגט אוועק צו מיר אָט די זאַכן. איך וווין דאָ נאָענט, אַפן ברעג, מינע, איך בעט אײַך.

מ י נ ע. גוט, איך וועל עס אַוועקטראָגן צו אײַך.

ס ו ז י. אײַאָ, איר האָט דאָך ניט קיין מוירע? איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר. אַנטשולדיקט מיר, מײַנע פרײַנט, נאָר עס ווילט זיך מיר דאָס אַלץ וואָס גיכער האָבן באַ זיך. אַ גליקלעכן וועג, פאַרגעסט ניט סוזי מילער.

מ י נ ע (שרײַט צום טאַטן). איך וועל זיך באַלד אומקערן! (גייט אַוועק).

מ ע ר י. אוי, דער קאָפּ. ער ווערט צעריסן אף טויזנט שטיק. גיט מיר עפּעס אף צו אראָפּזעצן די טעמפּעראַטור, פראַנץ! איך קאָן ניט אונטערגעבן זיך דער קרענק...

פ ר א נ ץ. ביטע! (גייט אוועק).

מ יי ע ר (קומט אריין מיט א טשעמאָדאַן). נו, איך בין גרייט. איין טשעמאָדאַן און אלץ איז אין אים. אלץ, וואָס איז געבליבן פון א לעבן. דאָרט, מירל, זיינען דיינע אויסשניטן — און אָנדענק פון אונדזער רייזעלען.

מ ע ר י. גוט, גוט. דאָס איז ווונדערלעך, נאָר איך בעט דיך, גיכער! דו זעסט, ווי פּאַמע־לעך עס וואַקסט זיך די מאַמע. זי קאָן אלץ ניט באַשליסן, וואָס צו נעמען. טו עס דו פאַר איר.

פראַנץ קערט זיך אום, ער האָט געבראַכט א פּראַשעק, מערי נעמט אים איין. פראַנץ לייגט אַרוף זיין דלאָניע אף איר שטערן.

מ ע ר י. פראַנץ, גיט מיר א פּאַפּיראָס, איך האָב ניט געוואָלט רייכערן אין דער היים, נאָר איצט...

פראַנץ גיט איר א פּאַפּיראָס, צינדט אָן א שוועבעלע.

מ ע ר י. איר קוקט אזוי אף מיר, פראַנץ! יאָ, איר זייט אף אן עמעס געוואָרן א דער־וואַקסענער...

פ ר א נ ץ. אין אונדזער רעשוס איז בלויז עטלעכע מינוט. דערנאָך וועל איך אייך אוועקפירן אין רעדאַקציע, איר וועט זיך זעצן אין אויטאָבוס, און...

מ ע ר י. פאָרט מיט אונדז, פראַנץ.

פ ר א נ ץ. דאָס איז אומעגלעך. איך האָב אייך געוואָלט פאַרבלייבן, נאָר איך ווייס, דאָס איז אויך ניט מעגלעך. איך בין א דייטש... דער גורל רייסט מיך ווידער אָפּ פון אייך, נאָר איך וויל אייך זאָגן, מערי, איך האָב באַשלאָסן דאָס זאָגן אומבאַדינגט. מערי, איך האָב אייך ליב פון דרייצן יאָר אָן... איך האָב אייך ליב און פאַרשעלט דעם גורל דער־פאַר, וואָס איר זייט עלטער פון מיר.

מ ע ר י. טייערער פראַנץ, און איך האָב זיך גאָרניט אָנגעשטויסן.

פ ר א נ ץ. נאַטירלעך. איר האָט מיך פּאַשעט ניט באַמערקט. איר האָט א סאַך מער געטראַכט וועגן פּערדינאַנדן, אפן אַריסלאָן־אָוונט, נאָכן פאַרענדיקן די שול, איר געדענקט, אין ראַטושע, אין בופעט האָט איר נאָך אייער ווונדערלעכן טאַנץ געגעסן אייזקרעם, דעמלט האָט איר געזאָגט, פּאַכענדיק מיטן ווייער: „ס'איז אזוי הייס, אז איך וואָלט געקאָנט אופּעסן די גאַנצע אַרקטיק", דערנאָך האָט איר זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן: „נאָר די אַרקטיק איז דאָרט, אין רוסלאַנד".

מ ע ר י. ווער האָט עס דעמלט ניט געטרוימט דאָרטן צו זיין און איר האָט אלץ פאַר־געדענקט, פראַנץ! און איך געדענק גאָרניט.

פ ר א נ ץ. איצט זייט איר שוין געווען אין רוסלאַנד. איר האָט געזען די וועלט, און איך בין איצט נאָך ווייטער פון אייך, ווי פריער. מערי, מעגלעך, אז מיר וועלן זיך איצט צעשיידן אף שטענדיק, אפן גאַנצן לעבן! (נעמט אַרויס פונעם בוזעם־טאַש ניט קיין גרויסן העפט). נעמט בא מיר אָט דאָס, מערי, אלס אָנדענק.

מ ע ר י. וואָס איז דאָס, פראַנץ?

פ ר א נ ץ. מיין טאַגבוך, מערי. איך האָב עטלעכע יאָר אַהער אַריינגעשריבן. דאָ איז זייער א סאַך וועגן אייך, אייניקע געדאַנקען, פאַרצייכענונגען... עפּשער וועט איר אַמאָל כאַפּן א קוק אין דעם דאָזיקן העפט.

מ ע ר י. גוט, פראַנץ. א דאַנק, און גלייבט מיר, אז איך וועל אים לייענען ניט איין מאָל... טייערער מיינער... א דאַנק... איר האָט מיך ליב געהאַט, מיין גוטער פראַנץ. בייגט זיך איין, פראַנץ, איך וויל אייך א קוש טאָן. (פראַנץ קושט איר די האַנט, מערי קושט אים אין שטערן). נו, נאָך איין פּאַפּיראָס און מירן גיין.

מ א ר ט א. פראַנץ, נעם די זאַכן. דאַנקען גאָט, איינגאַנצן זעקס ערטער און אלץ צו־נויפגעלייגט.

מ ע ר י. וואָס הייסט זעקס?!

מ יי ע ר. אַנדעריש קאָן כאַנע ניט. מיילע, אין ערגסטן פאַל, וועט פראַנץ עפּעס נעמען מיט זיך צוריק. נו, צום ווידערזען, פּראָו מאַרטאַ, סאָפּקאָלסאָף איז שוין צייט צו גיין. ווער עס האָט שוין געקויפט א בילעט, דער דאַרף זיך סטאַרען ניט פאַרשפּעטיקן צום באַן. א גוטן זון האָט איר, מאַרטאַ, ער האָט אונדז שטאַרק געהאָלפן אין א שווערער מינוט. נו, כאַנע?..

כאנע (לאָזט זיך אראָפּ אפן קאסטן). ניין, איך וועל אין ערגעץ ניט פאָרן. פאַרט אַן מיר, אַן מיר...

מערי. ביסט פון זינען אראָפּ, מאמע! די מינוט, דו הערסט, די מינוט פאָרן מיר! העלפט איר אופשטיין, פראנץ!

מארטא. איר דאַרפט פאָרן! איר דאַרפט פאָרן.

כאנע. אין ערגעץ וועל איך פונדאנען ניט פאָרן, מירעלע, און רעדט מיר ניט איין. דו האָסט דאָך געזען — איך האָב געוואָלט פאָרן... כ'האָב צונויפגעקלייגט די זאכן, אפילע פארבונדן די טשעמאָדאנעס, נאָר איך קאָן ניט, טאָכטער.

מערי (שאַרף און בייז). האלט זיך צו פאַר דיין גוטס! גיב אַפּ דאָס לעבן פאַר אַט די לעמפּ, פאַר די לײַכטער און טישטעכער!

כאנע (שטיל). יאָ, יאָ, און די לײַכטער, און דער פאַרשמאָלצעװעטער דיוואַן אין קיך, און מײַנע עלטערן אפן בעסוילעם, און מײַן רײזל, און דײַן טאַטע, וועלכן דו האָסט אזוי זעלטן געשריבן, דײַן שטרענגער פאָטער ראַכמיִעל, אַפּן אלטן פעלד... איך וועל אין ערגעץ ניט פאָרן... איך האָב באַשלאָסן... ווו זאָל איך זוכן, און וואָס זאָל איך זוכן?

מייער. אַז די וועלט גייט אראָפּ פון זינען, ווערט יעדער איינער אַ קאַפּעטשקע מע־שוגע. ווײַזט אויס, אַז דיר וועט אויסקומען פאָרן אליין, מײַן איינינקל.

כאנע (צום פאָטער). און דו?

מייער. דאָרט, ווו דו, דאָרט בין איך. ווי־אזוי קאָן איך איבערלאָזן כאנען, וואָס אויסער מיך האָט זי גאָרניט?!

מערי. איר זײַט געוואָרן פאַר מיר פרעמדע. מיך דאַרפט איר ניט.

פּאַלעצים. שווײַג, מערי! דו וועסט נאָך כאַראַטע האָבן פאַר דײַנע רייד! היים — דאָס איז אַ הייליק וואָרט. אַ דאָך איז העכער פונעם הימל.

מערי. אַף זיי וואַרט אַ לאַנד, ווו מענטשן קאָנען לעבן, און זיי האַלטן זיך צו פאַר די קוואָרים. איך קאָן מער ניט וואַרטן. קיין אויסוואַל איז ניטאָ! צום ווידערזען! קומט, פראנץ. קיין טשעמאָדאנעס דאַרף מען אינגאנצן ניט. בלויז אָט דאָס — דאָס בעטגעוואַנט.

מערי און פראנץ גייען אוועק.

מארטא. דאָס איז אלץ. (פּאַוזע). הער מייער, גיט מיר אײַער קאַפּייניק, כ'וועל צוגרייטן פאַר אײַך קאַפּע — דאָס וועט אײַך שטאַרקן... זאָל גאָט אָפּהיטן אלע, וואָס וואַנ־דערן איבער דער ערד.

כאנע (וויינט). מײַן לעצט קינד!

מייער. שפּעט, איצט איז שוין שפּעט, כאנע. מיר האָבן שוין געמאַכט דעם אויסוואַל. אָט האָט איר דעם קאַפּייניק, פראַו מאַרטא.

הינטער דער טיר איז רויִשיק. מע הערט שטימען.

מארטא. דאָס איז גוסטאַוו! דערבאַרעמדיקער גאָט!

גוסטאַוו (צעעפנט ברייט די טיר, לאָזט זיך אראָפּ אין קעלער. דאָ איז אויך סוזי. מיט זיי נאָך עטלעכע מענטשן). אהא, זיך אײַנגעאָרדנט, מע טרינקט קאַפּע! סוזי, שמוצקע, ביוכער, וויינער — מירן טרינקען קאַפּע! אָט באַלד וועלן מיר אײַך אויסרויכערן פונדאַנען, ווי די שטשורעס! ווו איז מײַן מישיאַק, סוזי? (לאַכט).

מייער. גוטנאָוונט, גאַנצקע!

גוסטאַוו. גוטנאָוונט, שכיינים. איצט איז אַף דער גאַס שטיל, און איר האָט ניט וואָס צו באַהאַלטן זיך אין קעלער. ביטע זייער! (ווײַזט אַף דער טיר). ס'איז שוין צײַט, די שאָ האָט געשלאָגן! אַדיע! די טיר איז אָפן!

מארטא. וואָס טוסטו, גוסטאַוו?

גוסטאַוו. שווײַג, אידיאָטקע! צו אַלדי רוכעס! סוזי, וויינער, זיי ווילן, אַז דער גרוי־סער פיורער זאָל מאַכן פון מיר ווורשט.

סוזי. זאָלן זיי נאָך אַ ביסל דאָ זײַן, כאָטש ביז טאָג. איצט איז דאָך נאַכט. (גוסטאַוו טוט איר אַ זעץ אין פּלייצע).

גוסטאַוו. מיך וועסטו ניט אָפּנאַרן, סוזי. איך ווייס, ווי־אזוי דו גייסט אראָפּ פונעם זינען פון מאַריאַם ביג. נאָר ביזנעס איז ביזנעס. איך האָב אָבער ניט ליב, אַז דו דרייסט מיטן הינטן און מיאַוקעסט, ווי אַ קאַץ. געזונג! וואָס שטייט איר? רירט זיך לעבעדיקער! ביוכער, וויינער, אַנו, לאָמיר זיי העלפן!

מייער. א דאנק, הער גאנצקע. מירן אליין.

גוסטאוו. און וועגן די זאכן ערגערט זיך ניט. מירן אלץ דאָ ברענגען אין אָרדענונג. מארטא, קאָפּע! אהין, אין שטוב אַרײַן! איצט איז שטיל. באלד וועט אַרײַנמאַרשירן דעם פירערס ארמיי און מיר באהאלטן זיך, ווי די מײַז אין די לעכער. הער לוריע, אין א מינוט ארום זאָל אײַער דוך דאָ ניט זײַן. איר דאַרפט אָף מיר ניט ברוגעז זײַן, מייער. וואָס קאָן מען מאכן — פּאָליטיק! און דו, יאַן? צו וואָס דאַרפסטו די דאָזיקע קאָמפּאַניע? קום מיט אונדז.

פאלעציס. א דאנק... נאָר איך האָב ארבעט, גוסטאוו...

גוסטאוו. וואָס פאר אן ארבעט קאָן איצט זײַן? רירעוודיקער א ביסל, אויב ניט, וועלן מײַנע כעוורע דיך אײַנוויקלען אַנן אוועקטראָגן אָף די הענט! (לאכט). יאַ, א פלייטע וועלן מיר מיטנעמען מיט זיך. אָף יעדן פאַל!

גייט אוועק צוזאמען מיט פאלעציסן. צו די טרעפּ לאָזן זיך מייער און כאנע.

מארטא. וווהין?

כאנע. אהין, צו זיך. מיר ווייסן, דאנקען גאָט, דעם וועג. אויב איר וועט אמאָל וועלן, מארטא, כאפּט זיך אַרײַן, איר וועט בא אונדז שטענדיק זײַן אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

כאנע און מייער גייען אוועק. סוזי טוט זיך א לאָז צו די פאַרלאָזטע זאכן.

מארטא. וואָס טוט איר, סוזי?

סוזי (שארף און גראָב, ווי א הענדלערקע אפן מארק). דאָס איז דער גארטל, וואָס מערי ביג האָט געטראָגן אין „סאלאָמייע".

מארטא. ווארט צו, אנטשולדיקט, סוזי! דאָס איז דאָך כאנעס אוירינגלעך!

סוזי. וואָס קער זיך דאָס אָן צו אײַך, פראו מארטא?

מארטא (מיט אומגעריכטן קאַס). גאנעוועטע, מוידן!

סוזי (א צעקאסטעט טוט א שטופ מארטען). און איר זײַט א בלינדע בעהיימע!

מארטא וויינט. סוזי לויפט אוועק. א מינוט איז שטיל. עס עפנט זיך די טיר און אין קע־לער באווײַזט זיך פראנץ. ער טראָגט קימאַט אָף זיך מערין, וואָס האלט זיך קוים אָף די פיס.

פראנץ. שפּעט, מאמע! צו דער רעדאקציע קאָן מען זיך ניט דורכשלאָגן. אין שטאָט זײַנען שוין פאטרולן און דײַטשישע טאנקען.

מערי (שטיל). און ווו זײַנען אלע?

מארטא. גוסטאוו איז דאָ געווען. זיי זײַנען אוועק צו זיך... אָף דער קוואַרטיר. (מערי הערט ניט. זי איז פארכאלעשט).

פראנץ. מערי טאָר אהין ניט גיין, אין קיין שום פאל. פאר איר איז דאָס געפערלעך. מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר א זיגער־ארמיי. איך וועל זי באהאלטן אין קליינעם שפּײַכלער. אהין וועט קיינער זיך ניט דערקלײַבן. קיינער טאָר זי ניט זען. מאמע, לײַכט מיר צו. מערי, טײַערע מערי, ליבע, איך וועל אײַך ראטעווען... שרעקט זיך ניט...

ער טראָגט זי אוועק אין דער טיף פון דער בינע. מארטא גייט אוועק מיט זיי. אָף דער בינע איז שטארק שטיל. באלד דערטראָגט זיך א שטארקער גערודער פון טאנקען. מארטא לויפט ארויף אָף דער בינע, נאָך איר — פראנץ.

מארטא. וואָס איז דאָס? איך האָב מוירע, פראנץ!

פראנץ. רויקער, מאמע.

זיי הערן זיך צו. אין א ווײַלע ארום צעעפנט זיך די טיר. עס לויפט אַרײַן גוסטאוו, מיט אים א מיליטערמאַן אין א דײַטשישער פאָרמע.

גוסטאוו. מארטא, זע, ווער עס איז געקומען? פראנץ, טו אָקאָרשט א קוק, ווער עס איז געקומען — פערדינאנד! מײַן זון, פערדינאנד איז געקומען! אָבערלייטענאנט, דאָקטאָר פון כימישע וויסנשאַפטן פערדינאנד גאנצקע!

פערדינאנד (הייבט אוף די האנט אפן פאשיסטישן שטייגער). הײַל היטלער!

גוסטאוו (הויך). הײַל היטלער!

מארטא (קוים וואָס מע הערט). הײַל היטלער!

פאָרהאנג

אין פֿאָדערגרונט פֿון דער בינע איז פֿינצטער. ווען עס צינדט זיך אָן א קליין לעמפּעלע אפֿן טישל, וואָס שטייט פֿארן פֿאָרהאנג, דערזעען מיר צוויי פֿיגורן, וואָס זיצן בא דעם דאָזיקן טישל פֿאר א שפּיגל. אין דער צווייטער זײַט פֿון דער בינע זיצט הענעך, אָן איינגעבויגענער אף א בענקל, און פֿארשרײַבט עפּעס אין א בלאָקנאָט. באם טישל — פֿיאָדאָר און לאַצארוס. פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש גרימירט זיך. קוקט אין שפּיגל.

פֿיאָדאָר. ניין, פֿונדעסטוועגן ניט ענלעך.

לאַצארוס. איר טשעפּעט זיך, פֿיאָדאָר.

פֿיאָדאָר. איך טשעפּע זיך ניט. נאָר איך דארף זײַן אבסאָליוט ענלעך, יורגיס. און דאָס איז מעגלעך. אָט אָ־דאָ, אָט... אָט. (ווײַזט אף די ברעמען און אף די באַקן).

לאַצארוס. איך בין דאָך נאָר א ליבהאָבער, ניט קיין קינסטלער, פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש.

פֿיאָדאָר. ברעמען וואקסן דאָך ניט אהין, באזונדערס דער שפּיץ.

לאַצארוס (גרימירנדיק). וואָס וואָלט איר געטאָן, ווען איך וואָלט ניט געלערנט אין שול, ניט געמאַכט קיין ספּעקטאַקלען און ניט גרימירט די כעוורע?

פֿיאָדאָר (זעצט פּאָר אינעם זעלבן טאָן). און וואָלט ניט געווען לאַצארוס, און ניט געווען קיין פּאַטריאָט? דעמלט וואָלט געווען שווער, יורגיס. ער איז שוין דאָ?

הענעך. דאָ.

פֿיאָדאָר. ער וואַרט?

הענעך. וואַרט.

פֿיאָדאָר (יורגיס ענדיקט גרימירן. פֿיאָדאָר שטייט אוף). הענעך, טו נאָר א קוק.

הענעך. גוט. בעסער קאָן ניט זײַן. א פֿישער, א לעבעדיקער פֿישער.

פֿיאָדאָר (שמייכלט). א דאַנק דיר, יורגיס! (נעמט פֿונעם טיש עפּעס דאָקומענטן, קוקט אין זיי ארײַן, כאַפּט א בליק אין שפּיגל, פֿארגלײַכט מיט דער פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איז צוגעקלעפּט צום דאָקומענט). איצט בין איך, דאַכט מיר, ענלעך אף אים. (ענדערט שארף דעם טאָן). יורגיס, ריידן מיר זיך, הייסט עס, צונויף פֿינקטלעך: הענעך לאָזט מאָרגן ארויס די צײַטונג צום לעצטן מאָל. (ער נעמט בא הענעכן דעם בלאָקנאָט און קוקט אין אים ארײַן. זעצט פּאָר ריידן). דעם שריפֿט וועסטו, הענעך, איבערגעבן יורגיסן. אלע דרײַ טעג לאָזט ארויס וואָס מער אינפֿאָרמאַציע וועגן דער רויטער ארמיי. שרײַבט דעם עמעס וועגן די דײַטשן. איך וועל אײַך שיקן מײַנע יעדיס רעגולער. יורגיס, זײַט פֿאָרזיכטיק און ריזיקירט ניט אומזיסט.

יורגיס. דאָס האָט איר אין זינען די פֿינקטלעכקײַט פֿון גרים?

פֿיאָדאָר. יאָ, דאָס אויך. איך האָב אין זינען, אז די טיפּאָגראַפֿיע טאָר אין קיין שום פֿאַל ניט דורכפֿאלן. פֿארשטענדלעך?

יורגיס. נאַטירלעך.

פֿיאָדאָר (הענעכן). און דו דערקלײַב זיך צו מיר. דו האָסט דאָ ניט וואָס צו בלײַבן.

הענעך. ניין, פֿיאָדאָר, איך האָב באשלאָסן בלײַבן.

פֿיאָדאָר (קוקט אף הענעכן). צוליב וואָס? מע וועט דיך פּאַקן בא דער ערשטער אָבלאַווע. דו וועסט אומזיסט אומקומען.

הענעך. אנטשולדיק מיר, פֿעדיא, נאָר איך האָב פֿון דיר זיך אזויגס ניט געריכט. דו קלערסט, אז איך וועל זיי מיט גאָרניט קאָנען באהילפֿיק זײַן?

פֿיאָדאָר. נאָר דו ביסט דאָך נאָך שטארק קראַנק.

הענעך. איך בין גענוג געזונט אף צו פֿארשטיין, וואָס מע דארף טאָן.

פֿיאָדאָר. וואָס וועסטו קאָנען טאָן, הענעך? דו האָסט צו אָן אויסדריקלעך פּאָנעם.

הענעך. אין געטאָ. אין געטאָ... אין געטאָ, וועלכע זיי וועלן אומבאַדינגט מאַכן.

פֿיאָדאָר (טראַכט. קוקט אופֿמערקזאַם אף הענעכן). יאָ, ביסט, דוכט מיר, גערעכט.

יורגיס. אוודע איז ער גערעכט.

פֿיאָדאָר. נו, איז בלײַבט געזונט. לאָמיר דאָס לעצטע מאָל א קוק טאָן איינער אפֿן אנדערן.

הענעך. ענלעך. א פֿישער און א זון פֿון א פֿישער.

פון הינטער דעם פֿאָרהאַנג באַווײַזט זיך אַן אַלטער, גראָוער מענטש, אין אַן אָפּגעריבן פּידזשאַקל, אַן אײַנגעהויקערטער, מיט צעפּאַטלטע האָר. דעם הוט האַלט ער אין דער האַנט. דערזעון פּיאַדאָרן, ווערט ער פֿאַרשטיינערט. ער ציט זיך אויס, קוקט אויף אים, ווי אַ פּאַרקישעפּטער.

דער אַלטער. אוי, אוי, פּונוואַנען, פּונוואַנען? מ'האָט דאָך אים געהאַרגעט לעבן דער רעדאַקציע, כ'האָב עס געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן. אַ באָמבע איז אַראָפּגעפֿאַלן, איך בין אויך קאָנטוזיעט געוואָרן, צי עפּשער האָב איך פֿאַרלוירן דעם זיקאָרן?

פּיאַדאָר. ניין, פּאַטער... ניין.

דער אַלטער. ווער זײַט איר? דאָס קאָל אײַערס איז מיר פֿרעמד.

פּיאַדאָר. דאָס בין איך דאָך, אַלטער!

דער אַלטער. פּיאַדאָר איוואַנאָוויטש... און איך האָב געמיינט. ניין, עס קאָן ניט זײַן...

פּיאַדאָר (ווייך). דאָס בין איך. דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז הונדערטער און הונדערטער וואַרטן אויף אונדז אין אײַערע וועלדער און דערפֿער. און אָפּן ברעג פּונעם יאַם וואַרטן טויזנטער... דײַן זון... (טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט געשניטן מיט אַ סערפּ). אָט האָב איך זיך דערלויבט נעמען זײַנע פּאַפּירן און זײַן געזיכט. איך וועל דיר פֿאַרבײַטן דײַן געפֿאַלענעם זון, אויב איך וועל קאָנען.

דער אַלטער (וויינט). ענלעך, אוי, ווי ענלעך! מײַן פֿראַנעק. מײַן פֿראַנעק!

פּיאַדאָר (געזעגנט זיך מיט הענעכן). יאָ, הענעך, דעם נעקראָלאָג וועגן ראָזי בעסער אויס. ער איז צו פּײַערלעך אָנגעשריבן. זי איז אונדזער ערשטער קאָרבן... אַ פּאַשעטער, גוטער און ליבער מענטש. זאָג וועגן איר פּראָסט און ערנסט, הענעך.

הענעך. גוט, פּעדיא.

פּיאַדאָר. און וועגן מערין דאַרף מען גאָרניט. מיר וויסן ניט, וואָס איז מיט איר, ווער ס'איז מיט איר. זײַ פּאַרזיכטיק. געדענק.

פֿאָרהאַנג.

דער צווייטער אַקט

דאָס דריטע בילד

גאַנצקעס קוואַרטיר. אַ געוויינלעכער גאַרניטור פֿון קליינבירגערלעך מעבל. אַ ראָיאַל. אַ גראַנדיעזער אַלטמאָדישער זייגער. צוויי פֿענצטער, פֿאָרהאַנגענע מיט שטאָרעס. דרײַ טירן מיט פּאָרטיערעס. אין צענטער — אַ טיר, וואָס פֿירט אין קאָרידאָר. פֿון לינקס, וואָס פֿירט אין קיך. פֿון רעכטס — אַ טיר אין עס־צימער.

אין דער צענטראַלער טיר גייט אַרײַן פֿראַנעק. ער קוקט זיך אַרום, הערט זיך צו. פֿון דעם עס־צימער דערטראָגט זיך אַ גערודער. פֿראַנעק גייט צו דעם שפּיגל, באַקוקט דעם קאָסטיום. פֿון קיך קומט פּראַו מאַרטאַ, וואָס טראָגט אַ טאַץ מיט אַ קאַפֿייניק, אַ מילך־קריגעלע, טשאַשקעס, טאַרטינקעס.

מאַרטאַ (שטיל, הערט זיך צו די שטימען אין עס־צימער). פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי לאַנג ניט געווען, פֿראַנצכען? דער הער באַראָן און פֿערדינאַנד האָבן עטלעכע מאָל זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דיר. איך האָב פּאַשעט ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן. דײַן טאַטן האָט מען באַשטימט פֿאַר אַ טשינאָווניק אין דער סאַניטאַרער פֿאַרוואַלטונג. ער וועט אַרבעטן מיט פֿערדינאַנדן און מיטן באַראָן פֿאָן גראַבע. די גאַנצע צײַט שרײַט ער: „הײַנט איז בײַ מיר אַ יאָמטעוו!" ער איז אײַנגאַנצן אַראָפּ פֿון זינען, אָ, גאָט מײַנער.

פֿראַנץ. מאַמע, וואַרט צו אַ מינוט. עס ווילט זיך מיר איצט ניט אַרײַנגיין אַהין. (ווײַזט אָפּן עס־צימער). איך בין הונגעריק און וויל טרינקען. כוץ דעם, דאַרף איך דיר עפּעס זאָגן, זײַ מיט מיר אַ מינוטקעלע.

מאַרטאַ. נאָר...

פֿראַנץ. ניין, ניין, זיי וועלן ניט באַמערקן. איך הער שוין, אַז זיי איז דאָרט פֿריילעך. הערסט, ווי סוזי פֿאַרגייט זיך פֿון געלעכטער. גיס מיר אָן אַ טשאַשקע.

עס הערט זיך דאָס שפּילן פֿון אַ פֿלייטע.

מאַרטאַ. דאָס איז פּאַלעציס. גוסטאַוו האָט ווידער זיך אײַנגעקלאַמערט אין אים. (קוקט זיך אַרום, שעפּטשענדיק). נו, וואָס מאַכט זי?

פ ר א נ ץ. שלעכט, זייער שלעכט. זי לאָזט מיך ניט אָפּ פון זיך אַף קיין מינוט.

מ א ר ט א. אָנגיסן דיר נאָך, פראנץ?

פ ר א נ ץ. יאָ, ביטע. עס ציטערט בא איר מאמעש די נעשאָמע. דו אנטשולדיק מיך, מאמע, נאָר אָפּט רייצט מיך אוף איר איבערגעטריבענע שרעק.

מ א ר ט א. אָרעמער פראנץ מײַנער.

פ ר א נ ץ. איך קאָן מיט גאָרנישט ניט העלפן. איך קאָן זיך ניט אײַנשטעלן ארויספירן זי כאָטש אַף א מינוט אַף דער לופט פון אָט דער שטונקענדיקער לאָך.

מ א ר ט א. פראנץ, דו זאָלסט אפילע זיך ניט דערוועגן טראכטן וועגן דעם, דאָס וואָלט געווען אן אומזין. דו ווייסט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אירע עלטערן?

פ ר א נ ץ. איך ווייס, מאמע. זיי האָבן אָנגעטאָן געלע לאטעס, און מע האָט זיי אוועקגעפירט אין יידישן קווארטאל, נאָר זיי לעבן און וועלן לעבן. און דאָ... ווען דער באראָן און פערדינאנד האָבן איבערגענומען בא מיר דעם אפטייקער־לאגער, האָב איך געציטערט, ווי א פיש אפּן האטשעק. ווען זיי מאכן עטלעכע שפּאן אין א זײַט, אָדער ווען פערדינאנד דערמאָנט זיך אין קליינעם שפּײַכלער... זיי האָבן שוין רעקוויזירט די אפטייק פאר זייער מעדיצינישער דינסט. דאָרט פון אויבן שטייט שוין א וואך... דו הערסט, זיי איז פריילעך. זיי פרעגן זיך אָן אַף מיר, און איך בין בלאס און פארמאטערט. גיב נאָך א טשאשקע, מאמע.

מ א ר ט א. ציטער ניט אזוי, פראנץ. נעם זיך אין די הענט, מײַן זונעלע. אזוי קאָנסטו אומברענגען סײַ זי, סײַ זיך אליין.

פ ר א נ ץ. יאָ, איך דארף זיך נעמען אין די הענט.

מ א ר ט א. איצט וועל איך גיין אָנגיסן א נײַעם קאָפּייניק.

מארטא גייט אין קיך. פון עס־צימער לויפט ארײַן סוזי. נאָך איר פערדינאנד. פראנץ טרעט אָפּ אין א זײַט. סוזי באהאלט זיך קאָקעטירנדיק הינטערן דיוואן. פערדינאנד האלט אין די הענט א פלאש שאמפאניער און א פוזשער. ער דעריאָגט זי.

פ ע ר ד י נ א נ ד. איר דארפט אויסטרינקען דעם דאָזיקן באָקאל, פרײַלן מילער, פארן גרויסן דײַטשלאנד.

ס ו ז י (זי איז שוין שיקערלעך). נאָר איך האָב דאָך שוין געטרונקען פארן גרויסן דײַטשלאנד און פארן גרויסן פיורער, און פארן זיג, און פאר אײַער פרײַנט באראָן פאָן גראבבע, און פאר אײַך, פערדינאנד, און פאר אײַער פאָטער. (ווײַזט אפּן ארײַנגעקומענעם גוסטאוון). אוי, וויפל איך האָב אויסגעטרונקען! דער קאָפּ... כא־כא־כא... איך בין ניט געוווינט צו טרינקען אזויפיל מיטאמאָל.

ג ו ס ט א ו ו (ער איז אין א פאָרמע פון א טשינאָווניק. ניכטערער ווי געוויינלעך, ווענדט זיך צום ארײַנגעקומענעם פאָן גראבבע. פאָן גראבבע איז זייער א שטארקער און אן אָנגעפרעסענער אָפּיצער). זי דארף טרינקען, אָט די סוזי, פאר דעם גרויסן דײַטשלאנד און פאר מיר... (צו סוזין). זי דארף טרינקען אזויפיל, וויפל גוסטאוו גאנצקע וועט ניט קאָנען אויסטרינקען. פאר דער גרויסער אימפּעריע, וועלכע האָט דערלאנגט א האנט גוסטאוו גאנצקע, וועלכע האָט דערהויבן די נעשאָמע פון גוסטאוון. האָך! האָך!

ג ר א ב ב ע. בראוואָ, בראוואָ, הער גאנצקע. איר זײַט א מאָלאָדיעץ. עמעס, פערדינאנד. אײַער פאָטער איז א מאָלאָדיעץ.

ג ו ס ט א ו ו. א דאנק, הער באראָן.

מיר טרינקען פאר דײַטשלאנד, וואָס גליק האָט געבראכט,
פון גליק בין איך שיקער באטאָג און באנאכט...

ג ר א ב ב ע. בראוואָ, בראוואָ!

פ ע ר ד י נ א נ ד (צו סוזין). און איר צווינגט מיך אזוי לאנג צו וואַרטן.

ס ו ז י. אנטשולדיקט, פערדינאנד, אָט באלד וועל איך אויסטרינקען. טו נאָר א קוק, דאָ איז פראנץ! וואָס האָט איר זיך דאָרט באהאלטן? איר האָט אן אויסזען פון א מענטשן, וואָס האָט אײַנגעשלונגען א שטעכלער! (סוזי טרינקט אויס דעם באָקאל און טוט אים א וואָרף צו פראנצן). כאפּט, פראנץ, הײַנט זאָל קיינער ניט זײַן ניכטער.

דער באָקאל פאלט אפּן דיל און צעברעכט זיך.

ג ר א ב ב ע. דאָס איז א גוטער סימען, פערדינאנד.

פ ע ר ד י נ א נ ד. יאוואָל, צום גליק, הער מאיאָר.

ג ר א ב ב ע. אָ, פראנץ! מיר האָבן גאָרניט באמערקט, ווען איר זײַט ארײַנגעקומען.

פ ר א נ ץ. איך בין ניט אריַינגעקומען. איך בין די גאנצע צײַט דאָ, הער גראבע, איך בין געשטאנען אין א זײַט.

ג ר א ב ע. מע דארף ניט שטיין אין קיין זײַט.

ס ו ז י. מע דארף ניט שטענדיק זײַן אָנגעבלאָזן, פראנץ, זיך באלײדיקן און צופיל טראכטן און פינטלען מיט די אויגן. איך וויל טאנצן, מײַנע הערן. פראנץ, שפּילט אונדז א וואלס, דער קאָפּ זאָל זיך פארדרייען.

פ ר א נ ץ. אנטשולדיקט מיר, נאָר קיין וואלסן שפּיל איך ניט.

ג ר א ב ע. אנטשולדיקט מיר, פראנץ, נאָר איך האָב פון מײַן צימער געהערט, ווי איר האָט געשפּילט פערדינאנדן זייער א פײַנעם וואלס.

פ ע ר ד י נ א נ ד. ער איז בלאס, ווי די וואנט. דו ביסט קראנק, פראנץ? טרינק אויס א גלאָז ווײַן, עפּשער וועט דאָס דיך שטעלן אויף די פיס. א קראנקער דײַטש, איז א שלעכ־טער דײַטש.

פערדינאנד גיסט אָן פון דער פלאַש ווײַן און גיט פראנצן. פראנץ טרינקט.

פ ר א נ ץ. נאָך!

פ ע ר ד י נ א נ ד. ביטע!

פראנץ טרינקט אויס נאָך א באָקאל און נעמט שפּילן. סוזי איז גרייט צו טאנצן, נאָר זי טוט זיך א וואקל.

ס ו ז י. אוי, איך האָב איבערגעשעפּט מײַנע קויכעס... איך האלט זיך קוים אויף די פיס, מײַנע הערן. כאַ־כאַ... אלץ דרייט זיך. און פראנץ דרייט זיך, און דער ראיאל, און דער זייגער...

ג ר א ב ע. איר דארפט זיך ניט האלטן בא אונדזער ניט שטאנדהאפטיקער ערד. די פאָן גראבעס האָבן שטענדיק ליב געהאַט וואלקירי, נאָך פון די אלטע גוטע צײַטן. מיט וואָס זײַט איר ניט וואלקיריִא, איר, אונדזער רויטהאָריקע פרײַלן סוזי? פליט אינדערלופטן! עמעס, פערדינאנד, זי דארף פליִען?

פ ע ר ד י נ א נ ד. יאָ, פארשטייט זיך, זי דארף פליִען, הער באראָן.

ג ר א ב ע. שפּילט, פראנץ. ס'איז זייער א פײַנער וואלס. (כאַפּט אונטער סוזין, אָפּגע־ריסן זי פון דער ערד, דרייט ער זיך אין א וואלס, האלטנדיק זי אינדערלופטן. פערדינאנד גייט צו צו דער מוטער, לאדט זי אײַן צום טאנצן, די מאמע שמייכלט, זאָגט זיך אָפּ. ער גיסט אָן זיך און איר צוויי באָקאלן ווײַן. זי פארזוכט. פערדינאנד טרינקט אויס).

ס ו ז י. אוי, ווי גוט, ווי גוט! אָט דאָס איז אן עכטער ריטער! איר האָט אײַזערנע הענט, באראָן. גוסטאוו, איך שטארב. אָט וועט איר אלע זען, הײַנט וועל איך שטארבן, שטארבן פון גליק! לאנגזאמער, פראנץ, פארגיכערט ניט דעם טעמפּ.

ג ר א ב ע. מע דארף ניט, אזוי איז גוט!

ג ו ס ט א ו ו. קאָלאָסאל! אָט דאָס איז א דײַטש! האָך!.. דעם באראָן רודאָלף מאריִא פאָן גראבענבורג!

דער גריסער זייגער שלאָגט הייזעריק אויס אכט. גראבע לאָזט אראָפּ סוזין אין א שטול. פערדינאנד פּאַכעט אָפּ איר מיט איר ווייער. פראנץ הערט אויף צו שפּילן.

מ א ר ט א. איר האָט זיך דערשראָקן, באראָן, אנטשולדיקט, איך ווער אויך אלע מאָל פארציטערט.

ג ר א ב ע. וואָס רעדט איר, געשעצטע פראו מארטא. איך בין גליקלעך, וואָס עס קלינגט אָט דער זייגער. דאָס איז א ווונדערבארער נירענבערגער זייגער. ער דערמאָנט מיר מײַן ווײַטע אומפארגעסלעכע קינדהײַט. איך דערמאָן זיך אונדזער פּארק, אונדזער גאָלדענע אלייע און דעם שלאָס אין גראבענאו, און אָט אזא, איר שטעלט זיך פאָר, פונקט אזא זייגער. איך דערמאָן זיך מײַן ליבע מוטער... זי האָט ליב געהאַט די מוזיק פון דעם דאָזיקן זייגער. ער האָט געשפּילט אן אלטע פּאָלקע, און קארל האָט געטאנצט מיט זײַן מינכען, אָט דאַ־אַ... און אזוי יעדע שאָ...

מ א ר ט א. איר האָט צערודערט מײַן נעשאָמע ביז טרערן, באראָן, אויך דער דאָזיקער זייגער האָט אמאָל געשפּילט, און שיין געשפּילט. נאָר איצט איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיך פארנעמען מיט אים. בא אונדז אין הויז שפּילט ניט דער זייגער, הער באראָן.

ג ו ס ט א ו ו (צערייצט). זיי וואָלטן אײַך אלעמען געשטערט, און פריִער פאר אלעמען אָט דעם פראנצן. ער האָט געהאַט דאָס דאָזיקע שפּילן סיפּעניש.

פראנץ. אנטשולדיקט מיר, פאָטער. איר האָט עפּעס באַהאַלטן אין זייגער. און איצט לייגט איר אַלץ איבער אויף מיר. איך האָב זייער ליב די גלעקעלעך און די פיגורקעס.

גראבע. היצט זיך ניט, מײַן ליבער.

סוזי. איך האָב ניט געוווּסט, אַז ער באַהאַלט דאָרט עפּעס. דעם שליסל, גוסטאַוו, דעם שליסל! איך וויל שוין וויסן, וואָס איר באַהאַלט דאָרט. מאַרטאַ, פראַנץ, עפּשער ווייסט איר, וואָס ער באַהאַלט דאָרט אויס?

גוסטאַוו (שעמעוודיק). דאָס איז דאָך אַ נאַרישקייט, אַ נאַיִווער סעקרעט, וועלכן...

גראבע. אָ, פאַר אונדז איז הייליק אײַער נאַיִווער סאָד, הער גאַנצקע. נאָר אונדז ווילט זיך אַזוי הערן די וווּנדערלעכע פּאָלקע. איר ווּעט דאָס טאָן צוליב דער פּרעכטיקער וואַלקירע. מיר ווּעלן אָנציִען דעם זייגער.

גוסטאַוו. נאָר דאָרט...

גראבע. וואָס איז דאָרט? פערדינאַנד, בעט אײַער פאָטער.

פערדינאַנד. גיב מיר דעם שליסל, טאַטע. דו האָסט געהערט. זײַן ווילגעבורט וויל אַזוי. (נעמט בײַ גוסטאַוון דעם שליסל).

סוזי. מיר גיט אים. איך וויל אַליין, אַליין. נו, דערלאַנג אַהער! (נערוועז). וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?

גראבע. גיט איר דעם שליסל, פערדינאַנד.

סוזי פּרוּווט עפענען דעם זייגער, נאָר עטלעכע מאָל טרעפט ניט דער שליסל אין דער נעסט. סאַפּקאָלסאָף עפנט זיך דאָס גרויסע טירל פון זייגער.

סוזי. ס'איז גאָרנישט ניטאָ. מע האָט אונדז פּאַשעט אָפּגענאַרט. גוסטאַוו, באַווײַזט, אָבער שנעלער, ווו איז אײַער סאָד. אַך, ניין... טוט אַ קוק... אינווייניק. פערדינאַנד, הייבט זשע אויף! (לאַכט).

גראבע. נו, הייבט אויף, פערדינאַנד. וואַלקירע בייזערט זיך!

סוזי. פלעשער! נאָר אַלע פּוסטע. ניין, אָט איז איינע אַ פולע, און נאָך איינע. וואָס איז דאָס, גוסטאַוו?

גוסטאַוו. איר דאַרפט מיך ריכטיק פאַרשטיין. ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען זיך ווענדן צום דאַזיקן זייגער. איך האָב דאָך ניט געקאָנט קעסיידער אָנקומען צו דער פרוי מאַרטאַ. אויסער דעם, הער באַראָן, האָב איך געוואָלט, אַז אַזאַ פּוטליאַר זאָל זײַן אָנגעפילט מיט אַ ווירדיקן אינהאַלט.

זאָל אָט דער-זייגער שטיל איצט זײַן,
מיר אויסבאַהאַלטן גוטן ווײַן.

אַלע. בראַוואָ! בראַוואָ!

גראבע. איך דענק, אַז מירן זיך ספּראַווען מיט זיי אויך.

פערדינאַנד. יאָוואָל, הער באַראָן.

גראבע. סוזי, אײַן פלאַש אײַך, די צווייטע — ווּעמען דאָס האַרץ ווּעט אײַך אונטערזאָגן.

סוזי. ווּעמען זשע? בײַ מײַן האַרץ פאַרפּלאָנטערט זיך די צונג. נאָר, ווּער האָט אונדז אַנטפּלעקט דעם סאָד? פראַנץ! ווּער האָט וווייניקער פון אַלע הײַנט געטרונקען? פראַנץ! (לאָזט זיך צו אים). ווּער האָט הײַנט געשפּילט אַ וווּנדערבאַרן וואַלס? פראַנץ!

גוסטאַוו. רויִיל זיך ניט, גלאָץ ניט מיט די אויגן, פראַנץ. טרינק מיט אים, סוזי, און אויב ער ווּעט זיך עפּעס דערווּעגן, וועל איך אים אַרײַנגיסן אין האַלדז מיט גוואַלד.

סוזי וויל אַרײַנגיסן ווײַן אין באָקאַל.

גראבע. ניין, פון דער פלאַש — זיך טשאָקען מיט די פלעשער און טרינקען ביזן דעק. אַ גרויסן קאָס פאַר דעם נירנבערגער זייגער.

פראַנץ. נאָר...

סוזי. טרינקט, פראַנץ.

מאַרטאַ (שעפּטשענדיק). טרינק ניט, פראַנץ! האָסט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט ניט געגעסן.

גוסטאַוו. דערווײַז כאָטש אויף אַזאַ אויפן, אַז דו ביסט מײַנער אַ זון.

פראַנץ און סוזי טשאָקען זיך. פראַנץ טרינקט אויס די פלאַש ווײַן ביזן דעק. גוסטאַוו גייט צו צום זייגער, ציט אים אויף. דער זייגער שפּילט אויס אַן אַלטע פּאָלקע.

ס ו ז י. אויסגעצייכנט! סארא ווונדערלעכער אָוונט ס'איז הײַנט. ווי אין גרימס מײַסע־לעך. איצט וואָלט זיך באַדאַרפט באַווײַזן א פֿייע! פראנץ, קומט טאנצן! די דאָזיקע פּאָלקע דערמאָנט אין א נײַאַר־טענענבוים.

פ ר א נ ץ (ער איז שטארק שיקער). קומט, סוזי. פארוואָס זאָל איך ניט טאנצן? (שמייכלט שיקער). איך וואָלט אויך אײַך געקאָנט דרייען אינדערלופטן...

ס ו ז י (לאכט). איך צווייפל. איך קלער, אז פאר אונדז וועט זײַן גלײַכער זיך ניט אָפּרײַסן פון דער ערד.

ג ו ס ט א ו ו (באַגײַסטערט). א הייליקע נאכט!

ג ר א ב ע. אנטשולדיקט מיר, גנעדיקע פראו מארטא, פארוואָס שטייט איר אײַנזאַם און ווישט די טרערן פון די אויגן? איך לאָד אײַך אײַן, און גלייב, אז איר וועט מיר ניט אָפּזאָגן.

מ א ר ט א. גאָט איז מיט אײַך! איך האָב שוין פארגעסן, וויאַזוי מע טאנצט, באַראָן.

ג ו ס ט א ו ו. נו, נו, באַווײַז מארטא, וויאַזוי מע האָט אמאָל געטאנצט, טו א קלאַפּ מיטן קנאַפּל, אלטיטשקע!

ס ו ז י (לויפט צו צו מארטען און טוט איר א קוש אין די ליפּן). אָ, דאָס וועט זײַן ווונדערבאַר!

פ ר א נ ץ. יאָ, יאָ, איצט דאַרפסטו, מאמע. דו טאָרסט זיך ניט אָפּזאָגן. יאָ, סוזי האָט געטרונקען, און איר איז גוט. איך האָב ניט געוואָלט, נאָר איך האָב דאָך געטרונקען און איצט איז מיר אויך גוט. טאנץ, מאמע! ווארט. קאַרל און מינכען טאנצן. דער פריילעכער קאַרל און מינכען! יאָ, סוזי, איר זײַט גערעכט: הײַנטיקע נאכט איז די נאכט פון גרימס מײַסעלעך...

מארטא טאנצט מיט גראבען, מע טאנצט סענטימענטאל, אין מאניר פון אמאָל. פראנץ איז אופגעגערעגט און שיקער.

ג ר א ב ע. איר זעט, וואָס עס באַטײַט אונדזער דײַטשישע נאכט! זאָלן קלינגען אונדזערע לידער, און זאָל די גאנצע וועלט זיי אויסלערנען אף אויסווייניק אונטערן געקלאַנג פון דעם נירנבערגער זייגער, מײַנע הערן!

ג ו ס ט א ו ו. האָך! האָך!

פ ר א נ ץ. ווארט צו, איין מאָמענט... איך דאַרף זאָגן... איך קאָן מער ניט שווײַגן... זאָגן, יאָ, מײַנע הערן...

מ א ר ט א. פראנץ, דו ביסט בלייך געוואָרן! עס דרייט זיך דיר דער קאָפּ. עפּשער...

פ ר א נ ץ. מאמע, שלאָג מיר ניט איבער, שלאָגט מיר קיינער ניט איבער! דאָס הארץ איז איצט בא מיר ווייך, ווי וואקס! הער גראבע... הער באַראָן רודאָלף פאָן גראבע... איר האָט זייער גוט געזאָגט וועגן אונדזערע לידער! יאָ, א גראנדיעזער זייגער, מע זעט אים פון אלע עקן פון דער וועלט, און אן אלטע ליד. א געקלאַנג, וואָס דערגרייכט אין אלע ווינקלען פון דער וועלט, און מיר טאנצן אלע, איין געקניפּטע מישפּאָכע... דײַטשן... און טרערן אף די אויגן... און דאָס הארץ איז ווייך, ווי וואקס. מיר איז זייער גוט, מײַנע הערן, און איך וואָלט געוואָלט...

מ א ר ט א (אומרויק). טרינק אויס א ביסל וואסער. עס ציטערן בא דיר די הענט, און די ציין קלאַפּן. קום, פראנץ!

פ ר א נ ץ. אָט זאָגט זי מיר „קום“. זי מיינט, אז איך קאָן זאָגן עפּעס, זיך ארויסכאַפּן. און איך וויל נאָר זאָגן... אז מײַן פאָטער איז געווען ניט גערעכט. יאָ, ער איז געווען אבסאָליוט ניט גערעכט! ער האָט אײַנגאנצן א טאָעס געהאַט, מײַן פאָטער.

ג ו ס ט א ו ו. וואָס נאָך האָסטו אויסגעטראכט, אפּטייקערישער וואָרעם.

פ ר א נ ץ (שמייכלענדיק). בייזער זיך ניט, פאָטער, נאָר דו ביסט, פארשטייט זיך, געווען ניט גערעכט. מע דאַרף קיינעם ניט מאכן אומגליקלעך: דראָען, שרײַען, קלאַפּן מיטן פויסט! מענטשן בלײַבן מענטשן. און איך בין א מענטש! און מערי ביג — איז אויך א מענטש.

מ א ר ט א (מיט קאס און שארף). פראנץ, דו ביסט שיקער און פלאַפּלסט, ווי א טיפּעש.

ג ר א ב ע (פארינטערעסירט). ניין, פראו מארטא. דאָס איז זייער גוט, וואָס אײַער זון זאָגט, און ס'איז ריכטיק, מיר דאכט זיך, אז איר באהאַלט עפּעס אויס, מײַן פרײַנט. עפנט אוף אײַער הארץ, און אײַך וועט גרינגער ווערן. עמעס, פערדינאַנד? ס'וועט אים ווערן א סאך גרינגער.

פ ע ר ד י נ א נ ד. דער הער באראָן איז גערעכט, פראַנץ. מע דאַרף ניט ציִען בא דער בעשאַמע. עס פּאַסט ניט פאַר קיין דײַטש.

פ ר א נ ץ. יאָ, דו ביסט גערעכט... צוליב וואָס פאַרציִען? איך בין א גוטער דײַטש, איך בין זייער א גוטער דײַטש. איר וועט איר העלפן, איך ווייס... זי זיצט דאָרטן, אין שפּײַכלער און ציטערט פון שרעק. זי איז וווּנדערבאַר!

פ ע ר ד י נ א נ ד. ווער, ווער איז זי?!

מ א ר ט א. מײַן אָרעם ייִנגל...

ס ו ז י. דאָס איז... ניין, עס קאָן ניט זײַן... מערי ביג! נאָר זי איז דאָך אוועקגעפאָרן.

פ ר א נ ץ. זי איז ניט אוועקגעפאָרן, סוזי, זי האָט פאַרשפּעטיקט. איצט איז זי דאָ, אין דעם קליינעם קעלער... אין שפּײַזקאַמער, און איך, איך בין גליקלעך, וואָס זי איז ניט אוועקגעפאָרן. איך האָב אײַך ניט געקענט, מײַנע טײַערע, איך האָב מוירע געהאַט פאַר איר. מערי ביג! די וווּנדערלעכע מערי ביג. מירן איר העלפן, ווײַל...

ג ר א ב ע. ווער איז עס אָט די מערי ביג?

אלע שווײַגן.

מ א ר ט א (שעפּטשענדיק). גאָט מײַנער, וואָס האָסטו געטאָן, פראַנץ!

ס ו ז י. א טענצערן און א זינגערן, באַראָן.

ג ר א ב ע. אָט יענע? די גאָלדענע ביג?! איך האָב זי אַמאָל געהערט אין פּאַריזש. נאָר ווי:אַזוי קומט זי אַהער? וואַרט נאָר, וואַרט. זי איז א ייִדישקע!

ג ו ס ט א ו ו. איר מעגט אין דעם ניט צווייפלען, הער באַראָן, א ייִדישקע פון אַלטן שטאַם, פון דער אורמוטער כאַווע.

ג ר א ב ע (מיט א געצנדערטן טאָן). נו, וועלן מיר א קוק טאָן אויף דער ייִדישקע ביג. רופט זי אַהער.

פ ר א נ ץ. אָט זעסטו, מאַמע. א דאַנק, באַראָן! איך בין גרייט קושן אײַערע הענט. איך האָט אַראָפּגענומען פון מיר א שווערע מאַסע. מאַמע, אָט זײַנען זיי די עכטע דײַטשן! אפילו מיר... הערן זיך צופּיל צו צו די רעכילעסטרײַבער און מישפּעטן אַלעמען לויט די געשרייען פון אונדזער פאָטער.

ג ר א ב ע (מיט א מינע פון עקל). ניכטערט זיך אויס, פראַנץ, שוין צײַט! טרינקט אויס קאַלטע וואַסער. הער גאַנצקע און איר, פערדינאַנד, ברענגט זי אַהער! איר ווייסט דאָך, ווו עס איז דאָס קליינע קעלערל, די שפּײַזקאַמער. איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס איר האָט גלײַך ניט קיין קוק געטאָן אַהין?!

פ ע ר ד י נ א נ ד. אַנטשולדיקט, מאַיאָר, איך האָב פּאַשעט פאַרגעסן וועגן דער עקזיס־טענץ פון דער דאָזיקער שפּײַזקאַמער.

ג ו ס ט א ו ו. ווער האָט זיך געקענט אָנשטויסן.

דאָס פייגעלע איז איצט בא אונדז אין דער שטײַג.
געגנוג שוין געזונגען, איצט זיץ דאָרט און שווײַג...

פ ר א נ ץ. נו, קומט גיכער, לאָמיר זי ברענגען. איר איז דאָרט שווער!

ג ר א ב ע. מע וועט זי ברענגען אָן אײַך. איר וועט פאַרבלײַבן דאָ. איך דאַרף מיט אײַך א שמועס טאָן, פראַנץ, און די פראַו מאַרטא וועט צוגרייטן קאַפע פאַר דער געפאַנ־גענער.

מ א ר ט א (גייט אוועק). גנעדיקער גאָט, זײַ אונדז מויכל די זינד!

ג ר א ב ע (טרוקן צו פראַנצן). אַלע ייִדן האָבן זיך געדאַרפט רעגיסטרירן אין דער ראַטושע. זי איז פאַרעגיסטרירט?

פ ר א נ ץ. ניין, הער באַראָן, פאַרשטייט זיך, אַז ניט!

ג ר א ב ע. ניין, איר פאַרשטייט וואָס איר רעדט, פראַנץ גאַנצקע? איר האָט דאָך געוווּסט וועגן דעם, אַז די ייִדן דאַרפן זיך פאַרעגיסטרירן אין דער ראַטושע?

פ ר א נ ץ. געוווּסט!

ג ר א ב ע. און איר האָט פאַרשוויגן אַזאַ פאַרברעכן קעגן געזעץ, קעגן פיורער? וואָס שווײַגט איר? אופשטיין, ווען עס רעדט מיט אײַך גראַבע! (פראַנץ שטייט אויף). די צונג האָט בא אײַך אָפּגענומען, וואָס שווײַגט איר? די ייִדן דאַרפן טראָגן געלע לאַטעס אויף דער האַנט. זי האָט אַזאַ בענדל, גאַנצקע?

פ ר א נ ץ (ווערט ניכטער). זי האָט ניט, הער באַראָן.

ג ר א ב ע. אויך דאָס האָט איר פאַרשוויגן, גאַנצקע? דערנאָך האָט איר זיך געווענדט

צו אונדז נאָך הילף! נאָך וועלכער הילף האָט איר זיך צו אונדז געווענדט? (פֿראַנץ לאָזט זיך אַראָפּ אין אָנמאַכט אַף דעם שטול). אופשטיין!.. און איר וואָגט נאָך צו שטאַמלען וועגן דײַטשלאַנד?!

פֿראַנץ (קוים וואָס מע הערט). איך האָב געמיינט, איך...

גראַבע. איר האָט געמיינט! וויאַזוי האָט איר געוואַגט צו מיינען. איך האָב געמיינט!..

סוזי (שעפּטשענדיק). הער באַראָן, ס'איז ניט קעדײַ צו פּאַטערן אַזויפֿיל ענערגיע.

גראַבע (העפֿלעך, נאָר שטרענג). שווײַגט, סוזי. איר דאַרפֿט זיך ניט אַרײַנמישן אין דעם דאָזיקן געשפּרעך. דאָס איז אַן ערנסטער געשפּרעך, ערנסטער, ווי איר מיינט.

סוזי. אָט, שרײַט איר שוין אַף מיר. און מיר האָט אַזוי זיך געוואָלט אײַך געפֿעלן, שטענדיק און אין אַלץ געפֿעלן זײַן, הער באַראָן. דער העסלעכער פֿראַנץ שטייט מיר שטענדיק אין וועג! איך בעט אײַך זייער, גיט אים ניט אַף אין קאַנצלאַגער. ער האָט עס פֿונדעסטוועגן ניט פֿאַרדינט. אָט האָט ער דאָך אַלץ אַליין דערציילט. ער האָט דאָך געוויינט, קוקנדיק אַף אײַך, ער האָט געוואָלט אײַך א קוש טאָן אין די הענט. און אויסער דעם האָבן מיר הײַנט געטרונקען מיט אים. (קאָקעטיש). און איך בין דאָך אײַער וואַלקיריע. איר האָט דאָך אַליין געזאָגט.

גראַבע (טוט א שמייכל). סוזי, סוזי...

סוזי. און אויסער דעם, איז געגאַנגען א קוק טאָן אַף מערי ביג, אַז דאָס האַרץ זאָל ניט אויסהאַלטן. איך אייפֿער אײַך שוין איצט צו איר. אַפּילע גוסטאַוו, אָ, אָט דער גוסטאַוו! ער אַפּילע האָט גענומען דרייען די וואָנצעס... וואָס זשע שווײַגט איר, פֿראַנץ? זאָגט, אַז אַלץ קאָן מען נאָך פֿאַריכטן. סײַ די געלע לאַטע, סײַ די רעגיסטראַציע.

פֿראַנץ (פֿאַרלוירן). איך האָב געמיינט, אַז מערי ביג...

גראַבע. מערי ביג! אָט וועמען איר דאַרפֿט קושן די פֿיס. (וויַזט אַף סוזין). איר זײַט געווען אַף א האָר פֿון דער גרוב, פֿון וועלכער מע קריכט זעלטן אַרויס! אײַער גליק איז, וואָס דאָ איז ניטאָ דער הער פֿישער, דומער קאָפּ!

סוזי (שטעלט אוועק א פֿוס אַף א בענקל). נו, זאָל ער קושן. איך וויל, ער זאָל א קוש טאָן, אויב איר האָט אַזוי באַשלאָסן, באַראָן. נו, איך וואַרט! (פֿראַנץ פֿאַרלוירן).

סוזי. נו! (צעלאַכט זיך, נעמט אַראָפּ פֿון בענקל דעם פֿוס). שרעקט זיך ניט, פֿראַנץ, איך האָב געשפּאַסט. נאָר דערפֿאַר דאַרף דער באַראָן מיר דערלויבן. (קושט אים אין די ליפּן). א דאַנק!

מאַרטאַ (קומט אַרײַן). אַנטשולדיקט, איך בין, דאַכט זיך, געקומען ניט צו דער צײַט.

גראַבע. ניין, פּינקטלעך צו דער צײַט. זי וועט באַלד קומען. מירן באַגעגענען מיט מוזיק דאָס מיידל פֿון רעוויו. זעצט זיך צום ראָיאַל, פֿראַנץ... ניין, איך זע, אַז איצט זײַט איר ניט פֿייִק מוזיצירן, גאַנצקע. ווו איז יענער אַלטער מוזיקאַנט? זאָל ער אויספּײַפֿן אַף זײַן פֿלייטע.

סוזי (שרײַט אַרײַן אין דער טיר פֿון עס־צימער). הער פּאַלעציס, קומט אַרײַן! איר זײַט דאָרט אײַנגעשלאָפֿן?!

פּאַלעציס (קומט אַרײַן). איך האָב געטראַכט, סוזי. די לעצטע צײַט האָב איך ליב באַקומען צו טראַכטן.

סוזי. שפּילט עפּעס אויס פֿאַר מערין, הער פּאַלעציס.

פּאַלעציס. מערי?! וואָס רעדט איר, סוזי? פֿאַר וועלכער מערי? זי איז דאָך ניטאָ.

סוזי. באַלד וועט זי אַרײַנקומען, הער פּאַלעציס. דער באַראָן וויל, אַז איר זאָלט שפּילן.

גראַבע. זי גייט. הייבט אָן. פֿלינקער!

פּאַלעציס. גוט, איך האָב מוזיק פֿאַר מערין.

פּאַלעציס וויל אָנהייבן שפּילן. עס עפֿנט זיך די טיר און גוסטאַוו מיט פֿערדינאַנדן פֿירן אַרײַן די אונטערהינקענדיקע מערי. אירע האָר זײַנען א ביסל צעפּאַטלט. דאָס פּנים בלאַס, אויסגעמאַטערט.

מאַרטאַ. אָט האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט, טײַערע מערי. איר זײַט מיד. גאָט מײַנער, ווי בלאַס איר זײַט! קיין טראָפּן בלוט אין פּנים. און דער פֿוס? איר זײַט געוויס הונגעריק און ווילט טרינקען, מערי? אָט האָב איך צוגעגרייט אײַך קאַפֿע. זעצט זיך, איר טאָרט ניט שטיין.

מערי שווײַגט. א פֿאַרלוירענע קוקט זי אַפּ באַראָן, אַף סוזין, אַף פּאַלעציסן.

פּאַלעציס. דאָס מאָל איז אונדזער באַגעגעניש פּאַרגעקומען פריִער, ווי איך האָב געמיינט, מערי.

פּערדינאַנד. מײַן שעף און פריַינט רודאָלף גראַבע פאָן גראַבענבורג. מערי ביג.

גראַבע. זייער אָנגענעם.

סוזי. אוי, אוי, ווי איר האָט זיך עס געענדערט, מערי. איר זײַט אײַנגאַנצן אָפּגעשליסן און אָפּגעריסן. מאָרגן וועל איך אײַך ברענגען זאָקן און אַ קלייד.

גראַבע. צוליב וואָס? דאָרטן, אין רעוויר, איז זי געוווינט צו באַוויַזן אַ סאַך מער, ווי עס קוקט אַרויס פון די דאָזיקע לעכער. עמעס, ביג? (מערי שווײַגט). איר זײַט ניט העפלעך. אַ שאָד! אײַער שווײַגן איז אַ סימען פון אומדאַנקבאַרקײַט.

מערי. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס איר פרעגט מיך, באַראָן. איך בין אין פיבער. דער קאָפּ טוט ווי.

גראַבע (רײַבט זי איבער). אָך, איך קאָן אײַך, די שטערן! שטענדיק וועט איר געפינען עפּעס אַ טערעץ אַף קאַקעטירן. נאָר אויב מע זאָל ערנסט אַ טראַכט טאָן, האָט אַ מיידל פון רעוויר ניט געדאַרפט זיך אָפּזאָגן אַ שמייכל צו טאָן, ווען מע לאַדט זי אײַן אין אַ לײַטיש הויז.

מערי. איר ווילט מיך באַליידיקן, באַראָן. איך בין אומעכטיק אײַך צו ענטפערן. מיר איז בלויז שווער צו פאַרשטיין, פּערדינאַנד, צוליב וואָס איר האָט מיך געבראַכט אַהער... און איצט האָב איך ניט קיין קויעך אוועקצוגיין פונדאַנען.

גוסטאַוו. ווונדערלעכע מערי, איר האָט ניט וואָס צו ציטערן, קיינער וועט אײַך דאָ קיין בייז ניט טאָן.

סוזי. וואָס זשע האָט איר זיך אַזוי אַרופגעוואָרפן אַף איר? לאָזט זי אָפּעטעמען, קומען צו־זיך. איר האָט אוודאי ניט געהאַט קיין שפּיגעלע. אָט, ברענגט זיך אין אָרדענונג.

מערי. אַ דאַנק, סוזי, איך האָב געהאַט אַ שפּיגעלע, און אַלץ איז אין אָרדענונג. איך בעט אײַך זייער, מײַנע הערן, ניט לייגן אַף מיר קיין אכט. ווען איך בין אַרײַנגעקומען אַהער, האָט מען געשפּילט, און איצט... איר ווייסט... פראָו מאַרטאַ, פּערדינאַנד האָט זיך זייער געענדערט. איך וואָלט אים בעשום־אויפן ניט דערקענט. עמעס, מיר ענדערן זיך אַלע.

פּערדינאַנד. מערי, לאָמיר ניט ריידן וועגן מיר, לאָמיר זיך ניט פאַרנעמען מיט דערינערונגען וועגן דעם, וואָס איז געווען אַמאָל. איצט איז ניט די צײַט דערוף און איך ראַט אײַך ניט מעסטן מיט די געוועזענע מאָסן. איצט זײַנען אַנדערע קאָאָרדינאַטן, נײַע אויסמעסטונגען. די ערד פון אַדאַמען האָט זיך געענדיקט. איצט זײַנען אַנדערע געזעצן.

מערי (אַ ביסל דערשראָקן און פאַרוווּנדערט). יאָ, יאָ, אַנדערע געזעצן...

גראַבע. גענוג, פּערדינאַנד! איך אַכט טיף אײַערע פילאָסאָפישע דעראָבערונגען, איר ווייסט עס, נאָר...

פּערדינאַנד. יאַוואָל, הער באַראָן. טרינקט, מערי!

מערי. אַליין?

גוסטאַוו. מיר האָבן אַלע שוין געטרונקען, פרײַלן, און איצט וועלן מיר נאָר צוקוקן, אַזוי צו זאָגן. אַן אומפאַרגעסלעכע מינוט — מערי ביג דערנערט זיך אין קרײַז פון אירע פרײַנט!

מאַרטאַ. ניין, גוסטאַוו, איך האָב נאָך ניט געטרונקען קיין קאַפּע. איך וועל מיט פאַרגעניגן אויסטרינקען מיט אײַך, מערי.

מערי. אַ דאַנק, פראָו מאַרטאַ. איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר.

גראַבע. גנעדיקער גאָט! טרינקט שוין סאַפּקאָלסאָף! ניט צוליב דעם האָבן מיר דאָך אײַנגעלאַדן אַהער מאַריאַמען. מיר ווילן הערן איר באַרימטע שטים און זען אירע פּרעכטיקע טענץ. ניט אַזוי, הער פראַנץ?! (פראַנץ שווײַגט). איך פרעג דאָס אײַך, פראַנץ גאַנצקע.

פראַנץ. יאָ, איר זײַט פולקאָם גערעכט, הער באַראָן.

מערי (רוקט אָפּ די קאַפּע און ווענדט זיך צו פראַנצן). דאָס זײַט איר. איר זײַט דאָ, וויַזט זיך אַרויס. איך פאַרשטיי אײַך ניט. איר ווילט, אַז איך... פראָו מאַרטאַ, הער גאַנצקע... סוזי... פראַנץ... פראַנץ, וואָס באַטײַט דאָס? דאָס איז ניט קיין ערלעכע שפּיל. איך פאַרשטיי ניט... פראַנץ?! דאָס האָט ער אײַך געשיקט צו מיר?.. צוליב וואָס, צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן, פראָו מאַרטאַ?

מאַרטאַ (שווײַגט).

סוזי. זאָגט זשע עפּעס. וואָס שווײַגט איר אַלע, מײַנע הערן? מערי, איר דאַרפט אומבאַדינגט זינגען, אויב דער באַראָן וויל דאָס.

מ ע ר י. נאָר איך קאָן דאָך ניט זינגען. דאָס מויל עפנט זיך בא מיר ניט. איך קאָן ניט קיין טראָט טאָן מיטן פוס.

ג ר א ב ע. איך דערלויב אײַך מאַניפּולירן מיט איין פוס.

מ ע ר י. פראַנץ, איך דאַרף זינגען? ענטפער מיר, פראַנץ!

ס ו ז י. יאָ, מערי, טײַערע. פון אײַערע אַלטע לידער געדענק איך לויט די פּלאַטן:

אָף בארג־שפּיצן, סאַמע פון אויבן
האָבן יעגערס געפונען א קינד...

פ ר א נ ץ (ניט דרייסט). און איך האָב אַמאָל ליב געהאַט די ליד וועגן עסקימאָס:

אין שניי, אין צאַפּנדיקע בליצן
געשטאַנען איז באַם טשום אַן עסקימאָס...

ג ר א ב ע. ניין, ניין, ניט דאָס. אויב איין אַזאַ נאַכט הערן דײַטשן א יידישקע, איז זאָל זי, די דאַזיקע יידישקע, דערוויַיזן, אַז זי פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט, עמעס, פערדינאַנד?

פ ע ר ד י נ א נ ד. עמעס, הער באַראָן. זי פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט.

ג ר א ב ע. אָט די קופּלעטן זײַנען איצט פּאָפּולער אין בערלין, זאָל ביגמאַן זיי אויס־זינגען מיט פײַער:

דער ייִד באַשאַפן איז דער ערשטער,
ער האָט פאַרכאַפּט דעם טײַוולס אָרט.
פון אַלדאָס בײַז איז ער דער הערשער.
דער טײַוול איז א ייִד פון צווייטן סאָרט!

זאָל זי ניט בלאַס ווערן, ביגמאַן. ס׳איז גאָרניט שרעקלעך. ס׳איז דען ניט אַלצייינס מעריז, וועגן וואָס צו זינגען אין רעוויו? (טוט א ריס די בלוזקע אָף מעריז, עס אַנטפּלעקט זיך איר הוילער אַקסל.)

פ ר א נ ץ. הער באַראָן! וואָס טוט איר? צוליב וואָס?

ג ר א ב ע (צערייצט). צוליב וואָס? אײַך, זע איך, געפעלט, די זעלבסטצופרידענע פּרעכ־קײַט פון דער דאַזיקער מויד, וואָס קוקט אונדז גלײַך אין פּאָנעם און וויל מיט איר גאַנצן אויסזען אירן אַרויסרופן באַ אונדז מיטגעפיל. מיר דאַכט, אַז בא איינער האָט זי זיך דערשלאָגן דערפאָלג. אָט, אַפילע איצט, טוט א קוק, סוזי, זי פּרוווט אַפילע ניט צודעקן דעם אַקסל. אָך, די ייִדישע אומפאַרשעמטקײַט און גרויסהאַלטערײַ! פּראָו מאַרטאַ, איר זעט, זי רעכנט אונדז ניט פאַר קיין מענטשן. זי האָט זיך ניט וואָס צו שעמען.

פ ר א נ ץ (א פאַרצווייפלטער). זינגט, מערי, ס׳איז דען ניט אַלצייינס, סאָפקאָלסאָף... טײַערע מערי... איך האָב דאָך געוואָלט, אַז...

מערי ציט אויס די האַנט און דערלאַנגט אים א פּאַטש. פּאַוזע.

ג ר א ב ע. נו, איצט זעט איר שוין, ווער פון אונדז עס קען זיי בעסער! אָט איז איר דאַנקבאַרקײַט, פראַנץ. צום טײַוול! א יידישקע האָט א פּאַטש געטאָן א דײַטש! (צעשפּיליעט די קאָבורע).

מ א ר ט א. (טוט א פּאַטש מיט די הענט). גאָט מײַנער אַלמעכטיקער!

פ א ל ע צ י ס. הער באַראָן!

ג ר א ב ע. און דער ווער איז?!

פ א ל ע צ י ס. א מײַסטער פון אינסטרומענטן און א פליייטיסט, פאַלעציס רופט מען מיך.

ג ר א ב ע. א פּרעמדער און מישט זיך אַרײַן אין א שמועס פון דײַטשן?! (רײַסט אַרויס די פליייטע פון פאַלעציסעס הענט). דער פליייטיסט וועט מער ניט שפּילן אָף דער פליייטע, וואָס האָט א גאַנצן אָוונט געניועט, ווי אָף א לעווײַע! ער וועט זיך ניט אַרײַנמישן אין דעם שמועס! (צעברעכט די פליייטע).

מערי פאַלט כאַלאַשעס.

ג ר א ב ע (קוקט אַרײַן מאַרטען אין פּאָנעם). איך זע אין אײַערע אויגן שרעק. עפּשער זײַט איר גערעכט — עס לוינט ניט פאַרשמוצן די ריינקײַט פון אײַער דײַטשישן גאַסט־צימער מיט קיין בלוטיקן פינאַל.

פ ע ר ד י נ א נ ד. א פונקט באַוועגט זיך אין רוים, ער לאָזט א סימען... און דער סימען איז א ליניע. פון ליניעס באַשטייט די וועלט!.. מע דאַרף אָפּרייניקן די וועלט פון איבעריקע ליניעס! און די דינסטע, די אומזעבאַרע אויסרײַסן און ראַטעווען...

גראבע. איך פאַרשטיי ניט אַלץ, פערדינאַנד, נאָר איר זײַט, פאַרשטייט זיך, גערעכט. אָפּשיקן זי אַהין, אין דער יידישער לאַגער? אוועקטראָגן!

פערדינאַנד און גוסטאַוו טראָגן אַרויס מערין.

גראבע. פראַו מאַרטאַ, איך גלייב, אַז איך קאָן גיין צו זיך. איך מיין, אַז דעם אָוונט וועלן מיר ניט פאַרזעצן. (קוקט זיך אַרום, גענעצט). סוזי, קומט אַרײַן צו מיר אַף אַ מינוט. איך האָב אײַך עפּעס געוואָלט זאָגן, פריילין.

סוזי. ניין, הײַנט וועט עס ניט זײַן, הער באַראָן. עס טוט מיר מוירעדיק ווי דער קאָפּ, און אײַערע ווערטער וועל איך ניט פאַרשטיין. ניין, מירן עס אָפּלייגן אַף אַ צווייט מאָל.

גראבע. ווי איר ווילט. (גענעצט). מירן וואַרטן.

סוזי. אַנטשולדיקט, באַראָן.

גראבע. וואָס קאָן מען מאַכן. אַ גוטע נאַכט. (גייט אַוועק).

סוזי (לאָזט זיך צו פראַנצן). פראַנץ, פראַנץ, וואָס האָט איר אָפּגעטאָן, פראַנץ! איר זעט, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט.

פראַנץ. סוזי, אין אַזאַ מינוט דאַרף איך פילן, אַז איר זײַט מיר אַ פרײַנט. איך בין דאָך איינער אַליין. מערי... מערי! נאָר פאַרוואָס האָט זי מיר אַ פּאַטש געטאָן?

סוזי. שווײַגט, פראַנץ, לאָמיר וועגן איר ניט ריידן. מערי ביג — דאָס איז שוין גע־שיכטע, און יענע לעבעדיקע מערי... בעסער ניט טראַכטן. הײַנט האָבן מיר זיך געזעגנט מיט מערין.

פּאַלעציס. הײַנט האָבן מיר זיך אַלע געזעגנט איינער מיטן אַנדערן, פראַנץ.

מאַרטאַ. גאָט מײַנער, וואָס שטאַרקט דעם גײַסט און היילט די קרענק, העלף מײַן זון פערדינאַנדן. (צו אַלעמען). ער איז דאָך אַ מעשוגענער. שוין זשע זעט איר דאָס ניט?! מײַן זון פערדינאַנד איז מעשוגע!

פראַנץ (שטיל). קאָן זײַן, מאַמע, אַז דו ביסט גערעכט. זיי ווילן מיר בינדן די הענט און די פיס. דו האָסט געזען, ווי אַזוי עס האָט געקוקט אַף מיר דער באַראָן? יאָ, בא גראַבען איז ווירקלעך אײַזערנע הענט. זיי האַלטן מיך פאַר אַ שלעכטן דײַטש און גרייטן אַ באַשול־דיקונגס־אַקט. מירן נאָך זען!.. איך וועל נאָך אַלעמען באַווײַזן... העלפט מיר, סוזי... איר קאָנט.

סוזי. גוט, איך וועל אײַך העלפן, פראַנץ. נאָר באַרויִקט זיך. (צעלאַכט זיך פּלוצעם). כאַטש, אייגנטלעך גערעדט, פאַרשטיי איך ניט, ווער צווינגט מיך אײַך צו העלפן... צײַט צו גיין. אַ גוטע נאַכט, מאַרטאַ.

מאַרטאַ. אַ גוטע נאַכט, סוזי.

יאַן פּאַלעציס נעמט צונויף די טיילן פון דער צעבראָכענער פלייטע.

מאַרטאַ. אַרעמער יאַן. איר וועט נאָך צונויפקלעפּן אײַער פלייטע.

פּאַלעציס. ניין, די דאָזיקע פלייטע וועל איך שוין קיינמאָל ניט צונויפקלעפּן, קיינמאָל... עס קלינגט ווידער דער נירנבערגער זייגער.

פראַנץ (שטיל, זייער אומרויִק). מײַן טאָגבוך. ווו איז מײַן טאָגבוך?

פאָרהאַנג

דער דריטער אַקט

דאָס פערטע בילד

א קויטיק געדרייט געסל. איצט וווינען דאָ די יידן. דאָ, אינעם קוואַרטאַל פון דער יידישער אָרעמשאַפט, אין די געטאָ, ווי אַ שוואַרץ זעגל הענגט דער דאַך פון בעסמעדרעש. פון דער אַנדערער זײַט הויכט זיך אַ מאַסיווער קאָרפּוס פון דעם יידישן שפּיטאָל. עס דער־מערט. אין מעשעך פון דעם בילד פאַלט צו די נאַכט.

א צערוינירט הויז. אין דעם דאָזיקן הויז הינטער אַ פאָרהענגל ליגט אַ קראַנקע כאַנע. פאַרן הויז — אַ באַנק, אַ צעקלאַפּטער פאַרקן פון אַ גערטנדל, אַ צעקאַליעטשעטער בוים פון אַ באָמבע. אַף דער באַנק לעבן בוים — מערי און פראַנץ. פראַנץ איז אין אַ נײַעם ציווילן מאַנטל. ווען עס צעעפענען זיך די פאָלעס, זעט מען זײַן נײַע פאָרמע.

פראַנץ. איר האָט זיך שוין פאַרעגיסטרירט, מערי, און מאָרגן וועט איר דאַרפן גיין אַף אָט דער שווערער אַרבעט, צום קאַנאַל. איך קאָן דאָס ניט דערלאָזן. איר שווײַגט. איר ווילט אַף מיר אַפילו קיין קוק ניט טאָן.

מ ע ר י (קאַלט). וואָסווילט איר פון מיר, פראַנץ? מיר האָבן דאָך שוין געזאָגט אַלץ איינער דעם אַנדערן.

פ ר אַ נ ץ. מערי, טײַערע מערי, איך האָב געדאַרפט אויסקלײַבן — אָדער דײַטשלאַנד אָדער אײַך. שוין זשע האָב איך געקאָנט האַנדלען אַנדערש?

מ ע ר י. גאָט מײַנער, סאַראַ געמיינהייט, פראַנץ, און צוליב דעם זײַט איר געקומען אַהער, אין דער פאַרשאָלטענער געטאָ.

פ ר אַ נ ץ. בייזערט זיך ניט, מערי. איך האָב בּיז איצט אײַך ליב, ווי אַמאָל. איר פאַרשטייט, מערי, נאָך מער ווי אַמאָל. נאָר איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס לעבן איז ניט קיין קינדערשער טאָגבוך.

מ ע ר י. יאָ, פראַנץ, איר האָט זיך שנעל אײַן אַלץ פאַנאַנדערגעקליבן. וואָס זשע ווילט איר פון מיר?

פ ר אַ נ ץ. איצט אַרבעט איך מיטן ברודער, מערי.

מ ע ר י. אָט דאָרט אין שפּיטאָל?

פ ר אַ נ ץ. איר האָט זיך עפּעס שטאַרק דערשראָקן, מערי?

מ ע ר י. וואָס ווילט איר פון מיר, פראַנץ? מײַן מוטער איז קראַנק. איך קאָן זי אויף לאַנג ניט איבערלאָזן אַליין.

פ ר אַ נ ץ. איך פאַרשטיי, פאַרוואָס איר האָט זיך אַזוי דערשראָקן. איך בין פון אָנפאַנג אויך געוועזן אויסער זיך, נאָר בייס אַ מילכאָמע, ווען עס פאַלן אויפן פראָנט מיליאָנען, וואָס באַטײַטן די טויזנטער, וועלכע קומען אום אָט דאָ, דאָס זײַנען בלויז איינצלהייטן, אַזוי פאָדערט די מילכאָמע, — זאָגט פערדינאַנד. איז ער דען ניט גערעכט?

מ ע ר י. שווײַגט, פראַנץ! איך בעט אײַך, גייט אײַך אַוועק, גיכער גייט אַוועק. איך קאָן ניט זײַן מיט אײַך.

פ ר אַ נ ץ. דאָס, וואָס די גאַנצע שווערקייט פון דעם דאָזיקן שפּיטאָל פאַלט דערווײַל אויף די ייִדן, דאַרף אײַך ניט כידעשן, מערי, איר ווייסט דאָך, וואָס פאַראַ גורל דער פירער האָט באַשטימט פאַר אײַער פאָלק, און ניט נאָר פאַר אײַערן... די פראַנצויזן, טשעכן, די רוסישע, זיי אַלע דאַרפן אָפּטרעטן, פאַלן. דאָס איז דער געזעץ פון דער געשיכטע... צופיל גאָרגלען שלינגען זויערשטאָף, און זויערשטאָף איז ווייניק און די ערד איז צו קליין. די פיס פון דער אַרמיי זײַנען די פיס פונעם כירורג, זאָגט פערדינאַנד, און אויב עס זײַנען נייטיק מענטשלעכע קאָרבאָנעס אויף צו שטאַרקן די אַרמיי, איז דען ניט לאָגיש, וואָס מע נעמט גראָד בײַ די ייִדן בלוט אויף צו פאַרגרעסערן די רעזערוון פונעם דאָקטאָר גאַנצקע. (מערי שטייט אויף, לאָזט זיך גיין. פראַנץ כאַפּט זי פאַר דער האַנט). ניין, איר וועט נאָך ניט אַוועקגיין, מערי. איך בין געצוווּנגען צו ריידן מיט אײַך וועגן אָט די שרעקלעכע זאַכן טאַקע דערפאַר, טאַקע אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרף איך אײַך עפּעס זאָגן. (שעפּטשעט). פערדינאַנד און איך, מיר ביידע קאָנען ניט דערלאָזן, מיר ווילן ניט דערלאָזן איר זאָלט אומקומען, מערי. איר וועט לעבן! מערי, הײַנט, ווען מע וועט אײַך אַרויסרופן אַהין, דאַרפט איר זיך ניט שרעקן. פערדינאַנד האָט געבעטן אײַך זאָגן וועגן דעם. (מערי פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעם). איר וויינט, מערי?

מ ע ר י (נעמט האַסטיק צו די הענט פונעם פּאָנעם). ניין, גייט, פראַנץ. איר הערט. עס קרעכצט מײַן קראַנקע מוטער. זי שטאַרבט, פראַנץ, לאָזט מיך אָפּ און גייט.

פ ר אַ נ ץ. גוט. נאָר איידער איך וועל אײַך אָפּלאָזן, וויל איך אײַך זאָגן, מיט וואָס פאַר אַ ציל איך בין געקומען אַהער. איך וויל ניט לייקענען, מערי. מערי, קערט מיר אום דעם טאָגבוך. זאָגט, ווו איז ער? איך וויל אים איבערלייענען, טאָג נאָך טאָג, אַ שורע נאָך אַ שורע און טראַכטן וועגן אײַך. איך האָב איבערגעקערט דעם שפּײַכלער און אים ניט געפונען, מערי. עפּשער האָט איר אים גענומען מיט זיך? גיט מיר אים אָפּ!

מ ע ר י. אָך, אָט אַזוי גאָר! דערפאַר זײַט איר עס געקומען. איך פאַרשטיי איך, נאָר צום באַדויערן, האָב איך ניט אײַער טאָגבוך, פראַנץ.

פ ר אַ נ ץ. ווו זשע איז ער? איר וועט מיר זאָגן, ווו ער איז? עפּשער האָט איר אים אַרויסגעוואָרפן, פאַרברענט?

מ ע ר י. ניין, פראַנץ, איך האָב אים ניט אַרויסגעוואָרפן און ניט פאַרברענט. אָך, ווי זײַט בלאָס געוואָרן, פראַנץ!

פ ר אַ נ ץ. מערי, ווו איז ער?

מ ע ר י. ער איז בײַ פערדינאַנדן. ער האָט אים גענומען בײַ מיר דעמלט, ווען ער איז געקומען צו מיר אין שפּײַכלער.

פ ר א נ ץ. באַ פערדינאַנדן?! דאָס איז שרעקלעך! מאָרגן, ווען איר וועט זייַן באַ אים, בעט, ער זאָל אים אייַך אָפּגעבן, אָדער כאָטש ווייַזן. איך מוז וויסן, ווו ער איז.

מערי גייט אוועק אין שטוב. פראַנץ הערט זיך צו. פון הינטער דער וואַנט דערטראָגט זיך די קאָמאַנדע און די אויסגעשרייען פון גוסטאַוו גאַנצקע. פראַנץ פאַרקנעפּלט דעם מאַנטל, שטעלט אוף דעם קאָלנער און גייט גיך אַוועק. די בינע איז פּוסט. עס דערטראָגט זיך די קאָמאַנדע: „זעצן זיך!.. אופשטיין!.. זעצן זיך! אופשטיין!" אַף דער בינע באַווייַזט זיך גוסטאַוו גאַנצקע, לוריע, געלער, הענעך, באָרעך.

ג ו ס ט א ו ו (צו די אַלטע). מייַנע הערן! עס דערנעענטערן זיך שווערע צייַטן פאַר אַלע אייַערע... אַזוי האָט באַשלאָסן דער פירערר אין דייַטשלאַנד. איר וועט סייַוויסיי מיט זיך ניט מיטנעמען אַף יענער־וועלט דאָס פאַרמעגן, די זאַכן, די גאָלדענע ציין. דערקלערט עס אייַעריקע. אויב עמעצער פון זיי האָט פאַרבאַהאַלטן ווערטפולע זאַכן, שטיינער, גאָלד, זאָלן זיי זאָגן וועגן דעם דאָ. פאַר זיי וועט נאָך זייַן אַ שטיקל האָפענונג.

מ יי ע ר. אַלץ איז קלאָר, גאַנצקע!

ג ו ס ט א ו ו (שרייַט). איך בין דיר ניט גאַנצקע!

מ יי ע ר. באַפרייַט די שוואַנגערע און די קינדער פון דער אַרבעט, הער אינספּעקטאָר. דער, וואָס הארגעט אַ קינד אין בויך פון דער מוטער, האָט אופגעהויבן זייַן האַנט קעגן גאָט און זייַן וועלט, אַזוי ווערט געזאָגט אין איינעם פון אונדזערע ספאָרים.

ג ו ס ט א ו ו. זאָל דער ייִד ניט פּלאַפּלען, זייַנע ביכער וועלן אונדז גאָרניט אויסלערנען.

גוסטאַוו גייט אַוועק. די זקיינים צעגייען זיך. נאַכט. עס שייַנט די לעוואָנע. לעבן דער קראַנקער מוטער זיצט מערי. מייער קומט אַרייַן, וואַשט די הענט, גייט אויך צו צו כאַנען.

כ א נ ע (דרייט זיך אויס אַף דער קיך־באַנק, ווו זי ליגט). מירעלע, מאַריאַם! דו ביסט געקומען. איך זע דיך ניט... איך האָב פאַרלוירן די קויכעס און איך זע שוין גאָרניט.

מ ע ר י. וואָס האָבן זיי געטאָן מיט דיר, מאַמע?

מ יי ע ר. וואָס טוט פערדינאַנד?! ער האַרגעט...

כ א נ ע (שטיל). זיי האָבן גענומען דאָס גאַנצע בלוט מייַנס, דאָס גאַנצע בלוט. איך פאַרשטיי ניט, צו וואָס זיי דאַרפן עס, מייַן בלוט. איצט זע איך ניט דיך, ניט דעם טאַטן. איך הער שוין שלעכט, מירעלע... מאַריאַם, טאָכטערקע מייַנע. דו ביסט ניט אַוועקגעפאָרן, מייַן פייגעלע. איך האָב שוין געוווּסט וועגן דעם, און הענעך האָט געוווּסט. האָסט פאַר־שפּעטיקט. כ'האָב אַזוי מוירע געהאַט פאַר דיר. נאָר דו לעבסט, דאַנקען גאָט, און דייַן זיידע איז לעבן דיר. איר ביידע וועט מיר מויכל זייַן. איך האָב דאָס גאַנצע לעבן מייַנס ניט געקענט לעבן, און איצט איז שוין ניט־מעגלעך עפּעס צו ענדערן.

מ ע ר י. מאַמע, מאַמע!

כ א נ ע. וויין ניט, מאַריאַם, וויין ניט. ס'איז דען געווען אַף דער וועלט אַזאַ מענטש, וואָס איז ניט געשטאָרבן? עפּשער וועט זיך ערגעץ געפונען אויך פאַר מיר אַן אָרט.

מ ע ר י. מאַמע, דו דאַרפסט מיך פאַרצייַען. דו ביסט שטענדיק אַלעמען מויכל געווען. איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען בלויז אָט ערשט. יאָ, מאַמע, דאָרט, אין דער גרוב... כ'האָב דאָרט אַ סאַך איבערגעטראַכט. כ'האָב זיך אַלץ דערמאָנט און אַלץ פאַרשטאַנען. דו פלעגסט אָנצינדן די שאַבעס־ליכט, דייַן פּאָנעם האָט זיך געלויכטן. די פייַערן האָבן זיך געוויגט פון דייַן אָטעם. דו האָסט מיר דערציילט וועגן גאָט, וואָס איז אַמאָל געפלויגן, ווי אַ פייַערדיקער זייַל פאָרויס זייַן פאָלק... אָט דער פייַער־זייַל האָט געטאַנצט, און ס'איז ניט געווען קיין נאַכט. דאָס איז געווען מייַן קינדהייַט, מאַמע. דו הערסט?! דו הערסט מיך, מאַמע?

כ א נ ע. רעד, טאָכטערקע, איך הער...

מ ע ר י. און איצט ברענט דער דאָזיקער פייַער־זייַל איבער דער שטאָט... אַלע נאַכט טאַנצט ער, און איך טאַנץ מיט אים און זינג לידער און די מענטשן איז פריילעך... זאָג מיר, מאַמע, שוין זשע קאָן דער דאָזיקער זייַל פאַרלאָשן ווערן, שוין זשע וועט ניט ווערן פריילעכער אַף דער ערד?

כ א נ ע. דו ביסט גערעכט, מירעלע. אַף דער ערד דאַרף זייַן פריילעך. אויב ניט, איז צוליב וואָס וואָלט מען באַדאַרפט אויסטראַכטן אָט די גאַנצע ערד, מירעלע? טאָכטערקע, גיב מיר דייַן האַנט... און איך האָב טאַקע ניט געהערט דייַנע לידער, מאַריאַם. טאַטע, זעץ זיך אַהער, אַדאַנק דיר, טאַטע. אַ דאַנק דיר, מאַריאַם, וואָס דו לעבסט. נו, אָט־אָט... מירעלע, דו לייג זיך ניט לעבן דעם פענצטער, דאָרט בלאָזט, ווי פון אַ קעלער. (פאַרשטילט גע־בליבן).

מ ע ר י (שטיל). געשטאָרבן.

מ י י ע ר. געשטאָרבן. זאָל געבענטשט זײַן דײַן עמעס, גאָט אין הימל! כאָזער איבער, מירל.

מ ע ר י. זאָל געבענטשט זײַן דײַן עמעס, גאָט אין הימל.

מ י י ע ר. דעק איר איבער דאָס פּאָנעם. זאָל זי כאָטש נאָכן טויט ניט זײַן דאָ. שלאָפֿן! מאָרגן שטייט ווידער פּאָר די בלאָטע און די שמוץ, דער קאַנאַל און דער געשריי פֿון גוסטאַוו גאַנצקע! לעבן איז שרעקלעכער, ווי דער טויט, מירל. מע דאַרף צוגעווינט ווערן דערצו. (צעשפּרייט זײַן פּידזשאַק, לייגט זיך אַפּן דיל).

מ ע ר י (קוקט אַפּן זיידן). שטיל. אַפּן טורעם קלינגט דער זייגער). איצט קאָן ער שלאָפֿן! מענטשן זײַנען איצט ניט קיין מענטשן, מאַמע... (עמעצער קומט אַרײַן).

ה ע נ ע ך. מערי!

מ ע ר י (קערעוועט זיך אויס). העניך! (וואַרפֿט זיך צו אים. נעמט אים אַרום). העניך... העניך!

ה ע נ ע ך. ציטער ניט, ציטער ניט, מערי. נעם זיך אין די הענט.

מ ע ר י. העלף מיר, מיר איז שרעקלעך, העניך!

ה ע נ ע ך. באַרויִק זיך, מערי.

מ ע ר י. איך האָב שוין געזען יענע... געעטעמט מיט זייער לופֿט... מיר איז שרעקלעך, העניך. און דאָ, טו אַ קוק... מייער לוריע, מײַן זיידע, מייער לוריע שלאָפֿט. איצט שלאָפֿט ער. זײַן טאָכטער איז געשטאָרבן, און ער שלאָפֿט! ווי שטענדיק, ווי דאָס גאַנצע לעבן. מײַן מאַמע איז געווען אַ הייליקע, און ער שלאָפֿט! און איך... וואָס זאָל איך טאָן? מע דאַרף דאָך עפּעס טאָן, העניך! אַזוי קאָן מען דאָך אַראָפּגיין פֿון זינען! איך האָב געזונגען, איך בין געווען גליקלעך, נאָר אַלץ איז פֿאַרבײַ. איך האָב זיך געוואָלט אומקערן קיין מאָסקווע, נאָר ניט געקענט. איך האָב ליב געהאַט: אייניקע זײַנען ווײַט, די אַנדערע זײַנען געשטאָרבן, די דריטע האָט מען געהאַרגעט. וואָס זאָל איך טאָן, העניך?

ה ע נ ע ך. ווייניקער טראַכטן וועגן זיך. וועק אויף דעם זיידן, מערי.

מ ע ר י. ער איז ערשט אײַנשלאָפֿן געוואָרן.

ה ע נ ע ך. און דאָך איז שוין צײַט.

מערי וועקט פֿאָרזיכטיק דעם זיידן. מייער כאַפּט זיך אויף. קוקט זיך אַרום.

מ י י ע ר (דערזעט העניכן). נו, וואָס טוט זיך שוין דאָרט, העניך? צונעמען בײַ אונדזער נאַכט צען מינוט איז גלײַך, ווי אויסרײַסן דאָס ברויט בײַ אַ הונגעריקן פֿונעם מויל.

ה ע נ ע ך. מיר דאַרפֿן אַ שמועס טאָן, רעב מייער.

עס קומען אַרײַן געלער, באַרעך און נאָך עטלעכע מענטשן. מע זעצט זיך אויס. העניך הייבט אָן ריידן.

ה ע נ ע ך. עטלעכע פּראַגעס, געלער.

ג ע ל ע ר (מאָרעשכוירעדיק). אַהאַ, צו מיר... העניך, ס'איז דײַן גליק, וואָס זיי האָבן דיך ניט באַמערקט אין אָט דעם טומל, דאַרפֿסטו נאָך קריכן. דו האָסט ווייניק שמיץ אַרײַנגעכאַפּט, צי עפּשער טראָגסטו אָף זיך אַ פֿרעמדע הויט? וואָס האָסטו נאָך צוגעטראַכט אָף אונדזער קאָפּ?

ה ע נ ע ך. שווײַגט שוין, געלער. מע דאַרף זיך צוײַלן. איר ווייסט דען ניט, ווי קורץ ס'איז אונדזער נאַכט. פֿרײַנט מײַנע, כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז די דײַטשן גרייטן אַ טאָטאַלע אויסראָטונג. זיי ווילן אונדז אַלעמען פֿאַרניכטן.

ג ע ל ע ר. וואָס איז דאָס פֿאַראַ נײַס? אַ נײַער נאָווי האָט זיך געיאַוועט!

ה ע נ ע ך. איך זאָג דאָס, וואָס איך ווייס. דרײַ הונדערט מענטשן האָבן שוין אָפּגעגעבן זייערע לעבנס און זייער בלוט פֿערדינאַנדס לאַבאָראַטאָריע. הונדערט זעכציק דערוואַקסענע און הונדערט פּערציק קינדער... פֿינף הונדערט מענטשן זײַנען געשטאָרבן פֿון פֿאַרשיידענע קראַנקייטן און פֿון איבערמענטשלעכער האָרעוואַניע. זעקס הונדערט האָט מען צעשאָסן פֿאַר אָט דעם כוידעש. נאָר זיי איז דאָס אַלץ קאַרג. זיי ווילן אומברענגען אַלעמען. זיי גרייטן עפּעס אַ נײַעם עקספּערימענט. עס זײַנען פֿאַראַן ייִדיעס, אַז זיי ווילן אויספּרוּוון אַ נײַע דערפֿינדונג פֿונעם דאָקטאָר גאַנצקע, און דאָס איז פּינקטלעך.

ג ע ל ע ר. דער באָבעס מײַסעס, אַ דעטעקטיוווער ראָמאַן! פּאָליטיק! די דײַטשן זײַנען געקומען און דיר דערציילט?!

ה ע נ ע ך. שלאָגט ניט איבער, געלער, טוט אַ טאַפּ אײַערע באַקן. מיר דוכט, אַז בײַ אײַך זײַנען ניט ווייניק גאָלדענע ציין. מאָרגן וועט איר בלײַבן אָן אַ צאָן אין מויל, געלער!

גאנצקע האָט דען וועגן דעם איַיך ניט געוואָרנט. מע וועט איַיך ניט לאָזן אוועקטראָגן מיט זיך אַף יענער־וועלט איַיערע גאָלדענע פּלאָמבעס. מאַכט זיך ניט פּאַר קיין אידיאָט, געלער!
געלער. פאַרניכטן אַלעמען? דער דיַיטש איז צו אַקוראַט דערויף.
באַרעך. געלער, גענוג צו דריגען מיט די פּיס. אַפילו אין קייווער וועט ער אַלץ נאָך זאָגן „ניין".
הענעך. ער סטאַרעט זיך צו פאַרשטיין די דיַיטשן און מיינט, אַז זיי וועלן דערפאַר אים זאָגן אַ דאַנק. ניט עמעס, געלער?
מייער. רייד, נאָר גיכער, הענעך! עס ענדיקט זיך שוין די נאַכט און דער טאָג וועט זיַין נאָך לענגער. כוץ דעם, אַז מע זיצט באַנאַנד מיט אַ בארמינען, קריגט מען זיך ניט...
געלער. דאָ איז ניט קיין מיטינג, און איך פיר שוין פון לאַנג ניט קיין פּאָליטישע דיסקוסיעס.
הענעך. איך בין ניט געקומען אהער צו פירן דיסקוסיעס.
מייער. אָבער וואָס ווילסטו טאַקע, הענעך? עפּשער ווערסטו שוין סאָפקאָלסאָף זאָגן?
הענעך. איך דאַרף זיך באַ איַיך עפּעס דערוויסן, געלער: איר האָט געהאַט דעם פּאַדריאַד אַף דער וואַסערלייטונג, וואָס פירט צום בעסמעדרעש? זאָגט אָט דאָ, פאַר אַלע־מען — דאָרט איז נאָך געבליבן אַ סאַך צו גראָבן?
געלער. וואָס איז — אַ רעוויזיע?
הענעך (שאַרף). שוויַיגט. ענטפערט! זיַיט כאָטש איצט אַ מענטש, געלער!
געלער (פאַרטראַכט זיך). גאָר אַ קלייניקיַיט. איך וואָלט אַלץ געמאַכט צום טער־מין — אין אַ טעג פינף אַרום, ווען ניט די דאָזיקע זאווערוכע.
הענעך. איר נאַרט ניט אָפּ, געלער?
באַרעך. ניין, ער זאָגט דעם עמעס, הענעך. איך האָב אַליין געאַרבעט באַ דער קאַ־נאַווע. מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ גאַנצן טונעל. מיר האָבן גוט געאַרבעט. יאָ, אין אַ טעג פינף אַרום וואָלט ער פאַרטיק געוואָרן.
הענעך. גייט, געלער.
געלער. נאָר איך...
הענעך. גייט, גייט. אויב איַיך געפעלט עס ניט, קאָנט איר שריַיבן אַן אָנקלאָגע דעם הער אינספּעקטאָר גאַנצקע, אַז מיר האָבן איַיך געשטערט שלאָפן.

געלער גייט אוועק.

הענעך. ברידער, מיר דאַרפן נעמען אין די הענט די לעצטע שאָען פון אונדזער לעבן. מירן זיי וואַרפן אין פּאָנעם פון די דיַיטשן, ווי אַ באָמבע.
מייער (אַנגעשטרענגט). וואָס קאָנען מיר טאָן, מיר, וואָס זיַינען פאַרשלאָסן אין אַ גרויסן אָרן, און ווי מע זאָגט, שוין אַף אַ העלפט פאַרשאָטענע מיט ערד.
הענעך. קעמפן.
באַרעך. קעמפן!
מייער. קעמפן?! און מיר האָבן מיט וואָס צו קעמפן? מע קאָן דאָך דאָך ניט מיט קיין הוילע הענט, אָן געווער, אָן קויכעס אַף אופצוהייבן עפּעס.
באַרעך. מירן אָן געווער זיך שלאָגן מיט זיי!
הענעך. מיר זיַינען ניט אינגאַנצן אַנטוואָפנט. מיר האָבן פריַינט. דורך געלערס טונעל וועלן זיי דורכלייגן אַ וועג צו אונדז, און אין אַ טעג פינף אַרום וועלן זיי אונדז ברענגען געווער.
באַרעך. ייִדן, מיר וועלן אויסשטעלן די פרויען מיט די קינדער, מירן זיי פאַרשטעלן מיט אונדזערע ברוסטן. מירן אומקומען, ווי עס פּאַסט פאַר מענטשן.
הענעך. מיר וועלן טראַכטן וועגן קאַמף, און ניט וועגן אומקום. נאָר צוליב דעם, מיר זאָלן זיך דורכשמועסן. ס'איז דאָ אַ וויכטיקער איניען. אַ שווערער איניען, וואָס פאָדערט אַלע קויכעס פונעם מענטשן, זיַין גאַנצן שטאָלץ און ערע. היַינט וועלן די פאַשיסטן, ווי אַלע מאָל, אוועקטריַיבן אַף דער מענטשן־בוינע אַ סאַך פון אונדז, גיכער פון אַלץ פרויען, קינדער און זקיינים. מע דאַרף, אַז עמעצער פון די, וואָס איז אַריַינגעפאַלן אין היַינטיקן צעטל, זאָל נעמען אַף זיך...
באַרעך. וואָס דאַרף ער נעמען אַף זיך. איך בין אין היַינטיקן צעטל.
הענעך. דו ביסט אין צעטל?! וואָס זשע פרייסטו זיך, באַרעך, מיט אונדזער פאַר־שטייענדיקן קאַמף?
באַרעך. וואָס דען?

הענעך. דו ווײסט...

באַרעך. נאָר הײַנט לעב איך נאָך, וואָס זשע כידעשסטו זיך, הענעך? נו, איז וואָס דאַרף איך טאָן, הענעך, אויב איך בין אין צעטל?

הענעך. דערוויסן זיך, אַף וועמען זײ האָבן באַשלאָסן פאַרניכטן די געטאָ און אונדז. צי האָבן מיר נאָך כאָטשע א פיר־פינף טעג, צי ניט. דערפון איז געווענדט א העלפט פון אונדזער דערפאָלג.

באַרעך. וואָס דאַרף מען דערצו?

הענעך. איך ווײס ניט... פאַרשטאַנד, כאַכמע און דרײַסטקײַט.

באַרעך. לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז איך וועל זיך דערוויסן, ווי־אַזוי זשע גיט מען דאָס איבער?

הענעך. זעץ אויס די פענצטער און שרײַ! מיר ארבעטן אין דער קאנאווע ניט ווײַט. שרײַ ביז מע וועט דיך ניט דערשיסן.

באַרעך. און וואָס וועט דאָס באַטײַטן?

הענעך. אַז זײ קלײַבן זיך ניט אָפּלײגן עס אין דער לאַנגער באַנק.

באַרעך. און אויב זײ אײַלן זיך ניט?

הענעך. דעמלט...

באַרעך. דעמלט וועל איך זינגען, הענעך.

הענעך. און אויב זײ וועלן דיך דערשיסן פריִער?

מערי. דעמלט וועל איך געבן צו ווײסן. איך וועל שרײַען אָדער זינגען באַם פענצטער. (פּאַוזע).

אלע קערעווען זיך אויס צו מערין.

מײַער (נעמט ארום מערין. שטיל). דאָס איז דאָך מײַער לוריעס אן אײניקל. פּאַרט אן אײניקל פון מײַער לוריע.

הענעך. דו ביסט דען אין צעטל, מאַריאַם?

מערי. יאָ, איך בין אין צעטל, הענעך.

פאָרהאַנג

דאָס פינפטע בילד

א צימער, וואָס דערמאָנט אין א קאַבינעט פון א דאָקטער. שאַפעס, פּאָליצעס. א גראַנדיִעז האַלב־צעעפנט פענצטער. פון אונטן — די שטאָט. דער דאַך פון דער הילצערנער שול, ווי א שווארצער זעגל, צעשנײַדט די בלײַ־גרויע וואָלקנס, וואָס שווימען פאַרבײַ. אין דער טיף פונעם צימער — א טיר. פון לינקס — א צווייטע, א קלײנינקע, מע זעט זי קוים אין דער וואַנט. אַף דער בינע פראַנץ, פערדינאַנד, מערי. פראַנץ און פערדינאַנד זײַנען אין כאַלאַטן. מערי זיצט אין א פאָטעל.

פערדינאַנד. איר דאַרפט מיך פאַרשטײן, מערי. אָט איז שוין פיר יאָר, ווי איך קען דעם טויט, ווי מע זאָגט, מיט אלע פּישטשעווקעס. מיר איז באַקענט זײַן ריטם, דער טאַם. איר הערט? (כאַפּט זיך פאַרן האַרצן). דאָס איז זײַן ריטם! אָט!.. (ווײַזט אַפן ווײַזער, וואָס הענגט אַף דער וואַנט). אָט דאָס איז זײַן ריטם! דאָס לעבן איז בלויז א קאַליע־געמאַכטער טויט. בלויז אין טויט איז ניטאָ קײן ווידערשפּרוכן. ער איז באַשטענדיק, אײנמאָליק און אומפאַרמײַדלעך, ווי די אײביקײַט. געבענטשט זײַנען די טויטע! זאָל דאָס לעבן זײַן אַזוי וווּנדערלעך ווי דער טויט, וועלן קײן ווידערשפּרוכן ניט עקזיסטירן. א דײַטש, וואָס איז ווידערשפּרעכלעך — איז א שלעכטער דײַטש. א ייִד איז פול מיט ווידערשפּרוכן.

מערי (סטאַרעט זיך וואָס טיפער אַרײַנזינקען אין דער שטול). צוליב וואָס האָט איר דאָס פאַרפּאַסט, פערדינאַנד? און דאָס אַלץ איז קעגן מיר? גאָט מײַנער! איר בײדע פאַרהאַסט מיך!

פערדינאַנד (כאַפּט זי פאַר דער האַנט). די ייִדן, און ניט אײַך. זײער גאַנצע געשיכטע איז א קוויל פון ווידערשפּרוכן. א פאָלק — און ניט! לעבט — און לעבט ניט! שטאַרק — און שוואַך! ווײניק און א סאַך. יונג און אַלט. מיר וועלן באַפרײַען אײַער לופט־באַלאָן פון באַלאַסט. די ערד פון אָדאַמען האָט זיך געענדיקט. איצט איז די ערד פונעם פּיורער. די ערד פון מידבאַר און גראַדליניקן ווינט. און איר, איר וועט באַקומען דאָס לעבן פון מײַנע הענט. איך וועל נעמען בא אײַך אײַער בלוט, און גיבן אײַך אַנדערס. אַפּצולאַכעס

מאכן אײַך פאר אן אנדערער אין אײַער נײַעם געבורט. דאָס איז אונדזער פּרווו. אונדזער געהיימניס. איר וועט ניט זײַן קיין ייִדישקע. אײַער לעבן וועט זײַן גלײַכליניק, רויִק און ווונדערלעך, ווי ווונדערלעך עס איז מײַן לעבן! ווונדערלעך, ווי דער טויט!

מיט שוועריקײַטן הייבט מערי זיך אוף פון אָרט און מאכט עטלעכע שפּאַן. מיטאמאָל טוט זי זיך א לאָז צום פענצטער, שטעלט זיך אַף דער פענצטער־ברעט, סטארעט זיך עפענען די ראַם. די ראַם גיט זיך ניט אונטער.

פ ע ר ד י נ א נ ד (צערייצט). איך באַפויל אײַך זיך אונטערגעבן! און וואָס ווערט איר זיך אזוי, ווי עס וואָלט אײַך פאַרגוואַלדיקט א פאַלק עסעסאָווצעס. שוין זשע איז אזוי שווער פאַרדײַען א נײַעם שטראָם באַנײַענדיק דײַטשיש בלוט?

מערי האָט סאָפּקאַלסאָף צעעפנט דאָס פענצטער. דער ווינט צעווייעט אירע האָר. אומגע־ריכט נעמט מערי לאַכן. פראַנץ און פערדינאַנד קוקן אַף איר פאַרכידעשטע. מערי גייט אראָפּ פון פענצטער־ברעט, זעצט זיך באַקוועם אין דער שטול.

פ ע ר ד י נ א נ ד. איר לאַכט?

מ ע ר י. קוקט אַף מיר ניט אזוי. איך בין ניט אראָפּ פון זינען! איך האָב עפּעס זיך דערמאָנט... גיט מיר א פּאַפּיראָס.

פראַנץ גיט איר א פּאַפּיראָס. מערי פאַררייכערט.

מ ע ר י. מיר איז ווירקלעך קאָמיש. איך האָב שטענדיק געטרוימט צו שפּילן א טראַגישע ראָל, נאָר ס'האָט זיך מיר קיינמאָל ניט אײַנגעגעבן זי צו באַקומען. און איצט, ווען דאָס לעבן אליין האָט זי מיר פאָרגעלייגט, וויל איך זי ניט שפּילן. זי וועט זיך בא מיר ניט באַקומען... זי געפעלט מיר ניט. איך בין ניט קיין טראַגישע אַקטריסע, איך האָב עס פאַר־שטאַנען. איר האָט מיר פּלוצעם גענומען זיך אויסמאָלן אַזעלכע פּראָווינציאַלן, אָנגעבלאָזענע... שלאָגט מיר ניט איבער!.. אָט איז איצט נאַכט. אין דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אָנגעצונדן מיליאָנען פײַערן. אפישן. און איך זינג מײַנע לידער... אָט הער איך איצט זייערע מעלאָ־דיעס. דאָס זינגט אונדזער יאָרהונדערט, א צעפּאַטלטער יאָרהונדערט, נאָר א ווונדערלעכער. דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט קוקט אַרײַן אהער, אין גראַנדיִעזן פענצטער. מיר זײַנען דאָ דרײַען, און מיר קענען איינס דאָס אַנדערע פון די וויקעלעך. און איר — איר שפּרינגט, מאכט גרימאסן, דראָעט מיט אײַער אידיאָטישן שפּריץ, און ווי די מוילוואָרפן גראָבט איר זיך אין שטויב, שרײַבט אויס די גענעאָלאָגיע פון די בלוט־קײַלעכלעך! איר האָט אופגע־הויבן די האַנט אַף א לאַנד, אין וועלכן מע רעדט אַף הונדערט שפּראַכן און קיינער וואַרפט זיך דאָרט ניט אַף קיינעם. און איר! איר! איז דאָס דען ניט לעכערלעך? מיר דאַכט זיך, אז פראַנץ דאַרף דאָס גוט פאַרשטיין.

פ ר א נ ץ. מיר איז ניט לעכערלעך, מערי.

מ ע ר י. דאָס איז, נאַטירלעך, אויך שרעקלעך. איך האָב די גאַנצע צײַט מוירע געהאַט, כ'האָב אויך איצט מוירע, נאָר דאָך איז דאָס לעכערלעך און נאַריש. און איר האָט נאָך מער מוירע, ווי איך, אָט דערפאַר טאַקע מאַטערט איר מיך, און דראָעט מיר. איר טעראָ־ריזירט אונדזער אומגליקלעכע געטאָ מיט אײַערע נאַרישע געשפּרעכן וועגן אומפאַרמײַד־לעכן אומקום, און אז מאָרגן...

פ ע ר ד י נ א נ ד. שווײַגט, מערי! איר אליין זײַט פּראָווינציִעל און נאַיִוו. „מאָרגן" האָט בא אונדז א קאָנקרעטע דאַטע, ווי אן עטיקעטקע פון פּאַפּיראָסן. מאָרגן איז אומענדלעך לאַנג, נאָר איצט פאַרשמעלערט ער זיך, דער מאָרגן, און ווערט פאַרוואַנדלט אין א פּונקט. ס'איז א פראַגע פון געציילטע טעג, אין עטלעכע טעג אַרום וועט געמאַכט ווערן א ווונדער־לעכער עקספּערימענט — דער נײַער גאַז פון דאָקטאָר גאַנצקע! שווײַגט, מערי! שוין זשע וואָלט פאַר אײַך געווען בעסער, ווען איך זאָל אײַך אַרײַנוואַרפן אהין, צו אַלעמען. איך בין ניט געצווונגען אַרײַנוואַרפן אהין אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג! מערי ביג וועט דאָרט ניט זײַן. זי איז נײטיק צוליב עפּעס אַנדערש. אײַך האָט מען אָפּגעגעבן מיר, און איר וועט לעבן, און איר וועט אייִדעס זאָגן, אז פערדינאַנד גאַנצקע קאָן באַשאַפן פּונקט אזוי, ווי ער קאָן הארגענען.

מ ע ר י. הייסט עס, אין עטלעכע טעג אַרום איז א סאָף צו אַלעמען?

פ ע ר ד י נ א נ ד. זײַט זיכער, מערי. נאָר איר וועט לעבן, איך וויל אזוי.

מ ע ר י. איר קלאַמערט זיך אין מיר, קעדיי זיך באַהאַלטן פון זיך אליין! אַמאָל האָט איר געטרוימט צו ראַטעווען מענטשן פון קראַנקײַטן און פון אַלטקײַט, איר האָט געוואָלט געפינען א מיטל, וואָס קערט אום דאָס געזונט. איר האָט דאָך דעמלט ניט געקלערט ווערן קיין מערדער. וואָס איז מיט אײַך פאָרגעקומען? איצט ווילט איר אויסנוצן מיך...

פערדינאנד (שטרענג). זאָל זײַן אַזוי, וואָס גייט עס אײַך אָן? איך וועל קלעפּן און פורעמען אַזוי ווי מיר ווילט זיך און ניט פרעגן קיין מיינונג וועגן זיך.

מערי. אַזוי וועט ניט זײַן. איך זאָג זיך אָפּ פון דער דאָזיקער ראָל! איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן בלוט, וואָס פליסט אין מיר. איך האָב קיין צײַט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם. איך האָב געלעבט — און דאָס האָט געפּאָדערט פיל צײַט. נאָר איצט וויל איך ניט אײַער אַנדער בלוט, און איך וועל זײַן אײַנגעשפּאַרט, פערדינאַנד.

פערדינאַנד וויל זי איבערשלאָגן. מערי שטעלט אים אָפּ מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט.

מערי. לאָמיר זיך ניט שפּאַרן. איר זעט, פראַנץ קוקט אַף מיר מיט בעטנדיקע אויגן און האָט מוירע, אַז איך וועל פאַרגעסן זיך דורכרײדן מיט אײַך, פערדינאַנד, וועגן איינעם אַן איניען. איך וועל, ווירקלעך, אײַך גאָרנישט ניט זאָגן, און ניט בעטן, דאָס איז ניט מײַן זאַך. גיט מיר נאָך אַ פּאַפּיראָס. מעגלעך, אַז מיר זעען זיך הײַנט דאָס לעצטע מאָל. (גייט צו צום פענצטער). סאַראַ וווּנדערלעכער ווינט! איר ווילט, וועל איך אײַך זינגען צום לעצטן מאָל. (הייבט אָן זינגען).

עס שוועבט די קינדהײַט אינעם רוים —
די וואָר און די כאַלוימעס,
און אונטערשיידן קאָן מען קוים,
וואָס וואָר עס איז, וואָס טרוים איז.

פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט
די מאַמע בענטשט די ליכט פאַרטײַט...

פערדינאַנד (שלאָגט זי איבער). פאַרוואָס זײַט איר צוגעגאַנגען צום פענצטער? קערט זיך אום, מערי!

און אַף איר באַק אַ טרער עס ברענט,
זי פינקלט העלער פונעם פײַער.

ס׳לויכט די קינדהײַט, ס׳שפּילט די שײַן
פון דער ערד און ביז די שטערן.
גוט איז אַף דער ערד צו זײַן —
דעם געוועב פון קלאַנגען הערן.

ס׳קומט די נאַכט, די שײַן פאַרשווינדט,
און אַרום נעמט פינצטער ווערן.
אַף דער באַק פון ערד עס רינט
פלאַמיק בלוט און ניט קיין טרערן.

פון דעם טרוים די שײַן עס וועט
אייביק אונדז דעם וועג באַלויכטן,
און אַף כורוועס פון די שטעט
אופגיין וועט די זון אין הויכן!

שטילערהייט קומט אַרײַן אין קאַבינעט דער בראַון פאָן גראַבע. ער שטייט אַ דערשטוינטער.

גראַבע. ווען איך האָב זי געבעטן, האָט זי ניט געזונגען, און איצט רעוועט זי עפּעס אַ פאַסקודסטווע, און איר הערט זי מיט אָפענע מויל און אויערן.

מערי (גייט ניט אַראָפּ פונעם פענצטער, כאַפּט אַ קוק אַפן אַפּגרונט הינטערן פענצטער). אַ, דאָס זײַט איר ווידער, דער נימעסער דײַטשישער גאַנער! (מערי לאַכט). פאַרוואָס זשע כאַפּט איר זיך ניט צום רעוואָלווער? איר האָט דען אַן אַנדער קויעך אַף צו איבערצײַגן.

גראַבע (כאַפּט זיך ווירקלעך פאַרן רעוואָלווער). קריך אַראָפּ פונעם פענצטער!

מערי. איצטיקס מאָל וועל איך כאַלאָשעס ניט פאַלן און אײַך קיין פּליאַסק אין פּאָ־נעם ניט געבן.

פראַנץ. וואָס ווילט איר טאָן?!

מערי. איר וועט זען. און מיר, הער בראַון, באַגעגענען זיך, ווירקלעך, ניט דאָס ערשטע מאָל. איר מיינט, אַז איך האָב אײַך דעמלט ניט דערקענט? אין פּאַריז האָט מען אײַך געפּאַטשט איבער די באַקן און אַרויסגעשלײַדערט פון דער קאַפע. איר האָט דאַן

געהאט אזא נעבעכדיקן אויסזען, באראָן! אָט אזוי וועט מען אײַך ארויסשלײַדערן און אויס־פּאטשן די באקן אומעטום! אלע אײַך, מיזעסע, נארישע כײַעס. און אַף דער ערד וועט נאָך זײַן לוסטיק, פריילעך, מײַנע הערן, גלייבט מיר.

גראבע (א צערייצטער). שווײַג, פארפלוכטע! איך וועל דיך דורכלעכערן, ווי א רעשעטע, מיט מײַנע קוילן.

מערי. שפּעט! איך גיי אוועק, מײַנע הערן, דער דיזאָלאַג איז פארענדיקט! (דרייט זיך אויס צו זיי מיט דער פּלייצע, ווארפט זיך אַראָפּ פונעם פענצטער).

אלע דרײַ מאנצבלען לאָזן זיך צום פענצטער. פּאוזע.

פערדינאנד (טויב). זי איז געפאלן אין גראָז.

פראנץ. מעגלעך, אַז זי וועט בלײַבן לעבן?

פערדינאנד. איך ווייס ניט.

גראבע. איר וועט זי הײַנט הארגענען, דאָקטאָר!

פערדינאנד. יאוואָל, הער באראָן, הײַנט.

גראבע. וואָס איז עס מיט אײַך, קינדער מײַנע? איך זע, אז די דאָזיקע מויד האָט אפּגעעמעסן אײַך אופגערודערט. איך בין געקומען צו אײַך וועגן אן עקסטרע איניען, דאָקטאָר. אין עטלעכע טעג ארום... פישער האָט שוין אונטערגעשריבן. נעמט זיי דאָרט צונויף, אין געטאָ. דאָס וועט זײַן א ווונדערלעכער פּלאצדארם פאר אײַער דערפינדונג, הער גאנצקע! און דערנאָך — אלץ פארברענען!

פערדינאנד (ווי געווײנלעך אין זײַן טאָן). יאוואָל, הער באראָן.

גראבע. אלץ איז גרייט בא אײַך?

פערדינאנד. יאוואָל, הער באראָן, אלץ איז גרייט.

גראבע. אָ, גאנצקע, גאנצקע, ווען איר זאָלט וויסן, ווי שווער עס איז מיט דעם פישערן! מיט די ציווילע מיליטער־לײַט איז בעסער גאָרניט אָנצוהויבן. ער מישט זיך אין אלץ ארײַן, ווי בא זיך אין וואַרשטאַט. צי האָבן מיר אלץ בא זיי צוגענומען, צי האָבן מיר גאָרניט דורכגעלאָזט...

פערדינאנד. איך האָב געמאכט א פאראָרדענונג דורכקאָנטראָלירן בא אלעמען די ציינער, הער באראָן, די גאָלדענע און פּלאטינענע קאָראָנקעס און פּלאסטינקעס ארויסרײַסן!

גראבע. א דאנק, דאָקטאָר. איך ווייס — דאָרט, וווּ איר זײַט, וועט אלץ זײַן פּינקטלעך, און אלץ וועט זײַן אין פולער אָרדענונג. איר ווייסט דאָך, ווי איך שעץ אין אײַך אָט די זײטן! מעגלעך, אז איך עקספּלואַטיר אײַך א ביסל. גיט מיר עפּעס אַף אויסצוטרינקען, פערדינאנד, ס'איז מיר איבערגעטרוקנט אין האלדז. ייִדן? מיר דוכט, פונדעסטוועגן, אז מיר צאַצקען זיך מיט זיי צו לאנג. מערי ביגז? איך האָב אמאָל זי ווירקלעך געזען אין פּאריזש און ס'איז ווירקלעך געווען עפּעס א סקאנדאל. (טרינקט וואסער פון א סיפאָן). נו, אלץ. יאָ, סוזין איז זייער געפעלן געוואָרן אײַער פּארפום, פערדינאנד. איך גלייב, אז ניט אלץ האָט איר פארניצט?

פערדינאנד. פראנץ, אַף דער ערשטער פּאָלקע ק.11.3.14.7.

פראנץ (זוכט לאנג און ברענגט א פלעשל).

גראבע. א דאנק. (מיט א געמאכטן זקיינישן זיפץ). אך, ווי עס קלאַפּט דאָס הארץ. איך האָב מוירע, אז דאָס לאָזט זיך הערן מײַן שטענדיקער נעוורױז. נאָר איך גלייב, אז איר וועט זיך אליין דאָרט ספּראווען אָן מיר, איך מיין אפן פאראַד אין געטאָ. הײַל היטלער! (גייט אוועק).

פערדינאנד. ער וויל שפּאנען איבער טינעף און ניט פארשמירן די שטיוול... דאָק־טאָר גאנצקע! פּראַן! דאָקטאָר גאנצקע! יאוואָל. און אין קאָפּ בא מיר איז א פארלאנגזא־מערטע באָמבע, און זי דריקט, דריקט, דריקט. וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט אַף מיר די אויגן? איך קאָן אַף זיי ניט קוקן, איך פאַרהאַס זיי אלע! פישער האָט מיך אָפּגעריסן פון דער לאַבאָראַטאָריע. איך האָב שוין געפונען מײַן סיוואָראָטקע, און איצט גייט אלץ צום טײַוול. אויב איך בין מיט זיי, זאָלן זיי דעמלט אנערקענען מײַן פילאָסאָפיע וועגן טויט ביזן סאָף. נאָר זיי האָבן מוירע. זיי האָבן אופגעהויבן א פוס און שרעקן זיך אים אראָפּלאָזן, שטייען זיי ווי די בושלען אַף איין פוס.

פערדינאנד גייט ארויס פון צימער. פראנץ ווארפט זיך צום טיש, אלע טישקעסטלעך זײַנען פארשלאָסן, אויך די שאפע איז פארשלאָסן. עס ווערט טונקל. עס קומט צוריק פערדינאנד.

פערדינאנד. זי לעבט. מע האָט זי אופגעהויבן... דער דיאַלאָג איז נאָך ניט פאַרענדיקט. איך וועל אים נאָך דערפירן צו א סאָף, אָט דעם דיאַלאָג! ס'איז פינצטער. גוט, וואָס עס איז פינצטער. מע דאַרף ניט אָנצינדן די שײַן. זאָל דאָס אויג אַפּרוען. איך בין מיד אַלץ צו זען. רייכער!

פראַנץ (נעמט א סיגאַרעט). א דאַנק.

פערדינאַנד. דו האָסט נעכטן געשפּילט בא פּפולן?

פראַנץ (שטיל). יאָ.

פערדינאַנד. מיט דערפאָלג?

פראַנץ. יאָ. זיי איז געפעלן, אפילו פישערן... און סוזין. אלע האָבן זיך נאָכגעפרעגט אָף דיר. דו האָסט זיך איבערגעמידט, פערדינאַנד. איך בין גליקלעך, וואָס איך קאָן כאָטש א ביסל זײַן לעבן דיר. מיר זײַנען אַרומגערינגלט מיט סאָנים, פערדינאַנד. נאָר אונדזער מיליטער באַוועגט זיך אַלץ אָף מיזרעך. איניקכן וועט זיך ענדיקן די מילכאָמע און איך וועל צוזאַמען מיט דיר... א ברודער דאַרף זײַן לעבן א ברודער.

פערדינאַנד. יאָ, יאָ, צוזאַמען מיט מיר! (צינדט שנעל אָן דעם טישלאָמפּ). פאַרוואָס קוקסטו אָף מיר, ווי א דערשראָקענער האָז? בא דיר זײַנען אפילו די יאָסלעס ווײַס געוואָרן.

פראַנץ. וויאַזוי קאָנסטו עס אַזוי ריידן מיט מיר, פערדינאַנד? איך וויל...

פערדינאַנד. איך וויל, אַז מײַן ברודער זאָל שטענדיק זײַן לעבן מיר. איך וויל ניט, אַז איינער זאָל שפּילן אָפן ראַיאַל און דער צווייטער זאָל עקספּערימענטירן... אין סינאַגאָגע. דו געדענקסט, ווי מיר פלעגן שפּילן אין פיר הענט? דו ביסט אַלט געווען פינף יאָר. (מיט א זיפץ). דאָס איז נאָך געווען אין די צײַטן פון אַדאַמען... „איך קוק אָף פערדינאַנדן און טראַכט, אַז ער וועט זײַן א גרויסער פּראָוויזאָר... דאָס גאַנצע לעבן זײַנס באַשטייט פון אָפּוועגן קליינע דאָזעס פון ניט קיין טײַערן רעצעפּט...” דו דערקענסט ניט? פון דײַן טאָגבוך, פראַנץ!

פראַנץ. גאָט מײַנער, סאַראַ נאַרישקייט!

פערדינאַנד. ניין, ס'איז ניט שלעכט געזאָגט. א דײַטש אָן א רעצעפּט — איז א שלעכטער דײַטש. (עפנט דעם סייף, נעמט אַרויס פראַנצס טאָגבוך. לייענט). „ניט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט, אַז צוליב דעם, איך זאָל קאָנען געבוירן ווערן, האָבן טויזנטער יאָרן מיליאַרדן מענטשן זיך איבערגעקרייצט. וויאַזוי זשע איז מעגלעך אָף דער ערד רייַן בלוט?” (מישט דעם העפט). „איך וואָלט וועלן זײַן א פּיאַניסט אָדער א קינאָ־אַקטיאָר, קעדיי שטענדיק זײַן מיט מערין, און אײַנעמען די וועלט”. און ווײַטער: „דער פּיורער איז גרויס, נאָר ווער איז ער? לײַציפּער צי העראָסטאַט?”

פראַנץ (האַסטיק). גענוג, צוליב וואָס לייענסטו מיר אָט דאָס קינדערשע פּלאַפּלערײַ, וואָס טויג בלויז פאַרן קלאָזעט... און דו! צוליב וואָס היטסטו, באַהאַלטסט און ציטירסט דעם דאָזיקן העפט?

פערדינאנד (טוט א זעץ מיטן פויסט אין טיש). דאָס איז ניט קיין קינדערש פּלאַפּלערײַ, אויסוואורף! „דאָס יאָר טויזנט נײַן הונדערט נײַן און דרײַסיק. מיר זײַנען אין פּאַריזש. זאָל גאָט אונדז אָנשטעקן מיט אַלע זיסע טרוימען פון קולטור. געטאָ איז נעענטער באַלזאַקן, ווי שילער געבעלסן”. וואָס וועסטו זאָגן דערויף? און אָט: „מערי, מערי, ווען וועסטו קומען, א באַהויכטע מיט אַלע ווינטן פון דער וועלט, אין אונדזער פּראָווינציעלער לאַך...” דײַן גליק, וואָס פישער האָט ניט געזען דײַן טאָגבוך.

פראַנץ. נאָר איצט, איצט... ער קאָן יעדע מינוט... פערדינאַנד, צוליב וואָס דאַרפסטו אים. גיב אים מיר אָפּ, איך בעט דיך!

פערדינאַנד. צוליב וואָס?

פראַנץ. איך וועל ניט קאָנען אָטעמען, גלייבן אין דער צוקונפט, לעבן, ביז ער עקזיסטירט. אין א באַליביקער מינוט קאָן פישער, גראַבע... און אויך דו... דו קענסט דען ניט שטאַרבן? דו האָסט שטענדיק צו טאָן מיט סאָם. אָט, אַרום און אַרום איז דער טויט, פערדינאַנד. דו האָסט אַזויפיל סאָנים. און אויב מע וועט נאָכדעם געפינען...

פערדינאנד (שלאָגט אים איבער). יאָ, דאָס אַלץ איז מעגלעך, נאָר ביז איך לעב, וויל איך, אַז פראַנץ גאַנצקע זאָל פולשטענדיק, אָן דערוווידערונגען זײַן מײַנער! שרעק איז די פּאָדער־טיר צום טויט.

פראַנץ. בעסער גיב אים גלײַך אָפּ גראַבען אָדער פישערן! איך קאָן אַזוי ניט... אָדער גיב מיך אויס, אָדער לאָז מיך אָפּ, פערדינאַנד! פּאָן גראַבע וויל מיך נעמען צו זיך. סוזי האָט מיר געזאָגט וועגן דעם. גיב מיר אָפּ דעם טאָגבוך.

פערדינאַנד. טיפּעש! מיינסט, אַז איך וועל דיך אויסגעבן. צוליב וואָס? נאָר איך וויל האָבן די מעגלעכקייט דיך אויסצוגעבן. אַ, איך האָב ביכלל ליב צו שפּילן מיט מעגלעכקייטן, פראַנץ, — דאָס איז די גרעסטע פרייד, פרייד פון מאַכט! אָט איז אַ בריוו, וועלכן איך טראָג אַרום מיט זיך שוין דריי יאָר. ער איז שטענדיק מיט מיר. נאָר איך האָב אים ניט אָפּגעשיקט. (נעמט אַרויס פון טאַשן־בײַטל אַ בריוו). אינגאַנצן צוויי שורעס, נאָר וויפל מעגלעכקייטן, פראַנץ! לייען איבער.

ער גיט פראַנצן דעם בריוו, גרייט זיך צו הערן.

פראַנץ (לייענט אָן אופגערעגטער). „דעם באַראָן רודאָלף מאַריאַ גראַבע פאָן גראַ־בענבורג. איר האָט אויסגעזויגן מײַן מויעך. באַשולדיקט זיך אַליין אין דעם. דער דאָקטאָר גאַנצקע איז ניטאָ, אײַך אָפּצולאַכעס. (פערדינאַנד רײַסט אויס דעם בריוו. לאַכט).

פערדינאַנד. איך קאָן דאָס טאָן, ווען איך וועל דאַרפן. איך וועל זיי שטעלן צום נאַר. דעמלט וועלן זיי באַקומען דעם דאָזיקן בריוו. און צו גראַבען וועט קומען אַ סאָף. ער האָט דערהאַרגעט פערדינאַנד גאַנצקען, די האָפענונג פון דער וויסנשאַפט! און דו ווילסט גיין צו גראַבען. ווי שעמסטו זיך ניט, ייִנגל! פאַרשטייסט דען ניט, אַז דער דאָזיקער פאָן גראַבע איז אַ צעפּוילטער אַריסטאָקראַטישער טיפּיאַק! און דו ביסט גרייט פאַרלאָזן אַ נאַווי און פאַרבײַטן אים אויף אַ כאַזער. נאַ, טו אַ סמאַקע אַ שטיקל לימענע, דו ביסט אינגאַנצן פאַרקיסנעט געוואָרן. האַלט זיך, באַכער, אינגיכן איז די פּרעמיערע. די פּרעמיערע פון מײַן נײַעם גאַז. לאָמיר פאַרגעסן אין דעם נאַרישן העפט, וואָס שמעקט נאָך אַלץ מיט די פּאַרפומען פון מערי ביג. (ער באַהאַלט דעם העפט). נעם אײַן וואַלעריאַנקע, פראַנץ.

פראַנץ גייט צו די פּאַליצעס. פערדינאַנד באַהאַלט דעם העפט.

פראַנץ (שטיל). גיב מיר אָפּ דעם טאָגבוך, פערדינאַנד, און לאָז מיך אָפּ.

פערדינאַנד. דו פּיקסט, ווי דער פּיקהאָלץ!

פראַנץ. איך קאָן ניט.

פערדינאַנד. ווערסט קאָנען.

פראַנץ. דו ביסט פון זינען. האָסט ניט קיין רעכט צו האַלטן מײַן טאָגבוך בא זיך.

פערדינאַנד. שווײַג, וואָרעם!

פראַנץ (בייז). גיב אָפּ, גיב אָפּ! (וואַרפט זיך אויפן ברודער).

פערדינאַנד (שטויסט אָפּ פראַנצן. יענער פאַלט אויפן דיל). איך קאָן מאָרגן אָפּגעבן אַ באַפעל דיך צעשיסן, אויסוואָרף! נאָר איך וועל דאָס ניט טאָן. איך האָב ליב צו שפּילן מיט מעגלעכקייטן, ברודערקע. איך בין דאָך אַ פּראָוויזאָר פון דרײַגראָשנדיקע רעצעפּטן, וועג איך אַלץ אָפּ, פראַנץ. שטיי אויף. דו הערסט סיגנאַלן. עמעצער גייט צו מיר. (אין טרײַבל פון טעלעפאָן). לאָזט אַרײַן!

פראַנץ שטייט אויף. עס קומט אַרײַן גוסטאַוו.

גוסטאַוו. הײַל היטלער!

פראַנץ און פערדינאַנד. הײַל היטלער!

גוסטאַוו. בראַנפן, בראַנפן גיט מיר, קינדער מײַנע!

ווען אויפן האַרץ איז פינצטער, וויסט,
מיט בראַנפן גיכער עס פאַרגיסט.

זײַט איידעס, איך האָב ניט געטרונקען די גאַנצע צײַט. איך בין געווען ניכטער, ווי ליוטער אין גאַניידן. נאָר איך וועל טרינקען. איצט וועל איך טרינקען. און וויאַזוי האָב איך געאַר־בעט? די ייִדן, מײַן אַרבעטער־קאָמאַנדע, האָט אויף זיך איבערגעטראָגן אַלץ אין פּאַרט און אַנגעשאָטן אַ נײַע דאַמבע. מיר האָבן נאָך ניט געענדיקט און איר ווילט, מע זאָל אַלץ אָפּגעבן אײַך! צו גרויסאַרטיק! כוץ דעם, איז נאָך פרי. ס'איז נאָך ניט צונויפגענומען דאָס גאָלד... עס זײַנען ניט געעפנט אַלע באַהעלטענישן. ניט אַלע ציין זײַנען אַרויסגעריסן גע־וואָרן. וואָס איז אַזוי די אײַלעניש? פאַר אײַער געזונט, קינדער מײַנע! איך בין געווען אַ נאַטשאַלניק און אַ גוטער נאַטשאַלניק, און זיי האָבן געציטערט! און איצט? ווער וועט זיי פאַרבײַטן? די ליטווינער? די עסטאָנצעס? די סלאַוויאַנער? איבער זיי האָבן פאַרהויבן די בײַטשן אַנדערע דײַטשן. און מיך האָט מען מיט אַ קני אין הינטן אַרויסגעשלײַדערט. פאַר אײַער געזונט! איך וועל טרינקען, טרינקען, ווײַל אַפילו סוזי שפּײַט אָף מיר. איך האָב פאַרלוירן דעם גלויבן אין מײַן שטערן.

פערדינאנד (שארף). נאָר דו האָסט נאָך געפעלט! אין עטלעכע טעג ארום וועלן מיר אוועקגיין פונדאנען... אף מיזרעך. דו וועסט נאָך זײַן א פּארעץ אף אוקראַינע. נאַ, טרינק דײַן לעצט גלעזל. פונעם מאָרגעדיקן טאָג הייבן מיר אָן די גענעראַלע צוגרייטונג.

גוסטאוו. מיילע, דאָס לעצטע איז דאָס לעצטע.

פראנץ. ניין, גענוג, טאטע! דאָס איז ניט דײַן גלעזל. פערדינאנד האָט נאָך זײַן גלעזל ניט אויסגעטרונקען. מיר דארפן מיט אים אויסטרינקען. לאָמיר אויסטרינקען פאר אונדזער מישפּאָכע, פאר דער מישפּאָכע גאנצקע.

גוסטאוו (אופגערודערט). פאר דיר, פראנץ! דו ביסט א מאַלאַדיעץ. גיס אָן אויך מיר. (אלע דרײַ טרינקען אויס). נו, אדיע, קינדער מײַנע!

בא דעם, וואָס רויִק איז אין הויז,
מעג שטאָלץ זײַן און זיך האַלטן גרויס.

הײַל היטלער! (גייט אוועק).

פערדינאנד. וואָס טוסטו, פראנץ?! (פראנץ פארשליסט די טיר, נעמט ארויס דעם שליסל. קוקט אף פערדינאנדן. לייגט ארוף די האנט אפן טעלעפאָן־טרײַבל).

פראנץ. איך דארף מיט דיר איבעררײדן אויג אף אויג!

פערדינאנד. נאָר צוליב וואָס אזא צוגרייטונג.

פראנץ. מאָלע וואָס עס קאָן פאָרקומען צווישן צוויי ברידער, וואָס דארפן זיך דורכשמועסן.

פערדינאנד. וואָס האָסטו געטאָן, פראנץ! פראנץ, מיר איז ניט גוט! וואָס האָסטו אָנגעשאָטן?!..

פראנץ. יע.ג.18.06.№.

פערדינאנד. דאָס איז דאָך...

פראנץ. צ׳אַנקאלי!

פערדינאנד. עס שטיקט! (וואַרפט זיך צום טעלעפאָן).

פראנץ שטויסט אָפּ דעם ברודער. פערדינאנד טוט זיך א זעץ אין ראנד פון טיש. פאַלט. הייבט זיך אוף, נעמט ארויס דעם רעוואָלווער. פראנץ באהאלט זיך, פערדינאנד פאַלט. טויט. פראנץ לויפט צו צום ברודער, נעמט ארויס דעם רעוואָלווער פון זײַן האנט, לייגט אים ארײַן אין קאַבורע. פונעם טײַסטער נעמט ער ארויס דעם בריוו. לייענט איבער. עפנט די פּײַערקאַסע, נעמט פון דאָרט ארויס דעם טאָגבוך. באהאלט אים אין טאַש פונעם מונדיר.

פראנץ. פאָן גראבע... פאָן גראבע... יאָ, ער וועט טאָן אלץ, וואָס איך וועל וועלן. (דײַסט אראָפּ דעם אדרעס פון פערדינאנדס בריוו). גראבע וועט ניט וואגן מיר אָפּצוזאָגן! פאר מיר איז איצט אָפן די וועלט.

פאָרהאנג

די צווייטע אינטערמעדיע

הענעך. סארא גליק, וואָס דו ביסט געקומען!

פיאָדאָר. אז דו האָסט מיך ארויסגערופן, בין איך געקומען.

הענעך. נאָר ווי אַזוי האָט עס לאַצאַרוס אזוי שנעל באוויזן?

פיאָדאָר. כידעש זיך ניט, הענעך, דאָס איז גאָרניט אזוי גיך, ווי דו מיינסט. דאָס גאנצע לאנד איז א שפּאָן די גרויס, די פארבינדונג איז אײַנגעשטעלט. נעכטן האָט מען מיר איבערגעגעבן און איך בין ערשט הײַנט געקומען. עמעס, עס זײַנען געווען וויכטיקע איניאָנים, הענעך, נאָר כידעשן זיך איז ניטאָ וואָס.

הענעך. עפּשער ביסטו גערעכט, פעדיא. קיין צײַט איז ניט געבליבן, און קיין שום געוווער האָבן מיר ניט.

פיאָדאָר (שמייכלט זיך אין דער באָרד ארײַן. ער טראָגט איצט א גרויסע גרויע באָרד). ניין, איצט איז שוין פאראן, הענעך. מיר האָבן מיט גאָטס הילף אויסגעלאָדן צוויי פאַשיסטישע באַרזשעס, א גרויסן סקלאד און דרײַ עשעלאָנען. אזוי, אז עפּעס־וואָס איז פאראן.

ה ע נ ע ך. נאָר מע דאַרף דאָך דאָס אַלץ ברענגען.

פ י אַ ד אָ ר. פאַר צוויי מעסלעס וועלן מיר אַלץ ברענגען. מיט דער דאָזיקער קאַנאַווע האָסטו גוט צוגעטראַכט, העגעך.

ה ע נ ע ך. נאָר מע דאַרף נאָך גראָבן קימאַט א קילאָמעטער.

פ י אַ ד אָ ר. און דאָך איז דאָס א גוטע קאַנאַווע, און פון דער אָזערע ביז די שטאָטישע טויערן וועסטו ניט באַגעגענען קיין איין פאַשיסטישן אויסוואָרף. איר ווייסט, העגעך, אַז דער סטאַרשינאַ איוואַנאָוו האָט אונטערגעגראָבן די וואַסערלייטונג. אָט טוט א קוק... (פיאַדאָר נעמט ארויס פון טאַש עטלעכע מאַטבייעס) אָט איז א ליוואָנישע מאַטבייע, דאָס איז א מאָסקווער גריוועניק. דאָס האָבן מײַנע כּוורע אויסגעגראָבן.

ה ע נ ע ך. נאָר פונעם טונעל ביז דער שטאָט איז א קילאָמעטער און דו שמייכלסט. עפּעס ביסטו הײַנט אַזאַ מאָדנער. און די באָרד דײַנע...

פ י אַ ד אָ ר. אָ, די באָרד טשעפּע ניט, מײַן פרײַנט. א באָרד איז שטענדיק געווען א הייליקע זאַך. עמעס, אונטער דער ערד זײַנען קיין פריצן ניטאָ. נאָר אָף דער ערד זײַנען די דאָזיקע אויסוואָרפן אָן א צאָל. מײַן עמעס פאָנעם סטאַרע איך זיך קיינעם ניט ווײַזן, אויסער די, וועלכע איך קען, און דאָ זײַנען א סאַך נײַע מענטשן. לאַצאַרוס האָט צוגעשיקט, דו האָסט פאַרווערבירט, אַזוי אַז די באָרד וועט מיר ניט שאַטן. און וואָס איז שײַך מײַן גוטער שטימונג, איז דאָס פון פּילעניצעס. אָט נעם, העגעך, איך האָב דיר געבראַכט. לעבן דער אָזערע זײַנען אָן א שיר פּילעניצעס! פונקט ווי בײַ אונדז.

עך, אָקאַ, אָקאַ, אָקאַ,
אין דער וועלט ניטאָ אַזאַ.
דײַנע ברעגן זײַנען שיין,
דײַנע כוואַליעס לויטער־ריין.

ה ע נ ע ך. וואָס טוט זיך עס מיט דיר? וועסט זיך נאָך באַלד וואָרפן קושן.

פ י אַ ד אָ ר. איך פאַרשטיי... דיר דוכט זיך, אַז מײַן גוטע שטימונג איז ניט צום אָרט. נאָר דאָך איז אַמאָל א שמייכל ניט איבעריק אַפילו איצט, אין דער שוידערלעכער צײַט. נאַ, נעם די פּילעניצעס. פאַרשטייסט, העגעך, איך האָב מוירע פאַר פאַטעטיק, דערפאַר ניי־דעריק איך אַראָפּ דעם זשאַנער. אָבער די פאַקטן זײַנען דאָפּקע פאַטעטישע. העגעך, איך שווער דיר, אַז מיר וועלן מערין ארויסרײַסן פונעם גענעם, וואָס עס זאָל אונדז ניט קאָסטן, נאָר מיר וועלן זי ארויסרײַסן...

ה ע נ ע ך. אויב זי לעבט נאָך...

פ י אַ ד אָ ר. זי קאָן ניט שטאַרבן, העגעך! און לאַצאַרוס האָט דאָ אָרגאַניזירט אָן אָט־ריאַד, דאָ, אין שטאָט גופא, אונטער דער נאָז פון די דײַטשן. מיר וועלן דאָ אָנהייבן צונויפ־זאַמלען געווער, לאַצאַרוס וועט א זעץ טאָן אין שטאָט, זיך דורכרײַסן צו אײַך. און גלעדערס וואַסערלייטונג וועט אַלע מײַנע וואַלד־מענטשן און אַלע מײַנע פּישער ברענגען צו דער סאַמע וואַנט דורך אַלע צוימען. מיר וועלן באַוואָפענען די געטאָ און מירן א טשמעליע טאָן דעם קעגנער אין טיל. נו, איז זאָג אַליין, העגעך, איז דאָס ניט קיין יאָמטעוו.

ה ע נ ע ך (שמייכלט). אַנו, גיב נאָך א ביסל פּאָזעמקעס, פעדיאַ.

עס קומט אַרײַן יורגיס לאַצאַרוס. נעמט ארויס א צײַטונג פון דער קעשענע.

י ו ר ג י ס. אָט איז דער לעצטער נומער, לייענט! זיי האָבן שוין פאַרענדיקט די צו־גרייטונג.

פ י אַ ד אָ ר (קוקט אין צײַטונג). אויסגעצייכנט, יורגיס. נאָר וואָס איז מיט אײַך? איר שטייט קוים אָף די פיס! נעמט אין מויל א פּאָזעמקע, יורגיס.

י ו ר ג י ס. א דאַנק, פיאַדאָר. שלאָפן... שלאָפן... שוין פיר מעסלעס ניט צוגעמאַכט קיין אויג.

פ י אַ ד אָ ר. כאַפּט א דרעמל אָף א שאָ.

י ו ר ג י ס. מע טאָר ניט. גיט מיר א ביסל פּאָזעמקעס. מער פון אַלץ האָב איך ליב פּאָזעמקעס! (ווערט אַנשלאָפן)

פאַרהאַנג

דער פערטער אקט

דאָס זעקסטע בילד

סוזיס צימער. טאַרשערן, טעפּיכער. פּאַרטיערן, וואָס פאַרשטעלן די פענצטער און די טירן. א טואַלעט־טישל, א שירמע. א שאַפע, א דיוואַן, פּאָפן, א טישל. אינמיטן צימער, נאָך א טישל. א סאַך בלומען — לעבעדיקע און קינסטלעכע — וואָס סוזי האָט געמאַכט.
סוזי איז אָנגעטאָן אין א יאַפּאַנישן כאַלאַט, אין שטעקשיך. אפן געזיכט סימאַנים פון קרעם.
גוסטאַוו זיצט אין א שטול, א שווערער און א מאַרעשכוירעדיקער.

גוסטאַוו. איך האָב מער קיין זון ניט, סוזי.

סוזי. דאָס איז שרעקלעך, גוסטאַוו!

גוסטאַוו. ער איז געווען די האָפענונג פון דײַטשלאַנד. ער איז געווען מײַן שטאָלץ. און פּלוצעם...

סוזי (קוקט אין שפּיגל. טוט א פּאַטש מיט די הענט). באַגיין זעלבסטמאָרד אין אזעלכע טעג! דאָס איז א קרימינעלער פאַרברעכן, גוסטאַוו! מיר דוכט זיך, אז ער איז געווען ניט באַם פולן זינען, דײַן זון, געדענקסט, מאַרטא האָט שוין פון לאַנג...

גוסטאַוו (טוט א קלאַפּ מיטן פויסט אין הענטל פון דער שטול). שווײַג, מוידן! „ער איז געווען ניט באַם פולן זינען!" אויב דו וועסט עס נאָכאַמאָל איבערכאַזערן...

סוזי (לויפט צו צו אים). שטילער, דו, אַפּגעקראַכענער שטשור! וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אז אַלץ איז געענדיקט! וואָס האַלטסטו זיך פאַר מײַן קליידל, ווי א בודזיק. אָדער דין און שווײַג, און אויב דו קאָנסט ניט — איז וואָ! פאַרנעם זיך פונדאַנען! איך קאָן אָף דיר ניט קוקן, זשאַבע איינע! מײַזנפרעסער!

גוסטאַוו. פאַרמאַך דעם פּיסק, סטערוועצ! יאַרנווײַז איז זי געהאַנגען אָף מײַן האַלדז, און איצט... דו האָסט געמאַכט פון מיר א פּויל שײַטל! דו מיינסט, אז דו וועסט איצט א פּאַכע טאָן מיטן עק, באַווײַזן מיר א פײַג פון הינטער דעם באַראָנס פּלייצע? ס'וועט זיך ניט באַקומען! איך וועל דיך דערשטיקן, ווי א הינדל! ווער ביסטו געווען אָן מיר?!

סוזי. ווער איך בין געווען? דו פאַרשטייסט ביז איצינד ניט, ווען דו האָסט געהאַט, כאַזערינע!

גוסטאַוו. א דינסט פון א הײַזל! א קווייטנמאַכערן פון א קאַבאַק! און דו דערוועגסט זיך אזוי ריידן וועגן פערדינאַנד גאַנצקע!

סוזי. אַלץ! מיר האָבן שוין אָפּגערעדט, און דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל. מאַרש, מאַרש! וואָס זשע שטייסטו! גיי, און שטער מיר ניט זיך אָנטאָן. מע קאָן צו מיר ארײַנקומען.

גוסטאַוו. סוזי. סוזי... (ער נעמט זי ארום און טוט זי א קוש. סוזי טוט אים א פּאַטש, שטויסט אים אָפּ. פּאַוזע).

גוסטאַוו (בעטנדיק). איך וועל נאָך זײַן א פּאַרעץ אָף אוקראַינע, סוזי. מיר וועלן שיקן אַלע צו אַלדי שוואַרצע יאָר! דו וועסט זײַן מיט מיר. איך וועל מער ניט כאַפּן קיין פּעטש פאַר יעדער קוש. מיר איז דאָס שוין נימעס, סוזי.

סוזי. נו, גיי, גיי...

גוסטאַוו (סטאַרעט זיך אויסזען פריילעך). זײַ ניט ברויגעז אָף מיר.

ליבע סוזי, פרײַנט מײַן שטרענגער —
כ'וועל א פּירעשקע דיר ברענגען.

גייט אוועק.

סוזי. אידיאָט! פּעטער, פאַרשטונקענער כאַזער! (קלינגט. עס קומט ארײַן מינע אין א הייבל פון א דינסט). מינע, גיכער! גיכער דערלאַנג מיר דאָס קלייד! מערי ביגס קלייד! הײַנט נאָר שוואַרץ — די זאָקן, דער ליפּטשיק, די קווייטן, אפילע די נעגל... ווי קלערסטו, איך מיין, אז אזוי וועט זײַן וווּנדערבאַר! נו, זאָג עפּעס. איך האָדעווע דיך, גיב דיר א דאַך איבערן קאָפּ, אזוי אז דו קאָנסט אויסהאַלטן דײַן דולן פאָטער, און דו ביסט אָנגעבלאָזן, פינצטער, ווי א וואָלקן, ס'איז דיר אַלץ ווייניק! איך האַלט דיך דערפאַר, ווײַל דו האָסט פלינקע הענט, נאָר איך וויל ניט זען קיין טרערן. טו כאַטש א שמייכל. (סוזי טוט זיך אָן). איך זע, אז דו בענקסט נאָך אַלץ נאָך דײַנע פּלייטעס, מינע. איצט דאַרף זיי קיינער ניט האָבן! איר דאַרפט איצט נאָר דינען, וואָס שווײַגסטו?

מינע. איר רעדט אליין די גאַנצע צײַט. איך קאָן ניט ריידן, ווײַל איר ווילט ניט הערן. און דינען קאָן איך טאַקע ניט, און ווער זיך, ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט אויסלערנען, פּרײַלן.

סוזי. דו שפּרינגסט איך פּאַנעם! גאָט מײַנער, עפּעס אַן אומגליקלעכער טאָג הײַנט! זאָל זײַן גענוג. דערלאַנג מיר די זאָקן און דאָס קלייד, און פאַרגיס ניט די זאַכן מיט קיין טרערן, דאָס איז אַ שלעכטער סימען, מינע. (אַ קלונג. מינע גייט אַוועק און קערט זיך אום מיט פראַנצן). פראַנץ, איך בין זייער צופרידן אײַך צו זען. איך פיל אײַך אַזוי מיט...

פראַנץ. אַ דאַנק, סוזי. פערדינאַנד איז אומגעקומען. דאָס איז שרעקלעך!

מינע. שרעקלעך, פראַנץ! (גייט אַוועק).

סוזי. אַנטשולדיקט מיר, איך האָב ניט פאַרענדיקט מײַן טואַלעט.

פראַנץ. זעצט פּאַר, סוזי. נאָר איך בעט אײַך, איר זאָלט מיך גלײַך אויסהערן. איר זײַט דאָך מײַן פרײַנט, סוזי.

סוזי. איינמאָל האָב איך עס שוין אײַך דערוויזן. די פּאַרמע פּאַסט אײַך זייער צום פּאַנעם.

פראַנץ. יאָ, יאָ, אַ דאַנק, סוזי.

סוזי. איך הער אײַך.

פראַנץ. ס'איז אַ שרעקלעכע צאָרע, אַ גרויסע צאָרע. ער האָט געאַרבעט ביז דער לעצטער מינוט. איך פאַרגייג זיך פאַר אים, סוזי. ער איז גרויס, ווי גרויס עס איז דײַטש־לאַנד!

סוזי. נאָר פאַרוואָס זשע...

פראַנץ. סוזי, אָט וועגן דעם האָב איך געוואָלט ריידן מיט אײַך. מע וועט אונדז ניט אונטערהערן?

סוזי. ניין.

פראַנץ. פאָן גראַבע האָט אים דערפירט צו זעלבסטמאָרד, סוזי!

סוזי. רודאָלף?!

פראַנץ. יאָ, איך האָב געפונען פערדינאַנדס אַ בריוו, נאָר איך... נאָר איך האָב זיך דערלויבט אַראָפּרײַסן דעם אדרעס פונעם דאָקטאָר גאַנצקעס לעצטן בריוו...

סוזי. אָך, דאָס איז זייער אינטערעסאַנט! מער פון אַלץ אויף דער וועלט האָב איך ליב רעכילעס!

פראַנץ. דער בריוו איז געווען אדרעסירט דעם באַראָן גראַבע...

סוזי. וואָס?!

פראַנץ. אָט איז דער אָנהייב פון דעם בריוו. (פראַנץ נעמט אַרויס דאָס אָפּגעריסענע שטיקל בריוו און דערלאַנגט עס סוזין).

סוזי. יאָ, דעם באַראָן פאָן גראַבע.

פראַנץ. סוזי, כ'האָב עס געטאָן פאַר אײַך. כ'האָב עס געטאָן פאַרן באַראָן, ווײַל פער־דינאַנד איז שוין סײַווי טויט. איך וויל פאַרהיטן דעם באַראָן און אײַך פון מיספאַרשטייע־נישן. נאָר איר, איר דאַרפט מיר דערפאַר העלפן.

סוזי. וואַרט, וואַרט. ווײַאַזוי האָט עס פאָן גראַבע געקאָנט האַרגענען פערדינאַנדן. זיי האָבן דאָך אַזוי ליב געהאַט איינס דאָס אַנדערע.

פראַנץ. מײַן ברודער איז געווען איבערגעמידט און קראַנק, און דער באַראָן...

סוזי. און דער באַראָן האָט ניט געוואָלט פאַטערן קיין טראָפּן פון זײַן געזונט. און מיט וואָס קאָן איך אײַך העלפן.

פראַנץ. מאַכט אַזוי, אַז איך זאָל הײַנט קאָנען איבערריידן מיט גראַבען און מיט פּי־שערן. זיי וועלן דאָך זײַן בא אײַך? איך וויל, אַז פאָן גראַבע זאָל מיך אונטערהאַלטן.

סוזי. מיט וואָס דאַרף ער אײַך אונטערהאַלטן? וועגן וואָס ווילט איר ריידן, פראַנץ?

פראַנץ. איך וויל אַוועקפאָרן. איך וויל קיין בערלין. מיך שטיקט דאָ, יאָ, יאָ, איך ווער דערשטיקט!

סוזי. איך פאַרשטיי. איר קאָנט נאָך אַזויפיל נעמען פונעם לעבן! אײַך שטייט נאָך אַ סאַך פּאַר. איך וועל זײַן אויף אײַער זײַט, פראַנץ!

פראַנץ (קושט איר די האַנט). סוזי, סוזי!..

סוזי. אָבער גענוג, די צײַט פליט. ס'איז שוין שפּעט. זיי קאָנען קומען פון מינוט צו מינוט. גאָט מײַנער, כ'האָב נאָך אַזויפיל צו טאָן. נו, זעצט זיך. ניין, ניין, ניט אַהין. אָט אַהער! איך וויל פילן, אַז איר זײַט דאָ באַנאַנד. איצט זײַנען מיר דאָך כאַווער. איצט זײַט איר מײַן שיינער, מײַן געטרײַער פראַנץ! ס'איז אײַך דאָ באַקוועם?

פ ר א נ ק. אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט דאָס גאַנצע לעבן זיצן אַזוי אומבאַוועגלעך! אַך, סאַראַ שווערער טאָג איז היינט, סוזי.

ס ו ז י. טאָ זיצט, ביז איך וועל אייך ניט ארויסיאָגן.

פ ר א נ ק. איצט פאַרשטיי איך, אַז איך האָב אייך ווייניק געשעצט, סוזי. איך האָב אייך ווייניק געקענט. ווענן וואָס האָט איר זיך פאַרטראַכט, סוזי?

ס ו ז י (פאַרבט די ברעמען. קוקט אין שפּיגל). אַ שאָד, וואָס איך האָב אייך אופגעהערט צו ליבן, פראַנק. אָט זייט איר בא מיר. כ'האָב געוואָלט אייך פילן לעבן זיך. (לייגט אַרוף אַ האַנט אַף זיין קאָפּ). נאָר מיר איז מיטאַמאָל געוואָרן שטאַרק אומעטיק. און איר זעט אויס אַזוי ניט היימלעך, אַלט. זיצט, איך האָב דאָך אייך נאָך ניט דערלויבט זיך אופצוהייבן. שווייגט און קוקט ניט אַף מיר מיט אַזעלכע פאַרליבטע אויגן, פראַנק. איך ווייס דאָך, ווּעמען איר האָט ליב, פראַנק. איך בין אַליין אויך געווען אין איר אַ ביסל פאַרליבט, און גאָט איז אַן איידעס, אַז דאָס איז געווען פון גאַנצן האַרצן.

פ ר א נ ק. מערי ביג איז אַ שווערער, אַ ביטערער כאָלעם. איר האָט אַמאָל געזאָגט: „מיר האָבן זיך געזעגנט מיט מערין, זי איז אַוועק פונעם לעבן". נאָר זי איז נאָך ניט אַוועק. דאָס איז שרעקלעך!

ס ו ז י. ס'איז פאַראַן בלויז איין מענטש, וועלכן איך האָב פאַרהאַסט פון טיפן האַרצן.

פ ר א נ ק. דאָס איז מערי?

ס ו ז י. ניין, דאָס ביסטו, דו, פראַנק! ווען דו זאָלסט נאָר וויסן, ווי איך פאַרהאַס דיך! דאָס מאַלעכל פון דער פּראָו מאַרטאַ. אַ הייליקער! גרעטכען אין הויזן... פּאַכדן!

פ ר א נ ק. (הייבט זיך אוף). צום ווידערזען, סוזי!

ס ו ז י. דו וועסט אין ערגעץ ניט גיין! דו האָסט ניט, וווּהין צו גיין. דו דאַרפסט האָבן פישערן... ס'איז דיר שווער צו עטעמען. אַף דיין האַלדז איז אַ שלייף. ניט אַזוי, הער גאַנצקע? (גייט אַוועק הינטער דער שירמע, קערט זיך אום שוין אין קלייד). פאַרשפּיליעט. אַזוי.

פ ר א נ ק. איך האָב אייך ליב.

ס ו ז י. און די הענט ציטערן. נאָר דאָס איז ניט פון אופרעגונג, ניין. אייך וועלן וועלן עס־איז אויסגעבן די הענט. אויב איר ווילט שפּילן, שטעלט אַף דער גאַנצער באַנק. איך וועל אייך אונטערהאַלטן, פראַנק.

פ ר א נ ק. איך פאַרשטיי אייך ניט, סוזי.

ס ו ז י. באַהאַלט ניט אייער שטיקל פּאַפּיר. האָט קיין מוירע ניט. דאָס איז אייער הויפּט־קאָזיר.

פ ר א נ ק. ווי'אַזוי?

ס ו ז י. יאָ, יאָ, זיי וועלן זיין בא מיר ביידע. גייט קעגן רודאָלפן. גייט געוואַגט, קוקט זיך ניט אַרום. פישער פאַרהאַסט אים, אָט דערוף וועלן מיר אַ שפּיל טאָן, מיין געטרייער פראַנק. דער זעלבסטמאָרד פונעם דאָקטאָר גאַנצקע וועט אייך ברענגען פיל נוץ. איר האָט אויסגעשפּילט מיט אייער מעשוגענעם ברודער. ער איז צו דער צייט אַוועק אין דער בעסער־רער וועלט.

פ ר א נ ק. איר רעדט אַזוי וועגן פערדינאַנדן?

ס ו ז י. יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי אייך, פראַנק.

פ ר א נ ק. איר שטעלט אין אַ געפאַר דעם פאָן גראַבע!

ס ו ז י. פאַר אייך בין איך גרייט אַף אַלץ.

פ ר א נ ק. איר זייט וווּנדערבאַר, סוזי!

ס ו ז י. אויסער דעם, איז ער אַ שלעכטער נאַצי, אָט דער רודאָלף. ער איז אַן אָפענער אָנהענגער פון דעם אַלטן אָפּיצערנטום. ער פאַרהאַסט אַלע לידערן פון די ביר־שענקלעך. פאַרגעדענקט עס, פראַנק. באַזונדערס קאָן ער ניט ליידן פישערן, דעם געוועזענעם שניידער פישער, וואָס איז אַזוי רייך געוואָרן, אַז דאָס גאָלד שטעקט אים שוין אין האַלדז. ער וויל ניט אונטערכאַפּענען דעם פאַלקאָווניק פון עס־עס קאַרל פישער. ער וויל ניט לעקן די פּיאַטעס פון אָט דעם פישערן, בא וועלכן די גאַנצע נעשאָמע קאָן זיך אַריינלייגן אין אַ פייג, דאָס זיינען רודאָלפס ווערטער, פאַרגעדענקט עס, פראַנק.

הינטער דער בינע אַ סירענע פון אַן אויטאָמאָביל.

פ ר א נ ק. איר! איר זייט קעגן גראַבען?!

ס ו ז י. איך בין פאַר פישערן, נאַרישער קאָפּ. די טופל, גיכער די טופל דערלאַנגט. עס ציטערן ווידער די הענט.

פ ר א נ ק. איך קאָן ווירקלעך ניט איינשטילן די אופרעגונג, סוזי.

ס ו ז י. העכער דעם קאָפּ, פראַנץ! אויב איך האָב אײַך שוין גענומען בא דער האַנט, וועל איך אײַך אַריבערפירן איבער דעם טײַך.

א קלונג. עס עפנט זיך די טיר. עס קומען פאַן גראַבע און פישער. פישער איז ניט קיין הויכער, טראָגט די פאָרמע פון עס־עס.

ג ר א ב ע (דערלאַנגט סוזין א פּלאַקאַן). אונדזער קליינינקער וואַלקיריאַ. די לעצטע מאַ־טאַנע פונעם דאָקטאָר גאַנצקע.

פ י ש ע ר. און אָט בין איך בא אײַך! איך בין ביז גאָר צופרידן, וואָס איר האָט מיך סאָף־קאָלסאָף אײַנגעלאַדן. אויסער דעם, בין איך שטאַרק הונגעריק. ווען ניט אײַער אײַנלאַדונג, וואָלט איך געשטאָרבן פון הונגער! אהאָ — דער יונגער מוזיקאַנט! אײַער מיטאַרבעטער, פאַן גראַבע?

ג ר א ב ע. יאָ, דאָס איז מײַן מיטאַרבעטער.

פ י ש ע ר. מיר זײַנען באַקאַנט. ער האָט געשפּילט בא פּפולן. זייער פײַן. און א פּענעמל האָט ער א פײַנס. מיטאַרבעטער איז אָנגענומען צו האָבן שטענדיק פאַר די אויגן. דאָס זײַנען אײַערע בלומען? (נעמט אַרויס סוזיס א בלימל). זייער, זייער פײַן. איך וועל אײַך העלפן. מירן אָרגאַניזירן אײַך אַן אונטערנעמונג, מילער, א פאַבריק פון קווייטן פון דער איידלסטער גומי.

ס ו ז י. הער פישער...

פ י ש ע ר. שפּעטער, שפּעטער! איצט קויף איך בא סוזין בלומען. (נעמט אַרויס א טשעק־ביכל, שרײַבט אונטער א טשעק און דערלאַנגט אים סוזין).

ס ו ז י. נאָר דאָס איז צו פיל, הער פישער!

פ י ש ע ר. און כ׳שענק אײַך אַלע אײַערע בלומען. דאָס איז מײַן ערשטע מאַטאַנע. איך קאָן דאָך ניט קומען דאָס ערשטע מאָל אין אָט דעם דאָזיקן דײַטשישן גאַניידן מיט ליידיקע הענט!

ג ר א ב ע. ווו האָסטו זיך אָנגענומען מיט אַזויפיל אַריסטאָקראַטישע מאַנירן, פישער? מײַן אורזיידע וואָלט דיר געוויס מעקאַנע געווען.

פ י ש ע ר. און דיר וועט מײַן אייניקל קיינמאָל ניט מעקאַנע זײַן.

ג ר א ב ע. אַך, ווי שרעקלעך!

ס ו ז י. אויב דאָס איז א גאַניידן, דאַרפן אַלע זײַן גוטע. זײַט ניט בייז, פישער, און טוט א שמייכל צו אָט דעם יינגל, וואָס לאָזט ניט אַרויס אײַער נאָמען פונעם מויל, ווײַל ער האַלט אײַך פאַר א גאָט. ער האָט זייער וויכטיקע איניאַנים.

ג ר א ב ע. וואָס הייסט עס? דאָ בא־אײַך, איניאַנים?!

פ י ש ע ר. סוזי האָט שטענדיק געשעפטן. און דאָס געפעלט מיר זייער און זייער. זי קאָן פאַרריכטיקן איינס מיטן אַנדערן. דאָס הייסט אַן עמעסע דײַטשקע. א גוטער קאָפּ, א געזונטער מאָגן, אַן איידל האַרץ, א שיינע ברוסט. אָט דאָס איז מײַן אידעאַל פון שיינקײַט. דאָס אַלץ פאַרמאָגט סוזי. און פאַר שיינקײַט פאַרנייג איך זיך. איך הער אײַך, גאַנצקע!

פ ר א נ ץ. הער פישער, דאָס, וואָס איך וויל אײַך זאָגן, איז צו ערנסט פאַר מיר, און דערפאַר וועט איר מיר עפּשער מויכל זײַן, וואָס איך ערגער זיך אַזוי. עס האַנדלט זיך וועגן מײַן גאַנץ לעבן.

פ י ש ע ר. זעצט זיך, סוזי. איר שטייט מיט אַן אָפן מויל און ווענדט אָפּ מײַן אופמערק־זאַמקײַט. נו, גאַנצקע, איך וואַרט!

פ ר א נ ץ. הער פישער, וואָס קאָן פאַר א דײַטש זײַן טײַערער, ווי דער אָנדענק פון א ברודער, א פאָטער — גאַרניט! דאָס אַלץ דאַרף איך ברענגען אַלס קאָרבן צוליב דעם עמעס, הער פישער. איך האָב באַשלאָסן, מײַן האַרץ...

פ י ש ע ר. וויפל עמאָציעס, וויפל איבעריקע עמאָציעס, גאַנצקע! מע זעט גלײַך, אַז פישער האָט נאָך ניט אויסגעפּרעסט אײַער מויעך! רעדט גיכער, פּינקטלעכער און קירצער.

פ ר א נ ץ (דערלאַנגט אים דאָס צעטעלע). איך דאַרף אָנקומען צו אײַך, הער פישער. איר שטעלט מיט זיך פאַר יענץ דײַטשלאַנד, פאַר וועלכן איך בין גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן. איך קאָן ניט שווײַגן, הער פישער... אין זײַן לעצטן בריוו שרײַבט פערדינאַנד: „איר האָט אויסגעזויגן מײַן מויעך...״

פ י ש ע ר. קירצער. איר האָב עס שוין איבערגעלייענט.

פ ר א נ ץ. הער פּאַלקאָווניק, נאָר איר ווייסט ניט, וועמען עס איז אַדרעסירט דער דאָזי־קער בריוו.

ג ר א ב ע. וועמען?

פראנץ. אײַך, הער באראָן!

גראבבע. מיר?!

פראנץ. אָט, טוט א קוק...

גראבבע. קאַרל, באַפרײַ מיך פון אָט דעם שווײַן!

פישער. שווײַג, רודאָלף! איך באַפויל דיר! דאָ שפּאַסט מען ניט! נאָר פאַרוואָס האָט ער אָפּגעריסן דעם דאָזיקן אָנהייב פון דעם בריוו?

פראנץ. דאָס האָב איך אָפּגעריסן, קעדיי פאַרמעקן די שפּורן, פון אָנפאַנג האָב איך געוואָלט אַזוי טאָן, נאָר נאָכדעם... איך קאָן ניט! מײַן געוויסן... דאָס האָט איר אים געהערט, רודאָלף פאָן גראבבע.

גראבבע. אויסוואורף! וואָס האָסטו געזאָגט! אויסוואורף!

פישער. דײַן אופּרעגונג רעדט קעגן דיר, רודאָלף.

סוזי (מיט געמאַכטן שרעק). גאָט מײַנער, וויאַזוי האָט איר דאָס געקענט, רודאָלף?!

גראבבע. אידיאָטקע! צוליב וואָס האָב איך עס גדאַרפט טאָן?!

פראנץ. איר האָט אים דערפירט צו מעשוגאַס. ער איז געוואָרן א שמאַטע אין אײַערע הענט. מיר האָבן דאָך שטענדיק געהערט פון אים בלויז צוויי ווערטער, ווען ער פלעגט ריידן מיט אײַך: „יאוואָל, יאוואָל", ווי אן אוטאָמאַט.

סוזי. יאָ, יאָ, דאָס איז ריכטיק, פראַנץ!

פראנץ. ער האָט שוין פון לאַנג געוואָלט אַנטלויפן פון אײַער דעספּאָטיזם, אפילע דורך זעלבסטמאָרד. נאָר איר האָט אים געהיט, ווי א קאַמצן אן איידלשטיין, און איצט... איצט דאַרף איך איידעס־זאָגן קעגן אײַך, באַראָן... איר האָט אים געצווונגען באַגיין זעלבסטמאָרד.

גראבבע (פון צווישן די ציין). צוליב וואָס האָב איך באַדאַרפט אים הארגענען? זאָג, אויב ניט, וועל איך דיר צעשפּאַלטן דעם קאָפּ!

פראנץ. און וועגן דעם איז מיר נאָך שווערער צו ריידן. נאָר איך וועל זאָגן, ווײַל איך וויל, אז איר, הער פּישער, זאָלט וויסן, ווי איך בין איבערגעגעבן דעם פּירער און דײַטש־לאַנד. אַנטשולדיקט, עפּשער האָב איך אײַך אײַנגעעמידט?

פישער. זעצט פאָר, נאָר זאָל סוזי זיך צוזעצן. זי איז שוין ווידער אופגעשפּרונגען.

פראנץ. זיי האָבן געמאַכט...

פישער. ווער זיי?

פראנץ. פאָן גראבבע און גוסטאַוו גאַנצקע.

פישער. וואָס זשע האָבן זיי געמאַכט?

פראנץ. זיי האָבן פאַרהאַנדלט די לאַבאָראַטאָריע פון דעם גרויסן פערדינאַנד גאַנצקע אין א קאָנטאָר פון אומריינע געשעפטן. זיי האָבן פאַרקויפט די ייִדן זייערע לעבנס, ווי א סכוירע. און פערדינאַנד האָט לויטן באַפעל פונעם באַראָן... איך האָב אליין געהערט, זיי האָבן געפאָדערט בא די ייִדן גאָלד און צוגעזאָגט זיי רעטן דאָס לעבן. נאָר פערדינאַנד האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן דאָס! און ער האָט באַשלאָסן אַלץ דערציילן... און איר האָט גע־צוווּנגען אים באַגיין זעלבסטמאָרד!..

פראַנצס ווערטער שלאָגט איבער גוסטאַוו גאַנצקע, וואָס רײַסט זיך אַרײַן אַן אָנגעלאָדענער מיט פּעקלעך און פּאַקעטן. עס צעשיטן זיך עפּל, ניס, קאָנפעטן.

סוזי. דו ביסט שיקער, גוסטאַוו?

גוסטאַוו (קוים וואָס ער טעמט). אויסוואורף! אַפּטייקערישער וואָרעם! מײַזן־דרעק! איך בין געשטאַנען הינטער דער טיר. איך בין ערשט געקומען, נאָך איך האָב געהערט דײַנע לעצ־טע ווערטער. איר דאַרפט וויסן, אז איך האָב א שליסל צו דער דאָזיקער טיר. איך האָב אן אייגענעם שליסל. און איך בין געקומען צו דער צײַט!

פישער (שרײַט). שטיל זאָל זײַן! נעמען זיך אין די הענט! שווײַגט, גוסטאַוו גאַנצקע.

פּאַוזע.

פישער. וואָס, איר זײַט ניט אײַנשטימיק מיט אים?! איר האָט ניט געבעטן קיין גאָלד? ניט צוגעזאָגט זיי שענקען דאָס לעבן?

גוסטאַוו (א דערהאַרגעטער). גאָלד האָבן מיר געבעטן, און צוגעזאָגט...

פישער (רעוועט אַזש). וואָס זשע ווילט איר, גאַנצקע?

גוסטאַוו. נאָר מיר האָבן ניט געקלערט אויספּילן דאָס צוגעזאָגטע. מיר האָבן נאָר צו־געזאָגט, אף אַרויסבאַקומען בא זיי דאָס גאָלד. און מיר וואָלטן דאָס באַקומען. ניין, ניט פאַר זיך. וויאַזוי האָט ער געקענט, ווי האָט ער געוואַגט!..

פ י ש ע ר. און וואָס פאַרא באַווײַזן האָט איר? פאַרוואָס דאַרף איך אײַך גלייבן, רו־דאָלף? ווו איז דאָס גאָלד, דו האָסט עס אונדז איבערגעגעבן?

ג ר א ב ע. ניין, ניין, ניין! מיר האָבן עס נאָך ניט באַקומען. דו, דו האָסט אַליין עס גע־פּאַדערט!

פ י ש ע ר. מעגלעך. זיי האָבן באַקומען דאָס גאָלד, פראַנץ גאַנצקע?

פ ר א נ ץ. איך ווייס ניט, צי זיי האָבן עס באַקומען צי ניט, נאָר זיי האָבן עס געוואָלט באַקומען, הער פישער! איך זאָג קײנמאָל קיין ליגן ניט.

גוסטאַוו וויל עפּעס זאָגן. טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער שטול.

ג ר א ב ע (צו פראַנצן). אויסוווּרף, יאָ, יאָ, ביסט אַן אויסוווּרף, איך זאָג דיר, אַז דו ביסט אַן אויסוווּרף.

פ י ש ע ר. און דו ביסט אַ געזײַערטער אַריסטאָקראַט, וואָס איז בלינד געוואָרן פון לײ־דיקגייען און צעלאָזנקײַט! ס'וועט זיך ניט באַקומען, רודאָלף! דאָס דאָזיקע ייִנגל האָט ריכטיק געצילט און פּינקטלעך געטראָפן אין דיר!

ג ר א ב ע. פאַרשטאָפּ דעם גאָרגל, שנײַדערל! דו דערמאָנסט מיר אין דער פראַש, וואָס טרוימט ווערן אַ קו, ווי דו ווייסט, האָט זי געפּלאַצט, פישער, און דער זומפּ האָט דערנאָך אַ לאַנגע צײַט געשטונקען... דו וואַגסט נאָך ריידן וועגן גאָלד! דו ווערסט דערשטיקט פון גאָלד! דו און דײַנע פרײַנט! איר זײַט צוגעזאָגט געוואָרן צום גאָלד, ווי די פּיאַווקעס! די מילכאָמע איז פאַר דיר אַ גאָלדענער אָדער.

פ ר א נ ץ. גאָט מײַנער, הייסט עס, אַז אויך דאָס איז עמעס?!

ס ו ז י. וואָס נאָך?..

פ ר א נ ץ. איך האָב קײנמאָל זיך ניט צוגעהערט צו די רייד וועגן די לידערס פון די ביר־קעלערס, וועגן פּיורער פון היטנערן טויער, וועגן פישערן, באַ וועלכן די נעשאָמע קאָן זיך באַהאַלטן אין אַ פּײַג! איצט הער איך, אַז דער הער באַראָן רעדט אויך אין אַזאַ טאָן.

ג ר א ב ע. נעם דיר דײַן טאַטן און גיי מיט אים!

פ י ש ע ר. וואַרט צו, רודאָלף פאָן גראַבע! דער איניען וועט באַטראַכט ווערן מיטן גאַנצן ערנסט! און דערווײַל וועט איר דאַרפן נעמען גוסטאַוו גאַנצקען און זיך פאַרנעמען פונדאַנען! דאָס דאָזיקע ייִנגל וועט מיר צוניץ קומען. גוסטאַוון אָפּשיקן צו אונדז. מירן מיט אים אַ שמועס טאָן! און אײַך וועל איך בעטן זיך יאַוּוען צו מיר 22.00. הײַל היטלער!

ג ר א ב ע און ג ו ס ט א ו. הײַל היטלער! (גייען אַוועק).

פ י ש ע ר (צו פראַנצן). איר זײַט ניט קיין שלעכטער זושנײַדער! איך נעם אײַך צו זיך. איך גלייב, אַז פאָן גראַבע וועט ניט האָבן קעגן. און איר וועט באַרעכטיקן מײַן צוטרוי. צווישן אַנדערס, מיר ווייסן עטוואָס וועגן אײַער טאָגבוך. ער איז געווען ניט אַזוי אומשול־דיק, ווי אײַך וואָלט זיך געוואָלט.

פ ר א נ ץ. איר האָט אים געלייענט?

פ י ש ע ר. געלייענט, מײַן ייִנגל.

פ ר א נ ץ. און פערדינאַנד האָט געוווּסט וועגן דעם.

פ י ש ע ר. וואָס רעדט איר?! אַזוי זיך, אַ קליינינקע קאָמבינאַציע, און דער סייף האָט זיך געעפנט. אינגיכן וועט איר זיך מיט דעם אַלעמען באַקאַנען אויספירלעך, גאַנצקע. די הענט, די הענט, די הענט ציטערן באַ אײַך. האָט ניט קיין מוירע. אײַער ברודער איז פּונקט צו דער צײַט געשטאָרבן. ער איז ווירקלעך אַראָפּ פונעם זינען. און איך געדענק אים אַזאַ יונגינקן. ער איז זייער ענלעך געווען אַף אײַך, אפילע אַ ביסל שענער פון אײַך. איצט איז געקומען אײַער ריי, פראַנץ! גיט מיר אַף דעם טאָגבוך.

פ ר א נ ץ (שטאַמלט). איך, איך... איך האָב אים פאַרברענט, הער פישער.

פ י ש ע ר. ס'איז אַ ליגן. אַזעלכע, ווי איר, פאַרברענען ניט זייערע טאָגביכער... זיי דאַרפן שטענדיק האָבן אַ שטרויעלע אַף צו ראַטעווען זיך.

פ ר א נ ץ. פון וואָס זיך ראַטעווען, הער פישער? אין וואָס זײַט איר מיך כוישעד?

פ י ש ע ר. ניט אין עפּעס אויסערגעוויינלעכס. איר זוכט שטענדיק אַ שפּעלטל, אַ נאָרע אַף צו באַהאַלטן זיך פונעם אייגענעם געוויסן. וואָס קאָן זײַן בעסער, ווי די דערינערונגען וועגן אײַערע האָפענונגען, פראַנץ! מע דאַרף ניט קיין האָפענונגען. מע דאַרף טאַט און אונ־טערטעניקײַט, מײַן פרײַנט.

פ ר א נ ץ (גיט אים דעם טאָגבוך).

פ י ש ע ר (נעמט דעם העפט, טוט אַפילע ניט קיין קוק אַף פראַנצן). אָ, איר האָט אַ וווּנ־דערלעך שיינע האַנט, פראַנץ. אַ האַנט פון אַ מוזיקאַנט. סוזי (ער נעמט סוזיס האַנט און

פאַרגלײַכט זי מיט פראַנצן), אײַער האַנט איז הינטערשטעליק, מיידעלע מײַנס. אָנו, וואָס וועלן מיר זאָגן אײַערע ליניעס?

סוזי. זיי קאָנען זאָגן נאָר אײנס — איר געפעלט מיר זייער און זייער. דער ערשטער... און זייער...

פישער. און די איבעריקע? איך זע לויט די ליניעס, אַז זיי זײַנען געווען, און ניט ווייניק.

סוזי. איך האָב זיך בלויז טרענירט, וואַרטנדיק אויף אײַך.

פישער. אַ געלונגענער ענטפער! בעסער צוטראַכטן איז ניט מעגלעך. איך וועל אײַך מאַכן פאַר דער באַלעבאָסטע פון אַלע גומי־אויסאַרבעטונגען אין דײַטשלאַנד, סוזי.

סוזי. און פונדעסטוועגן וועט דאָס מיר זײַן קאַרג.

פישער. פאַרוואָס?

סוזי. ווײַל איר וועט מיך קאָנען מאַכן פאַר דער באַלעבאָסטע פון די דאָזיקע אויסאַרבעטונגען איבער דער גאַנצער וועלט.

פישער (לאַכט). זעצט זיך צום ראַיאַל, מײַן ייִנגל, אונדז וועט זײַן אַ סך אַנגענעמער, אַז איר וועט שפּילן... עפּשער וואַגנערן. איר געדענקט, איך האָב אײַך געהערט שפּילן בײַ פּפולן.

פראַנץ זעצט זיך צום ראַיאַל. די ערשטע אַקאָרדן. עס דערהערט זיך אַ שיסערײַ. מע שיסט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אַלע דרײַ ווערן ווי פאַרשטיינערט.

פאָרהאַנג

דאָס זיבעטע בילד

פינצטער. אַן אָנוואַקסנדיקער טומל. אַ שיסערײַ. עמעצער שרײַט. אינדערווײַט ברענט. רויכן קנוילן זיך. עס טראָגן זיך פאַרבײַ וואָלקנס. דאָס פײַער איבער דער געטאָ ווערט אַלע גרעסער. עס זעט זיך דער דאַך פון בעסמעדרעש. דער שפּיטאָל ברענט. מע שיסט. איבער דער בינע לויפן דורך דײַטשן. איינער פאַלט טויט. פון דער טיף בינע באַווײַזט זיך פראַנץ. ער פּרוּווט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער אַ בוים. שיסט פון אַן אויטאָמאַט. פון דער אַנדערער זײַט בינע באַווײַזט זיך מאַרטאַ. זי לאָזט זיך צום זון.

מאַרטאַ. אָט ווו דו ביסט? איך האָב דיך געזוכט... שוין וויפל טעג, אַז דו ביסט ניט געווען אין דער היים. אויף דער לעווײַע פונעם ברודער ביסטו אויך ניט געווען. וואָס טוסטו דאָ, די ערד שפּאַלט זיך! פאַרוואָס שיסטו? זיי האָבן דיך אויך אַרײַנגעצויגן. לאָמיר אַנטלויפן! לאָמיר אַנטלויפן, פראַנץ, צום יאַם, צו די פישער... זיי וועלן ניט אויסגעבן. איך בין פון דאָרט אַ געבוירענע, מײַן זון...

פראַנץ. איך האָב ניט וווהין צו גיין, מאַמע. דו מיינסט אַלץ, אַז איך בין נאָך אַ ייִנגל. און איך בין שוין אַ גרויסער. איך בין דאָרט, ווו איך דאַרף זײַן, מאַמע.

מאַרטאַ. פראַנץ! דער ברודער איז אומגעקומען, דער טאַטע איז אַרעסטירט. דו ביסט בײַ מיר געבליבן איינער. איך וועל דיך ניט אָפּגעבן, פראַנצכען!

פראַנץ. גיי אַוועק, גיי אַוועק, מאַמע. דו זעסט, זיי האָבן זיך דורכגעריסן לעבן שפּיטאָל. זיי שיסן פון אַלע זײַטן. זעסט, פון די קעלערס, פון די דעכער. סוזין האָבן זיך געוואָלט פאַרשטעלונגען, פאַרוואָס זשע איז זי דאָ ניטאָ. זי פאָרט אַוועק קיין בערלין, אָט די סוזי. זי לאַכט פון מיר, נו, איז וואָס!..

מאַרטאַ. גיי אַוועק, גיי אַוועק פונדאַנען, פראַנץ!

פראַנץ. ניין, מײַן לעבן וועט זיך צונויפלייגן, ווי די בילדעלעך פון קוביקעס, אַזוי האָט געזאָגט פישער, און איך גלייב אים. פאַרשטייסט? פישער וועט מיך צעמאָלן, ווי שטויב, אויב איך וועל אָפּטרעטן פונדאַנען כאָטש אויף איין שפּאַן. ער וועט עס אונדז ניט מוחל זײַן, קיינמאָל ניט.

פראַנץ הייבט אויף דעם אויטאָמאַט און בלײַבט שטיין פאַרגליווערט. פון דער טיף באַווײַזן זיך באַרעך, מערי, מייער, פאַלעציס, יורגיס. פראַנץ קוקט אויף מעריץ. בײַ איר איז איבער־געבונדן דער קאָפּ, די האַנט, דער האַלדז. איין האַנט הענגט אויף אַ שלייף. מערי און פראַנץ קוקן זיך אין די אויגן. פראַנץ וויל אויסשיסן. אויך באַרעך קלײַבט זיך שיסן. מאַרטאַ וואַרפט זיך צווישן זיי.

מ אַ ר ט אַ. ניין, גיין! שיסט ניט! איר זעט דאָך איינס דעם אַנדערן! גאָט וועט ניט דער־לאָזן... ער וועט ניט שיסן! גייט אײַך, מײַנע הערן, גייט, גייט.

בּאַרעך האָט זיך געלאָזט פאָרויס, נאָך אים מייער, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן מערין. פראַנץ האָט אָנגעצילט דעם אויטאָמאַט און געוואָלט שיסן. עס ווערט פאַרוווּנדעט איינער, א צווייטער. מייער פאַלט. פראַנץ האָט זיך געלאָזט לויפן, ווי א דולער. עס קוקט אויף אים די מוטער. אַנטקעגן פראַנצן קומט אָן פּיאַדאַר. ער שיסט אויס פראַנצן אין ברוסט. פּיאַ־דאַר שפּאַנט איבער זײַן קערפּער.

פּ אַ ל ע צ י ס (שטיל). איצט זעסטו, ווער עס זײַנען דײַנע קינדער, מאַרטאַ.

מ אַ ר ט אַ (שרײַט צום צושויער־זאַל פאַרצווייפלט). קוקט ניט אויף מיר! איך האָב אַליין מוירע צו קוקן אויף זיך. גאָט האָט זיך אָפּגעווענדט פון מיר, פון מײַן שטאַם. איך האָב גע־בוירן מערדער, אויסוווּרפן! א־א־א־א!

גייט פּאַמעלעך אַוועק. ס׳איז שטיל. מע הערט פונדערווײַטנס שאָסן. מערי בייגט זיך אָן איבער דעם זיידן. יורגיס און בּאַרעך טראָגן איבער דעם זיידן אויף דער אַוואַנסצענע. עס קומט הענעך.

ה ע נ ע ך (צו פּיאַדאַרן). אַלץ איז גרייט אויף זיך לאָזן צום טונעל. די ערשטע פּאַרטיעס זײַנען שוין דורכגעגאַנגען. אַלץ איז אין אָרדענונג, פעדיא. דאָס איז אָן עמעסע שלאַכט! זיי פאַרלירן הונדערטער. אָך, סאַראַ גליק עס איז נעקאָמע, קיין גרעסער גליק איז ניטאָ. הײַנט האָב איך דאָס דערפילט.

פּ י אַ ד אַ ר (רויק). אויף דער אַזערע איז אַלץ אין אָרדענונג?

ה ע נ ע ך. איך מיין, אַז אין אָרדענונג.

פּ י אַ ד אַ ר. שיפלעך זײַנען פאַראַן גענוג?

ה ע נ ע ך. גענוג איז אין אַזאַ פאַל ניט שייַעך, פעדיא.

פּ י אַ ד אַ ר. וויפל?

ה ע נ ע ך. צען.

פּ י אַ ד אַ ר. ווייניק. מאַכט שנעל פּלאַטן.

ה ע נ ע ך. מע מאַכט שוין.

י ו ר ג י ס. איך וועל זיי פאַרהאַלטן דאָ נאָך א מעסלעס, און אויב מע וועט דאַרפן — איז צווי.

פּ י אַ ד אַ ר. מע דאַרף ניט. די שלאַכט טאָר מען ניט פאַנאַנדערוויקלען. מע דאַרף בלויז האַלטן דעם טונעל. די דײַטשישע קרעפטן אָפּווענדן אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר וועלן פאַר־לאָזן די דאָזיקע גאַסן, יורגיס, און אַוועקגיין דורך די געסלעך, צום צענטער — וואָס ווײַטער פון דער שול, ווײַטער פון טונעל. מיר וועלן א קלאַפּ טאָן פונעם טיל, ביזוואַנען עס וועלן קלעקן קוילן און מענטשן. און דו, הענעך, פאַרליר ניט קיין מינוט! פיר איבער אַלעמען, וועמען מע קאָן נאָר. אין דער ערשטער ריי די קינדער.

ה ע נ ע ך. איך וועל מאַכן אַן אָנפאַל אויף דער טורמע, פּיאַדאַר! מיר וועלן פאַרמערן אונד־זערע קרעפטן. מירן אָנטאָן דײַטשישע מונדירן, באַזײַטיקן די וואַך.

פּ י אַ ד אַ ר. שפּעטער, שפּעטער, הענעך! דאָס אַלץ דערנאָך, נאָר דערוויַיל גיי דורכן טונעל און הינטער זיך רײַס אַלץ אויף. רײַס אויף דעם דורכגאַנג, פאַרשיט אים מיט ערד.

מ י נ ע (קומט צו לויפן). יורגיס! יורגיס! זיי האָבן אַרײַנגעפירט טאַנקען, יורגיס!

י ו ר ג י ס. וואָס כידעשט עס דיך, מינע? דו ערגערסט זיך צופיל. אַלץ קומט מיט דער צײַט. הײַנט ברענגען זיי די טאַנקען, און מאָרגן וועלן זיי צוריק זיי אַרויספירן.

גייט אַוועק מיט איר. פּיאַדאַר גייט צו צו מייערן.

פּ אַ ל ע צ י ס. שטילער, שטילער. זאָל כאָטש אויף א מינוט ווערן שטיל. דער הער מייער לוריע וויל ריידן. ער שטאַרבט, פּיאַדאַר.

מ יי ע ר. איך שטאַרב... ניין... איך שטאַרב ניט, מײַנע פרײַנט. איך הייב ערשט אָן צו לעבן... דאָס איז גאַרניט, וואָס א קויל. זי האָט מיך געמאַכט לײַכטער. אַלדאָס איבעריקע איז אַוועק... אַוועקגעפלויגן און ס׳איז פאַרבליבן דאָס לעבן אָן שום צומישונגען, און עס וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרענדיקן, מײַנע פרײַנט, קיינמאָל ניט... הערט מיך, קינדער מײַנע פון מיזרעך און מײַרעוו! מײַן זון פון ניו־יאָרק און מײַן אייניקל פון בראַזיליע, מײַן טאָכטער פון פּאַריז, און דו מאַריאַם, דו, מײַן יונגער פרײַנט הענעך, און דו, מײַן באַליבטער אַלטער כאַ־ווער יאַן. הערט הימל און ערד, וואָס עס האָט געזאָגט דער נאָווי. מייער לוריע שטאַרבט ניט! ניין! אויב ער וועט אַפילע שטאַרבן... (צו פּיאַדאַרן). וואָס וועט איר דערויף זאָגן? איך און רייזל האָבן אײַך שוין פון לאַנג ליב באַקומען, טײַערער כאַוווער פון רוסלאַנד. איר געדענקט

נאָך מײַן רײַזלען? און איך האָב אײַך קײנמאָל ניט געזען און ניט געוווּסט, אַז איר זײַט אַזױ יונג, און איך בין שױן אַלט און בין זײער צופרידן, װאָס איך האָב דערלעבט ביז דער דאָזי־קער באַגעגעניש אָט דאָ... עפּשער איז דאָס אַפּילו בעסער, װי באַם טיש פון מײַן קאַנען. איך פלאַפּל, מינאַסטאַם, װידער צופּיל, מאַריאַם? דו האָסט דאָך ניט ליב, װען איך פלאַפּל אַ סאַך, דו ביסט גערעכט, נאָר איצט װילט זיך מיר זאָגן דאָס סאַמע װיכטיקסטע. כ׳האָב אָבער מורא, אַז עס װעט מיר ניט קלעקן קײן צײַט... פּאַלעציס, דאָס שפּילסטו אױף דער פלײטע, צי עס דאַכט זיך מיר נאָר?

פּ א ל ע צ י ס. דאָס שיסט מען, הער לוריע, און די פלײטע הערט מען שױן לאַנג ניט.

מ ײ ע ר. ניט עמעס, איך הער, װי ס׳שפּילט די פלײטע. די סאַמע בעסטע אױף דער װעלט! זי שפּילט װעגן דער צוקונפט! נעם זי אין די הענט, פּאַלעציס! דו האָסט געװאָרט אױף די באַ־שטעלער, װען די צײַט װעט קומען. די צײַט איז געקומען, און איך בין געקומען נאָך מײַן פלײטע. דו האָסט געשפּילט פאַר מערין... געדענקסט, דו האָסט אַמאָל באַגעגנט מערין... שפּיל... יאַנעק, זי האָט פאַרדינט דײַן ליד. אַלטער הענעך, זײַ ניט ברוגזעז! װער װײסט, עפּשער שטאַרב איך גאָרניט. דעמלט װעסטו מיר אײַנגאַנצן ניט מוחל זײַן, װאָס איך פאַרהאַלט אײַך. **ה ע נ ע ך.** צײַט! צײַט! מע דאַרף זיך צוײַלן, רעב מײער! מירן אײַך איבערטראָגן צום טונעל. איר װעט נאָך דערלעבן ביז הונדערט צװאַנציק יאָר.

מ ײ ע ר. גוט, גוט. (דריקט די הענט פּיאַדאָרן, הענעכן). צום װידערזען, טײַערע. מערי, מאַריאַם, זאָג אים... (װײַזט אױף פּיאַדאָרן) זאָג אים אַלץ פאַר מיר... און בענטש אים פאַר מיר.

פּ א ל ע צ י ס (שטיל). זאָג אים אױך פאַר מיר. אונדזער שיסן איז אױך אַ קאַנטאַטע, מערי... נײַן, דער הימל איז מער װי אַ דאַך איבערן קאָפּ.

מ ע ר י (שטיל צו פּיאַדאָרן. מיר זענען זײַן עמעס געזיכט, אָן גרים, צום ערשטן מאָל. ער איז שײן און יונג. אַ גרױסער, מיט ברײטע אַקסל. מערי הײבט אָן, איר פּנים איז אױס־דריקלעך און װוּנדערלעך שײן). איך בענטש די, װאָס גײען פון מיזרעך, װאָס הײבן זיך אױף אַנטקעגן דער זון! איך בענטש זײ, זײער כאַיל, זײער רום! עס שאַלט זײער האָרן, דער האָרן פון מישפּעט, און זײ נעמען צונױף אונטער זײערע פליגל די אײפעלעך פון דער ערד, און זײ מאַכן מענטשן פאַר עכטע מענטשן, און די ערד — אַן ערד, און דעם הימל — אַ הימל, און פרײד — אַ פרײד!

פּ י א ד א ר. זאָל זײַן אַזױ! עס װעט אַדורך איבער דער װעלט אַ װינט! פון די ברײטע סטעפּעס, פון די אַנבערעגיקע ראַכװעסן, פון פינף יאַמען, פון די אוראַלטע טײַכן. אָט דאָס זײַנען מיר. מיר קענען דען ניט אײַנע און די זעלבע ליד — די ליד װעגן דער גרױסער גליק־לעכער ערד. (גיט אַ קאָמאַנדע). פאַרנעמען די ערטער, כאַװײרים! די שלאַכט װערט פאַרגע־זעצט! דער שטורעם טראָגט זיך... עס דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער דער אָפּפרישנ־דיקער הוראַגאַן. דער הוראַגאַן, װאָס װעט אָפּרײניקן די אומרײנקײט, די פּעסט פון דער גאַנצער ערד.

עס הערט זיך אַ שיסערײַ. דאָס שפּילן פון אַן אָרקעסטער.

פאָרהאַנג

פון רוסיש — א. גאָנטאַר

הירש בלאָשטיין

דער מענטש איז זון=וועלטס שענסטער ווונדער

אין שטערן־שימער

שפעט. כ׳בין מיד. מײַן טיש, מײַן צימער
דרעמלען שוין אָן שײַן.
גייט געדיכטער שטערן־שימער
דורך א שויב אַרײַן.

פליט אראָפּ פון מיר דער דרימל,
ווי פון וועגט דער שטויב,
קוקט פארגאפט מײַן הארץ אין הימל
דורך דער בלויער שויב.

פינטלען שטערן מיט די אויגן,
ווינקען גאָר אינטים.
אָט איז איינער דורכגעפלויגן —
און איך פלי מיט אים...

און מײַן ליב און קלייניק וועלטל,
וואָס באַם שרײַבטיש שטייט,
פליט באַנאנד מיט מיר צום וועלטאל,
מיט א ליד באַגלייט.

פליִען מיר צום שטערן־שימער,
און ס׳איז גוט אונדז, גוט...
אוי, כ׳וועל זײַן א קאָסמאָס־שווימער,
כאָטש אַף איין מינוט!

כ׳וויס: וואָס העכער כ׳פּלי, אלץ קלענער
יעדער שטערן ווערט,
אָבער... ס׳איז פון אלע שענער
אונדזער שיינע ערד!

שטײַפע, בלויע אינדערפריִען

אינדערפריִען — שטײַפע, בלויע
בא דעם ווינטער, ווײַס־באַיאָרטן.
...וויפל פודן גאָלד האנאָע
איצט פארטיילט דער קינדער־גאָרטן!

און די זיידעס גייען, גייען
מיט די אייניקלעך אין פּאָרן...
ס׳ווערן ווארעמער די שנייען
גאָר ווי אין די קינדער־יאָרן!

יעדער צימער פול מיט הילך איז,
מיט געלעכטער־כוואַליעס קלאָרע.
יעדעס בעקל — בלוט און מילך איז,
קיין איינהאָרע, קיין אײַנהאָרע!..

לויכטן, ריידן הויך די זיידעס,
פונעם רויש ארום פארקלונגען.
און די עלטער אין דער פרייד איז
אזא יונגע, אזא יונגע.

און זי וויל, די רײַך געניטע,
גיט אוועק פון קינדער־גאָרטן...
אוי, עס איז די יוגנט דריטע
פערוויי סאָרט פון אלע סאָרטן!

אין וואלד

גוטמאָרגן, פרילינג־וואלד,
און זײַ געגריסט!
ווי ליב און גאַסטפרײַנטלעך
און שיין דו ביסט!
דו ביסט דער זעלביקער,
וואָס גאָר אַמאָל,
און ס׳הילכט אַ פריידפולער
דײַן פויגל־קאָל...

איך זע: די צײַט האָט דאָ
קיין שליטע ניט —
זי פליט אין אייביקייט,
פאַרבײַ דיר פליט.
דו ביסט דער זעלביקער,
דײַן הימל הויך.
די ראָזע וואָלקנדלעך,
זיי שווימען הײַנט
אין ליכט, געשפּינענעם
פון גאָלד און בלוי.
אַ שטראַל אַ דאָרשטיקער
עס טרינקט דײַן טוי.

און אָט דאָס ווערעריקל
אין דײַן געצווײַג —
ניט שוין געדענקט מיך ניט?
איך שטיי און שווײַג.
עס לויפט אַראָפּ־אַרויף,
עס שווינגט, עס שפּרינגט...

כ׳בין אויך אַמאָל אַזוי
געווען פלינק.

און דו געדענקסט מיך נאָך,
מײַן גוטער וואַלד? —
איך בין קוים זיבעצן
געווען אַלט.
איך האָב געבראַכט צו דיר
מײַן ערשטע ליד,
און גאָר די וועלט אין מיר
האָט בונט געבליט...
און איצט איז אַכציק מיר,
און אָפט ווערט שווער,
און אומגעבעטן קומט
אין אויג אַ טרער,
עס דוכט זיך מיר — עס ווערט
דאָס וואָרט מײַנס דאַר...

און כ׳הער, עס זאָגט צו מיר
אַ דעמב אַ גוואַר:
— איך בין באַלד טויזנט אַלט,
און, זעסט, איך בין,
ווי נאָר דער פרילינג קומט,
סײַ יונג, סײַ גרין,
און כ׳טראָג מײַן יאָרן־לאַסט,
ווי יונגווײַז, גרינג.
און דו... — טראַכט ווייניקער,
און מערער זינג!

ווּעסט ניט אָנצינדן

ווּעסט ניט אָנצינדן אַ צווייטן,
אויב דו האָסט אַליין קיין פײַער.
אויב דו ווערסט געוווינט צו קייטן,
ווּעסטו קיינמאָל זײַן אַ פרײַער.

אויב דו שרײַבסט אַליין מיט גרײַזן,
זײַ קיין לערער ניט בײַ קינדער.
קאָנסט קיין וועגן קיינעם ווײַזן,
אויב דו ביסט אַליין אַ בלינדער.

בײַם פענצטער

בײַ מײַן פענצטער שפּרינגען שפּערלעך,
כ׳שיט זיי ברעקלעך, און זיי שפּרינגען.
ס׳קומט זיי אָן דאָס לעבן שווערלעך,
כ׳וויל, עס זאָל זיי ווערן גרינגער.

כ׳טו מיט דאַנק זיך טיף פאַרנויגן:
ס׳קושט אַ פרוי איר קינד דאָס קליינע.
סאַראַ כיין אין אירע אויגן,
אַלע מאַמעס זײַנען שיינע.

און איך זע, ווי אַלץ ווערט שענער,
האַרץ און הימל זײַנען אָפן.
זאָג מיר, פרילינג: ביסט ניט יענער,
וואָס כ׳האָב יונגווײַז נאָך געטראָפן?

ווונדערלעכע ראָד

דער סאָף־סענטיאַבער־טאָג —
ער שטייט ניט פרי אויף,
ער רײַבט די אויגן לאַנג
פון נעפּל אויס.
און אָט איז איבער זונטיקדיקן קיִעוו
אַ צערטלעכע,
אַ ווילדע זון אַרויס,
אַ גלעט געטאָן פאַרבענקטע
קלומבעס בלומען,
אַ צינד געטאָן אַ בלאַט,
וואָס ס'האָט דער ווינט געקערט...
איך האָב זיי ליב,
די לעצטע טעג פון זומער,
דעם ווייכן אָפּגאַנג זייערן פון דר'ערד.

ווי שאַרעס פייגל,
פליִען זיי, פאַרשוועבן
און זינגען אומעטיק
באַם שוועל פון ווײַטן וועג...
ס'איז זומער נאָך —
און האַרבסט! עס איז
דאָס לעבן,
וואָס אייביק איז עס דאָ
און אייביק גייט אוועק...

פון קינדווײַז אָן לויפסט נאָך
מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם
דער זון־און־שאָטנדיקער
ווונדערלעכער ראָד,
וואָס רופט זיך צײַט...
ווער פּילט אים און ווער האָט אים
באַגריפן און פאַרשטאַנען,
אָט דעם סאָד —
דעם לויף דעם אייביקן
פון קומען און ניט־ווערן,
דעם כאַלעם פונעם פעלד,
ווען ס'בליט, ווען ס'וועלקט,
און אונדזער ניט געשטילטע דאָרשט
צו זען און הערן,
און אונדזער קליינינקע האַרץ,
וואָס טראָגט אין זיך — די וועלט!
מיר ווערן קיינמאָל זאַט
פון גרויסן לעבנס־הונגער,
וואָס איז אונדז יעדערן
ביז ראַנד פון גרוב באַשערט.
אָ, זײַ געגריסט, מײַן ערד,
מײַן אייביק יונגע,
מײַן אייביק שיינע
זון־געבענטשטע ערד!

אַלטע העפטן

באַכט. מײַן שרײַבטיש איך צעעפן —
טוען מיר אַ לויף אַנטקעגן
יאָרן, לענדער, טרוימען, וועגן...
ס'איז מיר ליב מיט זיי זיך טרעפן!

אַלע זינגען זיי דאָ ווידער,
ווער — אַ סאָלאָ, ווער אין כאָר איז,
ווער מינאָר, און ווער מאַזשאָר איז,
און מײַן וועלט איז — לידער, לידער.

לידער — הילכיקע טרומייטן,
לידער — שטיל, פאַרבענקטער ניגון.
לידער — טרוימען, וואָס פאַרוויגן,
ווען עס קומט אַן אומרו ווײַ טאָן.

אָט מײַיאָווע ווינטלעך ווייען,
אָט אַ האַרבסט־שקיִע אַ טריבע.
און די נאַכט — ווי איך, אין פיבער —
מײַנע אַלטע העפטן לייענט...

פּײַער און אָפּשײַן

דער אָפּשײַן איז אַן עכאָ פונעם פּײַער,
זײַן שטילערער באַגלייטער זײַן געטרײַער.
ער ווערט געבוירן אינעם פּראַל פון פלאַמען
און לעשט זיך אויס און שטאַרבט מיט זיי צוזאַמען.

און דו, מײַן ליד — מײַן עכאָ, ביסט אַ וווּנדער:
דײַן פלאַם און אָפּשײַן לעבן גאַנץ באַזונדער.
דעם פלאַם די הייסע בלוטן דײַנע טראָגן,
דעם אָפּשײַן האָסט פון אייביקײַט געקראָגן.

דו האָסט פארבונדן זיך אין דײַנע פרייד און טרערן
מיט דעם, וואָס איז געווען,
מיט דעם, וואָס וועט נאָך ווערן!
און צײַט ס'וועט צאַפּלען נאָך אין דיר א נערוו א מינדסטער,
וועסטו קיין רעגע ניט פארבלײַבן אין דער פינצטער.

און ס'קומט די ליד

איך וויל די גאנצע וועלט הײַנט בענטשן
און יעדן כאַוּוער־מענטש באזונדער,
און זאָגן: — ברודער, האָב ליב מענטשן!
דער מענטש איז זון־וועלטס שענסטער וווּנדער!

און אָט דער פרילינג איז דער שענסטער,
און וויפל פרייד ער שענקט מײַן ריזע!

אין אלע שויבן פון מײַן פענצטער
מיט טויזנט פארבן פלאַמט די שקיִע.

און ס'קומט א ליד, ווי איך, ניט ניכטער,
און מעסט מיר אָן צוויי בלויע פליגל.
אוי, ס'איז דער דיבעק פון א דיכטער
ארײַן אין מיר נאָך אינעם וויגל...

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

א האלבן יאָרהונדערט אין דער קונסט

אין 1917, בײַס די יִדן־פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע, האָבן באנדיטן דערמאָרדעט שײַע בראָנשטיינס טאַטן. קעדיי ראַטעווען די קינדער, איז די מאַמע געלאָפן מיט זיי קיין קיִעוו. דער עלטערער ברודער איז אוועק פרײַוויליק אין דער רויטער ארמיי. אין קיִעוו האָבן געהערשט הונגער און טיפוס. די מאַמע מיט ביידע טעכטער זײַנען געשטאָרבן, דעם 9־יאָריקן שײַע האָט מען אײַנגעאָרדנט אין א קינדערהיים. דאָרט האָבן אין אים אופגעוואַכט זײַנע נאַטירלעכע פייִקײַטן, ער האָט אָנגעהויבן מאָלן.

געענדיקט די מיטלשול, איז ער אָנגעקומען אין א קינסטלערישן טעכניקום. אַף דער אויסשטעלונג פון די דיפּלאָם־ארבעטן זײַנען בײַגעווען די פּראָפעסאָרן פון דער קיִעווער קונסט־אקאדעמיע באָיטשוק און קראַמארענקאָ, וועלכע האָבן וועגן שײַעס דיפּלאָם געגעבן אזא אָפּרוף: „אָט דעם יונגנמאַן מיט באַשטימטע פייִקײַטן האָט זיך אײַנגעגעבן אָפּצושפּיגלען דעם אָנטייל פון די יִדן אין דער בויונג פונעם סאָציִאליזם". בראָנשטיינס דיפּלאָם־ווערק האָט מען אוועקגעפירט אַף דער צווייטער אוקראַיִנישער קונסט־אויסשטעלונג (1927).

אין די ווײַטערדיקע יאָרן לערנט זיך דער יונגער קינסטלער צוערשט אינעם לענינגראַדער אינסטיטוט פון מאָלערײַ־קונסט, שפּעטער אין דעם מאָסקווער קונסט־אינסטיטוט. אײַנצײַטיק פּילט ער אויס באַשטעלונגען פון די פארלאגן „עמעס" און „מאָלאָדאיא גוואַרדיִא", באזוכט די סטודיִע פונעם באַרימטן גראַפיקער פאַוואָרסקי. אינעם אינסטיטוט האָט ער באַשלאָסן ווידמען זײַן דיפּלאָם־ארבעט דעם מאָסקווער יִדישן מעלוכישן קאַמער־טעאַטער. צוליב דעם האָט ער אָנגעהויבן אָפּטער צו באזוכן דעם „גאָסעט" און מאַכן עסקיזן.

אָט אזוי האָבן אין שײַע בראָנשטיינס דיפּלאָם־ווערק זיך באַוויזן די ווונדערלעכע פּאָרטרעטן פון מיכאָעלסן, זוסקינען, סצענעס פון די שאָלעם־אַלײכעם־ספּעקטאַקלען און פון טעאַטער־ווערק פון יִדישע סאָוועטישע אווטאָרן. גרויס הילף האָבן דעם קינסטלער דערבײַ ארויסגעוויזן שלוימע מיכאָעלס און דער רעקטאָר פונעם מאָסקווער קונסט־אינסטיטוט איגאָר גראבאר.

...1943. שײַע בראָנשטיין געפינט זיך מיט זײַן געזינד אין עוואַקואַציע אין אוזבעקיסטאַן. ער ארבעט אלס קינסטלער אַף דער בויונג פון א מעטאלורגישן קאָמבינאַט, ווערט אָנגענומען אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און אין קינסטלער־פארבאנד פון פססר. זינט דעמלט האָט ער געהאַט פינף פערסאָנעלע אויסשטעלונגען, אַף וועלכע מע האָט קלאָר געזען זײַן מערקווירדיקן קינסטלערישן טאַלאַנט. בראָנשטיינס ווערק זײַנען איצט ברייט באַקאַנט. א סאַך פון זיי ווערן געהיט אין די מוזייען פונעם סאָוועטנפארבאנד, דערונטער אין אזעלכע באַרימטע, ווי די טרעטיאַקאָווער גאַלערײַ, דער פּושקין־מוזיי, לענין־מוזיי, רעוואָליוציע־מוזיי.

די לעצטע צען יאָר ארבעט שײַע בראָנשטיין אַף דער טעמע „די לענינישע ערטער אין גאָרקי". די אויסשטעלונג, וועלכע טראָגט דעם דאָזיקן נאָמען, האָט, צווישן אנדערע, באזוכט דער גענעראַל־לײַטענאַנט פון טאַנקען־מיליטער מ. א. טשערניאַווסקי. אינעם זשורנאַל פון די אָפּרופן פון די באזוכער האָט ער פארשריבן:

„די אויסשטעלונג פון ש. י. בראָנשטיינס ווערק „די לענינישע ערטער אין גאָרקי" צעעפענען פאַר די צושויער א טיר אין דער וועלט פון פּראַכט און נאַטור־שיינקײַט. מיט זײַנע גראַווירן, צייכענונגען און אקוואַרעלן, וועלכע זײַנען געמאַכט מיט דער מײַסטערשאַפט פון א יווועליר, פלאַנצט בראָנשטיין אײַן אין די הערצער פון די צושויער ליבע צו די היסטאָרישע ערטער, ווו עס האָט געלעבט, געאַרבעט און גערוט דער גרויסער לענין".

יע. יעלאַנסקי

קינסטלער שיַיע בראָנשטיין

מאָסקווע

טעוויע דער מילכיקער מיט פערטשיקן (האָלץ־גראַווירע)

א בריקל אין פּארק. (פון דער סעריע „גאָרקי לענינסקיע״)



בערעזעס

נאַטורמאָרט

די אָזערע ריצא

צוויי צייכענונגען: ש. מיכאָעלס אין דער ראָל פון קיניג ליר ב. זוסקין — דער לעץ.

בער האַלפּערן

צוויי דערציילונגען

אין ייִדישן קוואַרטאַל פון אַמסטערדאַם

קימאַט צוואַנציק יאָר, זײַנע בעסטע שעפערישע יאָרן, האָט רעמבראַנדט אָפּגעלעבט אין דער סאַמע מיט פונעם ייִדישן קוואַרטאַל פון אַמסטערדאַם. דאָרט, אין זײַן הויז אויף דער „יאָדענברעעט" (ייִדן־גאַס), האָט ער געלעבט אין דער צײַט פון זײַן מישפּאָכע־לעבן מיט סאַסקיִאַ און דאָרט האָט ער געלעבט אויך שפּעטער, נאָכן טויט פון דער יונגער סאַסקיִאַ, ווען אין זײַן הויז — און אויך אין זײַן האַרצן — האָט געוועלטיקט די יונגע פרייליכע דאָרפס־טאָכטער הענדריקע סטאָפּעלס. דער בירגערלעכער טאָכטער סאַסקיִאַ פון דער רײַכער סאָכרישער פאַמיליע וואַן איילענבורג איז דאָס לעבן אין געדיכטן ייִדן־קוואַרטאַל געווען ניט שטאַרק צום האַרצן. רעמבראַנדט האָט זיך פאַר איר פאַרענטפערט, אַז ער מוז עס טאָן צוליב זײַן שאַפן: ער שרײַבט דאָך סראָוו אויף ביבלישע טעמעס און ווו נאָך קאָן ער געפינען אַזעלכע פּרעכטיקע טיפּן פאַר זײַנע מאָלערײַען, ווי אין ייִדן־קוואַרטאַל? פאַר הענדריקען אָבער האָט ער זיך ניט געדאַרפט פאַרענטפערן. זיי האָבן דאָך ביידע געלעבט אין פרײַער ליבע, ביידע ניט געגאַנגען אין קירכע און ביידע געשעמט אַלס גאָטלאָזע מענטשן, פאַרבינדעטע פון דעם ניט־גוטן. באַ אַזאַ לאַגע האָט הענדריקע זיך געפילט בעסער אין דער נאָענטער שכיינעשאַפט פון דער סינאַגאָגע, איידער אונטער דער שוץ פון אַ קירכע און האָט מיט מער כיישעק געהאַט צו טאָן מיט ייִדן, ווי מיט אירע אומדולדזאַמע „גלויבנס־גענאָסן".

די אײַנוווינער פונעם ייִדן־קוואַרטאַל זײַנען געווען שפּאַנישע ייִדן, אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע סאָף פופצנטן יאָרהונדערט, אָדער אַנטלאָפענע פון דאָרטן שפּעטער און אַנגעקומענע אַהער, קעדיי אַראָפּצוואַרפן פון זיך די שענדלעכע מאַראַנען־הויט און אומקערן זיך צו זייער פאָלק און גלויבן. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך ניט נאָר זייער טוירע און ייִכעס, נאָר אויך זייערע רײַכטימער, זייער האַנדל מיט לעוואַנטע און דאָרעם־אַמעריקע. דאָס זײַנען געווען שטאָלצע מענטשן. און עפּשער ניט אַזוי שטאָלצע, ווי גײַוועדיקע. פון די שפּאַנישע סעניאָרן און אַדל־לײַט האָבן זיי איבערגענומען די נייגונג צו לוקסוס, דעם אויסערלעכן גלאַנץ און די רײַכע מיזרעך־קליידער פון סאַמעט, זײַד און אַטלאַס. די סינאַגאָגע, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעבויט אין אַמסטערדאַם, איז לאַכלוטן ניט ענלעך געווען אויף אַ שול ערגעץ־ווו אין אַ קעהילע פון מיזרעך־אייראָפּע. דאָס איז געווען אַ טעמפּל, וועלכע איז, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, ענלעך געווען אויף אַ קאַטוילישער קאַטעדראַל אין אַ גרענאַדע, אַ טאָלעדאָ, אַ ליסאַבאָן. מיט איין וואָרט — אַ ייִדישער קאַטעדראַל. די הויכע בימע אינמיטן טעמפּל איז געווען געבויט פון בעסטן פּאַליסאַנדרע־האָלץ פון בראַזיליע, און אַז אין די גרויסע יאָמטויווים פלעגט מען דאָרט אָנצינדן זעקס הונדערט דרײַצן ליכט (לויט די טאַריאַג־מיצוועס!) און דער ייִנגלשער כאָר אונטער דער לייטונג פון אַ רעגענט פלעגט זינגען די טפילעס, איז עס געווען אַן אײַנדרוקספולער ספּעקטאַקל, וואָס איז ניט אָפּגעשטאַנען פון אַ גאָטעס־דינסט אין אַ רײַכער קאַטוילישער קאַטעדראַל.

רעמבראַנדט האָט האָלט געהאַט צו באַאָבאַכטן די ייִדן פון זײַן קוואַרטאַל סײַ אין זייער וואָכעדיקן האַנדל־וואַנדל, סײַ שאַבעס אָדער יאָמטעוו, ווען זיי זײַנען געגאַנגען — די מענער אין לאַנגע געפּאַלדעוועטע, אויסגענייטע מיט גאָלד

און זילבער פעדעם, קאמזוילן, די פרויען אין אטלאסענע און זײַדענע קליידער און באהאנגענע מיט צירונגען און איידלשטיינער, — אין זייער סינאַגאָגע. ער האָט האָלט געהאַט אַרײַנצוטרעטן מיט זיי אין שמועסן, פּאַרפירן מיט זיי וויקוחים, קעדיי אַרויסצורופן די שפּיל פון לײַדנשאַפטן אַף זייערע ביבלישע פּנעמער, און געמאָלט זיי, געמאָלט און געמאָלט. בלויז זעלטענע פון זיי האָבן זיך ניט געלאָזט פּאָרטרעטירן, ווײַל דאָס איז קעגן זייער עמונע. די מערסטע אָבער האָבן ניט שטאַרק מאַקפּיד געווען אָפן דין: האָבן דאָך די גראַנדן און רײַכע בירגער פון שפּאַניע זיך גערן געלאָזט מאָלן פון וועלאַסקעס און על גרעקאָ און אפילע געצאָלט דערפאַר גרויסע געלטער. און צי זײַנען זיי, די ספּאַרדישע ייִדן, קלענערע „קאַבאַליעראָס" פון די גראַנדן און סעניאָרן? אָדער עפּשער איז זייער האָלענדישער פּרײַנט א קלענערער קינסטלער, ווי יענע שפּאַנישע?

דאָ, אין דעם ייִדן־קוואַרטאַל, איז רעמבראַנדט געווען קימאַט דער איינציקער ניט־ייִד. א מיטלוווּקסיקער, מיט א קרעפּטיקער פּויערישער פיגור, מיט א ברייט פּאָנעם, א דורכגעאַקערטס פון לײַדנשאַפטס־קאַרבן, איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן אוילעם, אײַנזאַפּנדיק אין זיך מיט זײַנע טיפּזיצנדיקע שלינגענדיקע אויגן אַלץ אַרום. דאָ זײַנען פאַר אים ירושאָלאַיִם און אַמסטערדאַם געווען ניט צעטיילט, ניט אין צײַט און ניט אין רוים. די פּאַטריאַרכאַלע ביבלישע פיגורן מיט זייערע לאַנגע בערד און סעמיטישע געזיכט־שטריכן זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין רעמבראַנדטס לײַוונטן, אין די פּערסאָנאַזשן פון זײַנע ביבלישע בילדער.

פון די כאַשעווסטע ייִדן, ווי, לעמאַשל, דעם רויפע עפראַיִם באָנוס און דעם געלערנטן און פילאָסאָף מענאַשע בען ייִסראָעל, האָט ער געמאַכט זעלבשטענדיקע פּאָרטרעטן, וואָס זײַנען אַרײַן אין אויצער פון דער וועלט־קונסט. און אַז דער זעלבער מענאַשע בען ייִסראָעל האָט אָנגעשריבן א בוך, האָט די איליוסטראַציעס צו אים געמאַכט רעמבראַנדט. דער בוך איז געווען געשריבן אין שפּאַניש און געהייסן „פּעדראָ פּרעציאָסאָ" (ווערטפולער שטיין). רעמבראַנדט האָט געמאַכט דעם שאַרבלאַט, אופּצייכענענדיק אַף אים דעם שטיין, אַף וועלכן ס'איז געשטאַנען נעוווּכאַדנאָסער, דער קיניג פון באָוול, וואָס האָט צעשטערט דעם ערשטן בייס־האַמיקדעש אין ירושאָלאַיִם.

* * *

סאַסקיאַ האָט געבוירן רעמבראַנדטן פיר קינדער. די ערשטע דרײַ זײַנען געשטאָרבן אין דער מאַמעס מילך און דאָס פערטע, א ייִנגל, האָט שיר ניט געבראַכט דערצו, אַז רעמבראַנדט זאָל זיך צעקריגן מיט זײַנע ייִדישע פרײַנט.

גלײַך נאָכן געבורט פונעם ייִנגל האָט רעמבראַנדט אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז די ייִדן ווײַכן אים אויס, קערן זיך אָפּ פון אים, אַנדערע קוקן אַף אים מיט פײַנטלעכע אויגן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. איינמאָל, דערזעענדיק אַף דער גאַס א הײַפל ייִדן און צווישן זיי זײַן פרײַנט מענאַשע בען ייִסראָעל, איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און געפאָדערט, מע זאָל אים זאָגן, וואָס דאָס באַטײַט.

מענאַשע האָט זיך אָפּגעקערט, נאָר איינער פון די אָנוועזנדיקע האָט אים א שלײַדער געטאָן:

— דאָס איז א באַליידיקונג פאַר אונדז! דאָס האָט איר פּאַשעט אָנגעשפּײַט אונדז אין פּאָנעם!

— וואָס? — האָט רעמבראַנדט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין.

— איר פרעגט נאָך? אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך און פרעגט נאָך? — די גלאַנציקע קויל־שוואַרצע אויגן באַם ייִדן האָבן געפינקלט מיט צאָרן.

דאָ האָט זיך מענאַשע בען ייִסראָעל אַרײַנגעמישט:

— ער מיינט דערמיט דאָס, וואָס איר האָט אָנגערופן אײַער זון טיטוס. טיטוס איז דאָך געווען דער יעניקער, וואָס האָט אײַנגענומען דאָס לאַנד יעהודע און צעשטערט דעם צווייטן בייס־האַמיקדעש.

— אָ! — האָט אויסגעצויגן רעמבראַנדט. — איך האָב דאָס גאָרניט געהאַט אין זינען. טיטוס איז א נאָמען אין מײַן פרויס מישפּאָכע. דאָס האָט זי פאַרגעלייגט דעם נאָמען, און מיר איז גאָר קיין זאַך ניט אײַנגעפאַלן.

מענאַשע איז צו אים צוגעגאַנגען און אים דערלאַנגט די האַנט:

— מאַעסטראָ, מיר גלייבן אײַך.

נאָר דער ייִד מיט די גלאַנציקע אויגן האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן:

— באַ טיטוסן, נאָכדעם ווי ער האָט צעשטערט דעם בייס־האַמיקדעש, האָט זיך א פויגל באַזעצט אין קאָפּ און געפּיקט אים דעם מויעך, ביז ער איז געשטאָרבן.

דאָ האָט דער היציקער טעמפּעראַמענט פון רעמבראַנדטן ניט אויסגעהאַלטן.

— א פויגל זאָל זיך באַזעצן אין אײַער קאָפּ און פּיקן אײַער נאַרישן מויעך!

מענאַשען איז קוים געלונגען אײַנצושטילן די געמיטער.

די קינדער פונעם ייִדן־קוואַרטאַל האָבן זיך מיט מער טאָלעראַנץ באַצויגן צום זון פון רעמבראַנדטן. זיי האָבן אים אופגענומען אַלס כאַווער אין זייער שפּילן, און דער קליינער טיטוס האָט מיט זיי פאַרבראַכט גאַנצענע טעג. נאָר

זעלטן־ווען, בייס מע האָט זיך צעקריגט, פלעגן די ייִנגלעך א וואָרף טאָן: טיטוס־האראָשע! דאָס ייִנגל האָט זיך ניט באַליידיקט, ער האָט עס אופגענומען, ווי א פּאָשעטע צונעמעניש, און וועלכער ייִנגל האָט עס ניט קיין צונעמעניש?

אפילע ווען טיטוס האָט אָנגעהויבן גיין אין שול, האָט זיך די פרײַנטשאפט מיט די ייִדישע כאווײרים ניט איבערגעריסן. אין שול האָבן די קינדער גערייצט זיך מיט טיטוסן, זיך איזדעקעוועט איבער אים: זײַן טאטע איז דאָך געווען א גאָטלאָזער מענטש, וואָס פארלעצט די בירגערלעכע מאָראל, לעבנדיק פרײַ מיט זײַן עקאָנאָמקע. נאָך דער אָפּקומעניש אין דער שול פלעגט טיטוס פרײַ אָפּעטעמען און זיך אומקערן אין זײַן קווארטאל, זיך שפּילן מיט די ייִדישע קינדער.

אין דעם זעלבן ייִדן־קווארטאל און אין די זעלבע יאָרן האָט געלעבט אויך א ייִד, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן: באָרעך שפּינאָזע. ס׳איז ניט באוווסט, צי האָבן זיך דיביידע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט עפשער א הונדערט טריט איינער פון אנדערן, זיך געקענט. באוווסט איז, אז שפינאָזע האָט געלערנט וויסנשאפטן בא דעם זעלבן מענאשע בען ייִסראָעל, דעם גוטן פרײַנט פון רעמבראנדטן. אויסער דעם, זײַנען רעמבראנדט און שפינאָזע געווען פארבונדן מיט איין און דער זעלבער האָלענדישער אינטעליגענטער פאמיליע, מיט די הויגענס. דער פאָטער, קאָנסטאנטין, איז געווען דער, וואָס האָט אנטדעקט רעמבראנדטן בייס יענער איז נאָך געווען א ייִנגל און געמאָלט בילדער אָף די שטויביקע ווענט פון זײַן פאָטערס מיל. קאָנסטאנטין הויגענס האָט אים אָנגערעגט זיך צו ווידמען מאָלערײַ און ער איז געווען דער, וואָס האָט אים פארשאפט די ערשטע באשטעלונגען פון דעם פרינץ פון אָראניען. דער זון, כריסטיאַן הויגענס, איז געווען א באַרימטער פיזיקער און נאטור־פאָרשער. ער איז געווען באפרײַנדעט מיט שפינאָזען און פלעגט אים געבן שלײַפן די לינזעס, וואָס ער האָט נייטיק געהאט פאר זײַנע פיזישע מאכשירים.

רעמבראנדט און שפינאָזע... ביידע קינדער פון איין צײַט, פון דער צײַט, ווען דער פארשקלאפטער געדאנק, אָן אופגעוועקטער פון רענעסאנס, האָט זיך מעכטיק א צאפּל געטאָן, אראָפּווארפנדיק פון זיך די קלעריקאלע מיטלאלטערלעכע פּענטעס. ביידע זײַנען זיי געווען פרײַדענקערס, ביידע זײַנען זיי געקומען צו דעם אויספיר, אז דער מענטש דארף אָנשטאָט דאָס וואָרט „גאָט" אוועקשטעלן דאָס וואָרט „נאטור". דער מאָלער — מיט זײַן קינסטלערישן באוווסטזײַן, דער דענקער — מיט זײַנע פילאָסאָפישע באטראכטונגען. און דער גוירל האָט געוואָלט,

אז איין און דער זעלבער טאָג — דער 27 יון 1656 — זאָל ווערן אנטשיידנדיק פאר איינעם און פאר דעם צווייטן.

יענעם טאָג האָבן אין דער אמסטערדאמער סינאגאָגע געברענט שווארצע ליכט און שווארצע ווערטער זײַנען געפאלן אָף דעם באשולדיקטן, באָרעך שפינאָזע. „פארשאָלטן זאָל ער זײַן אין אלע שאָען פון טאָג און פארשאָלטן זאָל ער זײַן אין אלע שאָען פון נאכט... פארשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער שטייט אוף... פארשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער לייגט זיך אָפּרוען... פארשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער גייט ארויס און פארשאָלטן זאָל ער זײַן, ווען ער קערט זיך אום..." אזוי האָט זיך די ייִדישע געמיינדע אָפּגערעכנט מיט איר אָפּטריניקן זון.

און אין זעלבן טאָג, עפשער א פּאָר הונדערט שפּאַן פון דאָרטן, האָט דאָס מערקאנטילע געלטגיריקע בירגערטום, וואָס האָט זיך אָקאָרשט דערקליבן צו מאכט, זיך אָפּגערעכנט מיט איינעם פון אירע גרעסטע זין, מיט רעמבראנדטן. זיי האָבן אים צוערשט פארפלאָנטערט אין כויוועס, אויסגעזויגן דעם מארך אים פון די ביינער, באשווינדלט, פארקויפנדיק זײַנע בילדער אין גאנץ אייראָפּע און ווערנדיק רײַך פון אים, און דאן אים דערקלערט פאר באנקראָט. דאָ, אָף דעם אאוקציאָן, אין דעם הויז אָף יאָדענברעעט, זײַנען ניט געפאלן שווארצע ווערטער, דאָ זײַנען געפאלן גולדענס און געקלונגען דוקאטן — דאָס נײַע געוועער פון דעם נײַעם הערשנדיקן קלאס. מע האָט צוגענומען בא רעמבראנדטן זײַן הויז, אָפּגעשריבן זײַנע אלע זאכן און ארויסגעוואָרפן אים אָף דער גאס.

אָנהייב פופציקער יאָרן, ווען רעמבראנדט האָט נאָך געלעבט אין זײַן הויז אָף דער ייִדן־גאס, איז דער ייִדן־קווארטאל אופגעטרייסלט געוואָרן פון געשעענישן.

צוערשט זײַנען עס געווען קלאנגען. מע האָט דערציילט וועגן א גרויסן אומגליק אָף ייִדן אין איינעם א ווײַטן לאנד מיטן מאָדנעם נאָמען אוקראַינע. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן קומען פּליטים פון דאָרטן.

דאָס זײַנען געווען הונגעריקע, אָפּגעריסענע, אויסגעצערטע מענטשן. זיי האָבן דערציילט וועגן שרעקלעכע הארוגעס, וועגן פּאָגראָמען, אין וועלכע עס זײַנען אומגעקומען גאנצע קעהילעס, וועגן דעם, ווי זיי האָבן זיך אלפּי־נעס געראטעוועט, און ורעגן די צאָרעס, וואָס זיי האָבן געהאט אויסצושטיין אין לאנגן וועג, איידער זיי זײַנען אהער געקומען.

פאר די ספארדישע ייִדן זײַנען די אָנגעקומענע געווען פרעמד מיט זייער לאָשן, מיט זייער הוילעך און מיט זייערע צאָרעס. דעריבער איז די הילף די נײַ־אָנגעקומענע געווען א קארגע

און אײַנגעהאַלטענע. מע האָט זיי באַזעצט אין ייִדן־קוואַרטאַל, נאָר אַף דער אַנדערער זײַט פֿון יאָדענברעעט, ווו ס׳זײַנען געשטאַנען כאַלופּעס און אײַנגעפֿאַלענע סקלאַדן.

די נײַע ייִדן האָבן גערעדט אַ לאָשן, וואָס איז ענלעך געווען אַפֿן האָלענדישן. אינגיכן זײַנען די אַמסטערדאַמער גאַסן און געסלעך פֿול געוואָרן מיט זייערע הילכיקע קוילעס, וואָס זאָגן אָן, אַז זיי פֿאַרקויפֿן האָניק־קיכלעך און בייגל, פֿאַריכטן שיך, לאַטעווען קליידער און קויפֿן אויף אַלטוואַרג. פֿאַרטאָג, איידער נאָך די זון איז אויפֿגעגאַנגען, האָבן זיי שוין געשטופּט איבער די קאַנאַלן זייערע שיפֿלעך, אָנגעפּילטע מיט קאָלערליי גראָשענע סכוירעס, קעדיי באַצײַטנס אָנצוקומען אַף אַ יאַריד, אָדער אַף אַ מאַרק.

פֿאַר די ספֿרדים איז דאָס אימפּעטדיק האַוועַן פֿון די נײַע ייִדן געווען שאָקירנדיק, און זיי האָבן זיך נאָך מער אָפּגעזונדערט פֿון זיי. יענע האָבן, ניט לאַנג קלערנדיק, אײַנגעאָרדנט אַן אייגענע קלויז אין עפּעס אַן אַלטן ביניען.

רעמבראַנדט האָט זיך צוגעקוקט צו די נײַע פּנעמער. די זעלבע סעמיטישע שטריכן, נאָר מער באַוועגלעך, מער ספּריטנע, מער לײַדנשאַפֿטלעך. ער האָט איינמאָל אַ פֿרײַטיקצונאַכטס אַרײַנגעקוקט אין קלויז. אַ פּאָשעטער הילצערנער אָמעד, אַף וועלכן עס ברענען צוויי כיילעווענע ליכטלעך און אַ מענטש שרײַט דאָ צו גאָט מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטער אײַנגעבראָכענער שטים. צי דען איז עס דער זעלבער גאָט, צו וועלכן מע דאַווענט דאָ און דאָרט, אין דער פּרעכטיקער סינאַגאָגע?

ס׳איז געווען אַ פֿינצטערע נאַכט מיט אַן אויסגעשטערנטן הימל. פֿון יאַם האָט געבלאָזט אַ קאַלטער ווינט. רעמבראַנדט האָט ליב געהאַט אַזעלכע וועטערן. דער שטורעמווינט האָט שטענדיק אויפֿגערודערט, אַזויווי אונטערגעיאָגט זײַנע געדאַנקען. אים איז פּלוצלינג קלאָר געוואָרן: די ייִדן, וואָס ער האָט ביז איצט געמאָלט אַף זײַנע לײַוונטן, דאָס זײַנען דאָך די פֿאַריסייער! זאַטע גלאַטע פֿאַריסייער, וואָס גייען אַרום אין זייערע רײַך־אויסגענייטע כאַלאַטן איבער די מירמלנע דילן פֿונעם בייס־האַמיקדעש, נעמען אויף פֿון די פּראָסטע לײַט די קאָרבאָנעס און יאָגן זיי פֿון דאָרטן, זיי זאָלן מיט זייער געמייִנעם אָטעם ניט פֿאַרשוועכן די קאָדשיי־קאָדאָשים. און יענע, די נײַ־אָנגעקומענע, דאָס זײַנען די איסײַים, יענע איסײַים, וואָס זײַנען געלאָפֿן פֿון דעם אומרעכט פֿון דער וועלט אין די מידבאָריעס און היילן, וועלכע האָבן געטראָגן אין זיך די זוימען פֿון סאָציאַלן פּראָטעסט, וואָס איז שפּעטער אַרײַן אין דער אורשפּרינגלעכער לערע פֿון יעזוסן. פֿון הײַנט אָן, אַז ער וועט זיך ווענדן צו די ביבלישע טעמעס, מאָלן די אומגעבונג פֿון דעם דערלייזער, דאַרף ער שעפּן מער פֿון אָט די נײַע, אויסגעצערטע פֿון ליידן און צאָרעס, פּענעמער, איידער פֿון די אַלטע, די רויִקע, מאַיעסטעטיש־פּאַטריאַרכאַלע.

אָבער אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט אַזוי לײַכט צו טאָן. די נײַ־אָנגעקומענע האָבן זיך בעשום־אויפֿן ניט געלאָזט מאָלן. ווי נאָר ער האָט אַרויסגענומען דעם בלײַער און אַ שטיקל פּאַפּיר, פֿלעגן זיי צעציטערט ווערן און אַנטלויפֿן: ס׳איז אַ כעט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט ניט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם קינסטלער. פּאָשעט, ווען ער פֿלעגט אַרויסגיין אַף דער גאַס, איז ער אַרומגעגאַנגען אין יענעם טייל קוואַרטאַל, ווו עס האָבן געלעבט די נײַע ייִדן. ער האָט באַטראַכט זייער אימפּעטדיק האַווען, זייערע לעבעדיקע זשעסטיקוליאַציעס.

אָפּטמאָל פֿלעגט ער, מײַסע נאָענטער שאָכן, אָפּשטעלן אַ מענטשן, זיך פֿאַנאַנדעריידן מיט אים, אויספֿרעגן. אַן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער צוגיין צו אַ הײַפֿל מענטשן, זיך אַרײַנפֿלעכטן אין זייער שמועס. זיי זײַנען געווען באַריידעוודיקע און עקספּאַנסיווע, גערעדט אַ שלעכטן דײַטש און נאָך אַן ערגערן האָלענדיש. אָבער די געזיכטער זייערע און די טנועס זײַנען געווען אַזוי אויסדרוקספֿול, אַז דאָס, וואָס ער האָט ניט געכאַפּט מיטן אויער, האָט ער דערגאַנצט מיטן אויג. קומענדיק אין שטוב, פֿלעגט ער אָנוואַרפֿן די פּענעמער און פֿיגורן אַף לײַוונטן, אַף פּאַפּיר, אַפֿן קופּערנעם גראַוויר־ברעט.

אַזוי זײַנען די בילדער פֿון יענעם פּעריִאָד „יאַנקעוו, וואָס בענטשט יויסעפֿס קינדער“, „דאָוויד אַנטקעגן שאָולן“, „די דרײַ צלאָמים“ און אַנדערע באַרײַכערט געוואָרן מיט נײַע געשטאַלטן און טיפֿן.

יאָרן זײַנען געגאַנגען, און ווידער איז דער ייִדן־קוואַרטאַל אויפֿגעבריויזט געוואָרן.

רעמבראַנדט, אַן אַלטער, אַ צעבראָכענער, אַן אַנטוישטער, האָט שוין מער ניט געלעבט דאָרטן. נאָר איינמאָל, קומענדיק, לויט זײַן אַלטער געוווינהײַט, אין ייִדישן קוואַרטאַל, האָט ער דערזען דאָרט אַן אומגעוויינלעכע פֿריידיקע שטימונג. מענטשן זײַנען געשטאַנען אין הײַפֿלעך, הויך גערעדט, לעבעדיק זשעסטיקולירט, איבערגעגאַנגען פֿון איין הײַפֿל צום אַנדערן. רעמבראַנדט איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַן אומבאַמערקטער פֿון זיי און זיך געוווּנדערט. דאָס איז געווען נאָך מער כידעשדיק, ווײַל די דאָזיקע מענטשן זײַנען געווען ניט די עקספּאַנסיווע אַשקענאַזים, נאָר די סטאַטעטשנע מאַנירלעכע ספֿרדים. ענדלעך איז ער צוגעגאַנגען צו אַ הײַפֿל און געפֿרעגט, וואָס קומט דאָ פֿאָר.

— איר ווייסט גאַרניט, מאַעסטראָ? — האָט זיך איינער פון די ייִדן פריילעך אָפּגערופן, — אַ סימכע באַ אונדז, אַ פרייד. מאַשיִעך איז געקומען!

— ווער, ווער?

— מאַשיִעך! אונדזער אויסלייזער!

רעמבראַנדט האָט זיך הילפלאָז ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט זוכן דעם, וואָס איז אָנגעקומען.

— ניין, ניין, — האָט זיך יענער פאַנאַנדערגעלאַכט, — ער איז דאָ ניטאָ. אָבער ער האָט זיך שוין באַוויזן אַף דער וועלט און אינגיכן וועט ער קומען אויך צו אונדז און וועט אונדז אויסלייזן.

— מאַשיִעך? ווער איז ער אַזוינער? אַ מענטש פון בלוט און פלייש?

— יאָ, יאָ, אַ מענטש פון בלוט און פלייש. שאַבסײַ צווי איז זײַן נאָמען. ער גייט שוין ארום איבער לענדער און קלײַבט די ייִדן, קעדיי זיי צו פירן קיין ערעץ־ייִסראָעל.

— און אײַך אויך? — רעמבראַנדט האָט זיך אומגלייביק ארומגעקוקט, ניט וויסנדיק, צי מע רעדט עס ערנסט, אָדער מע טרײַבט איבער אים קאַטאָוועס.

— וואָס דען? מיר זײַנען ניט קיין ייִדן? מיר האָבן ניט געליטן צוליב אונדזער גלויבן?

און דאָ האָבן די ייִדן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, אים גענומען דערציילן וועגן זייער מאַשיִעכן. ער האָט זיך שוין באַוויזן אין אייניקע לענדער. אַלע ייִדן, ווי איינער, שטייען צו צו אים, ער שאַפט וווּנדער, ווו נאָר ער באַווײַזט זיך, און אַלע מעלאָכים פון אַלע לענדער ציטערן פאַר אים און באַפרײַען טייקעף זייערע ייִדן. ער איז דער עמעסער אויסלייזער, שאַבסײַ צווי...

— איר ווייסט? — האָט עמעצער געהיימניספול צוגעגעבן, — ער איז געבאָרן געוואָרן טישעבאָוו.

דאָס האָט רעמבראַנדט ניט פאַרשטאַנען, און די ייִדן האָבן עס געדולדיק אים דערקלערט. טישעבאָוו דאָס איז דער נײַנטער טאָג אין כוידעש, און אין דעם טאָג איז צעשטערט געוואָרן דער ערשטער בייס־האַמיקדעש, אין דעם טאָג האָט גאָט אויסדערוויילט, אַז אין אים זאָל געבאָרן ווערן אויך דער אויסלייזער, שאַבסײַ צווי, אָט דער מאַשיִעך, וואָס דאַרף אָט־אָט קומען אויך אַהער.

— מיר קלײַבן זיך שוין! — איז אַן אַנדערער ייִד אַרײַנגעפאַלן אין די רייד. — מאַעסטראָ, איר זעט אָט דאָס הויז? אַ שיין, רײַך הויז, איאָ? איר קאָנט אים הײַנט אָפּקויפן פאַר אַ שיבעש. איר האָט דאָך שטענדיק געוווּנט דאָ.

— איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב קיין געלט ניט. איך בין אָרעם, אָרעם. — האָט רעמבראַנדט געזאָגט, און דער ווייטעק צוליב דעם פרי פאַר־שטאָרבענעם זון זײַנעם, טיטוסן, דעם פאַרדינער, האָט זיך ווידער אופגעוועקט אין אים. ווען יענער וואָלט געלעבט, וואָלט מען געקאָנט אַ קלער טאָן וועגן דעם...

אַ טיף פאַרכושטער, איז רעמבראַנדט אוועקגעגאַנגען. ער איז אריבערגעגאַנגען די גאַס און אַרײַן אין דעם טייל, ווו עס לעבן די אַשקענאַזים, און דאָ איז ער ווידער בישטוימים געוואָרן. דאָס לעבן איז דאָ געגאַנגען, ווי געוויינלעך. מענטשן האָבן געהאַוועט, פאַרזאָרגטע מיט זייערע טאָגטעגלעכע איניאָנים. קיינע הײַפּלעך, קיין פריידיקע צערודערונג. ער האָט אָפּגעשטעלט אַ מענטשן, זײַנעם אַן אַלטן באַקאַנטן — דאָס איז געווען אַ מיטליאָריקער ייִד מיט אַ פּאָנעם, געדיכט באַוואַקסן מיט האַרטע, ווי דראָט, האָר.

— נו, און איר קלײַבט זיך עס גאָרניט? — האָט רעמבראַנדט אים ניט־דרייסט געפרעגט.

— אַ, איר זײַט געווען דאָרטן... זיי האָבן אײַך דערציילט וועגן מאַשיִעכן, אַז ער וועט זיי פירן קיין ערעץ־ייִסראָעל...

— יאָ, יאָ, וועגן מאַשיִעכן... וועגן שאַבסײַ... ווי רופט מען אים?

דער ייִד האָט זיך פלוצלינג אָנגעצונדן:

— גלייבט זיי ניט, די אָנגעבלאָזענע איינדיקעס! זיי קלערן גאָרניט וועגן ערעץ־ייִסראָעל! זיי כאַלעמען גאָר וועגן זייער שפּאַניע!

— אַזוי, אַזוי... שפּאַניע גאָר... — איז רעמבראַנדט נאָך מער פאַרוווּנדערט געוואָרן.

— זיי מיינען, אַז ווען שאַבסײַ צווי וועט פירן די ייִדן קיין ערעץ־ייִסראָעל, וועט ער גיין מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן זיי זײַנען געקומען אַהער, דאָס הייסט דורך שפּאַניע. וועלן זיי דאָרטן, אין שפּאַניע, פאַרבלײַבן. זיי וועלן ווערן דאָרט גראַנדן, גרויסע סראַרעס, זיך באַזעצן אין די שענסטע פּאַלאַצן... וואָס טויג זיי ערעץ־ייִסראָעל? אַ וויסט, פאַרלאָזן לאַנד... שפּאַניע דאַרפן זיי! באַלגאַוועניקעס, אָנגעבלאָזענע איינדיקעס!

רעמבראַנדט האָט פאַרטראַכט געקוקט אַפן ייִדן: איצט, אַז ער איז געווען אין צאָרן, האָבן די געדיכטע האָר אַף זײַן פּאָנעם געסטאַרטשעט, ווי שטעכיקע נאָדלען.

— דער וועג פונדאַנען קיין פּאַלעסטינע, — האָט רעמבראַנדט באַדאַכט געזאָגט, — אַף וויפל כ'האָב אַמאָל געזען אַף אַ קאַרטע, פירט דאָך גאָרניט דורך שפּאַניע. שוין גיכער דורך איטאַליע.

— און זיי טײַנען, אַז אַזוי־ווי זיי זײַנען געקומען אַהער פון ערעץ־ייִסראָעל דורך שפּאַניע, דאַרף מען זיי צוריק פירן דורך שפּאַניע. פאַרפוילטע נעשאָמעס, פוסטע באַלגאַוועניקעס, איינדיקעס מיט פעדערן...

צו זיי איז צוגעקומען מייערקע דער מעשוגענער. דאָס איז געווען אַ הויכער, דאַרער

מענטש, אַף וועלכן די ברודיקע טראַנטעס האָבן זיך געבאָמבלט, ווי אַף אַ שטעקן. אַף זײַן מוירעדיקן דאַרן פּאָנעם האָבן אומבאַוועגלעך געלויכטן צוויי שטאַרע אויגן מיט אַ פאַרגליווערטן בליק. בלויז דער גרויסער מויל, באַוואַקסן פון אַלע זײַטן מיט דינע קוטשעראַווע הערעלעך, איז געווען אויסגעקרימט פון אַן אומפאַרגעסנלעך לײַדן. רעמבראַנדט האָט געוווּסט זײַן געשיכטע: אין דער אַלטער היים האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס דערמאָרדעט זײַנע צוויי קינדער, פאַרגוואַלדיקט און פאַרמוטשעט ביז צום טויט זײַן פרוי, און מייערקע איז געווירט געוואָרן פון זינען. איצטער האָט ער געקוקט מיט זײַנע גרויסע ניט־פינטלדיקע אויגן און געוואַרט. אין די פריִערדיקע צײַטן פלעגט רעמבראַנדט האָבן שטענדיק פאַר אים אין קעשענע אַ שטיק ברויט. איצטער האָט ער גאָרנישט ניט געהאַט און געקוקט אַף אים אַ פאַרשעמטער. נאָר דאָס האָט ניט געשטערט, אין זײַן קאָפּ זאָל דורכבליצן דער געדאַנק: אויב ער וועט ווען־עס־איז מאָלן אַ בילד „יעזוס און דער מעטורעפער", וועט דער דאָזיקער מייערקע זײַן אַן אויסגעצייכנטער מאָדעל. דער לײַדנדיקער יעזוס און דער דאָזיקער אומגליקלעכער — אין זיי איז דאָ עפּעס געמיינזאַמס, אַזוינס, וואָס איז ניטאָ אין די ספּאַרדים.

דער ייִד האָט איבערגעריסן זײַנע זידלערײַען און גאָר מיט אַן אַנדערער, אַ ווייכהאַרציקער שטים געזאָגט:

— גיי, מייערקע, גיי אַרײַן צו מיר אין שטוב. דאָס ווײַב מײַנס וועט דיר וואָס געבן אין מויל...

דער בעסוילעם

באַ איציק סוריצן זײַנען צוויי געשעענישן קימאַט צונויפגעפאַלן: אי ער איז אַוועק אַף פּענסיע, אי ער האָט געקראָגן אַ נײַעם בלישטשענדיקן אווטאָמאָביל „זשיגולי".

עפשער צוליב דעם, און עפשער דערפאַר, וואָס אים האָט שוין לאַנג גענאָגט דער געדאַנק, נאָר אין איינעם אַ טיף־האַרבסטיקן פרימאָרגן האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן נײַנקן „זשיגולי" און זיך אַוועקגעלאָזן העט־ווײַט, צו יענעם פאַרוואָרפענעם ווינקל אין ליטע, ווו עס שטייט זײַן שטעטל, דאָס שטעטל, ווו ער איז געבאָרן געוואָרן, פאַרבראַכט זײַן קינדהײַט און וואָס איז, פּונקט ווי פון אַלע שטעטלעך אין ליטע, פאַרטיליקט געוואָרן אין דער צײַט פון דער פאַשיסטישער מעמשאָלע.

אַ מעכײַע געווען זיך אײַנצושליסן אין דער ריי פון מאַשינעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן אַף דער רעכטער זײַט אווטאָסטראַדע און געשלונגען דעם אַספאַלט מיט אַ גיכקײַט, וואָס ווייסט ניט פון קיינע גרענעצן. אין אַ פּאָר שאָ אַרום האָט איציק סוריץ פאַרקערעוועט אַף רעכטס. דאָ איז שוין ניט געווען קיין אווטאָסטראַדע, אָבער אויך אַ גוטער אַספאַלטענער שאָסיי. די מאַשין „זשיגולי" האָט געשניטן די לופט, די רעדער האָבן געשאָרכעט איבערן אַספאַלט. סוריצן איז ווויל געווען צו שפּירן דאָס געזונטע עטעמען פון דער מאַשין און זיך פילן צוזאַמענגעגאָסן מיט איר אין איין אימפּעט. פאַרבײַ זײַנען געפלויגן דערפער און שטעטלעך. איציק האָט געלייענט די נעמען פון די ייִשוווים. דאָס זײַנען געווען אומבאַקאַנטע נעמען, און די „זשיגולי" האָט ווײַטער געשלונגען דעם אַספאַלט. ערשט אין אַ גוטע פּאָר שאָ אַרום האָבן אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן נעמען, וואָס האָבן געדרעמלט באַ אים אין זיקאָרן פון די קינדערשע יאָרן. ער האָט דערפילט, ווי עפּעס אין האַרצן האָט זיך אַ ריר געטאָן. אָט־אָט דאַרף זײַן דער ליבער נאָמען. צי דען האָט זיך דער שאָסיי דערקליבן אויך שוין ביז צו יענעם פאַרוואָרפענעם שטעטל?

ניין. אַ וועגווײַזער אַפן ראַנד פון שאָסיי ווײַזט אַף אַ זאַמדיקן וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן אומענדלעכע פלאַטשיקע פעלדער. סוריץ האָט פאַרקלענערט די גיכקײַט, נאָר סײַווי האָט די מאַשין זיך געטרייסלט, קריכנדיק איבער די צעהויקערטע און צעגריבלטע זאַמדן. ס'איז געווען אַזוי ווי די „זשיגולי" וואָלט זיך איצטער געקלאָגט: „וואָס האָסטו באַדאַרפט מיך אַראָפּיאָגן פון דער גרויסער אַספאַלט־טאַשמע און טרײַבן מיך אַפן דאָזיקן מיִעסן וועג? אַזאַ איידעלע מאַשין, ווי איך, איז דאָך באַשאַפן געוואָרן פאַרן גלאַטן אַספאַלט און ניט פאַרן דאָזיקן בלאָטיקן זאַמד. דערמאָן זיך, ווי דײַן זיידע איז דאָ געפאָרן אין אַ צעטרענצלטן וואָגן און מיט אַ שקאַפּע, וואָס האָט זיך האַכנאָעדיק געשלעפּט, פאָכנדיק מיטן לאַנגן ווידל, קעדיי צו פאַרטרײַבן די זלידנע פליגן..." וואָס זאָל ער אָבער טאָן, אַז אין דער שטאָט, ווו ער לעבט, זײַנען קיין פערד ניט בענימצע און אַן אַלטן מענטשן באַפאַלט אַמאָל דער מעשונעדיק־אומפאַרשטענדלעכער פאַרלאַנג אַ קוק צו טאָן — עפשער צום לעצטן מאָל — אַף דעם אָרט, ווו ס'איז געשטאַנען זײַן וויגעלע, און אונטערפירן דעם סאַכאַקל פון זײַן לעבן. און עפשער ניט נאָר פון זײַן

אייגענעם, נאָר פון א דוירעס־לאַנגן לעבן, וואָס האָט זיך געצאַפּלט, געשפּרודלט, געשטראָמט און — אונטערגעגאַנגען אַף אייביק. ער האָט גע־ווּוסט, אַז פון יענעם לעבן איז פאַרבליבן מער ניט, ווי דער בעסוילעם.

...מיטן דאָזיקן וועג איז מיט הונדערטער יאָרן צוריק געגאַנגען א מאַכנע יידן. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט פענעמער, פאַרגראָבטע פון ווינטן און רעגנס, אין קליידער־שמאַטעס, באַ־דעקטע מיט שטויב פון אומענדלעכע וועגן. פונ־וואַנען זײַנען זיי געקומען? פון די אַלט־אײַנגע־זעסענע ערטער אין דאָרעם־דײַטשלאַנד, ווו ס'האָבן זיך צעבושעוועט די ווילדע קרייץ־ציג־לער? פון די פּרוכטבאַרע טאָלן פון טשעכיע און מאָראַוויע, ווו דער צעווילדעוועטער דורך די פאַנאַטישע גאַלאָכים אופגעהעצטער האַמוין האָט געמאַכט אַף זיי פּאָגראָמען? ווער ווייסט... זיי זײַנען געגאַנגען, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז אין יענעם מיזרעכדיקן לאַנד הערשט א פרידלעך לעבן און די סראָרעס רופן זיי צו קומען אהער, קעדיי זיי זאָלן מיט זייער מעלאָכע און האַנדל, מיט זייער אונטערנעמערישקײַט און פלײַס ארײַנטראָגן לעבן אין דעם פאַרשלאָפענעם קאַנט.

ווּיפל זײַנען זיי געווען, אָט די ערשטע יידן, וואָס האָבן געטאָפּטשעט מיט זייערע צעריסענע שטיוואַלעס אָט דעם בלאָטיקן וועג? צען? צוואַנ־ציק? דרײַסיק? און עפשער זײַנען זיי געווען בלויז עטלעכע מענטשן? אָבער צווישן אָט די עטלעכע איז געווען דער, וואָס האָט פאַרלייגט דעם אָנהייב פון א גאַנצער קייט דוירעס, פון וועלכע עס שטאַמט אויך ער, איציק סוריץ, וואָס זיצט איצט באַם בייגל פון זײַן „זשיגולי" און דרייט אים פּאַרזיכטיק אהין און אהער, קעדיי אויסצומײַדן א גרוב אָדער א הויקערדיק בערגל. מאָדנע, אַף וואָס עס פאַרקלערט זיך אַמאָל א מענטש אַף דער עלטער.

... מיסטאָמע זײַנען עס געווען שלימאַזלדיקע יידן. אַנדערע זײַנען פאַרקראָכן אין בעסערע ערטער, ווו די ערד איז שוואַרץ און פּרוכטבאַר און נערט שעפעדיק די מענטשן, וואָס באַאַר־בעטן זי. דאָ אָבער, אין דעם סאַמע פאַרוואָרפע־נעם העק פון ליטע, איז די ערד זאַמדיק און אָרעם און צאָלט קאַרג אָפּ די מענטשן פאַר זייער שווייס און מי. דאָ זײַנען געווען די סאַמע אָרעמסטע פּויערים, און אויך דאָס שטעטל זייערס האָט געהאַט א שעם אין ליטע — בעטליאַרעס, עוווּינים, קאַרגוטשעס האָט מען זיי גערופן.

אויך איצט פאַרנעמט דער דאָזיקער קאַנט אין דער טאַבעלע פון לאַנדווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען איינס פון די לעצטע ערטער.

און אַמאָל... איציק סוריץ לויפט דורך א שוידער איבערן לײַב, ווען ער דערמאָנט זיך די שרעקלעכע אָרעמקײַט פון שטעטל. יידן מיט דאַרע פענעמער, מיט אומעטיקע אויגן, מיט שי־טערע בערדלעך; כיידער־יינגלעך אין צעריסענע העמדלעך, וואָס פלעגן ביז אין טיפן האַרבסט אַרײַן קנעטן מיט די באָרוועסע פיס די בלאָטע; אויסגעטעריקנטע, אומעטיקע פרויען מיט גרויסע פּאַטשיילעס, אין וועלכע זיי האָבן געקוטעט זייערע פלאַטשיקע בריסטן. אינעם גאַנצן שטעטל איז געווען נאָר איין יידענע, כאַסיע־ביילע די קרעמערקע, וועלכע האָט געהאַט א דאָפּלטן גוידער. האָט מען אָבער געשמועסט, אַז בא איר איז עס ניט פון פעטן לעבן, נאָר פון א קראַנ־קייט געבעך.

בעטלערס, מאַגידים, מעקובאָלים און סטאַם שנאָרערס האָבן אויסגעמיטן דאָס שטעטל, און טאָמער פלעגט עמעצער פון זיי אַלפּי־טאָעס פאַרבלאָנדזשען אהער מיט א סוידעספּולער מי־נע — קלײַבן געלט פאַר עפּעס א הייליקער זאַך, — פלעגט ער, אָפּזופנדיק דעם שאַכרים, אַפּגיך זיך אָפּטראָגן און פאַרזאָגן א צענטן אַרײַנצוקוקן אהער.

די דײַגע פון פאַרנאָסע האָט, ווי א שווערער שטיין, געדריקט אַף די געמיטער, אָפּגענומען יעדע לעבנס־פרייד, געשטיקט יעדן הילכיקן גע־לעכטער.

אין דער מיט פון שטעטל, פאַרוקט אין א בלאָטיקן נאַקעטן הויף, ווו קיין גרעזל איז ניט געוואַקסן, איז געשטאַנען אַן אַלטע קלויז מיט בערווענעס, פאַרשוואַרצטע פון ווינט און רעגן, מיט קליינשויביקע פענצטער. איר שינדלדיקער דאַך, באַוואַקסן פון גרינלעך־גרויען מאָך, האָט טרויעריק געשטאַרצט איבער די אָרומיקע הײַז־לעך.

אין די ביין־האַשמאָשעסן פלעגן זיך דאָרט צונויפקומען יידן, בלעטערן די הייליקע ספאָרים און פירן סייכלדיקע רייד וועגן לעבן, וועגן פּאָליטיק.

דאָס זײַנען געווען טרוקענע יידן, עכטע ליט־וואַקעס, מיט קאַלטע קעפּ, אין וועלכע ס'האָט זיך געקאָנט דרייען די ראָד פון א פּילפּל, אָבער ס'האָט זיך ניט געקאָנט אָנצינדן דאָס פײַער פון א נעשאָמע־צאַפּל.

כמורנע יידן, ווי כמורנע ס'איז איצטער דער כעשוון־הימל איבער אָט דער נאַסער, אָרעמער, גרויזאַמדיקער ערד.

דער וועג ווערט אַלץ ערגער און ערגער. איציק סוריץ דרייט פּאַרזיכטיק דעם בייגל. דער נאַסער זשוויר סקריפּעט אונטער די רעדער, און טיילמאָל דוכט זיך סוריצן אויס, אַז ניט ער זיצט דאָ אין דער נײַנקער „זשיגולי", נאָר דאָס פאָרט זײַן זיידע, כאָנע־בער דער באַלעגאָלע, פאָרט אין זײַן צעטרענצלטן וואָגן מיט זײַן אַלטער שקאַפע. און ניט ווילנדיק כאַפּט זיך אַרויס פון זײַן מויל דער אייביקער שפּרוך פון די באַלע־גאָלעס:

— ניאָ, פאדלע, ניאָ!

נאָכדעם, ווי איציק האָט עס ארויסגעזאָגט, פארשעמט ער זיך א ביסל: זײַן נײַנקער אורטאָמאָביל האָט זיכער ניט פארדינט אזא בראָכע.

די געדאנקען פארטראָגן אים, איציקן, ווידער צו יענעם אָוואר, צו דעם סאמע אָנהייב.

... אָט גייען זיי, א הײַפל אָפּגעריסענע, אויסגעמאטערטע ייִדן, מענער און פרויען, זקיינים און קינדער. זיי שפּאנען עפשער מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן ער פאָרט איצטער. זייערע שווארצע אויגן זײַנען ברייט צעעפנט, די הערצער קלאפּן אנגסטיק. וואָס וואַרט אַף זיי דאָ, אין דעם פרעמדן לאנד? אײַנגעוואָרצלטקײַט אַף דוירעס, אָדער א קורץ איבערנעכטיקן נאָכדעם, ווי דער סראָרע וועט זיך אָנבייזערן אַף זיי און עפשער גאָר אראָפּלאָזן אַף זיי די הינט?

דער סראָרע איז גוטמוטיק געשטימט. מיסטאמע האָט ער שוין געהערט, אז צו אים וועלן קומען ייִדן, קעדיי צו באזעצן זיך אַף זײַן ערד. געוויס זיצט אַף דער דאָזיקער אָרעמער ערד אויך אן אָרעמער סראָרע. ער האָט שוין געהערט, אז צו אנדערע, מער יוצלעכדיקע סראָרעס זײַנען שוין געקומען ייִדן, זיך באזעצט דאָרטן און אָנגעהויבן מעלאָכעווען און האנדלען צום ווויל פון די פויערים און צו גונסטן פון די פּריצים. איצט שטייען די אויסטערלישע פּארשוינען אויך פאר אים, דעם קלענסטן פון אלע סראָרעס, אָבער פּאָרט א פּאָרעץ, פּאָרט דער באזיצער פון דעם דאָזיקן פארוואָרפענעם ווינקל פון ליטע. ער קוקט זיך צו מיט פּארכידעשטע אויגן צו די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע לײַט. מיסטאמע, טראכט ער, זײַנען עס די ערגסטע ייִדן, וואָס האָבן אָנגעשפּארט אהער. נאָר פארפאלן, ער מוז זיך באנוגענען מיט אזעלכע...

ער הערט אויס זייער צעקאליעטשעטן דײַטש, עפשער האָט ער פארשטאנען א ביסל דײַטש, נאָר, אייגנטלעך, איז דאָ ניטאָ וואָס צו פארשטיין. ער פירט זיי צו צום ברעג טײַכל. אָט דאָ, אז מע זאָל אויסהאקן די עטלעכע שיטערעביימלעך, אָפּרייניקן די ערד פון קוסטעס, איז פאראן גענוג פּלאץ. זאָלן זיי זיך באזעצן, ביימער און ליים איז דאָ גענוג, זאָלן זיי בויען זייערע כאטקעס און אָנהייבן זיך פארנעמען מיט זייערע אייסאָקים.

— פארשטאנען?

פארקאָלטנטע שווארצע בערד שאָקלען אַף יאָ: זיי האָבן פארשטאנען. נאָר די מענטשן רירן זיך ניט פון אָרט.

— וואָס נאָך דארפט איר? — ווערט שוין א ביסל צערייצט דער פּאָרעץ, קוקנדיק אַף די אומפארשטענדלעכע מענטשן.

די ייִדן הייבן אים אָן צו דערקלערן, אז קוידעמקאָל דארפן זיי א בעסוילעם. ניט וויכטיק, ווו זיי וועלן לעבן, ווי זיי וועלן לעבן, וויכטיק איז דער בעסוילעם. א ייִדישער ייִשעוו הייבט זיך אָן פון א בעסוילעם...

מיסטאמע האָט ניט ווייניק צײַט געדויערט, ביז מע האָט זיך צונויפגערעדט. די ייִדן האָבן געטײַנעט: א ריין אָרט. דער פּאָרעץ האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס: נו, אויב זיי ווילן האָבן א ריין אָרט פאר זייער ייִשעוו, זײַט זיך מאטריִעך און האקט אויס די ביימער און די קוסטעס, וועט איר האָבן א ריין אָרט. די ייִדן האָבן געטײַנעט, אז זיי דארפן האָבן א „פעלד" — אין ליטווישן ייִדיש איז פאראן אויך אזא וואָרט צו באצייכענען א בעסוילעם — דער פּאָרעץ האָט ווידער ניט פארשטאנען: בא אים איז פעלד דאָס שטיק ערד, וואָס מע באארבעט, פונוואנען מע ציט כאיונע. גיי פארשטיי, אז בא ייִדן באטײַט „פעלד" אן אָרט, ווו מע באגראָבט טויטע.

סאָפקאָלסאָף האָט דער פּאָרעץ פארשטאנען. און עפשער האָט ניט ער עס פארשטאנען, נאָר די פּויערים, וואָס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן אַפן בייזוווּנדער. עמעצער פון זיי האָט פון די זשעסטן און טנועס, וואָס די ייִדן האָבן געמאכט, זיך אָנגעשטויסן, וואָס זיי מיינען, און עס דערקלערט דעם פּאָרעץ. ווידער קוועטשט דער פּאָרעץ מיט די פּלייצעס, נאָר פארפאלן: ער מוז נאָכגעבן אָט די מאָדנע פּארשוינען. ער טאָר דאָך ניט אָפּשטיין פון די איבעריקע פּריצים, און א באפעל פונעם גרויספירשט, וואָס האָט אײַנגעלאדן די ייִדן קיין ליטע, איז דאָך אויך דאָ. מע מוז אויספילן זייערע אומפארשטענדלעכע קאפּריזן.

א מאָדנע זאך: בייס דער פּאָרעץ האָט זיי פאָרגעלייגט דאָס אָרט, ווו זיי זאָלן גרינדן זייער ייִשעוו, זײַנען די ייִדן גלײַך מאסקים געווען, ניט דינגענדיק זיך. אָבער באם אויסקלײַבן אן אָרט פאר זייער בעסאלמען זײַנען זיי איבערקלײַבעריש. דאָס ערשטע אָרט, וואָס ער האָט זיי פאָרגעלייגט, איז זיי ניט געפעלן געוואָרן: ס'איז בלאָטיק און זומפּיק, די ניפטאָרים וועלן אײַנגעזונקען ווערן. אן אנדער אָרט — צו פינצטער און נידעריק: די וואסערן וועלן פארפלייצן די קוואָרים. א דריט אָרט — צו מעשופּעדיק און נאס: די מאציייוועס וועלן אונטערגעשווענקט ווערן. א פערט אָרט וואָלט געווען גוט, נאָר ס'איז הינטער א פליסנדיקן טײַכל, און איבער א טײַכל טאָר מען ניט פירן דעם מעס. סאָפקאָלסאָף האָט מען אויסגעקליבן אן אָרט — א טרוקענער זוניקער פּלאץ, א באוואקסענער מיט הויכע סאָסנעס, וואָס האָבן אומעטיק געשאָקלט מיט זייערע קרוינען אונטער דעם שטילן ווינטל. דאָס וועט זײַן זייער אוילעמהאבע. דער אוילעמהאזע — די שטיבלעך און אפילע דער בעסמעדרעש — וועט קומען שפּעטער.

די „זשיגולי" שנײַדט דורך א שיטער וועלדל, און עס אנטפּלעקט זיך א ברייטער, ביז צום נידעריקן האָריזאָנט טאָל. דאָס זײַנען פריִער געווען ניט דורכגייבאַרע פּרוכטלאָזע זומפּן. איצטער זײַנען דאָ פעלדער, פאַרזייטע מיט ווינטער־טווּע, און פּאַשעס. קענטיק, דאָ איז דורכגעפירט געוואָרן די מעליִאָראַציע, און די זומפּן זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן. לינקס פּאַשעט זיך א גרויסע טשערעדע בעהיימעס.

דער פּאַסטעך, אן אלטער פויער, וואָס האָט פונדערווײַטנס דערזען די „זשיגולי", דערנעענטערט זיך פּאַוואָליע צום וועג. אין זײַן לאַנגן בעגעד און שפּיציקן ברעזענטענעם קאַפּיושאָן איז ער ענלעך אף אן אמאָליקן מאָנאַך. איציק סוריץ שטעלט אָפּ זײַן פאַרמאַטערט „פערדל" און וואַרט. דערנאָך שטײַגט ער ארויס פון זײַן מאַשין און גייט צו צום פויער.

— לאַבא דיענאַ![1]

— לאַבא דיענא, טאַמסטאַ![2]

דאָס פּאָנעם פונעם אלטן איז אויסגעאַרבט פון זון, ווינט און רעגן און זעט אויס, ווי פאַרשטיינערט. די אויגן אונטער די געדיכטע ווײַסע ברעמען קוקן בלוי און טמימעסדיק.

איציק סוריץ נעמט ארויס א פּעקל סיגאַרעטן און לייגט פאָר דעם אלטן. יענער קווענקלט זיך:

— כ'רייכער א ליולקע...

— טאָ נעם א פּאָר סיגאַרעטן און טו זיי ארײַן אין ליולקע.

— א שאָד. אזעלכע שיינע... — ער ציט ארויס פון פּעקל א סיגאַרעט.

מע פאַררייכערט, און סוריץ פרעגט:

— אָט דער וועג פירט גלײַך קיין שטעטל?

— קיין שטעטל.

— און דער אף רעכטס קיין לאַפּאָינע?

— אהא, קיין לאַפּאָינע. נאָר דאָרטן איז איצטער קיינער ניטאָ. די גאַנצע נאַטשאַלסטווע איז אין שטעטל. דאָרט איז די קאָנטאָר פון קאָלווירט. — דער פויער פאַרציט זיך שטאַרק, צערהוסט זיך און גיט כיטרע א שמייכל: — צו אונדזער פאַרזיצער, האַ? דאָס איז גוט, גוט... מע דאַרף אים געבן פּעפער...

סוריץ ענטפערט ניט און קוקט זיך ארום:

— שיינע פעלדער געוואָרן. אמאָל זײַנען דאָ געווען זומפּן, געדענקסט?

— יאָ, זומפּן... ביסט דאָ פריִער געווען?

— ווער קען עס ניט די באַרימטע לאַפּאָינער זומפּן? דאָ האָבן שיידים געלעבט... פלעגן ארײַנציִען מענטשן, בעהיימעס. געדענקסט?..

— געווען, געווען אזוינס.

— נו, און איצטער זײַנען קיין שיידים ניטאָ?

— ניטאָ, ניטאָ... — שאָקלט דער פויער טרויעריק מיטן קאָפּ, ווי ס'וואָלט אים באַנק געטאָן, וואָס די שיידים זײַנען פאַרשווּנדן.

די סיגאַרעטן זײַנען אויסגערייכערט. סוריץ ווײַזט מיט דער האַנט אף רעכטס:

— כ'וועל דאָ דורכפאָרן מיט דעם וועג? האַ, ווי מיינסטו?

— קיין לאַפּאָינע? — ווערט דער אלטער לעבעדיק. — פאָרסט טאַקע קיין לאַפּאָינע? אוודאי וועסטו דורכקריכן. א גוט פערדל באַ דיר... צו וועמען פאָרסטו דאָרט?

צו וועמען? אין שטעטל האָט ער קיינעם ניט, און אין לאַפּאָינע אוודאי ניט. נאָר אפן האַלבן וועג צווישן שטעטל און לאַפּאָינע געפינט זיך דער ייִדישער בעסוילעם... ער לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און גייט שווײַגנדיק צו דער מאַשין.

אין אלטן פויערס אויגן האָט אופגעבליצט עפּעס א געדאַנק. ער מאַכט עטלעכע האַסטיקע טריט צו סוריצן.

— זאָג מיר נאָר, ביסט ניט פון יענע? פון די, וואָס האָבן אמאָל געלעבט אין שטעטל?

— פון יענע.

די טמימעסדיקע אויגן לײַכטן אוף.

— כ'האָב טאַקע געקלערט אזוי... צוערשט האָב איך געמיינט: א נאַטשאַלניק. נאַטשאַלניקעס זײַנען דאָך דאָ איצטער אויך פון אײַעריקע... איז וועמעס ביסטו?

— וואָס איז די נאַפּקעמינע? — קוועטשט סוריץ מיט די פּלייצעס. ער האָט געוווּסט, אז אויב ער וועט אָנרופן דעם נאָמען פון זײַן טאַטן — א רימער, וואָס האָט געשעמט אין דער גאַנצער געגנט, איבערהויפּט צווישן די פויערים, — וועט דער פּאַסטעך ארײַנפאַלן אין היספּײַלעס, און צו דעם איז איציק ניט געווען איצטער אופגעלייגט.

דער אלטער האָט עס פאַרשטאַנען אף זײַן אופן.

— נו יאָ, וואָס איז די נאַפּקעמינע. אלע אומגעקומען, אלע...

דעם פויערס פּלייצעס לאָזן זיך אָנמעכטיק אראָפּ. די בײַטש מאַכט א הילפלאָזע באַוועגונג און לאָזט זיך אראָפּ אפן בלאָטיקן וועג.

— אומגעקומען? — כאַפּט זיך סוריץ אוף. — אומגעבראַכט! — ער שטויסט ארויס דאָס האַרבע וואָרט מיט א פּלוצעם הייזעריק געוואָרענער שטים.

— עמעס, עמעס, טאַמסטאַ... אומגעבראַכט... — דעם פּאַסטעכס אויגן פינטלען שולדיק. ער זוכט סוריצעס בליק, נאָר יענער האַלט אקשאָנעסדיק אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — ס'זײַנען אָנגעקומען די דײַטשן מיט הינט, צונויפגעגעטריבן אלע יידן, ארויסגעשלעפּט פון די הײַזער אפילע די קראַנקע, די זויג־קינדער און וועקגעפירט אלעמען אפן בעסוילעם... אלע־

[1] גוטן טאָג (ליטוויש). [2] טאַמסטאַ — א פאַרעלטערטע העפלעכקײַט־ווענדונג.

מען, אַלעמען... מיר אין לאַפּאַינע האָבן גע־
הערט די שיסערײַען... שפּעטער, אַז ס'איז שטיל
געוואָרן, זײַנען מיר אַרויס אַהין... איך, פּראַ־
נאַס, טשעסלאַוואַס דער איין־אויגיקער... די
גרוב איז נאָך געווען אָפן... אַ גרויסע גרוב...
איין קליינעקײַט, אַ גאַנץ שטעטל... מיר האָבן
פאַרשאָטן די גרוב... באַערדיקט זיי...

— אין אַנדערע ערטער האָט מען אויסבאַ־
האַלטן ייִדן, און דאָ? — איצט טרעפן זיך ביידע
בליקן — דער בלויער בלאָנדזשענדיקער פון איי־
נעם און דער האַרטער מאָנענדיקער פון צווייטן.

דער פויער זיפצט אָפּ, הייבט אויף די בײַטש.

— אַז ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אַף
אַזאַ אומגליק... ווער האָט זיך עס געקאָנט אַנט־
קעגנשטעלן זיי... און וואָס האָבן די מערדער
געהאַט צו זיי? מיר האָבן געלעבט מיט די ייִדן
אין פרידן... געהאָלפן איינער דעם אַנדערן... אַז
מיר פלעגן קומען אין שטעטל, אָדער זיי פלעגן
אַרײַנפאָרן צו אונדז, זײַנען עס דאָך געווען
אייגענע מענטשן, נאָענטע... מע האָט געפירט
אייסאָקים, זיך אַדורכגעשמועסט...

די פאַרשטיינערטע קנייטשן פונעם פּאָנעם
באַם פּאַסטעך האָבן איצט אויסגעדריקט צאַר.
אין זײַן טאָן האָט זיך געפילט טיפער מיטלײַד
צו אים, צו דעם אָפּשפּראָצלינג פון די אומגע־
קומענע.

— הייסט עס, אָפן בעסוילעם ליגן זיי? —
האָט סוריץ איבערגעפרעגט, אַרײַנזעצנדיק זיך
אין דער מאַשין.

— אָפן בעסוילעם, טאַמסטאַ, אָפן בעסוי־
לעם, — האָט מיט אַ געבראָכענער שטים אַרויס־
געזיפצט דער אַלטער.

סוריץ איז געפאָרן ווײַטער. דערנעענטערנ־
דיק זיך צום אָרט, ווו די וועגן גייען זיך פאַ־
נאַנדער, האָט ער זיך נאָך געקווענקלט, דערנאָך
האָט ער אַנטשיידן פאַרקערעוועט אַף רעכטס,
צו דעם דאָרף. דאָס שטעטל דאַרף ער ניט איצ־
טער, ער דאַרף דעם בעסאַלמען.

דאָס דאָרף איז געלעגן שטיל. די נידעריקע
הײַזלעך האָבן געדרעמלט אונטער די שטרויענע
דעכער. די מאַשין איז דורך, ווי אַ ווינט, דורך
דער לאַנגער גאַס — קיין הונט האָט ניט באַוויזן
אַפילע אַ ביל צו טאָן. איציק האָט פאַרקערע־
וועט אַף לינקס, אָפן וועג צום שטעטל, און אין
עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין געווען באַם
בעסוילעם.

יאָ, ער האָט אים דערקענט, דעם אַלטן בע־
סוילעם, וואָס האָט בעמעשעך פון הונדערטער
יאָרן אַרײַנגענומען אין זײַן שויס די ייִדן פון
שטעטל. עס קומט אים אויף, איציקן, אָפן גע־
דאַנק, אַז אייגנטלעך איז ער דאָ קיינמאָל ניט
געווען. אין זײַנע קינדער־יאָרן איז מען עפּעס
ניט געשטאָרבן, און אַז אַ כאַפּטע ייִנגלעך
פלעגט גיין אין לאַפּאַינער וואַלד נאָך שוועמ־
לעך, האָט מען אויסגעמיטן דאָס שרעקנדיקע
אָרט, מאַכנדיק אַ גרויסן קרײַז אַרום אים.

איצט שטייט ער דאָ און באַטראַכט אים.
דער הילצערנער צאַם מיט די שוואַרץ געוואָ־
רענע אַלטע ברעטער איז ערטערווײַז אײַנגע־
פאַלן. פון טויער זײַנען געבליבן בלויז צוויי
אײַנגעבויגענע האַלב־פאַרפוילטע סלופּעס. פון
דער אַרקע, וואָס האָט אַמאָל געקרוינט דעם
טויער און אַף וועלכער ס'איז געווען אויסגע־
קריצט עפּעס אַ הייליקער פּאַסעק, איז קיין זײַ־
כער ניט פאַרבליבן.

איציק סוריץ איז מיט לאַנגזאַמע טריט אַרוף
אָפן בעסאַלמען.

גלײַך באַם טויער האָט זיך געצויגן אַ מין
דורכגאַנג. קענטיק, דאָ איז אַמאָל געווען אַ
וועג. פון ביידע זײַטן — מאַצייוועס, אַלטע
שטיינער, אײַנגעפאַלענע, האַלב־אײַנגעפאַלענע,
פאַרוואַקסענע מיט מאָך, דורך וועלכע עס האָבן
זיך קוים אַרויסגעזען בוכשטאַבן. ווײַטער זײַנען
די קוואָרים אַף אַ ריזיקן שעטעך געלעגן אָן אַ
סיידער. די מערסטע אָן שטיינער, אָדער מיט
שטיינער, אײַנגעפאַלענע און שוין האַלב־פאַר־
זונקענע אין דער ערד.

ער איז געגאַנגען, זיך אָפּט אָפּגעשטעלט,
אײַנגעבויגן זיך, אָפּגעווישט דעם מאָך און גע־
לייענט די אופשריפטן. ער האָט זיך באַמיט
איבערעכענען די ייִדישע דאַטעס אַף די הײַנט־
צײַטיקע, און ס'איז אויסגעקומען: קוואָרים פון
פופציק, זיבעציק, אַכציק יאָר צוריק. באַ יעדן
נאָמען, וואָס ער האָט אַראָפּגעלייענט פון די
אַלטע שטיינער, זײַנען אופגעשווומען אין זײַן
זיקאָרן האַלב־פאַרגעסענע געשטאַלטן פון קרע־
מערס, שוסטערס, שנײַדערס, שמידן, פאַרבערס,
קאַראַבייניקעס, סטאָליערס, רימערס, באַלעגאָ־
לעס. זיי זײַנען געווען ס'גאַנצע לעבן פאַרטאָן
אין דײַגעס־פּאַרנאָסע. געהאָרעוועט, געשמײַעט,
געמעלאָכעט, געשפּרײַזט איבער דערפער און
כוטאָרן. נאָר האָרעוונדיקע, האַנדלענדיקע און
אויספירנדיק קאָלערליי מעלאָכעס, איז זיי גאָר
אין קאָפּ ניט געקומען, אַז זיי פירן דערבײַ אויס
אַ מיסיע, — די מיסיע, צוליב וועלכער די ליט־
ווישע גרויספירשטן האָבן זיי גערופן אין לאַנד.
זיי האָבן געמאַכט צירקולירן דאָס בלוט אין דעם
אָפּגעשטאַנענעם לאַנד, ווו ביז זיי זײַנען געווען
בלויז פריצים און פויערים. זיי האָבן פאַרבונדן
מיט עקאָנאָמישע פעדעם די דערפער מיטן
שטעטל און דאָס שטעטל מיט דער גרויסער
שטאָט.

יאָ, די גרויספירשטן מעגן רויק שלאָפן אין
די קעלערן פון טראַקײַער שלאָס, אין די סקלע־
פּעס פון ווילנער קאַטעדראַל. זייער פאַרטראַכט
באַם אײַנלאַדן די ייִדן קיין ליטע איז ערלעך
אויסגעפירט געוואָרן דורך די אָפּגעריסענע,
אָפּגעשליסענע מאַכנעס ייִדן, וואָס דער פּאַנאַ־

טיזם פון די גאָלאָכים האָט זיי פאַרטריבן פון מײַרעוו.

סוריצעס געדאַנק גליטשט זיך איבער דווירעס, ביז ער שפּאַרט זיך ניט אָן אין דער נײַער צײַט. און דאָ קומט ער צום אויספיר, אז אין דער נײַער צײַט, ווען עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן נײַע ווינטן, ווען דאָס לעבן האָט געפאָדערט א נײַעם, ווײַטערן שריט פאָרויס, זײַנען די יידן ניט אָפּגעשטאַנען פון דער צײַט.

ער בלײַבט שטיין צווישן צוויי קוואָרים און הייבט אָן אויסצורעכענען אָף די פינגער די רעוואָליוציאָנערן פון זײַן שטעטל, וואָס האָבן געקעמפט אין דער דעמלט נאָך אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פאַרטיי. בא יעדן נאָמען פאַרבייגט ער א פינגער. די פינגער פון די ביידע הענט האָבן ניט געקלעקט!

אָט אזוי, מיט די נאָך אײַנגעבויגענע פינגער פון ביידע הענט, וואַרפט ער א בליק אָף איינעם פון די קוואָרים, צווישן וועלכע ער שטייט, און לייענט אראָפּ א פאַמיליען־נאָמען, וואָס איז אים וווילבאַקאַנט. דאָס אייניקל פונעם דאָזיקן מענטשן איז געווען אַן אָנפירער פון א פאַרטיזאַן־גרופּע אין דער פאַטערלענדישער מילכאָמע. ער ליגט אָף דעם רומפולן מיליטערישן בעסוילעם אין ווילנע. אָף דער מאַצייווע פון זיידן איז אויסגעקריצט א לאַנגער פּאָסעק, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „איש צדק ותמים...“ ער איז געווען א פּאַשעטער האָרעפּאַשניק, א סטאָליער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן ערלעכקײַט און גערעכטיקײַט. אָפן דענקמאָל פונעם אייניקל איז אויסגעקריצט די אופשריפט, אז ער איז געווען א קעמפער אין רעוואָליוציאָנערן אונטערגרונט.

דער קורצער טיף־האַרבסטיקער אָוונט איז שוין אריבער אָף זײַן צווייטער העלפט. איציק סוריץ בראָדזשעט נאָך אלץ איבער די פאַרוואַקסענע שטעגלעך און באַטראַכט די אײַנגעפאַלענע מאַצייוועס, וואָס וועקן און וועקן דערינערונגען. אים איז שוין קלאָר, אז דער מאַסןקייווער דאַרף זיך געפינען אין סאַמע עק פון בעסוילעם, דאָרט, ווו עטלעכע איינזאַמע סאָסנעס הייבן זייערע קרוינען צום הימל.

מיט א שווער האַרץ גייט ער אַהין.

די ערד הויקערט זיך דאָ. טײלווײַז איז זי באַוואַקסן מיט גראָז, טײלווײַז סטאַרטשען דאָ שטיקער נאַקעטע ליים. די גרענעצן פון דער גרוב זעען זיך בוילעט אָן.

דאָ האָט זיך פאַרענדיקט דאָס דוירעסלאַנגע לעבן פון א יידיש שטעטל...

סוריץ גייט צו צו דער סאָסנע, וואָס שטייט האַרט לעבן גרוב. זי איז שלאַנק און הויך. אז מע קוקט אָף איר פון אונטן, זעט זי אויס, ווי זי וואָלט אָנגעשפּאַרט מיט איר קרוין ביז צום סאַמע הימל, אזוי ווי אָנווײַזנדיק דעם וועג פאַר די קדושים.

מאָדנע. ווען ער איז געגאַנגען צווישן די קוואָרים און אראָפּגעלייענט די נעמען פון די מאַצייוועס, זײַנען אים אופגעשווומען אין זיקאָרן איינצלנע פּנעמער, געשטאַלטן. דאָ, ווו עס ליגן א סאַך אייגענע — פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער, — קאָן ער קיין שום פּאָנעם ניט ארויסרופן אין זיקאָרן. דאָ ליגט אן איידע.

איציק שפּאַרט זיך אָן אין בוים, הייבט אוף דעם קאָפּ אין דער הייך. פון צווישן די צווײַגן זעט ער וואָלקנס, וואָס טראָגן זיך אומופהערלעך, און אים הייבט זיך אָן צו דאכטן, אז ניט די וואָלקנס לויפן, נאָר ער און די גרוב און דער גאַנצער בעסוילעם טראָגן זיך און טראָגן זיך אימפּעטדיק און האַסטיק, טראָגן זיך אין דער אומענדלעכקײַט.

ווען ער גייט צוריק צו זײַן מאַשין, טראַכט ער וועגן דעם, אז מע דאַרף דאָ אוועקשטעלן א דענקמאָל... אַן ארכיטעקטאָר דאַרף מען ווײַט ניט זוכן: דאָס איז ער, סוריץ, דער געוועזענער הויפּט־ארכיטעקטאָר פון אינסטיטוט. ער איז דאָך דער זון פונעם שטעטלשן שויכעט... דער ארכיטעקטאָר וועט מאַכן די צייכענונגען, דאָס איבעריקע וועלן מאַכן די געהעריקע אָנשטאַלטן... ער, סוריץ, באַדאַרף נאָר אָנקלינגען ווו ס'איז נייטיק... שוין לאַנג צײַט געווען עס צו מאַכן, נאָר אלץ פאַרדרייט, פאַרהאַוועט געוואָרן...

ער זעצט זיך אין „זשיגולי“, קלערט א קורצע ווײַלע, און דערנאָך קערעוועט ער אויס די מאַשין אָף צוריק. אין שטעטל וועט ער שוין ניט פאָרן. ס'איז שפּעט, און אייגנטלעך האָט ער אין שטעטל ניט וואָס צו טאָן.

פון בעסוילעם האָט זיך אָנגעהויבן און מיטן בעסוילעם האָט זיך עס פאַרענדיקט.

ער פליט דורך, ווי א ווינט, דאָס דאָרף. אָט איז דער בלאָטיקער וועג, מיט וועלכן ער איז פריִער געפאָרן. די מאַשין באַוועגט זיך איצט פריילעכער: זי איז ווי א פערדל, וואָס האָט דערשפּירט, אז מע קערט זיך אום אהיים, צו דער ליב־אייגענער שטאַל, ווו מע וועט קענען אויסרוען די גלידער און כראָמטשען דאָס געשמאַקע היי.

אין א האַלבער שאָ ארום רײַסט זיך די מאַשין ארויס פון די צעכראַסטעטע וועגן, און איציק סוריץ שפּירט בעפּיירעש, ווי די מאַשין זיפּצט פאַרלײַכטערט אָפּ. אונטער די רעדער איז א פעסטער גלאַטער אַספאַלט.

דער קורצער האַרבסט־טאָג פאַרגייט פּאַמעלעך, דער ביין־האַשמאָשעס ווערט געדיכטער. די מאַשין רײַסט זיך אימפּעטדיק פאָרויס, פאָרויס, צו דער גרויסער שטאָט, ווו עס עטעמט, פּולסירט, ברויזט און שוימט איבער די ברעגן א פולבלוטיק נײַ לעבן.

● ● ●

אין מאָסקווע, אף סאָקאָלניקי...

יעלענע רעשעטניקאָווא

דירעקטאָר פון דער צענטראַלער מאָסקווער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען

די ייִדישע ליטעראַטור אין דער ביבליאָטעק אף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען

מאָסקווע, סאָקאָלניקי, זעקסטער לוטשעוואָי פּראָסעק, 21. דאָ געפינט זיך דער פיליאַל פון דער צענטראַלער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען — דער אָפּטייל פון די ליטעראַטורן אף פאַרשיידענע שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר. די פאָנדן פונעם אָפּטייל ציילן אָן העכער הונדערט טויזנט בענדער אף זעכציק שפּראַכן. באַזונדערס רייַך איז די לעניניאַנע — וו. אי. לענינס ווערק זייַנען דאָ צונויפגעזאַמלט אף אַלע לעשוינעס, וועלכע עקזיסטירן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

דורך אונדזערע ביכער־אויצרעס פּראָפּאַגאַנדירן מיר די פּרינציפּן פון דער לענינישער פּאָליטיק און די פּראָגראַם־דאָקומענטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בענעגייע דער נאַציאָנאַלער פראַגע, די דערגרייכונגען פון די ברידערלעכע רעפּובליקן אין געביט פון קאָמוניסטישער בויונג, דעם אויפבלי פון קולטור און ליטעראַטור פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און פעלקערשאַפטן פון אונדזער לאַנד.

מאָסקווע, ווי באַוווּסט, איז א פילנאַציאָנאַלע שטאָט. דער XXV צוזאַמענפאָר פון קפסס האָט אָפּגעמערקט, אַז אונדזער הויפּטשטאָט סימבאָליזירט די ברידערלעכע פרייַנטשאַפט פון פעלקער און שטעלט מיט זיך פאָר די פאַרקערפּערונג פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. אָט די אייגנשאַפט נעמען מיר באַזונדערס אין אַכט אין אונדזער אַרבעט.

די באַזוכער פון דער ביבליאָטעק האָבן אין זייער רעשוס א גערעמען גוט אויסגעשטאַטן לייען־זאַל און קאַבינעט מיט א פרייַען צוטריט צו די ביכער. יעדער קאַבינעט — דאָס איז פאַקטיש אויך אָן אייגנאַרטיקער לייען־זאַל, אין וועלכן עס איז קאָנצענטרירט די ליטעראַטור פון איינער פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן. דאָ איז אָפּגעהיט דער נאַציאָנאַלער סטיל: די ביכער־אויסשטעלונגען, סטענדן, פּלאַקאַטן זייַנען דעקאָרירט מיט בילדער, צייכענונגען, אָרנאַמענטן פון דעם פאָלק, וואָס זייַן ליטעראַטור איז פאָרגעשטעלט אינעם אָפּטייל.

די אינטערנאַציאָנאַלע דערציִערישע אַרבעט ווערט בא אונדז דורכגעפירט קאָמפּלעקסאַרטיק. אַזוי, לעמאָשל, איז לויט א טעמאַטישן קאָמפּלעקס „די פעלנער פון דער פאַרטיי זייַנען די פעלנער פונעם פאָלק" אָרגאַניזירט געוואָרן א ביכער־אויסשטעלונג, אף וועלכער עס ווערט ברייט באַווייזן דער בייַטראָג פון יעדער רעפּובליק אינעם פאַרווירקלעכן דעם פאָלקסווירטשאַפטלעכן פּלאַן פונעם צענטן פינפיאָר. ספּעציעלע טורניקעטן, עקספּרעס־אינפאָרמאַציעס פון דער פעריאָדישער פּרעסע שפּיגלען אָפּ דעם גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג, ביבליאָגראַפישע ביולעטענען דערציילן וועגן דער נייַער ליטעראַטור, געווידמעט אונדזער הויפּטשטאָט. אין אָט דעם קאָמפּלעקס גייען אַרייַן א פאַקטאָגראַפישע קאַרטאָטעקע, פּלאַטן, אף וועלכע עס זייַנען פאַרשריבן לענינס רעדעס. טעמאַטישע קאָמפּלעקסן זייַנען געווידמעט דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, דעם 60־טן יובילייַ פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

א גרויסן אינטערעס רופן אַרויס בא די לייענער אונדזערע ליטעראַרישע אָוונטן. מיר האָבן באַהאַנדלט מ. א. שאָלאָכאָווס ראָמאַנען און דערציילונגען. דער שאַפונג פונעם טאָטערשן פּאָעט, דעם העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד מוסא דזשאַליל איז געווען געווידמעט אָן אָוונט, אף וועלכן עס זייַנען בייַגעווען דעם דיכטערס אַלמאָנע און די שרייַבער מ. לוואָוו, יו. קאָראָלקאָוו, ר. מוסטאַפּין. די פאָלקס־אַרטיסטקע פון רספסר וו. שאַריפּאָווא האָט געזונגען לידער אף דזשאַלילס טעקסטן. די פאַרדינסטפולע שוישפּילערן פון דער טאָטערשער אווטאָנאָמער רעפּובליק די קאָמפּאָזיטאָרן סאַרע סאַדיקאָווא האָט געשענקט דער ביבליאָטעק איר בוך זיכרוינעס וועגן דעם דיכטער־העלד.

מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן מ. דזשאַלילן האָבן צוגעשיקט דער טאָטערשער מעלוכע־מוזיי, דער שרייַבער־פאַריין פון טאַטאַרסטאַן.

צוגאַסט אין דער ביבליאָטעק קומען שרייַבער פון פאַרשיידענע רעפּובליקן. בא אונדז זייַנען געווען דער מאָסקווער דיכטער ניקאָלייַ זינאָוויעוו, די טאַדזשיקישע פּאָעטן כאַביבולאָ פייַזולאָ און גולרוכסאָר סאַפיִעווא, די אוקראַיִנערן האַנאַ טשובאַטש און אַנד.

דער פיליאַל פון אונדזער ביבליאָטעק אָרדנט אייַן באַגעגענישן פון די לייענער מיט די רעדאַקציעס און



אין לייען־זאַל פון דער ביבליאָטעק

אוטאָרן פון א ריי ליטעראַריש־קינסטלערישע זשורנאַלן. פאַר דער לעצטער צײַט זײַנען אַזעלכע אָוונטן געווען געווידמעט די זשורנאַלן „דרוזשבא נאַראָדאָוו", „קאַזאַן אוטלאַרי", „סאָוועטיש היימלאַנד" און אַנדערע.

בא דער ביבליאָטעק איז טעטיק א ראַט, וועלכער באַשטייט פון אַקטיווע לייענער — אַרבעטער, סטודענטן, מיליטערלײַט, מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. דער ראַט איז פאַרבונדן מיט פיל קולטור־אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון די סאָוועטישע רעפּובליקן און העלפט אונדז פאַרברייטערן דעם ביכער־פאָנד. דאָ ניט לאַנג, אַשטייגער, האָט די מאָרדאָווער רעפּובליקאַנישע ביבליאָטעק אונדז צוגעשיקט א גרויסע צאָל זעלטענע אויסגאַבעס, צווישן זיי א בוך וועגן דעם סקולפּטאָר ערזיא, אַן אַכטבענדיקע זאַמלונג פון מאָרדאָווישער פאָלקס־שאַפונג, ווערק פונעם שרײַבער קוזמאַ אַבראַמאָוו.

מיט דער הילף פון די קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר געשלאָסן א שעפערישן אָפּמאַך מיט איינער א מאָסקווער מיליטערישער טייל, אין וועלכער עס דינען פאַרשטייער פון 23 נאַציאָנאַליטעטן. דאָרט וועלן מיר אָרגאַניזירן א ציקל אויסשטעלונגען אַף דער טעמע „אונדזער היימלאַנד — דער סאָוועטנפאַרבאַנד", ווי אויך באַגעגענישן פון די יונגע סאָלדאַטן מיט וועטעראַנען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיט העלדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, געלערנטע, שרײַבער.

די ביבליאָטעק אין סאָקאָלניקי באַזוכן אויסלענדישע דעלעגאַציעס און סתּם טוריסטן. מיר האָבן זיך שוין באַגעגנט מיט געסט פון בולגאַריע, אונגאַרן, פּוילן, פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און פון אַנדערע לענדער.

דער פיליאַל פון דער מאָסקווער צענטראַלער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף נעקראַסאָווס נאָמען פאַרמאָגט אויך א פאָנד ייִדישע ביכער, וועלכער וואַקסט פון טאָג צו טאָג, באַנײַט זיך, באַרײַכערט זיך. מיר באַקומען אַלע אויסגאַבעס פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע דערשײַנען אין סאָוועטישע פאַרלאַגן. די ייִדישע ליטעראַטור איז בא אונדז פאַרגעשטעלט אין פאַרשיידענע שפּראַכן — אַף ייִדיש, רוסיש, אין דער איבערזעצונג אַף אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער

דער שרײַבער שמועל גאָרדאָן שמועסט מיט יעלענע רעשעטניקאָווא בײַם דעם אָוונט, געווידמעט „סאָוועטיש היימלאַנד"

פון פסער. יעדערער פון די דאָזיקע פאָנדן האָט זײַנע לייענער. איינע לייענען די ייִדישע ליטעראַטור אין זייער מוטער־שפּראַך, אנדערע — אין רוסיש, מאָלדאוואניש, אוקראַיִניש, ליטוויש, ווײַסרוסיש. אונדזערע סאמע אקטיווע אבאָנענטן זײַנען מ. ג. ווײַנשטיין, יע. א. זאקס, אי. ס. מיגדאל, ז. אי. פּאזין, ל. א. זשאראָווא, פּ. אי. שעליובסקי און אנדערע — מענטשן פון פארשיידענע פּראָפעסיעס. ביז גאָר צופרידן זײַנען מיר, וואָס צווישן אונדזער ביבליאָטעק און דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ האָבן זיך אײַנגעשטעלט גוטע קאָנטאקטן. דאָס דערלויבט דערנענטערן דעם לייענער צו די שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, אָרגאניזירן באגעגענישן, אָוונטן, באהאנדלונגען פון נײַע ווערק און גיט א מעגלעכקײַט צו פארווירקלעכן דעם פּערספּעקטיוו־פּלאן פון דער ארבעט מיט די לייענער פון דער ייִדישער ליטעראטור.

מיר האָפן, אז די פרײַנטלעכע מיטארבעטערשאפט פון דער ביבליאָטעק און אירע לייענער מיט דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ און זײַנע מעכאבּרים וועט זיך נאָך מער פארשטארקן. און אויסנוצנדיק די געלעגנהײַט, לאדן מיר אײַן די ליבהאָבער פון ייִדישער ליטעראטור צו באזוכן אונדזער ביבליאָטעק.

באָריס מאָגילנער

די ערשטע באגעגעניש

שיין איז דער פּארק סאָקאָלניקי מיט זײַנע גאסן־פּראָסיעקעס, וועלכע שנײַדן אים דורך, ווי שטראלן, און דעריבער רופט מען זיי „לוטשעוויִע“. סאָקאָלניקי איז א וואלד אין שטאָט, אן

באם ארײַנגאנג אין פיליִאל פון דער נעקראסאָווער ביבליִאָטעק

אייגנארטיקער צוזאמענפלעכט פון נאטור מיט הײַנטצײַטיקער אורבאניסטיק.

אף איינער פון די שטראלן־פּראָסיעקעס, אף דער זעקסטער, שטייט א גרויסע אלטע געבײַדע פון מערקווירדיקער ארכיטעקטור. אמאָל, אין די ערשטע סאָוועטישע יאָרן, איז דאָ געווען א וואלד־שול פאר קראנקע פארוואָרלאָזטע קינדער, אין וועלכער עס האָט פיל צײַט פארבראכט נאדיעזשדע קאָנסטאנטינאָוונא קרופּסקאיא. אהער פלעגט אָפט קומען לענין — ער איז קיין סאָקאָלניקי געגאנגען פונעם קרעמל צופוס. איינמאָל איז דאָ לענין בײַגעווען אף א יאָלקע און אינאיינעם מיט די שול־קינדער באגעגנט דאָס נײַע יאָר.

ס'קאָן זײַן, אז טאקע מיט די שטעגן, אף וועלכע עס האָט שפּאצירט לענין, קומען איצט אָן אונדזערע לייענער צום ארײַנגאנג אין דער געבײַדע פון דער אמאָליקער וואלד־שול, ווו עס געפינט זיך דער פיליִאל פון דער מאָסקווער צענטראלער עפנטלעכער ביבליִאָטעק אף נ. א. נעקראסאָווס נאָמען. דאָ דארף הײַנט פאָרקומען א ליטערארישער אָוונט, געווידמעט דעם פופצנטיאָריקן יובילײ פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“.

עס טרעפט, אז מענטשן וווינען אין איין הויז, אף איינעם און דעם זעלבן שטאָק, און ווען מע באגעגנט זיך, איז מען היימיש, אָבער איינער וועגן דעם אנדערן ווייסט ווייניק, פּאַשעט — שכיינים. און אָט קומט א טאָג, ווען גאנץ נאטירלעך ווערט מען אייגן־נאָענט, מע דערפילט, אז איינער אָן דעם אנדערן קאָן זיך מאמעש ניט באגיין, עס הייבט זיך אָן א וואַרעמע פרײַנטשאפט. אזוי האָט פּאסירט מיט אונדזער זשורנאל און מיט דער מאָסקווער צענטראלער עפנטלעכער ביבליִאָטעק אף נעקראסאָווס נאָמען. און דעם ערשטן טראָט האָט

געמאכט טאקע זי, די ביבליאָטעק: זיך געווענדט צו דער רעדאקציע מיט אן אײַנלאדונג — קומען צוגאסט אין סאָקאָלניקי, זעקסטער לוטשעוואָי פּראָספּעקט, 21...

אין א פרעכטיקן אויסגעשנייטן דעקאבער־אָוונט, אין סאָף פונעם פאָריקן יאָר האָט דער פיליאַל פון דער ביבליאָטעק, ווו עס איז קאָנצענטרירט דער ביכער־פאָנד אף פארשיידענע שפראכן פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, אײַנגעאָרדנט די באגעגעניש פון מאָסקווער לייענער מיט דער רעדאקציע און מעכאַברים פון „סאָוועטיש היימלאנד“.

באצײַטנס זײַנען צעשיקט געוואָרן אײַנלאדונגען. מוירע האָבנדיק, אז ניט אלע אײַנגעלאדענע וועלן גיך געפינען די געבײַדע, אן ארײַנגערוקטע אין טיף פונעם פארק, האָט מען אומעטום צעהאנגען ווײַזערס מיט אופשריפטן, וואָס אפילע אין אָוונט, אין שנייִיקן נעפל, זאָל מען זיי זען. די מיטארבעטער פון דער ביבליאָטעק בעראָש מיטן עלטערן רעדאקטאָר גענאדי קוזניעץ־גאָלדבערג זײַנען געשטאנען בא דער סטאנציע פון די טראמווײַען און אוטאָבוסן, אפן ראָג פון דער גאס באָלשאיא שיריאיעווסקאיא, און באגעגנט דעם אוילעם.

אין דער ביבליאָטעק גופע האָבן ברייטהארציק און מיט גרויס קאָוועד באגריסט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד“ דער דירעקטאָר — די פארדינסטפולע קולטור־טוערן פון דער רעפובליק יע. א. רעשעטניקאָווא און די פארוואלטערן פונעם אָפּטייל פון דער ליטעראַטור אף די שפראכן פון די סאָוועטישע פעלקער ט. א. פישקינא, אויך א פארדינסטפולע טוערן פון קולטור.

די לייענער האָבן, ארײַנקומענדיק אין פאָיע, גלײַך זיך דערפילט היימיש, ס'האָט געהערשט א געהויבענע שטימונג. דער יאָמטעוו האָט זיך באזונדערס געפילט בייס אין גרויסן זאל איז געגאנגען די לייענער־קאָנפערענץ.

דער זאל איז געווען פולגעפאקט — קיין אײַן פרײַ אָרט. א מיטליאָריקע כיינעוודיקע פרוי האָט בא אלעמען ארויסגערופן א צופרידענעם שמייכל, ווען זי האָט מיטאמאָל א זאָג געטאָן הויך אף א קאָל:

— פאראן לייענער, נישקאָשע...

עפענענדיק דעם אָוונט, האָט יעלענע אלעקסייעוונא רעשעטניקאָווא געזאָגט, אז טראָץ די באהויפטונגען פון קאָלערליי סקעפּטיקער, ארײַנגערעכנט די ניט־היימישע „באזאָרגער“, זײַנען דאָ בא אונדז א סאך ליבהאָבער פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, פונעם יִדישן וואָרט. און געמאָלדן האָט זי וועגן דעם מיט שטאָלץ און צופרידנקײַט.

יאָ, די יִדישע ליטעראטור לייענט מען, און ניט נאָר אף יִדיש. יע. א. רעשעטניקאָווא דערציילט וועגן די אבאָנענטן פון דער ביבליאָטעק, וועלכע לייענען ווערק פון יִדישע שרײַבער אף דער מוטער־שפראך און אין דער איבערזעצונג אף אנדערע שפראכן. זי רופט אָן די נעמען פון אייניקע רוסישע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט יִדיש און לייענען שאָלעם־אלייכעמען אין אָריגינאל. ס'איז א מערקווירדיקע דערשײַנונג, אן אינטערעסאנטער פאקט פון אונדזער סאָוועטישן לעבן, פון דער פעלקער־פרײַנטשאפט. יעלענע אלעקסייעוונא רעדט וועגן די פארשיידענע אָפּטיילן פון דער צענטראלער עפנטלעכער ביבליאָטעק, וועגן אירע דערגרייכונגען און אופגאבעס. דערבײַ באמערקט זי:

— מיר וואָלטן אוואדע געוואָלט, אז אלע די, וואָס זײַנען געקומען אף דער הײַנטיקער באגעגעניש, זאָלן ווערן לייענער פון אונדזערע יִדישע ביכער־פאָנדן.

דער דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק גיט איבער די אָנפירונג מיטן אָוונט דעם הויפּטרעדאקטאָר פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ ארן ווערגעליסן.

— די רעדאקציע איז געקומען אהער ניט מיט ליידיקע הענט, — מעלדעט ער. — הונדערט בענדער יִדישע ליטעראטור שענקען מיר אײַך הײַנט.

ער גיט איבער יע. א. רעשעטניקאָווען די רעשימע פון די דאָזיקע ביכער: מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אלייכעם, י.־ל. פערעץ, מ. ווינטשעווסקי, ד. עדלשטאט, י. באָוושאָווער, אָ. שווארצמאן, ד. בערגעלסאָן, אי. פעפער, פ. מארקיש, ל. קוויטקאָ, ש. האלקין, א. קושניראָוו, ש. גאָדינער, ע. פינינבערג, ז. ווענדראָף, מ. טייף, מ. גרוביאן, ש. דריז, אויך די ביכער פון י. אָפאטאָשו, א. רייזען, ש. אש, ש. דייקסעל, מ. אָלגין, א. קורץ, ה. לייוויק, פ. בינעצקי אא. יִדישע שרײַבער פון אויסלאנד.

כוץ דעם, שענקען דער ביבליאָטעק זייערע ביכער די אוטאָרן פונעם זשורנאל. אף יעדן בוך — אן אוטאָגראף. ארן ווערגעליס גיט איבער יע. א. רעשעטניקאָוועו זײַן נײַעם בוך „רײַזעס“ און א לעצטע זאמלונג לידער אין דער רוסישער איבערזעצונג. א באנד פון זײַנע געקליבענע ווערק, וועלכער איז דאָ ניט לאנג דערשינען, לייגט אוועק אפן טיש פונעם פרעזידיום שמועל גאָרדאָן. צוויי ביכער מיט אופשריפטן — דאָס איז שירע גאָרשמאנס געשאנק. אווראָם גאָנטאר האָט איבערגעגעבן זײַן נאָרוואָס דערשינענעם אינעם פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“ בוך אויסדערוויילטע לידער. זײַנע ווערק האָט געשענקט דער ביבליאָטעק טעוויע גען און אנדערע שרײַבער.

דערנאָך הייבט זיך אָן אן ערנסטער געשפרעך וועגן דעם פופצניאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאנד“. ארן ווערגעליס דערציילט וועגן דער טעטיקײַט פונעם זשורנאל פאר אָט די יאָרן.

עס טרעטן ארויס שירע גאָרשמאן, שמועל גאָרדאָן, כאיִם ביידער, באָריס מאָגילנער, דער גאסט פון טשערנאָוויץ יויסעף בורג.

די ארטיסטקע סאָפיע סײַטאן, וועלכע איז ברייט באוווסט אלס מײַסטער פונעם קינסטלערישן וואָרט, לייענט פאָר לידער פון סאָוועטישע יִדישע דיכטער, פארעפנטלעכטע אינעם זשור־

נאַל. עס אַקאָמפּאַנירט איר די פּיִאַניסטקע אַנע כענאַך.

די יִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך אין אַלע זשאַנרען. מערקווירדיק איז, וואָס פון יאָר צו יאָר וואַקסט די צאָל אווטאָרן פונעם זשורנאַל. אַף זײַנע זײַטלעך באַווײַזן זיך נײַע נעמען. אַ וואָרט באַקומט דער אינזשעניער פון דער שטאָט פּערם אַפן אוראַל אַרן בורשטיין, דער יִנגסטער צווישן די אווטאָרן, וועלכער האָט דאָ ניט לאַנג צוריק דעביוטירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט דערציילונגען.

דער פּאַרדינסטפולער דערפינדער מיכאַיִל קאָזאָדאָן האָט דערציילט, וויִאַזוי ער איז געוואָרן אַ לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

גלענצנדיק איז געווען די אַרויסטרעטונג פון דער פּאָפּולערער זינגערן מאַרינע גאָרדאָן, זי האָט אויסגעפּילט לידער אַף די ווערטער פון יִדישע סאָוועטישע פּאָעטן.

אַזאַ איז געווען דער ערשטער אָוונט פון יִדישער ליטעראַטור, וועלכן ס'האָט אײַנגעאָרדנט די מאָסקווער צענטראַלע עפנטלעכע ביבליאָטעק אַף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען. מיר זאָגן דער ערשטער, ווײַל ס'איז געמאָלדן געוואָרן, אַז דאָס איז אָן אָנהייב. ס'וועלן אין דער נאָענטסטער צײַט דורכגעפירט ווערן אַנדערע ליטעראַרישע אָוונטן — סײַ טעמאַטישע, סײַ באַגעגענישן מיט יִדישע פּראָזאַיִקער און פּאָעטן, ווי אויך באַהאַנדלונגען פון נײַ־דערשינענע ביכער, ליטעראַרישע דיספּוטן, פעסטיוואַלן פון דער יִדישער זינג־ליד.

די איניציִאַטיוו פון דער צענטראַלער עפנטלעכער ביבליִאָטעק אַף נעקראַסאָווס נאָמען וועט זיכער אונטערגעכאַפּט ווערן מיצאַד אַנדערע מאָסקווער ביבליִאָטעקן.

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

נאַכמען מײַזיל

(1966 — 1887)

פעלקער־פרײַנטשאַפט אין סאָוועטנפאַרבאַנד

אײנער פון די גרעסטע װוּנדער, װעלכער איז געשען נאָך דער גרױסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, איז די טיפע צװישנפעלקערלעכע פרײַנטשאַפט און ליבשאַפט, װאָס עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אין אַ ניט־געדאַכטער ביז אַהער מאָס אין דעם גרױסן סאָװעטנפאַרבאַנד. און דאָס איז געשען גראָד אין דעם געװעזענעם רוסלאַנד, אין דעם אָרט, װוּ סינע צװישן פאָלק און פאָלק, האַס צװישן פעלקער איז געװען דערפירט ביז דעם העכסטן שטאַפּל.

פאַר די אַלע, װאָס האָבן געװױנט פאַר דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע אין דעם צאַרישן רוסלאַנד און זײַנען געװען גוט באַקאַנט מיט די קעסיידערדיקע רײַסערײַען און קאַמפן, װאָס עס זײַנען אָנגעגאַנגען אין מעשעך פון יאָרהונדערטער צװישן די דאָרטיקע פעלקער און זײַנען באַזונדערס אונטערגעהעצט געװאָרן דורך די צאַרישע סאַטראַפּן די לעצטע יאָרצענדליקער; פאַר די אַלע, װאָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער שענדלעכער פּאָליטיק, װאָס די דעספּאָטישע רוסלענדישע מעלוכע האָט געפירט צװישן די פאַרשײדענע פעלקער, אונטערדריקט זײערע קולטורן, דערנידעריקט זײערע שפּראַכן און אַרופגעצװוּנגען די הערשאַפט פון דעם „אײנעם, ניט־צעטײלטן” רוסלאַנד מיט איר שפּראַך און קולטור, — פאַר די אַלע איז די אָקטיאַבער־רעװאָליוציע מיט איר לאַכלוטן נײַעם צוגאַנג צו פאָלק, צו פעלקער, צום צוזאַמענלעבן פון פעלקער, צו די אײגנטימלעכקײַטן פון יעדן פאָלק, צו זײַנע נאַציאָנאַלע אוצרים, צו זײַנע פאָלקס־קװאַלן — געװען גאָר אַ נײַס, נאָך מער — אַ נעס.

ס'איז באַקאַנט דאָס װאָרט: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד” — װי גוט און װי װױל איז, װען ברידער לעבן צוזאַמען אין פרידן. דאָס איז אַ גוטער װוּנטש און אַ שײנע בראָכע. אָבער נאָך אַ שענערער װוּנטש און אַ שטאַרקערע בראָכע איז, װען פעלקער, פאַרשײדנאַרטיקע פעלקער שטעלן אײַן צװישן זיך אַ פרידלעך, גוטברודעריש לעבן.

אַלעמאָל איז עס געװען פון די סאַמע אומעגלעכע און אומגלײבלעכע זאַכן. עס איז דאָך שױן געװען אַזױ אָנגענומען: דאָס לאַנד, װאָס באַשטײט פון פאַרשײדענע פעלקער, איז געװען פאַררעכנט פאַר אַ שװאַך לאַנד, פאַר אַ לאַנד, װאָס עס לאָזט זיך לײַכט צו באַזיגן. און נאָך עפּעס: ס'איז אַלעמאָל פאַרשטאַנען געװאָרן, אַז דער שמעלץ־טאָפּ איז אַ דורכױס נױטװענדיקער געבאָט, און יעדעס קלענער פאָלק מוז פריִער־שפּעטער פאַרלירן אַלע זײַנע אײגנטימלעכקײַטן, זײַן שפּראַך און קולטור, און עס דאַרף צוליב אײגענע נוצן װאָס גיכער אופגעבן זײַן נאַציאָנאַלן האָב־און־גוטס. און װאָס פריִער עס געשעט, אַלץ בעסער און געזינטער איז עס פאַרן גאַנצן לאַנד בכלל און פאַר יעדן פאָלק באַזונדער.

באַם פײַערן איצט דעם יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע, באַם דורכפירן אין גע־

דאנק די אלע שווערע יאָרן מיט די אלע קאמפן און שטריַיטיקייַטן, וואָס דער סאָוועטנפארבאנד האָט געהאט אויסצושטיין די אלע יאָרן און אזוי ביז היַינטיקן טאָג, — באם פיַיערן איצט דעם יוביל פונעם לאנד, וואָס באשטייט פון אזויפיל פעלקער, ווילט זיך ספעציעל אָפּשטעלן אף דעם פונקט — דאָס צוזאמענלעבן און דאָס צוזאמענשאפן פון די אלע פעלקער אינעם סאָוועטנפארבאנד סיַי אין די ציַיטן פון פרידן און באזונדערס אין די יאָרן פון דעם צווייטן וועלט־קריג.

אין דעם זינען האָט סאָוועטנפארבאנד אריַינגעשריבן אין דער געשיכטע פון דער וועלט און אין דער געשיכטע פון לענדער גאָר ניַיע בלעטער, וואָס בעטן זיך, מ׳זאָל זיי גוט לערנען און שטודירן.

נאָך אין די גאָר אמאָליקע ציַיטן, אין די ציַיטן פון טאנאך, האָט מען זיך שטארק געשראָקן פאר א פרעמד פאָלק, וואָס לעבט אין לאנד. פּארע, דער קיניג פון מיצראַים, האָט עס אמאָל ארויסגעזאָגט צו זיַינע ראטגעבער און געזוכט אייצעס, ווי צו קעגנשטעלן זיך קעגן אזעלכע אינוויַיניקסטע סאָנים. עס ווערט דערציילט אין כומעש: „ער האָט געזאָגט צו זיַין פאָלק: זעט, דאָס פאָלק פון די קינדער פון יִיסראָעל איז מערער און שטארקער פון אונדז. קומט, לאָמיר זיך קליגן קעגן אים; אניט וועט ער זיך מערן, און עס וועט זיַין, אז עס וועט זיך טרעפן א מילכאָמע, וועט ער אויך צושטיין צו אונדזערע פיַינט, און ער וועט מילכאָמע האלטן אף אונדז...” (שמות א׳, ט־י).

די געשיכטע דערציילט אונדז קעסיידער, און אזוי ביז דער איצטיקער ציַיט, אז יעדעס הערשנדיק פאָלק, וואָס האָט בא זיך אנדערע, קלענערע, פעלקער, באמיט עס זיך איינס פון די ביידע: אָדער אסימילירן די מינדערהיַיטן, עס זאָל פון זיי קיין סאָריד און פּאָליט ניט בליַיבן, עס זאָלן אָפּגעווישט ווערן וואָסערע ס׳איז אייגענע סימאָנים און שטריכן פון א באזונדער פאָלק, אָדער עס באמיט זיך, אז עס זאָל הערשן צווישן די אלע באזונדערע פעלקער, וואָס באוויַינען דאָס לאנד, א סינע, א קעגנזיַיטיקער האס, קעדיי אלע איניינעם זאָלן ניט קאָנען זיַין פאריייניקט קעגן דעם פאָלק, וואָס וויל הערשן און באהערשן די אלע אנדערע פעלקער און פעלקערלעך.

באם וועגן און מעסטן דעם קויעך און דעם ווידערשטאנד פון א לאנד האָבן די פּאָליטיקער און מיליטערליַיט געהאט שטענדיק פאר זיך אָט די גוט־אויסגעפּרווטע מאָס און וואָג: אויב א לאנד באשטייט פון פארשיידנארטיקע פעלקער, לאָזט זיך עס לייַכטער און שנעלער באזיגן, וויַיל אין א קאטאסטראָפע־ציַיט רוקן זיך נאָך שטארקער ארויס די צוועסדיקיַיטן, די קינע־סינע פון פאָלק צו פאָלק, עס ריַיסט זיך ארויס די אומצופרידנקיַיט, דער רעוואָלט, וואָס אין נאָרמאלע ציַיטן האלט מען עס אין איַיזערנע קלאָמערן.

אין דער ציַיט פון דעם ערשטן וועלט־קריג איז עסטריַיך געווען א קלאַסישער ביַישפּיל, ווי דאָס מיליטער פון א פיל־פעלקעריש לאנד האָט ניט געקאָנט געבן קיין ערנסטן ווידערשטאנד דעם סוינע און האָט גאָר גיך קאפיטולירט. און אין א געוויסן זינען איז עס אויך געשען מיטן צארישן רוסלאנד, וואָס פארשיידענע פעלקער ביַים דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָבן ניט נאָר נישט געהאט קיין אינטערעס צו קעמפן צוזאמען אין דער אַרמיי פון דער זעלבסטהערשערישער און דעספּאָטישער מאכט, נאָר אדערבע, זיי זיַינען צוגעשטאנען צו די סאָנים פון רוסלאנד און אויסגעדרייט די ביקסן קעגן זייער „היימלאנד”, קעגן רוסלאנד.

און אָט אזא מין אָריִענטאציע, אז דאָס פיל־פעלקערישע לאנד וועט צעפאלן ווערן, איז אויך געווען בא די פארשיידענע גרויסמאכטן אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון דער עקזיסטענץ פון דעם סאָוועטנפארבאנד. און דאָס האָט אויך באוועגט די דעמלטיקע מעלוכעס באם אָרגאניזירן די פארשיידענע „אינטערווענצן”, וואָס זאָלן אומברענגען די סאָוועטישע מעלוכע. זאָל מען נאָר אריַינשיקן דרויסנדיקע מאכט, וועט קומען אויך אינוויַיניקסטע הילף, וואָס וועט שנעל דערטרינקען דאָס לאנד, די ניַיע סאָוועטישע מאכט, אין אייגענעם בלוט.

עס איז קיין סאָפעק ניט, אז די פארשיידנפעלקערישקיַיט פון דעם סאָוועטנפארבאנד האָט אויך געהאט פיל צו זאָגן באם ניט־דערשאצן און אונטערשאצן די קויכעס און די ווידערשטאנד־קראפט פון אָט דעם לאנד. פאר מינכען און ביַים מינכען, און אויך די ערשטע צוויי יאָר נאָך מיַיסע־מינכען האָט דאָס געשפילט א גרויסע ראָליע פאר די פארביסענע סאָנים פון דעם סאָוועטנלאנד, — בא די גאנצע און האלבע, בא די אָפענע און פארשטעלטע פאשיסטן.

ס׳איז געווען בא די סאָנים פון סאָוועטנפארבאנד אזא מין געדאנקענגאנג, געשטיצט אפן „סייכל־האיאָשער”: אוואדע איז סאָוועטנפארבאנד א לאנד פון א 160 מיליאָן נעפאשעס, אָבער עס איז דאָך א לאנד פון די פארשיידנסטע נאציאָנאליטעטן און פעלקערשאפטן, פון פארשיידענע שפּראכן און קולטורן — און זאָל נאָר אויסברעכן דער קריג, און זאָל מען נאָר באדראָען דאָס לאנד, — און דאן, האָט מען זיך געלייגט פייגעלעך (אָדער ריכטיקער — שלענגעלעך, גיפטיקע שלענגעלעך) אין בוזעם, וועט אויסברעכן אין סאָוועטנפארבאנד א בירגער־קריג, איין פאָלק וועט דעם אנדערן דעם קאָפּ אראָפּדרייען, און די פיַינט וועלן האָבן גאָר א גרינגע ארבעט — בלויז קומען, באהערשן דאָס גרויסע, מעכטיקע און ריַיכע לאנד און צעטיילן עס צווישן זיך... און פארטיק אן אייסעק מיט דער פארהאסטער סאָציאלער רעוואָליוציע און מיטן פארדאמטן קאָמוניזם...

דאָס איז געווען די „קאָרט” פון די פאשיסטן און נאציסטן. און דאָס איז אויך געווען די „האָפענונג” און דער „טרוים” פון זייערע אָפענע און באהאלטענע באגיַיסטערער און אונטערשטופער. און ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָט מען שוין אומעטום גענומען ציילן „ספירע”, און

א באגעגעניש אין ניו־יאָרק מיט די געסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד. פון רעכטס אַף לינקס: ש. מיכאָעלס, נ. מײַזיל, ז. ווײַנפּער, אי. פעפער (1943)

די סטראַטעגן און די אויסטײַטשער האָבן שוין אפילע אָנגעמערקט דעם גענויעם טערמין — דרײַסיק טעג, ניט מער, וועט דער סאָוועטנפאַרבאַנד אויסהאַלטן דעם מאַרש און דראַנג פון די דײַטשישע מאַכנעס און ער וועט טאַקע שנעל קאַפּיטולירן.

די אַמאָליקע טעאָריע, אַז א צווישנפעלקעריש לאַנד איז שוואַך און קאָן גיך צעפאַלן בא אַן אָנגריף, בא דער ערשטער דראָענדיקער געפאַר, — האָט די פעסטע האַנאָכע און אויסגעפּרוווט קריגס־מיטל האָט, נעבעך, מיִעס אָפּגענאַרט די אַלע טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון דעם אָנפאַל אַף סאָוועטנפאַרבאַנד.

עס איז געשען, ווי באַוווסט, דאָס פאַרקערטע! קיינמאָל איז ענלעכס גאָרניט פאָרגעקומען, און בעיִקער — אין דעם גרויסן רוסלאַנד, ווו הונדערטער יאָרן האָט מען געהאַלטן אין איין רייצן איין פאָלק אַפן צווייטן, איין פאָלקסשאַכן אַפן אַנדערן. גראָד אין רוסלאַנד איז פאַר אַזאַ קורצער צײַט — פאַר וואָסערע צוואַנציק יאָר (מע דאַרף געדענקען, אַז דער שרעקלעכער בירגערקריג, וואָס איז אונטערגעשטיצט געוואָרן און אויפגערייצט געוואָרן דורך אַנדערע מאַכטן, האָט אָנגעהאַלטן ביז 1921), פאַר אַזאַ קורצער צײַט איז פאָרגעקומען אַזאַ אויסטערלישע, אומגלייבלעכע איבערוואַנדלונג. עס איז פאָרגעקומען א „שינוי מײַסע ברייִשיס" — א ראַדיקאַלע ענדערונג פון דעם סיידער־האָוילעם. אַדאַנק דער קלוגער פּאָליטיק פון די פירער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, איז אין לויף פון א קורצער צײַט געשאַפן געוואָרן אַזאַ פרידלעכע צונויפלעבונג פון קאָרעוו צו הונדערט פאַרשיידנאַרטיקסטע פעלקער, און אַלע ווי איינס, און יעדעס פאָלק ווי אַלע, האָבן מיטאַמאָל דערפילט אין דעם גרויסן סאָוועטנלאַנד אַזאַ טײַער און הייליק היימלאַנד.

און ניט וואָס מע האָט זיך באַמיט די אַלע יאָרן אײַנצושטעלן פאַר אַלעמען איין שפּראַך, איין קולטור, איין לעבנס־פירעכץ, נאָר אַדעראַבע, עס איז פאָרגעקומען א גוואַלדיקער פּראָצעס פון אַרויסברענגען און אַרויסקריסטאַליזירן די באַזונדערע אייגנאַרטיקײַטן, די ספּעציפישע אייגנטימלעכקײַטן פון יעדן פאָלק, פון יעדן פאָלקס־שאַפן, פון יעדער קולטור. „נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטיש לויט דעם אינהאַלט" — איז געוואָרן אַן איקער־געבאָט פאַר דעם לאַנד אינגאַנצן און פאַר יעדן פאָלק און זײַנע קינסטלער ביפּראַט.

עס איז געשען ווי די גרויסע נעוויִעס, די פּראָפעטישע טרוימערײַען פון דעם אַמאָליקן „נאָזוון" נביא מיכה, וואָס אין זײַן וויזיִע פון „אַמאָל, אַמאָל וועט זײַן", האָט ער געזען אַזאַ אידיליע, ווי „לא ישא גוי אל גוי חרב" — א פאָלק קעגן א פאָלק וועט ניט הייבן קיין שווערד, און „זיי וועלן זיצן איטלעכער אונטער זײַן ווײַנשטאָק און אונטער זײַן פײַגנבוים, און קיינער וועט ניט שרעקן". „וואָרעם אַלע פעלקער מעגן גיין איטלעכער אין נאָמען פון זײַן גאָט". פּרוּווט רעאַליזירן אָט די נעוויִעס אַף אונדזערע איצטיקע באַדינגונגען, און מיר וועלן באַקומען דאָס פרידלעכע, האַרמאָנישע לעבן פון די פאַרשיידענע פעלקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס „איטלעכס מעג זיך גיין אין נאָמען פון זײַן גאָט", — דאָס מיינט, פון זײַן קול־

טור, פון זײַן שאפן, און דאָס מיינט דאָך אייגנטלעך — „נאציאָנאל לויט דער פאָרם“...

דעם סאמע באַשײַמפּערלעכן באַווײַזט האָבן מיר, ייִדן, געהאַט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווו מיר זײַנען צום ערשטן מאָל אין אונדזער לאַנגער „גאָלעס“־געשיכטע אופגעריכט געוואָרן אין דער סאמע פולסטער מאָס מיט נאַציאָנאַלע רעכט, ווי א פאָלק און ווי מענטשן. און גראָד מיר, ייִדן, וואָס זײַנען געווען אין צאַרישן זעלבסטהערשערישן רוסלאַנד דער „סאָיִר לאַאַזאָל“ — דער שטענדיקער ציל־פּונקט פאַר די גיפטיקע פײַלן, פאַר רעכטלאָזיקײַט, גראָד מיר, ייִדן, זײַנען אינגאַנצן אויסגעלייזט געוואָרן מיט אונדזער גוף און נעשאָמע. ס'איז דאָרטן פאָרגעקומען די געולע שליימע.

און נאָר פאַרברעכערישע קעגנער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד קאָנען פאַרלייקענען און פאַרמינערן די גוואַלדיקע איבערוואַנדלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין די דאָרטיקע צווישנפעלקערישע באַציִונגען און אין דער אויסטערלישער ענדערונג, וואָס איז אַרײַנגעבראַכט אין אָט דעם לאַנד לעגאַבע דעם ייִדישן פאָלק און צו יעדן ייִד באַזונדער.

ייִדן, וואָס וווינען דאָ, אין דער פרײַער אַמעריקע, צענדליקער יאָרן, האָבן שוין פאַרגעסן דעם האַס און פאַראַכטונג, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַלטן אין זייען און פאַרשפּרייטן צווישן דער שטאַרק־אומווויסנדיקער באַפעלקערונג איבערן גרויסן רוסלאַנד. אָפיציִעלע און האַלב־אָפיציִעלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס האָבן עקזיסטירט מיט דעם צוועק צו פאַרמיִעסן און צו פאַראומווירדיקן דאָס ייִדישע פאָלק, די ייִדישע מאַסן, צו שטיקן אים מאַטעריעל און גײַסטיק. מע האָט זיך דערבײַ ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום ברוטאַליטעטן און ווילדקײַטן. דער באַרימטער בייליס־פּראָצעס איז דאָך געווען די העכסטע שטופּע פון אָט דער אַנטי־ייִדישער פּאָליטיק, ווען די גאַנצע רעגירונג מיט דעם צאַר אין דער שפּיץ האָבן געוואָלט מאַכן אויף דעם ייִדישן פאָלק דעם העסלעכן בלוט־בילבל. מע האָט געהאַט גרייט פאַר יעדער סטיכיייִשער אומצופרידנקײַט דאָס באַוווּסטע מיטל, — צו פאַרטרינקען דעם רעוואָלט מיט ייִדיש בלוט. און גראָד ערעוו דער סאָציִאַלער רעוואָלוציע, ווען דאָס לאַנד איז געווען אויסגעשעפּט, אויסגעהונגערט, עקאָנאָמיש און גײַסטיק צערודערט, — דאַן איז עס געווען א „גוטער באָדן“ פאַר באַנײַטער און פאַרשטאַרקטער ייִדן־פאַרניכטונג. די ייִדן־פּאָגראָמען מיט די שכיטעס פון 1917—1920 זײַנען דאָך דער בעסטער באַווײַז, ווי מע האָט ווידעראַמאָל פאַרפלייצט מיט ייִדיש בלוט דעם רעוואָלוציאָנערן אופשוווּנג. עס זײַנען דאַן אומגעקומען צענער טויזנטער ייִדן, און עס זײַנען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד פיל ייִדישע ייִשוווּים אין אוקראַיִנע.

איז עס דעריבער געווען א גרויסער ווונדער, אַן אויסטערלישער נעס, וואָס עס איז געקומען די סאָוועטנמאַכט און האָט דערהויבן דאָס ייִדישע פאָלק, ווי זאָגן כסידים, — „פון די סאמע טיפסטע אָפּגרונטן, צו די העכסטע הייכן“.

אויב דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט באַוויזן וווּנדער איבער וווּנדער, וואָס ער האָט אין לויף פון א זייער קורצער צײַט איבערגעאַנדערשט די גאַנצע אָרדענונג פון דעם צאַרישן און דעספּאָטישן לאַנד און פאַרוואַנדלט עס אין א לאַנד פון סאָציִאַלער גערעכטיקײַט, פון גלײַכהײַט און פּראָגרעס, איז נאָך מער וווּנדער איבער וווּנדער, וואָס עס האָט זיך אײַנגעשטעלט אזא באַהאַרצט און פרײַנטלעך און גוט־ברודעריש לעבן פון די אלע „זיבן און זיבעציק“ פעלקער מיט זייערע, אָן א גוזמע, זיבן און זיבעציק לעשוינעס און קולטורן.

און דער גאַנצער איניען מיט דער באַשטימונג פון א ספּעציִעלער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — די מײַסע ביראָבידזשאַן, איז דאָך דער העכסטער פּונקט, די העכסטע מאַדרייגע פון דער ייִדישער מאָראָכע צווישן די פעלקער פונעם גרויסן סאָוועטנפאַרבאַנד.

די עטלעכע גרויזאַמע, מוירעדיקע מילכאָמעיאָרן האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן וואָס סאָוועטנפאַרבאַנד איז געווען און איז פאַר אלע פעלקער און פאַר דעם ייִדישן פאָלק. קיינער פון אונדז האָט זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט און ניט באַגריפן, ווי גרויס עס איז און ווי הייליק עס איז די איבערגעגעבנקײַט, די ליבשאַפט, די טרײַשאַפט פון אלע פעלקער, פון אלע שיכטן פון די פעלקער צום סאָוועטנפאַרבאַנד, צום היימלאַנד, צו דער ראַטנפאַרבאַנדישער ערד און צום סאָוועטישן לעבנסשטייגער.

דאָס אלץ איז געקומען צו דעם פולסטן אויסדרוק אין דער זייער רײַכער ליטעראַטור, — בעיִקער אין די קינסטלערישע שאַפונגען פון די סאָוועטישע און סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער פון די לעצטע גרויזאַמע מילכאָמע־יאָרן. מעג עס די פאַרלוימדער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד ניט „שמעקן“, ניט זײַן צום האַרצן, אָבער ס'איז דאָך געשאַפן געוואָרן א טיף־ווייטעקדיקע און א שטאַרק־סטימולירנדיקע ליטעראַטור, וואָס איז פול מיט ליבע און טרײַקײַט צום היימלאַנד, צום אייגענעם באָדן, צו די אַרומיקע פעלקער, צו דער סאָוועטישער סוויווע.

ניט נאָר אַן איינצלנעם מענטשן, נאָר אויך א פאָלק און אויך דאָס צווישן־לעבן פון פעלקער דערקענט מען באַזונדערס אין אַן אייסצאָרע אין א צײַט פון גרויסע אופטרייסלונגען. אין די שווערע יאָרן פון דער מוירעדיקער מילכאָמע, אין די צײַטן, ווען א גרויסע שטיק סאָוועטנפאַרבאַנד איז געווען אונטער דעם בעסטיִאַלישן קנאַפּל פון די דײַטשע מערדערישע אַרײַנדרינגער, — אין אָט דער צײַט האָט זיך אַרויסבאַוויזן וואָס סאָוועטנפאַרבאַנד איז פאַר אירע פעלקער, און וואָס די פעלקער זײַנען פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס וואָרט „פאָטערלענדישע מילכאָמע“, מיט וועלכן עס איז באַצייכנט געוואָרן דער קריג פון דעם סאָוועטנפאַרבאַנד קעגן די נאַציס, איז אין פולער און

גלײַכער מאָס אָנגעמאָסטן פאר *אלע*, אלע פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, אָן שום אויסנאם.

מיר האָבן עס געזען אין דעם מעסירעסנעפעש, אין דער שלאָג־פארטיקײַט פון דער רויטער ארמיי, וואָס איז באשטאנען פון דעם סאמע פאָשעטן זעלנער ביז די העכסטע ראנגען פון מיליטערישן לייטער, ביז די מארשאלס, פון פאָרשטייער פון *אלע* פעלקער און דאָס ייִדישע פאָלק — בעסויכעם. דאָס נעמלעכע האָבן מיר געזען אין דער באגײַסטערונג, אין דעם ברען און לײַדנשאפט פון די אלע קינסטלער, שאפער אינעם גרויסן סאָוועטנפארבאנד. אלע, אלע גרויסע דיכטער, קינסטלער, שרײַבער פון די סאָוועטישע פעלקער — און דאָס ייִדישע פאָלק צווישן זיי — זײַנען געווען אָנגעצונדן מיטן האס צו דײַטשלאנד, און מיט ברענענדיקער ליבשאפט צו די פיל־לײַדנדיקע פעלקער פון סאָוועטנפארבאנד, אָן קיין שום אויסנאם. און אָט דער האס צום דײַטשישן ארײַנדרינגער און די ליבע צום לאנד האָבן עס אויסגעשמידט די רויטע ארמיי און די אלע סאָוועטישע אײַנוווינער, וואָס האָבן געלעבט אין הינטערלאנד און מיט לײַב־און־לעבן מאמעש געהאָלפן צו צעשמעטערן די דײַטשישע מעכאניזירטע בעסטיעס.

די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראטור פאר די אלע יאָרן, דורך די הונדערטער ווערק פון אירע קאָרעוו צו הונדערט שאפער, האָט אָף פארשײַדענע אויפאנים אופגענומען און ארויסגעבראכט אָט די גוטפרײַנטשאפט־מאָטיוון און פראָבלעמען פון די סאָוועטישע פעלקער. טיף און אָרגאניש פארבונדן מיט די אלע וועגן און אומוועגן, פעסט און שטארק פארוואָרצלט מיט די אלע פאָליטישע, געזעלשאפטלעכע און ווירטשאפטלעכע ענדערונגען און איבערוואנדלונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אינעם סאָוועטנפארבאנד, האָט דאָס סאָוועטיש־ייִדישע שאפן אין ליד און פראָזע אדורכגעוויטעקט און אדורכגעפיבערט אלדי שוועריקײַטן און ענדערונגען, וואָס דאָס לאנד האָט געהאט אויסצושטיין.

ווען מיר ווארפן צוריקבליקן אָף דעם וועג, וואָס ס'האָט אדורכגעמאכט די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור זינט אָשער שווארצמאן ביז ה. שוועדיק, זעען מיר אין די אלע ווערק אָט די ווײַטע שטרעקעס, אָט די אלע טיף־באגײַסטערטע און העל־דערהויבענע פארמעסטן און געראנגלענישן, וואָס די סאָוועטישע פעלקער האָבן געהאט אפן וועג פון באפעסטיקן זיך אין א וועלט, וואָס איז פול מיט סינע און רישעס צום לאנד פון סאָציאלער רעוואָליוציע. אין די אלע סאָוועטיש־ייִדישע ווערק האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערפילט די טיפע פארבינדונג, דעם דירעקטן קאָנטאקט, די פעסטע אײַנגעוואָרצלטקײַט מיטן ארומיקן סאָוועטישן לעבן, ווי ייִדן זײַנען גלײַכע צו גלײַכע, פולבארעכטיקטע גלידער פון איין גרויסער פעלקער־מישפאָכע. דאָס איז גאָר א נײַס אין אונדזער ייִדישער קולטור און ליטעראטור, וואָס האָט אלע יאָרן געלעבט א זײַטיק און איזאָלירט לעבן אין די לענדער, ווי זי איז געוואקסן. בלויז ענגהארציקע און שמאָלקעפיקע, אין זייער בלינדער סינע צום סאָוועטנפארבאנד און מעמיילע צו אירע ייִדישע קינסטלער, האָבן ניט באגריפן — און אזוי ביזן הײַנטיקן טאָג — די אופריכטיקע ליבשאפט, די אָרגאנישע פארבונדנקײַט צום לאנד, צו אלץ, וואָס עס קומט פאָר אין לאנד, אינעם עמעסן היימלאנד.

אָבער דאָס איז א טעמע פאר־זיך.

און די זעלבע קעגנזײַטיקע גוטברודערשאפט, וואָס איז זינט יאָרן אײַנגעשטעלט צווישן די אלע גרעסערע און קלענערע פעלקער — איצט איז די צאָל פון דער סאָוועטישער באפעלקערונג בא 200 מיליאָן — אין סאָוועטנפארבאנד, ווי אויך די גוטפרײַנטשאפט, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן דעם סאָוועטנפארבאנד און די שכיינישע לענדער, וואָס האָבן זיך ארויסבאפרײַט פון די דײַטשע אָקופאנטן, — אָט די גוטפרײַנטשאפט העלפט דעם שנעלן ווידעראופבוי און אופריכטונג פון די פארוויסטונגען און כורבוינעס, וואָס די נאצישע מערדער האָבן פאר די עטלעכע יאָר פון זייער וויסטער הערשאפט אָנגעמאכט. ס'איז אלעמענס ווילן און פארלאנג: וואָס גיכער אײַנצושטעלן א געזונט און נאָרמאל לעבן בא דעם געמיינזאמען אופריכטיקן פארמעסט פון אלע געזונט־שאפערישע קויכעס אינעם גרויסן לאנד פון די סאָוועטן.

אין אָט דער פעלקערישער הארמאָניע ליגט די זיכערע גאראנטיע פון א ליכטיקער צוקונפט פאר אלע סאָוועטישע פעלקער, סײַ פאר יעדן פאָלק באזונדער, סײַ פאר גאָר דער מענטשהײַט.

אַף היסטאָרישע טעמעס

יעווגעני ראַשקאָווסקי

קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן

דער סאָציאַל=עקאָנאָמישער מאַצעוו פון די ייִדן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע נאָך דער רעפאָרמע פון 1861

די בורזשואזע היסטאָריאָגראַפיע שילדערט די געשיכטע פון די ייִדן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע נאָך דער רעפאָרמע פון 1861 אַלס אַ געשיכטע פון גרעניצלאָזן אַנטיסעמיטיזם, פון פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען, אויסמײַדנדיק צו ריידן וועגן די מאָמענטן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקײַט און דער ייִדישער באַפעלקערונג פונעם לאַנד. געוויס האָט אין פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד, ביפּראַט אינעם דערמאָנטן פּעריאָד, געהערשט אַן אַטמאָספער פון פעלקער־האַס, אַנטיסעמיטיזם, וועלכע עס האָבן פאַרשפּרייט אינעם לאַנד די זעלבסטהערשער און זייער קאַמאַרילע. ווען מע פאָרשט אָבער די געשיכטע בלויז פון אַזאַ קוק־ווינקל, באַקומט זיך אַ פאַלש בילד. ס'איז נייטיק, לעכאָלהאַפּאָכעס, וויסן אַלזײַטיק דאָס לעבן פון די ייִדן אין אָט דעם פּעריאָד, דאָס הייסט — אין דער רוסלענדישער אימפּעריע נאָך דער רעפאָרמע פון 1861, אין די צײַטן פון ניקאָלײַ I, אַלעקסאַנדער II. איבערהויפּט מוז מען טיף פאַרשטיין די באַציִונג צו דער ייִדישער באַפעלקערונג מיצאַד דער פּראָגרעסיווער רוסישער געזעלשאַפטלעכקײַט.

אינעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד איז דער פּראָצעס פון דער דערנעענטערונג צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג און דער רוסישער געזעלשאַפט געווען זייער אַ שווערער און קאָמפּליצירטער. די אינטעגראַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער רוסלענדישער עקאָנאָמיק, דאָס באַפרײַען די ייִדישע מאַסן פונעם דרוק פון די קלייקווידעש, דאָס באַהעפטן זיי צו דער הײַנטצײַטיקער קולטור, דאָס ארײַנציִען צוערשט די פאָרשטייער פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, דערנאָך די ברייטע פאָלקסמאַסן אין דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, — אָט די אַלע פּראָצעסן האָבן זיך אָנגעשטויסן אַף דער רעפּרעסיע־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, אַף דער קאָנסערוואַטיווער געזעצגעבונג, אַף די מאַסן־פּאָגראָמען, אַף די פאָרורטיילן באַ די ייִדישע מאַסן גופע און באַ דער אַרומיקער באַפעלקערונג. דאָך אָבער האָט זיך געלאָזט פילן די ליבעראַליזירנדיקע אַטמאָספער פון די רעפאָרמעס פון די 60־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט (די אַזוי־גערופענע „גרויסע רעפאָרמעס”), די אויפלעבונג אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן האַסטיקן געבורט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט־סיסטעם, די סימפּאַטישע באַציִונג צו דער ייִדישער באַפעלקערונג מיצאַד די פילצאָליקע פאָרשטייער פון די רעוואָליוציאָנערע, ליבעראַל־אינטעליגענטישע און טיילווײַז אַפילע ליבעראַל־קירכלעכע קרײַזן.

אין דער סאָוועטישער היסטאָריאָגראַפיע איז אָנגענומען צו רופן דעם נאָכרעפאָרמע־פּעריאָד אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד — פּעריאָד, ווען עס איז געזעצגעבעריש אָפּגעשאַפן

געוואָרן דאָס לײַבייגנטום־רעכט און ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפאָרם פונעם ערדבאַזיץ (מאַניפעסט פון 19 פעוראַל 1861) און אַ ריי אַנדערע רעפאָרמעס (אין געביט פון געריכט, אַדמיניסטראַציע, מיליטער). דער דאָזיקער פּעריאָד האָט זיך פאַרענדיקט אין מיטן פון די 90־ער יאָרן, ווען אין לאַנד איז פאָרגעקומען דער מעכטיקער אינדוסטריעלער אויפשטײַג און עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאָרמירן די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס.

וו. אי. לענין האָט אין פיל ווערק זײַנע, באַם כאַראַקטעריזירן דאָס אַלגעמיינע סאָציאַל־פּאָליטישע אויסזען פונעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד, געווענדט זײַן אויפמערקזאַמקײַט באַזונדערס אויף צוויי אַספּעקטן פון דער דעמאָלטיקער רוסלענדישער ווירקלעכקײַט. אָט די צוויי אַספּעקטן זײַנען, לויט מײַן מיינונג, ביז גאָר וויכטיק באַם פאַרשטיין דעם מאַצעוו פון די ייִדן אינעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד. די דאָזיקע אַספּעקטן זײַנען:

1) די קאָמפּליצירטקײַט און בונטקײַט פונעם לאַנד אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט, די גרויסע צאָל ווירטשאַפט־סיסטעמען, וועלכע נעמען אַרײַן אין זיך אָן אַ שיר פאָרמען פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע (אָנגעהויבן פון דער מיזרעך־ביוראָקראַטישער און פעאָדאַל־לײַבייגנטימערישער סטרוקטור פון דער ווירטשאַפט ביז די סאַמע פאָרגעשריטענע פאָרמען פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם), די בונטקײַט פונעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן (אָנהייבנדיק פון טראַדיציאָנעל־אַרכאַישע אײַנשטעלונגען און אָנשויונגען און ביז בורזשואַז־דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע אידייען). מע טאָר ניט פאַרגעסן, אַז אַ גרויסע צאָל פון אָט די סאָציאַל־היסטאָרישע דערשײַנונגען, וועלכע האָבן געווירקט אינעם אָנגערופענעם פּעריאָד, האָבן זיך אַנטפּלעקט ניט בלויז אין דער ריינער פאָרם, נאָר אויך אין אַ גרויסער צאָל סאַמע קאָמפּליצירטע איבערגאַנגספאָרמען;

2) דער צווייטער אַספּעקט פון דער דעמאָלטיקער רוסלענדישער ווירקלעכקײַט איז דאָס, וואָס די פּאָליטיש־יורידישע אויספורעמונג פון די ענדערונגען אינעם לעבן פון דער דעמאָלטיקער רוסישער געזעלשאַפט — דער איבערגאַנג פונעם לײַבייגנטימעריש־ביוראָקראַטישן אַבסאָליוטיזם צו דער סיסטעם פון דער בורזשואַזער מאָנאַרכיע — איז פאָרגעקומען ביז גאָר לאַנגזאַם און איז אָפט איבערגעשלאָגן געוואָרן מיט עלעמענטן פון רעגרעס (ווי דאָס איז געשען, לעמאָשל, אינעם פּעריאָד פון דער רעאַקציע פון די 80־ער יאָרן).

מעטאָדאָלאָגיש זײַנען די דאָזיקע לענינישע אידייען זייער וויכטיק באַם שטודירן די ספּעציפיק פונעם ייִדישן לעבן אינעם נאָכרעפאָרמישן רוסלאַנד.

דער פּעריאָד ערעוו די „גרויסע רעפאָרמעס” — דאַן האָט געקיניגט ניקאָלײַ I — איז געווען דער סאַמע פּײַנפולער אין דער געשיכטע פון די ייִדן אין רוסלאַנד אין XIX יאָרהונדערט: גזיירעס און גיירושים, רעקרוטשינע (דאָס דינען אין דער אַרמיי איז ניט קאָמפּענסירט געוואָרן מיט בירגערלעכער גלײַכבאַרעכטיקונג), קאַנטאָניסטן־סיסטעם (מע האָט געכאַפּט ייִדישע קינדער און אָפּגעהאַלטן זיי 25 יאָר אין דער אַרמיי), אַלילאַס־דאַם־פּראָצעסן... דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן דעם ווילדן אַנטיסעמיטיזם פון ניקאָלײַס פּאָליטיק, נאָר וועגן דער גסיסע פונעם ביוראָקראַטיש־לײַבייגנטימערישן מעטאָד פון רעגירן. קעדיי אַנטקעגנקומען די פאָדערונגען פון דער אינערלעכער אוניפיקאַציע און יורידישער אײַנאָרדענונג פון דער מעלוכע, זײַנען די דאָזיקע פאָדערונגען באַפרידיקט געוואָרן אויף אַ באַרבאַרישן אויפן, ניט רעכענענדיק זיך מיט די וויכטיקסטע בירגערלעכע און מענטשלעכע ווערטן. פּאַראַלעל מיט די רעדיפעס קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג פונעם לאַנד האָט דאָ געווילדעוועט, ווי פריִער, דאָס לײַבייגנטום־רעכט, עס איז געשטיקט און געדריקט געוואָרן די קולטור־אַקטיווקײַט פון דער אַדעליקער אינטעליגענץ, עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן געריכטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע עקזעקוציעס איבער די אַלטגלויביקע סעקטאַנטן, אַקציעס פון אונטערדריקן די אויטאָנאָמיע פונעם קרוין־פּוילן.

די עפּאָכע פון די „ליבעראַלע” רעפאָרמעס פון אַלעקסאַנדער II האָט אָנגערירט אויך די ייִדן: עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן די רעקרוטשינע, מילדער זײַנען געוואָרן אייניקע רעדיפעס אין געביט פון וווינונגס־רעכט, ייִדישע קינדער האָבן געמעגט אָנקומען אין לערןאַנשטאַלטן. ניט געקוקט אויף די גוואַלדיקע ווידערשפּרוכן אין די „גרויסע רעפאָרמעס”, אויף דער אומגעהערטער קאָרופּציע און מיסברויכן באַם רעאַליזירן זיי, איז אָבער די הערשאַפט פון אַלעקסאַנדער II געווען פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון רוסלאַנד, ווי אויך פאַר די ייִדן, אַ צײַט פון האָפענונגען אויף ישועס. אָבער וואָס גרעסער עס זײַנען געווען די האָפענונגען, אַלץ פּײַנלעכער איז געוואָרן די רעאַלע, טאָגטעגלעכע ווירקלעכקײַט.

דאָס אינערלעך־פּאָליטישע לעבן פון דער מעלוכע האָט, ווי פריִער, זיך געפונען אונטער דער מאַכט פונעם זעלבסטהערשעריש־ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט. דאָס לאַנד איז אַרײַנגעטראָטן אין דער פאַזע פון האַסטיקער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פּראָגרעסיווע דערשײַנונג אין פאַרגלײַך מיט די מיטלאַלטערלעכע און לײַבייגנטימערישע פאָרמען, אָבער אינעם רעאַלן לעבן איז די דאָזיקע דערשײַנונג געווען אויסערסט קאָמפּליצירט — ניט בלויז פאַר די עקספּלואַטאַטאָרישע אויבערשיכטן פון

דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, נאָר אין פּיל הינזיכטן אויך פאַר די פּאָלקסמאַסן, פאַר די „אונטערשיכטן“.

שרעקלעך שווער איז געווען דער גורל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג און אָט דעם נאָכרעפאָרמע־פּעריאָד. די שטורמישע אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם האָט געשטעלט אונטער א פראַגע ניט בלויז די טראַדיציאָנעלע פאַרבינדונג פון די ייִדישע עקספּלואַטאַטאָרישע אויבערשיכטן מיט דער סיסטעם פון דער פּריציש־לײַבייגנטימערישער ווירטשאַפט (פּאַכטערײַ, אַרענדאַטערײַ, געלט־סובסידיעס די פּריצים אאַז.), נאָר אויך אין פּיל הינזיכטן דעם עצעם לעבנסשטייגער פון די פּאָלקסמאַסן. די אַנטוויקלונג פונעם אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט, פון דער לײַכטער און האָלצבאַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע האָט אַרויסגעריסן דעם באָדן פון אונטער די פיס באַם טראַדיציאָנעלן, האַלב־פּאַטריאַרכאַלן ייִדישן האַנטווערקער. עס האָבן פאַרלאָרן זייערע האַכנאָסע־קוואַלן די פורמאַנעס, שנײַדער, שוסטער, קירזשנער, רימער אאַ. די אַנטוויקלונג פון דער אורבאַניסטישער קולטור מיט אירע גרויסע מאַגאַזינען, רעסטאָראַנען האָט ענדגילטיק רויִנירט טויזנטער ייִדישע קלייִנהענדלער, קאָראָבייניקעס, בעקער. באַ די פאַרשפּאַרטע אין טכום־האַמושעוו ייִדן זײַנען הענט און פיס געווען געבונדן דורך אָן א שיר באַגרענעצונגען און אַדמיניסטראַטיווע פאַרבאָטן. זיי האָבן באַדאַרפט אַרויסווײַזן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע און אײַנפּאַלערישקײַט, קעדיי צופּאַסן זיך צו אָט דעם נײַעם לעבן מיט זײַנע טאָגטעגלעכע זאָרגן, קאָנקורענץ, מוירע פאַרן מאָרגן. און, פאַרשטייט זיך, ניט יעדערער איז געווען אימשטאַנד צופּאַסן זיך, א סאַך זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין דער טראַגישער און אַפילע טראַגיקאָמישער לאַגע פון לופט־מענטשן, וועלכע דער קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור שאָלעם־אַלייכעם האָט אַזוי מײַסטערהאַפט באַשריבן אין זײַן ווערק „מענאַכעם־מענדל“.

ווי מיר זעען, האָט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מאַצעוו פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פונעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד דורכגעמאַכט אינעם נאָכרעפאָרמע־פּעריאָד ערנסטע סטרוקטור־ענדערונגען. די דינאַמיזירונג פונעם אינערלעכן לעבן פון די ייִדן, זייערע אינטענסיווע פאַרבינדונגען מיט דער רוסלענדישער און אייראָפּעיִשער עקאָנאָמיק האָבן געבראַכט דערצו, אַז די ייִדישע סוויווע האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּאָנעם, עס האָבן זיך באַ איר באַוויזן די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, — בורזשואַזיִע און פּראָלעטאַריאַט, אויך שטאָטישע מיטלשיכטן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט די באַדערפענישן פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער שטאָט (פרײַע פּראָפעסיעס, אינזשעניערן, פאַרשיידענע מינים אָנגעשטעלטע, הויכקוואַליפיצירטע מײַסטערס פון פאַרשיידענע פאַכן). אָבער גלײַכצײַטיק דערמיט זײַנען אופגעקומען הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן ניט באַוויזן צוצופּאַסן זיך צום נײַעם לעבן, און זיי האָבן געליטן נויט, דערנידעריקונג, אויסגעשטאַנען אין די שטעטלעך דעם ווילקיר פון די פּאָליציאַנטן און פון די שטעטלשע נעגידים. ניט זעלטן האָט אויך געטראָפן, אַז א ייִדישער בורזשואַ, צי אַן אינטעליגענט אָדער א הויכקוואַליפיצירטער מײַסטער, וועלכער האָט צוליב דעם אָדער יענעם פאַל פאַרלאָרן זײַן פאַרמעגן אָדער קוואַליפיקאַציע, איז אַרײַנגעפאַלן צווישן די רעכטלאָזע און אומבאַהאָלפענע.

א באַזונדער אָרט פאַרנעמט די פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור באַ דער ייִדישער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד אינעם פּעריאָד נאָך דער רעפאָרמע.

אין יעסאָד פונעם קולטור־לעבן פון דער דעמלטיקער ייִדישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד איז געלעגן דער פּרינציפּ, וואָס טראָגט אין דער הײַנטיקער, סאָוועטישער היסטאָריש־סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור דעם נאָמען „מיטלאַלטערלעכער ביכער־קולט“. פון דאָר צו דאָר פלעגן איבערגעגעבן ווערן אַלס מעסוירע די געוווינהײַטן צו לייענען, פאַרגעדענקען און טײַטשן די הייליקע טעקסטן; שטודירן די שפּראַך פון די דאַזיקע טעקסטן; אויסטײַטשן די קאַטעגאָריעס און אידייען פון די הייליקע ביכער, פון די יורידישע קאַזוסן, פון דער ליטורגיִע. דער „מיטלאַלטערלעכער ביכער־קולט“ — דאָס שטודירן די ביבל, דעם טאַלמוד מיט דער מאַרשאָע, טויספעס און אַנדערע קאָמענטאַרן צו זיי, די פאַרשיידענע טפילעס אין בעסמעדרעש — פלעגט אָפּנעמען אַן איימע צײַט אינעם לעבן פון די ייִדן. דער פּראָצעס פון באַהעפטן זיך צו די מיטלאַלטערלעכע קענטענישן איז געווען זייער א שווערער — מע האָט געמוזט מעכאַניש אויסכאַזערן א ריזיקן מאַטעריאַל, באַהערשן קאָמפּליצירטע מעטאָדן, מאַכן צומאָל גאַנץ ריזיקאַלע אַנאַלאָגיעס און סילאָגיזמען. דאָס אַלץ האָט געפאָדערט גרויסע אָנשטרענגונג פון די אינערלעכע קויכעס. דער ביכער־קולט האָט בעפיירעש מיטגעהאָלפן צו פאַרהיטן די היסטאָרישע יערושע, די ייִדישע קולטור־טראַדיציעס, די מיטלאַלטערלעכע קענטענישן, וועלכע האָבן אָפּט באַקומען דעם אויסזען פון ריינעם פאָרמאַליזם און קאַזויִסטיק און געדינט אַלס פאַקטאָר פון דער סאָציאַלער און פּסיכאָלאָגישער קאָנסערוואַציע פונעם ייִדישן לעבנסשטייגער.

די עפּאָכע פון רעפאָרמעס, וועלכע האָט אונטערגעריסן די מיטלאַלטערלעך־קאָרפּאָראַטיווע אָפּגעזונדערטקײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, האָט דערמיט גופע טיילווײַז געשטעלט אונטער א פראַגע אויך דעם ייִדישן „מיטלאַלטערלעכן ביכער־קולט“.

אינעם נאָכרעפאָרמע־פּעריאָד זײַנען צווישן דעם געבילדעטן טייל פון די רוסישע ייִדן ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן די אידייען פון די דײַטשישע אופקלערער וועגן דער אייגנאַרטיקער ייִדישער ווערסיע פון דער אייראָפּעיִשער האַסקאָלע. טאַקע אַדאַנק די האַסקאָלע־אידייען, וועלכע זײַנען צוגעפּאַסט געוואָרן צו די ספּעציפישע באַדינגונגען פון די רוסישע ייִדן, האָט אין רוסלאַנד אָנגעהויבן אופקומען אַ הויכקינסטלערישע ליטעראַטור אַף ייִדיש.

די נאָכרעפאָרמע־עפּאָכע האָט פאַר אַ געוויסן טייל פון די רוסישע ייִדן געעפנט אַ פענצטער אין דער וועלט פון די אייראָפּעיִשע ראַציאָנעלע קענטעניש. ניט ווייניק רוסישע ייִדן האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיקער צו באַהערשן די מאָדערנע קולטור און ליטעראַטור, איידער זיך פאַרנעמען מיט דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק. ניט געקוקט אַף דער אָרעמקײַט, אַף דער פּראָצענט־נאָרמע אין די הויכשולן, האָבן אַ סאַך פאָרשטייער פון דער ייִדישער יוגנט דורכגעשלאָגן זיך צו דער הויכבילדונג אַלס פרײַע צוהערער און עקסטערנס. אייניקע פון זיי זײַנען, טראָץ דער שווערער נויט, געפאָרן זיך לערנען קיין דײַטשלאַנד און אין דער שווייץ.

פאַר אַ טייל ייִדישע געזינדן איז אָט דער דראַנג פון דער ייִדישער יוגנט נאָך אייראָפּעיִשע ראַציאָנעלע קענטענישן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַגעדיע. די אייראָפּעיִש־געבילדעטע יונגעלײַט האָבן אָפט פאַרלאָרן זייער פאַרבינדונג מיטן שטעטל, וואָס איז געווען פאַרזונקען אינעם פּאַטריאַרכאַלן שטייגער. אייניקע פון זיי האָבן אין די אינטערעסן פון זייער קאַריער זיך געשמאַדט (דערמאָנט זיך, צום בײַשפּיל, שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „וויגרישע בילעט").

מע דאַרף אָבער, לעשעם היסטאָרישן יוישער, אָפּמערקן, אַז ווײַט ניט אַלע געשמאַדטע ייִדישע אינטעליגענטן האָבן אינגאַנצן איבערגעריסן מיט זייער פאַרגאַנגענהײַט (לאָמיר, אַשטייגער, אָנרופן דעם באַוווּסטן געלערנטן־סעמיטאָלאָג ד. אַ. כוואָלסאָן, 1820 — 1910).

צום נאָכרעפאָרמע־פּעריאָד באַלאַנגט דער אופקום פון דער פּעריאָדישער ייִדישער פּרעסע אין רוסיש, ווי אויך דאָס באַווײַזן זיך פון אַ היפּשער צאָל ייִדן־אינטעליגענטן אין דער ליטעראַריש־קינסטלערישער סוויווע פונעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד (אַשטייגער, די גרויסע קינסטלער אי. לעוויטאַן און מ. אַנטאָקאָלסקי, דער פּובליציסט ל. סלאָנימסקי, דער דיכטער נ. מינסקי, דער קריטיקער און קונסטקענער אַ. וואָלינסקי אַ. אַנד.)

עס איז שווער מאַסקים צו זײַן מיט דער מיינונג פונעם היסטאָריקער יו. געסען, אַז די דעמאָלטיקע קאָנטאַקטן צווישן די רוסישע ייִדן מיט דער רוסישער קולטור — און דורך דער רוסישער מיט דער אייראָפּעיִשער קולטור — האָבן געטראָגן אַ ספּאָראַדישן און אויבערפלעכלעכן כאַראַקטער, ניט אָנרירנדיק, אַלס קלאַל, דאָס דעמאָלטיקע „מאַסן־לעבן" פון די רוסישע ייִדן (זע «Еврейская энциклопедия», ב. XIII, ז. 618). אין דער דאָזיקער מיינונג איז פאַראַן ניט מער ווי אַ טייל עמעס. מע דאַרף דאָך געדענקען, אַז דער דעמאָלטיקער פּראָצעס פון אַרײַנציִען די ייִדישע באַפעלקערונג אין דער רוסישער קולטור האָט ניט געקאָנט דיסקאָנטירט און אָפּגעשאַצט ווערן בלויז מיט דער צאָל.

די אויבן באַשריבענע אָביעקטיווע אָנגעשטרענגטקײַט אין דער עקאָנאָמיק און קולטור פון די רוסישע ייִדן אין דער נאָכרעפאָרמע־עפּאָכע האָט געשאַפן די פאָרהאַנאָכעס אויך פאַר דער רעוואָליוציאָניזירונג, צוערשט פון דער ייִדישער אינטעליגענץ, דערנאָך (אָנהייבנדיק פון די 80־ער יאָרן) אויך פון די אַרבעטס־מאַסן.

דער ערשטער פאַל, ווען ייִדן האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין דער נאָכרעפאָרמע־עפּאָכע, איז געווען זייער אָנטייל אינעם פּוילישן אופשטאַנד פון 1863 — 1864. אויך אַף ווײַטער איז קרוין־פּוילן, צוזאַמען מיט די טעריטאָריעס, וועלכע רינגלען עס אַרום (ווו דער סאָציאַלער דרוק איז פאַרטיפט געוואָרן דורך דעם נאַציאָנאַלן), געווען אָן שום ספק אַ וויכטיקער צענטער פון דער רעוואָליוציאָנערער אַקטיווקײַט אין דער אימפּעריע. גראָד דאָ האָט אין די 70־ער יאָרן צום ערשטן מאָל זיך באַוויזן אַף דער טעריטאָריע פון דער אימפּעריע אַן אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, לעכאַטכילע — באַזונדערע קרײַזלעך און גרופּעס, און אין דער ערשטער העלפט פון די 80־ער יאָרן — די פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט". ווי עס דערציילט אין זײַנע דערינערונגען איינער פון די וועטעראַנען פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פעליקס קאָן (1864 — 1941), וועלכער האָט אין די יונגע יאָרן אָנטיילגענומען אין דער טעטיקײַט פון דער פּאַרטיי „גרויסער פּראָלעטאַריאַט", האָט די דאָזיקע פּאַרטיי אַרומגעכאַפּט ניט בלויז די ייִדישע אינטעליגענטן און האַנטווערקער, נאָר אויך די ייִדישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער גרויס־אינדוסטריע (די ביאַליסטאָקער וועבער). די פּאַרטיי „גרויסער פּראָלעטאַריאַט" איז פאַרשוווּנדן פון דער אַרענע אין 1883 — 1886, אָבער דער אַקטיווער אָנטייל פון די ייִדן אין דער פּוילישער באַפרײַונגס־באַוועגונג איז פאָרגעזעצט געוואָרן ביזן מאָמענט, ווען עס איז אופגעשטעלט געוואָרן די פּוילישע מעלוכעשאַפט.

דער אופטריט פון די ייִדן אַף דער רעוואָליוציאָנערער אַרענע פון רוסלאַנד באַלאַנגט צום אָנהייב פון די 70־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט און איז פאַרבונדן מיטן פאָלקיזם — אַ באַוועגונג, וואָס איז אידעאָלאָגיש געווען אָריענטירט אַף דער רעוואָליוציאָניזירונג פון

דעם רוסישן דאָרף און טיילווײַז פונעם אַרבעטער־קלאַס. לויטן באַשטאַנד איז דאָס געווען א באַוועגונג פון סטודענטן און אינטעליגענטן, דעריבער איז קלאָר, פאַרוואָס יונגע ייִדישע אינטעליגענטן האָבן אַנטיילגענומען אין די פאַרשיידענע פראַקציעס פונעם רעוואָלוציאָנערן פאָלקיזם. זיי זײַנען געווען אַקטיוו צווישן די „בונטאַרן" און „פּראָפּאַגאַנדיסטן", „דאָרף־טוער" און „טעראָריסטן"; זיי האָבן געפּרוּווט אַף עפּעס אַן אויפן פאַרייניקן די פאָלקיסטישע דאָגמאַטיק מיט די אידייען פונעם אייראָפּעיִשן סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם. מע קאָן ריידן וועגן דעם אויטאָפּישן און טיילווײַז אַפילע וועגן דעם מיטאָלאָגישן פאָלקיסטישן באַוווּסטזײַן, וועגן דעם, אַז די אידיי פון דער רוסישער ערד־געמיינדע האָט פּראַקטיש געהאַט אַ קנאַפּע שײַכעס צו די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון די דעמלטיקע רוסישע ייִדן. וועגן דעם וועלן מיר ריידן גענויער אינעם פאָלגנדיקן שמועס. איצט וועלן מיר אונטערפירן אַ קורצע רעזומע.

דער קער פון די יונגע ייִדישע אינטעליגענטן צום פאָלקיזם — זאָל זײַן מיט אַ מיטאָלאָגישן, ווייניק איבערצײַגנדיקן באַוווּסטזײַן — האָט באַוויזן זייער שטרעבונג אַרויסצורײַסן זיך פון דער עטנישער אָפּגעזונדערטקײַט און אַף וועלכן־ניט־איז אויפן באַזייניקן זיך זעלבסט און דעם פאָלקס־מאַצעוו אין אַלרוסלענדישן מאַסשטאַב און אַפילע — אין אַלייראָפּעיִשן.

די פילצאָליקע פאַקטן פונעם אָנטייל פון דער ייִדישער יוגנט אין דער רעוואָלוציאָנער־פאָלקיסטישער באַוועגונג — דאָס איז אַן אויסדרוק פון דער צווישן־נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, פון איין זײַט, און אַ רעאַקציע אַפן וווּקס פון די אַנטיסעמיטישע טענדענצן אין די רעכט־קאָנסערוואַטיווע קרײַזן פונעם דעמלטיקן רוסלאַנד, פון דער צווייטער זײַט. דער אָפּקלאַנג פון אָט די ביידע דערשײַנונגען איז געווען אַזאַ, אַז די ייִדן זײַנען אַלץ אינטענסיווער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער און ליבעראַלער אַקטיווקײַט. אַלס קעגנגעוויכט דערצו איז געקומען דער וווּקס פון נאַציאָנאַל־איזאָליאַציאָניסטישע טענדענצן צווישן די ייִדישע אינטעליגענטן. די סימפּטאָמען פון אַזאַ אידעאָלאָגישער פּאָליאַריזאַציע, וועלכע האָבן זיך בוילעט אַרויסגעוויזן אין די ערשטע יאָרן פונעם XX יאָרהונדערט, האָבן זיך געלאָזט פילן שוין אין סאָף פון די 80־ער און 90־ער יאָרן.

דער קריזיס פונעם פאָלקיזם איז געווען אַ צײַטווײַליקע מאַפּאָלע פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַ מאַפּאָלע, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון די שווערע רעגירונגס־רעפּרעסיעס און פון די אייגענע אידייִשע ווידערשפּרוכן. די פּראָצעסן פון ענדערן די אידייִשע אָריענטאַציע אין דער דאָזיקער באַוועגונג זײַנען פאָרגעקומען צום סאָף פונעם נאָכרעפאָרמע־פּעריאָד סײַ אין סיביר, וווּהין די פאָלקיסטן זײַנען געווען פאַרשיקט, סײַ אין דער עמיגראַציע, סײַ אין די אונטערערדישע מאַרקסיסטישע קרײַזלעך, אַפילע אַף די שפּאַלטן פון דער צענזורירטער פּרעסע.

די אַלע פּראָצעסן האָבן אַקטיוו אָנגערירט אויך די פאָרשטייער פון די רוסישע ייִדן — די וועטעראַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, די אינטעליגענטן, די סטודענטשאַפט, די אַרבעטער. דאָס לאַנד איז געשטאַנען אַף דער שוועל פון דער מאַסנהאַפטער אַרבעטער־באַוועגונג.

אוראַן גוראַלניק

די איינהייט פון פעלקער און קולטורן

איך וויל דאָ דערציילן וועגן א וויסנשאַפט־לעכער קאָנפערענץ אף דער טעמע „נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען און קעגנזײַטיקע ווירקונגען פון די קולטורן פון די פעלקער אין פססר״, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק צונויפגערופן געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט פון דער סאָוועטישער עסטאָניע — טאַלין. קימאַט פיר הונדערט פאַרשטייער פון 26 שטעט זײַנען בײַגעווען אף דער עפענונג פון דער קאָנפערענץ. העכער הונדערט וויסנשאַפטלעכע טוער זײַנען אַרויסגעטראָטן אף די פּלענאַרע און סעקציע־זיצונגען מיט פאַרטראָגן און מיטיילונגען איבער אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער פילנאַציאָנאַלער קולטור־בויונג אין דער עפּאָכע פון אַנטוויקלטן סאָציאַליזם.

ניט צופעליק זײַנען די געלערנטע — היסטאָריקער, סאָציאָלאָגן, פילאָסאָפן, עטנאָגראַפן, קונסטקענער, פילאָלאָגן — זיך צונויפגעקומען גראָד אין טאַלין, אפן ברעג פונעם באַלטישן יאַם. באַגריסנדיק די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, האָט דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער עסטאָנישער קאָמפּאַרטיי אי. קעבין דערציילט וועגן די באַגײַסטערנדיקע דערפאָלגן, וועלכע עס האָט דערגרייכט דאָס אוראַלטע פאָלק פון אָט דער קליינער רעפּובליק פאַר די יאָרן פון דער ראַטנמאַכט, וועגן די פעסטע ברידערלעכע פאַרבינדונגען פון די עסטאָנצעס מיט דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער מישפּאָכע.

דער אַקאַדעמיקער פּיאָטער פעדאָסייעוו, א באַוווּסטער היסטאָריקער און געזעלשאַפטלעכער טוער, האָט גערעדט וועגן א דיאַלעקטישן קעגנזײַטיק־פאַרבונדענעם פּראָצעס, וועלכער קומט פאָר אין פססר, — דעם אויפבלי און דער דערנענטערונג פון די נאַציעס. איינע פון די וויכטיקסטע ספערן, ווו עס אַנטפּלעקן זיך בולעט די צווישן־נאַציאָנאַלע באַציִונגען, איז די קולטור. דער פאָרטרעגער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז „די אַמערסטן טיפע און געזעלשאַפטלעך־וויכטיקע אַנטפּלעקונגען פון דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן טאָך אין דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע פעלקער איז די ברידערלעכע קעגנזײַטיקע הילף אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, די פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער, וועלכע האָט אויסגעהאַלטן דעם פּרוּוו פון דער צײַט, זיך פאַרהאַרטעוועט אין די ערשטע פינף יאָרן, אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אין דער שווערער צײַט פון אויפשטעלן די צערויִנירטע ווירטשאַפט. הײַנט גיט דאָס לעבן א סאַך בולעטע בײַשפּילן פון פרײַנטשאַפט און מיטאַרבעטערשאַפט פון די פעלקער פון אונדזער היימלאַנד אין דער בויונג פון קאָמוניזם.״

די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַליזם (דאָס איז מיט א באַזונדערער קראַפט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די פאַרטראָגן און אין די אַרויסטרעטונגען פון די אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ) אַנטפּלעקן זיך ניט בלויז אין די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צווישן די פעלקער פון אונדזער לאַנד, צווישן אונדזערע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן. פרײַנטשאַפטלעכע און ברידערלעכע פאַרבינדונגען, כאַווערישע מיטאַרבעט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די סאָוועטישע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע וווינען אין די גרענעצן פון איין רעפּובליק, אין איינער און דער זעלבער שטאָט, יישעוו, דאָרף. אין אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, אף די זאַוואָדן, אין די אַנשטאַלטן, וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, קאָלווירטן און סאָווירטן אַרבעטן צוזאַמען האָרעפּאַשניקעס פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, עס פאַראייניקט זיי אַן אַלגעמיינער ציל — אויסבויען דעם קאָמוניזם, פאַר זיי אַלעמען איז

אייגנטימלעך דער אינטערנאציאָנאלער גייַסט פון דער מארקסיסטיש־לענינישער וועלט־אנשויונג, וואָס דרינגט אריַין אלץ טיפער אין געזעלשאפטלעכן באוווּסטזיַין און אין דער פסיכאָלאָגיע פון די מענטשן.

די אויפגאבע פון דערציִען דעם אינטערנאציאָנאליזם באשטייט ניט בלויז אינעם פארפעסטיקן די פּאָליטישע אייניקייַט פון די סאָוועטישע רעפובליקן, אנטוויקלען די עקאָנאָמישע און קולטורעלע מיטארבעט פון די פעלקער, נאָר אויך אין דעם, אז אין יעדער רעפובליק, אומעטום זאָלן די מענטשן פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן אינעם אלטעגלעכן לעבן, אַף דער ארבעט און אין שטייגער, ארויסוויַיזן איינעם צום צווייטן כאווערישע אכטונג און ברודערשאפט. וועגן דעם, אז די דאָזיקע אויפגאבע ווערט דערפאָלגריַיך דערלייזט, זאָגן איידעס פיל פאקטן, וועלכע עס האָבן געבראכט אַף דער קאָנפערענץ סאָציאָלאָגן און עטנאָגראפן, פארשטייער פון אנדערע הומאניסטישע וויסנשאפטן.

אין צענטער פון דער אויפמערקזאמקייַט פון דער קאָנפערענץ זיַינען געווען אזעלכע פּראָבלעמען, ווי דער פּראָצעס פון שאפן די נייַע סאָוועטישע קולטור, וועלכע נעמט אריַין אין זיך דאָס בעסטע פון די נאציאָנאלע קולטורן פון די סאָוועטישע פעלקער און פון דער אלוועלטלעכער קולטור. די סאָציאליסטישע קולטור אנטוויקלט זיך באַ יעדן פאָלק אין א נאציאָנאלער פאָרם. צוזאמען דערמיט, אדאנק דער אינטענסיווער קעגנזיַיטיקער ווירקונג און קעגנזיַיטיקער באריַיכערונג, דרינגען אריַין די אינטערנאציאָנאלע טענדענצן אויך אין די נאציאָנאלע ספערן. די סאָוועטישע קולטור באריַיכערט זיך אומופהערלעך און, אן אָרגאניש צונויפגעגאָסענע מיט דער אידעאָלאָגיע פון אינטערנאציאָנאלער ברודערשאפט פון אלע פעלקער פון פססר, איז זי א מעכטיקער קויעך, וואָס פארפעסטיקט די פריַינטשאפט צווישן זיי ביז דער פולער אייניקייַט. די סאָציאליסטישע קולטור איז געוואָרן א וויכטיקסטער פאקטאָר אין דער גייַסטיקער אנטוויקלונג פון דער הייַנטציַיטיקער וועלט.

אָט די אלגעמיין טעאָרעטישע האנאכעס, וועלכע זיַינען אנטוויקלט געוואָרן אין א ריי וויסנשאפטלעכע פאָרטראָגן אַף דער קאָנפערענץ אין טאלין, ווערן פארווירקלעכט אין דער טאָגטעגלעכער פּראקטיק, אין אלע געביטן פון דער סאָוועטישער קולטור. אזוי, לעמאָשל, האָט די מאָסקווער אָוונט־ציַיטונג „וועטשערניאיא מאָסקווא" פונקט אין יענע טעג, ווען מיר האָבן זיך צונויפגענומען אין דער הויפטשטאָט פון עסטאָניע, אָפגעדרוקט אן ארטיקל פונעם פּראָפעסאָר פון דער מאָסקווער קאָנסערוואטאָריע לעאָ גינזבורג, וועלכער האָט דערציילט וועגן זיַינע טאלאנטפולע שילער — רוסן, אוקראַאינער, ייִדן, אזערבייַדזשאנער, ארמענער, קירגיזן, טשוּוואשן. ריידנדיק וועגן דעם בייַטראָג פון די ייִדישע טוער פון מוזיקאלער קולטור אין דער גאנצער סאָוועטישער קולטור, שטריַיכט אונטער דער אויטאָר די אָרגאנישקייַט פון די פילנאציאָנאלע פארבינדונגען: „דער מוזיקאלער פאָלקלאָר פון די ייִדן, ווי אויך פון די אוקראַאינער, לעטן, קאזאכן, מאָלדאוואנער און אנדערע, גיסט זיך צונויף אין א מעכטיקן אָקעאן פון דער סאָוועטישער פילנאציאָנאלער קונסט".

די אנטשטייונג פון א נייַער היסטאָרישער געמיינשאפט — דעם סאָוועטישן פאָלק — איז א געזעצמעסיקער רעזולטאט פונעם סאָציאליזם, וועלכער האָט פארניכטעט די באדינגונגען פון עקספּלואטאציע אינווייניק אין די נאציעס און צווישן די נאציעס און האָט גיגאנטיש פארגיכערט זייער עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע אנטוויקלונג. די עטנאָסאָציאָלאָגן, וועלכע זיַינען ארויסגעטראָטן אַף דער קאָנפערענץ אין טאלין, האָבן אַפן סמאך פון אָביעקטיווע אויספאָרשונגען איבערציַיגנדיק באוויזן, וויאזוי עס קומט פאָר דער פּראָצעס פון דערנעענטערן דעם ניוואָ פון דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אנטוויקלונג פון אלע רעפובליקן אין לאנד. אין אָט דעם פּראָצעס פון אויסגליַיכונג ווערן גענומען אין אכט די ספּעציפישע אינטערעסן פון די פארבאנדישע און אויטאָנאָמע רעפובליקן, די טראדיציעס פון יעדן פאָלק.

די סאָנים פונעם סאָציאליזם, די קאלערליי סאָוועטאָלאָגן, די אידעאָלאָגן פון נאציאָנאליזם פּרוּוון, ווי באוווּסט, ספּעקולירן אַף דער אינטעגראציע פון דער קולטור, וואָס זי איז א נאטירלעכע, געזעצמעסיקע דערשייַנונג. אַף דער טאלינער קאָנפערענץ איז געגאן א רייד וועגן די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר, לאָמיר זאָגן, אין דער מאטעריעלער קולטור. עס ווערט, לעמאָשל, אלץ ווייניקער מענטשן, וואָס טראָגן בלויז נאציאָנאלע קליידער, עסן בלויז נאציאָנאלע מייַכאָלים און וווינען אין טראדיציאָנעלנאציאָנאלע וווינונגען. עס איז שוין קימאט ניטאָ אזעלכע, וואָס ארבעטן בלויז מיט נאציאָנאלע ארבעטס־מיטלען, באוועגונגס־מיטלען און אנד. דאָס אלץ איז באדינגט פון די אלגעמיינע געזעצמעסיקייַטן אין דער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייַט אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט, א רעזולטאט פונעם נאטירלעכן היסטאָרישן פּראָצעס ניט בלויז אין פססר, נאָר אין דער מערהייַט אנדערע לענדער פון דער וועלט אין דער עפּאָכע פון דער וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע.

דער פּראָצעס פון אינטערנאציאָנאליזאציע פון דער קולטור אין ראטנפארבאנד וועט וויַיטער זיך פארשטארקן. „אָבער, — האָט אונטערגעשטראָכן אין זיַין פאָרטראָג דער אקאדעמיקער פ. פעדאָסייעוו, — אין גרונט פון דער אינטערנאציאָנאליזאציע פון דער קולטור איז ניט פאָרויסגעזען די ניוועלירונג פון נאציאָנאלע קולטורן. די קולטור־ריַיכקייַט פון דער מענטשהייַט ווערט אלץ מער פארשיידנארטיק. אָט די פארשיידנארטיקייַט אנטפּלעקט זיך סיַי אַפן פערזענלעכן ניוואָ, סיַי אַפן רעגיאָנעל־נאציאָנאלן".

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די נאַציאָנאַלע
פּראָצעסן ווערן ניט באַגרענעצט מיט דער ספּע־
רע פון נאַציאָנאַלער קולטור, זיי כאַפּן אַרום
דאָס גאַנצע לעבן, אַלע מאַטעריעלע באַדינגונ־
גען בײַ דער אויפֿירונג פונעם מענטשן אין דער
געזעלשאַפט. פונדאַנען דרינגט אַרויס די נויט־
װענדיקײַט פון אַ קאָמפּלעקסאַרטיקן דערלער־
נען די קאָלעקטיווע מי און די שאַפונג פון אַלע
סאָוועטישע מענטשן — אָט דעם גרויסן קויעך
אין דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער
פֿאָלקסווירטשאַפט, אין דער גײַסטיקער באַרײַ־
כערונג פון דער געזעלשאַפט.

אויף דער וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ אין
טאַלין איז מיט אַן אינהאַלטסרײַכן פּאָרטראָג
וועגן דער אַנטוויקלונג פון די סאָציאַליסטישע
נאַציאָנאַלע באַציִונגען און דער קעגנזײַטיקער
קולטור־באַרײַכערונג פון די פעלקער אין פּססר
אַרויסגעטראָטן דער פּאָרזיצער פונעם אַקאַדע־
מישן וויסנשאַפט־ראַט איבער פראַגן פון דער
געשיכטע פון סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטי־
שער בוויִונג אין פּססר, דער מיטגליד־קאָרעס־
פּאָנדענט פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־
אַקאַדעמיע מ. קים. ער האָט אונטערגעשטראָכן,
אַז דער סאָציאַליזם — און בלויז דער סאָציאַ־
ליזם — שאַפט רעאַלע באַדינגונגען פאַרן אײַ־
בערגאַנג פון אַ פּילאַרטיקער לויטן באַשטאַנד
געזעלשאַפט צו אַ געזעלשאַפט פון פולער סאָ־
ציאַלער איינהײַטלעכקײַט. דער וועג צו אַ קאָ־
מוניסטישער אַסאָציאַציע פון די אַרבעטנדיקע —
דאָס איז אַ קאָמפּליצירטער און פילזײַטיקער
פּראָצעס. דאָ שפּילט אַ באַדײַטנדיקע ראָליע די
סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אינטעגראַציע. די
פירנדיקע קראַפט פון דער געזעלשאַפטלעכער
אַנטוויקלונג איז דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער
איז אויך דער וויכטיקסטער אינטערנאַציאָנאַ־
ליסטישער קויעך פונעם וועלט־פּראָגרעס. אָבער
נאַציעס און נאַציאָנאַלע באַציִונגען וועלן עק־
זיסטירן אויך נאָך דעם, ווען קלאַסן וועלן אַראָפּ
פון דער סצענע.

איינער פון די וויכטיקסטע אַספּעקטן אין
פּראָצעס פון דערנענטערן נאַציעס איז די
קעגנזײַטיקע באַרײַכערונג פון קולטורן פון
פאַרשיידענע פעלקער. די אינטערנאַציאָנאַליזאַ־
ציע פון גײַסטיקער קולטור הייבט זיך אָן נאָך
באַם קאַפּיטאַליזם. זי שיידט זיך אינגאַנצן
אונטער פון דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַ־
ציאָנאַליזאַציע. די קעגנזײַטיקע קולטורעלע
ווירקונג צווישן די פעלקער פון פּססר דאַרף
מען באַטראַכטן אין קאָנטעקסט פון אַלע דער־
שײַנונגען פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויק־
לונג, ווײַל די נאַציאָנאַלע באַציִונגען שפּיגלען
אָפּ די אַלגעמיינע געזעצן פון אַנטוויקלונג פון
דער גאַנצער סאָוועטישער געזעלשאַפט, פון
דער נײַער היסטאָרישער מענטשן־געמיינשאַפט.

די עטנישע אַספּעקטן פון די הײַנטצײַטיקע
נאַציאָנאַלע פּראָצעסן אין פּססר האָט געווידמעט
זײַן אַרגומענטירטן פּאָרטראָג דער פּאָרזיצער
פונעם וויסנשאַפט־ראַט איבער נאַציאָנאַלע
פּראָבלעמען, דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון
דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר יו.
בראָמליי. ער האָט באַרירט די באַזונדערקײַטן
פון דער שפּראַך און קולטור, דערונטער אויך
פון דער שטייגערישער אַלטעגלעכער קולטור,
ווי אויך פּראָבלעמען פון פֿאָלקסשאַפונג. יו.
בראָמליי האַלט, אַז די פירנדיקע ריכטונג אין
דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער קולטור
איז די צווישן־עטנישע אינטעגראַציע. אין גרונט
פון דער פעלקער־דערנענטערונג און קולטור־
דערנענטערונג ווירקן אַלגעמיינע סאָציאַל־
עקאָנאָמישע פּראָצעסן, אַזעלכע ווי אידעאָלאָגי־
שע איינהײַט, אַנטוויקלונג פון אַלע פעלקער
אין די ראַמען פון איין מעלוכע.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט טיילן אָפּ די
געלערנטע דער גײַסטיקער קולטור פון די פעל־
קער. נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט פון קינסטלע־
רישער קולטור איז ניט בלויז, ווי אייניקע מיי־
נען, ירושה פון אַמאָל און פֿאָלקס־קונסט, —
דאָס איז אויך אַ רעזולטאַט פון נײַער פּראָפע־
סיאָנעלער שאַפונג. ריידנדיק וועגן עטנישן
זעלבסטבאַוווסטזײַן, דאַרף מען ניט פאַרגעסן
אין דער אויפגאַבע פון אַקשאָנעסדיקן קאַמף
קעגן אידעאַליזאַציע פונעם היסטאָרישן אָוואַר
בײַ באַזונדערע פעלקער, קעגן איינזײַטיקן צו־
גאַנג צו זייערע טראַדיציעס.

אין פּססר איז געשאַפן געוואָרן אַן אַלגעמיין
סאָוועטישע קולטור; אַ באַדײַטנדיקער טייל
אירער איז געשאַפן אויף רוסיש, האַגאַם אינגאַנצן
גענומען פונקציאָנירט זי אויף די שפּראַכן פון
אַלע נאַציאָנאַליטעטן פונעם לאַנד, ווײַל זי האָט
אײַנגעזאַפּט אין זיך די דערגרייכונגען פון אַלע
פעלקער. די שפּראַך־פּראָבלעמען און די פראַגן
פון קעגנזײַטיקער ווירקונג פון קולטורן אין
ראַטנפאַרבאַנד האָבן צוגעצויגן צו זיך אַן
ערנסטע אויפמערקזאַמקײַט פון די געלערנטע,
וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער קאָנפּע־
רענץ. ס'איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן די באַ־
דײַטונג פון דער רוסישער שפּראַך, אַלס שפּראַך
פון צווישן־נאַציאָנאַלע באַציִונגען. אין מײַן מי־
טיילונג איז געגאַנגען אַ רייד וועגן דער ראָליע
פון דער רוסישער ליטעראַטור — דער קלאַסי־
שער און סאָוועטישער — אין דער צווישן־
נאַציאָנאַלער גײַסטיקער פאַרבינדונג. איך
האָב גערעדט וועגן דעם בײַטראָג פון די
רוסישע שרײַבער אינעם פאַרשטאַרקן דעם
קעגנזײַטיקן אומבײַט פון גײַסטיקע ווערטן,
דעם צוטרוי אין דעם קעגנזײַטיקן פאַר־
שטאַנד צווישן די פעלקער. איך האָב, לע־
מאָשל, אָנגערופן אַזעלכע ווערק, ווי פּושקינס
„דאָרעם־פּאָעמעס", לערמאָנטאָווס ווערק וועגן
קאַווקאַז, גאָגאָלס „טאַראַס בולבאַ" און אַנדערע
דערציילונגען וועגן אוקראַיִנע, לעוו טאָלסטאָיס
„כאַדזשי מוראַט", קאָראָלענקאָס „מאַקאַרס כאָ־
לעם" און זײַנע פאַרצייכענונגען וועגן „מול־
טאַנער איניען" און וועגן פּאָגראָם אין קעשע־
נעוו. פון די סאָוועטישע ווערק האָב איך אָנגע־
רופן פאַדייעווס „דער לעצטער פון אודעהע"
און „צעקלאַפּט", פּאַוסטאָווסקיס „קאָלכידאַ",
סיאָמושקינס „טשוקאָטקאַ" און „אַליטעט גייט

אוועק אין די בערג״, פּאָוולענקאָס דערציילונ־
גען, זלאָבינס, באַראַדינס היסטאָרישע ראָמאַ־
נען, טיכאָנאָווס און לוגאָווסקאָיס לידער און
פּאָעמעס. איך האָב דערמאָנט, אַז נאָך ביז דער
רעוואָליוציע האָט גאָרקיס פאַרלאַג „זנאַניִע״ אַ
סאַך אויפגעטאָן צו באַקענען דעם רוסישן און
ניט־רוסישן לייענער מיט די ליטעראַטורן פון
די אַרמענער, ליטווינער, ייִדן, אוקראַיִנער.

אין אָט דער נאָטיץ האָב איך ניט קיין מע־
גלעכקייט צו דערציילן גענויער וועגן די פּראָ־
בלעמען, וועלכע זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אָף
דער קאָנפערענץ. בלעטערנדיק מײַנע בלאָק־
נאָטן, געפין איך דאָרט אייניקע וויכטיקע גע־
דאַנקען, וועלכע זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן
מיצאַד די אָנטיילנעמער. אָט, לעמאָשל, האָט
דער דאָצענט לאַזוטקאָ פון ווילנע געשטעלט
די פראַגע וועגן דער דיִאַלעקטיק פון אָביעק־
טיוון און סוביעקטיוון אין דער אַנטוויקלונג פון
די צווישן־נאַציִאָנאַלע באַציִונגען. דער דאָקטאָר
פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן אַרוטיוניאַן און
דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנ־
שאַפט־אַקאַדעמיע פון דער עסטאָנישער רע־
פּובליק קאַכק האָבן אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל
פון אַן עטנאָסאָציִאָלאָגישער אויספאָרשונג אין
גרוזיע, אוזבעקיסטאַן, מאָלדאַוויע, עסטאָניע און
אין אַ ריי געגנטן פון דער רוסלענדישער פע־
דעראַציע, און זיי האָבן באַוויזן, ווי אַזוי עס
קומט פאָר דער פּראָצעס פון אויסגלײַכונג, ווי־
אַזוי עס ווערן אָפּגעווישט די אונטערשיידן
צווישן שטאָט און דאָרף, וויאַזוי די אַמאָל אָפּ־
געשטאַנענע פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט
אונטערן דרוק פון דער צאַרישער אימפּעריע,
דערגרייכן אַ הויכן ניוואָ אין בילדונג.

פּראָפעסאָר ג. מערקווילאַדזע פון טבילּיסי
האָט שאַרף אוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן
מינהאָגים און יאָמטויוויםם, וואָס אייניקע פון
זיי זײַנען שוין פאַרעלטערט. ער רעדט וועגן
געבורט פון נײַע מינהאָגים און וועגן ענדערונ־
גען פון די אַלטע, וועלכע האָבן נאָך אַ פּערס־
פּעקטיוו פון עקזיסטענץ. פּראָפעסאָר ג. מאַר־
קאָוו פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט האָט
אָנגעמערקט די וועגן צו פּראָגנאָזירן די אַנט־
וויקלונג פון קולטורן. דער מאָלדאַווישער עט־
נאָגראַף פ. זעלענטשוק האָט ריכטיק אונטער־
געשטראָכן, אַז איצט איז שווער זיך פאַרצו־
שטעלן אַ נאַציִאָנאַלן כאַראַקטער אין זײַן „ריי־
נעם אויסזען״. גופא דער באַגריף פון נאַציִאָ־
נאַלן בײַט זיך איצט. טרײַהײַט דער נאַציִאָנאַ־
לער טראַדיציע איז ניט קיין מעכאַנישע איבער־
כאַזערונג פונעם אַלטן. אונטער דער ווירקונג
פונעם סאָוועטישן לעבן באַנײַט זיך ניט בלויז
דער אינהאַלט פון אַלטע טראַדיציעס און מינ־
האָגים, נאָר אויך די פאָרם.

אַ סאַך פאָרשער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָף
דער פּראָבלעם — רוסיש אין דער אַלגעמיין סאָ־
וועטישער קולטור פון אַלע פעלקער; די צונויפ־
גיסונג פון רוסישער און ניט־רוסישער נאַציִאָ־
נאַלער קולטורן. דאָס באַהערשן די גרויסע רו־
סישע ליטעראַטור, די שפּראַך פון פּושקינען און
לענינען, האָבן אייננמוטיק באַטאָנט די אָראַטאָרס,
העלפט מיט באַהערשן די אַלוועלטלעכע קול־
טור אין איר גאַנצער פילאַרטיקײַט...

די קאָנפערענץ אין טאַלין האָט אָנגעוויזן נײַע
וועגן און אויפגעדעקט נײַע אַספּעקטן אין דער
פּראָבלעמאַטיק, וועלכע האָט ניט בלויז אַ גרוי־
סע טעאָרעטישע, נאָר אויך אַ פּראַקטישע באַ־
דײַטונג. די דאָזיקע פּראָבלעמאַטיק טראָגט אַן
אַלזײַטיקן כאַראַקטער, ווײַל די פּראָצעסן גופא
פון אינטערנאַציִאָנאַליזאַציע פון דער קולטור
האָבן אַן אַלוועלטלעך־היסטאָרישע באַדײַטונג.

די פראַגן פון די צווישן־נאַציִאָנאַלע באַציִונ־
גען זײַנען ניט בלויז פראַגן פון דער וויסנשאַפט.
דאָ באַגעגנט זיך באַזונדערס ענג די טעאָריע
מיט דער אַלטעגלעכער לעבנס־פּראַקטיק. צי
דאָס איז, לאָמיר זאָגן, די פּראָבלעם פון צוויי־
שפּראַכיקײַט, אָדער פון דעם נאַציִאָנאַלן אין
דער פּסיכאָלאָגיע, אָדער די פראַגע פון געמיש־
טע כאַסענעס, פון דיפערענציִאַציע און אינטע־
גראַציע פון קולטורן אין דער הײַנטצײַטיקער
וועלט אין די באַדינגונגען פון דער וויסנשאַפט־
לעך־טעכנישער רעוואָליוציע, — שטענדיק זײַ־
נען דאָ ענג פאַרבונדן צווישן זיך די טעאָריע
און די פּראַקטיק.

אַלע אַרויסטרעטונגען אָף דער טאַלינער קאָנ־
פערענץ האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער אַכ־
טונג צו די קולטור־ווערטן פון די פעלקער, פון
גרויסע און פון קליינע, און מיט דעם אַבסאָ־
ליוטן גלויבן אין דער היסטאָרישער געזעצמע־
סיקײַט פונעם פּראָצעס פון סאָציִאַליסטישער
אינטערנאַציִאָנאַליזאַציע פון דער קולטור.

פאַרליבט אינעם לעבן

און אויב איך האַלט אין האַנט די גאָב פון יאָר,
פון שעפע ריזיקער, וואָס כ'וועל באַזינגען,
איז ווי ס'זאָלן ניט ווײַס זײַן מײַנע האָר,
און ווי איך זאָל ניט עלטער זײַן, איז קלאָר,
אַז איך בין אַף אַ גאַנצן טאָג איצט ייִנגער.

(כ. ווײַנערמאַן)



אין דער סאָוועטישער דיכטונג איז כאָנע ווײַנערמאַן אַרײַנגעטראָטן אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען עס זײַנען שוין ברייט באַקאַנט געווען די נעמען פון אירע ערשטע שפּער. דאָך איז די שטים פונעם יונגן דיכטער ניט פאַרלוירן געגאַנגען אינעם אַלגעמיינעם מעכטיקן כאָר. כאָנע ווײַנערמאַן האָט שוין דאַן, באַם אָנהייב פון זײַן שאַפן, פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אַלס באַזינגער פונעם ייִדישן דאָרף, פון דאָר־פישער מי; דאָס איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור געווען דעמלט אַ גאַנץ נײַע טעמע. פונעם ערשטן דיכטערישן אופטריט ווײַנערמאַנס אין דער ליטעראַטור זײַנען שוין פאַריבער פיל יאָרן, אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג איז זײַן נאָמען ברייט באַוווּסט. ס'איז דעריבער באַזונדערס אינטערעסאַנט צו בלעטערן איצט זײַן אָקאָרשט דערשינענעם בוך „אַ גוטער רעגן".

אינעם גאַנצן בוך פילט זיך, אַז ווײַנערמאַנס טאַלאַנט איז פאַר די פיל פאַרגאַנגענע יאָרן ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אויך איצט איז זײַן דיכטעריש אויג ברייט צעעפנט, און ס'איז גרייט אופצונעמען אַלדאָס נײַס אין אונדזערווירקלעכקײַט, באַקעמפן דאָס, וואָס שטערט אונדזער גאַנג פאָרויס. אויך איצט איז ער פול מיט ליבע צו מענטש און נאַטור, פריש איז זײַן געפיל באַם אופנעמען דאָס אַרומיקע לעבן:

היי, יעגער, לאָז אַראָפּ די ביקסן־רער,
דו לאָז דעם זינגפויגל זײַן ליבע וועבן,
ניט ברענג דעם טויט אַהער, אַף אָט דער ערד,
וווּ פײַערלעך און הייליק איז דאָס לעבן.

ווײַנערמאַן איז פאַרליבט אינעם לעבן, און כאָטש ער ווייסט, אַז ניט דאָס גאַנצע שלעכטס, וואָס עקזיסטירט אַף דער וועלט, איז שוין אויסגעוואָרצלט, גלייבט ער, אַז דער מענטש איז פול מיט לעבנסלוסט און איז באַרופן צו פירן „מיט אַלדאָס בייז אַ שלאַכט". דאָס באַטײַט, אַז ניט בלינדערהייט נעמט דער דיכטער אוף דעם אַרום, ער פאַרמאַכט ניט די אויגן אַף צו זען, אַז ניט שטענדיק איז דאָס לעבן פול מיט בלײַענדיקע רויזן. דער גלויבן, אַז ענדגילטיק וועט זיגן דאָס גוטע, גיט אים צו מוט און האָפערדיקײַט. אַזאַ האָפערדיקער קוק אַפן לעבן בילדעט דעם גרונט פון ווײַנערמאַנס לידער אינעם בוך „אַ גוטער רעגן". דער דיכטער פאַרלירט ניט די גוטע שטימונג, און דערפאַר איז ער אַזוי פילבאַר צום אַרום. אים פאַרשאַפט טיפע פרייד די שיינקײַט פון דער נאַטור, דער וואַלד אין זײַן בליִונג, דער שטענדיק ריינער הימל. די פּרעכטיקע שיינקײַט פון דער נאַטור, וואָס פילט אָן דעם דיכטערס נעשאָמע אַף דורך־און־דורך, רופט באַ אים

כאָנע ווײַנערמאַן. „אַ גוטער רעגן". פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל". מאָסקווע, 1976.

ארויס דעם ווילן צו לויבן דאָס לעבן. און ווען דער דיכטער רעדט אַפילו פון דער טונדרע, „וואָס באַגלייט דעם מענטש מיט לייד און פּײַן", איז ער פול מיט גלויבן, אַז אויך „דעם פּאָליוס צווינגט דער מענטש דעם הימלאַנד דינען".

אין ווײַנערמאַנס נאַטור־באַשרײַבונגען טרעפן מיר, צווישן אַנדערע, אַסאָציאַציעס, אַנגעהויכטע פון דעם אַמאָל, פון דער רעליגיעזער באַציִונג צו דער שײנ־קײַט פונעם אַרום. שטאַרק געשראָקן האָט זיך דער זיידע פאַרן אויסדרוק „מה נאה אילן זה" — ווי שיין איז דער בוים. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַזאַ באַ־ציִונג צום אַרום פירט אים אַראָפּ פונעם גלײַכן וועג און דראָעט אים מיט האַרבער שטראָף. פאַרן אויס־דרוק: „ווי שיין איז דאָס פעלד", האָט זיך אויך דער טאַטע געשראָקן. דער זון אָבער האָט שוין גאָר ניט מוירע צו זאָגן „ווי שיין איז דאָס לעבן". ער זעט אין אַלץ ליכטיקן ווונדער און רופט אויס:

> איך בענטש דעם טאָג, די נאַכט, דעם שניי, דעם
> רעגן,
> וואָס טרעפט צוזאַמען אונדז אַף אַלע וועגן
> און טרינקט אונדז אָן מיט ווײַנען...

וואָס איז שײַעך זײַן אייגענעם אופטו, איז דער דיכטער גאַנץ ניכטער אין אָפּשאַצן אים:

> איך האָב נאָך אַלץ ניט אָפּגעטאָן אײַנגאַנצן,
> איך האַלט מײַן ווײַנגאָרטן אינמיטן פלאַנצן.

דער געפיל, אַז ניט אַלץ האָט ער אין דער דיכ־טונג, ווי אין לעבן, אויפגעטאָן, אַז עס איז נאָך דאָ וואָס צו טאָן און וועגן וואָס צו זינגען, באַהערשט כּמעט ווײַנערמאַנען זייער אָפּט. ער האַלט זיך פאַר אַ באַלכויוו, און מיט אַלע זײַנע קויכעס שטרעבט ער דעם כויוו צו דעקן —

> און וויסן, אַז צו אַלץ, וואָס מיר איז טײַער,
> כ'דאַרף געבן אויך אַ קליינע גאָב צושטײַער,
> עס זאָל מײַן דאַר כּאָטש עפּעס־וואָס געניסן.

אַ באַזונדער אָרט אין בוך פאַרנעמען די לידער, געווידמעט לענינען. דער דיכטער שטרײַכט אין זיי אונטער דעם גרויסן אופטו לענינס פאַר דער רע־וואָלוציע. לענינס פּאָרטרעט טרעט בולט ארויס אַדאַנק דער קאָנטראַסטירנדיקער באַציִונג צו אים פון פרײַנט און פײַנט. קעדיי דאָס בילד זאָל זײַן פּאַרגאַנצט, ווערט לענינס פּאָרטרעט געשילדערט, אָנהייבנדיק פון דער צײַט, ווען וולאַדימיר איליטש האָט זיך נאָך געפונען אין אונטערערד —

> און פּאַרזיכטיק, געהיים, אין יענער נאַכט
> זיך גרייטן צו אַנטשיידנדיקער שלאַכט,
> איליטש גייט אָפּ אין אונטערערד אין לעצטן.

אויסדריקלעך ווערט איבערגעגעבן די באַציִונג פּונעם פּאָלקס־מענטש צו איליטשן, זײַן זאָרג, אַז לענין זאָל ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פונעם סוינע, און זײַן פרייד, ווען אַזאַ געפאַר ווערט אויס־געמיטן.

די מילכאָמע־טעמע האָט באַרײַכערט אונדזער דיכ־טונג. גאָר אַ גרויסע צאָל ווערק זײַנען אַף דער טע־מע אָנגעשריבן געוואָרן אין אַלע פעלקס־שפּראַכן פון אונדזער לאַנד. ניט גרינג איז אַף דער טעמע אויסצוגעפינען אַן אייגן ווינקעלע, שאַפן אַזעלכע לידער, וואָס זאָלן קלינגען פריש און אָריגינעל. ווײַ־נערמאַנס מילכאָמע־לידער קלינגען פריש און אָרי־גינעל. די איבערלעבונגען בייס אַ קריג לאָזן ביכלאַל איבער אַ שטאַרקן אײַנדרוק, איבערהויפּט ווען עס לײַדן קינדער. אין זײַן ליד „אַ מאַמע" האָט ווײַ־נערמאַן באַוויזן דעם טיפן ווי פון אַ קינד, וואָס פאַרלירט די מאַמע. אַ פרעמדע פרוי נעמט דאָס קינד צו זיך און שאַפט פאַר דעם אַלע היימישע באַדינגונגען, אַזוי ווײַט, אַז דאָס קינד רופט זי „מאַמע". אָבער פאַרגעסן די אייגענע מוטער קאָן דאָס קינד ניט. און אַפילו באַם טאַנצן און זינגען רײַסט זיך אַרויס די ביטערע פראַגע:

> אוי, מאַמע, זאָג, ווו איז פּאָרט מײַן מאַמע?

ווײַנערמאַן האָט אויך ניט אויסגעמיטן די געטאָ־טעמע. ער האָט דערבײַ געשילדערט ניט נאָר די לײַדן פונעם פּאָלק, נאָר דעם ווילן זיך קעגנשטעלן דעם סוינע, ניט גיין, ווי שאָף צו דער שכיטע:

> אָ, ברידער מײַנע, דרייסטע זין און טעכטער,
> איר האָט דעם אומגליק ניט געטראָגן קנעכטיש
> און ניט געקעלט אין אים די טריפּנדיקע ווונדן.

אַדער אין אַן אַנדער געטאָ־ליד:

> עס איז גענוג איין וואָרט, איין אויפרוף הייסן,
> איין אויגן־ווונק אַף ברעכן קייטן, שלעסער,
> עס זאָל אַ נעם טאָן זיך פאַר האַק און מעסער
> אַפילו ער, דער כּאַרכלענדיקער גויסעס.

און נאָך איין מאָמענט דאַרף אָפּגעמערקט ווערן אינעם ציקל געטאָ־לידער. אין די גרויזאַמע היסטאָ־רישע אויספרווון טרעט באַזונדערס בולט ארויס דער מאָטיוו פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. אין דער ליד „אָ, פרוי אוקראַיִנישע" ווערט די דאָזיקע טעמע פּאַר־קערפּערט אינעם געשטאַלט פון דער פרוי אָקסאַנע, וועלכע דער סוינע גרייט אַף צו נעקאָמע נעמען פון די יידן, צוליב דעם איז זי געשיקט געוואָרן אין געטאָ. אָבער:

> ווי נאָר דו ביסט די געטאָ־שוועל אַריבער,
> האָסטו קעגן פײַנט אין הייסן פיבער
> געוואָרפן זיך, מיט אַלע העלדן אייניק.
> אָ, פרוי אוקראַיִנישע, מײַן שטאָלץ און אַכטונג!
> די פרײַנטשאַפט־פאָן געהייליקט און געריניקט.

דער לעצטער טייל פונעם בוך הייסט „לידער פון סטעפּ". ס'איז אַ מין אומקער פונעם דיכטער צו זײַן יוגנט־טעמע, ווען ער האָט באַזונגען די מענטשן פון מי. ווי אַמאָל, פילט זיך אויך איצט אין אָט דעם ציקל כּמעט ווײַנערמאַנס צוגעבונדנקײַט און ליבע

צו דעם סטעפּ. עס איז קענטיק, אַז ניט קיין זײַטיקער באָבאַכטער אָדער סטאַם ליבהאָבער פון דער נאַטור איז דער דיכטער. ווי א בלוט־אייגענער, פילט ער זיך פאַרבונדן מיטן פעלד, ער איז פול מיט זאָרג, ווען אים דוכט זיך, אַז דער רעגן וועט, מעגלעך, פאַרגיסן דאָס ערשט אָפּגעשניטענע ווייץ. עס דאָמינירט אינעם ציקל דער געדאַנק, אַז פעלד־אַרבעט פאָדערט פיל קויכעס און מי, און גראָד דאָס איז צום האַרצן דעם דיכטער:

אָ, ווער האָט געזאָגט דיר, אַז גרינג וועט דאָ זײַן,
אַז גלײַך וועט די ערד דיך דערפרייען,
אַז טרינקען ווי וואַסער וועסט מילך און ווײַן...

אַזאַ איז כּאָנע ווײַנערמאַן אויך אין דער דיכטונג. ער גייט ניט מיט קיין גרינגע וועגן. די פּרוכט פון זײַן טאַלאַנט איז דערײַבער זאַפטיק און פריש.

יאַנקעוו פליך

שרײַבער אַפֿן פראָנט

אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע זײַנען הונדערטער זשורנאַליסטן און שרײַבער אוועק מיטאַרבעטן אין די פראָנט־צײַטונגען. אַזעלכע באַוווּסטע שריפטשטעלער, ווי אַלעקסיי טאָלסטאָי, ניקאָלײַ טיכאָנאָוו, איליאַ ערענבורג, אַלעקסיי סורקאָוו, קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, האָבן געאַרבעט אין דער צענטראַלער מיליטערישער צײַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ", און זיי האָבן טאָג־אײַן טאָג־אויס באַזונגען די העלדישע אויפטוען פונעם פאָלק, געוועקט בײַ די סאָוועטישע סאָלדאַטן ליבע צום היימלאַנד, מוט און גוווּרע.

לעצטנס איז אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" דערשינען א בוך „די צײַט הערשט ניט איבער אונדז", וועלכן עס האָט אָנגעשריבן דאַוויד אָרטענבערג, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" אין די מילכאָמע־יאָרן. דער מעכאַבער, א גענעראַל אין דעמיסיע, דערציילט וועגן דער אַפּעראַטיוו־שעפערישער קאַמפערישער אַרבעט פון די זשורנאַליסטן און שרײַבער — „סאָלדאַטן פון דער פּען".

פון זײַנע זיכרוינעס איז צו זען, אַז די ליטעראַטן, וועגן וועלכע עס גייט א רייד, האָבן ניט בלויז ערלעך אויסגעפילט זייערע פליכטן, נאָר זיי זײַנען געווען אויך געוואַגטע מיליטערלײַט, ווען עס איז פיל מאָל אויסגעקומען צו נעמען אָנשטאָט דער פּען אַן אויטאָמאַט.

דאַוויד אָרטענבערג איז אַליין אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פון די געשעענישן. אָפט פלעגט ער אײנײנעם מיט זײַנע קאָרעספּאָנדענטן אַרויספאָרן אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. דאָס לייענען זײַנע זיכרוינעס פאַרשאַפט האַנאָע. באַזונדערס אויסדריקלעך זײַנען די זײַטלעך, וועלכע זײַנען געווידמעט אי. ערענבורגן. אָרטענבערג שרײַבט: „אַלע די, וואָס האָבן מילכאָמע געהאַלטן, געדענקען, וויאַזוי די סאָלדאַטן פלעגן מיט ליבע און אַנציקונג לייענען אין די אָקאָפּעס אַף די פאָדערשטע פראָנט־ליניעס ערענבורגס אַרטיקלען". ער ציטירט אַן אַרויסזאָגונג פונעם סאָוועטישן דיכטער אַלעקסיי סורקאָוו: „ערענבורג איז געווען צווישן אונדז דער סאַמע עלטסטער לויט די יאָרן, לויט דער ליטעראַטור־ און לעבנס־דערפאַרונג, ער האָט שוין דאַן אַריבערגעשטיגן די 50 יאָר, נאָר קיינער פון אונדז, וועלכע האָבן געאַרבעט געטרײַ און איבערגעגעבן, האָט זיך ניט געקאָנט גלײַכן מיט אים, מיט זײַן אומויסשעפּלעכער ענערגיע פון אַן אַלטן צײַטונגס־וואָלף". מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, דער אַלפאַרבאַנדישער סטאַראָסטע, האָט אין זײַנער אַן אַרויסטרעטונג אין די מילכאָמע־יאָרן אונטערגעשטראָכן דעם שרײַבערס געוואַגטקײַט: „איליאַ ערענבורג פירט טאָגטעגלעך א גלענצנדיקן געראַנגל מיט די פאַשיסטן, האַגאַם, ער אַליין רעכנט זיך אַרײַן אין די רייען פון ניט געשולטע סאָלדאַטן".

און, לעסאָף, נאָך איין אויסצוג פונעם בוך. אינעם נאָכוואָרט שרײַבט דער מעכאַבער: „כאָץ יענע, ווען איך האָב אין מײַנע זיכרוינעס געווידמעט באַזונדערע קאַפּיטלען פון אָט דעם בוך, בין איך מעכוייעוו כאָטש דערמאָנען די, וועלכע האָבן, זײַענדיק אין דער אָפּערירנדיקער אַרמיי אָדער אינעם הינטערלאַנד, אַף אַנדערע פּאָסטנס, זיך געדרוקט אין „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ". צווישן אָט די שרײַבער און דיכטער זײַנען געווען פּרעץ מאַרקיש, איציק פעפער און אַנדערע.

דאַוויד אָרטענבערגס בוך איז אילוסטרירט מיט זעלטענע פאָטאָגראַפיעס. ווער עס עפנט אויף די ערשטע זײַטלעך פון די זיכרוינעס, קאָן זיך שוין מיט זיי ניט צעשיידן, ביז ער דערגייט ניט צום סאָף.

Д. Ортенберг. Время не властно. «Советский писатель». М., 1975.

איַיזיק שפּילבערג

א בוך וועגן יונגע רעוואָליוציאָנערן

אין סאָפיִע איז ארויס דער בוך פונעם פאָרזיצער פון קולטור־ראַט פון די בולגארישע ייִדן יויסעף אסטרוקאָוו „די שטערן אין וועג". דאָס איז אן ערנסט מעמוארן־ווערק, געווידמעט דעם העראָישן קאמף קעגן דעם פאשיזם, וועלכן ס'האָט געפירט די יוגנט פון סאָפיִע אין די דרײַסיקער און אָנהייב פערציקער יאָרן.

דער אווטאָר, יויסעף אסטרוקאָוו, איז געשטאנען דעמלט באם רודער פון דער יוגנט־באוועגונג אלס סעקרעטאר פון א ראיקאָם פון בולגארישן קאָמיוג און שפעטער פון דעם סאָפיִער געגנטקאָם. דאָס ווערק שליסט אײַן אין זיך עלעמענטן פון הייסער פאָלעמיק, פאָליטיש־אידייִשע דיִאלאָגן. איינגאנצן גענומען באשטעטיקט עס דעם ווירקלעכן עמעס, אז דער זיג פון דער רעוואָליוציע פונעם 9 סענטיאבער 1944 איז געקומען, ווי א געזעצמעסיקע געשעעניש, וועלכע באזירט זיך אף די אינערלעכע טרײַב־קרעפטן פון דער רעוואָליוציע אין לאנד גופא און אויך אף דער שטיצע פון דער באפרײַערישער סאָוועטישער ארמיי.

עס אנטפלעקט זיך פאר אונדז א רײַך בילד פון דער צוגרייטונג פון די יעסוידעס צום אראָפּווארפן דעם מאָנארכיסטיש־פאשיסטישן רעזשים אין בולגאַריע. אין אָט דעם קאמף האָט די פראָלעטארישע און פאָרגעשריטענע סטודענטישע יוגנט, אָנגעפירט פון דער בולגארישער קאָמוניסטישער פארטיי, געשפילט א וויכטיקע ראָליע.

אסטרוקאָוו דערמאָנט, ווי שטארק עס איז געווען די ווירקונג פון דעם פאָרטראָג, וועלכן געאָרגי דימיטראָוו האָט געהאלטן אפן 7־טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן אין 1935 יאָר. מיט ענטוזיאזם האָבן אופגענומען די יונגע קאָמוניסטן דימיטראָווס רוף צו שאפן אן אייניהײַטלעכן פראָנט קעגן פאשיזם און מילכאָמע. די יוגנטלעכע פלעגן דעם פאָרטראָג איבערגעבן געהיים פון האנט צו האנט. דער אווטאָר פונעם בוך באווײַזט, ווי דערפאָלגרײַך עס זײַנען אָנגעווענדט געוואָרן לעגאלע און אומלעגאלע מעגלעכקײַטן, קעדיי צו קומען אין א וואָס גרעסערן באריר מיט די ברייטע פראָלעטארישע שיכטן. עס זײַנען אויסגענוצט געוואָרן די באגעגענישן אין די ביבליִאָטעקן, לייען־זאלן, ספאָרט־קלובן, קינאָ־טעאטערס, אין די אוניווערסיטעטן און שולן, אין די קאָאָפעראטיוון און ווערקשטאטן אאוו.

די קאָמיוגיסטן פון סאָפיִע האָבן ערטערווײַז מיטגעהאָלפן צו שאפן נײַע ביבליִאָטעקן אין די אָרעמע קווארטאלן. אזוי, לעמאָשל, האָט דער 12־יאָריקער יאַט יעווגעני און זײַן שוועסטערקע פאניע צונויפגעזאמלט צוליב דעם צוועק צוויי הונדערט ביכלעך (ז. 16). די מישפאָכע טאסעוו — א טאטע און א זון — האָבן אָן יעדן געצאָלטס איבערגעגעבן א צימער פון זייער דירע פאר א ביבליִאָטעק. אין א קורצער צײַט ארום האָט די ביבליִאָטעק שוין אָנגעציילט 1500 בענדער (ז. 51). א באזונדערע סימפאטיע האָבן בא די יונגע לייענער ארויסגערופן די ווערק פון סאָוועטישע שרײַבער — גאָרקיס „מוטער", פאדייעווס „צעקלאפט", גלאדקאָווס „צעמענט" אא.

גרויס בעריעשאפט האָבן ארויסגעוויזן די יונגע קאָמוניסטן אין אידעאָלאָגישן קאמף קעגן די רעאקציאָנערע פראָפעסאָרן, קעגן די אנארכיסטיש־געשטימטע עלעמענטן, קעגן די נאציאָנאליסטן און ציִעניסטן.

אין דעם בוך איז געבראכט געוואָרן א מערקווירדיקער צופאל. אין 1933 איז פאָרגעקומען אין סאָפיִע א פראָצעס קעגן דער רעוואָליוציאָנערער סטודענטשאפט. אין איינער א לעקציע פון דעם רעקטאָר פונעם אוניווערסיטעט ליובין דיקאָוו, בייס ער האָט פארטיידיקט פאשיסטיש־ראסיסטישע טעאָריעס, האָבן די סטודענטן אָנגעהויבן פראָטעסטירן און זײַנען דערפאר צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט, אף וועלכן דער רעקטאָר אליין איז ארויסגעטראָטן אלס אייעדעס־באשולדיקער, פארופנדיק זיך אפן געזעץ, וואָס זעט פאָרויס א שטראָף פאר די, וועלכע שטערן די מאכט־אָרגאנען אויספילן זייערע דינסט־פליכטן. דעריף האָט זייער קלוג געענטפערט דער פארטיידיקער ניסים מעוואָרעך: „אויב אזוי, דארף מען האלטן, אז ליובין דיקאָוו איז, אייגנטלעך, ניט קיין אָנפירער פון א הויכשול, נאָר א גראדאָנאטשאלניק און ס'וואָלט אים מער געפאסט די אוניפאָרם פון א פאָליציי־פריסטאוו". ליובין דיקאָוו האָט געמוזט פארלאָזן דעם זאל (ז. 33—34).

דער אווטאָר פונעם בוך באווײַזט, וויִאזוי אין די שווערסטע באדינגונגען האָבן די קאָמוניסטן דאָך אָפגעהאלטן אידייִשע ניצכוינעס. די יוגנט האָט אף פארשיידענע אויפאנים אויסגעדריקט זייער געטרײַשאפט די אידייען פון אינטערנאציאָנאליזם, פעלקערפרײַנטשאפט, סאָלידאריטעט מיטן סאָוועטנפארבאנד.

אָט איז א פאקט:

אין 1940 איז פון מאָסקווע געקומען קיין סאָפיִע א פוטבאָל־קאָמאנדע. אפן סטאדיִאָן האָט מען די ספאָרטסמענער מאמעש פארשאָטן מיט בלומען. באם ארײַנגאנג שטייט אן אלטע פרוי, אין די אויגן טרערן — „באָבע נאסטיע, וואָס טוסטו דאָ? ווילסט קוקן, ווי מע שפילט אין פוטבאָל?" — איז צוגעשטאנען די יוגנט מיט פראגן. — „ניין, טײַערע, אין פוטבאָל קלײַב איך זיך ניט פאנאנדער. אף זיי, אף די סאָוועטישע, וויל איך א קוק טאָן..." — און אינעם ספאָרט־פאלאץ האָבן אלץ הילכיקער געקלונגען די ווערטער — „שאָלעם מיט פססר!", „זאָל לעבן פססר!"

די פאָליציי האָט געטאָן אירס — זי האָט א סאך יוגנטלעכע ארעסטירט. (ז. 132).

Иосиф Аструков-Херц. Звезди по пътя. Партиздат, София, 1974.

מיט א באזונדערער קראפט איז איבערגעגעבן די אטמאָספער פון דערשיטערונג אינעם טאָג פון 22 יון 1941 יאָר. דער צק פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון בולגאריע האָט זיך טייקעף געווענדט מיט אן אופרוף צום בולגארישן פאָלק: „די געשיכטע ווייסט ניט נאָך אזא אימפּעריאַליסטישע, רויבערישע און קאָנטררעוואָליוציאָנערע מילכאָמע, ווי די, וועלכע דער פאשיזם האָט דערקלערט דעם סאָוועטנפארבאנד, און, פארקערט, ס׳איז נאָך ניט געווען אזא יוישערדיקע פּראָגרעסיווע מילכאָמע, ווי די, וועלכע דאָס סאָוועטישע פאָלק פירט קעגן דעם פאשיסטישן אָנגריף״.

דעם 24 יון 1941 האָט די פּאָליטביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט אָנגענומען א באשלוס גרייטן דעם אנטיפאשיסטישן אופשטאנד אין בולגאריע, אָרגאניזירן קאמפּס־גרופּעס, אקטן פון סאבאָטאזש אף די היטלעריסטישע קאָמוניקאציעס, אָנפאלן אף די דייַטשישע מיליטערישע טיילן און זייערע באזעס, שאפן א ברייטן אנטיפאשיסטישן פראָנט אינעם לאנד, אָרגאניזירן די פארטיזאנען־באוועגונג, פארשטארקן די פּאָליט־אופקלערערישע ארבעט צווישן די פאָלקסמאסן (ז. 180, 183).

יויסעף אסטרוקאָוו דערציילט געניי, וויאַזוי די יוגנט איז געקומען צוהילף דער פארטיי, וואָס פארא אָפּעראציעס זי האָט דורכגעפירט. א היפּש אָרט איז אויסגעטיילט דעם טראגישן דורכפאל (סאָף 1942), אין רעזולטאט פון וועלכן ס׳זייַנען ארעסטירט געוואָרן קימאט אלע מיטגלידער פונעם קרייַזקאָם פון דעם יוגנט־פארבאנד. אייניקע קאָמיוגיסטן זייַנען געווען פארורטיילט צו טויט־שטראָף, די אנדערע אף אייביקער טפיסע. צווישן די לעצטע איז געווען יויסעף אסטרוקאָוו. אין טורמע איז פארמוטשעט געוואָרן דער יונגער קעמפער טאָדאָר סטאיקאָוו. זייַנע עלטערן האָבן אָנגעשריבן אזא נעקראָלאָג: „ער איז געשטאָרבן מיט אָפענע אויגן, ווי עס שטארבן אלע די, וועלכע ליבן די מענטשן און דאָס לעבן. ער איז געשטאָרבן מיט אָפענע ליפּן, קעדיי זאָגן די מענטשן אויך נאָכן טויט, וויאַזוי מע דארף ליב האָבן דאָס פאָלק״... (ז. 261).

אין יעדער שורע פון אסטרוקאָווס בוך פילט דער לייענער די גרויסמוטיקייַט פון די בולגארישע קעמפער קעגן פאשיזם. עס איז צו שפירן די באשיידנקייַט און פאראנטוואָרטלעכקייַט פונעם אווטאָר. מיט גרויס אָפּשיי דערמאָנט ער די עלטערע קאָמוניסטן, צווישן זיי — מיט באזונדערער סימפּאטיע און דאנקבארקייַט — דעם סעקרעטאר פונעם ראיאָנעם פארטייקאָמיטעט איזראעל מאיער, וועמענס ברייטער אידייִשער האָריזאָנט און די פּאָליטישע דערפארונג האָבן קעסיידער געהאָלפן די יוגנט־טוער זיך ריכטיק צו אָריענטירן אין די שווערסטע סיטואציעס.

יויסעף אסטרוקאָווס בוך העלפט אין איצטיקן מאָמענט צו דערציִען דעם יונגן דאָר אין גייַסט פון אינטערנאציאָנאליזם און רעוואָליוציאָנערער פּרינציפּיעלקייַט.

סאָניע פּרייַ

ווייטעק און האָפענונג

רוט לעווינס בוך רופט ארויס אומרו, צווינגט זיך צו פארטראכטן, נעמען שטעלונג פאר אָדער קעגן — אָבער אין קיין פאַל בלייַבט ניט דער לייענער גלייַכגילטיק. דאָס, וואָס די העלדן פונעם בוך האָבן ארויסגעזאָגט דאן, אין די יאָרן 1968 — 1970, האָט באקומען א באזונדערע אקטועלקייַט היינט, נאָך דער ביטערער דערפארונג און ניט ווייניקער ביטערער אויסניכטערונג, נאָך דער אָקטיאבער־מילכאָמע פונעם 1973 יאָר.

די העלדן פונעם בוך זייַנען אן אָרגאנישער טייל פון דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאפט פון אונדזער צייַט. דעריבער זייַנען זיי דעם לייענער בלוטיק־נאָענט, זיי וועקן בא אים דעם ווילן צו פּאָלעמיזירן מיט דעם אָדער יענעם געשטאלט, רעאגירן אף זייערע ווערטער, אָנטיילנעמען אין זייערע געשפּרעכן. אינעם בוך פילט זיך די ארייַנמישונג פונעם אווטאָר אין די געשעענישן, וועלכע צעוויקלען זיך אין לאנד. בא קיינעם רופט דעם אווטאָרס שטאנדפּונקט ניט ארויס קיין מינדסטן צווייפל לגאבע זייַן קאָמוניסטישער וועלט־אָנשויונג. די אויסצוגן פון די צייַטונגען פון יענע טעג, וואָס ווערן אלס עפּיגראפן געבראכט צו יעדן קאפּיטל, זייַנען אויסן צו דערמאָנען דעם לייענער אין דער ווירקלעכקייַט, אין וועלכער עס לעבן די העלדן פונעם בוך, געבן אָנצוהערן, אז א דענקענדיקער און געוויסנהאפטער מענטש, קאָן ניט אָפּקומען מיט א שיִע־פּיִע, ווען עס גייט א רייד וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער צייַט.

די געשטאלטן פונעם בוך זייַנען טיפּישע ייִסראַיילים, וואָס זייער לעבן, זייערע אָנשויונגען האָט אויסגעפורעמט די סטירעספולע ייִסראָעלדיקע ווירקלעכקייַט.

דאָס אמערסטן קאָמפּליצירטע געשטאלט איז, בעליסאָפעק, די הויכגעבילדעטע און צארטע נאָרע. בא

רות לוין. תקוה באבים שחור. סתיו של תשבון הנפש. הודאת נתיב. 1973.

װעלכער ס׳האָט ניט געקלעקט קיין קראַפט און מוט צו קעמפן פאַר אירע אידייען, אָבער זי איז גענוג ערלעך און געװיסנהאַפטיק, קעדיי אײַנצוזײַסן מיט די װערטן, אַף װעלכע זי איז דערצויגן געװאָרן. נאָרע פאַרזינקט אין יִיִעש, װאָס עס געפינט אַן אויסדרוק אין שטענדיקן אַנטלויפן פון דער דריקנדיקער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער, אין אַנטלויפן פון זיך אַליין „אַהין, װוּ די אויגן טראָגן". דאָס גאַנצע לעבן אירס איז פּײַנפול. זי קאָן ניט שאָלעם מאַכן מיטן באַקװעמען און אין טאָך פּוסטן לעבנסשטייגער, אָבער זי איז אויך ניט מעסוגל צו לאָזן זיך אין קאַמף קעגן דעם, װאָס רינגלט זי אַרום.

איר מאַן, אמנאָן שאמיר, אין די יוגנט־יאָרן אַ רעװאָליוציאָנער, איצט אַ רינג אינעם מעלוכע־אַפּאַראַט, װוּ ער פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסט, איז אַ טיפּישער פאָרשטייער פון יענע „אַרבעטער־טוער", בײַ װעלכע ס׳איז פון דער גאַנצער רעװאָליוציאָנערישקײַט פאַרבליבן בלויז אַן אָפּגעלייגטער קאָלנער און די האַנדלונג פון די אַזויגערופענע „טויבן", װאָס איז צו גאָרנישט ניט מעכײַעװ. מיר דאַכט, אַז דאָס דאָזיקע געשטאַלט איז אין אַלע פּראָטים באַזונדערס שאַרף און איבערצײַגנדיק געצייכנט. מע זעט אים אָפּט אין דער מעדינע, דעם דאָזיקן טיפּ אַסקן, װעלכער זאָגט זיך אָפּ פון נײַע װעגן, מאָטיװירנדיק, אַז ס׳איז צוליב „נאַציאָנאַלע אינטערעסן", בעעצעם אָבער נאָר צוליב דעם, קעדיי צו באַרעכטיקן זײַן אייגענע דעזערטירערײַ צו דער מאַכנע פון קאַריעריסטן.

און דאָ קומט דאָס געשטאַלט פון גיורא, דעם זון, װעלכער האָט פאַרקערפּערט די האָפענונג אין יענעם שװאַרצן פרילינג, װען יעדן פרימאָרגן זײַנען אין די צײַטונגען דערשינען נײַע שװאַרצע ראַמלעך אַרום פּאָרטרעטן פון יוגנטלעכע. גיורא געהערט צו יענעם דאָר פון דער אויסמאַטערונגס־מילכאָמע, װעלכע האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט די ביטערע װערטער: „צום װידערזען אַפן מעמאָריאַל־טאָװל". ער געהערט צום דאָר יונגעלײַט, װאָס האָט אָנגעהויבן פרעגן, זיך גריבלען, ניט װעלנדיק מער זיך דערציִען אַף די ציִעניסטישע דאָגמעס און שאָלעם מאַכן מיט דעם גרויזאַמען גוירל, װעלכן ס׳האָט פאַר זיי צוגעגרייט די פּאָליטיק פון דער רעגירונג. גיורא און זײַנע כאַװיירים זײַנען אָנגעפילט מיט שײַלעס, װי דער מילגרוים, זיי ראַנגלען זיך, פילן זיך פאַרלאָרן, אָבער זײַנען שוין זיכער, אַז פון דער טראַדיציאָנעלער אָנפירונג טיילט זיי אָפּ ניט בלויז דער אײַנרײַס צװישן דוירעס, נאָר אויך אַ פאַרשיידענער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער צוגאַנג, האַגאַם נאָך דערװײַל אַ פאַרנעפּלטער, אָבער אַזאַ, װאָס פירט צום עמעס.

זיװע איז ציניש, נאָר זי פאַרמאָגט אַ שאַרפן און קלאָרן געדאַנק. די דאָזיקע „דאָפּלטע אַלמאָנע" (זי האָט פאַרלאָרן צװיי טרײַע כאַװיירים — בײַם סועצקאַנאַל און אין ראַמאַט־האַגאָלאַן) טראָגט געדולדיק איבער אַלע ליידן און װייטעקן. זיװע האָט זיך באַפרײַט פון די הערשנדיקע דאָגמעס און איז פול מיט זעלבסט־ביטאָכן.

רוט, אין װעלכער ס׳װערט אין אַ גרויסער מאָס, אויב ניט אינגאַנצן, פאַרקערפּערט די פאַרפאַסערן פונעם בוך, איז געגעבן װי אַ זײַטיקע צושויערן, װאָס װיקלט פאַנאַנדער פאַרן לייענער דעם סוזשעטישן קנויל, װײַזט דערבײַ אַרויס טיפע ליבע און פאַרשטאַנד פאַר אַזעלכע געשטאַלטן, װי נאָרע און גיורא. זי אַגיטירט ניט, זי מאַכט ניט דעם אָנשטעל פון אַזאַ איינער, װאָס װייסט אַלץ. זי װייסט גוט, אַז עס זײַנען נאָך פאַראַן פיל שײַלעס, װאָס אַף זיי איז דערװײַל ניטאָ קיין טשװוּע. זי איז, װי איר כאַװערטע נאָרע, אַ טייל פון יענעם דאָר עמיגראַנטן, װעלכע זײַנען מיטן װאָרצל אויסגעריסן געװאָרן פון זייער קינדהײַט און דערציִונג. זי פאַרמאָגט אָבער גענוג קראַפט, װײַל זי געהערט צום טייל פונעם פאָלק, װאָס קאָן ניט בלויז גוט ריידן, נאָר אויך גוט מעקײַעם זײַן דאָס גערעדטע.

דאָס בוך איז געשריבן אין דער אומגאַנג־שפּראַך, צײַטנװײַז אָן אַ באַזונדער זאָרג לעגאַבע דעם װאָרטאויסװאַל, װאָס מאַכט, אַגעװ, מעגלעך דאָס פליסיקע לייענען, פאַרלעצט אָבער די שליימעס פון די קינסטלערישע געשטאַלטן. אַזוי איז, צום בײַשפּיל, קימאַט ניט צו מערקן קיין אונטערשייד אין דעם אַרט ריידן פון זיװע און גיורא, װעלכע זײַנען געבוירענע אין לאַנד, און דעם רייד־סטיל פון נאָרע, װאָס האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט די אייראָפּעִישע קולטור.

דער צװייטער טייל פונעם בוך — „אַ האַרבסט פון כעזשבן־האַנעפעש" — איז ענלעך צו דעם פאָריקן בלויז אין דער שילדערונג פון דער אַטמאָספער נאָך דער יום־מילכאָמע, נאָר שיידט זיך לעגאַמרע אונטער לויט דער שרײַבערישער מאַניר. דאָס איז אַ פּערזענלעכער כעזשבן־האַנעפעש, װאָס רופט אַרויס אָפּשײַ מיט זײַן דרייסטקײַט און אויפריכטיקײַט, אין װעלכן ס׳פלעכטן זיך איבער פראַגמענטן פון דיכטונג, פּראָזע און צײַטונגס־אויסצוגן, װאָס באַהעפטן זיך אָרגאַניש לויט זייער אינהאַלט.

מיר דוכט, אַז דער דאָזיקער טייל װעט ניט זײַן קלאָר פאַר דער ברייטער מאַסע לייענער, און דערײַבער בין איך ניט זיכער, צי רוט לעװין האָט גוט געטאָן, װאָס זי האָט אים אײַנגעשלאָסן אין בוך.

אָבער, װי אויבן געזאָגט, שטעקט די באַזונדערקײַט פונעם בוך אין זײַן טעמאַטיק, װעלכע האָט צו טאָן, צום ערשטן מאָל אין דער יִסראָעל־ליטעראַטור, אָפן און אָן רעמאָזים, מיט מענטשן, װאָס זײַנען אין דער אָדער יענער פאָרם פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער באַװעגונג, דערבײַ װערט אָנגענומען אַ קלאָרע און אָפענע שטעלונג לעגאַבע זייערע זאָרגן, שװאַכקײַטן און מײַסים.

דאָס בוך װעט גוט אופגענומען װערן מיצאַד יעדן איינעם, װאָס זוכט ניט צו אַנטלויפן פון דער יִסראָעלדיקער װירקלעכקײַט און אירע פּראָבלעמען, נאָר איז גרייט מיט זיי זיך צו פאַרמעסטן.

מיריאם גאַלילי

(„זו הדרך")

א לידער־זאַמלונג פון א דײַטשישן פּאָעט

„קום אַרײַן, נעם זאַלץ, ווי האָפענונג!" — אָט דער רוף געהערט דעם דײַטשישן דיכטער יורגען רענערט, וועמענס לידער־זאַמלונג די פּאָטשט האָט מיט א צײַט צוריק מיר געבראַכט. פריִער פאַר אַלץ האָט מיך איבערראַשט דאָס, וואָס די ווידמונג אפן צוגעשיקטן עקזעמפּליאַר איז געווען געשריבן אין א זייער פײַנעם ייִדיש.

ווער איז ער — יורגען רענערט?

א קינד פונעם מילכאָמע־פינאַל — ער איז אַלט געווען צוויי יאָר, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט זײַן היימשטאָט בערלין, — לעבט ער די ערשטע צען יאָר אין מײַרעוו־בערלין, בא א שטענדיק שווײַגנדיקער און שווער קראַנקער באָבע. זײַן קינדהײַט איז „אויסגעשלאָסן פונעם לעבן און פון דעם ווידערופלעבן". א זונטיק־שול און פּראָטעסטאַנטישע כאָראַלן, א שטאַרקע בענקשאַפט נאָך דער דרויסנדיקער וועלט... שפּעטער פאָרט ער אַריבער אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ווו ער באַקומט א מעגלעכקײַט פרײַ צו לערנען און אַרבעטן. נאָר די צען יאָר („די געטאָ פון זײַן קינדהײַט") לאָזן איבער שפּורן אין זײַן לעבן, און ס'דאַכט זיך אים צומאָל, אַז „טעמפּקײַט גייט שפּאַצירן אף מײַן דאַך"...

פאַרשטייט זיך, אַז פונעם צווייטן וועלטקריג געדענקט רענערט זייער ווינציק, קימאַט גאָרניט. „הײַנט איז מיר אפילע קיין צענטכיילעק ניט געבליבן פון יענער קינדערישער מוירע פאַרן הימל". און דאָך לעבן אויף אין זײַן פאָרשטעלונג די מילכאָמע־קאָשמאַרן מיט באָמבע־אופרײַסן און סרייפעס, און ס'פאַרפאָלגן אים די ווייגעשרייען פון יענע

אף זאַמד אָן רו געשריבענע
איבער די פאַרויכערטע אָשווענטשימער גאַסן...

(דאָ און ווײַטער — מײַנע איבערזעצונגען. — י. ב.)

עס גייט אים נאָך דער שאָטן פון דער גרעסטער און שרעקלעכסטער טויט־פאַבריק, ווען אפילע

די לעוואָנעס האָבן געשוויגן, און די זונען
זײַנען בלינד געוואָרן, ווי נאָר זיי האָבן דערזען דעם טאָג
אינעם רויך פון די קרעמאַטאָריעס,
די לופט איז געשטאַנען אופגעבערגלט, און דער ווינט
האָט פּאַטרולירט אין שוואַרצע שטיוול...

אף רענערטס געמיט דריקט די לאַסט פון די פאַרפּײַניקטע. זײַן געוויסן ווערט געפּלאָגט פון די פאַרברעכנס, וועלכע די דײַטשיש־פאַשיסטישע כאַיאָלעס זײַנען באַגאַנגען קעגן דער מענטשהײַט.

שוואַרץ ווערט דער צימער פון אַזויפיל בילדער,
פאַרבלייכט ווערט דאָס וואָרט...

אָבער דער דיכטער לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון פּעסימיסטישע שטימונגען. ער גלייבט אין דעם מענטשנס פונדאַמענטאַלע ווערטן, אין ענדגילטיקן זיג איבער מערדערײַ און פאַרשקלאַפונג.

זוכנדיק ריינע אַקאָרדן און קלאַנגען, שלאָגט דער דיכטער זיך דורך א וועג צו אונדזער צײַט, צו אירע גרויסע און קליינע פּראָבלעמען און ווידערשפּרוכן. ער נעמט צוהילף געשטאַלטן און בילדער פון דער ביבלישער, אַלט־גריכישער און קלאַסישהומאַניסטישער פאָרשטעלונגס־וועלט און דערהייבט אַזויאַרום אין זײַן דיכטונג די פאַרגאַנגענהײַט צו דער געגנוואַרט, ברענגט אַרויס שטיקער לעבן, פאָרטרעטן פון מענטשן. דורך דעם פאָרמולירט ער זײַן באַציִונג צו דער וועלט, צו דערווירקלעכקײַט. אָפט ווענדט ער זײַן בליק צו היסטאָרישע פערזענלעכקײַטן, וועלכע דינען אים אַלס וועגווײַזער, — צו אַזעלכע, ווי בערטאָלד ברעכט, טוואַרדאָווסקי, אַליענדע.

צו טוואַרדאָווסקין האָט רענערט א באַזונדער געפיל. ער באַוווּנדערט דעם באַרימטן רוסישן דיכטער, וועמענס

שטאָלץ איז, ווי זײַן לאַנד,
אומשטערבלעך און ווונדערבאַר...

ער איז פאַרליבט אין טוואַרדאָווסקיס פּאָעזיע, אין זײַן וואָרט, וואָס איז „געלאַסן, קלאָר". ביכלאַל האָט רענערט א באַגײַסטערטע באַציִונג צו דער רוסישער דיכטונג. פאַר א בײַשפּיל קאָן דינען זײַן ליד „דער קופּאָל פון סאַנקט־פּעטער", אין וועלכער ער באַזינגט די צוויי גרויסע רוסישע פּאָעטן פּושקין און לערמאָנטאָוו.

אין באַשטימטע געשטאַלטן, דאָסראָוו היסטאָרישע, דריקט רענערט אויס זײַן ליבע צום מענטשן, פאַר וועלכן ער האָט זײַן פרײַז און זײַן לויב. אפילע אין לידער, ווו עס דאָמינירן נאַטור און לאַנדשאַפט, וויל ער ניט נאָר ריידן א שפּראַך „מיט די פייגל גלײַך", נאָר אויך „האָבן א האַרץ מיט דער וועלט".

אָט אַזאַ דיכטערישע אופריכטיקײַט, א באַפאַרבטע מיט פּאָעטישן אומעט און בענקשאַפט, שײַנט אַרויס פון יורגען רענערטס פּאָעזיע.

א היפּש אָרט פאַרנעמט אין רענערטס זאַמלונג די פּייזאַזש־ליריק. דער דיכטער איז געבענטשט מיט א פילבאַר געהער צו דער נאַטור, מיט וועלכער, ווי געזאָגט, ער וויל „ריידן א שפּראַך, מיט די פייגל גלײַך". ער נוצט אין זײַנע לידער פיל פײַנע מעטאַפאָרן און פאַרגלײַך־בילדער. די נאַטור ווערט א

Jürgen Rennert. „Märkische Depeschen". Union-Verlag, Berlin, 1976.

מיטבאַטייליקטע אין דעם דיכטערס ליבע צום מענטשן.

אין אייניקע לידער זײַנען די אימאַזשן פאַרשליי־ערט אין סימבאָליש־פאַרהוילענע ווערטער און ביל־דער, אָף וועלכע עס דריקט די פּאָעטישע אינטעלעק־טועלקײַט. סע שאַפט זיך דער אײַנדרוק, ווי דער דיכטער וואָלט צומאָל געווען פאַרליבט אין סימבאָלי־שער פאַרנעפּלטקײַט.

פּאָעטיש דערהויבן איז אינעם בוך דער „אלטשטאָט־מעמאַריאַל", אין וועלכן די גאַנצע טעמאַטיק איז א ייִדישע.

מיטפילנדיק דער טראַגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק בײַס דער היטלער־הערשאַפט, ווענדט זיך רענערט צו די לעגענדעס פונעם אלטן פּראָג, שטרעבנדיק דערמיט אויסצודריקן סימפּאַטיע צו דער געשיכטע פון די קאָרבאָנעס.

אין די לידער וועגן גוילעם, וועגן דער אַלט־פּראָ־גער שול, וועגן ראַבי לעווי און מאָרדעכײַ מײַזל באַ־לויכט דער דיכטער, מיט דער הילף פון רעאַליסטי־שער, קאָנקרעטער שילדערונג, א פּאַרגאַנגענע און אויסגעלאָשענע עפּאָכע, פאַרבינדנדיק זי מיט דער הײַנטצײַטיקייט. אין דער ליד „די שול פון ייִסראָעל פינכאַס" ווערט דערציילט וועגן א פּראָגער ייִדן, וועל־כער איז אָנגעזאַפּט מיט טוירע און כאָכמע. ער בויט פאַר גאָט א שול. און דער דיכטער פאַרענדיקט אזוי:

> ער האָט געבויט פאַר גאָט,
> ווו איז גאָט געבליבן?
> גאָט איז אָף דער וואַנט —
> זיבן, זיבן, צוויי, נײַן און זיבן...

עס פילט זיך, ווי מיט אָט דער ליד וויל רענערט שטעלן זײַנעם אַן אייגענעם דענקמאָל די 77297 קאָר־באָנעס פונעם מערדערישן פאַשיזם, די פאַרייביקטע אָף די מירמל־טאָוולען אין דער אלט־פּראָגער שול.

אינעם ציקל „אלטשטאָט־מעמאַריאַל" אנטפּלעקט זיך דעם דיכטערס גערעגל אין פײַן און ליבע. אויך דאָס, וואָס רענערט האָט אין די לעצטע יאָרן באַ־הערשט די ייִדישע שפּראַך, איז א רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן גערעגל. זאָל באַמערקט ווערן, אז דער דײַטשישער דיכטער איז אויסגעצייכנט באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אים זײַנען גוט באַקאַנט אויך די הײַנטצײַטיקע סאָ־וועטישע ייִדישע שרײַבער, און ער רעדט מיט גרויס ווירדע וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

יורגען רענערטס לידער־זאַמלונג הייסט „מערקישע דעפּעשן". „מערקישע" איז — געגנטלעכע, היימישע; „דעפּעשן" באַטײַט אין געגעבענעם קאָנטעקסט — אָנ־זאָג. ס'איז אָן סאַפּעק אַן אָנזאָג פון א היימישן דיכ־טער מיט אַן אייגנאַרטיק וואָרט, מיט פרישע און קרעפטיקע טענער.

דעם מענטשן אין זײַן סאָציאַליסטיש היימלאַנד זאָגט רענערט:

> קום אַרײַן, נעם זאַלץ, ווי האָפענונג,
> פון דעם מעטסטל. און ליבע איז — ברויט...

ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס די ליטעראַטור־קרי־טיק אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט וואַרעם אופגענומען דעם בוך. דער קריטיקער רולאַ מעלכערט שרײַבט: „צו אונדזער ליריק איז צוגעקומען אַן אייגנאַרטיקע שטים, און דאָס איז גע־נוג אופרעגנדיק און ניט צו פאַרזען". אויך אַרמין צײַסלער, וועלכער באַגלייט די לידער־זאַמלונג מיט אַן אויסגעצייכנטן עסיי, קומט צו דעם זעלבן אויס־פיר.

די קינסטלערן האַנעלאַרע טויטש האָט געלונגען איליוסטרירט די לידער־זאַמלונג. באַזונדערס ציט צו די אופמערקזאַמקײַט די פאַרביקע הילע. דעם דיכ־טערס געשטאַלט איז צוגעמאָלט צום קערפּער פון א טויב; אין אַן אומרויִקן הימל גייט אוף די לעוואָנע. דאָס איז א בילד־מעטאַפּאָרע, וועלכע דאַרף סימבאָ־ליזירן ליבע, שאָלעם און פּאָעזיע.

יוסעף בורג

געלייענט אין... ИЗВЕСТИЯ

СОВЕТОВ ДЕПУТАТОВ ТРУДЯЩИХСЯ СССР

מיר ברענגען דאָ מיט קירצונגען צוויי מאַטעריאַלן, פון א גאַנצער ריי אַנדערע, וועלכע די צייטונג „איזוועסטיא" האָט געווידמעט די פּראָבלעמען וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין פססר.

ק. אָרלאָווסקי, ס. פּאַלין

די גרויסע קראַפט פון דער סאָוועטישער קולטור

דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז א קאָלאָסאַלע מעלוכע, וועלכע שפּרייט זיך אַף דער טעריטאָריע פון צוויי קאָנטינענטן — אייראָפּע און אַזיע. דאָס איז א מעלוכע, וואָס נעמט אין זיך אַרײַן 15 פאַרבאַנדישע און 20 אווטאָנאָמע רעפּובליקן, 8 אווטאָנאָמע געגנטן און 10 נאַציאָנאַלע קרײַזן. אַף דער טעריטאָריע פון אונדזער לאַנד לעבן מער פון 255 מיליאָן מענטשן — פאָרשטייער פון העכער 100 נאַציעס און פעלקערשאַפטן. צווישן זיי האָט זיך אײַנגעשטעלט א נײַער טיפּ פאַרהעלטענישן. דער דאָזיקער טיפּ פאַרהעלטענישן איז כאַראַקטעריסטיש קוידעמקאָל מיט דער פולער קעגנזײַטיקער פאַרשטענדעניש, פרײַנטשאַפט, מיטאַרבעט און קעגנזײַטיקער הילף. עס איז באַוווּסט, אַז בײַס דער אויסבילדונג פון דער סאָוועטן־מעלוכע האָבן די באַזונדערע רעפּובליקן זיך היפּש אונטערשיידט איינע פון דער אַנדערער לויטן אַנטוויקלונגסניוואָ פון דער עקאָנאָמיק און קולטור. די קעגנזײַטיקע ברידערלעכע הילף און קוידעמקאָל די שטיצע מיצאַד דעם רוסישן פאָלק האָט געגעבן א מעגלעכקײַט אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן צו שאַפן א הײַנטצײַטיקע אינדוסטריעלע באַזע, אופהייבן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע, דערציִען נאַציאָנאַלע קאַדרען קוואַליפיצירטע אַרבעטער און אינטעליגענץ, אַנטוויקלען די סאָוועטישע קולטור, א סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט און א פאַרשיידנאַרטיקע לויט די נאַציאָנאַלע פאָרמען.

דאָס סאָוועטישע פאָלק איז לויט זײַנע אייגנשאַפטן טיף אינטערנאַציאָנאַל. אים איז פולשטענדיק פרעמד דער געדאַנק וועגן קעגנשטעלן אַף וועלכן־ניט־איז אויפן פעלקער אָדער באַזונדערע מענטשן לויטן נאַציאָנאַלן סימען. די סאָוועטישע מענטשן וואַרפן אָבער פּרינציפּיעל אָפּ אויך דעם געדאַנק וועגן קעגנשטעלן נאַציאָנאַלע באַזונדערהײַטן קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן געבוי פון אונדזער געזעלשאַפט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקײַט פירן אַן אומבעשאָלעמדיקן קאַמף קעגן קאָלערליי דערשײַנונגען פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, קעגן נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקײַט און נאַציאָנאַלער גײַווע. אין דער פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד ווערט ספּעציעל געזאָגט, אַז די פּאַרטיי דערלאָזט נישט ניט קיין פאַלן פון איגנאָרירן, ניט קיין פאַלן פון צעבלאָזן די נאַציאָנאַלע באַזונדערהײַטן.

אַרויסטרעטנדיק אין אַלמאַ־אַטאַ באַם איבערגעבן דער קאַזאַכישער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק דעם אָרדען פון פעלקער־פרײַנטשאַפט, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד כאַווער ל. אי. ברעזשנעוו געזאָגט: „ריידנדיק וועגן א נײַער היסטאָרישער מענטשן־געמיינזאַמקײַט, זײַנען מיר קלאָל ניט אויסן צו זאָגן, אַז בא אונדז פאַרשווינדן שוין די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, ווער רעדט נאָך, אַז עס איז פאָרגעקומען די צונויפגיסונג פון די נאַציעס. אַלע נאַציעס און פעלקערשאַפטן, וועלכע לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרהיטן זייערע אייגנשאַפטן, די שטריכן פונעם נאַציאָנאַלן

כאראקטער, די שפּראך, זייערע בעסטע טראדי־ציעס. זיי פארמאָגן אלע מעגלעכקייטן צו דער־שלאָגן זיך צו א נאָך גרעסערן אויפבלי פון זייער נאציאָנאלער קולטור.

אין דער זעלבער צײַט באטײַט שוין ניט דער אויסדרוק סאָוועטיש פאָלק א פּאשעטע סומע פון נאציעס, וועלכע לעבן זײַט בא זײַט אין איין מעלוכע, אונטער, אזוי צו זאָגן, איין דאך. בא אונדזערע מענטשן איז, אומאָפּהענגיק פון זייער נאציאָנאלער אָנגעהעריקײַט, פאראן א סאך געמיינזאמע שטריכן, וועלכע פארייניקן זיי אין איין מאָנאָליט גאנצעס. דאָס איז די געמיינזאמקײַט פון דער אידעאָלאָגיע, די גע־מיינזאמקײַט פון די היסטאָרישע שיקזאלן. דאָס איז די געמיינזאמקײַט פון די באדינגונגען פאָר־נעם סאָציאל־עקאָנאָמישן לעבן, פון די קאר־דינאלע אינטערעסן און צילן. דאָס איז די זיך אנטוויקלענדיקע געמיינשאפט פון דער סאָוועט־טישער סאָציאליסטישער קולטור, וועלכע איז אין זיך קוילעל אלע עמעסע ווערטן פון יעדער איינער פון די נאציאָנאלע קולטורן".

אונדזער פארטיי טוט אלץ אויף צו פארפעס־טיקן דעם ברידערלעכן בונד און די קעגנזײַ־טיקע הילף פון די סאָוועטישע פעלקער. זי גיט אויפמערקזאם אכטונג, אז עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן און ריכטיק צונויפפּאסן זיך די אינטער־נאציאָנאלע און נאציאָנאלע אינטערעסן פון אלע נאציעס און פעלקערשאפטן, וועלכע לעבן אויף דער טעריטאָריע פונעם סאָוועטנפאר־באנד.

גרויס זײַנען די דערגרייכונגען פונעם סאָ־וועטנפארבאנד אינעם רעאליזירן די לענינישע נאציאָנאלע פּאָליטיק. און וואָס גרעסער עס זײַנען די דאָזיקע דערפאָלגן, אלץ פארביסענער ווערן די אָנפאלן פון די סאָנים אויף אונדזער לאנד — די אָנפאלן פון די אימפּעריאליסטן און פון דער צווישנפעלקערלעכער רעאקציע. אינעם כאָר פון דער פײַנטלעכער אנטיקאָמוניסטישער פּראָפּאגאנדע קלינגען באזונדערס היסטעריש די שטימען פון די ציִוניסטן, וועלכע פּרוּוון ארויסגעבן זיך אלס די אויסדריקער פונעם ווילן און פון די באגערן פון אלע ייִדן פון דער וועלט.

אין די לעצטע יאָרן טומלען די ציִוניסטן מיט א באזונדערער פארביסנקײַט ארום דער „פּראָבלעם" וועגן דער לאגע פון די ייִדן אינעם סאָוועטנפארבאנד, — א „פּראָבלעם", וועלכע זיי אליין האָבן אויסגעטראכט. די ציִוניסטישע פּראָפּאגאנדע פארשפּרייט שקאָרים, אז די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד ווערן קלוימערשט אלזײַ־טיק גערוידעפט, אז מע דריקט זיי, אז זיי זײַ־נען באגרענעצט אין די רעכט אין פארגלײַך מיט די פאָרשטייער פון די אנדערע נאציאָנאלי־טעטן. די דאָזיקע בייזע אויסטראכטענישן פון די ציִוניסטן וועגן דער לאגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד שטימען ניט מיט די רעאלע פאקטן.

פונקט ווי די פאָרשטייער פון אלע אנדערע נאציעס און נאציאָנאליטעטן, וועלכע לעבן בא אונדז אין לאנד, האָבן די ייִדן אלע רעכט פון סאָוועטישע בירגער, ד רעכט, וועלכע זײַנען פארפיקסירט אין דער קאָנסטיטוציע פון פססר און ווערן גאראנטירט דורך דעם גאנצן געזעל־שאפטלעך־פּאָליטישן לעבנס־סיידער פון דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

די ייִדן אינעם סאָוועטנפארבאנד זײַנען די זעלבע האָרעפּאשניקעס, ווי אלע, און צוזאמען מיט אלעמען קעמפן זיי פאר אויסבויען די קאָ־מוניסטישע געזעלשאפט. פאר העראָיזם און גע־וואגטקײַט אינעם באשיצן דאָס פאָטערלאנד, פאר העלדנמוטיקער מי און דערפאָלגן אין דער פּאָליטישער, ווירטשאפטלעכער, וויסנשאפטלע־כער און קולטורעלער טעטיקײַט זײַנען 339 טויזנט סאָוועטישע ייִדן באלוינט מיט אָרדענס און מעדאלן. צווישן די דעפּוטאטן פון די גע־ווילטע אָרגאנען פון דער סאָוועטנמאכט, אָנ־געהויבן פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר און געענדיקט מיט די אָרטיקע סאָוועטן, באטרעפט די צאָל ייִדן 8 טויזנט.

עס קאָנען ארויסרופן בלויז א געלעכטער די רעכילעסדיקע אויסטראכטענישן פון די ציִע־ניסטן, וועלכע פּרוּוון אײַנשמועסן די נאיִווע און ווייניק אינפאָרמירטע מענטשן אפן מײַרעוו, אז עס עקזיסטירט עפּעס א „ייִדן־פראגע" אין סאָוועטנפארבאנד.

אין די לעצטע יאָרן האָט די ציִוניסטישע פּראָפּאגאנדע מיט א באזונדערער פלײַסיקײַט זיך פארנומען מיט דעם, וואָס זי האָט געהעצט די סאָוועטישע ייִדן, זיי זאָלן פארלאָזן זייער היימלאנד און אריבערפאָרן קיין ייִסראָעל. אָבער צײַטן בײַטן זיך און צוזאמען מיט זיי בײַט זיך אויך די טאקטיק פונעם ציִוניזם. זײַנע אדוואָ־קאטן האָבן שוין א ביסל אראָפּגעלאָזט דעם טאָן, ווען זיי פּריידיקן, אז די ייִדן זאָלן ארויס־פאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד. ניין, פאָרמעל פירן זיי נאָך אלץ די דאָזיקע קאמפּאניע, צו־געבנדיק איר אָן אלץ נײַע און נײַע אנטיסאָ־וועטישע באפארבונג, כאָטש זייערע באמיִונגען זײַנען שוין אין טאָך דורכגעפאלן.

איצט שטעלן די ציִוניסטן דעם טראָפּ אויף עפּעס אנדערש. יעדער ייִד, טײַנען זיי, איז א ציִוניסט, טראָץ דעם, וואָס יענע, וועגן וועלכע זיי זאָרגן זיך מיט אזא אייפער, זײַנען דערמיט ניט מאסקים. האלטנדיק זיך בא אזא „לאָגיק", דערקלערן די פּראָפּאגאנדיסטן פון טעל־אוויוו יעדן פאל פון דעמאסקירן די ציִוניסטישע טע־טיקײַט אלס אן אנטיסעמיטישע ארויסטרע־טונג.

צווישן די אידעאָלאָגישע דיווערסיעס פון די ציִוניסטן פארנעמט א באזונדער אָרט זייער טעזיס, אז עס עקזיסטירט קלוימערשט אן „איינהײַטלעכע גײַסטיקע געמיינשאפט" פון אלע ייִדן, אומאָפּהענגיק פון דעם, ווו זיי וווינען און צו וועלכן קלאס זיי געהערן. פונדאנען

שטאַמט די טעאָריע וועגן אַן אײנהײַטלעכער ייִדישער קולטור.

דער לעניניזם לערנט, אַז מע טאָר ניט באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע קולטור אַלס אַזוינס, וואָס איז אײנהײַטלעך. אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור, האָט געזאָגט וו. אי. לענין, זײַנען פאַראַן צוויי קולטורן: אײנע — די רעאַקציאָנערע קולטור פונעם הערשנדיקן קלאַס עקספּלואַטאַטאָרן, די צווייטע — די דעמאָקראַטישע קולטור פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן. אַנווענדנדיק אַזאַ צוגאַנג, האָט וו. אי. לענין דעמאַסקירט די רעאַקציאָנערקײַט פון די אָנשוויונגען פון די בונדאָווצעס, וועלכע האָבן געפּאָדערט אויטאָנאָמיע פאַר די ייִדן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די ציוניסטן גייען אַרויס פון די קיילים, ווען זיי זאָגן, ווי די סאָוועטישע ייִדן נעמען אַן אָנטייל אינעם קולטור־לעבן פונעם לאַנד. זיי טײַנען, אַז דער אײנציקער סימען פונעם גײַסטיקן פּראָגרעס אין דער ייִדישער סוויווע איז די אַנטוויקלונג פון אַזאַ ייִדישער קולטור, וועלכע וואָרט קעגנגעשטעלט דער קולטור פון די אַנדערע פעלקער פון אונדזער לאַנד, דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער קולטור.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד עקזיסטירן 76 סאָוועטישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. אויף 89 שפּראַכן פון די פעלקער פון ססר, דערונטער אויך אויף ייִדיש, ווערן אַרויסגעגעבן ביכער, אויף 57 שפּראַכן דערשײַנען צײַטונגען, אויף 44 — זשורנאַלן, אויף 67 שפּראַכן ווערן געפירט טראַנסליאַציעס פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע. אָט זײַנען נאָך אייניקע ציפערן. אין ססר דערשײַנען ביכער פון ייִדישע שרײַבער אין מאַסן־טיראַזשן סײַ אויף ייִדיש, סײַ אין דער איבערזעצונג אויף שפּראַכן פון די אַנדערע פעלקער. פאַר די יאָרן 1955 — 1970 זײַנען באַ אונדז אין לאַנד אַרויסגעגעבן געוואָרן 466 ביכער פון ייִדישע שרײַבער אויף 15 שפּראַכן פון די סאָוועטישע פעלקער מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 46 מיליאָן עקזעמפּליאַרן. פאַר דעם זעלבן פּעריאָד זײַנען אין ייִדיש דערשינען 50 ביכער, צווישן זיי אַן אַנטאָלאָגיע פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער פּראָזע, אין וועלכער עס זײַנען אַרײַן העכער 50 ווערק פון פאַרשיידענע אויטאָרן.

אין מאָסקווע גייט אַרויס דער ליטעראַריש־קינסטלערישער כוידעש־זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכער באַקאַנט די לייענער מיט די נײַסטע ווערק פון העכער הונדערט ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פון פאַרשיידענע שטעט פון ססר. אין ביראָבידזשאַן — אינעם צענטער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס איז געוואָרן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר די ערשטע מעלוכע־אויסבילדונג פון די ייִדן, גייט אַרויס אין ייִדיש פינף מאָל אין וואָך די צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“. אויף אָט דער צײַטונג קאָן מען זיך אַבאָנירן אין יעדן פונקט פון ססר.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען פאַראַן עטלעכע ייִדישע טעאַטראַלע און מוזיקאַלע קאָלעקטיוון, וועלכע גאַסטראָלירן איבערן לאַנד — פון ווילנע אויף דער באַלטיק ביז ביראָבידזשאַן אַפן ווײַטן מיזרעך. כוץ דעם, עקזיסטירן אין די אָרטער, ווו עס וווינען קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסן, קינסטלערישע אַמאַטאָרן־קאָלעקטיוון, וואָס ווערן געשאַפן דורך די אָרטיקע קולטור־אָרגאַנען און דורך די פּראָפאַריינען.

ענדערנדיק הײַנט זייער טאַקטיק פון אונטערבײַסערישן אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד און אין די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, קעמפן די קריגערישע אַנטיקאָמוניסטן דערפאַר, אַז די ייִדן זאָלן אָפּגעריסן ווערן פון אונדזער מאַנאָליטער פילנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט. עס האַנדלט זיך באַזונדערס וועגן שאַפן, לעמאָשל, אַ צעצווײַגטע נעץ קרײַזלעך אויף דערלערנען העברעיִש, קעדיי, ווי זיי דריקן זיך מעליצעדיק אויס, „גײַסטיק דערנענטערן“ די יוגנט „צום אַטאַ־בעכאַרטאַנו־לאַנד“ און צו זײַן מעלוכישער רעליגיע, דה. צו מעדינאַס ייִסראָעל.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי עס איז גוט באַוווּסט, ווערט קיינעם ניט פאַרבאָטן צו דערלערנען וועלכע שפּראַך מע וויל — דערונטער איווריט אָדער ייִדיש. קיינער שטעלט ניט קיין שטערונגען אויך די פרומע ייִדן. באַ אונדז איז די פרײַהײַט פון דער עמונע און פון אָפּריכטן טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע מינהאָגים און ריטואַלן גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע. אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען אַפן עטלעכע צענדליק באָטעמעדראָשים און מער פון דרײַ הונדערט מיניאָנים. אַגעוו, אויף דער טעריטאָריע פון רספסר און אוקראַיִנע באַטרעפט די צאָל פרומע ייִדן סאַכאַקל 3 — 6 פּראָצ. פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג.

די סאָוועטישע עפנטלעכקײַט קאָן ניט שאַלעם מאַכן מיט דעם, וואָס די ייִדישע נאַציאָנאַליסטן ווילן אויסנוצן די איוריט־קרײַזלעך אויף צו פּראָפּאַגאַנדירן די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע, קולטיווירן דעם גײַסט פון נאַציאָנאַלער אויסנעמלעכקײַט און פון אָפענעם ראַסיזם.

די ציוניסטן האָבן כיישעק צוצווייגענען זיך דאָס רעכט צו שאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד עפּעס ענלעכס אויף זייערן אַ פיליאַל. עס ווערט פאָרויסגעזען אין זייערע פּלענער צו אײַנשטעלן דירעקטע און רעגולערע פאַרבינדונגען צווישן די ייִדישע רעליגיעזע קעהילעס אין סאָוועטנפאַרבאַנד מיט די ציוניסטישע צענטערס אין אויסלאַנד. וואָס איז דאָ מערער — פּאָליטישער ציניזם צי עלעמענטאַרע פּרעכהײַט? ניט שוין זשע קאָן עמעצער אויסרעכענען דערויף, אַז אונדזער לאַנד, ווי יעטווידע אַנדערע סווּוערענע מעלוכע, וועט דערלויבן, מע זאָל זיך אַרײַנמישן אין די אינערלעכע איניאָנים? אַזוינס איז קיינמאָל ניט געווען און וועט קיינמאָל ניט זײַן. באַ אונדז ווערט דער אַנטיסעמיטיזם פאַרפּאָלגט דורכן געזעץ, דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז עס וועט דערלויבט ווערן די ציוניסטן צו פאַרנעמען זיך אומבאַשטראָפט אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון ראַסיזם.

די צווישנפעלקערלעכע רעאַקציע און איינער פון אירע הויפּט־אַטריאַדן — דער ציִעניזם שטרעבט אַרונטערצורײַסן די איינהײַט פון דער נײַער היסטאָרישער מענטשן־געמיינשאַפט — פונעם סאָוועטישן פאָלק. די דאָזיקע פּרוּוון זײַנען אָבער פאַרורטיילט אַף א דורכפאַל. די צילגעווענדטע טעטיקײַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די קאָנסעקווענטע רעאַליזירונג פון די וויסנשאַפטלעכע לענינישע פּרינציפּן אין דער נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד ווערן געשטיצט מיצאַד אונדזער גאַנץ פאָלק. די סאָציאַל־פּאָליטישע, אידייִש־זיטלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע איינהײַט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט איז איינע פון אונדזערע גרעסטע דעראָבערונגען.

ו. קוראַסאָוו,
ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון „איזוועסטיִא"

די געבענטשטע ערד און אירע מענטשן

אַהער פליט מען אַף אעראָפּלאַנען, מע פאָרט מיט צוגן, מיט אַוטאָמאָבילן. נאָר בעסער פון אַלץ איז, ווי מיר דוכט, גיין איבער דער דאָזיקער ערד צופוס. עס איז ניט קיין צופעליקײַט, וואָס דאָ איז יעדער צווייטער מענטש אָדער א פישער, און אָפּטער פון אַלץ — סײַ א פישער, סײַ א יעגער.

פונעם אעראָפּאָרט זשאָלטי יאַר בין איך מיט אונדזער פאָטאָקאָרעספּאָנדענט יורי סקוראַטאָוו געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן. פונווײַטן האָבן זיך געזען די שפּיצן פון קליין־כינגאַן, עס האָבן זיך געביטן די נעמען פון די דערפער: פּראָנקינאָ, וואַלדהיים, פּטיטשניק. און אָט פאָרן מיר אַרײַן אינעם געגנטלעכן צענטער. די שטאָט האָט באַקומען איר נאָמען פון די צוויי בײַטײַכן פונעם אַמור — בירא און בידזשאַן, וואָס צווישן זיי ליגט די ייִדישע אַוטאָנאָמע געגנט. די שטאָט ביראָבידזשאַן בויט זיך, זי לעבט איצט איבער, קאָן מען זאָגן, איר דריט געבורט: פּריִער הילצערנע הײַזקעס, דערנאָך ציגלנע ביניאָנים פון 3—5 שטאָק, איצט — א פּלאַנמעסיקע בויונג, ווו עס זעען זיך שוין די קאָנטורן פון די קינפטיקע אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען.

דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי לעוו שאַפּיראָ האָט מיר געזאָגט:

— קעדיי אויספילן די אויפגאַבן צו אַנטוויקלען אָט דעם אויסערסט רײַכן ראַיאָן און ברענגען אין אָרדענונג די ווירטשאַפט און דעם לעבנסשטייגער פון די איבערוואַנדערער, האָט מען געמוזט שאַפן אַן אָרגאַניזאַציאָנעל אויסגעפורעמטן אַדמיניסטראַטיוון צענטער. אין אויגוסט 1930 האָט דער פּרעזידיום פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט אָנגענומען א באַשטימונג וועגן שאַפן אין ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט דעם ביראָבידזשאַנער נאַציאָנאַלן ראַיאָן. אין פיר יאָר אַרום איז, אַדאַנק דער שנעלער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פונעם ראַיאָן, אויסגעבילדעט געוואָרן די ייִדישע אַוטאָנאָמע געגנט. זי האָט באַקומען אַלע רעכט, וועלכע די סאָוועטישע געזעצגעבונג האָט אײַנגעשטעלט פאַר די אַוטאָנאָמע געגנטן, וואָס גייען אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע.

די באַהערשונג פון דער געגנט — דאָס איז דער העלדישער אויפטו פון די ערשטע בויער אירע, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך א גוטן שפּור, די פּרוכט פון דער מעסירעסנעפעשדיקער מי פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן.

— דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַלקאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד כאַווער ל. אי. ברעזשנעוו האָט אין זײַן באַריכט־פּאָרטראָג אַפן XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געזאָגט: „נאָך שטאַרקער זײַנען געוואָרן די מאָראַליש־פּאָליטישע איינהײַט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, די ברידערלעכע פרײַנטשאַפט פון אַלע פעלקער פון אונדזער לאַנד". די ריכטיקײַט פון אָט די ווערטער שפּירן מיר יעדן טאָג. די דערפאָלגן אין דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק און קולטור פון אונדזער געגנט זײַנען געוואָרן מעגלעך אַדאַנק דעם, וואָס אין אָט דער אַרבעט האָט גענומען און נעמט אַן אָנטייל דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק. אַפן אָרט פון דער ווילדער טײַגע זײַנען אויסגעוואַקסן שטעט, ייִשוּווים און דערפער, קאָרפּוסן פון זאַוואָדן און פאַבריקן, שולן, קלובן, שפּיטאָלן.

— ווײַט אויסער די גרענעצן פון דער געגנט איז באַוווּסט די פּראָדוקציע פון די פלאַגמענער פון אונדזער אינדוסטריע — פון „דאַלסעלמאַש", „כינגאַנצין", פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרן און טעפּלאָאָזערער צעמענט־זאַוואָד, פון דער נײַפאַבריק, פון דער פאַבריק פון זאָקן־ און טריקאָטאַזש־סכוירעס.

— די ייִדישע אַוטאָנאָמע געגנט רופט מען דער ברויט־שפּײַכלער פון כאַבאַראָווסקער קאַנט, כאָטש זי פאַרנעמט ניט מער, ווי פיר פּראָצענט פון דער טעריטאָריע פונעם קאַנט. און דער קאָוועד איז א באַרעכטיקטער. בערערך זיבעציק פּראָצענט — אַזאַ כיילעק האָט אונדזער געגנט אין דער הורט־גערעטעניש פון די טוווּע־ און סאָיע־קולטורן אינעם גאַנצן קאַנט, מער ווי א העלפט פון דער גערעטעניש פון קאַרטאָפל, העכער פערציק פּראָצענט — פון גרינס.

— פאר דעם לעצטן פינפיאָר זיַינען אין דער געגנט אויסגעבויט געוואָרן העכער 400 טויזנט קוואדראט־מעטער וווינונגען מיט אלע באקוועמלעכקיַיטן.

די דערציילונג פונעם ערשטן סעקרעטאר פון געגנטקאָם האָט פאָרגעזעצט דער פאָרזיצער פון דעם אויספירקאָם פונעם געגנטלעכן סאָוועט פון דעפוטאטן סערגיי דוואקין:

— אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, ווי אין אונדזער גאנצן פילנאַציאָנאלן לאנד, אנטוויקלען זיך אין א ברייטן מאסשטאב די קולטור און די קונסט, די געזונט־פארהיטונג און די פאָלקסבילדונג. איצט פארמאָגן מיר 140 שולן, זעקס לערן־אנשטאלטן פון ספעציעלער מיטלבילדונג און זיבן פראָפטעכנישע שולן.

— בא אונדז דערשיַינען צוויי ציַיטונגען — „ביראָבידזשאנער שטערן" אין ייִדיש און „ביראָבידזשאנסקאיא זוועזדא" אין רוסיש. די אָרטיקע ראדיאָ טראנסלירט יעדן טאָג אירע פראָגראמען אין רוסיש און אין ייִדיש. אפן וויַיטן מיזרעך זיַינען פּאָפולער די ביראָבידזשאנער פאָלקס־טעאטערן — דער ייִדישער און דער רוסישער. עס איז היפש ריַיכער געוואָרן דער ביכער־פאָנד פון דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אף שאָלעם־אלייכעמס נאָמען און פון די אנדערע ביבליאָטעקן.

— מיר שטאָלצירן מיט אונדזערע דערגרייכונגען, מיר זיַינען שטאָלץ דערמיט, וואָס די מעסירעסנעפעשדיקע מי פון די ארבעטער, קאָלווירטניקעס, אינטעליגענץ פון דער געגנט איז אָפּגעמערקט געוואָרן מיט הויכע באלוינונגען פונעם היימלאנד. מיטן טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי זיַינען באַערט געוואָרן אונדזערע לאנדסליַיט וולאדימיר פּעלער, וועלכער האָט א סאך יאָרן אָנגעפירט מיטן קאָלווירט „איליטשס געבאָטן", די טוערנס פון דער דאָזיקערווירטשאפט — די פארוואלטערן פון דער מילך־פערמע מאריע פּאָקאטילאָ און די רינגלערן מאריע בראכמאנאָווא, דער מאשיניסט פון אומקריַיזאויוונס אפן טעפלאָאָזערער צעמענט־זאוואָד וויקטאָר וורובלעווסקי, די נייטערן פון דער ביראָבידזשאנער ניי־פאבריק כיַיע קאראסיק און דער קוקורוזע־ציכטלער פונעם דאָברינער סאָווירט וולאדימיר פּאזדניַיקאָוו...

אין דער שטאָט ביראָבידזשאן

איינע פון די הויפּט־גאסן אין ביראָבידזשאן טראָגט דעם נאָמען פונעם קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור שאָלעם־אלייכעם. דאָס הויז נומ. 1 אף אָט דער גאס פארנעמט דער האָטעל „צענטראלנאיא" — א מאָדערנע ליכטיקע געביַידע, ראכוועסדיקע וואַרט־זאלן, אויסגעצייכנטע נומערן. לענגויס דער גאס ציִען זיך גליַיכע ביימער־רייען. זומער־ציַיט איז די גרינע פארב די הערשנדיקע אין ביראָבידזשאן. איך האָב שוין געזאָגט, אז די שטאָט לעבט איבער איר דריטן געבורט. היַינט־צו־טאָג נעמען אָנטייל אינעם פּראָיעקטירן די ביראָבידזשאנער בויונגען פּראָיעקטאנטן פון לענינגראד, כארקאָוו, אָמסק...

אן אָרגאנישע דעטאל פונעם שטאָטישן פּייזאזש איז דער הייב־קראן. מיר גייען ארוף אף א הויכן עטאזש פון איינעם פון די ווויִן־היַיזער, וועלכע בויען זיך. מיטן מאָנטאזש פון די פּאנעלן פירט ענערגיש אָן א געפּאקטער מאנצבל, עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן וווקס. מיר באַקאנען זיך. דאוויד יאקאָוולעוויטש גלייזער, בריגאדיר פון דער קאָמפּלעקס־בריגאדע פון דער בוי־ און מאָנטאזש־פארוואלטונג נומ. 1 באם טרעסט „ביראָבידזשאנציעלינבוי". שוין באלד א פערטל יאָרהונדערט בויט ער אין ביראָבידזשאן וווין־היַיזער, אינדוסטריעלע אָביעקטן, קולטור־ און שטייגער־אנשטאלטן. ער איז באלוינט מיט א לענין־אָרדען, מיט די אָרדענס פון דער רויטער ארבעטס־פאָן און פון ארבעטס־רום פון III מאדרייגע...

דאָרט, וווּ עס ענדיקט זיך די שאָלעם־אלייכעם־גאס, הייבט זיך אָן א ניַיער שטאָטישער מיקראָ־ראיאָן, וועלכער טראָגט יוסף בומאגינס נאָמען. איך דערמאָן זיך דאָס בילד, וואָס איך האָב געזען אין איינעם פון די זאלן פונעם אָרטיקן קאנטקענטעניש־מוזיי. א פּאשיסטישער דזאָט, א רויטע פיַיער־צונג, וואָס שפּארט פון א קוילנווארפער־רער, און א דרייסטער שפּרונג פון א יונגן אָפיצער. דאָס איז געווען א שפּרונג אין דער אומשטערבלעכקיַיט. דער געוועזענער ארבעטער פונעם ביראָבידזשאנער וואַגאָנער־זאוואָד דער העלד פונעם סאָוועטנפארבאנד יוסף בומאגין האָט אין דער שלאכט אין ראיאָן פון ברעסלאו איבערגעכאזערט דעם העלדנטאט פון אלעקסאנדער מאטראָסאָוו. אין דעם זעלבן מוזיי האָב איך זיך באקאנט מיט דער מילכאָמע־סטאטיסטיק פון דער געגנט: צען העלדן פונעם סאָוועטנפארבאנד, דריַי פולע קאוואלערן פונעם רום־אָרדען, זיבן טויזנט באלוינטע מיטן מעדאל „פארן זיג איבער דיַיטשלאנד", הונדערטער און הונדערטער געפאלענע.

יוסף בומאגינס נאָמען איז דער ערשטער אפן שטיינערנעם מעמאָריאל־טאָוול, אין דער רעשימע פון די העלדן, וועלכע האָבן זיך ניט אומגעקערט אין די צעכן פונעם זאוואָד „דאלסעלמאש". די געשיכטע פונעם זאוואָד הייבט זיך אָן אין די ערשטע יאָרן פון דער מאסן־איַינוואנדערונג אין אָט דעם קאנט. דאָס איז געווען אן ארטעל מיטן נאָמען „די ראָד פון דער רעוואָליוציע". דער ארטעל פלעגט ארויסלאָזן רעדער פאר וועגענער און שפּעטער אויך גאנצע וועגענער. מיט דער ציַיט איז אף אָט דעם אָרט אופגעקומען אן אָבאָז־זאוואָד. מיט א דיפּלאָם פון דער אלפארבאנדישער לאנדווירטשאפטלעכער אויסשטעלונג זיַינען אָפּגעמערקט געוואָרן די ביראָבידזשאנער וועגענער מיט א שפּאן אף צוויי פערד. דערנאָך זיַינען דאָ פּראָדוצירט געוואָרן צוגאָב־פּלאטפאָרמעס אף צושטעפּן אווטאָמאָבילן און טראקטאָרן. אין 1960 האָט דער זאוואָד (ער האָט שוין געהייסן „דאלסעלמאש") ארויסגעלאָזט די ערשטע פּופּציק קאָמביַינען «СКГ-3».

אף די פאָטאָס פון רעכטס אף לינקס (פון אויבן אראָפּ): אין דער געגנטלעכער דרוקעריַי. דער מעטראַנ־פּאַזש ש. ברייטמאַן באַ דער „וויאָרסטקע" פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן"; אין דער געגנט־לעכער ביבליאָטעק אף שאָלעם־אַליכעמס נאָמען; אינדוסטריעלער פּייזאַזש; אַ ביכער־קיאָסק אין צענטער פון ביראָבידזשאַן; אַ באַלנעאָלאָגישער הייל־אַנשטאַלט.

פאָטאָ יו. סקוראַטאָוו





— הײַנט איז אונדזער אונטערנעמונג, — זאָגט דער זאַוואָד־דירעקטאָר, קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן עדואַרד ליפּאָוועצקי, — די אײנציקע אין סאָוועטנפארבאנד, וועלכע לאָזט ארויס קאָמבײַנען מיט א רויפּן־גאנג. אונדזערע מאשינעס טײלן זיך אויס מיט זייער הויכער דורכגאנג־פּייִקײַט. קיין שום מאשין קאָן זיי ניט פארבײַטן בײַס דער ארבעט אף שטארק פײַכטע באָדנס. עס קויפן זיי 14 לענדער פון דער וועלט. אונדזער יאָר־פּראָדוקציע באטרעפט ביז פיר טויזנט טוווּע־ און סילאָס־קאָמבײַנען.

— איצט ווערט דער זאַוואָד רעקאָנסטרויִרט. עס איז פאבריײטערט געוואָרן דער הויפּט־קאָרפּוס, ס'זײַנען געלאָזט אין גאנג נײַע מעכטיקײַטן.

(עדוארד ליפּאָוועצקי קלאָגט זיך, אז די ארבעטס־טעמפּן פון דער רעקאָנסטרוקציע זײַנען ניט אזעלכע, ווי עס וואָלט זיך וועלן).

דעם דירעקטאָרס קאנדידאטן־דיסערטאציע איז דירעקט פארבונדן מיט דער פּראָדוקציע פון קאָמבײַנען. ע. ליפּאָוועצקי איז געקומען אפן ווײַטן מיזרעך נאָכן פארענדיקן די מאָסקווער טעכנישע הויכשול אף באומאנס נאָמען. פאר 25 יאָר האָט ער דורכגעמאכט דעם וועג פון א באצירק־מײַסטער ביז א זאַוואָד־דירעקטאָר. ער איז באלוינט מיט די אָרדענס „רויטע ארבעטס־פאָן“ און „ערן־צייכן“.

אין ע. ליפּאָוועצקיס קאבינעט האָבן מיר זיך באקאנט מיט אײנעם פון די בעסטע ארבעטער פונעם „דאלסעלמאש“ — כאיִם לאנצמאן, א טאָקער פון העכסטן קלאס. ער איז א מיטגליד פון דער ביוראָ פון געגנטקאָם פון דער פארטיי, א דעפּוטאט פונעם קאנט־סאָוועט.

אלזאָ, פון א ראָד צום וואָגן — ביז אן אוניקאלן קאָמבײַן. ביראָבידזשאן ווייסט ניט ווייניק בײַשפּילן פון אזעלכע ענדערונגען אין דער אינדוסטריע. דער ארטעל „געבויגט מעבל“ האָט געבוירן דעם מעכטיקן האָלץ־באארבעטונג־קאָמבינאט, וואָס זײַן מעבל קאָן מען זען אין גאנצן ווײַטן מיזרעך. דער ארטעל „מעטאל־ארטיקלען“ (מולטערס, עמערס), וועלכער האָט זיך אמאָל געפונען אין געוועזענע פערד־שטאלן, איז געוואָרן אן אונטערנעמונג פון אלפארבאנדישן כאראקטער — דער זאַוואָד פון קראפט־טראנספאָרמאטאָרן.

— עס איז שווער צו געפינען אין לאנד כאָטש איין גרויסע בויונג, ווו עס זאָלן ניט אָנגעווענדט ווערן אונדזערע טראנספאָרמאטאָרן, — דערציילט דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד, דעפּוטאט פונעם אויבער־סאָוועט פון רספסר מארק קויפמאן, — אונדזערע טראנספאָרמאטאָרן קען מען אפן „באם“, אף „קא־מאז“, אף דער זעיער הידראָ־עלעקטרישער סטאנציע...

ער הייבט זיך אוף איבער דער שטאָט די באוווּסטע סאָפּקע, וואָס אף איר שפּיץ שטעקט די „נאָדל“ פונעם טעלעוויזיע־טורעם. פונדאנען, פונעם קוק־פּלאץ, זעט מען דעם גאנצן געגנט־לעכן צענטער, די שטאָט, ווו עס לעבן און ארבעטן איצט 65 טויזנט מענטשן.

פונעם כינגאַן ביז אמור

מײַן ערשטע רײַזע איז געווען אין אײנער פון די בעסטע ווירטשאפטן פון דער געגנט, אינעם עלטסטן קאָלווירט „איליטשס געבאָטן“. דאָס איז א ווירטשאפט מיט העכער 22 טויזנט העקטאר ערד, זיבן טויזנט העקטאר לאנדווירטשאפטלעכע גיטער, 3,5 טויזנט העקטאר אקערערד. די דאָזיקע ציפער האָט אין א שמועס מיט מיר אָנגערופן דער שטעלפארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם קאָלווירט באָריס ראק. א באקאנטע פאמיליע. און ווידער האָב איך זיך דערמאָנט דעם קאנטקענטעניש־מוזיי, די פאָטאָגראפיע אפן סטענד: אן ערשטער טראקטאָר אין ראיאָן, באם רודער זיצט כאיִם ראק (דער פאָטער פון באָריס ראק). טיף אין באָדן האָט געלאָזט אירע וואָרצלען די מישפּאָכע פונעם וועטעראן כאיִם ראק. זעקס קינדער זײַנע (פיר מיט הויכבילדונג) ארבעטן איצט אין „איליטשס געבאָטן“. דער זיבעטער איז א וועטערינאר־דאָקטער אין דעזשנעווער סאָווירט.

מע דארף זאָגן, אז מיט אזעלכע מישפּאָכעס האָב איך זיך דאָ באגעגנט ניט אײן מאָל. לייב פײַמאן איז דער פּיאָנער פון דער קאָלווירטישער גרינסצוכט. און הײַנט איז אינעם גאנצן קאנט באוווּסט דער נאָמען פון זײַן טאָכטער פייגע פײַמאן — איר מי אף די גרינס־פּלאנטאציעס איז אָפּגעמערקט געוואָרן מיט א לענין־אָרדען און מיטן אָרדען „ערן־צייכן“. פייגעס ברודער פארוואלטעט מיט א פערמע, אירע צוויי זין ארבעטן אויך אינעם קאָלווירט.

דער צענטער פונעם קאָלווירט געפינט זיך אינעם דאָרף וואלדהיים. יאָ, ס'איז בעעמעס א וווּנדער: פון א הילצערנער הײַזקע אין טײַגע האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פונעם קאָלווירט־מיליאָנער, וועלכער איז באלוינט מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן, — „איליטשס געבאָטן“...

איך לאָז זיך ווײַטער אין וועג ארײַן. איצט שוין — צום צאָפן־מײַרעוו־טייל פון דער געגנט, ווו עס געפינען זיך דער לאָנדאָקער קאלך־זאַוואָד און דער טעפּלאָאָזערער צעמענט־זאַוואָד. דאָ איז אויך דער פישצוכט־זאַוואָד, ווו מע פארנעמט זיך מיט אופשטעלן די פיש־רעזערוון פון דער בירא און פונעם אמור.

דער וועג ציט זיך בארג־ארוף. אָט איז דער בארימטער קוראָרט „קולדור“. מע זאָגט, אז דאָס איז א מײַסע שעהאָיאָ: א יעגער האָט אין דער טײַגע נאָכגעיאָגט זיך נאָך א זובער, וועלכן ער האָט פארווונדעט. ער איז געגאנגען און זיך

קאַראַבקעס איבער די שטייליקע שפּיצן פונעם בורעינער באַרגרוקן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין די טאָלן. אין איינעם פון זיי — אינעם טאָל פונעם טײַך קולדור, האָט ער אָנגעיאָגט זײַן זובער. נאָר ער האָט זיך ניט געכאַפּט צו דער ביקס. דער זובער האָט זיך געהיילט. יאָ, געהיילט זיך, אַרײַנשטעלנדיק זײַן פאַרוווּנדעטן אייווער אינעם קאָכיקן וואַסער פון דעם קוואַל (דערנאָך האָט מען די וואַרעמקײַט אויסגעמאָסטן — 72 גראַד צעלסי)...

אין 1924 האָט דער קוראָרט „קולדור" אויפגענומען זײַנע ערשטע פּאַציענטן. אין די צען קאָרפּוסן פונעם הייל־אַנשטאַלט היילן זיך הײַנט ביז טויזנט מענטשן אין אַ וואַכטע.

דער וועג וועט ווײַטער פירן אויף דאָרעם, צום אַמור. אַ לײַכטע מעטעליצע האָט פאַרפּאָראַשעט עמעצנס טריט־שפּורן. אונדזער שאָפער, אַ געניטער יעגער, האָט אונדז פון צײַט צו צײַט אינפאָרמירט: אַ פוקס, אַ האָז... מיר האָבן איבערגעשראָקן צוויי פאַזאַנען. די טײַגע, וואָס איז געלעגן פון ביידע זײַטן וועג, איז אַמאָל באַשײַנט געוואָרן פון ליכטיקע בערעזע־שטאַמען, אַמאָל טונקל געוואָרן פונעם זאַפטיקן גרינס פון די צעדערביימער. דער גרויער הימל, באַדעקט מיט אַ געדיכטער כמאַרע, האָט ניט געקאָנט פאַרשטעלן די מאַיעסטעטישע שיינקײַט פון די אַרומיקע פּייזאַזשן. מיט אַ זילבערדיקער ראַכוועס האָט אונדז באַגעגנט דער אַמור, וואָס איז געווען באַדעקט מיט פעסטן אײַז...

קיין כאַבאַראָווסק זײַנען מיר געפאָרן מיטן צוג, וועלכער גייט אויף דרײַ פערטל צוויי באַטאָג. מיר האָבן אין אונדזער רעשוס צוויי שאָ. זײַנען מיר אַרײַן אָפּעסן מיטיק. אין מעניו — טײַגע־קרעפּלעך. נאָר... ספּעציעל געגרייטע געריכטן דערלאַנגט מען ערשט נאָך פיר באַטאָג. „עפּשער קאָן מען איצט?" — פרעגן מיר. „יאָ, מע קאָן", — האָט געענטפערט די אָפיציאַנטקע. אָט אַזוי זײַנען אונדזערע גוטע אײַנדרוקן וועגן דער דאָזיקער געגנט דערגאַנצט געוואָרן מיט נאָך אַ קליינינקן צייכן פון אויפריכטיקער גאַסטפרײַנטלעכקײַט.

ביראָבידזשאַן — מאָסקווע

ייִדיש — מ. איטקאָוויטש

כראָניק

צווישן ביכער

גאָסן דערציילן

אַזוי הייסט דער בוך פאַרצייכענונגען, וועלכן ס'האָט אַרויסגעגעבן דער אָדעסער פאַרלאַג „מאַיאַק". דער בוך איז געווידמעט דער פאַרגאַנגענהײַט און דעם הײַנטיקן טאָג פון דער העלדן־שטאָט. די אויטאָרן ק. סאַרקיסיאַן און מ. סטאַוויצער דערציילן וועגן די וויכטיקסטע היסטאָרישע און רעוואָליוציאָנערע געשעענישן, וועגן מערקווירדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט און געאַרבעט אין אָדעס, וועגן געדענק־דאַטעס, וואָס זײַנען פאַרייביקט אין די נעמען פון גאַסן און געסלעך, פּראָספּעקטן און בולוואַרן.

אין דער נאָטיץ וועגן דער שאָלעם־עליכעם־גאַס (געוועזענע מיאַסאָיעדאָווסקאַיאַ, ווו דער גרויסער פאָלקסשרײַבער האָט אַ געוויסע צײַט געלעבט) ווערט געבראַכט אַן אויסצוג פון מיקאָלאַ באַזשאַנס אַרויסטרעטונג אין צוזאַמענהאַנג מיט שאָלעם־עליכעמס 50־טן יאָרצײַט (מײַ 1966). דער באַוווּסטער אוקראַיִנישער שרײַבער באַטאָנט, אַז אוקראַיִנע איז פון לאַנג געוואָרן ניט בלויז דאָס היימלאַנד פאַר אַזעלכע אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער, ווי מענדעלע מוכר־ספֿרים און שאָלעם־עליכעם, נאָר אויך אַ צענטער פון דער נײַער פּראָגרעסיווער ייִדישער ליטעראַטור.

פּונקט ווי מענדעלע מוכר־ספֿרים, — ווערט געזאָגט אין דער נאָטיץ, — איז שאָלעם־עליכעם געווען ענג פאַרבונדן מיט אָדעס. אין 1890 באַזעצט ער זיך דאָ מיט זײַן פאַמיליע און הייבט אָן אײַנגיכן מיטאַרבעטן אין די צײַטונגען „אָדעסקי ליסטאָק" און „אָדעסקיִע נאָוואָסטי", אין וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען און פעליעטאָנען, געשריבענע אין רוסיש. אין אָדעס האָט שאָלעם־עליכעם אין יענע יאָרן, אין שײַכעס מיט דער כאָלערע־עפּידעמיִע, אַרויסגעגעבן אַ בראָשור, אין וועלכער ער האָט קריטיקירט די צאַרישע מאַכט פאַר אויסטיילן ניט גענוגנדע מיטלען אויף צו באַקעמפן די עפּידעמיִע. אין 1908 האָט די שטאָטישע געזעלשאַפטלעכקײַט פון אָדעס פײַערלעך אָפּגעמערקט 25 יאָר ליטעראַרישע טעטיקײַט פון דעם באַליבטן וואָרטמײַסטער.

שאָלעם־עליכעמען דעם פאָלקסשרײַבער, — ווערט ווײַטער אונטערגעשטראָכן אין דער נאָטיץ, — איז שטענדיק געווען פרעמד דער נאַציאָנאַליזם, די רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע פונעם ציוניזם. ער האָט געלעבט מיט די אינטערעסן פון די אָרעמע האָרעפּאַשנע מענטשן, און זיי האָט ער אָפּגעגעבן זײַן גאַנצן טאַלאַנט.

שאָלעם־עליכעמס ווערק ווערן בײַ אונדז אין לאַנד אַרויסגעגעבן אין דער ייִדישער, רוסישער, אוקראַיִנישער און אַנדערע שפּראַכן פון די סאָוועטישע פעלקער. אין מעשׂך פון פיל יאָרצענדליקער ווערן מיט דערפאָלג אויפגעפירט זײַנע פּיעסן.

■ ■ ■

מיר ענטפערן אף פראגעס

פון אונדזערע לייענער

לעאָנעל דאַדיאַני

פּראָוואָקאַציעס פון די ציִוניסטן קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג

כאָשעווע רעדאַקציע! ווי איך פאַרשטיי, איז די טעאָריע וועגן „גוטע" און „שלעכטע" ציִוניסטן, וועגן „אַרבעטער"־ציִוניזם און וועגן ציִוניזם, וואָס פּרייִדיקט „ייִדישן סאָציִאַליזם" און אַפילע „ייִדישן קאָמוניזם" — ניט קיין נײַס אין די טיפע דזשונגלען פונעם סאָציִאַל־אָפּאָרטוניזם. אָף וויפל די דאָזיקע טעאָריע איז איצט געוואָרן אַ פּלאַטפאָרמע פאַר די רענעגאַטן פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער באַוועגונג אין אויסלאַנד, וואָלט געוועז ווינטשנסווערט, אַז אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל אויפקלערן דעם איניען סײַ אין היסטאָרישן אַספּעקט, סײַ אין דער שײַן פון די געשעענישן פאַר דער לעצטער צײַט.

כ. בוגאַז
קיִעוו

נאָך דער גרויסער סאָציִאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז אַ טייל פון די „לינקע" ציִוניסטן אַרויסגעטראָטן מיט דעמאַגאָגישע דראָשעס וועגן דער נייטיקייט צו „פאַראייניקן דעם אַרבעטער־ציִוניזם מיטן קאָמוניזם", אָנגעבנדיק זיך זעלבסט אַלס קאָמוניסטן. אונטער דער מאַסקע פון פּסעוודאָמאַרקסיסטישע פראַזעס און צוויִעסדיקע מעלדונגען וועגן זייער קלוימערשטער טרײַהײַט דעם קאָמוניזם, דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע און דער סאָוועטנמאַכט, האָט די אַזוי־גערופענע „ייִדישע קאָמוניסטישע פאַרטיי (פּאָאַלע־ציִען)" גענומען פירן אַן אַרבעט צווישן די ייִדישע מאַסן אין ציִוניסטישן גײַסט, נייטראַליזירן די קריטיק קעגן דער טעאָריע און פּראַקטיק פונעם ציִוניזם, אײַנשמועסן די ייִדישע אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, אַז זיי דאַרפן עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע, וווּ זיי וועלן קאָנען „פאַנאַנדערוויקלען דעם קלאַסנקאַמף" און צוגרייטן די „סאָציִאַליסטישע רעוואָליוציע". אָנרופנדיק זיך אינטערנאַציִאָנאַליסטן, הייסע פּאַרטייִדיקער פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, האָבן די „ייִדישע קאָמוניסטן (פּאָאַלעציִעניסטן)" געטאָן אַלץ, קעדיי דערשלאָגן זיך, אַז דער קאָמינטערן און זײַנע סעקציעס זאָלן שטיצן די „פּאַלעסטינער אידיי".

די אינטערנאַציִאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט טייקעף דערקענט דעם אַנטיפּאָלקישן, קאַפּיטאַליסטישן טאָך פון דער „ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (פּאָאַלע־ציִען)". די צווייטע אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון די ייִדסעקציעס בא דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און פון פאַרשטייער פון די ייִדישע קאָמיסאַריִאַטן[1], וועלכע

[1] ייִדישע קאָמיסאַריִאַטן — אָרטיקע אַנשטאַלטן פונעם קאָמיסאַריִאַט פאַר ייִדישע אָנגעלעגנהײַטן, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין יאַנוואַר 1918 (אָנהייבנדיק פונעם 1921 האָט ער געהייסן אָפּטייל פאַר ייִדישע איניאָנים) און איז געווען אַן אָרגאַן פון דעם פאָלקס־קאָמיסאַריִאַט פאַר די אָנגעלעגנהײַטן פון די נאַציִאָנאַליטעטן.

איז פאַרגעקומען אין יוני 1919, דה. נאָך ביז
דער אָפיציעלער אויסבילדונג פון דער אָנגע־
רופענער פסעוודאָמארקסיסטישער פּארטיי, האָט
באזונדערס באטאָנט די נייטיקייַט צו פאַר־
שטאַרקן די ארבעט פון דעמאסקירן די „לינקע"
ציִעניסטן, דעריקער יענע, וואָס גיבן זיך אָן
אלס קאָמוניסטן. „די פּאָאלעציִעניסטן, וועלכע
רופן זיך קאָמוניסטן, — איז געזאָגט געוואָרן אין
דער רעזאָליוציע פון דער קאָנפערענץ, — פירן
פאקטיש דורך אונטערן פלאג פון קאָמוניזם די
בורזשואזע אידייע פונעם ציִעניזם. דער פאקט
פון אויסנוצן אָף אזא אויפן די פאָן פונעם קאָ־
מוניזם צוליב צילן, וועלכע געפינען זיך אין
פולן ווידערשפרוך מיט די יעסוידעס פונעם קאָ־
מוזינם, דאַרף אין דער פולער מאָס אופגעדעקט
ווערן פאר די ארבעטער־מאסן".

די פראגע וועגן דעם אימפּעריאַליסטישן טאָך
פון יעטווידער וואַריאַציע פונעם ציִעניזם און
וועגן דער רעאקציאָנערער, פּראָוואָקאטאָרישער
טעטיקייַט פון די ציִעניסטן־„סאָציאַליסטן" אין
דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־באַוועגונג
איז מיט דער גאַנצער שאַרפקייַט געשטעלט גע־
וואָרן אָפן צווייטן קאָנגרעס פונעם קאָמוניס־
טישן אינטערנאציאָנאל, וואָס איז פאָרגעקומען
זומער 1920. אין דער רעזאָליוציע וועגן דער
נאציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער פראגע, וועלכע
עס האָט אָנגענומען דער צווייטער קאָנגרעס פון
קאָמינטערן באם אקטיווסטן אָנטייל פון וו. אי.
לענינען, איז באזונדערס באטאָנט געוואָרן, אז
„אלס בוילעטער בייַשפּיל דערפון, ווי מיט די
פאַרייניקטע אָנשטרענגונגען פונעם אימפּעריאַ־
ליזם, פון דער אנטאנט און בורזשואזיע פון
דער אנטשפּרעכיקער נאציע באשווינדלט מען
די ארבעטנדיקע מאסן פון אן אונטערדריקטער
נאציע, קאָן דינען די פּאַלעסטינער אונטערנע־
מונג פון די ציִעניסטן, ווי דער ציִעניזם בכ־
כלל..."

דעם 11 נאָיאבער 1920 האָט דער צק פון
דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי
(באָלשעוויקעס) פאַרעפנטלעכט א צירקוליאַר
וועגן דער באַציִונג צום „בונד" און צו דער
„ייִדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (פּאָאלע־
ציִען)". דער צירקוליאַר האָט אָנגעוויזן, אז עס
איז נייטיק צו פירן אן אנטשיידענעם אידייִשן
קאַמף קעגן אָט די נאציאָנאליסטישע פּאַרטייען;
אז עס איז ניט דערלאָזבאר אָנטיילצונעמען צו־
זאמען מיט זיי אין פּאָליטישע קאמפּאניעס.

אלע פּרוּוון פון די „ייִדישע קאָמוניסטן" צו
אריַינשמוגלען זיך אין דער אינטערנאציאָנא־
לער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָבן זיך פאַ־
רענדיקט מיט א פולן דורכפאל. אין די יאָרן
1920, 1921 און 1922 האָט דער אויספירקאָם
פון קאָמינטערן באטראַכט די ביטעס וועגן אָנע־
מען אין קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל דעם
אזויגערופענעם „ייִדישן קאָמוניסטישן וועלט־
פאַרבאַנד פּאָאלע־ציִען" און געענטפערט מיט
אן אָפּזאָג, פאָרלייגנדיק דעם „וועלט־פאַרבאַנד"
צו דערקלערן, אז ער לאָזט זיך פאנאנדער, און
מיט דעם „געבן די קאָמוניסטן, וועלכע שטאַ־
מען פונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, די מעגלעכ־
קייַט אריַינצוטרעטן אין די קאָמוניסטישע פּאַר־
טייען פון זייערע לענדער". „דער פּאַלעסטינע־
פּראָיעקט, דער פּרוּוו צו אָפּרייַסן די ייִדישע
ארבעטנדיקע פונעם קלאסנקאַמף דורך דער
פּראָפּאַגאַנדע פון מאסנווייַזן אריבערפאָרן קיין
פּאַלעסטינע, — האָט דער אויספירקאָם פון קאָ־
מינטערן אָנגעוויזן אין זייַן באַשטימונג פון 22
יולי 1922, — זייַנען ניט בלויז נאציאָנאליסטישע
און קלייַנבירגערלעכע אקציעס, נאָר אין טאָך
קאָנטררעוואָליוציאָנערע".

פונדעסטוועגן האָט די קאָמיסיע פונעם
אויספירקאָם פון קאָמינטערן, וועלכע איז באַ־
שטאַנען פון פאָרשטייער פון יענע לענדער, ווו
די פּאָזיציעס פונעם „וועלט־פאַרבאַנד פון ייִדי־
שע קאָמוניסטן" זייַנען געווען פעסטע, באַ־
שלאָסן (מיט פינף שטימען קעגן צוויי) צולאָזן
פאָרשטייער פונעם „וועלט־פאַרבאַנד" אָפן
דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן מיט באַראַטונג־
רעכט. נאָכן דריטן קאָנגרעס (זומער 1921)
האָבן דער אויספירקאָם פון קאָמינטערן און די
ברידערלעכע פּאַרטייען גענומען א קורס צו
פאַרגיכערן די דעמאסקירונג פון די „ייִדישע
קאָמוניסטן (פּאָאלעציִעניסטן)". די זאָרגזאַמע
אויפקלערערישע און דערציִערישע ארבעט, וואָס
די רקפּ(ב) און די אנדערע קאָמפּאַרטייען האָבן
פאנאנדערגעוויקלט צווישן די ייִדישע ארבעטנ־
דיקע, וועלכע זייַנען פאַרפירט געוואָרן דורך
דער דעמאַגאָגיע פון די „ייִדישע קאָמוניסטן",
האָט געבראַכט דערצו, אז אלץ א גרעסערע
צאָל מיטגלידער פון דער „ייִדישער קאָמוניסטי־
שער פּאַרטיי (פּאָאלע־ציִען)" האָט אָנגעהויבן
איבערייַסן די פאַרבינדונגען מיט די לידערס,
ארויסטרעטן פון אָט דער נאציאָנאליסטישער,
אָפּאָרטוניסטישער אָרגאניזאציע און שטעלן זיך
אָף עכט קאָמוניסטישע פּאָזיציעס. אין דעקאַ־
בער 1922 האָט די „ייִדישע קאָמוניסטישע
פּאַרטיי (פּאָאלע־ציִען)", וועלכע האָט עקזיס־
טירט אין די סאָוועטישע רעפּובליקן, זיך דער־
קלערט פאר פאנאנדערגעלאָזט, די מערהייַט
מיטגלידער איז אריַינגעטראָטן אין דער רקפּ (ב).
דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אויך אין אנדערע
לענדער.

אין פּאַלעסטינע איז די קאָמוניסטן־אינטער־
נאציאָנאליסטן אויסגעקומען אין מעשך פון א
ריי יאָרן — פון 1919 ביז 1924 — צו פירן א
פאַראַקשנטן קאַמף קעגן די פּרוּוון פון די גע־
וועזענע פּאָאלעציִעניסטן צו אָנבינדן דער פּאַר־
טיי דעם באָראָכאָוויזם[1]. אינעם פאָרטראָג וועגן
דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער קאָמפּאַרטיי פון
ייִסראָעל האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון
דער פּאַרטיי מייער ווילנער גערעדט וועגן
דעם, אז די פּאַלעסטינער קאָמוניסטן איז אין

[1] באָראָכאָוויזם, אָדער אזויגערופענער „פּראָלע־
טאַרישער ציִעניזם", — די באַוועגונג ארום דעם לינק־
ציִעניסטישן טעאָרעטיקער בער באָראָכאָוו, וועלכער
האָט דערקלערט וועגן דער „פאַרייניקונג פונעם ציִע־
ניזם מיטן מארקסיזם".

די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי ניט בלויז אויסגעקומען צו פירן אַן איַינגעשפּאַרטן קאַמף קעגן דעם „סאָציאַל־ציִוניזם אין אַלע זײַנע פאָרמען און וואַריאַציעס, איַינגעשלאָסן דעם קאַמף קעגן דער אָרטיקער „יידישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (פּאָאַלע־ציִון)", וועלכע האָט געפּרוּווט זיך פאַרשטעלן ווי די מאַרקסיסטיש־לענינישע פּאַרטיי; דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל איז אויך אויסגעקומען צו פירן טאָגטעגלעך אַ זאָרגזאַמע פּאָליטיש־דערציִערישע אַרבעט פון אויסלעבן די רעשטן פון דער ציִוניסטישער אידעאָלאָגיע און פון איר איַינפלוס אַף אַ טייל מיטגלידער פון דער פּאַרטיי.

אין אַקטיוון קאַמף קעגן די פאַרשיידענע ציִניסטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען, וועלכע האָבן געפּרוּווט לאָזן וואָרצלען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן געפירט אויך איַיניקע אַנדערע סעקציעס פונעם קאָמינטערן. גרויס אופמערקזאַמקײַט דער דאָזיקער פּראָבלעם האָט געשענקט, לעמאָשל, די קאָמפּאַרטיי פון פּוילן. געבנדיק אַ מאַרקסיסטיש־לענינישע אָפּשאַצונג די ייִדישע בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע פּאַרטייען, וועלכע זײַנען דעמלט געווען אַקטיוו אין פּוילן, האָט די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַטאָנט אין איר פּראָגראַם (אין 1932), אַז סײַ דער רעכטער, סײַ דער לינקער „פּאָאַלע־ציִון" זײַנען „וואַריאַציעס פון דער נאַציאָנאַליסטישער קאָנטררעוואָליוציאָנערער פּאַרטיי אין די רייען פונעם פּראָלעטאַריאַט... די אַגענטור פונעם בורזשואַזן ציִוניזם אונטער אַ פּראָלעטאַרישער מאַסקע".

די רעאַלע ווירקלעכקײַט האָט באַשטעטיקט די ריכטיקײַט פון די אָפּשאַצונגען, וועלכע עס האָט געגעבן דעם ציִוניזם (איַינגעשלאָסן זײַן „לינק־סאָציאַליסטישן" און פּסעוודאָקאָמוניסטישן פליגל) די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין די יאָרן, ווען דער קלאַסן־טאָך פונעם ציִוניזם איז געווען אַזוי קונציק פאַרמאַסקירט דורך דעמאַגאָגיע, אַז אין ברייטע קרײַזן פון דער וועלט־עפנטלעכקײַט איז די פאַרשטעלונג וועגן די עמעסע צילן פונעם ציִוניזם געווען אַ פאַלשע.

„איבער דער פּאַן־איסלאַמיזם און פּאַן־טיורקיזם זײַנען דעמאַסקירט געוואָרן פאַר די פאָלקסמאַסן דורכן עצעם גאַנג פון דער געשיכטע און אָט די באַוועגונגען האָבן געליטן אַ פולן אָדער אַ קימאַט פולן קראַך, — זאָגט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי פון סיריע כאַלעד באַגדאַש, — איז מיטן ציִוניזם געשען ניט אַזוי. די רעציכעס פון די פאַשיסטן קעגן די ייִדן בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן געגעבן די ציִוניסטישע לידערס און פּאַרטייען די מעגלעכקײַט צו שילדערן יעטווידן קאַמף קעגן דעם ציִוניזם אַלס אַ קאַמף קעגן די ייִדן בכלאַל, אַלס אַנטיסעמיטיזם".

ווײַטער זאָגט כ. באַגדאַש, אַז דער קאַמף קעגן דער „געפאַר פונעם ציִוניזם אַלס אַן אידעאָלאָגיע און אַלס אַ רעאַקציאָנערע, שאָוויניסטישע באַוועגונג, וואָס איז פאַרבונדן מיטן וועלט־אימפּעריאַליזם, באַגרענעצט זיך ניט מיטן אַראַבישן מיזרעך", נאָר „ווערט פאַרשפּרייט אַף דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אַף דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין יעטווידן לאַנד פון דער וועלט, סײַ אין מײַרעוו, סײַ אין מיזרעך".

דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם און דער רעוויזיאָניזם ציִען, אַלס קלאַל, זייער יעניקע איינער פונעם אַנדערן, זיי געבווירן און דערגאַנצן איינער דעם צווייטן. די גרעסטע מערהײַט קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט אַף ציִוניסטישע פּאָזיציעס, זײַנען באַלד געוואָרן פולשטענדיקע רעוויזיאָניסטן. אַזוי איז געווען אין פּוילן אין 1968, אין טשעכאָסלאָוואַקיע — אין 1968—1969, אַזוי איז געווען מיט דער גרופּע ע. פישער, פ. מאַרעק אין עסטרײַך.

אין מאַרט 1968 האָט דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט פון פּוילן (איצט איז ער פאָרזיצער) פּיאָטער יאַראָשעוויטש געזאָגט, אַז אין יענעם פעריאָד האָבן אין פאָלקס־פּוילן, צוגלײַך מיט די אַנדערע סאָנים פונעם סאָציאַליזם, זיך „אַקטיוויזירט די ציִוניסטן, די טרובאַדורן פון דער רעאַקציאָנערער נאַציאָנאַליסטישער פּראָגראַם פון אונטערהאַלטן די עקספּאַנסיע פון מעדינאַס ייִסראָעל". „מיר זײַנען איבערצײַגט, — האָט אונטערגעשטראָכן פּ. יאַראָשעוויטש, — אַז די גרעסטע מערהײַט פּוילישע ייִדן וועט באַשטימען איר פּאָזיציע און אָפּקערן זיך פון די פײַנטלעכע מאַכינאַציעס. מיר דערקלערן קאַטעגאָריש, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ שענדלעכע, רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע. מיר וועלן אָבער ניט דערלויבן, אַז מיט דער באַשולדיקונג אין אַנטיסעמיטיזם זאָל מען פאַרמאַסקירן אַזעלכע אַקציעס, וועלכע ווידערשפּרעכן די אינטערעסן פון פאָלקס־פּוילן".

אין דעקאַבער 1970 האָט דער פּלענום פונעם צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון טשעכאָסלאָוואַקיע אָפּגעמערקט: „אַ היפּשן איַינפלוס אינעם קאַמף קעגן דעם סאָציאַליזם אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק האָבן געהאַט די קרעפטן, וועלכע זײַנען אַקטיוו אַרויסגעטראָטן פון די פּאָזיציעס פונעם ציִניזם, וואָס איז איינער פון די אינסטרומענטן פונעם צווישנפעלקערלעכן אימפּעריאַליזם און אַנטיקאָמוניזם"... די ציִוניסטן, זייערע פאַרבינדעטע און נאָכטענצער האָבן געפּרוּווט שילדערן דעם ציִוניזם אַלס פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע באַוועגונג און ריינוואַשן די רעכטע קרײַזן פון ייִסראָעל, אָנרופנדיק זיי „עמעסע סאָציאַליסטן און קעמפער פאַר שאָלעם". די טשעכאָסלאָוואַקישע קאָמוניסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אָט די אינטריגעס.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל האָט אַף אירע לעצטע צוזאַמענפאָרן ווידעראַמאָל אונטערגעשטראָכן די דרינגענדיקע נויטווענדי־

קײַט צו אַקטיוויזירן דעם קאַמף פון אַלע פּראָגרעסיווע קרעפטן קעגן דער טעאָריע און פּראַקטיק פונעם ציִעניזם, אַנווײַזנדיק, אַז די אַזויגערופענע „לינקע" ציִעניסטן סאַמען אָפּ מיט זייער קלוימערשט סאָציאַליסטישער דעמאַגאָגיע דאָס באַוווסטזײַן פון די אַרבעטער און פויערים פון ייִסראָעל און פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע אין אַ רײ אַנדערע לענדער, אין דער זעלבער צײַט סטאַרען זיי זיך מיט אַלע מעגלעכקײַטן צו פירן זייער פּראָוואָקאַטאָרישע אַרבעט צווישן די פּראָגרעסיווע פּאַרטייען און גרופּעס פון אַנדערע לענדער.

דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פונעם צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל ע. טומא ווײַזט אָן, אַז „דער ציִעניזם, וואָס איז אַ וולאַד פון דער רעאַקציאָנערער גרויס־בורזשואַזיע, האָט אויסגעאַרבעט די אַזויגערופענע „אַרבעטער"־אידעאָלאָגיע. געטאָן דאָס האָט ער צוליב דעם, קעדיי אָפּנאַרן די ייִדישע אַרבעטנדיקע און אויסנוצן זיי אַלס זײַן אינסטרומענט".

דער מיטגליד פונעם פּאָליטישן קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן כײַמען לומער באַטאָנט, אַז „אין די אינטערעסן פונעם קאַמף פאַר אַ ווירקלעכן סאָציאַליזם אין די פאַרייניקטע שטאַטן, מוז מען זיך דערשלאָגן, אַז די ייִדישע אַרבעטער זאָלן ניט באַשווינדלט ווערן דורך דעם סוראָגאַט פון די אַזויגערופענע „סאָציאַליסטישע" ציִעניסטן, ווען אייניקע געוועזענע אַמעריקאַנער ייִדישע לידערס רופן אָן „גוטע" ציִעניסטן, וואָס מיט זיי דאַרפן די קאָמוניסטן פירן זייער געמיינזאַמע זאַך". דאָ איז דער שליסל צו דער פּראָבלעם, וואָס איז אויפגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּאַראַט פון די אידעאַלן פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער באַוועגונג אין פּשא און קאַנאַדע מיצאַד פּ. נאָוויקן, י. גערשמאַנען א. אנד.

אויך אין די לענדער פון לאַטײַן־אַמעריקע פירן די קאָמוניסטן און די אַנדערע פּראָגרעסיווע קרעפטן אַ קאַמף ניט בלויז קעגן די אָפענע בורזשואַזע ציִעניסטן, נאָר אויך קעגן יענע, וואָס פּוצן זיך צווייִעסדיק אין די בגאָדים פון מאַרקסיזם און סאָציאַליזם. „דער ציל פון די ציִעניסטן, — ווײַזט אָן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי פון קאָלומביע הילבערטאָ וויִיעירא, — איז אויפווירקן קוידעמקאָל אַף יענע פאָרשטייער פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האַלטן זיך פאַר פּראָגרעסיווע, נאָר זיי צייכענען זיך ניט אויס מיט קלאָרקײַט פון די אידייִשע פּאָזיציעס און מיט פּאָליטישער קאָנסעקווענטקײַט. דער פאַקט, וואָס אייניקע אינטעלעקטואַלן מיט אַ „פּראָגרעסיווער פאַרגאַנגענהײַט" טרעטן איצט אַרויס מיט אומגעלומפּערטע דערקלערונגען, קאָן מען דערקלערן מיטן אײַנפלוס פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אידעאָלאָגיע".

כאָטש די געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג און פונעם קלאַסנקאַמף אין אונדזער עפּאָכע דערווײַזט איבערצײַגנדיק, אַז עס איז ניטאָ און עס קאָן ניט זײַן ניט בלויז קיין שום „פאַרייניקונג פונעם ציִעניזם מיטן סאָציאַליזם", נאָר אויך קיין שום „פּראָגרעסיווער ציִעניזם", טרעפן מיר פונדעסטוועגן פּעריאָדיש אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס און פּערזאָנען, וועלכע שרײַען, אַז עס איז מעגלעך און אפילע נייטיק אַ סינטעז פונעם ציִעניזם מיטן מאַרקסיזם און קאָמוניזם. אָט די אָרגאַניזאַציעס און פּערזאָנען זוכן אַרײַנצושמוגלען זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג, זיי פּראָפּאַגאַנדירן אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זייערע נאַציאָנאַליסטישע און אָפּאָרטוניסטישע אָנשויונגען. אַלס בײַשפּיל קאָן דינען די גרופּע סנע־מיקוניס, וואָס האָט אין די 50־ער יאָרן געפּרוווט פאַרכאַפּן אין אירע הענט די אָנפירונג אין דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל, קעדיי פאַרוואַנדלען זי אין אַ „סאָציאַל"־ציִעניסטישער רעכטרעפּאָרמיסטישער אָרגאַניזאַציע.

די רעשטן פון אָט דער גרופּע פירן הײַנט, צוזאַמען מיט אַנדערע ציִעניסטישע עלעמענטן, אַ רעכילעסדיקע העץ־קאַמפּאַניע קעגן דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל, זיי האָבן ניט געשאַנעוועט קיין קויכעס, קעדיי אין די אינטערעסן פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון דער מעדינע אָרגאַניזירן פּראָוואָקאַציעס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג און צווישן די לינקע קרײַזן פון אַ רײ לענדער. אין קאָנטאַקט מיט פאַרשיידענע רעוויזיאָניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן האָט די גרופּע אין 1968 זיך געווענדט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג מיט אַ פאָדערונג צו רעווידירן לעבינס אָפּשאַצונג פונעם ציִעניזם.

די פאַרטיידיקונג פון דער גרופּע וועגן אַ סימביאָז פונעם „לינקן" ציִעניזם מיטן רעכטן רעוויזיאָניזם, אירע רופן צו שאַפן אַ בלאָק פון פּסעוודאָקאָמוניסטן, ציִעניסטן־„סאָציאַליסטן" און „רעליגיעזע אָנהענגער פונעם סאָציאַליזם", קעדיי בויען דאָס „סאָציאַליסטישע ייִסראָעל", פאַרשאַפט פרייד די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל און די לידערס פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם. די רעגירונג פון ייִסראָעל און די אָרגאַנען פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע ווײַזן אַרויס הילף דער דאָזיקער גרופּע. דאָס אויסערן־מיניסטעריום פון ייִסראָעל פאַרשפּרייט אירע פּובליקאַציעס אַף אויסלענדישע שפּראַכן; די פּרעסע־אָרגאַנען פון דער רעגירונג און פון ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס שאַפן פאַר אָט די שפּאַלטערס און רענעגאַטן אַ ברייטע רעקלאַמע.

ניט געקוקט אָבער אַף אַזאַ הילף, איז אָט די גרופּע — אַ נעבעכדיק הײַפעלע, וואָס האָט ניט קיין שום פּאָזיציעס צווישן די אַרבעטער און אין דעם אַרבעטס־פאָלק פון ייִסראָעל. יענע, וועלכע זײַנען צוערשט אַרײַנגעטראָטן אין דער גרופּע און שפּעטער דערזען, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר, זײַנען אַוועק פון איר. אַ טייל פון זיי האָט זיך אומגעקערט אין דער קאָמפּאַרטיי, אַנדערע זײַנען צוגעשטאַנען צו פאַרשיידענע לינקע אָרגאַניזאַציעס. די גרופּע איז פול מיט

ווידערשפּרוכן און אינערלעכער ריסערײַ. אין דעקאַבער 1974 האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן פּאָסט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר ש. מיקוניס, וועלכער האָט אָפּאָנעם זיך איבערצײַגט אינעם פולן באַנקראָט פון דער גרופּע. אין זײַן בריוו, ווו ער דערקלערט די סיבעס פון אָט דעם טראָט, אַנערקענט ער, אַז די גרופּע שטייט אַף די פּאָזיציעס פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם, האַלט אונטער די רעגירנדיקע קרײַזן אינעם קאָנפליקט אַפן נאָענטן מיזרעך, טרעט אַרויס פאַר דער אַנעקסיע פון אַראַבישע טעריטאָריעס, באַרעכטיקט דעם טעראָר און די רעפּרעסיעס אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, פירט אַן אַנטיסאָוועטישע פּאָליטיק.

די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט געשטעמפּלט די רענעגאַטישע גרופּע אַלס אַן אַגענטור פונעם ציִעניזם, אַלע אירע פּרוּוון אַרײַנצושמוגלען זיך אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג זײַנען דורכגעפאַלן. אומזיסט זײַנען אירע באַמיִונגען צו אָפּשוואַכן און צעשפּאַלטן דעם שאָלעם־פראָנט אין ייִסראָעל, דעם לאַגער פון קעמפער קעגן דער עקספּאַנסיאָניסטישער, אַנטינאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

„די נאַציאָנאַלע פראַגע איז איינע פון די שאַרפסטע באַצירקן אינעם קאַמף צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם, אינעם קאַמף פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם קעגן דער בורזשואַזער און רעוויזיאָניסטישער אידעאָלאָגיע, — איז געזאָגט געוואָרן אין דער באַשטימונג פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועגן דער צוגרייטונג צום 50־טן יאָרטאָג פון דער אויסבילדונג פון פססר. — שטרעבנדיק אָפּצושוואַכן די פּאָזיציעס פונעם סאָציאַליזם, אַרײַנטראָגן אַ שפּאַלטונג אין די רייען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דערשטיקן די נאַציאָנאַלע באַפרײַונגסבאַוועגונג, — באַנוצן זיך די אימפּעריאַליסטן אַף אַ ברייטן אופן מיטן מעטאָד פון צעצינדן דעם ראַסיזם, זיי פּרוּוון צעשיידן די אָטריאַדן פון די אַרבעטנדיקע, וועלכע געהערן צו פאַרשיידענע נאַציעס". צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אימפּעריאַליסטישע און אַנטיפּאָלקישע קרעפטן פאַרנעמען זיך דערמיט אויך די ציִעניסטן. נאָר זייער לינקער פליגל פּוצט זיך דערבײַ צווזעסדיק אין „דעמאָקראַטישע" און „סאָציאַליסטישע" בגאָדים.

וועלכע קונציקע פאַלסיפיקאַציעס און שפּיצלעך די „לינקע" „סאָציאַל"־ציִעניסטן און זייערע אָנהענגער זאָלן ניט לאָזן אין גאַנג, האַלטן זיך אָבער די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג און די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן אין די זיך אַנטוויקלענדיקע לענדער פעסט בא לענינס אָנווײַזונג, אַז „דער מאַרקסיזם איז אומקאָמפּראָמיסלעך צום נאַציאָנאַליזם, מעג ער זײַן דער סאַמע „ריינינקער", „ראַפינירטער" און „ציוויליזירטער". דער מאַרקסיזם שטעלט אַפן אָרט פון יעטווידן נאַציאָנאַליזם — דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, די צונויפגיסונג פון אַלע נאַציעס אין דער העכסטער איינהײַט, וועלכע וואַקסט פאַר אונדזערע אויגן"[1].

אין די אינטערעסן פונעם אַנטיאימפּעריאַליסטישן קאַמף, אין די אינטערעסן פונעם פאָלק פון ייִסראָעל און פון די אַרבעטנדיקע ייִדן אין גאָר דער וועלט, האָבן די מאַרקסיסטן־לענינצעס דעמאַסקירט ביז איצט און וועלן אויך ווײַטער דעמאַסקירן אַלע און אַלערליי ציִעניסטן, אַראָפּרײַסנדיק פון זיי די פאַלשע מאַסקע פון קלויִמערשטע „ייִדן־פאַרטיידיקער".

---

[1] В. И. Ленин. Полное собрание сочинений. т. 24, стр. 131.

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

דער באַלאַנס פון א געוועזענעם

פון זינט דער ניו־יאָרקער זשורנאַל „ייִדישע קולטור" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א טריבונע פאַר אַנטיסאָוועטיזם, האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן פילן שטאַרק היימיש מאַרטין בירנבוים, וועלכער האָט מיט פיל יאָרן צוריק שוין געהאַט אוועקגע־לייגט אין א זײַט זײַן אויסגעשריבענע און אויסגע־ריבענע, אַמאָל „פּראָלעטפענישע" פען.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר סענטיאַבער פאַ־ריקס יאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן א בריוו פון אַרבעטער פונעם אוראַלער מאַשינבוי־זאַוואָד. זיי שטעמפּלען מיט צאָרן בירנבוימס ליד אינעם זשור־נאַל „ייִדישע קולטור", אין וועלכער ער שרײַבט וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד: „נישט מיט אָנזאָג פון באַגינען פלאַטערט דאָרט שוין מער דער רויִ־טער שטערן" און — „ס'האָט שוין לאַנג א וווּט א שוואַרצע זיך אָף יענער ערד צעגאָסן".

פאַרשטייט זיך, אז דאָס קאָל פון די סאָוועטישע מענטשן איז געווענדט ניט צום געוועזענעם פּאָעט און ניט צו די רענעגאַטן־רעדאַקטאָרן, וואָס שטעלן אים אַרויס, ווײַל קיין בעסערס האָבן זיי ניט. און דאָך האָט זיך געדאַכט, אז באַקומענדיק עפנטלעך דאָס, וואָס ער האָט פאַרדינט, וועט בירנבוים זיך כאַפּן, אז כאָטשבי פאַר די לייענער פונעם זשורנאַל „ייִדי־שע קולטור", וועלכע האָבן נאָך קיינעם ניט באַ־פולמעכטיקט אַרויסצוּוואַרפן אַפן מיסט זייערע פּראָ־גרעסיווע טראַדיציעס, דאַרף ער זיך סטאַרען צור־טראַכטן עפּעס מער צוגעפּוצטס, איידער דאָס, פון וואָס אַפילע אייניקע זײַנע שותּפים האָבן פאַר־קוועטשט די נאָז.

אָבער דער „ייִדישער קולטור" פאַר אָקטיאַבער פאַריקס יאָר איז מ. בירנבוים אַרויס מיט אַזא לאָשן (אין זײַן אַרטיקל „א „געוועזענער" ענט־פערט"):

עמעצע (לויט בירנבוימען) געוועזענע... „זײַנען די, וואָס נעמען אָן, אז דאָס (געמיינט דאָס לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. — רעד. „סאָוועטיש היימ־לאַנד") איז סאָציאַליזם און פאַרטיידיקן אים מיטן פולן אָנשטעל פון מאַרקסיסטישער אידייִשקײַט, מיט אַפּאַראַטשיקס קאַנטשיק אין דער האַנט!";

„צי האָט עמעצער געהערט פון אַרבעטער־שטרײַקן און פּראָטעסטן קעגן וועלכע־עס־איז באַדינגונגען אין סאָוועטנפאַרבאַנד? סאַראַ דערשרעקנדיקע „האַרמאָ־ניע" צווישן פאָלק און מאַכט!";

„דער סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרשפּרייט און עקס־פּאָרטירט אַנטיסעמיטיזם ווי א טייל פון זײַן פּאָליטי־שער פּראָגראַם".

בירנבוים באַדויערט, וואָס „פאַר א טייל מענטשן, אין אונדזער סוויווע (דה. אין דער ייִדישער פּראָג־רעסיווער סוויווע אין אַמעריקע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד"), איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד נאָך אַלץ דער סינאָנים מיט סאָציאַליזם"...

ס'איז נידעריקער פון אונדזער קאָוועד צו פירן א וויקוח אַרום אַזא בייזוויליקער פּלאַפּלערײַ. בע־סער וועלן מיר איבערדערציילן פאַרן לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" בירנבוימס א ליד, פאַרעפנט־לעכט אין זעלבן אָקטיאַבער־נומער פון דער „ייִדי־שער קולטור".

די ליד הייסט „באַלאַנס". בירנבוים זיצט „אויפן זאַמד", „בײַ דעם ברעג". ער זעט: „א מיידל, א ייִנגל, א האַלב נאַקעטע ברוסט — עס טוט אינעם בלוט א ברי נאָך מיט גלוסט"... אָף וויפל אָבער ער געפינט זיך „אין דער מאַטקײַט", מוז ער זיך באַ־נוגענען „מיט כּושים צעוועקטע, מיט דאָרשט אויף דער צונג — באַלאַנסיר זיך בײַם ברעג דאָ צווישן אַלט און יונג"...

אין פּאָליטישן זין איז בירנבוימס באַלאַנס, אַזוי ווי דער באַלאַנס פון זײַנע רעדאַקטאָרן, פאַקטיש דער זעלבער, — מיט איין אויסנאַם: דאָס פּאָליטישע באַלאַנסירן קומט פאָר ניט „בײַם ברעג דאָ צווישן אַלט און יונג", נאָר אין די איפּעשדיקע זומפּן פו־נעם אַנטיסאָוועטיזם.

אָט איז א פרישער בײַשפּיל...

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז שוין ניט איין מאָל געווען אָנגעוויזן אָפן שאָדן, וואָס עס ברענגט אַרײַן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק דאָס פּובליקירן מיצאַד די רעדאַקצי־עס פון ייִדישע פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס אין אַנדערע לענדער מינדערווערטיקע פון אידייִש־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט שרײַבעכצן פון „ליטעראַטן"־ליבהאָ־בער, וועלכע וווינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד און שיקן אָפּ זייער פּראָדוקציע קיין אויסלאַנד, ווײַל אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" קאָנען זיי ניט אויס־רעכענען אַזוינס צו דרוקן.

אָט איז א פרישער בײַשפּיל.

אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" פאַרן 6 יאַנוואַר ד. י. איז פאַרעפנטלעכט א בריוו פונעם לייענער אַפּעלבוים (מיִאַמי ביטש). עס רעדט זיך וועגן צוויי אַרטיקלען פון א. טרעמבאָוועלסקין וועגן

קאלמען מאַרמאָרן, געדרוקטע אין דער דאָזיקער צײַטונג.

דער אמעריקאַנער לייענער שרײַבט: „מיר ווערן דורך די צוויי אַרטיקלען פון טרעמבאָוועלסקין באַקאַנט מיט קאלמען מאַרמאָרן אַלס ציִעניסט, אַלס פּאָאלע־ציִעניסט, אַלס איקופּיסט. כ׳ווייס ניט, פאַרוואָס עס ווערן דורכגעלאָזט די יאָרן פון שפּרודלדיקן און פרוכטבאַרן לעבן פון מאַרמאָרן אַלס קאָמוניסט, וועלכער איז יאָרנלאַנג געווען אין פראָנט פון די ייִדישע מאַסן, אין די ערשטע רייען פון די ייִדישע פּראָגרעסיווע קולטור־טוער, און אַוועק איז קאַלמען מאַרמאָר פון דער וועלט אַלס אַזעלכער, איבערלאָזנדיק אַ רײַכע ירושה...״

וועגן די אַמעראַצישע „אַנטדעקונגען״, וועלכע טרעמבאָוועלסקי שטופּט אָפּ אין דער אויסלענדישער פּרעסע, עקספּלואַטירנדיק דעם צוטרוי, וואָס עס האָבן דאָרט די רעדאַקציעס צו סאָוועטישע אַוטאָרן, האָט שוין געשריבן דער ליטעראַטור־פאָרשער ה. רעמעניק אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ. 3 פאַרן 1976. איצט גייט אַ רייד וועגן עפּעס מער ערנסטערס. ווײַזט אויס, אַז אין די אָפּשאַצונגען פון שרײַבער און זייערע ווערק, וועלכע ער ווייסט ניט און קען ניט, האָט דער „היימישער קריטיקער״ באַשטימט זיך צופּאַסן צו די אידייִשע געשמאַקן פון דער בורזשואַז־בירגערלעכער גאַס, — אַלץ קעדיי די סכוירע זאָל אָנגענומען ווערן.

באַלערעוודיק איז דער פינאַל פון דער געשיכטע. די רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט״, פּובליקירנדיק דעם בריוו פונעם לייענער אַפּעלבוים, האָט, פון איר זײַט, זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס: „... אַזוי איז דאָס אַרטיקל דערשינען אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע״, פונוואַנען מיר האָבן עס איבערגעדרוקט״.

קורץ, מיר זײַנען איידעס פון געקייטלטער אַכרײַעסלאָזיקייט.

באַ דער געלעגנהײַט איז ווינטשנסווערט צו געבן אַן אויפקלערונג אַרום אַ שפּאָגל־נײַער מיספאַרשטייעניש. אַ מיטאַרבעטער פון דער „פאָלקס־שטימע״ — אַווראָם ראָק — האָט, אומקערנדיק זיך פון אַ באַזוך אין מאָסקווע, ווי ער שרײַבט, „זיך גענומען רעלאַציִאָנירן וועגן די באַגעגענישן״ דאָרטן.

אינעם נומער פון דער צײַטונג פאַרן 26 פעווראַל ד. י. רעלאַציִאָנירט דער כאַווער ראָק וועגן דעם, וויִאַזוי ער האָט עטלעכע אָוונטן פאַרבראַכט אַרום אַן אַרומגעשטעלטן מיט קאָלערליי עסנוואַרגן טיש באַם דיכטער דאָוויד בראָמבערג. דעם גאַסט האָט גוואַלדיק באַהערשט די קולינאַריִע, און מיט דעם איז פול זײַן צײַטונגס־באַריכט. עס ווערט מיטגעטיילט דער ברייטער לייענער־אַודיטאָריִע, אַז „מע האָט דאָרט אויסגעטרונקען אַ יאַם און אויפגעגעסן אַ באַרג מאַמעש״.

א. ראָקס אַראָפּגעכאַפּטע פון ד. בראָמבערגס טיש געדאַנקען וועגן ד. בראָמבערגס פּאָעזיִע צווינגט אונדז דאָ נאָכאַמאָל צו ריידן וועגן דער מאָס פון אַכרײַעס.

אונדזערע לייענער ווייסן, אַז דאָוויד בראָמבערג האָט, אויב ניט רעכענען אַ פּאָר לידער, געדרוקטע נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן, זיך באַוויזן רעגולער אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, און אין אָט דעם פאַל איז די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל בוכשטעבלעך די לאַבאָראַטאָריִע, ווו עס ווערט אַרויסבאַוויזן הילף דעם אַווטאָר אָף צו אָפּשלײַפן און באַאַרבעטן יעדע ליד זײַנע, וועלכע ווערט שפּעטער פּובליקירט. ס׳איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס האַלטנדיק ד. בראָמבערגן פאַר אַן אויפגעקומענעם אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ דיכטער, האָט דער זשורנאַל געשריבן וועגן דערגרייכונגען, ווען ס׳איז אָפּגעמערקט געוואָרן זײַן 60־יאָריקער געבורטסטאָג (נאָיאַבער 1975). אין דער זעלבער צײַט איז קלאָר, אַז וועגן אַזעלכע ליטעראַטור־דערשײַנונגען דאַרף גערעדט ווערן מיט דעם נייטיקן געפיל פון מאָס.

אין גאָר אַן אַנדער סטיל פאַלט אָבער אַרײַן א. ראָק. ווײַזט אויס, אַז אין שטוב, באַם געדעקטן טיש, האָט מען ניט געקאַרגט קיין זעלבסטליבערײַען, און א. ראָק טראָגט זיי אַריבער אָף די זײַטן פון דער „פאָלקס־שטימע״. ער מערקט אָפּ שיר ניט יעדע געדרוקטע ליד בראָמבערגס, ווי אַ גיגאַנטישן טראָט אָף זײַן שאַפונגס־וועג.

אָנשפּאַרנדיק זיך אָף אָט דעם מין אינפאָרמאַציע, קומט א. ראָק אַרויס מיט אַזאַ לאָשן: „נאָך אין 1963 האָט ד. בראָמבערג געהערט קימאַט צו די אײַזערנע, אַזוי צו זאָגן, רעפּרעזענטאַנטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין די זאַמלביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין צוזאַמענהאַנג מיטן טאָג פון פּאָעזיִע״. ער רעדט וועגן „פאַרשידענע פּעריִאָדן פון בראָמבערגס פּאָעטישער שאַפונג״ און באַהויפּטעט, אַז „זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען זײַנען אַרײַן אין דער פאָלקס־פּאָעזיִע״... די באַשרײַבונג פונעם וויזיט באַם דיכטער פאַרמאָגט אַזעלכע פּערל: „דאָוויד זאָגט: איך שרײַב גייענדיק און שטייענדיק — אומעטום, אײַנפאַלן קומען מיר טאָמיד אַפן זינען אין יעטווידער צײַט פון יאָר״...

פאַראַן אַן אָרט אינעם אַרטיקל, ווו א. ראָק דערפילט, דאַכט זיך, אַז מאָלצײַטן באַ אַ דיכטער דאַרפן ניט באַשריבן ווערן „בלויז אויפן מאָגן און גומען״. ער שרײַבט: „כ׳האָב געהאַט בעדייע פאַרענדיקן מיט די דאָזיקע ווערטער די דערציילונג וועגן דעם דיכטער און מענטש דאָוויד בראָמבערג. איבערלייענענדיק אָבער נאָכאַמאָל דעם לעצטן אַבזאַץ, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: פאַראַן אין אים עפּעס אַ פאַלשער טאָן״...

פאַלש איז דער טאָן אין א. ראָקס און אין ענלעכע באַשרײַבונגען און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל עס פעלט אין זיי אָפּשײַ און אַכרײַעס.

כראָניק

IV צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע זשורנאַליסטן

דרײַ טעג האָט אינעם גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ געאַרבעט דער IV צוזאַמענפאָר פונעם זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד פון פססר. די אַרויסטרע־טונגען פון די דעלעגאַטן, פּונקט ווי די פּרוכטבאַרע טעטיקײַט פונעם פילטויזנטקעפּיקן אָטריאַד טוער פון דער פּרעסע, טעלעוויזיע, ראַדיאָ און אינפאָרמאַציע־אַגענטורן, זײַנען געווידמעט דער גרויסער אויפגאַבע צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די היסטאָרישע באַשלוסן פונעם XXV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, אָפּשפּיגלען אַלזײַטיק די דערגרייכונגען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פאַר די 60 אָקטיאַבער־יאָר.

דעם 3 מאַרט זײַנען פאָרגעקומען די וואַלן פון דער פאַרוואַלטונג פונעם זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד פון פססר, אין באַשטאַנד פון וועלכער עס איז אויסגעוויילט געוואָרן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס. אין דעם זעלבן טאָג איז דורכגעגאַן דער ערשטער פּלענום פון דער נײַער פאַרוואַלטונג. אַלס פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד איז אויסגעוויילט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „פּראַוודאַ" וו. ג. אַפאַנאַסיעוו. עס איז אויך פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער צענטראַלער רעוויזיר־קאָמיסיע פונעם זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד פון פססר (פאָרזיצער וו. אי. נאָוויקאָוו).

סאָפיע סײַטאַנס קאָנצערטן אין לוואָוו

סאָפיע סײַטאַן — די באַוווּסטע אויספילערן פון ליטעראַריש־מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע זי בויט לויט די ווערק פון שרײַבער פון די ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן, — איז לעצטנס אַרויסגעטראָטן מיט אַ ריי קאָנצערטן, וועלכע ס'האָט אָרגאַניזירט די לוואָווער פילהאַרמאָניע. צווישן אַנדערע האָבן אין איר פילשפּראַכיקער פּראָגראַם געקלונגען אין ייִדיש און אין רוסיש די לידער און באַלאַדעס פון איציק פעפער און מוישע טייף, וועלכע זײַנען וואַרעם אויפגענומען געוואָרן מיצאַד דעם איבערפולטן צושויער־זאַל.

צוגאַסט אין ווילנע

אין גרויסן זאַל פון דעם ווילנער צענטראַלן פּראָפאַריינען־הויז איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט פונעם קאָוונער ייִדישן זעלבסטעטיקן קאָלעקטיוו, וועלכער שליסט אײַן אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע און וועטעראַנען פון דער ייִדישער זעלבסטעטיקער קונסט.

די געסט האָבן באַוויזן פאַר די ווילנער צושויער אַ פּראָגראַם פון ייִדישע זינגלידער און פאָלקסטענץ. אין דער צווייטער אָפּטיילונג פונעם קאָנצערט זײַנען אויסגעפילט געוואָרן פראַגמענטן פון „טעוויע דער מילכיקער" מיט יאַקאָוו בעלצערן אין דער הויפּט־ראָל.

ביראָבידזשאַנער נײַעס

אין זאַוואָדישן מוזיי

די עקספּאָנאַטן, וועלכע ווערן באַוויזן אין די גערעמע צימערן פונעם זאַוואָדישן מוזיי, שילדערן די געשיכטע פון איינער פון די גרעסטע אונטערנעמונגען אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — דעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש". אויפן צענטראַלן סטענד זעט מען פּאָרטרעטן פון אַרבעטער־וועטעראַנען, וועלכע האָבן מיט פערציק יאָר צוריק געבויט די ערשטע פּראָדוציר־קאָרפּוסן. אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע (דאַטירט מיטן יאָר 1936) באַווײַזט אַ מיטינג פון די ערשטע שעפער פון דער זאַוואָדישער פּראָדוקציע. מע דערקענט צווישן דער דעמלטיקער יוגנט די איצטיקע וועטעראַנען פון דער אונטערנעמונג ב. עלגורטן, פּ. געגנקינען, ג. גראַבאָוון, ס. שליופּמאַנען און אַנדערע.

אַ באַזונדערער אָפּטייל פונעם מוזיי איז געווידמעט די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. „אַלץ פאַרן פראָנט, אַלץ פאַרן זיג!" — פון דעם דאָזיקן סטענד דערוויסן זיך די באַזוכער וועגן דער העראָישער מי פון די דאַלסעלמאַשעווצעס אין הינטערלאַנד און וועגן די, וואָס זײַנען אוועק אויפן פראָנט פאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד.

די געוועזענע קאָמיוגיסטקעס אַדעלינע גײַליס און ליובע אָסטאַפּענקאָ זעען מיר צווישן די, וועמענס אַרבעטס־ביאָגראַפיעס עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין יענע גרויזאַמע מילכאָמע־יאָרן. זיי אַרבעטן אויך איצט אין די מאָדערניזירטע צעכן. אויף אַנדערע סטענדן ווערן באַוויזן פראָנטאָוויקעס, וואָס האָבן פון דער מילכאָמע זיך אומגעקערט אויפן זאַוואָד — צווישן זיי די קאַוואַלערן פון אָרדענס און מעדאַלן ר. כערסאָנסקי, יע. וואָלוואָפּסקי אאַ.

אין מוזיי זײַנען אויסגעשטעלט ערן־דיפּלאָמען, מעדאַלן און גראַמאָטעס, מיט וועלכע ס'איז פאַר די לעצטע יאָרן אָפּגעמערקט געוואָרן די זאַוואָדישע פּראָדוקציע — נײַסטע מאַרקעס קאָמבײַנען.

אַ הויכע באַלוינונג

אָפּמערקנדיק די פאַרדינסטן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטן־מעלוכע און אין צוזאַמענהאַנג מיטן פופציקסטן געבורטסטאָג, איז דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם קפּסס פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט שאַפּיראָ לעוו באָריסאָוויטש, לויט אַן אוקאַז פונעם פּרעזידיום פונעם אויבער־ראַט פון פססר, באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

מאָסקווע, קרעמל, 1977

אַכט און צוואַנציק אוואַנגאַרדיסטן פון די אונטערנעמונגען פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט זײַנען אין באַשטאַנד פון אַ גרופּע האָרעפּאַשניקעס פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט באַלוינט געוואָרן מיט אַ רײַזע קיין מאָסקווע. דער זין פון דער באַלוינונג איז אַזאַ: באַזוכן דעם קרעמל, דעם רויטן פּלאַץ און דאָרט זיך אָראָפּנעמען אויף אַן אָנדענק־פאָטאָגראַפיע מיטן אויפשריפט „מאָסקווע, קרעמל, 1977".

אין דער וועלט פון פילאַטעליע

צווישן די אָפּרוענדיקע אויפן דאָרעם־ברעג פון קרים איז פּאָפּולער די פילאַטעליע־אויסשטעלונג, וואָס איז עקספּאָנירט אינעם הויפּט־פּאָסטאַמט פון דער קוראָרט־שטאָט יאַלטע.

אַ טייל פון די עקספּאָנאַטן איז טעמאַטיש פאַרבונדן מיטן ווײַטן מיזרעך און דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. אינטערעסאַנט איז די פּאָסטשט־מיניאַטור „50 יאָר זינט דער באַפרײַונג פונעם ווײַטן מיזרעך פון די ווײַסגוואַרדייער און אינטערווענטן". פאַראַן אין דער עקספּאָזיציע פילפאַרביקע קאָנווערטן מיט די אויפשריפטן — „פאָרשער פונעם ווײַטן מיזרעך עטנאָגראַף און שרײַבער וו. אַרסעניעוו", „כאַבאַראָווסקער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק", „ביראָבידזשאַנער קינאָ־טעאַטער „ראָדינאַ", „ביראָבידזשאַנער האָטעל „וואָסטאָק", „סאָוועטן־הויז אין ביראָבידזשאַן" אַ. אַנד.

■ ■ ■

פאַרשיידנס

א דיפּלאָם פונעם ארכיוו

דורכקוקנדיק די פּערִיאָדיק פונעם פאָריקן יאָרהונדערט אין דער עפנטלעכער היסטאָרישער מעלוכע־ביבליאָטעק פון רספסר, האָט די פאַרוואַלטערן פון פ. מ. דאָסטאָיעווסקיס מוזיי־קוואַרטיר ג. קאָגאַן זיך פאַרינטערעסירט מיט האַנט־שריפטלעכע באַמערקונגען אויף די ראַנדן פון איינעם א זשורנאַל. דער געוויינלעכער פאַר יענער צײַט בראַונער טינט האָט פאַרלוירן זײַן פאַרב, נאָר דעם שיפר, נומער און די אָנווײַזונג וועגן דעם, אַז דער דאָזיקער זשורנאַל האָט געהערט צו אַנאַ גריגאָריעוונאַ דאָסטאָיעווסקאַיאַ, דעם שרײַבערס אַלמאַנע, האָט מען געקאָנט דײַטלעך איבערלייענען.

דער ביבליאָגראַף פונעם מוזיי ז. פעדאָטאָוואַ האָט אויך געמאַכט אַן אַנטדעקונג. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף א שוואַרצער פאַפּקע מיט מאַטעריאַלן וועגן דעם שרײַבערס מיליטער־דינסט און א ריי אָפיציִעלע דאָקומענטן. א באַזונדער אינטערעס צווישן די דאָזיקע מאַטעריאַלן שטעלט פאָר מיט זיך דער דיפּלאָם פון א מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער רוסישער אימפּעראַטאָרישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דאָסטאָיעווסקין אין 1878, דאָס הייסט דרײַ יאָר פאַר זײַן טויט.

דעם אַקאַדעמישן דיפּלאָם קאָן מען האַלטן אַלס א וויכטיקן עטאַפּ אין דער געשיכטע פון די צווישנבאַציִונגען פונעם שרײַבער און דער רוסלענדישער זעלבסטהערשונג. ווי באַוווּסט, איז דאָסטאָיעווסקי אין 1849 לויטן פּעטראַשעווער־צעס־אייניִען פאַרמישפּעט געוואָרן צום צעשיסן, וואָס איז אינעם לעצטן מאָמענט פאַרביטן געוואָרן מיט קאַטאָרגע. און בלויז קימאַט אין דרײַ יאָרצענדליקער אַרום איז געקומען די אָפיציִעלע אָנערקענונג פון די ליטעראַרישע פאַרדינסטן פונעם שוין וועלטבאַרימטן שרײַבער.

(„איזוועסטיִא“)

רעסטאַווראַציע פון מאָסקווער אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען

די צײַטונג „מאָסקאָווסקאַיאַ פּראַוודאַ“ האָט פאַרעפנטלעכט א שמועס מיטן אָנפירער פונעם 7־טן וואַרשטאַט „מאָספּראָיעקט־3“, קאַנדידאַט פון אַרכיטעקטור וו. יאַ. ליבסאָן.

— פאַר 25 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון אונדזער קאָלעקטיוו, וועלכער פאַרמאָגט 130 מיטאַרבעטער — אַרכיטעקטאָרן, אינזשעניערן, היסטאָריקער, קונסטקענער, — האָט ער דערציילט, — זײַנען רעסטאַווירט געוואָרן פיל אַנסאַמבלען און אוניקאַלע אַרכיטעקטור־דענקמעלער פון דער הויפּטשטאָט. צו די גרעסטע אַרבעטן פון דעם מין געהערן די קרעמל־אָביעקטן, דער קאָמפּלעקס פון דער ראַזין־גאַס, די געזעלשאַפטלעכע און וווינונגס־געבײַדעס פון דער קלאַסיציזם־עפּאָכע. עס גרייט זיך צום דרוק א קאַטאַלאָג פון מאָסקווער אַרכיטעקטור־דענקמעלער.

אין דער הויפּטשטאָט זײַנען דערלערנט און אויפגעשטעלט געוואָרן בא 200 געבײַדעס פון XVI — XX יאָרהונדערטער, צווישן זיי די געבײַדעס פונעם אויבער־סאָוועט פון ססר און מיניסטאָרן־ראַט פון ססר (געוועזענער סענאַט) און דער קאָמפּלעקס פונעם גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ. היינט־צו־טאָג ווערן דעטאַליזירט די רעסטאַוראַציע־פּראָיעקטן פון דער גראַנעווער־פּאַלאַטע, פונעם אוספּענער סאָבאָר, פונעם איוואַנאָווער גלאָקן־טורעם און פון א ריי אַנדערע קרעמל־געבײַען.

ס׳זײַנען רעסטאַווירט געוואָרן א ריי פּאַלאַצן און פּאַלאַטעס אויף דער ראַזין־גאַס, אינעם כאָכלאָוור־געסל, אויף דער לעוו־טאָלסטאָי־גאַס, מאַרקס־און־ענגעלס־גאַס,

70 בענדער — וועגן לערמאָנטאָוון

באַם לעבן האָט דער רום ניט געבאַלעוועט מיכאַיִל יוריעוויטש לערמאָנטאָוון. די סאַמע בעסטע, סאַמע קלינגעוודיקע שורעס וועגן זײַנע לידער האָט וויסאַריאָן בעלינסקי אָנגעשריבן ערשט אין צוויי יאָר אַרום נאָך דעם, ווי לערמאָנטאָוו איז דערהאַרגעט געוואָרן אויף א דועל.

און געוויס וואָלט דער דיכטער געווען שטאַרק דערשטוינט, ווען ער וואָלט זיך דערוווּסט, אַז פּראָסטע מענטשן — לייענער וועלן אָנשרײַבן וועגן אים 70 ביכער! זיי ווערן אָפּגעהיט אינעם פּיאַטיגאָרסקער מוזיי „מ. יו. לערמאָנטאָווס הײַזל“.

70 ביכער, וואָס דאָס פאָלק האָט אָנגעשריבן וועגן לערמאָנטאָוון, — דאָס זײַנען אָפּרופן, וועלכע דער מוזיי האָט צונויפגעזאַמלט פאַר די לעצטע 75 יאָר. דער ערשטער בוך האָט זיך באַוויזן אין 1901, און ווײַל צו יענער צײַט איז נאָך ניט געווען דער מוזיי, איז ער געלעגן אינעם וואַך־שטיבל באַם אָרט פון מ. יו. לערמאָנטאָווס דועל. צוערשט פלעגן דאָ געשטעלט ווערן בלויז די כסימעס פון די באַזוכער, נאָר דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן אָפּרופן.

אין 1912, ווען די „קאַווקאַזער באַרג־געזעלשאַפט“ האָט געעפנט דעם מוזיי — „מ. יו. לערמאָנטאָווס הײַזל“, האָט מען אַהין איבערגעטראָגן אויך די דאָזיקע ביכער. איצט איז דאָס אַן אוניקאַלע 70־בענדיקע זאַמלונג אַרויסזאָגונגען פון די לייענער און פאַרערער פון מ. יו. לערמאָנטאָווס געני. דאָ זײַנען פאַראַן פאַרנאָטירונגען פון שילער און אַקאַדעמיקער, פּויערים און קאָסמאָנאַווטן, לערער, קינסטלער, אינזשעניערן, בויער, טשאַבאַנען, יאַם־לײַט — מענטשן פון סאַמע פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן, טיטלען, פּראָפעסיעס. געסט פון ענגלאַנד, איטאַליע, פינלאַנד און פון א סאַך אַנדערע לענדער האָבן איבערגעלאָזט אין די דאָזיקע ביכער פאַרנאָטירונגען.

אַלע יאָר אין אָקטיאַבער ווערט אין פּיאַטיגאָרסק פײַערלעך אָפּגעמערקט מ. יו. לערמאָנטאָווס געבורטסטאָג. אַהער קומען צו פאָרן מענטשן פון אַלע עקן לאַנד. און די 70־בענדיקע זאַמלונג ווערט, פאַרשטייט זיך, באַרײַכערט מיט נײַע דאַנקבאַרע שורעס לעקאָווד דעם גרויסן רוסישן שרײַבער.

(לויט וו. בײַדערינס נאָטיץ אין „איזוועסטיִא“)

אינעם קאָזלאָווסקי־געסל, אַף דער קראָפּאָטקין־גאַס, די גיטער־אַנסאַמבלען יאַסענעוואָ און פּעטראָוואָ. אינעם צאַריצינער אַנסאַמבל שטייט פאַר ניט בלויז אופצושטעלן אַלע פאַרלוירענע דעטאַלן פון באַזשענאָוס און קאַזאַקאָווס געבײַדעס, נאָר אויך פאַרענדיקן די ניט־דערבויטע טיילן פון די געבײַדעס.

„צי גלייבט איר אין שיידים?"

די מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פון סאָציאַלע אויספאָרשונגען אין סאַארבריוקען האָבן ניט לאַנג צוריק דורכגעפירט אַן אויספרעג צווישן דער באַפעלקערונג פון דער פּראָווינץ סאַאַר. ס'איז פאָרגעבן געוואָרן איין פראַגע: „צי גלייבט איר אין שיידים?". לאָזט זיך אויס, אַז יעדער אַכטער פון די אויסגעפרעגטע גלייבט אין דער עקזיסטענץ פון שיידים. בא צען פּראָצענט האָבן געמאָלדן, אַז זיי ווייסן ביכלאַל ניט, אין וואָס מעג מען איצט גלייבן. אינעם סאַכאַקל־פּאָרטראָג פונעם אינסטיטוט ווערט אָפּגעמערקט, אַז פאַר די לעצטע יאָרן האָט זיך די צאָל אָבערגלייביקע אין דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק פאַרגרעסערט, אין דעם, האַלטן די געלערנטע, זײַנען שולדיק די פּרעסע און די קונסט, ווו עס איז זייער ברייט פאָרגעשטעלט די מיסטיקטעמע און עס ווערן גאַנץ ערנסט פאָרגעלייגט רעצעפּטן אַף „אַרויסטרײַבן דעם סאָטן".

(„איזוועסטיאַ")

די הונדערטסטע פּיראַמידע

א גרופּע טשעכאָסלאָוואַקישע אַרכעאָלאָגן בעראָש מיט מ. ווערנערן האָט ניט לאַנג צוריק אַנטפּלעקט אין עגיפּטן די הונדערטסטע, „יובילײַ"־פּיראַמידע, וואָס געהערט צו דער מיט פון דריטן יאָרטויזנט ביז אונדזער ערע. מע האָט זי געפונען אַף דאָרעם פונעם ראַיאָן אַבו־סיר, צווישן די באַרימטע גיזע־פּיראַמידעס און די שטאַפּל־פּיראַמידעס פון סאַקקאַראַ. דער שפּיץ פון דער ניט־גרויסער פּיראַמידע האָט זיך אַנטפּלעקט, בײַס מע האָט צעגראָבן דאָס בערגל לעבן דער שוין באַוווּסטער פּיראַמידע נעפערירקאַראַ.

די טשעכאָסלאָוואַקישע געלערנטע האָבן אויסגעפאָרשט נאָך א ריי עגיפּטישע אויסטערלישקײַטן, צווישן זיי — א גרויסע מאַסטאַבע (קייווער) פון פּטאַשעפּסעסן, וועלכע געהערט צו דער פינפטער דינאַסטיע פונעם „אוראַלטן קיניגרײַך" (XXV יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע). דאָס איז געווען א הויף־פאַבריקמאַכער, וואָס האָט זיך דערהויבן ביז די העכסטע מעלוכע־פּאָסטנס און האָט כאַסענע געהאַט פאַר פאַרעס א טאָכטער. גייענדיק לויט די שפּורן פונעם אַרכעאָלאָג מאָרגאַן, וועלכער האָט אין סאָף פונעם XIX יאָרהונדערט אַנטדעקט דעם אַמערסטנס גאַנץ געבליבענעם טייל פון מאַסטאַבע, האָבן זיי אַנטפּלעקט נאָך 40 ביניאָנים.

א נײַע אַנטדעקונג האָט דערוואַרט די געלערנטע אין עטלעכע צענדליק מעטער פון דעם אָרט, ווו ס'איז באַגראָבן פּטאַשעפּסעס. זיי האָבן געפונען די מאַסטאַבע פון דער פּרינצעסן כעקערעטנעפּטי פון דער זעלבער דינאַסטיע. די דאָזיקע אַנטדעקונג איז טשיקאַווע אין פיל הינזיכטן. די מאַסטאַבע איז אויסגעבויט געוואָרן אין מעשעך פון 70 טעג, ווײַל די פּרינצעסן איז, זעט אויס, געשטאָרבן אומגעריכט, פיל דעטאַלן פונעם געבײַ זײַנען געבליבן ניט פאַרענדיקט, און דאָס גיט א מעגלעכקײַט נאָכצושפּירן גופע נאָכן שאַפונגס־פּראָצעס פון די מײַסטערס פון יענער צײַט.

דער סאַרקאָפאַג פון דער פּרינצעסן איז געווען אופגעבראָכן און קימאַט אַלע כפייצים צערויבט. באַנאַנד מיטן סאַרקאָפאַג האָבן זיך געפונען פּרעכטיקע אַלעבאַסטער־וואַזעס און אַן אַלעבאַסטער־טאָוול מיט זיבן גריבעלעך פאַר פאַרשיידענע מינים געווירצן.

(„פּראַוודאַ")

א מוזיי פון מוזיקאַלע אינסטרומענטן

לײַפּציק איז באַוווּסט ווי א שטאָט פון צווישנפעלקערלעכע מאַרקן, פון גרויסער ביכער־קונסט און אוניווערסיטעטן. נאָר לײַפּציק איז אויך פון לאַנגאָנען א מוזיקאַלער צענטער פון אייראָפּע. דאָ האָט געלעבט און געשאַפן יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך. ער איז געווען א קאַנטאָר אינעם קלויסטער פונעם הייליקן פאָמאַ, ווו אויך ביז הײַנט־צו־טאָג טרעט אַרויס א ייִנגעלעך־כאָר, וועלכער עקזיסטירט שוין העכער 750 יאָר. אין לײַפּציק איז פאַראַן א מוזיקאַלע הויכשול אַף פעליקס מענדעלסאָנס נאָמען. אין דער שטאָט האָבן זיך געלערנט ראָבערט שומאַן און ריכאַרד וואַגנער. און ניט צופעליק, פאַרוואָס אין לײַפּציק איז פאַראַן א מוזיי פון מוזיקאַלע אינסטרומענטן.

קומסט אַרײַן אין מוזיי און טראָגסט זיך מיטאַמאָל איבער אין זעכצנטן יאָרהונדערט. דער סאַמע עלטסטער אינסטרומענט, דער קלאַוויקאָרד, וועלכער איז אַלט העכער 430 יאָר, האָט ביז הײַנט נאָך ניט פאַרלוירן זײַנע קלאַנגען־מעגלעכקײַטן. דאָ קאָן מען זען א גאַנצע מישפּאָכע צימבאַלן, פאָרגייער פונעם פאַגאָט, וועלכע געהערן צום XVI — XVII יאָרהונדערטער, אַן אוניקאַלער קלאַוועסין פון די נידערלענדישע, מײַסטערס, די עלטערבאָבע פון דער איצטיקער גיטאַרע — די גיטאַראָנע, א קאָנטראַבאַס אין דער פאָרם פון א פידל, אַלטערטימלעכע האַרפעס.

אין די זאַלן פונעם מוזיי זעט מען קאָל־האַמינים אינסטרומענטן: אויסטערלישע סערפּענטן — הילצערנע טרויבן, באַצויגענע מיט לעדער, אַזויגערופענע „קעשענע־פידלען".

אינטערעסאַנט איז, אַז א סאַך פון די דרײַ טויזנט עקספּאָנאַטן, וואָס ווערן דאָ דעמאָנסטרירט, פאַרלאָזן גאַנץ אָפט זייערע ערטער און לעבן ווידעראַמאָל אוף. דאָס טרעפט, ווען אין דער אַלטער ראַטושע אָדער אינעם מוזיי גופע ווערן אײַנגעאָרדנט טראַדיציאָנעלע קאָנצערטן, וואָס אין זייער פּראָגראַם גייען אַרײַן אַלטערטימלעכע, אָפט פאַרגעסענע ווערק.

(„איזוועסטיאַ")

וויצן פון ייִסראָעל

* * *

אף א צערעמאָניע אין טעל־אוויוו לעקאָוועד די ערשטע דרײַ באקורמענע פון אמעריקע מאָדערנע מיליטערישע אעראָפּלאנען האָט דער שעף פונעם גענעראַל־שטאב מאָרדכע (מאָטע) גור דערקלערט מיט פּאטאָס: „ייִסראָעל און צאהאל (די ייִסראָעל־ארמיי) זײַנען מיט די דאָזיקע אוויאָנען, אָנהייבנדיק פונעם הײַנטיקן פרײַטיק, גאָר אן אנדער ייִסראָעל און גאָר אן אנדער צאהאל!”

א זשורנאליסט פון דער צײַטונג „הארעץ” — יויעל מארקוס — האָט אָנגעשריבן אין שײַכעס דערמיט אן ארטיקל אונטערן טיטל „די זעלבע מעדינע, מאָטע”. ער שרײַבט:

„א טאם וואָלט געקאָנט שטעלן די קאשע: אויב 3 אוויאָנען זײַנען געווען בעיעכוילעס צו ענדערן די מעדינע און צאהאל, האָט דאָך אונדזער לאגע געדארפט מיסטאמע זײַן זייער א ביטערע ביז פרײַטיק, מיטיק־צײַט. לאָמיר בעסער גלייבן, אז אויך פרײַטיק האָט זיך ייִסראָעל ניט געענדערט. ייִסראָעל איז געבליבן א פּראָווינציעלע מעדינע, מאָטע...”

* * *

אין ייִסראָעל וויצלט מען זיך...

קאָלזמאן עס האָט געלעבט דער פּאָפּולערער מיניסטער פון פינאנצן פינכעס סאפּיר, איז געווען אן אדרעס פאר אלע פארדראָסן. ווער איז שולדיק אין א וועג־קאטאסטראָפע? אוואדע סאפּיר, ווײַל ער גיט ניט קיין געלט אף אויסצובײַטערן די שאָסייען. פון גנייווּעס און שווינדלערײַען איז שוין אָפּגערעדט — ווער נאָך, אזוי ווי ער, האָט דעמאָראַליזירט די ווירטשאפט און אָנגעפּלאָדיעט קאָלערליי פארדאָרבענע נעפּאשעס? און אף וועמען נאָך קאָן מען ארופוואַרפן די שולד פאר דעם, וואָס די גאסן אין טעל־אוויוו זײַנען אזעלכע שמוציקע? דאָס האָט ער צונויפגעשטעלט אזא בודזשעט, וועלכער לאָזט ניט באצאָלן פאר זייער ארבעט די גאסן־קערער.

אָבער אז סאפּיר איז אוועק פון דער וועלט, בײַס די צאָרעס ארום־און־ארום זײַנען פארבליבן, איז טאקע שלעכט: ניטאָ קיין אדרעס פון א שולדיקן, אף וועמען אלע זאָלן קענען טײַטלען מיט די פינגער. ס׳א סוואָרע, אז מע וועט דארפן צונויפרופן א קאָנגרעס פון די טײַנעס־האָבער, זיי זאָלן באצײַטנס אויסוויילן עמעצן אף סאפּירס אָרט — ניט אלס מיניסטער, נאָר ווי אן אדרעס פאר די טײַנעס...

וואָס זשע האָסטו געטאָן?

א ייִסראָעל־וויצלער דערציילט אזא מײַסע:

— בעשאס איך בין געגאנגען אין דער מידבער פון נעגעוו, האָב איך פלוצעם דערזען, ווי א לייב רוקט זיך צו צו מיר און וויל מיך אופרעסן.

— וואָס זשע האָסטו געטאָן?

— איך בין ארוף אף א בוים.

— אין דער נעגעוו־מידבער זײַנען דאָך ניטאָ קיין ביימער!

— און לייבן זײַנען דען דאָרט יאָ דאָ?

וואָס איז דאָס אזוינס — אכדעס

פון אייניקע לייענער האָב איך באַקומען קורץ־געשריבענע בריוולעך מיט איינער און דער זעלבער פראַגע: וואָס איז דאָס אזוינס — אכדעס? די פראַגע זייערע באַציט זיך, מאַשמאָעס, צו דעם אויספיר אין מײַנס אַן אַרטיקל וועגן דעם, אַז אין איצטיקן מאָמענט נייטיקט זיך מעדינאַס ייִסראָעל מער ווי שטענדיק אין אכדעס, קעדיי צו קענען בײַשטיין קעגן אירע סאָנים.

האָב איך מיסטאָמע געמיינט, אַז דאָס, וואָס איך האָב געשריבן, איז געווען גענוג קלאָר און פאַרשטענדלעך. אויב אָבער לייענער פרעגן פאָרט, בין איך מעכויעוו צו ענטפערן. און ווידעראַמאָל — ווי ווײַט מעגלעך קלאָר:

— אכדעס — דאָס איז גאָרניט מיט גאָרניט. קיין רעפוע צו צאָרעס איז עס אוודאי ניט.

און אַף דער מעגלעכער ווײַטערדיקער פראַגע פון די זעלבע אָדער פון אַנדערע לייענער, האַייטאַכן? איר זײַט זיך דאָך אליין סויסער? וועל איך אַף דעם ענטפערן אזוי:

פאַראַן באַ אונדז, ייִדן, צוויי באַגריפן, זייער ווײַטע איינער פונעם אַנדערן, אָבער אין פלוג שטאַרק־פאַרפירעריש נאָענטע: דאָס זײַנען די באַגריפן: אכדעס און יאַדאַכעס. און ניט איין מאָל פאַרטוישן מיר זיי צווישן זיך. און טאַקע צוליב דעם קאָן דער פּאָזיטיווער באַגריף אכדעס ווערן געענדערט אַפּן סאַמע ערגסטן, און ס'זאָל פון דעם זיך באַקומען יאַדאַכעס. אָט נעמט, צום בײַשפּיל, די לעצטע שמעקעדיקע דערשײַנונגען אינעם לעבן פון דער מעדינע: דירעקטאָרן פונעם ערעץ־ייִסראָעל — בריטאַניע־באַנק, האָל־וואָס־לײַער פאַרן איילאַטער שטאָטראָט, גרויסע מאַכערס אין האַכוורע לעייִסראָעל, עפּעס אַ באַאַמטער פון אַמידאַר און אַ ווילער שאַליעך פון דער סאָכנוט אין טערקײַ — זיי אַלע האָבן „געאַרבעט" גאַנץ באַזונדער און אָנגעאַרבעט אַ בראָך האַגאָדל האַגיבער וועהאַנוירע, פון וועלכן די שטײַערצאָלער און מיט זיי דער אַלגעמיינער מאַצעוו פון דער מעדינע וועלן האָבן צו זינגען און צו זאָגן. יענע, די אויסגערעכנטע, האָבן געאַרבעט לויט אַן איין־און־איינציקער „אידייע": וואָס מער אַראָפּשלעפּן צו זיך; פרעגט זיך דעריבער אַ פראַגע: וואָס ווילן מיר אין מעדינאַס ייִסראָעל — אַזאַ יאַדאַכעס, אָדער אכדעס? אזוי און ניט אַנדערש שטייט די פּראָבלעם.

דאָס וואָרט אכדעס אליין, כאָשעווע לייענער, איז גאָרניט מיט גאָרניט. עס קען גאַנץ גוט פאַרשטאַנען ווערן אלס דאָס נעגאַטיווע יאַדאַכעס.

נאַכמען ראַפּ („לעצטע נײַעס")

דאָס האָט זי געזאָגט...

אַ לערערין אין טעל־אָוויוו פרעגט די קינדער פונעם ערשטן קלאַס:

— ווער איז געווען די מוטער פון מוישע ראַבייני?

— פאַרעס טאָכטער, — ענטפערט איינער פון זיי.

— וואָס הייסט? צי ווייסטו ניט, אַז פאַרעס טאָכטער האָט בלויז געפונען מוישען אין דער טײַווע אין טײַך און האָט אים פון דאָרט אַרויסגעצויגן?

— דאָס האָט זי אזוי געזאָגט, — ענטפערט דער שילער.

די וויצן זײַנען גענומען פון דער ייִסראָעלדיקער פּרעסע

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

דאָבין, שימען (1869 — 1944)

— געזעלשאפטלעכער טוער, פובליציסט, פעדאגאָג. ביז דער רעוואָליוציע גענומען אן אָנטייל אין דער באוועגונג פון די ייִדישע קלייןבירגערלעכע נאציאָנאליסטישע פארטייען („בונד" און אנד.). אין 1907 געווען ארעסטירט און פארשיקט אין דער ארכאנגעלסקער געגנט. איבערן שווערן געזונטצושטאנד איז אים אין 1908 דערלויבט געוואָרן ארויספאָרן קיין אויסלאנד זיך צו היילן. דאָרט ארבעט ער אינטענסיוו אין דער פובליציסטיק און שליסט באקאנטשאפט מיט אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער, דערונטער מיט שאָלעם־אלייכעמען, מיט וועלכן ער האָט געהאט פרײַנטלעכע באציִונגען.

ש. דאָבין איז געווען דער גרינדער פון דער ייִדישער אומלעגאלער וועלטלעכער שול אין קיִעוו (אף דעמיִעווקע). נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ער גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין דער בויונג פון דער נײַער סאָוועטישער קולטור. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער „קולטור־ליגע" אין קיִעוו, וועלכע האָט אנטוויקלט א ברייטע קולטור־ארבעט (פארלעגערישע, וויסנשאפטלעכע, פעדאגאָגישע); ער האָט רעדאגירט ביכער, געלייענט לעקציעס אין די ייִדישע סאָוועטישע מיטלשולן און הויכשולן, געווען א מיטגליד פונעם צענטראל־ראט פון „געזערד", מיטגעארבעט אין דער קאטעדרע פון ייִדישער קולטור בא דער אלוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

ווערק: זאמלבוך „צום אָנדענק פון שאָלעם־אלייכעמען", פעטראָגראד, 1917; „שאָלעם־אלייכעם, ווי איך האָב אים געקענט" — „סאָוועטיש", ליטערארישער אלמאנאך, מאָסקווע, 1941.

ביבליִאָגראפיע: ז. רייזען, „לעקסיקאָן", ב. 1, ז. 750 — 756.

דאָברושין, יעכעזקל (1883 — 1953)

— קריטיקער, ליטעראטור־ און טעאטער־פאָרשער, דיכטער, דראמאטורג. געבוירן אין דאָרף מוטין (טשערניגאָווער גוב.) אין דער פאמיליע פון א וואלד־סוחר. געלערנט בא פריוואטע לערער העברעיִשע און רוסישע שפראך און ליטעראטור. אין 1902 ארויסגעפאָרן קיין אויסלאנד און פאָרגעזעצט זײַן בילדונג אין דער פארישער סאָרבאָנע. אין 1909 זיך אומגעקערט אהיים און קראנק געוואָרן מיט אן ערנסטער קראנקײַט אף א פוס, וועלכע האָט אים צוגעבונדן צו בעט ביז 1912. אין 1916 באזעצט ער זיך אין קיִעוו.

זײַן ליטערארישע טעטיקײַט האָט דאָברושין אָנגעהויבן נאָך ביז דער רעוואָליוציע אין העברעיִש (אין „הצפירה") און אין ייִדיש (אין „וואָכנבלאט"). נאָך דער רעוואָליוציע האָט ער אנטוויקלט א ברייטע שעפערישע טעטיקײַט אין געביט פון ליטעראטור, טעאטער, פעדאגאָגיק. ער האָט אָנטייל־גענומען אין ארויסגעבן און רעדאגירן די אויסגאבעס פונעם פארלאג „קולטור־ליגע", די קינדער־זשורנאלן „קלינג־קלאנג" (1923), „פיִאָנער" (1927 — 1928), די זאמלביכער „אייגנס" (1918 — 1920), „אופגאנג" (1919), „ביכער־וועלט" (1919), „שטראָם" (1922 — 1923), דעם אלמאנאך „סאָוועטיש" (1934 — 1941), די צײַטונג „אייניקייט" און א ריי אנדערע אויסגאבעס.

דאָברושין האָט געלייענט לעקציעס וועגן ייִדישער ליטעראטור און טעאטער אין מײַרעוו־אוניווערסיטעט, אין דער סאָציִאלער אקאדעמיע פאר דערציִונג, אינעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאטער, אין דער טעאטער־סטודיע פון דער קולטור־ליגע, אין דער ייִדישער אָפטיילונג פונעם מאָסקווער פעדאגאָגישן אינסטיטוט אף לענינס נאָמען. באדײַטנדיק איז געווען דאָברושינס טעטיקײַט אין געביט פון טעאטער. ער איז געווען דער ליטערארישער לייטער פונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאטער און האָט פאר אָט דעם טעאטער אינסצענירט ווערק פון מענדעלע, שאָלעם־אלייכעם, גאָלדפאדן („מאסאָעס ביניאָמין הא־שלישי", „דרײַ פינטעלעך", „די קישעפמאכערן", „דאָס צענטע געבאָט", „מענאכעם־מענדל", „טעוויע דער מילכיקער" און אנד.).

דאָברושין האָט אויך אקטיוו זיך באטייליקט אין געזעלשאפטלעכן לעבן און אין דער ליטערארישער באוועגונג. ער איז געווען א מיטגליד פונעם ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע. פאר זײַן פרוכטבארער שעפערישער ארבעט איז ער דעם 31 מארט 1939, צוזאמען מיט א גאנצער גרופּע סאָוועטישע שרײַבער, באלוינט געוואָרן פון דער רעגירונג מיטן אָרדען „ערן־צייכן".

ווערק: „בענקנדע נעשאָמעס", זאמלונג פון לידער, איינאקטערס, בילדער. ווילנע, 1912; „עסטערקע", קיִעוו, 1914; „ווען געפילן וואכן", דראמע, ווילנע, 1914; „אין גאָרטן", קינדער־פיעסע, פעטערבורג, 1916; „א מײַסע מיט א כאָלעם", קינדער־פיעסע (צוזאמען מיט דאָוויד האָפשטיין), קיִעוו, 1919; „פארנאכטן", לידער, קיִעוו,

1921; „א זון מיט א רעגן", קינ־
דער־לידער, ווילנע, 1921; „אלעק־
סאנדער בלאָק", עטיוד, קיִעוו,
1921; „גאָט דער פּײַער", יוגנט־
פלאקאט אין דרײַ בילדער, מאָסק־
ווע, 1922; „גועדאַנקענגאַנג", קיִעוו,
1922; „ארום א בײַדל", אגראָ־פּיע־
סע אין צוויי בילדער, מאָסקווע,
1928; „פאר דער בינע", דערציי־
לונגען, פּיעסן, לידער (צוזאמען
מיט ב. אָליעווסקי), מאָסקווע, 1929;
„פריידעלע", קינדער־פּיעסע אין 3
אקטן, כאַרקאָוו, 1937; שאָלעם־
אלייכעמס דראמאטורגיע", סעפּאַ־
ראט־אָפּדרוק פון „צײַטשריפט", ב.
2־3, מינסק, 1929; „דער געריכט
גייט", קאָמעדיע אין 3 אקטן,
מינסק, 1930; „אפן 62־טן", פּיעסע
אין 3 אקטן, מינסק, 1931; „קינ־
דער־טעאטער", מינסק, 1931; „אין
איבערבוי". ליטעראריש־קריטישע
ארטיקלען, מאָסקווע, 1932; „קאָל־
ווירטישער טעאטער", איינאקטערס
און סקעטשן, מאָסקווע, 1932;
„קאָלווירטישע קינדער", פּארציי־
כענונגען, מאָסקווע, 1932; „סאָוועט־
טישע דיכטונג", מאָסקווע, 1935;
„פּיעסן", מאָסקווע, 1937; „ביניאַ־
מין זוסקין", מאָסקווע, 1939; „מיר־
כאָעלס דער אקטיאָר", מאָסקווע,
1940; „אונדזערע מענטשן", פּאר־
צייכענונגען, מאָסקווע, 1942; „היי־
סע הערצער", פּאַרצייכענונגען,
מאָסקווע, 1943; „דאַוויד בערגעל־
סאָן", מאָסקווע, 1947; „די דראַ־
מאטורגיע פון די קלאַסיקער",
מאָסקווע, 1948.

ביבליאָגראַפיע. ז. רייזען —
„לעקסיקאָן", ב. 1, ז. 655; ז. זיל־
בערצווײַג — „לעקסיקאָן פון
יידישן טעאטער", ב. 1, זז. 537 —
538; „לעקסיקאָן פון דער נײַער
יידישער ליטעראטור", ב. 2, זז.
431 — 434; „קורצע ליטעראַרישע
ענציקלאָפּעדיע" (קלע), ב. 2, ז.
724, מאָסקווע, 1964; מ. ליטוואַ־
קאָוו — פינף יאָר מעלוכישער
יידיישער קאמער־טעאטער, מאָסק־
ווע, 1924; י. ליובאָמירסקי — „דער
רעוואָלוציאָנערער טעאטער",
מאָסקווע, 1926; א. אבטשוק —
„עטיודן און מאטעריאַלן צו דער
געשיכטע פון דער ליטעראַטור־
באוועגונג אין פּססר", כאַרקאָוו,
1934; ה. רעמעניק — „י. דאָברו־
שין", זשורנאל „יידישע שריפטן",
נומ. 9 (172) און 10 (173), ווארשע, אָקטיאבער, 1961; ה. רעמע־
ניק — „עטיודן וועגן קריטיק און
קריטיקער", זשורנאל „סאָוועטיש
היימלאַנד", נומ. 12, מאָסקווע,
1973.

דאָברינקי, אווראָם (1888)

— ליטעראַטור־קריטיקער. גע־
בוירן אין בערדיטשעוו. געארבעט
אלס בוכהאלטער. אָנגעהויבן זיך
דרוקן אין 1941. דעביוטירט מיט
אן ארטיקל וועגן שיפרע כאַלאַ־
דענקאָס שאפונג אין זשורנאל
„סאָוועטישע ליטעראַטור" (נומ.
1, 1941). אין דער ווארשעווער
צײַטונג „פאָלקס־שטימע" (נומ.
167, 1947) פאַרעפנטלעכט אן אר־
טיקל וועגן דער דיכטונג פון
ש. דריז. דאָרטן פובליקירט אויך
אן ארטיקל וועגן 60־יאָריקן גע־
בורטסטאָג פון ד. בראָמבערג
(1976). אין זשורנאל „סאָוועטיש
היימלאַנד" האָט דאָברינקי פאַר־
עפנטלעכט אן ארבעט „די יידי־
שע דיכטונג אין דער פּרעסע פון
די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן"
(נומ. 6, 1962), א מיטיילונג וועגן
נויעך לוריעס ערשטע שאפונגען
(נומ. 2, 1969), אן ארטיקל „וועגן
מייער אלבערטאָנס שאפונג" (נומ.
8, 1975).

דאָלגאָפּאָלסקי, צאַדעק (1879 — 1959)

— בעלעטריסט, דראמאטורג. גע־
בוירן אין שטעטל האַראַדאָק
(ווײַסרוסלאנד) בא אָרעמע על־
טערן. גאָר יונג אָנגעהויבן
ארבעטן אלס בערשטלמאכער און
גענומען אן אנטייל אין דער אר־
בעטער־באוועגונג. אין יאָר 1909
גיט ער אָפּ עקזאמען אף פאָלקס־
לערער און הייבט אָן ארבעטן אין
געביט פון בילדונג. דאָלגאָפּאָלסקי
האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין 1898
און איז ארויסגעטראָטן אין די
יידישע צײַטונגען און זשורנאלן
מיט קאָרעספּאָנדענציעס און רע־
פּאַרטאַזשן איבער פאַרשיידענע
פראגן פונעם ארבעטער־לעבן און
פון דער פּראָפבאוועגונג. נאָך דער
אָקטיאבער־רעוואָליוציע טרעט ער
ארויס מיט א ריי ראָמאנען, דער־
ציילונגען און פּיעסן, אין וועלכע
עס ווערן אָפּגעשפּיגלט די ענדע־
רונגען אין דער יידישער סוויווע
אין די נײַע סאָוועטישע באדינגונ־
גען: דאָס אופגעוואכטע שטעטל,
די אנטשטייונג פון א נײַעם סאָ־
ציאלן שטייגער. דאָלגאָפּאָלסקי
האָט איבערגעזעצט אף יידיש
„זעקס געקליבענע קאָמעדיעס" פון
אלעקסיי ארבוזאָוו.

ווערק: „אף דער לינקער זײַט",
דערציילונגען, מינסק, 1928; „בא
געעפנטע טויערן", ראָמאן אין 2
טיילן, מינסק, 1928 (2־טע אופ־
לאגע — מאָסקווע — כאַרקאָוו —
מינסק, 1931); „מאשינען־גע־
ראנגל", פּיעסע אין 3 אקטן,
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק,
1930; „אף סאָוועטישער ערד",
נאָוועלן, מאָסקווע — כאַרקאָוו —
מינסק, 1931; „ביז דעם לעצטן",
פּיעסע אין 8 בילדער, מאָסקווע —
כאַרקאָוו — מינסק, 1931; „מיט
מײַן פען אין האנט", לידער,
מינסק, 1932; „זײַד", ראָמאן,
מינסק, 1933; „קאָלווירטישער
טריוואָקס", איינאקטער, מינסק,
1933; „אגיט־פּאָיעזד", דערציילונג,
מינסק, 1935; „געקליבענע נאָ־
וועלן", מינסק, 1936.

ביבליאָגראַפיע: ב. אָרשאנסקי —
„די יידישע ליטעראטור אין
ווײַסרוסלאנד נאָך דער רעוואָליו־
ציע", מאָסקווע — כאַרקאָוו —
מינסק, 1931; מ. וויטקין — „אף
סאָוועטישער ערד", זשורנאל
„שטערן", נומ. 9, 1933; מ. מיזשי־
ריצקי, זשורנאל „די רויטע וועלט",
נומ. 9 — 10, 1931; זשורנאל „סאָ־
וועטיש היימלאַנד", נומ. 4, 1964.

■ ■ ■

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

לעוו טאָלסטאָי (1828 — 1910)

איינעם א פויער האָט זיך פאַרוואָלט עסן[1], האָט ער געקויפט א קוילעטש (כאַלע)[2] און האָט אופגעגעסן; אים האָט זיך נאָך אַלץ[3] געוואָלט עסן. האָט ער געקויפט נאָך[4] א קוילעטש און האָט אופגעגעסן. אים האָט זיך אָבער[5] נאָך אַלץ געוואָלט עסן, האָט ער געקויפט א דריטן קוילעטש, אים אופגעגעסן, אָבער אים האָט זיך נאָך אַלץ געוואָלט עסן. האָט ער געקויפט א בייגל[6], און אַז ער האָט אים אופגעגעסן, איז ער געוואָרן זאַט[7].

דעמלט[8] האָט דער פויער זיך א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ און האָט געזאָגט:

— סאַראַ נאַר איך בין[9]. וואָס האָב איך דאָס אומזיסט (אָן א נוצן)[10] אופגעגעסן אַזויפיל[11] קוילעטשן? איך האָב לעכאַטכילע געדאַרפט[12] אופעסן א בייגל.

א פאָטער און זין[13]

א פאָטער האָט געזאָגט[14] די זין, זיי זאָלן גוט לעבן צווישן זיך[15]; זיי האָבן ניט געפאָלגט[16]. האָט ער געהייסן ברענגען א בעזעם[17] און זאָגט:

— צעברעכט![18]

זיי האָבן זיך געמאַטערט[19] און ניט געקאָנט צעברעכן. האָט דער פאָטער פאַנאַנדערגעבונדן[20] דעם בעזעם און געהייסן ברעכן די ריטער איינציקווייז[21]. האָבן זיי גרינג צעבראָכן די ריטער. זאָגט דער פאָטער:

— אַזוי וועט זײַן אויך מיט אײַך[22]. וועט איר לעבן צווישן זיך בעשאָלעם[23], וועט קיינער אײַך ניט בײַקומען[24]. אויב אָבער איר וועט זיך קריגן[25], וועט איטלעכער אײַך לײַכט אומברענגען[26].

די פלעדערמויז[27]

אַמאָליקע צײַטן איז געווען א מילכאָמע צווישן די חײַעס און אויפעס (פויגלען)[28]. די פלעדערמויז איז ניט צוגעשטאַנען ניט צו די, ניט צו יענע[29] און האָט אַלץ אויסגעוואַרט, ווער וועט זיגן[30]. צוערשט[31] האָבן די אויפעס געגעבן קלעפּ די חײַעס. איז די פלעדערמויז צוגעשטאַנען צו די אויפעס, אומגעפליגן[32] מיט זיי און האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַן אָף (פויגל)[33]. דערנאָך אָבער[34], אַז די חײַעס האָבן אָנגעהויבן בײַקומען, האָט די פלעדערמויז זיך איבערגעגעבן[35] צו די חײַעס. זי האָט זיי געוויזן אירע ציינער[36], אירע לאַפּעס און ציצקעס[37] און האָט פאַרזיכערט[38], אַז זי איז א חײַע און האָט ליב חײַעס[39]. צולעצט[40] האָבן דאָך[41] די אויפעס געזיגט. די פלעדערמויז האָט זיך ווידער איבערגעגעבן צו די אויפעס, נאָר זיי האָבן זי פאַרטריבן[42]. צו די חײַעס האָט זי שוין ניט געקאָנט צושטיין[43]. פון דעמלט אָן[44] לעבט די פלעדערמויז אין קעלערס, אין בוימלעכער[45], פליט אום נאָר פאַרנאַכט[46] און שטייט ניט צו ניט צו חײַעס און ניט צו אויפעס.

פון טאָלסטאָיס מעשאָלים און מײַסעס פאַר קינדער

די קראָ[47]

איינמאָל האָט א קראָ דערזען[48], אַז א טויב[49] גייט שענער פון אַלע[50] אויפעס. האָט זי אָנגעהויבן נאָכמאַכן[51] דער טויבס גאַנג[52]. ס׳איז איר אָבער דאָס אָנגעקומען זייער שווער[53], און די אויפעס האָבן פון איר געלאַכט[54]. האָט זיך די קראָ פאַרשעמט[55] און באַשלאָסן זיך אומקערן צו איר פריִערדיקן גאַנג[56]. זי האָט שוין אָבער ניט געקאָנט[57]: זי האָט אים פאַרגעסן[58]. איר האָט זיך ניט אײַנגעגעבן[59] ניט איר פריִערדיקער גאַנג, ניט דער טויבס.

פון דער אַלטהעברעיִשער ליטעראַטור

Перевод: 1) одному крестьянину (мужику) захотелось есть; 2) купил калач (белый хлеб); 3) все еще; 4) еще; 5) но; 6) баранку; 7) сыт; 8) тогда; 9) экой (какой) я дурак!; 10) напрасно (зря); 11) столько; 12) сначала должен был; 13) отец и сыновья; 14) приказывал (сказал); 15) чтобы жили в согласии; 16) не слушались; 17) велел принести веник; 18) сломайте; 19) томились (мучились); 20) развязал; 21) ломать прутья поодиночке; 22) так-то и вы (так будет и с вами); 23) мирно, в согласии; 24) никто вас не одолеет (не победит); 25) но если вы будете ссориться; 26) вас всякий легко погубит (уничтожит); 27) летучая мышь; 28) в давнишние времена была война между зверями и птицами; 29) летучая мышь не пристала ни к тем, ни к другим; 30) всё выжидала, чья возьмёт (кто победит); 31) сначала; 32) летала; 33) называла себя птицей (выдавала себя); 34) но потом; 35) передалась; 36) ее зубы; 37) соски; 38) уверяла; 39) любит; 40) под конец; 41) всё-таки; 42) прогнали; 43) уже не могла пристать; 44) с тех пор; 45) в погребах, дуплах; 46) сумерками; 47) ворона; 48) однажды увидела; 49) голубь; 50) красивее всех; 51) подражать; 52) походка; 53) удавалось очень тяжело; 54) смеялись; 55) застыдилась; 56) решила вернуться к предыдущей походке; 57) не смогла; 58) забыла; 59) не удавалась.

שיקע דריז (1971—1908)

Овсей Дриз

דאָס אייזל און די בין[1]

זעקס אזייגער אינדערפרי[2]
נאָענט בא א וואלד[3]
האָט א בין געזאמלט האָניק[4]
און דערהערט א גוואלד[5].

— גוואלד! גוואלד! ראטעוועט![6]
טוט עפּעס מײַן בויך[7], —
האָט געגוואלדעוועט דאָס אייזל
מיטן גאנצן קוי׳ך [קויעך][8].

פרעגט דאָס ביִנעלע באם אייזל[9]:
— וואָס האָסטו געגעסן?[10]
עפּשער דארף מען טייקעף לייגן
ווארעמע קאָמפּרעסן?[11]

— גיי דיר, גיי, דו ליגנערטע[12],
גיי פונדאנען בעסער[13],
דו ביסט ווערט[14], מע זאָל דיך שינדן
מיט א שטומפּיק מעסער[15].

האָסט מיך דאָנערשטיק באגעגנט[16]
אויף דעם פעלד דעם ברייטן[17]
און מיך אײַנגערעדט[18], אז האָניק
מאכסטו גאָר פון קווייטן[19].

האָב איך נעכטן[20] אופגעגעסן
זיבן זעק מיט בלומען[21].
זעסטו כאָטשבי, וואָס עס האָט זיך
פון דערפון באקומען?[22]

האָט די בין זיך אופגעהויבן[23]
און אוועקגעפלויגן
פרישן האָניק זאמלען[24],
פרישע זאפטן זויגן[25].

און בא זיך האָט זי געטראכט[26]:
ניטאָ דאָ ווער ס׳זאָל לאכן[27].
גיי און טרעף[28], אז ס׳קען אן אייזל
פרוּוון האָניק מאכן[29].

Перевод: 1) осёл и пчела; 2) в шесть часов утра; 3) близко, около леса; 4) пчела собирала мёд; 5) и услыхала крик (гвалт); 6) спасайте; 7) помогите чем-нибудь моему животу; 8) орал осёл изо всех сил; 9) спрашивает пчелка у осла; 10) что ты ел; 11) может, следует сразу приложить тёплые компрессы; 12) ступай, ты врунья; 13) уйди лучше отсюда; 14) ты заслужила (ты достойна); 15) чтоб твою шкуру сдирали тупым ножом; 16) ты меня встретила в четверг; 17) на широком поле; 18) уговорила; 19) мёд ты делаешь из цветов; 20) вчера; 21) съел семь мешков цветов; 22) видишь хотя бы, что получилось; 23) поднялась; 24) свежий мёд собирать; 25) свежие соки сосать; 26) думала про себя; 27) некому смеяться; 28) угадай; 29) что осёл может пытаться делать мёд.

סובסטאנטיוון מיט סופיקסן, וואָס בילדן נעמען פון פרויען

1) ־טע: אוירעכ־טע[1], באלעבאָס־טע, גאנעוו־טע[2], כאווער־טע[3], ליגנער־טע, פּויער־טע[4], שאדכנ־טע;
2) ־ין: ארטיסט־ין, בעקער־ין[5], וועבער־ין[6], לערער־ין[7], פידלער־ין, שטעפער־ין, שערער־ין;
3) ־ניצע: קאָלווירט־ניצע, קעסט־ניצע, רעכילעס־ניצע, שלימאזל—שלימעזאל׳ניצע[8];
4) ־ע: זאָקן—זקיינע[9], מעכאשעף—מעכאשיי׳פע[10], כאָכעם—כאכאָ׳מע[11], שאָכן—שכיינע[12];
5) ־קע: ארטיסט־קע, בעקער־קע[5], לערער־קע[7], שאכמאטיסט־קע, שטיפער־קע, שנײַדער־קע.

אייניקע סובסטאנטיוון פון דער דאָזיקער גרופּע קומען אויך מיט די סופיקסן „־יכע, ־י׳ניע, ־ע׳סע". לעמאָשל: סענדער־יכע[13], שעד־יכע[14], טערק־יניע[15], קייסער־יניע[16], פּאָעט־עסע, פּרינצ־עסע.

בא אייניקע סובסטאנטיוון פון דער דאָזיקער גרופּע איז פאר דעם סופיקס „־טע" נאָך פאראן א טאווטאָלאָגישער[17] סופיקס „־עס". לעמאָשל: מעכוטן—מעכוטענעסטע[18], נאָגיד—נעגידעסטע[19].

צוגלײַך מיט די פאָרמעס „מעכאשייפע, שכיינע, קייסעריניע" זײַנען פאראן אויך די פאָרמעס „מע־כאשעפטע, שאָכנטע, קייסערטע".

מיט דעם סופיקס „־יכע" בילדעט מען אויך נעמען פאר דער „זי" פון אייניקע כײַעס. לעמאָשל: בער־יכע[20], האָזיכע[12], וואָלפיכע[22], לייב־יכע[23].

Перевод: 1) гость-я; 2) вор-овка; 3) товарищ—товарка; 4) крестьянин—крестьянка; 5) пекарь—женщина пекарь; 6) ткач-иха; 7) учитель-ница; 8) неудачник—неудачница; 9) старик—старуха; 10) волшебник, колдун—волшебница, колдунья; 11) умник—умница; 12) сосед-ка; 13) собств. имена; 14) черт-овка (чертиха); 15) турок—турчанка; 16) царь—царица; 17) тождественный, тавтологический; 18 сbooть-я; 19) богач-ка; 20) медведь—медведица; 21) заяц—зайчиха; 22) волк—волчица; 23) лев—львица.

איינצאָל און מערצאָל

מענלעכער מין: דער פּויער־ים, קוילעטש־ן, בייגל־, קאָפּ—קעפּ, נאר—נאראָנים, פּאָטער־ס, זין—זין, בעזעמ־ער, פויגל־ען, פייגל, צאָן—ציין, ציינער, קעלער־ס, גאנג—גענג, וואלד—וועלדער, האָניק־, גוואלד־ן, בויך—בײַכער, קויעך—קויכעס, קאָמפּרעס־ן, ליגנער־ס, זאק—זעק, זאפט־ן, אוירעך—אָרכים, באלעבאָס—באלעבאטים, גאנעוו—גאנאָווים, כאווער—כאוויירים, פּויער־ים, שאדכן—שאדכאָנים, ארטיסט־ן, בעקער־ס, פידלער־ס, שלימאזל־ס, זאָקן—זקיינים, מעכאשעף—מעכאשפים, כאָכעם—כאכאָמים, שאָכן—שכיינים, מעכוטן—מעכוטאָנים, נאָגיד—נעגידים, בער־ן, האָז־ן, וואָלף—וועלף, לייב־ן;

ווײַבלעכער מין: די פלעדערמויז — פלעדערמײַז, כײַע־ס, לאפּע־ס, ציצקע־ס, קראָ־ען, טויב־ן, בינ־ען, ליגנערטע־ס, קווייט־ן, בלומ־ען, אוירעכטע־ס, באלעבאָסטע־ס, כאווערטע־ס, פּויערטע־ס, ארטיסטנ־ס, בעקערנ־ס, לערערנ־ס, פידלערנ־ס, קאָלווירטניצע־ס, קעסטניצע־ס, רעכילעסניצע־ס, זקיינע־ס, כאכאָמע־ס, שכיינע־ס, מעכוטענעסטע־ס.

זאכלעכער (נייטראלער) מין: דאָס אָפּ אויפּעס, אייזל־ען, בינעלע־ך, פעלד־ער.

אינפיניטיוון און פאַרטיציפּן

גרונטיקע ווערבן: קויפן—געקויפט, זאָגן—געזאָגט, לעבן—געלעבט, פאָלגן—געפאָלגט, הייסן—געהייסן, ברענגען—געבראַכט, קאָנען—געקאָנט, זײַן—געווען, זיגן—געזיגט, געבן—געגעבן, לאַכן—געלאַכט, זאמלען—געזאמלט, ראַטעווען—געראַטעוועט, פרעגן—געפרעגט, לייגן—געלייגט, שינדן—געשונדן, מאַכן—געמאַכט, זויגן—געזויגן, טרעפן—געטראָפן, פּרוּוון—געפּרוּווט;

ווערבן מיט פּרעפיקסן: צעברעכן—צעבראָכן, פאַרזיכערן—פאַרזיכערט, פאַרטרײַבן—פאַרטריבן, דערזען—דערזען, באַשליסן—באַשלאָסן, פאַרגעסן—פאַרגעסן, דערהערן—דערהערט, באַגעגענען—באַגעגנט, באַקומען—באַקומען, פאַרשעמען (זיך)—פאַרשעמט (זיך).

ווערבן מיט צוגאָבן: אופעסן—אופגעגעסן, פאַנאַנדערבינדן—פאַנאַנדערגעבונדן, בײַקומען—בײַגעקומען, אומברענגען—אומגעבראַכט, צושטיין—צוגעשטאַנען, אויסוואַרטן—אויסגעוואַרט, אומפליִען—אומגעפלויגן, אָנהייבן—אָנגעהויבן, איבערגעבן—איבערגעגעבן, נאָכמאַכן—נאָכגעמאַכט, אײַנריידן—אײַנגערעדט, אופהייבן—אופגעהויבן, אוועקפליִען—אוועקגעפלויגן, אָנגעבן (זיך)—אָנגעגעבן (זיך), אומקערן (זיך)—אומגעקערט (זיך).

קומען—באַקומען—בײַקומען—אומקומען: מיר זײַנען געקומען אין טעאַטער. מיר האָבן באַקומען די פאָטאָגראַפיעס. די כײַעס האָבן אָנגעהויבן בײַקומען. וועט איר לעבן צווישן זיך בעשאָלעם, וועט קיינער אײַך ניט בײַקומען. וועט איר זיך קריגן, וועט איר אומקומען (איטלעכער וועט אײַך אומברענגען).

שטיין—צושטיין—אופשטיין—פאַרשטיין: די פלעדערמײַז שטייען און וואַרטן אויס, ווער וועט זיגן. זיי זײַנען צוגעשטאַנען צו די כײַעס, זיי האָבן געפּרוּווט צושטיין צו די אויפעס. די קינדער דאַרפן הײַנט אופשטיין זעקס אַזייגער אינדערפרי. זיי שטייען און פאַרשטייען ניט, וואָס דער פאָטער רעדט צו זיי, וואָס ווילער פון זיי.

ברענגען—אומברענגען—פאַרברענגען: די קינדער האָבן געבראַכט בעזעמער און האָבן מיט זיי פאַרטריבן די הינט. די קינדער האָבן אויך אומגעבראַכט די קאָמאַרן און די בינען. זיי האָבן גוט פאַרבראַכט די צײַט אין פעלד און אין וואַלד.

מאַכסטו = דו מאַכסט; זעסטו = דו זעסט; גייסטו = דו גייסט; ווען שטייסטו אוף? און ווען לייגסטו זיך שלאָפן? וואָס דאַרפסטו הײַנט מאַכן? ס'איז גרינג צי שווער?

די ווערבן „באַקומען, פאַרגעסן" זײַנען אי אינפיניטיוון, אי פאַרטיציפּן: מיר וועלן באַקומען און פאַרגעסן; מיר האָבן באַקומען און פאַרגעסן. אויך אין קעגנוואַרט (די איצטיקע צײַט) בא „מיר" און „זיי" וועט זײַן: באַקומען, פאַרגעסן.

דער ווערב „דערזען" איז אי אַן אינפיניטיוו, אי א פאַרטיציפּ, אָבער אין קעגנוואַרט בא „מיר" און „זיי" וועט זײַן: דערזעען.

בא ווערבן מיט צוגאָבן זײַנען די צוגאָבן אין קעגנוואַרט נאָך די גרונטיקע טיילן פון די ווערבן. לעמאָשל: אופעסן—איכ עס אוף; פאַנאַנדערבינדן—איך בינד פאַנאַנדער; בײַקומען—איך קום בײַ; אומברענגען—איך ברענג אום, איך ברענג זיי אום, איך ברענג זיי באַלד אום. צושטיין—די פלעדערמויז שטייט צו, זי וועט (פלעגט) צושטיין, זי איז צוגעשטאַנען.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

בראַניק

נײַס פון אויסלאַנד

א זאמלונג פון ייִדישן פאָלקלאָר

די פעדעראַציע פון די ייִדישע געמיינדעס אין יוגאָסלאַוויע האָט אַרויסגעגעבן א זאמלונג פון פאָלקלאָר, אין וועלכער עס גייען אַרײַן 1100 ייִדישע פאָלקס־ווערטלעך, אָפּשטאַמיקע דעריקער פון באָסניִע און הערצעגאָווינע.

עקספּאָנאַטן אינעם אײַזנשטאַטער מוזיי

אין אײַזנשטאַט (עסטרײַך) ווערט אף דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער געטאָ, אינעם אַזויגערופענעם ווערטהיימער־הויז, געעפנט א ייִדישער מוזיי מיט 250 עקספּאָנאַטן, וואָס האָבן ביז אהער זיך געפונען אין רעשוס פונעם דאָרטיקן שטאָט־ראַט, און מיט בערעך 200 אַנדערע עקספּאָנאַטן, אַריבערגעפירטע פון דעם ווינער נאַציאָנאַלן מוזיי.

רעסטאַווראַציִע פון א סינאַגאָגע פון XIII יאָרהונדערט

אין סאָף 1968 האָט אַן אונגאַרישער היסטאָריקער אַנטדעקט אין ייִשעוו שאָפּראָן די עלטסטע סינאַגאָגע אין אונגאַרן, וועלכע איז געבויט געוואָרן אין XIII יאָרהונדערט אין גאָטישן סטיל.

די אוניקאַלע געבײַדע, וואָס איז איצט רעסטאַווירט געוואָרן, שטעלט מיט זיך פאָר א ווערטפולן היסטאָרישן דענקמאָל, ענלעך צו דער „אַלט־נײַשול" אין פּראָג — דער עלטסטער סינאַגאָגע אין אייראָפּע.

א נײַער ייִוואָ־ביולעטען

עס איז דערשינען א נײַער ביולעטען פונעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק, וועלכער אַנטהאַלט א ריי פאָרשערישע אַרבעטן וועגן דעם לעבן פון ייִדן אין אייראָפּע אין XVIII — XIX י. ה.

צווישן אַנדערע איז אין דער אויסגאַבע אײַנגעשלאָסן אַן אַרטיקל פונעם היסטאָריקער מ. בערנשטיין וועגן דעם ייִדישן דרוקוועזן אין אוקראַיִנע, ש. לעווינשטיינס אַן אַרבעט, געווידמעט דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער דראַמאַטורגיע, און י. קאַראָס א באַשרײַבונג פון די ייִדישע האַנטווערקער־צעכן אין מאָראַוויע. עס ווערן דאָ אויך געבראַכט אָנגאַבן וועגן דעם אַרכיוו פון דער ייִדישער געמיינדע אין מעץ.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 7.II.1977 г. Подписано к печати 18.III.1977 г. Формат 70×108 $^1/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 12+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 17,16). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1130.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1977 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 4

1977

В НОМЕРЕ:

Наши современники. М. Немировский. Моя жизнь. (Автобиографический очерк).
М. Талалаевский. Материнская книга. Роман. (продолжение).
Стихи А. Вергелиса, Г. Глика, Г. Блоштейна.
Б. Гальперин. Два рассказа.
Григорий Рошаль. Песнь Марьям (пьеса).
Е. Решетникова. Встреча редакции и авторов журнала «Советиш геймланд» с читателями в филиале библиотеки им. Н. А. Некрасова.
Литературная критика. У. Гуральник. Единство народов и культур.
Короткие рецензии.

Л. Дадиани. Подрывные действия сионистов против международного коммунистического движения.
Комментарии редакции. Листая журналы и газеты. Хроника.
Материалы для лексикона еврейской советской литературы.
Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.